STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08918

TSVAYGN

Solomon Simon

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ מתנה מיין טייערן חבר, ידיד נפש,
ד״ר אשר בן אברהם לייבסון (בן חי)
מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיין
איבערגעגעבנקייט.

שלמה סיימאַן

צווייגן

פאַרלאַג "יידבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1960

כּוּך

40

שלמה סיימאָן

צוויגן

אינהאַלט

קאַפּיטל 1 אויפן פּאַראַכאַד — 9

קאַפּיטל 2 וואָס וועט די וועלט זאָגן — 20

קאַפּיטל 3 בריוו — 37

קאַפּיטל 4 אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט — 55

קאַפּיטל 5 די קאָרטנוואַרפערקע — 76

קאַפּיטל 6 דאָס ליכט פון תורה — 92

קאַפּיטל 7 אומרו — 102

קאַפּיטל 8 פּערפּעטום מאָבילע — 110

קאַפּיטל 9 די ווענט שפּאַלטן זיך — 133

קאַפּיטל 10 צוריק אַהיים — 151

קאַפּיטל 11 פאַר לידע — 182

קאַפּיטל 12 לידע — 195

קאַפּיטל 13 פאַר ראַדין — 223

קאַפּיטל 14 ראַדין — 248

קאַפּיטל 15 יידישע אַפּיקורסים — 278

קאַפּיטל 16 צוריק אין שטעטל — 298

קאַפּיטל 17 יוגנט־פרייד און געוואַנג — 352

קאַפּיטל 18 איבערן גרעניץ — 363

קאַפּיטל 1

אויפן פּאַראַכאָד

עס זענען שוין אַריבער קאַרגע פופציק יאָר זינט שמעונס נסיעה מיט דעם פּאַראַכאָד אין דער ישיבה. פינף טעג און פיר נעכט איז ער געפאָרן אַראָפּ וואַסער פון מאָזיר קיין קרעמענטשוג. בלויז עטלעכע געציילטע קלייניקייטן שטייען פאַר אים לעבעדיק און בולט.

פון יענער נסיעה זענען געבליבן ביי אים אין זכרון אַ פויערן־פּאָרפאָלק, דער האָפּן אין קיִעוו און אַ זשאַנדאַרם־אָפיצער און דער אַריינפאָר אין דער ישיבה.

***

זלמן הומאַן האָט אַרויפגעפירט שמעונען אויפן פּאַראַכאָד, געפונען פאַר אים אַ ווינקל צווישן צוויי קאַיוטעס, אַוועקגעשטעלט דעם ייִנגלס קעסטל האַרט ביי דער וואַנט און אָנגעזאָגט שמעונען מיט „סורעווען" (האַרבן) וואָרט:

— געדענק, שמעונקע, אויפן פּאַראַכאָד פאָרן טאַקע שיינע סוחרים, פיינע לייט מיט ברייטע קעשענעס און ערלעכע אָרעמע מענטשן, אָבער עס פאָרן אויך גענוג מאַשעניקעס (אַפּנאַרערס), קעשעניקעס, בייטל־שניידער, די אמתע לקחערס! איז היט זיך, נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון דיין קעסטל. מיין נישט, אַז יעדער איינער וואָס טראָגט אַ באָרד איז אַ צדיק. אין דער גמרא איז נישטאָ מסתמא קיין אָנזאָג: האַלט מיך פאַר אַ רב און היט מיך ווי אַ גנב. גמראניקעס גלייבן דאָך אַלעמען.

— ס'איז דאָ אַזאַ מאמר, — האָט שמעון געענטפערט. — עס שטייט כבדהו וחשדהו — גיב אים אָפּ כבוד אָבער זיי אים חושד.

— נו, וויבאַלד אַז עס איז דאָ אַזאַ מאמר, וועסטו שוין פאָלגן, — האָט זלמן געענטפערט האַלב שפּאַסיק און האַלב ערנסט.

עס האָט זיך דערהערט דער לעצטער פּייף.

דאָס װינקל װאָס זלמן האָט אױסגעקליבן פאַר שמעונען איז געװען זײער אַ באַקװעמער אָרט. איבערן ייִנגלס קאָפּ איז געװען אַ קײַלעכדיק פענצטערל, װאָס האָט באַלויכטן דאָס װינקל. אױך האָט דאָס ייִנגל געקענט אַרױסקוקן צום װאַסער און צו דעם פאַרביילױפנדיקן ברעג. װען שמעון האָט זיך געזעצט אױפן קעסטל און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר, האָט אים קײנער נישט געשטערט אָדער באַאומרויִקט.

פונקט אַנטקעגן, אױך צװישן די צװײ קאַיוטעס האָט זיך באַזעצט אַ פּױערן־פּאָרפּאָלק, עלטערע מענטשן. דער פּױער אַ יאָר זעכציק מיט אַ גראָער באָרד, װאָס האָט נאָך געהאַט רױטע פּאַסמעס, און אַ פּאָר ברױנע אױגן, רויִקע און מילדע. ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן פּױערשן שאָפענעם פעלץ, אַ פּאָר נײַע שטיװול און רײַנע לײַװנטענע הױזן. פון אונטער דעם נישט פאַרשפּילעטן פעלץ האָט זיך אַרױסגעזען אַ שײן אױסגעװעלגערט העמד, װאָס ער האָט גע־טראָגן איבער די הױזן, פּױער־מעסיק, פאַרשטײַפט מיט אַ ברײטן בלױען גאַרטל. די פּױערטע איז געװען אָנגעטאָן אין אַ בלױ געשטרײַפט קלײדל מיט אַ סך פאַלדן, אַ רױט קאָפּטל מיט קײַלעכדיקע גרױסע בלױע רעדלעך. אױף די פּיס הױכע שיך, געמאַכט פון גראָבן יוכט, מיט רעזינקעס בײַ די זײַטן. אױף די קנאָפּל פאַדקאָװעס װי אױף פּױערשע שטיװל. אױפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל, װאָס האָט געמיניעט מיט קאָלירן.

אַ שמאָלער קאָרידאָר, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, האָט אָפּגעטײלט שמעונען פון דעם פּױערן־פּאָרל. שמעון האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען זײַנע אױגן פון זײ. דער פּױער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ קלײן ביכעלע און מאָדנע פאַמעלעך, טײַטלענדיק מיטן צײַגפינגער האָט ער געלײענט די אָפּגעריבענע בלעטלעך. דאָס ייִנגל האָט קײנמאָל נישט געזען קײן פּױער אַרײַנקוקן אין אַ „ספר". ער האָט געקוקט אױף אים װי ער זיצט און לײענט פאַר זיך, און די פּױערטע זיצט לעבן אים אױף אַ קלומעק מיט אָפענע אױגן, װאָס קוקן אױף גאָרנישט, דאָס פּנים פאַרזױערט און בורטשעט אָפּט בײַז צום פּױער. דער פּױער ענטפערט איר אומגעדולדיק, עס פאַרדריסט אים װאָס זי שטערט אים. און דאָס ייִנגל האָט געטראַכט: װען דער פּױער זיצט נישט אָן אַ היטל און זײַנע האָר װאָלט ער נישט געטראָגן לאַנג װי אַלע פּױערים אונטערגעשױרן בײַם נאַקן און דער נאַקן אַ רײן אָפּגעגאָלטער, װאָלט ער אױסגעקוקט װי אַ ייִד, װאָס קוקט אַרײַן אין אַ ספר. װען ער שאָקלט זיך נאָך צו אַביסל, װאָלט ער געהאַט דעם אָנבליק פון אַ ייִד אַ זקן, אַ למדן פאַרטיפט אין לערנען. שמעון קוקט זיך צו צו דער פּױערטע, װאָס זיצט אַן אָנגעבלאָזענע, װי זי װאָלט געהאַט אַ גרימעניש אין בױך און ער טראַכט: דער פּױער האָט קענטיק אַ װײַב אַ שטיקל מרשעת.

װאָס בורטשעט און װאָרטשעט, אָט װי אַלע פֿרומע ייִדן, למדנים, װאָס זענען אױסגעטאָן פֿון דער װעלט.

אָבער װען דאָס פּאָרל האָט זיך געזעצט עסן, האָט שמעונען פֿאַרדראָסן, װאָס ער האָט אין זינען, געמאַכט דעם פֿאַרגלײַך. ס׳איז פֿאָרט אָן עם הדומה לחמור — אַ פֿאָלק װי בהמות אין פֿעלד. מילא, האָבן זײ זיך נישט געװאַשן, נישט געזאָגט קײן שאו ידיכם — האָבן זײ זיך איבערגעצלמט, װי זײער אמונה זאָגט אָן. אָבער דאָס עסן. דער פּויער האָט אַרויסגענומען אַ היפּשן קעשענע־מעסער און אָפּגעשניטן צװײ לוסטעס ברויט — איר אַ לוסטע און זיך אַ לוסטע. דערנאָך האָט ער מיט דעם זעלביקן מעסער אָפּגעשניטן צװײ פּענעצעס חזיר, איר אַ פּענעץ און זיך אַ פּענעץ. און זיצנדיק אײנער קעגן אַנדערן האָבן זײ גע־ביסן פֿון גאַנצער לוסטע ברויט גרױסע ביסנס און דערנאָך געגעבן קלײנע בײַ־סעלעך פֿון דעם פּענעץ חזיר. די הענט זענען בײַ זײ געװאָרן פֿעט; דעם פּויערס באָרד, אונטער דער אונטערשטער ליפּ, איז געװאָרן גלאַנציק; דער פּויערטעס פּנים האָט געקראָגן אַ צופֿרידענעם זשעדנעם אױסזען און אירע אױגן האָבן זיך צע־גלאַנצט װען זי האָט צוגעטראָגן דעם װײַסן פֿאַרגליװערטן פֿעטן חזיר צום מויל.

שמעונען האָט אָנגעהויבן איבלען. ער האָט זיך אױפֿגעשטעלט און אַרויס־געקוקט דורכן פֿענצטערל. דער פֿאַראַכאַד איז געגאַנגען נישט װײַט פֿון ברעג — אַ פֿלאַך שטיק לאַנד, דאָ און דאָרט אַ בוים אָדער אַ קופּקע װערבעס. שמעון האָט געזען װי דער טײַך־ברעג פֿאַרשװינדט, דרײט זיך און דער קאָפּ האָט זיך אים פֿאַרדרײט און עס האָט אים אָנגעהויבן שפּאַרן אונטערן לעפֿעלע. ער איז געשװינד אַװעקגעלאָפֿן צו דער אָפֿענער טיר פֿון פֿאַראַכאַד װאָס איז געװען פֿאַר־צױגן מיט אַ קײט איבער דער עפֿענונג. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט בײדע הענט אָן דער קײט און אויסגעבראָכן װאָס ער האָט געגעסן פֿאַר די לעצטע דרײַ טעג.

ער איז געקומען צוריק צו זײַן װינקל און זיך אַװעקגעזעצט אױפֿן קעסטל אַ דערשעפּטער. ביסלעכװײַז איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער קלײנער קאַרזינקע אַ „יוסיפון‟ און זיך אײַנגעגעסן מיט די אױגן אין דעם רש״י כתב. ער האַלט די אױגן אַראָפּגעלאָזט, צװינגט זיך נישט צו קוקן אױף דעם פּאָרל. ער קען זיך אָבער נישט אײַנהאַלטן און הײבט אױף די אױגן און כאַפּט אַ געגנבעטן קוק. דער פּויער איז געזעסן אַלײן. די פּויערטע איז ערגעץ־װו אַװעק. דאָס ייִנגל האָט געזען װי דער פּויער האַלט אָנגעשטעלט אױף אים די אױגן און קוקט אױף אים שאַרף. דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן — אפֿשר װײסט דער פּויער פֿאַרװאָס ער, שמעון, איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון זײַן װינקל. ער לאָזט אַראָפּ די אױגן און מאַכט זיך װי ער איז פֿאַרטיפֿט אין ספֿר. ער ברומט אונטער אַפֿילו אַ ניגון, אַלץ צו פֿאַרשטעלן זיך.

מיטאַמאָל האָט דאָס יינגל דערפילט ווי דער פויער שטייט איבער אים אין זיין גאַנצער הויך און קוקט אַריין אין ספרל, וואָס ביי שמעונען אין האַנט. דאָס יינגל הייבט אויף צעשראָקן די אויגן, אָבער דעם פויערס פנים איז מילד און די אויגן זיינע שמייכלען פאָטערלעך און ער גלעט די באָרד. ווידער לויפט דורך ביי שמעונען אַ געדאַנק, אַט פונקט ווי אַ ייד. דער פויער האָט אָנגעהויבן צו ריידן צו שמעונען. ער האָט גערעדט נישט רוסיש, נאָר ווייסרוסיש, וואָס שמעון האָט גוט פאַרשטאַנען:

— וואָס פאַר אַ נפשל ביסטו קליין יידעלע? זיצסט צוגעשמידט צו דיין קעסטל, ביסט גרין ווי אַ נאָדל־בוים, פאַרדאַרט, אויסגעמאַרעט ווי אַן אָרעמען פויערס קו אין אַ הונגער־יאָר. פאַרוואָס גייסטו נישט אַרויס אַביסל אויפן דעק פאַר לופט?

שמעון האָט געענטפערט אויף זיין צעבראָכענעם גויִיש:

— איך היט מיין קעסטל. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל עס היטן. עס פאָרן אַ סך מאַשעניקעס און גנבים אויפן פאַראַכאָד.

דער פויער האָט געענטפערט גוטמוטיק:

— נו טאַקע גוט וואָס דו היטסט דיין פאַרמעגן, אָבער וואָס האָסטו דאָרטן אַזוינס? בריליאַנטן, גאָלד? וואָס טוסטו דאָ אַליין אויפן פאַראַכאָד? וואָס פאַר אַ טאַטע־מאַמע האָסטו, וואָס האָבן דיך געשיקט אַזוי יונג האַנדלען?

— איר פאָר נישט האַנדלען, — האָט שמעון געענטפערט בייזלעך. — איך פאָר לערנען. אין קעסטל און קאָרזינקע זענען דאָ מיינע וועש, נאָך אַ פאָר הויזן און ספרים עטלעכע.

דער פויער האָט אַ שמוצער געטאָן:

— אַזוי גאָר? פאָרסט לערנען? דערפאַר שאָקלסטו זיך די גאַנצע צייט איבער די ביכער דיינע? גיב נאָר אַ קוק וואָס דו האַלטסט אין האַנט?

דער פויער האָט אַרויסגענומען דעם „יוסיפון" פון שמעונס האַנט, באַקוקט דאָס ספרל און געזאָגט מיט באַגייסטערונג און באַוווּנדערונג:

— אויפן אַלטן לשון, מיט אַזעלכע דראָבנע אותיותלעך. די אויגן אַרויסצונעמען. אָבער דאַך מיין איך, אַז די מענטשן פון אַלטן גלויבן האָבן שטאַרקע הערצער, אָדער נאָך אַ שטאַרקערע אמונה וואָס מאַכט זייער האַרץ האַרט. קוק נאָר דיך אָן! אַ הענדל, די שפּאָרן האָבן זיך נאָך ביי דיר נישט באַוויזן און שוין אים אַוועקגעלאָזן אין דער גרויסער וועלט אַריין. מען דאַרף האָבן אַ האַרט האַרץ אָדער אַ שטאַרקן גלויבן. וואָס טוט דיין טאַטע?

— אַ שוסטער.

— אַ שוסטערס אַ זון? — האָט דער פויער זיך נאָך מער געוווּנדערט. — ווילסט מסתמא זיין אַ ראַבין. אַ מאָדנע פאָלק די מענטשן פון „סטאַרי פּיסמאַ"

(פון אַלטן טעסטאַמענט). ביי זיי איז רעכט אַ שוסטערס אַ זון זאָל זיין אַ ראַ־בין. האָסט מסתמא גרויס חשק צום לערנען. זיצסט און שאָקלסט זיך. איך האָב דיך נאָכגעקוקט. עסט טרוקנס און בלענדסט די אויגן אויף אַזעלכע ווערטער פּינטעלעך. מסתמא אַלעמאָל אַזוי. ביסט הויט און ביינער. וואָלסט אַפילו קיין כוח נישט געהאַט אויפצוהייבן אַ סערפּ. האָט מען דיר כאָטש געגעבן אויפן וועג אַ פּאָר ציגעלעך צוקער צו דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַביסל געקאָכט וואַסער?

— איך האָב צוקער.

— נו, איז גוט, — האָט דער פּויער געזאָגט צופרידן. — באַלד וועט מיין באַבע ברענגען אַ קאָכעדיקן טשייניק וואַסער, וועלן מיר אַריינשיטן אַביסל סענץ, וועסטו האָבן אַ גלאָז טיי. מעגסט עס טאָקע טרינקען פּאַרזיסט. האָסט אַ קופּליק אָדער אַ גלאָז?

— איך האָב אַ קענדל, — האָט שמעון געענטפערט, — אָבער איך קען נישט נעמען קיין טיי פון אייער טשייניק. נישט כשר.

— געדעכט, פאַרגעסן. אינגאַנצן פאַרגעסן. איז גוט, איך וועל האַלטן אַן אויג אויף דיין קעסטל און קאַרזינקע און דו גיי צום בופעט און קויף פון קעסל אַ קענדל הייס וואַסער.

די פּויערטע איז אָנגעקומען מיט אַ טשייניק וואַסער. דער פּויער האָט זיך צו איר אַ קער געטאָן:

— זעסט, באַבע, דאָס ייִדעלע? דו וואַרטשעסט וואָס איך וויל ווערן אַ באַ־גאַמאַלעץ און קוק אָן דאָס נפשל, אַ צעפּליאַנאַקל, ערשט פון איי זיך אַרויסגע־פּיקט, אַ דאַרס, אַ קוואַרס, גרינג ווי אַ פעדערל, קיין לויט פלייש האָט ער נישט אויף די ביינער און פאָרט לערנען. טאַטע־מאַמע ווילן ער זאָל אַ ראַבין ווערן.

די פּויערטע האָט באַטראַכט פאַר אַ היפּשע ווײַלע דאָס ייִנגל און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז אַ זינד, ווי גאָט לעבט, ס'איז אַ זינד צו לאָזן אַזאַ באַשעפעניש אויף אַזאַ לאַנגער נסיעה. ס'איז אַ זינד פון טאַטע־מאַמע. האַרטע הערצער. שטיינערנע הערצער האָבן די ייִדן און דער גאָט זייערער איז עס צופרידן?

דער פּויער האָט געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— ביסט אַ נאַרישע באַבע. איך ווייז דיר אָן פון וועמען דו דאַרפסט זיך לערנען צו גיין אין גאָטס וועגן, לעסטערסטו גאָט. און דו, קליין ייִדעלע, — האָט זיך דער פּויער אַ קער געטאָן צו שמעונען, — גיי נאָך קיפּיאַטאָק (געקאָכט וואַסער).

— וואַסי, וואַסיל באַגאַמאַלעץ — האָט די פּויערטע געזאָגט כעסיק און פאַרוואונדערט, — קענסט אים נישט געבן אַ בלעכל הייסע וואַסער פון דיין

טשייניק? דאָס איז ביי דיר גאַסטפריינדלעכקייט צו גאָטס אַ באַשעפעניש?

— ביסט אַ נאַרישע באַבע — האָט וואַסיל געענטפערט מיט ביטול. — אונדזער טשייניק איז דאָך טריף פאַר אַ מענטשן פון סטאַרי זאַקאָן (פון אַלטן גלויבן, פון אַלטן געזעץ).

— פון וואַנען ווייסטו עס אַלע ייִדישע זאַקאָנעס (דינים)? -- האָט די פויערטע אַ בורטשע געטאָן. — קוקסט אַריין צופיל אין „סטאַרי פיסמאַ”, וועסט נאָך ווערן אַ ייִד אויף דער עלטער.

דער פויער האָט געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— ס'איז זיך נישט אויסצוטענהן מיט דיר. פאַרדרייסט אַלץ אויף דער לינקער זייט. אַלע ווייסן אַז חזיר איז טריף פאַר ייִדן, און מיר האָבן געגעסן חזיר. גיי, גיי ייִדעלע נאָך אַ בלעכל געקאָכט וואַסער. באַנעץ עטוואָס דיין גומען מיט אַביסל זיסן טיי. וועסט נאָך איינגאַנצן פאַרטריקנט ווערן. מירן היטן דאָס קעסטל.

***

יענע נאַכט איז שמעונען געווען קאַלט. ער איז געזעסן אויפן קעסטל איינגעקנוילט, איינגעקוטעט אין זיין פאַלטאָ, וואָס ער האָט מיט זיך גענומען, און אַלץ נישט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים דורכגענומען די קעלט, וואָס האָט אַרויסגעשפאַרט פון דיל, פון די ווענט, פון דער סטעליע, פון דער פאַרמאַכטער טיר פון פאַראַכאָד און פון די פאַרהאַקטע קאַיוטעס. שמעון האָט געהערט דאָס פליושקען פון וואַסער אַרום דער שיף און אים האָט זיך געדוכט אַז דאָס וואַסער איז אייזיק און ציט אַרויס יעדעס ברעקעלע וואַרעמקייט אַפילו פון די צעהיצטע מאַשינעס, וואָס קלאַפן און רוישן אין בויך פון שיף. ער איז געזעסן איינגעקנוילט און נישט געקענט האַלטן די אויגן אָפן פון שלעפעריקייט און דאָך נישט געקענט איינשלאָפן, ווייל נישט נאָר איז אים געווען קאַלט אין פלייצע, נישט נאָר זענען די פיס און הענט געווען ביי אים ווי אָפגענומענע, נאָר דער איינגעווייד אין בויך האָט זיך אָנגעהויבן אָפקילן און עס האָט אים געטרייסלט פון אינעווייניק. איז ער געזעסן האַלב וואַכיק, האַלב שלעפעריק, ווי איינער וואָס איז פאַרטשאַדעט.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַז די פלייצעס ווערן אים וואַרעמער, עפּעס ווייכס, לאַשטשענדיקס איז אונטערגעלייגט געוואָרן צווישן זיינע פלייצעס און דער קאַלטער, אייזערנער וואַנט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די פיס און די הענט צו דערוואַרעמען. באַלד האָט דער גאַנצער גוף געפילט ווי עפּעס גוטס איז וואַרעמס האָט אים אַרומגענומען. בלויז די אויערן און די נאָז האָבן נאָך געשפירט די שאַרפקייט פון דער לופט. דאָס האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ טיפערן שלאָף. אין דעם טומל פון פרימאָרגן האָט שמעון געעפנט די אויגן און ער האָט

דערזען אַז ער איז אַרומגעוויקלט זאַרגפעליק מיט דעם פויערס לאַנגן שאָפּענעם פּעלץ. דאָס פּאָרל איז געזעסן אויף זייער אָרט צווישן די קאַיוטעס אַנטקעגן שמעונען און געזופּט רעשיק הייסן טיי פון צוויי הייסע גלעזער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט איבערוואַרפן פון האַנט צו האַנט, אַזוי זודיק זענען געווען די גלעזער.

שמעון האָט זיך אויפגעזעצט. דאָס פּאָרל האָט אים אָנגעקוקט שמייכלענדיק:

— זיך אויסגעשלאָפן, קליינינקער?

שמעון האָט פאַרשעמט געענטפערט:

— אַ דאַנק גוטע מענטשן. איך וועל זיך גיין איינוואַשן, קויפן הייס וואַסער און דערנאָך זיך שטעלן דאַוונען.

— גיי, גיי, מירן אַכטונג געבן אויפן קעסטל.

יענעם פרימאָרגן איז שמעון געזעסן אַנטקעגן דעם פּאָרל, געקוקט ווי דער פויער לייענט זיין ביכל, טייטלענדיק מיטן פינגער, און זיין האַרץ איז אים געוועזן שווער. פאַרוואָס האָט ער פריִער אָט דאָס פּאָרל גערופן „עם הדומה לחמור“

— אַ פּאָלק געגליכן צו אייזלען? עס זענען דאָך מענטשן מיט גאָלדענע הערצער. טאַקע מענטשן מיט אַ פאַלשן גלויבן, אָבער זיי האָבן גאָט אין האַרצן. אָט האָט זיך שמעון דערמאָנט ווי דער פויער אין דאָרף, וואָס דער טאַטע און ער האָבן דאָרטן געאַרבעט שוסטעריי. יענעם פויערס האַרץ איז אויך געווען פול מיט רחמנות. און שמעון דערמאָנט זיך עפּעס. ער נעמט אַרויס דעם תנא דבי אליהו און שטיל פאַר זיך הייבט ער אָן אונטערברומען:

— און דבורה, אַן אשה אַ נביאה, דאָס ווייב פון לפידות, זי האָט געמשפּט די ייִדן אין יענער צייט. פרעגט מען: פאַרוואָס האָט דבורה געמשפּט די ייִדן אין יענער צייט און נביאות געזאָגט צו זיי? ס'האָט דאָך אין דער זעלביקער צייט געלעבט פנחס דער זון פון אלעזר? האָט געזאָגט אליהו הנביא: איך נעם פאַר עדות הימל און ערד, אַז סיי אַ ייִד און סיי אַ געצנדינער, סיי אַ מאַן, סיי אַ פרוי, סיי אַ קנעכט אָדער דינסט נאָר נאָך די מעשים טובים, די גוטע מעשים, וואָס יעדער טוט, רוט אויף אים די שכינה.

שמעון וואָלט געחלשט איבערצולייענען דאָס בלעטל תנא דבי אליהו פאַרן פויער. אָבער דאָס ייִנגל האָט נישט געקענט גענוג קיין גויִיש עס צו פאַרטייטשן. און אַפילו ווען ער וואָלט געקאָנט גענוג גויִיש, וואָלט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם טעקסט. אָבער דאָס געפיל אַז אַ מענטשן דאַרף מען משפּטן לויט זיינע מעשים און נישט לויט זיין אָפּשטאַם האָט זיך פון יענעם פרימאָרגן איינגעקריצט ביי שמעונען אין געדעכעניש און האָט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט שפּעטער פון געוווינהייט און פון אָנגענומענעם נוסח אָפּט גערעדט און געשריבן וועגן גרופּעס, פעלקער און ראַסן־קאָ־

לעקטיוו. אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער אינגאַנצן געווען פריי פון פאַר־אורטיילן. יעדער יחיד איז ביי אים געווען אַ באַזונדער מענטש, אַ באַזונדערע וועלט. עס קען מסתמא זיין, אַז דאָס וואָס שמעון האָט געשטאַמט פון געמיינעם יחוס און אָפט האָט מען אים אויפגעוואָרפן זיין נחות־דרגאַדיקייט, האָט ביי אים אָפּגעווישט פאַראורטיילן קעגן מענטש. ער אָבער וויל עס צוקניפּן צו יענער פריי־מאָרגן־געשעעניש מיט דעם פויערשן פעלצל. עלף יאָר שפּעטער, אין אַן אַמע־ריקאַנער אוניווערזיטעט, האָט אים די האַנדלונג פון אַ פּראָפעסאָר דערמאָנט אָן דעם פויערס פעלצל. דאָס וועט דערציילט ווערן, ווען מיר וועלן קומען צו דעם.

**
*

שמעון שמייכלט צו זיך. ער געדענקט ווי ער איז אין קיִעוו אַראָפּ פון פּאַ־ראַכאָד אויפן „פּריסטאַן", האַפן, און געהאַט די באַגעגעניש מיטן זשאַנדאַרם־אָפיציר. ווען מען נעמט אים אויף אַ קרייץ־פאַרהער און אין דער פאַרהערעניש פרעגט מען אים: און ווער האָט אַכטונג געגעבן אויף דיין קעסטל, ווען דו ביסט געווען אויפן באָרט? ווי אַזוי האָסטו פלוצים אויפגעהערט זיך צו שרעקן פאַר די קעסטל־אויפברעכער, פאַר גנבים, קעשעניקעס און אַפּנאַרער?

שמעון וואָלט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. עס קלעפּט זיך טאַקע נישט. אָבער נאָך קיִעוו געדענקט ער נישט דאָס קעסטל. אָט האָט ער איבער דעם גע־ציטערט און מיטאַמאָל אויס דאגהס. מסתמא האָט ער זיך שוין דעמאָלט באַ־קענט מיט נאָך ישיבהניקעס וואָס זענען געפאָרן קיין קרעמענטשוג. אָבער דאָס האָט ער זיך איצט דערטראַכט צו דעם. געדענקען געדענקט ער עס נישט.

ער איז אַראָפּ פון פּאַראַכאָד אויפן פּריסטאַן. ער זעט עס איצט קלאָר ווי עס וואָלט אים איצט געשטאַנען פאַר די אויגן. אַ לאַנגער שטח אויסגעלייגט מיט לאַנגע נישט קיין אָפּגעהובלטע ברעטער, וואָס האָבן זיך געטרייסלט און געסקריפּעט אונטער די טריט פון די מענטשן און די שטופּ־וועגעלעך. עס האָט געקישעט פון מענטשן. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די טרעגער, וואָס האָבן אויס־געלאָדן אַ פאַראַכאָד מעל. די טרעגער האָבן איבערגעדעקט די קעפּ מיט זעק גע־מאַכט ווי אַ באַשליק. מסתמא האָבן זיי געוואָלט פאַרהיטן די האָר זאָלן זיך נישט פאַרמעליקן. יעדער טרעגער האָט געטראָגן אַ פינף־פודיקן זאַק מעל פאַר־וואָרפן אין דער לענג אויפן האַלדז און נאַקן. די מערהייט האָבן געטראָגן די זעקלעך מעל גרינג, אַפילו נישט איינגעבויגן זיך. אַנדערע האָבן איינגעבויגן די קעפּ און געאָטעמט שווער. ס'איז געווען אַ מאָדנער איינגעשטעלטער סדר אין זייער אויסלאָדן דעם פאַראַכאָד. איין שרענגע אַ ליידיקע איז געגאַנגען אַרויף צום פאַראַכאָד, די אַנדערע — איז געגאַנגען אַראָפּ פון פאַראַכאָד, אַן אָנגעלאָ־

דענע.ביידע שרענגעס זענען געגאַנגען נישט געאײַלט, טראָט בײַ טראָט ווי זעלנער.

נישט ווײַט פֿון האָפֿן, טאַקע נאָר אַ פּאָר טריט אָפּגערוקט, זענען געשטאַנען שטעלכלעך און טישלעך מיט כּל־טוב: צוקער־געבעקס, לעקעכלעך אין אַלע פֿאָרמעס, אַפֿילו אין געשטאַלט פֿון מענטשעלעך, פּיראָזשנעס, בײגל, בולקעס, צוקער־בייגעלעך, צו פֿיר און זעכציק אויף אַ קראַנץ; מילכיקס. עס האָבן זיך אים געוואָרפֿן אין די אויגן מאָדנע קיילעכדיקע קעזן, געלע און גרויס ווי רעדער, אין אַ בודקע, וווּ מען האָט פֿאַרקויפֿט חזיר, איז געשטאַנען אויף אַ דרויסנדיקן לאָדן, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף איין שטיק האָלץ, אַ קאָפּ פֿון אַן אָפּגעסמאַליעטן חזיר און געקוקט און גערופֿן קונים מיט די חזירשע אויגן, וואָס האָבן געבלישטשעט ווי גלעזערנע. און אפשר זענען זיי געווען טאַקע גלעזערנע אַרייַנגעשטעלטע אויגן.

די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, האָט פֿון דער ווייטנס אויסגעקוקט ווי אַ קאָלירט געמעלעכץ, וואָס מען האָט פֿאַרקויפֿט אויף יאַרידן: געביידעס מיט גרינע דעכער און רויטע דעכער, פֿענצטער וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער זון, מויערן — ווייסע, געלבלעכע און רויטע, הויכע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט פֿאַררייסן דעם קאָפּ אָנצוקוקן זיי, און איבער די מויערן האָבן געטורעמט קלויסטערס מיט קיילעכדיקע קופּאָלן און גלאַנציקע צלמים.

און איבער אַלץ האָט זיך געטראָגן פֿון דער שטאָט אויפֿן באַרג אַ טומל, אַ גערויש — עפּעס אַ הודזשען — דער ברום פֿון שטאָט, וואָס האָט אַלץ פֿאַרטרונקען. ווי אַלעמאָל איז שמעונען אַרייַנגעפֿאַלן אַ שטיקל גמרא אין מויל:

„רבן גמליאל און רבי אליעזר דער זון פֿון עזריה און ר׳ יהושע און רבי עקיבא זענען געגאַנגען אין וועג. האָבן זיי דערהערט דאָס גערויש פֿון רוימישן מאַרק פֿון אַ ווייטקייט פֿון הונדערט און צוואַנציק מייל פֿון שטאָט. האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען. אָבער ר׳ עקיבא האָט זיך געפֿרייט און געלאַכט. האָבן זיי צו אים געזאָגט: עקיבא, וואָס פֿרייסטו זיך און פֿאַרוואָס לאַכסטו? האָט ער צו זיי געזאָגט: און פֿאַרוואָס וויינט איר? האָבן זיי געענטפֿערט: פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויינען? אָט זע די געצנדינער, וואָס בוקן זיך צו אָפּגעטער און זענען מקריב קרבנות צו געטשקעס, זיצן זיכער און רויִק אויף זייער לאַנד, און מיר? דאָס פֿוסבענקעלע פֿון אונדזער גאָט איז פֿאַרברענט, ווי אַזוי זאָלן מיר נישט וויינען?

„האָט רבי עקיבא זיי געענטפֿערט און געזאָגט: דערפֿאַר פֿריי איך זיך און לאַך. אויב מיט די וואָס פֿאָלגן נישט אויס זײַן רצון פֿירט ער זיך אויף אַזוי, ווי וועט שוין זײַן מיט די וואָס טוען זײַן ווילן?“

שמעון שפּאַצירט איבער דעם פֿריסטאַן. די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן, נאָר ער איז שוין נישט מער אין קיִעוו, נאָר אין רוים. ער גייט נאָך די תנאים

און הערט זיך צו צו זייערע רייד. די טרעגער, וואָס לאָדן אויס דעם פּאַראַכאָד, זענען איצט אין זייערע אויגן קנעכט, וואָס ריידן רוימיש. די פּויערטעס, די שיק־סעס אויף דעם פּריסטאַן זענען אָדער מטרוניתאָס, אָדער שקלאַפינס. די בערג, וואָס רייסן זיך צום הימל, זענען די בערג פון רוים, און אויף זיי שטייען טעמפּ־לען צו די רוימישע געצן, און דאָס רוישן וואָס קומט פון דער שטאָט איז דער „קול המונה של רומי״ — דער אָפּקלאַנג פון דעם רויש פון רוים — — —

מיטאַמאָל האָט שמעון דערפילט ווי אַ שאָטן איז געפאַלן איבער אים און ער האָט דערהערט אַ קול איבער זיין קאָפּ:

— „זשידאָקסקאַיאַ כאַראַ שאַפּקו סנימאַי״ — יידישע צורה, דאָס היטל נעם אַראָפּ!

שמעון האָט אויפגעהויבן די אויגן און פאַר אים איז געשטאַנען אַ זשאַנ־דאַרם־אָפיציר. אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס — אַן עוג מלך הבשן. ער האָט נאָך אויסגעקוקט העכער ווי ער איז, ווייל אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכע פּאַפּאַכע, אַ שעפּסענע קוטשמע מיט אַ רויט געוואַנטענעם „דענאָק״ איינגע־בויגן אין אַ פאַלד. דאָס פאַרשטאַרטע יינגל איז געבליבן שטיין מיט אויפגעריסע־נע אויגן און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

דער אָפיציר האָט ווידער אויסגעשריִען זיין פּזמון און ווען שמעון האָט נאָך אַלץ נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט דער אָפיציר אַ כאַפּ געטאָן דעם יינגלס היטל און עס אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד.

שמעון איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אין בלויזן קאָפּ, דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעלעך איינגעבויגן און אויפגעהויבן דאָס היטל און עס געהאַלטן אין האַנט און געוואַרט. אין די געציילטע סעקונדן האָט זיך אַרומגעקליבן אַ רעדל מענטשן אַרום דעם יינגל און דעם אָפיציר. „וואָס פאַר אַ העכט האָט דאָס דער זשאַנ־דאַרם געפאַקט?״.

און דער אָפיציר האָט געטורעמט איבערן יינגל און גערעדט שנעל אויף אַ טיפן רוסיש. שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז דער זשאַנדאַרם וויל עפּעס פון אים, אָבער וואָס? סוף־כל־סוף האָט ער אויפגעכאַפּט אַ פאַרשטענדלעך וואָרט — פּאַס־פּאָרט. ער האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין בוזעם־קעשענע, אַרויסגענומען דעם פּאַספּאָרט און עס אים דערלאַנגט. דער אָפיציר האָט ווי אַ דערפאַרענער פּאָלי־ציסט אַ שנעלן קוק געטאָן אויף דעם דאָקומענט און איז ווידער באַפאַלן דאָס יינגל מיט פראַגעס. שמעון האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער אָפיציר וויל וויסן, וואָס ער, שמעון, טוט דאָ אין קיִעוו. ער האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קע־שענע דעם פּאַראַכאָד־בילעט. דער אָפיציר האָט באַקוקט דעם דורכגעלעכערטן בילעט, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס יינגל פאָרט קיין קרעמענטשוג, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: פּאַשאָל, גיי צוריק אויפן פּאַראַכאָד.

שמעון האָט אָנגעטאָן דאָס היטל, אַ קוק געטאָן פאַרוווּנדערט מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן אויף דעם שרייענדיקן אָפיציר. אויף די ליפּן פון יינגל האָט אַ שפּיל געטאָן זיין דערוואַקסענער שמייכל און דער אָפיציר האָט זיך דערפילט אומהיימלעך. דערווייל האָבן די שקצים אָנגעהויבן רייצן זיך מיטן יינגל. זיי האָבן געמאַכט פון די ברעגעס פון זייערע העמדלעך חזירשע אויערן און אָפּגע־שפּאָט פון שמעונען: זשיד, כאַלאַמיד, זשיד כאַלאַמיד! און דער עולם האָט גע־לאַכט הנאהדיק. דער אָפיציר האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו צעשרייען: „צעגייט זיך, צעגייט זיך! וואָס? איר האָט קיינמאָל נישט געזען קיין קליין ייִדעלע?"

דאָס בילד ווערט אָפּגעהאַקט. איצט שווימט אַרויף שמעונען אויפן זינען אַן אַנדער בילד — אַ קופּקע ישיבהניקעס אויפן שטיינערנעם טייך־ברעג פון דניע־פּער, אין דער שטאָט קרעמענטשוג אין אַ קאַלטן פרילינג־אָוונט.

קאַפּיטל 2

וואָס וועט די וועלט זאָגן

פּירן זענען זיי אַראָפּ פון די פֿאַראַכאָדן, וואָס זענען אָנגעקומען פון אַרויף און אַראָפּ וואַסער. זיי זענען אַראָפּגעשטופּט געוואָרן פון דעם עולם, וואָס האָט זיך געשטויסן, זיך געאײַלט און זיך געיאָגט צו באַגעגענען פרײַנט, קרובים און אייגענע. אין דער שטופּעניש האָבן די פּיר יינגלעך זיך געראַנגלט צו האַלטן זיך אינאיינעם. ווי זיי זענען אַראָפּ פון בריקל, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן פון פֿאַראַכאָד צום פּריסטאַן, האָבן זיי, נישט אָפּגערעטערהייט, זיך אַ קער געטאָן לינקס, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ משופּעדיקער פעלדז און געבליבן שטיין צו זיין צופוסנס.

דער הימל אין מערב האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ שטיק רויטלעכקייט, אָבער די וואַסערן אין טייך זענען שוין געווען שוואַרץ און דער ברעג איז געווען באַלויכטן מיט פאָנאַרן. דער געפּילדער פון די בעלי־עגלות, די פרייִדיקע אויסגעשרייען פון די פּאַסאַזשירן און די קרובים, וואָס זענען געקומען זיי צו באַגעגענען, דער רעש פון די אויסלאָדערס און אָנלאָדערס, האָבן צעטומלט און צעשראָקן די ישיבהניקעס. זיי זענען געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון דעם גאַנצן עולם, האַרט צוגעטוליעט צום פעלדז און געקוקט פאַרלוירן אויף די ליכטער און דער שטאָט, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן.

פּירן זענען זיי געשטאַנען לעבן פעלדז. דער הויכער דוד פון אַ קאָלאָניע אין כערסאָן, וואָס מען האָט אים שפּעטער גערופן אין דער ישיבה, דער כערסאָנער; דוד האָט געהאַט אַ הילצערנעם פוס. ער איז געשטאַנען מיט דער קוליע אונטער דער פּאַכווע; דאָס פּנים אַ פאַרברענטס פון ווינט און זון, האָט ער געהאַלטן הויך פאַרריסן. אַן אויסגעצויגן, לאַנג פּנים מיט שאַרפע אויגן, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן מיט דאָרפישן פאַרדאַכט אין די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרבײַגעגאַנגען. שמעונען האָט זיך געדוכט, אַז, דוד, זוכט אַ באַ־

קאַנט פּנים אָדער אַ פרייַנדלעך שמייכל אין דעם שטראָם מענטשן, וואָס איז געװען פאַרקאָכט אין אַראָפּיאָגן זיך פון פּאַראַכאָד.

לעבן דעם כערסאָנער איז געשטאַנען דער פערעיאַסלעווער, אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַן אוקראַיִנישן שגץ: זומער־שפּרענקעלעך אויף די באַקן, אויף דער שפּיץ נאָז און האַלדז; זאַמדיק־געלבלעכע האָר, אַ פּאָר וואַסערדיקע בלויע אויגן טיף אַרייַנגעזעצט אין שטערן, אַ פּאָר־ריסענע נאָז און דינע ליפּן. דער בחור איז נישט געווען קורץ פאַר זיין עלטער, אָבער ער איז געווען דאַר. די באַקן אייַנגעשרומפּן און די הויט ווי פאַרצויגע־נער פּאַרמעט, און דערפאַר האָט ער אויסגעזען ייִנגער פון זיינע יאָרן. ער איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, אַ פאַרצאָרנטער און געביסן די אונטערשטע ליפּ מיט זיינע גרויסע פּאָדערשטע אויבערשטע ציינער, און שטיל געבורטשעט פאַר זיך.

האַרט לעבן שמעונען איז געשטאַנען יצחק קאָניאַוואָסקי פון מאָזיר — דער איינציקער בחור אין דער ישיבה, וואָס מען האָט גערופן ביים פאַמיליע־נאָמען. עד־היום ווייס נישט שמעון פאַרוואָס יצחק איז געווען אַזאַ אויסנאָם. קאָניאַוואָסקי איז געשטאַנען אַ רויִקער מיט אַ שמייכל אויף זיין ווייסן פּוכיקן פּנים, די ליפּן צעעפנט און די אויגן האָבן גערעדט צו אַלעמען: קוקט אויף מיר, איך בין אַ בן־יחיד.

שמעון, אַ קלייניניקער, אַ טונקעלער, מיט שוואַרצע האָר, אַזוי שוואַרץ, אַז זיי זענען אַרייַנגעפאַלן אין אַ בלויקייט. די האָר זענען געווען דיקע, האַרטע און אַרויסגעשטאַרצט עקשנותדיק פון היטל. ער האָט געקוקט אומרויִק אויף דער שטאָט, וואָס האָט שעמערירט מיט אירע טויזנטער פייערלעך פון די גאַס־לאַמ־טערנעס און די באַלויכטענע פענצטער פון די הויכע מויערן. די צעשפּרייטע שטאָט האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דעם קליינשטעטלדיקן ייִנגל. ווּ ענדיקט זיך די שטאָט? ווען ער, שמעון, פלעגט בלייבן שטיין אויף אַ ווײַלע אויף דעם בריקל, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבער דעם שטעטלשן טייכל, האָט ער גע־קענט זען גאַנץ קאַלינקאָוויטש מיט אירע פיר גאַסן און מיט די וועלדער און די פּינסקער בלאָטעס, וואָס רינגלען אַרום דאָס שטעטל. אָבער דאָ זעט ער אַ ים מיט ליכטער אָן אַן עק און אָן אַ ברעג. דערצו זעט ער, אַז צו זיין רעכטער האַנט הייבט זיך אויף אַן אייַזערנע בריק פאַרוואָרפן איבער דעם דניעפּער. אונ־טערן בריק גייט אַ פאַראַכאָד און שפּאַרט קנוילן רויך צו די גראָבע צעמענטענע פונדאַמענטן פון בריק און אויך צום הימל. דורך דער שוואַרצקייט פון רויך און פינצטערניש פון דער נאַכט רייסן זיך דורך פייערלעך פון הייזער. און שמעון טראַכט: די שטאָט איז צעשפּרייט אויך אויף יענער זייט בריק. ווּ ענדיקט זי זיך?

די בעלי־עגלות מאַכן דעם מערסטן טומל. זיי הוקען און קאַכן זיך און קריגן

זיך איינער מיטן אַנדערן און רייסן פון די הענט די קעסטלעך, קאַרזינקעס און די אַנדערע געפּעק פון די פּאַסאַזשירן. און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך נישט גע־לאָזן און זיך געדונגען, געוואָלט וויסן פאָרויס וויפל מע וועט זיי רעכענען. עס איז אָפט געקומען צו זידלערייען צווישן עולם, אָבער די יינגלעך האָט קיינער נישט באַומרויקט. קענטיק אַז מען האָט זיי נישט געהאַלטן פאַר קיין געהויבע־נע „שודאָקעס״.

שמעון האָט געקוקט אויף די בעלי־עגלות, געמאַטערט זיך צו דערקענען אַ יידן און נישט געקענט. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן ווי קאַצאַפּעס און גערעדט אוקראַיניש.

די ישיבהניקעס זענען געשטאַנען און זיך געטרייסלט פון דער פּאַרנאַכטי־קער קעלט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שוואַרצע וואַסערן פון דעם טייך, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט און געקלאַפּט צאַרנדיק אָן דעם פעלדזיקן ברעג.

אָט ווי זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט, נישט געוווּסט אויף וועמען און וואָס, האָט זיך צו זיי דערנענטערט אַ בעל־עגלה — אַ בעל־עגלה ווי אַלע בעלי־עגלות. ער האָט געטראָגן אַ בורקע אַרומגענומען מיט אַ בלויען גאַרטל, אַ טוכן היטל מיטן אַ „בלישטשאַסנעם קאָזיראָק״ (גלאַנציקן דאַשעק), די פּאָלעס פון דער בורקע זענען געווען פאַרשטעקט אין גאַרטל, אַז די פיס זאָלן זיין פריי און זיך נישט פּלאָנטערן אָן די פּאָלעס. די בייטש האָט ער געהאַלטן אונטער דער פּאַכווע און דאָס פאַרוואַקסענע פּנים זיינס האָט געשמייכלט. ער האָט באַקוקט די בחורים און זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט געשוווירן, אַז עס שטייען פאַר מיר ישיבהניקעס. ר׳ לייזער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל האַלטן אַן אויג אויף די פּאַראַכאָדן. ער ריכט זיך אויף ישיבהניקעס. קוק איך אויס מיינע אויגן אַ גאַנצע וואָך און איך זע עס קומען „שודאָקעס״ פון גאָר דער וועלט. אָבער פון ישיבה־בחורים קיין זכר און קיין סימן. און ר׳ לייזער פרעגט אַלע טאָג: נו, נו? האָב איך נאָר איין ענטפער: אַז מען וועט לעבן און מען וועט געזונט זיין, וועט מען זיי אָנקוקן. און איצט — טוט דער בעל־עגלה אַ נעם דאָס בייטש־שטעקל און גיט אַ קנאַק מיט התפּעלות די כאַלאַווע פון רעכטן פוס — זע איך גאַנצע פיר אירע. אַן אוצר. ר׳ לייזער וועט ווערן אַ נייער מענטש. נו, נעמט אייערע קעסטלעך, קאַרזינקעס און פּעק־לעך און לייגט זיי אַריין אין דער דראָזשקע און היידאַ — איך ברענג אייך אין בית־מדרש.

— און וויפל וועט עס קאָסטן? — האָט דער כערסאָנער געפרעגט מיט פויערשער פּאָרזיכטיקייט.

— וויפל זאָל איך אייך רעכענען? איך וועל פון אייך די הויט אַראָפּשינדן.

איך וועל רעכענען צו גריוועַנקע יעדן. אינאיינעם פאַר אַלע פיר וועט עס באַ־טרעפן צוואַנציק קאָפּיקעס.

— וואָס חוזקט איר פון אונדז? — האָט דער כערסאָנער געקלאַפּט מיט דער קוליע, — אויב איר רעכנט אַ גריוועַנקע יעדן פון אונדז, באַטרעפט פאַר פיר אירע, פערציק קאָפּיקעס נישט קיין צוואַנציק.

— ביסט אַ בעל־חשבון — האָט דער בעל־עגלה געענטפערט, — ווי איך בין אַ ייִד, אַ גוטער און פלינקער בעל־חשבון. אָבער ראשית, אַלע אינאיינעם קאָסט וועלוועלער. שנית רעכן איך מיט צוואַנציק קאָפּיקעס ווייניקער, ווייל ווו איז די מצווה, האַ? איך ברענג די ערשטע ישיבהניקעס צו אונדז, וויל איך האָבן עפּעס אַ שכר.

— וואָלוול צי טייער, מירן אייך נישט צאָלן פאַרויס. מירן צאָלן ווען איר וועט אונדז ברענגען אין בית־מדרש, — האָט דער כערסאָנער געזאָגט איינגע־שפּאַרט.

— דו ביסט אַן אָסטאָראָזשנער (אַ פאָרזיכטיקער), — האָט דער בעל־עגלה געזאָגט, — עס געפעלט מיר. גוט אַזוי, קינדערלעך, מען דאַרף זיך היטן אין אַזאַ שטאָט ווי קרעמענטשוג. ביי אונדז זענען דאָ גענוג קעשעניקעס. אָבער מיר שטייען און באַלעמוטשען. מיר דאַרפן זיך צואיילן, אפשר וועלן מיר נאָך עמעצן פאַרכאַפּן אין בית־מדרש. זיי צעלויפן זיך באַלד נאָך מעריב.

די בחורים זענען אַרײַנגעקראָכן אין דראָזשקע.

דער בעל־עגלה האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און דער וואָגן האָט זיך גע־רירט פון אָרט. דאָס פערד איז געגאַנגען טראָט אין טראָט און דער בעל־עגלה האָט אַ בורטשע געטאָן:

— שווער צו פאַרדינען אַ מצווה. אַ פולער שווערער וואָגן, נישט פאַר די כוחות פון מיין אויסגעדאַרטן אָדלער.

די נסיעה איז געווען אַ לאַנגע. נאָכן אָפּפאָרן אַ קורצן מהלך, האָט זיך דער בעל־עגלה פאַרקירעוועט רעכטס, נאָך עטלעכע גאַסן פאָרן האָט ער זיך פאַר־דרייט לינקס. זיי זענען געפאָרן דורך שמאָלע ליקן, מרה־שחורהדיקע גאַסן מיט סקלאַדן געהילץ פון ביידע זייטן גאַס. אַפּנים אַז דער וועג איז געווען אַ זאַמדי־קער, ווייל דאָס פערד האָט זיך קוים געשלעפּט. אָבער אָט איז דער וואָגן אַריין אין אַ ברייטער באַליכטעטער גאַס מיט רייען פאַרפוצטע קראָמען פון ביידע זייטן און ביימער האַרט ביי די טראָטואַרן. פון די ביימער האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער פאַרשכורנדיקער ריח, וואָס שמעון האָט קיינמאָל אַזוינס נישט גע־שפּירט. ער האָט געקענט דעם טערפּקן ריח, וואָס די סאָסנע ביימער האָבן אַרויס־געגעבן פון זיך, דעם דינעם פיינעם גערוך פון בעריאָזע־בוים און דעם שווערן וואַלדיקן ריח פון דעמב. אָבער דער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די האַלב־

נאַקעטעביימער, וואָס זיי זענען פאַרבייגעפאָרן, האָט געשמעקט מיט דער גע־רוכיקייט פון בשמים־ביקסל, ווען מען טוט עס אַ טרייסל נאָך הבדלה און עט־וואָס מיט צוגעברוינטן צימערינג.

און ווידער זענען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ האַלב־טונקעלער גאַס. דאָס פערד האָט זיך ווייטער געשלעפּט פּאַמעלעך, דאָס וויגן זיך פון וואָגן און דער איידעלער ריח פון די אַקאַציע־ביימער האָבן שמעונען ווי פאַרשיכורט.

ער האָט האַלב־איינגעדרימלט. דורך די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן זעט ער די ברייטע פּלייצעס פון דעם בעל־עגלה און די גוייִשע בורקע, וואָס איז פאַרשטייפט מיט אַ גרינעם גאַרטל, און אַ משונהדיקער געדאַנק הייבט אָן צו פּיקן אין זיין האַלב־פאַרשלאָפנקייט: נישט קיין בעל־עגלה זיצט אויף דער קעלניע, נאָר אַ גזלן פירט די פור. „קוקט נאָר אָן אַ פּאָר פּלייצעס און אַ קאַרק!" אָבער שמעון בייזערט זיך אויף זיך אַליין: „דער בעל־עגלה איז דאָך אַ ייִד, און וואָס פאַר אַ ייִד! אַ ייִד וואָס זוכט אַ מצווה!" ענטפערט זיך שמעון: „און אַז אַ ייִד, איז וואָס? נישטאָ קיין ייִדישע גזלנים? אָט איז דאָך געווען אַ בויטרע גזלן — אַ ייִד און דאָך האָט ער געשאָכטן און געמאַטערט מענטשן ווי אַלע גזלנים! איי, וואָס דער בעל־עגלה האָט געזאָגט אַז ער זוכט אַ מצווה? נו, דאָס האָט ער זיך פאַרשטעלט".

און די דראָזשקע שאָקלט זיך און שמעונען פּלאָנטערן זיך נאָך מאָדנערע געדאַנקען: מע זעט באַשיינפּערלעך, אַז דער בעל־עגלה פירט זיי נישט אין בית־מדרש, ער פירט זיי ערגעץ אין אַ הויף און דאָרטן וועט ער זיי אויסטאָן נאַקעטע און צונעמען פון זיי ביז אַ שנירל און לאָזן זיי פאַרשפּאַרטע אין הייל און זיי וועלן אויסגיין פון הונגער. און אפשר וועט ער זיי גאָר פאַרקויפן צו ציגיינער?

שמעון הייבט אָן אָפּצולאַכן פון זיך אַליין: „וואָס פאַר אַ שטותערייען טראַכסטו־צו, שמעון? אויף וואָס דאַרפן האָבן ציגיינער ישיבהניקעס? שיקן זיי פאַשען פערד? וואָסי עס פעלן די ציגיינער שקצים צו פאַשען פערד? און צו וואָס זאָל זיך אַפילו אַ גזלן וועלן קוואַפּען אויף דעם ביסל אָרעמקייט פון ישיבה־ניקעס?"

אָבער שמעון דערמאָנט זיך: אַביסל אָרעמקייט? ער האָט דאָך מיט זיך איי־בער זיבן רובל; אַ גאָלדענע פינף־רובלדיקע מטבע האָט די מאַמע איינגענייט אין אונטערשלאַק פון זשילעט. אין בוזעם־קעשענע ליגן ביי אים צוויי רובל, וואָס זענען געבליבן פון זלמן הומאַנס דריי־רובלדיקער אַסיגנאַציע און אין דער טיפער הויזן־קעשענע באַמבלען זיך פינף גריוועוקעס, פיר פּיאַטאַקלעך און עטלעכע קאָפּיקעס און גראָשנס. די אַנדערע בחורים האָבן מסתמא נאָך מערער אין זייע־רע קעשענעס. מען זעט נאָך זייערע קאַרזינקעס, אַז זייערע טאַטעס זענען נישט קיין בעלי־מלאָכות. ביי אַלע פירן איז דאָ אַן אוצר!

— אָבער משוגענער — האָט שמעון געטענהט צו זיך מיט האַרץ, — וואָס

פאַראַ צעדרייטע מחשבות האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ? דו ביסט דאָך אין מיטן שטאָט. ווו אַ הייל? ווו ציגיינער?

— איז נישט קיין הייל, איז נישט קיין ציגיינער — האָט שמעון זיך געפּילפּולט מיט זיך, — וועט ער אונדז פאַרפירן אין אַ פאַרוואָרפענעם פּערעולאָק און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט וועט ער איינס און צוויי ספּראַווען זיך (פאַרטיק ווערן) מיט אונדז. אין כאַליאַווע האָט ער מסתמא אַ לאַנג, שאַרף מעסער און וועט אונדז איבערשניידן די העלדזער ווי מען שעכט קעלבער. דערנאָך וועט ער אויסטאָפּן אַלע בגדים אונדזערע; ער וועט געפינען וואָס ער זוכט און אונדזערע טויטע גופים וועט ער אַרויסוואַרפן אויפן מיסט. קיין האָן וועט נישט קריייען.

— אָבער גוואַלד, דו, שמעון שוטה, — האָט דאָס יינגל זיך געשטראָפט, — וואָס פּלוידערסטו? מיר זענען דאָך פירען און ער איז איינער. דער כערסאָנער וועט דאָך אים צעשפּאַלטן דעם קאָפּ מיט דער קוליע זיינער. און דער פּערעיאַסלאַווער...

דער בעל־עגלה האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם „טפּרו!" אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אַראָפּגעשפּרונגען פון קעלניע און אויסגערופן:

— און אָט איז דער בית־מדרש. פאַרכאַפּט די באַלעבאָטים. מען דאַוונט נאָך מערב. „זשיוואָ!" (לעבעדיק), חברה, טשוכעט זיך אויס, נעמט די קאַרזינקעס און קומט מיט מיר.

שמעון אַ בלייכער און פול מיט כעס אויף זיך, איז אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער. ער האָט זיך געמוסרט:

— אַז אַ וועלט רופט דיך משוגע, איז גלייב.

***

זיי זענען אָנגעקומען אין שול ווען די אבלים האָבן געהאַלטן אין אָפּזאָגן קדיש. דער בעל־עגלה איז געבליבן שטיין מיט די פיר בחורים ביי דער טיר. ווען מען האָט געענטפערט דעם לעצטן אמן, האָט ער אויסגערופן פריידיק:

— יידן, איך האָב געבראַכט פיר ישיבהניקעס.

די עטלעכע מנינים יידן זיינען פריידיקן אויסגעשריי אויפגענומען שווייגנדיק און זיך אָנגעהויבן צעגיין. זיי האָבן אַלע געדאַרפט פאַרבייגיין דעם בעל־עגלה און די בחורים, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט לעבן די ישיבהניקעס. זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פון בית־מדרש מיט די אויגן אָפּגעקערט פון די געסט, געמאַכט זיך ווי זיי זוכן די מזוזה, אָנגערירט די מזוזה מיט צוויי פינגער און אַרויס.

באַלד איז פון ערגעץ אַרויסגעקומען דער שמש, אַן עלטערער ייד מיט אַ

געדיכטער שוואַרצער באָרד, דורכגעשטרייפּט מיט גרויע פּאַסמעס. ער איז צו־געגאַנגען צו די יינגלעך, זיי אָפּגעגעבן שלום־עליכם און זיך אָנגערופן:

— זע נאָר, טאַקע פיר בחורים. און איך האָב געמיינט די גאַנצע צייט, אַז די מעשה מיט דער ישיבה, וואָס אונדזער רב האָט פאַרטראַכט, איז אַן איינרייי־דעניש. אויף וואָס דאַרף האָבן קרעמענטשוג אַ ישיבה?

שמעון האָט באַקוקט דעם שמש און זיך געוווּנדערט: אַן עלטערער ייד, אַ שמש, און גייט אָנגעטאָן אין אַ פּידזשאַק. און דער פּידזשאַק איז ווי עפּעס אַן אַנטליענער. די אַרבל צו קורץ און צו ענג, גייט ער אַן אָפּגעשפּיליעטער.

דער בעל־עגלה האָט אַ לאַך געטאָן.

— ר׳ שייע, ס׳איז שוין גאָרנישט קיין איינריידעניש. זעט, פיר בחורים ווי די בעכערס. דאָס איז נאָר אַן אָנהייב. ר׳ לייזער האָט מיר געזאָגט, שבת נאָכן עין־יעקב, אַז ער ריכט זיך אויף גאַנצע פינף און צוואַנציק בחורים. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל האַלטן אַן אויג אויף די פּאַראַכאָדן. סיי אויף די וואָס קומען אָן פון אַרויף־וואַסער, און סיי די וואָס קומען פון אַראָפּ־וואַסער. הײַנט איז דער ערשטער פּעטשאַטאַק (אַדערויף). איך האָב זיך געאײַלט, געוואָלט אָנקומען אין בית־מדרש ווען די באַלעבאַטים זענען נאָך דאָ. נו, — האָט דער בעל־עגלה געזאָגט אַן אַנטוישטער, — האָט איר געזען.

דער שמש האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד:

— דו זאָלסט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות צו אונדזערע באַלעבאַטים. האָסט געזען ווי זיי האָבן זיך צעקראָכן? זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט דעם סאַ־וועסטס (איידלקייט) אָפּצוגעבן שלום־עליכם די בחורים. איך אייל זיך, איך דאַרף נאָך הײַנט האַלטן שמירה ביי אַ מת. רוף אַרויף צלאַלן. ער וועט אויס־לעשן דעם בית־מדרש און ער וועט שוין באַזאָרגן די קינדער מיט אַ נאַכטלעגער און אַ צובייס. מאָרגן איז אויך אַ טאָג ביי גאָט, ר׳ לייזער וועט קומען, מירן זיך דאַרפן לאָזן איבערן שטאָט באַזאָרגן זיי מיט טעג און אפשר מיט געלעגערס. אין שול איז נישטאָ קיין אָרט צו שלאָפן פאַר צו פיל בחורים. נו, איך האָב זיך פאַררעדט. איך גיי, רוף אַרויף צלאַלן. און איר, קינדער, זאָרגט נישט, קרעמענ־טשוג איז דאָך אַ יידישע שטאָט. אַ סימן האָט איר, ר׳ לייזער איז רב ביי אונדז.

שייע האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַרויס פון בית־מדרש און דער בעל־עגלה האָט געלאָזן די פיר בחורים שטיין אין שול און איז אַראָפּ אונטן אין קעלער און איז באַלד צוריקגעקומען מיט צלאַלן.

**
*

ווען שמעון האָט אָנגעקוקט צלאַלן, האָט ער צעעפנט די אויגן מיט חידוש. אַזאַ משונהדיקע בריאה האָט ער קיינמאָל נישט געזען. אַ קורץ געפּאַקט מענ־

טשעלע, ברייטער ווי לענגער. די אָרעמס מאָדנע קורצע און די הענט־פּלאַכן און די פינגער צו קליין אַפילו פאַר אַזעלכע קורצע אָרעמס. די רעכטע האַנט איז נאָך דערצו געווען קירצער פון דער לינקער און איז געהאַנגען מאָדנע באַלכסון ביי אים אויף דער זייט. די פיס זיינע זענען געווען וויביידע וואָלטן געווען לינקע און אויסגעקערט איינער צום אַנדערן. שפּעטער האָט שמעון זיך דער־וווּסט, אַז מען רופט אַזעלכע פיס „טויבן־פיס". דער קאָפּ איז ביי אים געווען דווקא אַ נאָרמאַלער, אָבער די אויגן — צוויי בלויע שפּילקעלעך פון אַ ליאַלקע־קעפּל. די האָר זענען געווען געדיכטע, געלבלעכע. באַוואַקסן איז ער געווען ווי ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשוירן. דאָס פּנים זיינס איז דווקא געווען אַ ריינס, אַ גלאַטס, אָן אַ סימן פון אַ באָרד. דאָ און דאָרט אַ פּאָר הערלעך, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון אַ באַראָדעווקע. אָבער דאָס מויל האָט געהאַט אָפּגעטאָקטע ליפּן און אַ קינדעריש שמייכל האָט גערוט אויף זיי. ווען ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך געוויגט ווי אַ קאַטשקע.

ער איז צוגעגאַנגען צו די בחורים מיט אַ צעלויכטענעם פּנים און אויסגע־רופן ווי צו אַלטע באַקאַנטע:

— שלום־עליכם, ישיבהניקעס! שטייט נישט מיט קיין אַראָפּגעלאָזענע נע־זער. עס וועט זיין רעכט. פייפט אויף אונדזערע שיינע באַלעבאַטים. אויך מיר מענטשן.

פון צוויי זאַכן איז שמעון געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער און איבערראַש־טער: פון צלאלס האַנטדרוק און זיין קול. צלאל האָט געגעבן שלום־עליכם יעדן איינעם פון די בחורים. זיין האַנטדרוק איז געווען אַ קרעפטיקער, גאָרנישט לויטן אויסזען פון די קליינע הענטעלעך וואָס ער האָט געהאַט. נאָך מער איז שמעון נתפּעל געוואָרן פון צלאלס קול. די שטים זיינע איז געווען אַ ריינע, אַ ברוסטיקע, אַ מענערשע. די רייד וואָס זענען אַרויס פונעם קליינעם מיילכל, זענען אַרויס־געקומען שאַרף, קלאָר. אַ זיכערקייט און זעלבסט־חשיבות איז געווען אין דעם טאָן און קלאַנג פון דער שטים. די קרעפטיקע מענלעכע שטים האָט אינגאַנצן פאַרלייקנט דאָס נישטיקע אויסזען פון צלאלן. יאָרן, יאָרן שפּעטער האָט שמעון געלייענט ביי י. ל. פּרצן, אַז דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן קען מען דערקענען נאָך דער שטים נאָך. אַ גאַנצער מענטש האָט אַ קול מיט אַ ריינעם קלאָרן קלאַנג.

„לייכטער, זאָגט ר׳ חייא, וואָלט שוין געווען צו דערקענען אַ מענטשן אי־בעם קול. אין דעם האָט ער געהאַט זיין אייגענע שיטה:

„משול — פלעגט ער זאָגן — כחרס הנשבר — אַ פּראָסטער מענטש איז נישט מער ווי אַן ערדענער שאַרבן. און דער גאַנצער מענטש, דער אדם השלם — צו אַן ערדענער כלי, וואָס קען אין זיך מקבל זיין די תורה און פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. הני מילי? ווען דער טאָפּ איז גאַנץ, ווי אַזוי דערקענט מען אָבער

צי דער טאָפּ האָט נישט קיין שפּעלטל, כאָטש עס איז מיטן אויג נישט צו דער־זען? מוז מען אָנקלאַפּן אָן דעם טאָפּ און הערן זיין קלאַנג. האָט דער טאָפּ אַ ריי־נעם פולן קלאַנג, מה טוב! אַנישט איז טאָקע משול כחרס הנשבר. און אַזוי אויך דער מענטש.

„אַ מענטש, וואָס איז נישט גאַנץ, קען האָבן אַן אויבער־קול, אַן אונטער־קול, אַ ביי־קול, אַ צעשפּאָלטן קול, אַ ציטעריק קול, אָבער נישט קיין ריינעם קלאָרן קלאַנג; קיין רעכט קול האָט ער נישט.״

ווען שמעון האָט עס געלייענט, יאָרן שפּעטער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער ערשטער באַגעגעניש מיט צלאלן און צלאלס קלאָרן, ריינעם קול. שמעון האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער איז אַזוי שנעל צוגעבונדן געוואָרן צו דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן. אַ פּאָר טעג נאָך דער באַגעגעניש, האָט דאָס דרייצן־יאָריקע ייִנגל מער נישט באַמערקט צלאלס מאָדנעם אויסזען.

און דער קליינער צלאלע, ווי די ישיבהניקעס האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, אָדער צלאל דער מעכאַניק, ווי די שטאָט האָט אים גערופן, האָט אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַרום די בחורים.

— איר בחורים, נעמט אייערע קעסטלעך, קאַרזינקעס און פּעקלעך און טראָגט זיי אַרויף אין דער ווייבערשער שול און שטעלט זיי דאָרטן אַוועק. לאָזט זיי דאָרטן איבער, פאַרכט נישט, קיינער וועט זיי דאָרטן נישט אָנרירן. מאַכט ליכטיק און וואַשט זיך איין פון האַנט־פּאַס. דערנאָך קומט אַראָפּ צו מיר אין קעלער. אָבער איידער וואָס־ווען, דערלאַנגט צו פּעטאַקלעך (פינף קאָפּיקעס), וועל איך אַרויס און ברענגען הערינג, קאַרטאָפל, קעז, טיי און צוקער און מירן צוגרייטן אַ וועטשערע, וואָס וועט פּאַסן אַפילו פאַר אַחשורושן. מירן האָבן די אמתע סעודה און מירן בענטשן מיט אַ מזומן. און דו, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום בעל־עגלה, — וואָס וועסטו גיין אַהיים? דו ביסט דאָך אַ טרוקענער שפּאָן, אָט ווי איך, אָן ווייב און קינד. איז גיב זשע מיר אויך צושטייער אַ פּע־טאַקל און מיר דיך צורעכענען צו דער סעודה. שאַ, מירן דיך מכבד זיין מיט בענטשן.

— און וואָס וועל איך טאָן מיטן פערד? מען דאַרף עס אָנקאָרמען און אָנפּאָיען (אָנטרינקען).

— פיר עס אַריין אין הויף פון שול.

— וועל איך דאָך דאַרפן פריִער אויסשפּאַנען און דערנאָך איינשפּאַנען, — האָט זיך דער בעל־עגלה געקראַצט אין פּאַטילניצע.

— ביסט גאָר קיין מענטש נישט, — האָט צלאל געענטפערט מיט אַ היפּ־שער רוגזה, — קוקט אים נאָר אָן! זאָג מיר, ווען האָסטו די מזלדיקע שעה צו בענטשן מיט אַ מזומן? און ווען איז מען עס מכבד „אַ נאַש בראַט״ (איינעם אַן

אונדזעריקן) מיט בענטשן? עס איז גאָר ביי דיר נישט ווערט די טירחה פון אויס־שפּאַנען און איינשפּאַנען דאָס פערד?

שמעון געדענקט נאָך איצט די סעודה. אונטן, אין קעלער, ווו צלאל האָט געוווינט, האָט ער געגרייט אַ טיש, טאַקע מיט אַ טישטעך און מיט ריינע טעלער און גאַנץ לייטישע גאָפּל, מעסער און לעפל. (שמעון האָט זיך שפּעטער דערוווסט אַז דאָס געפעס האָט געהערט צום בית־מדרש, ווו מען האָט אָפט געפּראַוועט אַ שמחה). צלאל האָט אָנגעצונדן אַ בליך־לאָמפּ. דער צימער איז געווען ריין און ציכטיק. נאָר ביי דער וואַנט איז געשטאַנען עפּעס אַ מאַשין צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט (אַזאַ דיקע לייוונט). צלאל האָט צוגעגרייט שוין איין מאָל אַ וועטשע־רע! אַ גאַנצע סעודה. ער האָט אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל, מעליקע און באַטעמטע; ער האָט צוגעגרייט צוויי הערינג, זיי געמאַכט ווי די בעסטע געשיקטסטע באַלע־באָסטע, צורעכט געמאַכט זיי מיט אַ ציבעלע, עסיק און פעפער. ער האָט גע־בראַכט מאַסלינקע, אַ גאַנצן קריגל. יעדן בחור האָט ער צום סוף פון מאָלצייט דערלאַנגט אַ זיסע, שטאַרקע גלאָז טיי. מער פון אַלץ איז אָבער שמעון געווען איבערראַשט פון דעם הייסן ווייצענעם פרישן ברויט. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווען דאָס ייִנגל האָט געגעסן פרישע חלה אין דער וואָכן. אין שטוב ביי זיי, און אין גאַנץ שטעטל האָט מען געגעסן חלה אין דער וואָכן נאָר ווען ס׳איז איבערגעבליבן אַ שטיקל חלה פון שבת.

צלאל האָט באַדינט די בחורים מיט דער פרייד פון אַ מאַמען, וואָס דער־לאַנגט עסן איר בן־יחיד. און דער בעל־עגלה, מען האָט אים גערופן אביגדור, אַ באָמען וואָס שמעון האָט נישט געהערט אין זיין קאַנט, איז געזעסן אַ צעשטראָל־טער, אַ גליקלעכער און האָט וויניק געגעסן — מורא געהאַט מסתמא אַז עס זאָל נישט זיין געגוג פאַר די אויסגעהונגערטע בחורים. אָבער טיי האָט ער געטרונ־קען אַ צוויי גלעזער און טאַקע זיסן טיי.

צלאל האָט דערלאַנגט מים אחרונים. אביגדור האָט אָפּגעגאָסן די שפּיץ־פינגער, געוואָרן רויט און אָנגעהויבן שטאַמלענדיק:

— רבותי, מיר וועלן בענטשן.

און די פיר בחורים האָבן געענטפערט אויפן קול:

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

אביגדורס קול איז געוואָרן אַביסל זיכערער:

— ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך שאכלנו משלו.

און די בחורים האָבן נאָך מער פייערלעך געענטפערט:

— ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו.

איצט האָט אביגדור צוגעמאַכט די אויגן, זיך צעשאָקלט און אויסגעלאָזן מיט אַן אמת פעסטן הויכן קול:

— ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו.

שמעון האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז אביגדורס פּנים האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם בעל־עגלהשן אויסקוק. עס איז געזעסן ביים טיש אַ שײנער ייִד, וואָס זאָגט תורה. דער ברייט־פּלייציקער בעל־עגלה האָט אַפילו אַרויסגעלאָזן אַ למדנישן קרעכץ: „איי, איי, רבונו של עולם, ברוך הוא, וברוך שמו״ און אָנגעהויבן זאָגן דאָס בענטשן אינײנעם מיט די ישיבהניקעס אויפן קול און אויף אויסנווייניק.

***

די פיר בחורים האָבן זיך צעלייגט אויף די האַרטע בענק פון דער ווייבערשער שול. אַ פּעקל צוקאָפּנס, קיין אונטערלייג, זיך צוגעדעקט מיטן פּאַלטאָ און געשלאָפן. שמעון איז אײַנגעשלאָפן ווי נאָך אַ משמור.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אויסגעשלאָפענער און אַן אויסגערוטער, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, ווי זיין שטייגער איז געווען ביי דער מאַמען אין שטוב, אין דער בעקעריי. די שטומע שטילקייט פון בית־מדרש האָט אים צעטומלט. אין זיין האַלב־וואַכיקייט האָט ער נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך. ער האָט זיך אויפגעזעצט. אַ שטראַל ליכט האָט אַריינגעשפּאַרט פון אונטן צום אייבערשטן פענצטער פון דער ווייבערשער שול. שמעון האָט דערזען דעם נר־תמיד און זיך דערמאָנט, אַז ער איז אין קרעמענטשוג אין דער ישיבה און ער נעכטיקט אין דער ווייבערשער שול.

ער האָט זיך געוואָלט צוריקלייגן שלאָפן, אָבער זיינע אויגן האָבן אויפגעכאַפּט אַ מאָדנע זשומען און ריטמישן קלאַפּן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער קעלער־שטוב פון בית־מדרש, פון צלאלס דירה. שמעון האָט זיך אין דער פינצטער אָנגעטאָן, צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס און אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך אַראָפּגעלאָזן פון דער ווייבערשער שול, אונטן אין בית־מדרש. פון אונטער דער טיר, וואָס האָט געפירט צו צלאלן אין קעלער, האָט זיך געזען ליכט. שמעון איז אַראָפּ אין קעלער־שטוב.

צלאל איז געשטאַנען לעבן דער מאַשין, וואָס שמעון האָט זי געזען אַ צוגעדעקטע, און געאַרבעט. ער האָט געהאַקט פרענדזן אין קאָלירטן פּאַפּיר. ער האָט מיט ביידע הענט געשיקט אָנגענומען אַ שטויס לאַנגע בויגנס פּאַפּיר פון אַ קופּע, וואָס איז געלעגן דערביי אויף אַ באַנק און עס אַרויפגעלייגט אויף אַ פלאַכן אייזן, וואָס איז געווען לעבן די ציין פון דער מאַשין. ער האָט אַ שטופּ געטאָן דעם שטויס פּאַפּיר און אַ קוועטש געטאָן מיט דעם רעכטן פוס אויף אַ טרעטער. די בויגנס פּאַפּיר האָבן זיך אַ רוק געטאָן און די שאַרפע שטאָלענע מעסערס האָבן איינגעהאַקט די פרענדזן, אַט ווי אַ פרוי בראַקט לאָקשן. און שנעל האָט צלאל אַ שאַר געטאָן מיט דער לינקער האַנט אַ הענטל און דער גאַנצע שטויס פּאַפּיר האָט

זיך אַרויסגערוקט פון אונטער די שאַרפע מעסערס. פון זיך אַליין זענען אַרויס־געשפרונגען צוויי פאַרבייגטע פרענטלעך, אַ כאַפּ געטאָן דאָס צעהאַקטע פּאַפּיר און עס אַראָפּגעלאָזן אין אַ טיף קעסטל, וואָס איז געווען אריינגעאַרבעט אין אַ זייט פון דער מאַשין.

שמעון איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעריסן מויל פון שטוינען. צלאלס קורצע הענט און זיינע פאַרקריפּלטע פיס האָבן זיך באַוועגט געשיקט, פלינק, יעדער קער זיינער איז געווען צוגעפּאַסט צו די באַוועגונגען פון דער מאַשין. שמעון האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט פון דעם אויסדרוק „ריטמיש". האָט ער געטראַכט — די פיס און הענט פון צלאלן זענען צוגעקלעפּט צו דער מאַשין. צו דער רגע, וואָס די וואַלצן און הענטלעך פון דער מאַשין טוען זיך אַ דריי, טוען זיך צלאלס הענט און פיס אויך אַ דריי. נאָך מער האָט זיך שמעון געוווּנדערט ווי גרינג צלאל כאַפּט אויף דעם שטויס קאָלירטן פּאַפּיר. די בויגנס זענען ברייטע און לאַנגע, אַ שטויס פּאַפּיר איז אַ גאַנץ שווערע משא און צלאל הייבט עס אויף ווי דאָס פּאַפּיר וואָלט געווען געמאַכט פון פעדערן.

צלאל איז געשטאַנען ביי דער מאַשין און נישט אומקערנדיק זיך האָט ער אויסגערופן:

— ווער שטייט עס ביי דער טיר?

— דער קאַלינקאָוויטשער, — האָט שמעון געענטפערט.

— וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען אַזוי פרי? עס שלאָפט זיך נישט אויף דער האַרטער באַנק?

—פאַרקערט, געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער, — האָט שמעון געענטפערט. — אָבער ס'איז ביי מיר אַ הרגל אויפצושטיין פאַרטאָג. ביי אונדז אין שטוב איז אַ בעקעריי, שטייט מען אויף גלייך מיט גאָט.

— נו, איז טאַקע גוט, וואָס דו ביסט אַראָפּגעגאַנגען צו מיר, עס וועט זיין אַביסל פריילעכער. אָט ווער איך באַלד פאַרטיק, איך וועל מאַכן אַ גלעזל טיי און מיר וועלן אַריינכאַפּן אַ גלעזל וואַרעמס פאַרן דאַווענען.

צלאל האָט באַלד אָפּגעשטעלט די מאַשין, צוגעדעקט זי מיט אַ גרינעם לייוונט. ער האָט צונויפגעקליבן די שניצלעך פּאַפּיר פון דיל און זיי אַריינגע־לייגט אין אַ זאַק. ער האָט געשטעלט אַ קליינעם סאַמאָוואַר און געוואַרט דאָס וואַסער זאָל אויפקאָכן. דערווייל האָט ער זיך געזעצט ביים טיש אַנטקעגן שמעונען. דאָס יינגל האָט אים געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ מאָדנע מלאכה טוט איר דאָ?

— אַ מלאכה ווי אַלע מלאכות, — האָט צלאל געענטפערט, — איך שנייד איין פרענדזן אין געפאַרבטן פּאַפּיר, דערנאָך צעשנייד איך די בויגנס אויף לאַנגע פאַסן און די לאַנגע פאַסן אויף קליינע שטיקעלעך צו וויקלען צוקערקעס. מען

װיקלט אין דעם דאָזיקן פּאַפּיר, די לאַנגע, װײכע, פֿון זיסן טײג געמאַכטע צו־קערקעס.

— איז װאָס איז דאָס פֿאַר אַ פּרנסה? — האָט זיך שמעון געװוּנדערט. — מען לײזט די צוקערקעס צװײ פֿאַר אַ קאָפּיקע. איז װיפֿל איז שױן װערט דאָס פּאַפּירל װאָס מען װיקלט אײַן דאָס שטיקל זיסע טײג? איז װיפֿל קען מען פֿאַר־דינען פֿון צעשנײַדן דאָס פּאַפּיר אױף קלײנע שטיקלעך און אײַנשנײַדן פֿרענדזן אין די פּאַפּירלעך?

— מען צאָלט אַ תּשבורת פֿון אַ פּרוטה — האָט צלאל געענטפֿערט. — אָבער װיפֿל דאַרף איך? אַ דירה האָב איך אַן אומזיסטע. אױך פֿאַלט אַרײַן אַ גראָשן פֿון מײַן פּאָד־שמש (זײַן אונטער־שמש). קײן װײַב און קינדער האָב איך נישט. קײנמאָל נישט חתונה געהאַט. גוליאַיען (הוליען, פֿאַרברענגען) גוליאַיע איך נישט. פּוצן זיך האָב איך פֿײַנט. איז װיפֿל איך פֿאַרדין איז מיר גענוג. טאָמער דאַרף איך אַ פּאָר רובל אױף מײַנע מכשירים, גײ איך אַװעק צו אַ שלאָ־סער און פֿאַרדין װיפֿל איך דאַרף. אַביסל געלט האָב איך — אָפּגעשפּאָרטע.

שמעון האָט נישט געקענט צעקײַען אַלץ װאָס צלאל האָט געזאָגט. ער האָט אַפֿילו נישט געקענט באַנעמען אינגאַנצן צלאלס מלאכה, האָט ער אים געפֿרעגט:

— אָבער װי אַזױ האָט איר געקענט זיך פֿאַרגינען אַזאַ גרױסע טײַערע מאַשין? ס'איז דאָך אפֿשר דרײַ מאָל די װערט פֿון אַ זינגער־מאַשין. און אַ נײ־מאַשין קאָסט אַרום הונדערט רובל. און אַ מאַשין האָט אַ טבע צו צעברעכן זיך, דאַרף מען זי פֿאַרריכטן, קאָסט עס װײַטער געלט. איך װײס עס. מײַן שװאָגער האָט אַ שנײַדערשע מאַיסטערסקאַיע (װאַרשטאַט).

— ס'קאָסט מיך אַ שיבוש. די מאַשין האָב איך אַלײן געמאַכט. — האָט צלאל געענטפֿערט, — און פֿאַרריכטן די מאַשין? אױך מיר אַן עסק!

— װאָס? — איז שמעון אױפֿגעשפּרונגען פֿון באַנק — איר אַלײן האָט צונױפֿגעשטעלט די מאַשין?

— עס האָט מיר געדױערט אַ פּיר חדשים, — האָט צלאל געענטפֿערט רויק, — איך האָב זי נישט נאָר אַלײן צונױפֿגעשטעלט, נאָר איך אַלײן האָב געמאַכט די װאַלצן, די העבטלעך, די שרײַפֿלעך און אַפֿילו די מעסערס.

שמעון האָט אױף אים געקוקט אומגלױבלעך. ער האָט װי אַרױסגעשטאַמלט:

— אַ ייִד װאָס קען אױפֿטאָן אַזעלכע זאַכן, דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ „אַבי װאָס מיר“ אַן אַרבעט?

דער סאַמאָװאַר האָט אָנגעהױבן זידן. צלאל האָט אים אַרױפֿגעשטעלט אױפֿן טיש, אָנגעגאָסן צװײ גלעזער טײ, געטרונקען פֿון דער הײסער גלאָז און גערעדט:

— פֿאַרשטײסטו מיך, קאַלינקאָװיטשער, איך קען אַרבעטן אין אַ גרױסער „מאַיסטערסקאַיע“ (װאַרשטאַט) און פֿאַרדינען פֿינף און צװאַנציק רובל אַ װאָך.

איך קען פאַרריכטן אַלערליי מאַשינעס און מאַכן אַפילו טיילן פון מאַשינעס. אָבער איך האָב ליב צו זיין באַלעבאָס פאַר זיך. די שמשעריי פאַרנעמט ביי מיר ווייניק צייט, איבערהויפּט זומער. ווינטער דינג איך אַ גוי צו הייצן די הרובעס, האָב איך צייט אויף צו טראַכטן און פאַרקען זיך מיט מיינע אויסטראַכטענישן. אַט האַלט איך ביים אויסטראַכטן די אמתע מאַשין — די „פערפּעטום מאָבילע" מאַשין.

— וואָס איז דאָס? — האָט שמעון געפרעגט.

— דאָס איז אַ מאַשין, וואָס זאָל גייען אַלע מאָל פון זיך אַליין.

— אַלע מאַשינעס גייען פון זיך אַליין, — האָט שמעון געטענהט. — אַ לאָקאָמאָטיוו אָדער די מאַשין וואָס טרייבט אַ פּאַראַכאָד.

— איי, דו פאַרשטייסט עס נישט, קאַלינקאָוויטשער, מאַשינעס גייען נישט אַליין. מאַשינעס דאַרף מען געבן עסן. דאָס עסן גיט זיי ענערגיע.

— וואָס איז ענערגיע?

— ענערגיע, — האָט צלאל אָנגעהויבן דערקלערן בנעימות, — מיינט כוח צו טאָן אַרבעט. דו האָס געזען ווי איך האָב געאַרבעט מיט דער מאַשין? איך האָב געקוועטשט אויף אַ טרעטער און געשאַרט העגטלעך. מיין כוח האָב איך אַריינ־געטאָן אין טרעטער. דער טרעטער האָט איבערגעגעבן מיין כוח צו אַ רעדל, דאָס רעדל צו אַ וואַלץ, און די מאַשין האָט זיך געדרייט און געאַרבעט. האָסט דאָך געזען ווי אַ זינגער־מאַשין גייט? מען קוועטשט אויף אַ ברעטל אַרויף און אַראָפּ און די מאַשין קלאַפּט. דאָס שיפעלע רוקט זיך און די נאָדל שלעפּט דאָס פאָדעם. וואָס טוט מען אַז אַ מיל זאָל מאָלן? אַ פערד דרייט דעם ראָד. ווי גייט אַ זייגער? מען ציט אים אָן.

— אָבער אַ ווינטמיל דרייט קיינער נישט אָן. — האָט שמעון געזאָגט.

— מאַכסט אַ טעות, קאַלינקאָוויטשער, דער ווינט דרייט די פליגלען. דער ווינט איז די ענערגיע וואָס גיט כוח דער ווינטמיל. בלאָזט נישט קיין ווינט דרייען זיך נישט די פליגלען, קלאַפּן נישט די וואַלצן און די שטיינער מאָלן נישט. אין אַ לאָקאָמאָטיוו ברענט מען האָלץ, דאָס האָלץ וואַרעמט אָן דאָס וואַסער אין קעסל, פון וואַסער ווערט דאַמף און דער דאַמף דרייט די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו און דער לאָקאָמאָטיוו שלעפּט די וואַגאָנעס. אין אַמעריקע זענען פאַראַן מאַשינעס וואָס ווערן געטריבן פון עלעקטריע. אָבער עלעקטריע ווערט געמאַכט פון קוילן אָדער האָלץ אָדער אַ וואַסערשטראָם. אָבער איך וויל מאַכן אַ מאַשין וואָס וועט גיין פון זיך אַליין. מען וועט נישט דאַרפן קיין האָלץ, קיין קוילן, קיין דרייען פון פערד, קיין קוועטשן אויף טרעטער, קיין ווינט, וואָס זאָל דרייען פליגלען. עס וועט גיין אייביק און אייביק פון זיך אַליין. איך וועל ראַ־טעווען די וועלט.

— איז ווי האַלט עס מיט אייער אויסטראַכטעניש? — האָט שמעון גע־פרעגט.

— איך בין שוין אויף אַ דרך. הינטערן שול אין אַ פינצטערן אַלקער שטייט מיין אויסגעטראַכטע מאַשין, וואָס אַרבעט שוין אַביסל. איך דאַרף נאָר איר אַ שטויס טאָן אַביסל יעדע ווײַלע. טויג עס דערווייל נישט. זי דאַרף אייביק גיין מיט איין שטויס. אַרבעט איך אויף איר, בייט וואַלצן, שטאַבן, שרייפלעך, הענט־לעך און רעדלעך. איך דאַרף עס טאָן בסוד, ווייל טאָמער געפינען עס אויס די גרויסע גבירים, וואָס זענען באַלעבאַטים איבער די גרויסע פאַבריקן, דאַן נעמען זיי ביי מיר צו דעם סוד.

— אָבער ווו האָט איר עס זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ מאַשיניסט?

— אוי, ס'איז אַ לאַנגע מעשה. איך וועל דיר עס אַמאָל דערציילן. איך בין געגנוג אויסגעשטאַנען. איך האָב...

צלאל האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— איך הער, אַז ר' לייזער האָט געעפנט די טיר, איך דערקען זיין טראָט.

די פענצטער זענען שוין געווען בלוי פונעם פאַרטאָגיקן ליכט. צלאל און שמעון זענען אַרויף אין שול.

***

ר' לייזער איז געשטאַנען לעבן ארון־קודש און לעבן אים זענען געשטאַנען די פיר ישיבהניקעס. ווען ער האָט דערזען צלאלן האָט ער אים אַ רוף געטאָן:

— אָט טאַקע אייך וויל איך זען.

צלאל איז צוגעגאַנגען צו ר' לייזערן און מיט גרויס אָפּשיי אים אָפּגעגעבן אַ גוט־מאָרגן. ר' לייזער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן בייזערן:

— אויף אייך, צלאל, האָב איך זיך נישט געריכט. פאַרוואָס האָט איר מיר נישט מודיע געווען, אַז פיר בחורים זענען אָנגעקומען גלייך נאָך מעריב?

— איך האָב אייך נישט געוואָלט מטריח זיין. — האָט צלאל געענטפערט.

— איר האָט מיר בעסער געדאַרפט מטריח זיין, — האָט געענטפערט ר' לייזער. — אַ שיינעם קבלת־פנים האָבן זיי דאָ געקראָגן ביי אונדז. קיינער האָט זיי נישט פאַרבעטן אויף וועטשערע און קיינער האָט זיי נישט אָנגעבאָטן קיין געלעגער. עס איז דאָך גאָר מעשה — איך וויל פון מויל נישט אַרויסריידן, וואָס עס ליגט מיר אויף דער צונג.

— קיין היזק נישט, רבי, זיי זענען געווען מיד פון וועג, צו וואָס האָבן זיי זיך געזאָלט שלעפּן אין דער פינצטער ערגעץ אויף אַ וועטשערע אָדער איבער־צושלאָפן. איך האָב פאַר זיי אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל, געמאַכט אַ הערינג, געבראַכט מאַסלינקע (זויער־מילך) און זיי אַפילו מכבד געווען מיט זיסן טיי, — אַ סעודה

כיד המלך. מיר האָבן געבענטשט מיט אַ מזומן, מיר האָבן געהאַט אמתע עולם הזה און איך בין דאָך אויך אַ היגער ייִד.

ר׳ לייזער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ס׳איז זייער שיין וואָס דו ביסט מלמד זכות אויף קרעמענטשוג, אָבער ס׳איז נישט רעכט וואָס מיר האָבן געטאָן. קיינער פון אונדז האָט דאָך נישט געוווסט, אַז דו וועסט באַזאָרגן די בחורים מיט עסן און אַ געלעגער. באמת האָבן מיר, די קרעמענטשוגער באַלעבאַטים מיטן רב בראש, איבערגעלאָזן די בחורים אויף הפקר. ס׳איז נישט רעכט אַזוי. ווי דער מרא דאתרא טאָר איך עס נישט פאַרשווייגן.

ווען ר׳ לייזער האָט גערעדט, האָט שמעון נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים. דער גאַנצער מענטש איז געווען איין שטיק אומרו. ער האָט טאַקע גערעדט שטיל, בנעימותדיק, אָבער די שטילע רייד האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון מויל ווי דאַמף פון אַ קעסל. ער איז געשטאַנען דוכט זיך רויִק אויף איין אָרט און נישט אויפגעהויבן דאָס קול. אָבער שמעון האָט באַמערקט, אַז ר׳ לייזער שטייענדיק אויף איין אָרט שטייט נישט איין. ער האָט יעדע ווײַלע אויפגעהויבן זיך אויף די שפּיץ פוס־פינגער און זיך אַראָפּגעלאָזן צוריק אויף דעם גאַנצן פוס־פלאַך. ער האָט עס געטאָן אויף אַ משונהדיקן פּאַמעלעכן אופן. אָבער דער סענסיטיווער שמעון האָט געפילט דעם שטילן ציטער פון דיל אונטער ר׳ לייזערס אומרויִקן אָנטרעט. נאָך אַ סימן פון ר׳ לייזערס אומרויִקייט האָט שמעון באַמערקט, די ברעמען ביים ראש־ישיבה זענען געווען שטאַרק פאַרצויגן און די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן זענען געבליבן דורך דעם גאַנצן געשפּרעך.

מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען. ר׳ לייזער האָט אַראָפּגערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ און זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך צעשאָקלט. שמעון האָט געמיינט, אַז מיט ר׳ לייזערס רייד צו צלאלן האָט זיך אויסגעלאָזן דעם ראש־ישיבהס רוגזה. אָבער דער ייִנגל האָט אַ טעות געהאַט. באַלד נאָך קריאת התורה, ס׳איז געווען דאָנערשטיק, האָט ר׳ לייזער זיך אַרויפגעאײַלט אויף דער בימה, אַ פּאַטש געטאָן אין שולחן און אָנגעהויבן ריידן:

— רבותי, איך וויל זיך מודה זיין בפני כל עם ועדה אויף אַ מעשה רע וואָס מיר זענען באַגאַנגען. פיר בחורים זענען נעכטן ביינאַכט געקומען צו אונדז לערנען תורה און מיר האָבן זיי נישט מקבל־פּנים געווען ווי עס פּאַסט פאַר זיי. איך, דער מרא דאתרא, האָב זיך פאַרלערנט אין קליינעם בית־מדרש און גאָר נישט געטראַכט אַז איך האָב געשיקט בריוו בכל תפוצות ישראל און פאַרבעטן בחורים אין אונדזער ישיבה. איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין, אַז זיי קענען אָנקומען אַ ליאַדן טאָג און איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף זיי. אָבער איך האָב פאַרגעסן, וואָס איך האָב נישט געדאַרפט פאַרגעסן. און איר, באַלעבאַטים, וואָס

זענען געווען דאָ נעכטן צו מעריב, האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגערוקט פון בית־מדרש און אַפילו זיי נישט געגעבן קיין שלום־עליכם. טוט נאָר אַ טראַכט, וואָס די בחורים וועלן וועגן אונדז שרייבן אַהיים. דער מאַזירער וועט שרייבן: טאַטע מיינער, מאַמע מיינע, איך בין געקומען בשלום קיין קרעמענטשוג, דער בעל־עגלה האָט מיך געבראַכט אין בית־מדרש און דער עולם האָט געענטפערט אמן צום לעצטן קדיש פון מעריב. אָבער קיינער פון די ייִדן איז צו מיר נישט צוגעגאַנגען און געגעבן שלום־עליכם; קיינער האָט מיר נישט געפרעגט צי איך בין הונגעריק און קיינער האָט מיך נישט געפרעגט ווו איך וועל אָווקלייגן מיין קאָפּ היינטיקע נאַכט. און דער קאַלינקאָוויטשער וועט אויך אַזוי שרייבן אַהיים און דער פּערעיאַסלעווער וועט דאָך עפּעס אַנדערש נישט קענען דערציילן און דער בערסאָנער וועט אויך דאָס זעלביקע זאָגן.

— רבותי, אוי לאותה בושה, אוי לאותה חרפה. איך פרעג אייך, וואָס וועט די וועלט זאָגן? מען וועט זאָגן אויף אונדז, אַז מיר האָבן נישט קיין ייִדישע הערצער; מען וועט זאָגן אויף אונדז אַז מיר האָבן מבזה געווען די תורה. מען וועט זאָגן אויף אונדז — וואָס זיי וועלן זאָגן אויף אונדז וועלן זיי זיין גערעכט.

— רבותי, פרעג איך אייך, וואָס זאָלן מיר איצט טאָן? וואָס זאָלן מיר מתקן זיין, אַז מיר זאָלן זיך נישט שעמען פאַר דער וועלט? פּשוט, מיר דאַרפן נאָך היינט באַזאָרגן די בחורים מיט טעג און נאַכטלעגער. מיר טאָרן נישט זאָגן קיין תחנון איידער יעדער איינער פון אונדז וועט נישט נעמען אויף זיך די דאָזיקע תשובה. געדענקט עס, רבותי!

ער איז אויף גיך אַראָפּ פון דער בימה און צוגעגאַנגען צו זיין אָרט לעבן אָרון־קודש, אַראָפּגערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ און אָנגעהויבן זאָגן תחנון.

צלאל, וואָס איז געשטאַנען לעבן די בחורים, האָט אַ קלאָפּ געטאָן מיט דער צונג:

— דאָס איז ר׳ לייזער. ברענט שטענדיק ווי דער סיני. איר וועט זען, מען וועט זיך רייסן איבער אייך נאָכן דאַווענען. איר זענט די ערשטע פיר, איז איילט זיך נישט. איר וועט קענען אויסקלייבן די בעסטע טעג און שענסטע קוואַרטירן.

קאַפּיטל 3

בריוו

פון די פולע צוויי יאָר, וואָס שמעון האָט געלערנט אין קרעמענטשוג געדענקט ער אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, אָפּגעזונדערטע געשעענישן, שאַרפן ראַנגלענישן, אויסטערלישע צווישנפאַלן און געציילטע מענטשן, וואָס האָבן אים באַווירקט. אָבער די אַלע זאַכן וואָס ער געדענקט זענען נישט פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן און שווימען נישט אַרויף אויפן זכרון אין אַ כסדרדיקן אופן. ערשט ווען שמעון לייגט זיי אויס אויפן פּאַפּיר זעט ער אַ פאַרבינדונג.

די זכרונות פון די צוויי יאָר אין דער אוקראַיִנער שטאָט זענען ווי דער־אָנוואָרף פון אַ מאָלער — אַ פּעדער־צייכענונג פון פּאַסיקלעך, ליניעס — קרומע און גלייכע. ווען מען קוקט אויף דעם פון דער ווייטנס זעט מען אַ טראַסע, אַן אוזאָר, וואָס פאָרמירט אַ בילד; און דאָס בילד באַשטייט נישט מער ווי פון קאָנטורן. דאָס אינעווייניקסטע פון די ליניעס איז אינגאַנצן ליידיק. איצט, ווען ער שרייבט, פילט אויס שמעון דאָס אינעווייניקסטע מיט זיין פאַנטאַזיע, איינבילדעניש און דערפאַרונג.

מאָדנע איז, וואָס פון די ערשטע חדשים אין דער ישיבה, געדענקט ער קלאָר און בולט יעדע קלייניקייט, אַפילו דעם וועטער און דעם ריח פון די אַקאַציע־ביימער, וואָס האָבן זיך צעבליט. אפשר צוליב די בריוו, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן אַהיים. צוויי בריוו האָט ער געשריבן. צוויי לאַנגע בריוו: אַ בריוו צו טאַטע־מאַמע און אַ בריוו צו ישראל־משהקען.

ווי אַזוי געדענקט ער די בריוו? ס'איז דאָך שוין אַ מעשה פון אַזוי פיל־יאָרן! איצט, ווען שמעון שרייבט זיין לעבן־געשיכטע איז ער פולע זעכציק יאָר. עס זענען פאַרגאַנגען גאַנצע זיבן און פערציק יאָר פון דער צייט וואָס ער איז געווען אין קרעמענטשוג. איז ווי קען אַ מענטש געדענקען קלאָר דעם אינהאַלט פון בריוו, וואָס זענען אַזוי לאַנג צוריק געשריבן געוואָרן?

מיט דער דערקלערונג איז פֿאַרבונדן אַ מעשה.

ווען שמעון איז נאָך געווען גאָר יונג האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער איז אַנדערש פֿון אַלע ייִנגלעך, ער איז אַן אויסדערוויילטער. דאָס געפֿיל איז צו־אים געקומען מסתמא, ווײַל די משפּחה האָט אים געהאַלטן פֿאַר איר שיינדל, זיך געגרויסט מיט אים, גערימט אים און אים אַרויסגעשטעלט ווי דעם איינציקן לערנער אין אַ משפּחה פֿון גאַלע בעלי־מלאכות. אַ גאַנצן לעבן טראָגט אין זיך שמעון יענעם פּסחדיקן חול־המועד־טאָג, ווען ער איז געזעסן מיט דער מאַמען אויף די טרעפּ פֿון דעם קאָרידאָר פֿון זייער הויז. מאַמע און זון האָבן גערעדט וועגן דער נסיעה אין דער ישיבה, אויף וועלכער דאָס ייִנגל האָט זיך אַוועקגע־לאָזט נאָך פּסח. דער סוף פֿון שמועס איז פֿאַרשלאָסן געוואָרן ביי אים אין זכרון אויף אייביק. די מאַמע האָט געזאָגט באַהאַרצט:

— אָבער, זון מיינער, איין זאַך וואָלט איך געוואָלט דו זאָלסט געדענקען: ווען דו וועסט ווערן אַ רבֿ, צי אַ דאָקטער, צי אַ מחבר פֿון ספֿרים — עס וועט זיכער מקוים ווערן, וואָס איך האָב געזונגען, ווען איך האָב אייך, ייִנגלעך, פֿאַר־וויגט: „תּורה וועסטו לערנען, ספֿרים וועסטו שרייבן”. ווען דו וועסט עס זוכה זיין צו טאָן זאָלסטו געדענקען, אַז עס זענען דאָ אַ סך שוסטערס אויף דער וועלט. זיי קומט אויך עפּעס.

און דאָס ייִנגל האָט געענטפֿערט מיט תּרעומות:

— האָסט שוין מיך געמאַכט פֿאַר אַ רבֿ, פֿאַר אַ דאָקטער, פֿאַר אַ מחבר. איך בין דאָך ערשט דרייצן יאָר אַלט און פֿאַר אין ישיבה עסן טעג.

— אַ מאַמעס האַרץ ווייס וואָס די צונג רעדט. — האָט די מאַמע געענטפֿערט מיט זיכערקייט. — מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט זיין אַ לערנער, נאָך ווען דו ביסט געווען אַ סידון. איך ווייס אַז דו וועסט זיין אַ גרוי־סער מענטש ביי ייִדן. וועסט נאָך אַמאָל דערמאָנען, וואָס איך רייד דאָ מיט דיר דאָ אויפֿן גאַניק, חול־המועד־פּסח, איידער דו פֿאָרסט אַוועק אין דער ישיבה. געדענק וואָס איך רייד איצט צו דיר.

שמעון האָט זיך נישט געדאַרפֿט אָנשטרענגען דאָס צו געדענקען, ווײַל טיף אין האַרצן האָט ער געגלייבט דער מאַמען. גאָר שנעל האָבן אָנגעהויבן מקוים ווערן דער מאַמעס רייד. קאַרגע פֿיר יאָר שפּעטער, ווען שמעון איז נאָך נישט אַלט געווען קיין זיבעצן יאָר, האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַכט־שורותדיקן געגראַמטן עפּיגראַם אין „החיים והטבע”. ער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז ער וועט זיין אַ שרייבער ביי ייִדן און זיך געהאַלטן פֿאַר אַ שרייבער. אַ שרייבער איז אַ וויכטיקער מענטש און דאַרף אָפּהיטן זיין ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל. דער יונגער שמעון האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָגבוך, וואָס ער האָט, אַמאָל מיט קורצע איבעררייסן, אַמאָל מיט לאַנגע איבעררייסן, אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ לעבן. אויך

האָט ער אָפּגעהיט בריוו. זיינע דערציילונגען און לידער האָט ער פּאַרזיכטיק געהיט אין דיקע פאַרשריבענע העפטן. בכלל האָט ער געהאַלטן אַ חשבון מיט זיך.

טאַטע־מאַמע האָבן נישט אַרויסגעוואָרפן זיינע בריוו, וואָס ער האָט גע־שיקט פון דער ישיבה. שמעון שמייכלט — אָט ווי ער האָט אָפּגעהיט די בריוו פון זיין בן־יחיד, וואָס ער האָט געשריבן פון די אוניווערזיטעטן, ווו ער האָט געלערנט. טאַטע־מאַמע האָבן דאָך ליב צו גרייסן זיך מיט זייערע געראָטענע קינדער. איבערהויפּט טאַטע־מאַמע פון געמיינעם שטאַנד. ווען שמעון איז צו אַכצן יאָר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער „צוגעגנבעט" זיינע בריוו, וואָס ער האָט געשיקט אַהיים און זיי מיטגענומען, מיט די דיקע העפטן און מיט דעם בומער „החיים והטבע", ווו זיין געגראַמטער עפּיגראַם האָט זיך אָפּגעדרוקט. איבער צען יאָר, אין אַמעריקע, האָט שמעון אָפּגעהיט זיינע ליטעראַרישע יוגנט־שאַפונגען. ווען ער האָט גראַדויִרט פון קאָלעדזש, איידער ער האָט געעפנט זיין קאַבינעט, האָט ער אָנגעהויבן איבערקוקן זיינע כתב־ידן, אַרויסצוואַרפן וואָס עס איז נישט נייטיק, ווי עס פירט זיך איידער מען קלייבט זיך אַריין אין אַ נייער דירה. ער האָט זיינע כתב־ידן געבראַכט אין אָרדענונג כדבעי. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען און עסייען אין טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן, האָט ער זיך שוין געהאַלטן פאַר אַן אמתן ליטעראַט, האָט ער איבער־געקוקט אַלע העפטן און אַרויסגעוואָרפן אַלץ וואָס עס האָט אין זיינע אויגן נישט געהאַט קיין ליטעראַרישן ווערט. פון די אַכט דיקע העפטן האָט ער אַראָפּגע־שריבן נישט מער ווי עטלעכע און נײַנציק זייטן, אַלע געשריבן אין לשון קודש. דאָס איבעריקע האָט ער פאַרברענט. די נײַנציק זייטלעך האָט ער נאָך עד היום.

ער האָט געהאַט געענוג שכל נישט אַרויסצוואַרפן די יוגנט־בריוו. ער האָט זיי אָפּגעהיט נאָך פולע צען יאָר, ביז ער האָט זיך אַריבערגעקליבן מיטן קאַבינעט אין אַ נייער דירה. אין דער איילעניש פון אַריבערקלייבן זיך האָט ער פאַרגעסן אין דער אַלטער דירה די בריוו, וואָס זענען געלעגן מיט פאַרעלטערטע רעקאָרדס, אויף אַ פּאָליצע אין אַן אַלמער אַריינגעבויט אין וואַנט (קלאָזעט). אויף מאָרגן האָט ער זיך דערמאָנט אָן די בריוו. ער איז אַוועקגעלאָפן אויף דער אַלטער דירה זיי זוכן. דער אַלמער איז געווען אויפגעראַמט ריין ווי אַ ייִדיש הויז ערב פּסח. דער הויז־אויפזעער האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע רעקאָרדס.

דעם בריוו וואָס ער האָט געשריבן פון קרעמענטשוג צו טאַטע־מאַמע גע־דענקט ער צוליב נאָך אַ סיבה. אין דעם דאָזיקן לאַנגן בריוו האָט שמעון די ערשטע זאַך זיך נאָכגעפרעגט צי די בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט און מען זאָל אים שרייבן צי דאָס קעלבל איז אינגאַנצן שוואַרץ ווי פאַראַיאָרן, ווען דאָס קעלבל איז געווען געראָטן אין דער בהמה, צי דאָס קעלבל איז אַ ברוינע מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, ווי פאַר־צוויי־יאָרן, ווען דאָס קעלבל איז געווען גע־

ראָטן אין דעם דאָרפס בוהיי. די מאַמע, וואָס האָט צוערשט געהערט דעם בריוו ווי רחל לאה האָט אים איבערגעלייענט, האָט אים דערנאָך אַוועקגעטראָגן צו רבי געצלען, ווייל רחל לאה האָט נישט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער. חוץ דעם האָט די מאַמע געוואָלט ווייזן רבי געצלען דעם בריוו. נו, נו, דאָס שטעטל האָט געלאַכט אין די הויפּנס: טאַקע אַן עילוי, אַ ישיבה־בחור אַ מתמיד, אָבער דאָך אַ נחות־דרגא. זעט וואָס עס ליגט אים דאָרטן אין זינען, — די מראה פון אַ קעלבל. ווען שמעון איז צוריקגעקומען פון דער ישיבה האָט דאָס שטעטל נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דעם בריוו און קונדסים האָבן אָפּט געפרעגט שמעונען: וואָס איז דער חילוק צי דאָס קעלבל איז שוואַרץ אָדער ברוין, אָדער רויט? וואָס, דו זוכסט אַ פּרה אדומה?

דעם בריוו צו ישראל־משהקען געדענקט ער צוליב סיבות וואָס דער לייע־נער וועט זען שפּעטער. אָבער שמעון געדענקט נאָר דעם אינהאַלט פון די בריוו, אָבער נישט דעם ייִנגלשן לשון זייערן. אַוודאי וואָלט איצט געווען גוט ווען ער האָט פאַר זיך די בריוו און שרייבט זיי אַראָפּ אָט ווי זיי שטייען און גייען מיט זייער לשון, וואָס איז געווען אַ געמיש פון ייִדיש, לשון־קודש, אַראַמעיִש און רוסיפיציזמען. אָבער דער לייענער וועט זיך דאַרפן באַנוגענען בלויז מיטן איב־האַלט... דער לשון איז שמעונס איצטיקער ליטעראַרישער ייִדיש, נאָכגעמאַכט דעם סקאַרבאָוון בריוו־נוסח פון יענע יאָרן.

ערשטער בריוו

לכבוד אבי היקר מהור״ר ירוחם בן ציון נ״י
און צו מיין טייערער מאַמע מערע תחיה.

ערשטנס קום איך אייך צו שרייבן, אַז איך געפין זיך ב״ה (ברוך השם, אַ דאַנק גאָט) אין בעסטן געזונט. פון אייך דאָס נעמלעכע צו הערן.

שנית, איידער איך וועל אָנהייבן צו שרייבן וועגן מיין לעבן דאָ אין דער ישיבה, וואָלט איך געוואָלט וויסן, און איר זאָלט מיר למען השם עס שרייבן, צי די בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט, און אויב די בהמה האָט זיך טאַקע שוין אָפּגע־קעלבט שרייבט מיר וואָס פאַר אַ מראה האָט דאָס קעלבעלע. איז דאָס קעלבל איב־גאַנצן שוואַרץ ווי פאַראַיאָרן, ווען דאָס קעלבל איז געווען געראָטן אין דער בהמה? אָדער דאָס קעלבל איז גאָר אַ ברוינע מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, ווי פאַר־צוויי־יאָרן, ווען עס איז געווען געראָטן אין דעם דאָרפס בוהיי? שרייבט מיר אויך ווער עס האָט פונאַנדערגעטראָגן צו די אָרעמעלייט דאָס מילך פון דער ערשטער וואָך נאָך דעם ווי די בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט, ווי דו פירסט זיך מאַמע. רחל לאה איז דאָך אַ כלה־מיידל, ברײַנע איז צו יונג. האָט שלמה צע־טראָגן די שווערע קריגלעך מילך?

איצט וויל איך אייך אויסשרייבן פּאָדראָבנע (מיט אַלע איינצלהייטן) פון מיין לעבן אין דער ישיבה. אין די קאַרטלעך, וואָס איך האָב אייך געשיקט האָב איך געמוזט מקצר זיין, ווייל די קצר המצע מהשתרע (דער געלעגער איז צו קורץ אויסצוציִען זיך). וויפל קען מען שרייבן, אַפילו מיט קליינע אותיות, אויף אַ קאַרטל? און דו, מאַמע, ווילסט דאָך וויסן אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן ביז היינט.

די ערשטע נאַכט, וואָס מיר זענען געקומען פון פּאַראָכאָד איז שוין געווען נאָך מעריב. פיר זענען מיר געקומען און דער אונטער־שמש, אַ קליין ייִדעלע מיט אַ גרויס גילדענע האַרץ, האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ וועטשערע כיד המלך. מיר האָבן זיך צונויפגעלייגט צו פּיעטאַקלעך (פינף קאָפּיקעס) און געגעסן די וועטשערע בשותפות. אויף מאָרגן, ווען ר׳ לייזער דער ראש הישיבה איז געקומען אין בית־המדרש, האָט ער באַלד נאָך קריאת התורה געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה פאַרן עולם און ממש גוזר געווען אויפן עולם, אַז מען זאָל אונדז באַזאָרגן מיט טעג און געלעגערס.

אין דער פרי זענען צוגעקומען נאָך אַכט בחורים מיטן פריִמאָרגנדיקן פּאַראָכאָד. אַלע בחורים זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט „טעג" פון די ערשטע צוויי מנינים, וואָס האָבן געדאַוונט אין שול אין דער פרי. מען האָט זיך געריסן איבער אונדז. און מאַמע, אַ מאָדנע זאַך האָט מיט מיר געטראָפן. עס איז צוגעקומען צו ר׳ לייזערן אַ הויכער ייִד מיט אַ ציגן־בערדל, אַ שיטער געל בערדל ווי ביים פעטער מאָטוס, און ער האָט געפרעגט צי עס איז דאָ צווישן די ישיבהניקעס אַ בן בעל־מלאכה. ר׳ לייזער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר. ווען דער ייִד האָט דערהערט אַז דער טאַטע איז אַ שוסטער, האָט ער זיך אָנגערופן צום ראש־ישיבה:

— אָט דעם דאָזיקן „קאַדופּטשיק" נעם איך מיט און גיב אים אַ געלעגער און שבתים. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן שוין דאָנערשטיק אויף דער וועלט, וועט ער שוין ביי ביר אויך היינט עסן.

דער ייִד האָט אַ גילדענע האַרץ. מען רופט אים מאָטל און ער האָט אַ טבע צו ריידן גיך און אַ סך אָט ווי דער פעטער מאָטוס. ער איז טאַקע געראָטן אין אים אַפילו מיט זיין לאַכן. פון בית־מדרש צו אים אין הויז איז אַ מהלך ווי פון אונדזער שטוב צום דובניק. אויף דעם גאַנצן וועג האָט זיך ביי אים נישט צוגעמאַכט דאָס מויל אויף אַ רגע. ער האָט מיך אויסגעפרעגט אויף יעדער קלייניקייט, וועגן דיר און די בעקעריי, און וועגן דעם טאַטנס שוסטעריי. ער האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון התפעלות ווען איך האָב אים אַלץ אויסדערציילט:

— אָט כמעט ווי צוויי טראָפּנס ביי מיר אין שטוב. איך בין אויך אַ שוסטער און מיין ווייב איז אויך אַ בעקערן. איך מיט דער פּאָדעשווע און זי מיט

אירע בייגל און בולקעס. אַפּילו די צאָל קינדער די זעלביקע. פּונקט אַכט. דריי פון מיין ערשטער ווייב, דריי האָט מיינע פון איר ערשטן מאַן און צוויי אונ־דזערע (זעסט, מאַמע, ווייטער וויביים פעטער מאָטוסן: אירע, זיינע אוןביידנס). אָבער זכרים זענען נאָר צוויי פון זיי. אוןביידע נישט קיין תכשיטים. מיין ווייב זאָגט, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרויסרינען ביי דער מאַמען אין בויך. פע — זאָג איך — אַ ייִד טאָר נישט ריידן אַזוי. דאָך קיין נחת האָב איך נישט פון זיי. דער עלטערער, פון מיין ערשטער ווייב, האָט געהאַט אַ גוט קעפּל, אָבער ער האָט קיינמאָל קיין חשק נישט געהאַט צום לערנען. געוואָרן אַ סטאָליאַר און אַ „דעמאָקראַט", פריִער איז ער געווען אין חברה קליין בונד, דערנאָך אַן אמתער בונדאָוועץ און איצט פאָרט ער אַרום און רעדט צום עולם. אַלעמאָל האָט ער צו טאָן מיט דער פּאָליציי. מען כאַפּט און מען לאָזט אים אַרויס. סוף־כּל־סוף וועט ער אָנשפּאַרן ווו די וויסע בערן זענען. ער איז אַן אמתער אפּיקורס. עסט טרפה, רויכערט אום שבת, ווער ווייס וואָס נאָך ער טוט. וואָסי, איך זע אים? דער קלע־נערער איז נאָך ערגער. מיין מוזיניק זיצט מיט מיר ביים שוסטער־וואָרשטאַט, קען נישט קיין צורת אלף, נישט געוואָלט און נישט געקענט. אַ גראָב קעפּל. אָבער אויף זינד האָט ער חשק און שכל. ערשט זעכצן יאָר און שוין אַ שיקסע־ניק! און די מיידלעך — נייטאָרינס און זאָקנמאַכערינס. קורץ געשווירן און מיר דוכט זיך, אַז זיי קורען (רויכערן) אויך. נאָר איינע האָט חתונה געהאַט עפּעס מיט אַ פּוילישן שלימזל. אַזוי אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַנטשיק, קען אַפּילו אַביסל לערנען, אָבער אַ דרייקאָפּ, אַ פּלוט. אָט איז דאָס הויז פול מיט אַלדאָס גוטס און אָט דאַרפן זיי בעטן ברויט אויף באָרג. דיין טאַטע־מאַמע, אויך אַ שוסטער און אַ בעקערן, זענען מזלדיק — איינער כאַטש אַ לערנער. אַ זון ישיבהניק. אויב אַפּילו דו וועסט קאַליע ווערן, וועסטו דאָך קענען עפּענען אַמאָל אַ ספר. און אַ שוועס־טער האָסטו וואָס האָט חתונה געהאַט לייטיש.

און, אויב מאַמע, רב מאָטל האָט אַ גילדענע האַרץ איז זיין ווייב סאָסל אינגאַנצן אַ דימענט. דו האָסט געדאַרפט זען וואָס פאַר אַן אָנבייסן (פרישטיק) זי האָט מיר געגעבן. צוויי אייער, חלה מיט פּוטער, ציקאָריע פאַרווייסט מיט געבריטע מילך און פאַרזיסט מיט צוויי ציגעלעך צוקער און צו דער ציקאָריע עפּעס אַ פּיראָזשינע אָנגעפּילט מיט וואַרעניע. און וויפל איך האָב געגעסן אַלץ ווייניק איז עס געווען פאַר איר. זי האָט אַלץ געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— עס, עס, זעסט דאָך אויס ווי אַ פּאַראַיאַריקער טאַראַן — אויסגע־טריקנט, אויסגעדאַרט, אויסגעקוואַרט, הויט און ביינער און נאָר די אויגן זענען גרויס און גלאַנציק ווי ביי אַ הונגעריקער קאַץ.

איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט אַז איך בין אַזוי דאַר. בכלל עסט מען דאָ בעסער ווי ביי אונדז. מען עסט חלה אין דער וואָכן. אַפּילו אָרעמעלייט עסן

זעלטן קאָרענעם ברויט. אויך איז דאָ מילך און סמעטענע לרוב. גויעס פאַרקויפן עס אויפן מאַרק אַלע אינדערפרי: פאַר גראָשנס.

די פרייטיק־צו־נאַכטיקע וועטשערע איז געווען גאָר אַ מלכותדיקע: געפילטע פיש, יויך, עוף, קאָמפּאָט און אַפילו אַ גלעזל וויין. און חלה וויפל דאָס האַרץ גלוסט. אָבער מאָדנע, זיי עסן יויך פאַר דעם פליייש. אַזאַ וועטשערע פּאַסט גאָר נישט פאַר קיין שוסטער. אָבער דאָ איז יוג (דרום) עסט מען אַ סך בעסער ווי ביי אונדז אין פּאָלעסיע.

אַ געלעגער האָט מען מיר אויסגעבעט אין אָוונט מיט אַ פרישן שעניק און אַ פוכענע קישעלע צוקאָפּנס און אַ פיינע קאָלדרע.

שבת בייטאָג האָט ר׳ מאָטלס יינגל, חיים, דער וואָס אַרבעט מיט אים אין וואַרשטאָט, געטריבן מיט מיר אַ קאַטאָוועס. פאַרנאַכט פאַר שלוש סעודות האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום טיש צו טרינקען טיי. עס זענען געקומען סאָסעס צוויי טעכטער: איינע אַ נייטאָרן און די אַנדערע אַ פריקאַזשציכע אין אַ קראָם. ביידע זענען געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אַפילו אין היטעלעך מיט פעדערן. מיט מיר האָבן זיי גערעדט יידיש, צווישן זיך — רוסיש. מען האָט דערלאַנגט צום טיש טיי מיט קאַרשן־וואַרעניע, יאַדרעס און סעמיטשקעס, פיס־טאַשקעס און פיינע אייער־קיכלעך. ס׳איז אויך געשטאַנען אַ טעלער מיט מאָדנע עפּל. רויטע, בלוט־רויט. עפּעס אַלע האָבן זיך איבערגעוווּנקען און איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. אין מיטן טרינקען טיי האָבן זיי צעשניטן אַ רויטן עפּל אויף צוויי און מיר דערלאַנגט דעם האַלבן עפּל. איך האָב זיך איינגעביסן מיט אַלע מיינע ציינער אין עפּל און איך האָב דערפילט אַ מאָדנעם זיסלעכן טעם און משונהדיקן ריח. מען טאָר אַזוי נישט ריידן וועגן גאָטס עסעכטס, אָבער דער ריח איז געווען ווי דער ריח פון וואַנצן. ס׳איז מיר נישט גוט געוואָרן און עס האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אונטערן האַרצן, אַ מין חלשות. איך בין אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און געבראָכן גרין און געל... זיי האָבן געלאַכט פון מיר:

— געבראָטענער ליטוואַק, וועסט זיך נאָך צוגעוווינען צום מאכל און לעקן די פינגער פון די באַטלאַזשאַנעס (טאָמאַטן).

און זיי האָבן באַשאָטן די רויטע עפּל מיט זאַלץ, זיך איינגעביסן אין זיי אַז די זאַפט איז זיי גערונען איבער די ליפּן. מיר איז נישט גוט געוואָרן קוקנ־דיק אויף זיי.

אין דער ישיבה האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אויך מיט די אַנדערע בחורים געטריבן די זעלבע קאַטאָוועסן. דער כערסאָנער בחור און דער פּערעיאַס־לעוואער בחור האָבן געלאַכט, ווען זיי האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן זיך איינ־געביסן אין די באַטלאַזשאַנעס, זיי אַראָפּגעשלונגען און זיך נישט אַ קרים געטאָן. די באַלעבאַטים זענען געבליבן מיט אַ לאַנגער נאָז.

מײַנע טעג זענען אַלע באַשטעלט. איין טאָג האָב איך ביים גביר וואָל־דאָווסקי, אַט דער וואָס אין זיין פאַבריק מאַכט מען מאַכאַרקע. דער טאַטע ריי־כערט דעם דאָזיקן מין. מאָנטיק האָב איך אויך ביי אַ רייכן יידן, אַ חסיד. ער גייט אָנגעטאָן אין מיטן וואָך אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אַ גאַרטל. ער האָט אַ גרויסע שניט־קראָם, אַ גאַנצער מאַגאַזין אויף יעקאַטערינאָסלאַווסקאַיאַ אוליצאַ (אויף יעקאַטערינאָסלאַווער גאַס). אַפילו אין קראָם גייט ער אַזוי אָנגעטאָן. זיין ווייב טראָגט אַ פּאַרוק. ער האָט אַ יונגע טאָכטער, וואָס איז אויסגעפּוצט, ווען איך זע זי, ווי אַ פּריצטע, מיט אויערינגלעך, רינגעלעך און לאַקירטע שיכלעך מיט הויכע אָפּצאַסן און גייט אויך אין אַ פּאַרוק. דינסטיק האָב איך דעם טאָג ביי אַן אלמנה. זי איז עפּעס אַ פאַרקויפערן, געפינט זיך קיינמאָל נישט אין שטוב. זי גיט מיר פּופּצן קאָפּיקעס פאַרן טאָג און איך עס וואַרעמס אין דער „דעשאָוואָיער" קיך (ביליקער קיך), אָנבייסן און וועטשערע עס איך אין דער ישיבה, ווו מיר האָבן אַן אָרט אויפצוקאָכן טיי. מיטוואָך האָב איך ביי אַ יידן, וואָס האַנדלט מיט אָקסן און פערד. דאָס הויז איז ווי אַן אכסניה. ווען איך קום אַהין עסן וויס קיינער נישט ווער איך בין. איך זיץ ביים טיש און אַ דינסט דערלאַנגט מיר דאָס עסן. אויף דער פערטער וואָך פרעגט מיך די דינסט: „ווער ביסטו, בחורל? עפּעס זעסטו נישט אויס ווי אַ שמייסער אָדער טרייבער פון אָקסן". ווען איך האָב איר געזאָגט אַז איך בין אַ ישיבהניק, האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין די פּעטע באַקעס (זייטן) און אויסגערופן:

— וויי און ווינד צו מיר, איך האָב דיר געגעבן מילכיקס און אַלט־געבאַקן ברויט, אַ מכה מיר, זע נאָר פון וועמען איך שפּאָר.

זי האָט מיר דערלאַנגט אַ וואַרעמס מיט מאכלים ווי ביי אַ גביר צו דער פּורים־סעודה.

דאָנערשטיק האָב איך ביי אַ יידן אַ טרעגער, אַ פרומער אָרעמער ייד. ער איז אַן אלמן און גרייט צו אַליין דאָס עסן. ער זיצט ביים טיש מיר אַנטקעגן און היט מיך איך זאָל זיך נישט שעמען. מיר איז אָבער נישט ניחא דער גוטער טאָג. מיר דוכט זיך, אַז איך עס פון אַ סעודה שאינה מספקת לבעליה (אַ מאָל־צייט וואָס איז נישט גענוג פאַרן באַלעבאָס). אָבער ער האָט שטאַרק הנאה פון דער מצווה, וועל איך פרעגן ביי ר׳ לייזערן צי איך זאָל האַלטן דעם טאָג. פריי־טיק עס איך די ערשטע צוויי מאָלצייטן, אָנבייסן און וואַרעמס, ביי צלאָלן דעם אונטער־שמש. ווענן אים וועל איך אייך שרייבן אַן אַנדערש מאָל באריכות. פרייטיק־צו־נאַכטס עס איך ביי ר׳ מאָטלען, ס׳איז דאָך שבת.

איך האָב אָנגעהויבן לערנען פסחים. דער ראש־ישיבה זאָגט אַ שיעור צוויי מאָל אַ וואָך. נישט אַלעמאָל קען איך כאַפּן זיין שאַרפן פּילפּול. פרעג איך איבער די עלטערע בחורים, איבערהויפּט קאַניאַווסקין דעם מאָזירער. ער האָט אַן איי־

זערנעם קאָפּ. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט נאָך אַ בעסערן און שאַרפערן קאָפּ ווי דוד אפרים. אַזוי זעט ער אויס אַלעמאָל אַ פאַרשלאָפענער, אָבער ער ווייס אַלץ, הערט אַלץ און זעט אַלץ מיט זיינע פאַרשלאָפענע אויגן. וואָס איך פרעג אים וועגן שיעור, האָט ער אויפן שפיץ צונג.

אַ גרוס גיטען און איר מאַן, מיין שוואָגער שמואל חיים, אַלע מיינע אַנדערע שוועסטער, רחל לאה, ברײנע און עלקע און מיינע ברידער שלמה, שמחה און בנימינקען. איך וואָלט אייך נאָך געשריבן, אָבער דער לאַנגער בויגן פּאַפּיר איז שוין פאַרשריבן פון ביידע זייטן. פון מיר אייער זון און ברודער, וואָס בענקט נאָך אייך אָבער דאָך וויל זיין אין דער ישיבה — שמעון.

צווייטער בריוו

דעם צווייטן בריוו האָט ער געשריבן ישראל־משהקען. ישראל־משהקע איז געווען אַ יינגל אין דעם זעלביקן עלטער פון שמעונען. ישראל־משהקע איז געווען אַ בלאָנדער מיט אַ לענגלעכן פּנים מיט אַרויסגעשטאַרצע באַקן־ביינער, ווי ביי אַ מאָנגאָל, אַ קליין פאַרריסן נעזל, גוטמוטיקע טיף ברוינע אויגן און אַן איי־בערשטע דיקע ליפּ. צוליב זיינע בלאָנדע האָר און ווייסן פּנים האָט מען אים געגעבן דעם צונאָמען „מאַקוכע". ס'האָט געמיינט אַ יינגל אַן טעם און אַן חריפות ווי דאָס בהמהשע עסעכץ־מאַקוכע. ער האָט געהאַט אַ טבע, ווען ער איז געוואָרן אויפגערעגט, אָדער איבעראַשט, אָדער צעטומלט, אַ שמאַרע צו טאָן מיט דער נאָז און אַ הייב טאָן די אייבערשטע ליפּ צו די נאָזלעכער. צוליב דער געוווינ־הייט האָט מען אים געגעבן אַ צווייטן צונאָמען „סמאַרעוואַז". אין שמעונס אויגן האָט ישראל־משהקעס שמאַרען מיט דער נאָז און דאָס קונציקע אויפהייבן פון דער אייבערשטער ליפּ געהאַט אַלע חנען. „ער ווערט קיינמאָל נישט אין כעס", האָט שמעון געטראַכט, „לאָזט אויס דעם כעס צו דער נאָז און צו דער ליפּ, נישט ווי איך וואָס צינד זיך אָן ווי אַ סירקענע שוועבעלע".

דאָס יינגל איז געווען אַ האַלבער יתום. זיין טאַטע שמואליק דער קרעמער, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן אין שטעטל שמואליק דער משוגענער, צוליב זיין ווילדן כעס און משונהדיקער פרומקייט, האָט חתונה געהאַט נאָך איידער דער יאָר איז אַוועק נאָך זיין ווייבס טויט. דבורה, ישראל־משהקעס מאַמע, איז געווען אַ דאַרע, זויערע פאַרביטערטע יידענע, וואָס האָט יאָרנלאַנג געקרענקט און שמואליק האָט חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה, אַ פּופצן יאָר יינגער פון אים. חנה האָט זי געהייסן. זי איז געווען אַ שיינע, מיט ברוינע האָר, שוואַרצע אויגן און דאָס פּנים איז אַריינגעפאַלן אין אַ ליכטיקער רויטקייט; ראַזעווע באַקן, קליינע אויערן, אַ מיילכל אַ דינס, אַ קליינס, מיט פולע ליפּן און אַ שטענדיקן שמייכל.

די ווייבער האָבן געזאָגט מיט קנאה: „קוקט אָן אַ פּרצוף, עס שפּריצט מיט בלוט, ווי ביי אַ דאָרפישער שיקסע". דערצו איז זי געווען אַ דיקלעכע און נישט קיין דאַרע, וואָס איז געווען אַ גרויסע מעלה אין שטעטל. און איר פולקייט איז געווען אַ ווייבערשע, דין אין דער טאַליע און אויסגערונדיקטע ווייבערשע אברים. ווען שמעון איז געקומען פון דער ישיבה און האָט דערזען איר רונדקייט, רויקייט, קאַשטאַנענע האָר און רויטלעכן צופרידענעם פּנים, האָט ער געטראַכט אַז זי זעט אויס ווי אַ יונגע, אָפּגעפּאַשעטע טעלעצע (יונגע בהמה).

שמואליק האָט זי זייער שטאַרק ליב געהאַט. די מענער האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ: ס'איז די ליבשאַפט פון אַ מאַן צום צווייטן ווייב, ווייל אויב דאָס לייב פון דער ערשטער ווייב איז זילבער איז דאָס לייב פון דער צווייטער ווייב גאָלד. דערצו איז די ליבע זיינע נאָך פאַרשטאַרקט, ווייל זי איז אַן עקרה — חנה האָט נישט געהאַט קיין קינדער — און מענער האָבן ליב אַן עקרה. מען האַלט אין איין אַקערן טאָמער וועט אויפגיין תבואה.

ישראל־משהקע איז ביי שמואליקן געווען דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ער איז געווען זיין בכור, זיין בן־יחיד און זיין קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר און ער האָט אַלץ געציטערט אַז ער איז נישט יוצא געווען פאַרן יתום. טיף ביי זיך אין האַרצן האָט דער פרומער שמואליק געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עבירה, וואָס ער האָט חתונה אַזוי גיך נאָך דבורהס טויט און געגעבן דעם קינד אַ שטיף־מאַמע. ער ווייס אַז ער האָט געמוזט חתונה האָבן, די שלעכטע מחשבות האָבן אים נישט געלאָזט שלאָפן. איצט לעבט ער מיט חנהן נאָר צוליב זיין תאווה אַז קיין קינדער האָט ער מיט איר נישט. אמת, על פּי דין, דאַרף ער זי נישט גטן. ער האָט דאָך אַ קינד, האָט ער מקיים געווען די מצווה פון פּריה ורביה. אָבער צו וואָס דאַרף ער זי האָבן אויב זי קען נישט האָבן קיין קינדער? ער ווייסט צו־ליב וואָס — צוליב זיין פּאַסקודנער תאווה. און צוליב זיין תאווה האָט דאָס קינד אַ שטיף־מאַמע.

שמואליקס ליבשאַפט צום יינגל און זיין געפיל פון זינד האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ גינציקייט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט רשעות. ער האָט געציטערט איבערן יינגל. האָט דאָס יינגל נישט געטרונקען קיין גענוג מילך, האָט דער טאַטע געשלאָגן: האָט ישראל־משהקע אַרויסגעהאַלפן מיט עפּעס וואָס דער שטיף־מאַמען, וואָס האָט אים באמת ליב געהאַט, האָט דער טאַטע געשלאָגן: „וועסט ביי מיר טרינקען גענוג מילך און אויסוואַקסן אַ מענטש! וואָס מישסטו זיך אין דער ווייבערשער שטוב־אַרבעט, ווי אַ פאַראַבאַק (באַדינער) ביי אַ פּריצ־טע?" טאָמער האָט ישראל־משהקע אַמאָל אָנגעטאָן אַ רעקל מיט אַן אַרויסגע־ריסן קנעפּל, ווידער קלעפּ: „וואָס מיינסטו אַרומגיין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן ווי דו וואָלסט געווען אַ קיילעכדיקער יתום?" האָט דאָס יינגל אַריינגעקוקט אין אַ

ספר שפּעט ביינאַכט, געוואָלט נאָכמאַכן שמעונען, ווידער געשרייען און קלעפּ:
„וואָס מיינסטו, זיך קאַליע מאַכן די אויגן ווי דו וואָלסט געווען אַן השגחה?"

פּיזיש האָט דעם יינגל גאָרנישט געפעלט. דער טאַטע האָט אים נאָכגעגעבן צופּיל, אָבער דאָס קינד האָט קיינמאָל נישט געוווסט ווען דעם טאַטנס ליבשאַפט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אכזריות. ס'איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָס יינגל האָט שטענדיק געהאַט אַ פולע קעשענע מיט געלט, אָבער ער האָט זעלטן געקויפט נאַשערייען אָדער שפּילצייג — אַ מעסערל, אַ קעסטעלע, ווי אַלע אַנדערע יינגלעך. עפּעס ווי דאָס יינגל וואָלט נישט געוואָלט הנאה האָבן פון טאַטנס גוטסקייט. ס'האָט אָבער פּאַסירט נישט זעלטן אַז ער האָט אויסגעגעבן וויפל געלט ער האָט ביי זיך געהאַט אויף נאַשערייען, שפּעטער אויך טאַבאַק, און צעטיילט צווישן חברים און אַליין כמעט זיך נישט צוגערירט צום געקויפטן.

איידער שמואליק האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַן אייגענע שטוב, אָפּגערוקט אַן אַ זייט פון דער קלויסטער־גאַס, אַ שטוב אַרומגערינגלט מיט אַ סאָד און אַ שיינעם גאָרטן הינטערן שטוב, האָט די משפחה געוווינט לעבן שמעונס טאַטנס הויז. ישראל־משהקע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט מיט שמעונען, געווען מער ביי מערען אין שטוב ווי ביי זיך. ביי מערען אין שטוב איז געווען שטענדיק טומלדיק און די קינדער האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. ווען שמעון האָט אָנגעיאָגט ישראל־משהקען און אָנגעהויבן גיין מיט אים אין איין חדר, פריער ביי ר' מענדלען דערנאָך ביי רבי געצלען, איז ישראל־משהקע געוואָרן שמעונס שאָטן. שמעון, וואָס האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר מיט מער ווי צוויי יאָר שפּעטער ווי אַלע קינדער, צוליב זיין קראַנקייט, האָט באַלד געקראָגן אַ נאָמען פון אַן עילוי. ער איז אומעטום געווען דער מיוחס, די גאַנצע משפּחה האָט זיך געגרויסט און געריממט מיט אים. נישט נאָר האָט מען אים קיינמאָל נישט געשטראָפט אָדער באַשטראָפט, נאָר מען האָט זיך געגרויסט מיט זיין דערוואַקסענעם אויפפירן זיך. ישראל־משהקע איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ קלענערער ברודערל אַן עלטערן. ער האָט געהלשט נאָכצומאַכן שמעונס זעלבסטשטענדיקייט, זעלבסטזיכערקייט און דערוואַקסנקייט. אָבער די מורא פאַרן טאַטן האָט דערשטיקט דעם יינגלס רצון.

ווען שמעון האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צו פאָרן קיין קרעמענטשוג אין דער ישיבה, האָט ישראל־משהקע געוואָלט מיטפאָרן. אָבער שמואליק האָט נישט געוואָלט הערן און זען. חנה האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס ווילסטו פון קינד? האָלסט אין איין שרייען אויף אים, לאָזסט אים אַפילו נישט אָטעמען אַליין. זאָל ער פאָרן, זיין אַביסל ווייטער פון דיין רשות. זאָל ער זיך רייבן צווישן מענטשן וועט ער אויסוואַקסן אַ לייט. וואָס וועט פון אים דאָ ווערן?

שמואליק איז ווילד געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן ברעכן טעלער און טעפּ,

צעשמעטערט דעם גרויסן שפּיגל אין סאַליע און זיך געוואָרפֿן מיט פֿאַרשטײפּטע קולאַקעס אויף איר:

— קוקט נאָר זי אָן, זי וויל פֿון אים פּטור ווערן ווי אַן אמתע שטיף־מאַמע. איך האָב איין אויג אין קאָפּ וויל זי עס ביי מיר אַרויסנעמען.

ישׂראל־משהקע איז געבליבן אין שטעטל. דער טאַטע האָט פֿאַר אים גע־נומען אַ לערער פֿאַר רוסיש, געצאָלט ר׳ געצלען, אַז ער זאָל מיט אים לערנען אַ שעה אין טאָג. ער האָט אַפֿילו נאָכגעגעבן דעם יינגל, אַז ער זאָל גיין דאַוונען צו יוסף חיים דאָראָזשקינס מנין, וווּ מען האָט מער גערעדט העברעיִש ווי גע־דאַוונט. ישׂראל־משהקע האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַררעכענען ווי איינער פֿון די משׂכּילים פֿון שטעטל. אַ ווילער בחור אָן קיין שום אומנות אין האַנט — אַ צוקונפֿטיקער קרעמער אָדער מלמד.

ישׂראל־משהקע האָט עס געוווּסט. קאַרגע זעקס יאָר שפּעטער, ווען שמעון האָט זיך געלאָזן קיין אַמעריקע, ווען ער איז געוואָרן אַכצן יאָר, האָט ישׂראל־משהקע ווידער געוואָלט מיטפֿאָרן. ער האָט געטענהט צום טאַטן: וואָס איז דער תּכלית איך זאָל דאָ בלייבן? אָבער דער טאַטע האָט געמאַכט סקאַנדאַלן און ישׂראל־משהקע איז געבליבן אין שטעטל. שטילערהייט האָט שמעון מיט אים אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן דאָרטן וועט ער אים שיקן אַ שיפֿסקאַרטע. ניין חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ישׂראל־משהקען האָט מען צוגענומען אין סאָלדאַטן און אין געציילטע חדשים אים אַוועקגעשיקט צום פֿראָנט. ער איז געפֿאַלן אין דער גרויסער שלאַכט אַרום די מאַזורער בלאָטעס, וווּ אַ גאַנצע רוסישע אַרמיי איז פֿאַרטריבן געוואָרן אין די זומפּן און איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. שמואליק, האָט שמעון געהערט נאָך דער מלחמה, האָט לאַנג נישט איבערגעלעבט זיין בן־יחידס טויט. דער טאַטע איז אויסגעגאַנגען פֿון צער, טרויער און חרטה, וואָס ער האָט דעם זון נישט געלאָזט פֿאָרן מיט שמעונען קיין אַמעריקע.

פֿולע אַכט יאָר איז ישׂראל־משהקע געווען שמעונס שאָטן. די יינגלעך האָבן זיך געטיילט מיט זייערע האָפֿענונגען, טרוימען, חלומות און פּלענער. שמעון איז געווען דער בעל־חלומות, דער טרוימער און פּלאַן־מאַכער און ישׂראל־משהקע איז אַלעמאָל אַריינגעפֿאַלן אין התפּעלות. פֿאַר שמעונען איז דער דאָזיקער חבר געווען די קלאַנג־ברעט וואָס האָט אַלעמאָל אָפּגעהילכט מיט די ניגונים וואָס ער האָט אויסגעזונגען.

פֿולע זעקס יאָר האָט זיך שמעון דורכגעשריבן מיט ישׂראל־משהקען. שמעון האָט אָפּגעהיט אַלע ישׂראל־משהקעס בריוו. זיי זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין 1943, ווען ער האָט זיי איבערגעלאָזן מיט די פֿאַרגעסענע דאָקומענטן אין דער דירה וואָס ער האָט זיך פֿון איר אַרויסגעקליבן מיט זיין קאַבינעט.

מיט ישראל־משהקען האָט ער זיך דורכגעשריבן אויף לשון־קודש. שמעון זעט אין זיין דמיון איצט, ווען ער שרייבט, ישראל־משהקעס קיילעכדיקע האַנט־שריפט. יעדער אות קלאָר, אָפּגעזונדערט פון אַנדערן. יעדעס וואָרט באַזונדער אַוועקגעשטעלט. די שורות גלייכע אויף פּאַפּיר אָן ווירעס. וואָס פאַר אַ קאָנ־טראַסט צו שמעונס פאַרפּלאָנטערטע, פאַרדרייטע, נישט־פאַרענדיקטע אותיות און נישט אָפּגעטיילטע ווערטער. ישראל־משהקעס אותיות זענען געווען ווי זיין פּנים — אָפן, גוטמוטיק, האַרציק, אָן קיין פּניות.

שמעונען קומט איצט אויפן זינען רבנו סעדיה גאונס גערדאַנק וועגן השארת הנפש און תחית המתים. די נשמה ווערט געשאַפן מיטן גוף, איר גורל איז פאַר־בונדן מיטן גוף. ס׳איז דאָ אַ גרויסע שייכות צווישן די גלוסטעגישן פון גוף און פאַרלאַנגען פון דעם נפש פון דער נשמה. דעם גוף האָט גאָט צוזאַמענגעשטעלט פון פיר יסודות. נאָכן טויט ווערן די יסודות פונאַנדערגעטיילט און גאָט האַלט די נשמה אין אַ באַשטימטן אָרט. די פונאַנדערגעטיילטע עלעמענטן פון קערפּער קערן זיך אום צו זייער מקור. אָבער גאָט נוצט קיינמאָל נישט די זעלבע ברעק־לעך מאַטעריע צו שאַפן אַן אַנדער מענטשן. דער קאָסמאָס איז גרויס און רייך און עס פעלט נישט דעם כביכול קיין מאַטעריע. באחרית הימים וועט גאָט צוריק פאַראייניקן די ברעקלעך מאַטעריע, פון וואָס יעדער מענטש איז געשאַפן גע־וואָרן און די נשמה וועט זיך צוריק באַהעפטן מיטן גוף און דער מענטש וועט אויפשטיין תחית המתים.

אין דער שפּעטקייט פון דער נאַכט און אין דער שטילקייט פון זיין שרייב־צימער פילט איצט שמעון ישראל־משהקעס בנמצאדיקייט. ער הערט ישראל־משה־קעס קול, אַפילו זיין שמאָרען מיט דער נאָז:

— איך האָב געוווסט, שמעון, אַזוי וועט עס זיין און זיך פאַרענדיקן. דו וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן. אַלץ וואָס דו האָסט געוואָלט האָסטו אויסגעפירט. און איך? אפשר אין באחרית הימים. איך בין צופרידן וואָס איך בין נישט מיט־געפאָרן מיט דיר קיין אַמעריקע. דיר איז גוט, ביסט נישט רייך הן אין געלט, הן אין כבוד אָדער באַרימטקייט. אָבער האָסט אויסגעפירט, וואָס דו האָסט גע־וואָלט — גיין אויף אַן אייגענעם דרך. אָט איז דיין טיש אָנגעוואָרפן מיט בי־כער: רבנו סעדיה גאונס „האמונות והדעות״, רבנו בחיים „חובות הלבבות״, אויף אַ שטול לעבן דיר ליגט ר׳ יהודה הלויס „כוזרי״ און גלייך לעבן אים בערטראַנד ראַסלס „די געשיכטע פון דער מערבדיקער פילאָזאָפיע״. אַן אָפענער משניות לעבן פרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״. לערנסט נאָך אַלץ משניות, ווי דו האָסט געלערנט ביי ר׳ מענדלען און ביי ר׳ געצלען. דו האָסט עפּעס גרויסעס מתקן געווען: ביסט חשוב ביי זיך אין די אויגן. האָסט נישט געזוכט צו ווערן אַ חשוב ביי דער וועלט. אָבער איך? איך האָב מורא געהאַט פאַרן טאַטן און

אַלעמאָל געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. געוואָלט נושא חן זיין ביי אים אין די אויגן. איך וואָלט מסתמא מורא געהאַט פאַר דער וועלט און געוואָלט נושא חן זיין ביי איר — וואָלט איך מסתמא רייך געוואָרן, געיאָגט זיך נאָך עשירות כדי צו ווערן אַ לייט. און וואָס וואָלט איך מתקן געווען? נאָך אַ גביר! דו, אָבער, האָסט דאָס גליק, דאָס העכסטע גליק, וואָס אַ מענטש קען דערגרייכן, ווי זאָגט אברהם ליעסין:

דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון גליק,
די פרייד פון קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון פרייד,
צו האַלטן ליידנשאַפטלעך ליידנשאַפּט צוריק.

שמעון דערפילט ווי ער אַליין טוט אַ שלעפּ די אייגענע האַנט און שטעלט אָפּ זיין שרייבן און זאָגט צו זיך שטרענג: פאַרשרייב וואָס איך, דיין אמתער שמעון, הייסט דיר; נישט דער גייסט, דער רוח פון דיין ישראל־משהקען וואָס דו זעסט כלומרשט. פאַרשרייב זאָג איך דיר:

„די שפּעטקייט פון דער נאַכט, די שטילקייט פון דיין שרייבצימער און דאָס רוישן פון די צווייגן באַלאָדן מיט פרילינג־בליטן פון דעם בוים, וואָס שטייט ביי דיר אונטערן אָפענעם פענצטער, האָבן דיך פאַרשיכורט און דיך געמאַכט ריידן נאַרישע רייד, דורך דעם מויל פון דעם פאַרשטאָרבענעם, כמעט מיט פולע פערציק יאָר צוריק, ישראל־משהקע. האָסט אים געמאַכט ריידן רייד, וואָס דו ווילסט הערן וועגן זיך. נאַרסט זיך. דו ווילסט דיין נישט דערפאָלג אין דער וועלט מאַכן פאַר אַ דערפאָלג ביי דיר אין די אויגן. ביסט דער אמתער בעל־גאווה. איך וועל זיך מיט דיר נאָך אָפּרעכענען. האָלסט ערשט אין אָנהייב פון דעם כתב־יד. איך וועל דיך אַזוי גרינג נישט אָפּלאָזן. איצט הייב אָן דעם בריוו, וואָס דו האָסט געשיקט פון קרעמענטשוג צו ישראל־משהקען".

***

— צו מיין טייערן חבר, דער געליבטער פון מיין זעל ישראל־משהקע
ראשית קום איך דיר שרייבן, אַז איך בין ב״ה אין פולן און בעסטן געזונט, דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן.

שנית, האַלט איך וואָרט, ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט אין דער היים און אין אַ פּרי־ערדיק קאַרטל, אַז איך וועל דיר אויסשרייבן אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזען און דורכגעלעבט אין די אַכט וואָכן, וואָס איך בין דאָ. ס'איז אָבער נישט גרינג, ווייל איך ווייס נישט פון וואַנען אָנצוהייבן. אַזוי פיל זאַכן האָב איך זיך דאָ אָנגעזען.

די שטאָט איז אַ גרויסע און אַ שיינע. מויערן זענען דאָ אַזוי געוויינטלעך

װי שטרויענע דעכער ביי אונדז אין דאָרף לעבן שטעטל. גאַסן נאָך גאַסן זענען דאָ אויסברוקירט. די שענסטע גאַס איז דאָ די יעקאַטערינאָסלאַװסקאַיאַ אוליצאַ. שבת בין איך געגאַנגען אַהין אויף אַ שפּאַציר. ס׳איז דאָרטן נישט געװען קיין זכר פון שבת קודש. אַלע קראָמען און מאַגאַזינען זענען געשטאַנען „נאַסטעזש“ אָפן. מען זאָגט, אַז אַ סך פון די מאַגאַזינען זענען יידישע און ייִדן זענען מחלל שבת בפרהסיה. דו האָסט געדאַרפט זען די פּריצים און די פּריצטעס, װאָס פאָרן צו צו די מאַגאַזינען אויף בריטשקעס אויף רעסאָרן (ספּרוזשינעס) און גומענע רעדער. דער פּריץ שפּרינגט אַראָפּ פריִער, איידער די קאַרעטע שטעלט זיך אָפּ אינגאַנצן. ער שטעלט זיך אַװעק אויסגעצויגן װי אַ שטעקן און גיט דער פּריצטע די האַנט. זי האַלט זיך אָן זיין האַנט און גייט אַראָפּ איידל פון דער בריטשקע און דעם לעצטן טראָטעלע שפּרינגט זי אונטער און לאָזט אַרויס אַ קװיטשעלע. די „פּאָטיעכע“ (דער שפּאַס) איז נאָך גרעסער װען דער באַגלייטער איז אַן אָפיציר. ער גיט אַ קלאַפּ מיט די קנאַפּל פון די שטיװל, האַלט צו מיט דער לינקער האַנט די שװערד און פאַרנייגט זיך פאַר דער דאַמע און טוט איר אַ קוש די האַנט.

אויף די גאַסן, האַרט ביי די טראָטואַרן זענען פאַרפלאַנצט ביימער, אַקאַציע־ביימער, זיי שמעקן ריח גן־עדן, דערצו פאַרשטעלן זיי בייטאָג די זון, מאַכן שאָטנדיק דעם טראָטואַר און ביינאַכט, װען די לאַמטערנעס צינדן זיך אָן קוקן אויס די ביימער װי װייכע װענט פוןביידע זייטן גאַס. ס׳איז אַ חיות צו שפּאַצירן און אַריינאָטעמען די לופט, װאָס שמעקט מיט דעם פאַרשיכורנדיקן ריח פון די אַקאַציע־ און בעז־ביימער.

ביינאַכט איז די שטאָט באַלויכטן מיט אַזעלכע מאָדנע לאַמטערנעס. צװיי שװאַרצע ליכט קומען זיך צוזאַמען און זיי רירן אָן איינע די אַנדערע און עס װערט אַ העלער, געלבלעכער פלאַם. ס׳איז אַזאַ מין עלעקטריע. די גאַסן זענען אַזוי באַלויכטן, אַז אונטער אַ לאַמטערנע קען מען איבערלייענען אַ בריװ געשריבן אין אַ קליינעם כתב.

פאַראַן דאָ חידושים איבער חידושים. אַן אייזערנער בריק איז דאָ פאַרװאָרפן איבערן דניעפּער. אויך זענען דאָ פאַראַן מאַיאַקן פאַר דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע (פייערלעשער). אַ מענטש שטייט אויפן מאַיאַק טאָג און נאַכט און היט די שטאָט פון שריפות. דערזעט ער ערגעץ אַ רויך, שיקט ער אַהין אַװעק די פייערלעשער.

אין מיטן שטאָט איז דאָ פאַראַן אַ שיינער סאָד — אַ סאָד נישט פון קיין פּרוכטביימער, נאָר פון ביימער װאָס גיבן שאָטן בלויז. אַקאַציע־ביימער, בעז, ליפּעס, בעריאָזעס און אַפילו נאָדלביימער. מען רופט עס גאָראָדסקאָי סאַד (שטאָטישער גאָרטן). צװישן די ביימער ציִען זיך אַלייען, ס׳מיינט געסלעך צװישן די

ביימער. שטעל זיך פאָר, אַז די ביימער זענען הייזער און די אַלייען זענען גאַסן. אין די אַלייען שפּאַצירן בחורים און מיידלעך, גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, עלטערע פּאָרלעך, פאַראַן אויך יידישע, גייען אונטערן האַנט (געאָרעמט), ריידן געמיטלעך, שפּאַצירן צוליב פאַרגעניגן וועגן. אָט ווי מען פירט זיך ביי אונדז אין שטעטל אויפן זאַמד אָדער אין וואַלד שבת פאַרנאַכט. כמעט אַלע נאַכט שפּילט אין סאַד אַ וואָיענע קאַפּעליע (מיליטערישער אָרקעסטער). מען האָט מיר אָנגעוויזן, אַז עס געפינען זיך אין גאָרטן זונות, וואָס זענען תובעות בפה, פאַר באַצאָלט זענען זיי זיך מפקיר. אָבער עפּעס גלייב איך נישט אַז אַזאַ זאַך זאָל זיין בפרהסיה אין אַזאַ שיינער שטאָט.

אַלע טאָג איז דאָ מאַרק־טאָג. ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציעלער מאַרק פאַר האַנדל. מען רופט עס „טאָלטשאָק״. מען קען דאָרטן קויפן פון פויגלמילך.

ס׳איז ערשט נאָך שבועות. ביי אונדז אין דער היים זענען ערשט צייטיק געוואָרן ראש־חודש־רעטעכלעך. דאָ זענען שוין פאַראַן אַלערליי פּירות, אַפילו ווײַנשל — קאַרשן. פאַרטאָג אויפן טאָלטשאָק, איידער עס עפענען זיך די קראָמען און שטעלכלעך, שטייען שורות און שורות שיקסעס מיט לאַדישקעס מילך צו פאַרקויפן און קעז און פּוטער איינגעוויקלט אין ריינע שטיקער לייוונט. בייטאָג ליגן אין מאַרק קופּעס קאַרשן און מאַדנע גוטע, זיסע פּרוכט — פּערישקעס. פון אוגערקעס, מערן, רעטעך, קאַרטאָפל איז אָפּגערעדט. אַלץ אין לרוב און בזיל הזול. מען דערציילט אַז אַ חודש שפּעטער וועלן דאָ שוין זיין קאַוועָנעס, דיניעס און ווײַנטרויבן. קאַוועָנעס זאָגן זיי איז דאָ וואָלוועלער ווי ביי אונדז קירבעס. ס׳איז אַ לאַנד פון גרויס שפע. די יידן אין דער ישיבה זאָגן לאַכנדיק: „אין יוג (דרום) איז פאַראַן אַלץ וואָס עס איז דאָ אין ארץ־ישראל — טייטלען און פייגן, מאַנדלען און סטאַשקעס. עס האָבן געפעלט דאָ נאָר צוויי זאַכן — אַ ישיבה און דער כותל מערבי. נו, האָט ר׳ לייזער שוין געמאַכט אַ ישיבה. מיט דער צייט וועט ער נאָך ברענגען אַהער אַ כותל מערבי״.

ניין, קיין פרומע שטאָט איז קרעמענטשוג נישט. אין שטאָט איז קיינמאָל נישט געווען קיין ישיבה. בעלי־בתים, לומדים זענען דאָ ווייניק. די בעלי־מלאכות דאָהי קענען כמעט קיין עברי נישט. ס׳איז אַפילו נישטאָ קיין חברה תהילים. אין מיטן וואָך דאַוונען דאָ אין שול, וווּ די ישיבה געפינט זיך, די גרעסטע שול אין שטאָט, נישט מער ווי צוויי מנינים. אַ מנין ותיקים — פאַרטאָג, און אַ זייגער ניין שטעלט זיך איין אַן אַנדער מנין. אַ גאַנצן טאָג שמעקט קיינער נישט אַריין אין בית־מדרש. צו מנחה איז דאָ אַ מנין פון די ישיבה־בחורים. אויף מעריב איז שוין דאָ אַן עולם. נאָך מעריב איז דער בית־מדרש אינגאַנצן פריי פאַר אונדז.

אין שטאָט זענען דאָ אַ סך דעמאָקראַטן. דער בונד און דער קליינער בונד. יינגלעך פּועלים פון קליינעם בונד קומען אָפט שבת אָדער זונטיק צו אונדז איי

דער ישיבה און רייצן זיך מיט אונדז. זייער באַליבט ווערטל: „אַ פּאַטראָן האָט קיינמאָל נישט קיין בויכווייטיק. דער בויך איז דאָך נישט זיינער". די ישיבהניקעס ווערן זייער אין כעס. מיך אַרט עס נישט.

די מענטשן דאָ זענען זייער פּאַרנומען. יונג און אַלט. מען לויפט און מען פּלוידערט. ס'איז נישט קיין שטאָט וואָס איז מסוגל פּאַר אַ ישיבה. אַ סך בחורים, פון די עלטערע, נאָרן, מען לייענט ביכלעך באַהאַלטענערהייט. ס'זענען דאָ בחורים מיט פייערדיקע קעפּ. נישט נאָר קענען זיי גוט לערנען, נאָר זיי זענען אויך משכילים. זיי לערנען ווייניק און וויסן אַלץ. די עלטערע בחורים עסן נישט קיין טעג. עפּעס קריגן זיי פון די באַלעבאַטים געלט פאַר די טעג און זיי עסן אין דער דעשאַווער (ביליקער) קיך. זיי ריידן מיט מיר אָפט וועגן חקירה־זאַכן. מאָדנע זיי ווערן נשתומם, ווען איך ווער פון זייערע רייד נישט נתפּעל, ווייל איך האָב געהערט אַ סך פון זייערע חקירות פון ר' געצלען. וועגן די דעמאָקראַטן? איך האָב זיך געגנוג אָנגעהערט און אָנגעזען ביי שמואל חיימען אין מאַיסטערסקאַיע. ניסל, שמואל חיימס הויפּט־פּועל, קען זיי אַלעמען לערנען אַ פּרק אין סאָציאַליזם און אוודאי אין קאָנספּיראַציע.

איך האָב דאָ נישט קיין אמתע חברים, ווייל איך בין אַזוי יונג כלפּי די אַנדערע בחורים. ס'איז נישטאָ אין דער ישיבה קיין איין בחור ייִנגער פון זעכצן יאָר, און איך בין ערשט דרייצן. איי ווי גוט וואָלט געווען ווען דו וואָלסט געווען — אַ מיט מיר. מיר וואָלטן געקענט שפּאַצירן, לערנען אינייִנעם און שמועסן... ס'איז פאַראַן וועגן אַזוי פיל זאַכן צו ריידן. איך בין טאַקע היפּש צעטומלט. אַלע טאָג זע איך אַזוינע זאַכן, וואָס איך האָב פריִער נישט געזען. מער פון אַלץ פּיקט מיר אין קאָפּ, וואָס מענטשן זענען דאָ אַזוי פיל פאַרנומען מיט פאַרגעניגנס. עס בלייבט נישט קיין חשק פאַר לערנען און דאַוונען און ס'איז נישטאָ דאָ קיין צופיל צייט צו זיין ייִדן. דאָס עסן, דאָס „גוליאַיען" (פאַרברענגען), דאָס פּראַנטעווען זענען גאָר גרויסע ענינים דאָ ביי די בחורים און מיידלעך, אויך ביי די מיטליאָריקע ייִדן.

אָבער איך לערן דאָ געשמאַק, אַפילו ווען אַ סך זאַכן באַאומרויִקן מיך און איך פאַרשטיי זיי נישט. און דו ווייסט דאָך אַז איך ווער אומרויִק ווען איך פאַרשטיי עפּעס נישט. עס יאָדעט מיך. עס טרעפט טעג וואָס איך לערן ווייניק און טראַכט אַ סך. אָבער ר' לייזער האָט מיר געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער וויל מיך אַריינגעמען אין דער חברותא וואָס לערנט מיט אים פאַרטאָג ביי אים אין שטוב. ביי אַזאַ בעל־מדות און אַזאַ גאון ווי ר' לייזער וועט זיין וואָס צו נאַשן. איך האָב געהערט פון די בחורים אַז חוץ גמרא לערנען זיי אויך דעם „חובות הלבבות". וואַרט איך אומגעדולדיק.

דער אמת איז, אַז ס'איז מיר דערוויל אומעטיק.

איך האָב דיר נאָך צו שרייבן און שרייבן, אָבער דער לאַנגער בויגן פּאַפּיר איז שוין פֿאַרשריבן פֿוןביידע זייטן. איך האָב נישט אַפֿילו ווו אָוועקצושטעלן מיין גאַנצע חתימה — שמעון.

**
*

שמעון לייענט איצט איבער דעם בריוו און צוויי־דריי שורות קלינגען אים באַקאַנט ווי ער וואָלט זי אָט דאָ נישט לאַנג געהערט פֿון עמעצן נאָענט: „איך האָב דאָ נישט קיין אמתע חברים, ווייל איך בין אַזוי יונג כלפּי די אַנדערע בחורים. ס׳איז נישטאָ אין דער ישיבה קיין בחור ייִנגער פֿון זעכצן יאָר און איך בין דרייצן — ביי אַזאַ בעל־מדות און אַזאַ גאון ווי רבי לייזער וועט זיין וואָס צו נאַשן״. יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט. שמעון גייט אַראָפּ אין קעלער ווו זיין אַרכיוו ליגט, זוכט לאַנג צווישן די בריוו, וואָס זיין בן־יחיד האָט אים געשיקט פֿון קוירנעל אוניווערסיטעט. ער געפֿינט אַ בריוו וואָס איז שוין אַכצן יאָר אַלט. ער לייענט: „דער ייִנגסטער סטודענט דאָ איז קוירנעל איז אַרום אַכצן יאָר אַלט און איך בין ערשט זעכצן. זיי ריידן וועגן מיידלעך און ראַנדעוווס; אויף מיר קוקן זיי ווי אויף אַ בייבי. האָב איך דאָ נישט קיין חברים, איז מיר טאַקע, פּאַפּאַ, אומעטיק. אָבער פּראָפֿעסאָר ווויליאַם סיילעם איז אַ מערקווירדיקער מענטש און אַ פֿיינער ליטעראַטור־קענער. זיינע לעקציעס זענען ווערט דאָס קומען אַהער. לעצטע וואָך האָט ער מיך איינגעלאַדן צו אַ מסיבה פֿון סטודענטן צו זיך אין הויז. ס׳איז געווען וואָס צו הערן. דיר, טאַטע, וואָלט געווען זייער שטאַרק געפֿעלן זייערע חקירות. פּונקט ווי דו אַמפּערסט זיך מיט דיינע חברים וועגן ליטעראַטור און פֿילאָסאָפֿיע, האָבן זיי זיך דאָ געאַמפּערט. זיי האָבן אַפֿילו אָפּט אַריינגעמישט דעם תנ״ך. — דיין זון דוד״.

קאַפּיטל 4

אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט

אין דמיון זעט שמעון די שטאָט קרעמענטשוג: לאַנגע ברייטע גאַסן, פון ביידע זייטן ביימער. נאָך איצט שפּירט ער דעם ריח פון די אַקאַציעס און בלי. און זעט זייער זומערדיקע גרינקייט. רחבותדיקע קראָמען מיט גרויסע וויטרינעס, אויסגעשטעלט מיט כל־טוב. אין די קראָמען, וואָס אין קרעמענטשוג רופט מען זיי מאַגאַזינען, לויפן אַרום פאַרשמייעטע משרתים און שטייפע אויסגעפּוצטע קונים. די ווייבער אין היטעלעך באַפּוצט מיט פעדערן און די מענער, אָדער אין שיינע צוגעפּאַסטע סורדוטן, אַניט אין מיליטערישע מונדירן מיט שטייפע שטייענדיקע קאָלנערס באַפּוצט מיט גילדענע אויסהעפטונגען... אין אָוונט איז די שטאָט העל באַלויכטן מיט גאַז־לאַמטערנעס; די גאַסן זענען פול מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, וואָס רעדט הייך, קאָכט זיך וועגן טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי, קאָראָלענקאָ און אַנדרעיעוו. אין מיטן פון אַ דיסקוסיע הילכט אָפּט אָפּ אַ געלעכטער, וואָס איז אָנגעדראָלט מיט יוגנט, ברויז און גלוסטעניש. דראָשקעס געשפּאַנט צו דריי פערד נאַשפּיץ פליִען ווי פאַרווירטע. איטלעך פאַיטאָנדל מיט אַ פּאָרל שטאַרק צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן· זיצט אויף די ווייך אויסגעבעטע בענקלעך פון דער דראָזשקע, וואָס וויגט זיך אין געלאָף אויף אירע רעסאָרן. גימנאַזיסטן אין מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ שפּאַצירן מיט גימנאַזיסטקעס אָנגעטאָן אין זייערע פאָרמעס: ברוינע קליידלעך און ווייסע פאַרטעכער, זיי ריידן ערנסט און אָנגעצויגן אויף אַ טיפּן רוסיש. שמעון קען בשום אופן נישט דערקענען ווער פון זיי איז אַ ייִד.

זומער פאַרנאַכט איז דער ברעג פון דניעפּער שוואַרץ פון מענטשן, איבערהויפּט אַרום דעם בריק, וואָס איז פאַרוואָרפן איבערן טייך. דאָס וואַסער איז פול מיט יוגנט וואָס באָדט זיך — מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער. אַלע מוטערבאַקעט.

ווינטער איז אויפֿן דניעפּער, נישט ווייט פֿון בריק, דער גרויסער „קאַטאָק“ (גליטש). אַ גרויסער קרייז פֿון טייך איז שפּיגל־ריין אָפּגעקערט פֿון שניי. ווען מען קוקט אַראָפּ פֿון בריק אויפֿן קאַטאָק זעט מען אַ קרייז ווי פֿון דיקן גלאָז, וואָס פֿאַלט אַריין אין אַ בלויקייט.

ביינאַכט איז דער קאַטאָק אַרומגעצאַמט מיט אַ שטריק און באַלויכטן מיט שטורקאַצן. אַ מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט און פֿאַרלעך — יונג און אַלט גליטשן זיך ריטמיש און גראַציעז. אָפֿט לאָזן זיך אַוועק אַ בחור און אַ מיידל אין אַ טאַנץ. ווען דאָס מיידל טוט זיך שטאַרק אַ דריי און טוט אַ הייב אַ פֿוס, זעט מען נישט נאָר דעם מיטן פֿון פֿוס, נאָר אויך דעם אונטערהיפּט. די גליטשערס בליצלען אין דעם אָפּשיין פֿון די שטורקאַצן און ווען דאָס מיידל קלאַפּט צו צום טאַקט מיט די גליטשערס אָן אייז ברעכט אויס אַ שטורעמדיקער פּליעסקען.

שמעון זעט פֿאַר זיך אין דמיון קלאָר אָט די דאָזיקע בילדער און נאָך אַנדערע. אָבער דאָס אַלץ בינדט זיך נאָר מיט זיין צווייטן יאָר זיין אין קרעמענטשוג. אין ערשטן יאָר זעט ער נאָר דעם בית־מדרש. אָט זיצט ער ביי אַ שטענדער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער צפֿון־וואַנט. ער זיצט מיטן פּנים צו די פֿענצטער פֿון דער דרומדיקער וואַנט, וואָס קוקן אַרויס אויף אַ ברייטער לעבעדיקער גאַס, נישט מער ווי אַ פּאָר הונדערט איילן פֿון דעם רוישיקן און קאָכיקן טאָלטשאָק. אָבער שמעון געדענקט נישט קיין מענטשן אויפֿן טאָלטשאָק, קען זיך בשום אופֿן נישט דערמאָנען עפּעס אַ פֿור, אַ וואָגן אויף דער ברייטער גאַס. אַלץ וואָס ער געדענקט איז די ווענט פֿון דער ישיבה, די דיקע גרינלעכע בלעטער פֿון דער גמרא, וואָס איז געווען געדרוקט אין סלאַוויטע און דעם גמרא־ניגון. מער גאָרנישט.

באַאומרוּיִקט עס שמעונען. שוין וואָכן אַז ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעפּל פֿון קאַפּיטל „אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט“ און קען נישט נעמען די פּען אין האַנט צו באַשרייבן דאָס וואָס ער זעט אַזוי קלאָר אין דמיון. ער קען נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ער האָט אַחוץ די בית־מדרש־ווענט גאָרנישט נישט געזען דעם ערשטן יאָר. איז עס מעגלעך, אַז ער איז נישט אַרויס פֿון דער טיר פֿון ישיבה דעם גאַנצן ערשטן יאָר? ס'איז דאָך אַן אומזין.

טראַכט שמעון ביי זיך אַז ער ליגנט וועגן דעם ערשטן יאָר. ער האָט דאָך געמוזט עפּעס וואָס זען אין דער שיינער גרויסער וועלט, וואָס האָט אים שפּעטער אַזוי פֿאַרכאַפּט. אָבער וויפֿל ער שטרענגט זיך אָן צו געדענקען מער וואָס ער האָט געזען דעם ערשטן יאָר קומט ער אַלץ צוריק צום איינציקן בילד: אָט זיצט ער, שמעון, ביי דער גמרא; אַ דאַרינקער, אַ קליינינקער — שוואַרץ און דאַר ווי אַ ציגיינער־יִנגל, מיט אַ קאָפּ דיקע דראָטענע האָר נישט צו פֿאַרקאַמען און נישט אָפּצושערן, ווייל זיי וואַקסן ביז איבערן שטערן, ביז האַרט ביי די ברעמען.

קוקט איצט שמעון אויף דעם וויטן, אין צייט, קליין יינגל און זעט נאָר ווי ער, דאָס ישיבהניקל שאָקלט זיך ביי דער גמרא ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיין אַנ־דער וועלט איז נישטאָ אַרום יינגל. נישטאָ, ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט געווען.

זעט עס שמעון און גלויבט נישט וואָס ער זעט. ליגן פאַר אים בלאַנקען פּאַפּיר מיט צען אָנהייבן און ער קען ווייטער נישט שרייבן. עס בינדט זיך נישט. אַזוי טעג און וואָכן פולע דריי חדשים. און איינמאָל, נאָך אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און צווינגען זיך צו שרייבן, איז ער אַוועק שלאָפן אַ דערשעפּטער מיט אַ ביטערן געמיט פאַרוואָס ער האָט זיך געצוווּנגען צו טאָן וואָס ער קען נישט. ער איז באַלד איינגעשלאָפן און עס האָט זיך אים געחלומט אַ חלום. שמעון האָט געפונען דעם באַשייד צו דער רעטעניש און אין דער פרי האָט ער זיך געזעצט ביים שרייבטיש און געשריבן מיט דעם אימפּעט פון אַ תפיסהניק, וואָס האָט זיך צערעדט מיט זיינע חברים נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון אָפּזיצן חדשים אין אַן איינצל־קאַמער, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט.

אין חלום האָט ער געוווּסט, אַז ער שלאָפט ביי זיך אין בעט אין איסט פלעטבוש און די דריי פענצטער גייען אַרויס צום באַלקאָן ווו ער שרייבט אָפט. ער הערט דורך די שויבן דעם רויש און זעט דאָס וויגן זיך פון די צווייגן פון דעם דיקן צעצווייגטן עשנבוים, וואָס איז אַזוי אַלט ווי שמעונס איין־פאַמיליע־שטוב, וואָס ער האָט זי געקויפט אַן ערשט אויסגעבויטע מיט דרייסיק יאָר צוריק.

ער ווייס אין חלום, אַז ער שלאָפט ביי זיך אין צימער און ער איז שוין אַ ייִד מיט גרויע האָר, אַ זיידע. דאָך שטערט עס אים נישט צו פילן און זען זיך ווי אַ פערצן־יאָריק יינגל אין דער ישיבה, אין קרעמענטשוג. עס איז דאַנערשטיק ביינאַכט און ער האַלט אַ משמור. ס'איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט און ער איז דער איינציקער וואָס איז וואַך. דער בית־מדרש איז טונקל, נאָר אויפן לאַנגן שולחן לעבן דער גמרא ברענט אַן אַכטער לאָמפּ. ער לערנט און אָט הייבן זיך שוין אָן צו בלויען די פענצטער. עס ברעכט אויף טאָג.

מיטאַמאָל ווייזן זיך דריי געשטאַלטן — זייערע פּנימער זענען צוגעקלעפּט צו די שויבן פון די דריי פענצטער אין דרום־וואַנט, וואָס זענען אַרומגעצוימט מיט אַ לענגלעכן באַלקאָן. און ער ווייס אַז דאָרטן איז נישט געווען קיין באַלקאָן, נאָר עס איז ביי זיך אין שטוב.

ער דערקענט די דריי געשטאַלטן. די ערשטע געשטאַלט איז פון אַ הויכן מאַן, דאָס פּנים ריין געגאָלט. ער איז אָנגעטאָן אין אַ טאָגע און אויפן קאָפּ אַ גירליאַנדע, אַ שיין געפלאָכטענער בלומען־קראַנץ. אויף די פיס סאַנדאַלן און אין דער לינקער האַנט אַ צונויפגעראָלנער פּאַרמעט. שמעון ווייס, אַז דאָס איז אַריסטו — אַריסטאָטל, וואָס האָט חולק געווען — עס מיינט געהאַט אַן אַנדער מיינונג,

און פּאָלעמיזירט מיטן רמב״ם. און שמעון הערט און זעט װי אַריסטו, אַריסטאָטל, קלאַפּט העפלעך מיט די שפּיץ פֿינגער אין שויב און רופֿט:

— שמעון בן ירוחם, עפֿן פֿאַר מיר די טיר פֿון בית־מדרש און לאָז מיך אַרײַן און לאָז מיר זיך באַהעפֿטן מיטן כלל ישׂראל. איך בין שוין מיד פֿון אַרומ־בלאָנקען אויפֿן עולם התוהו. װי אַ נשמה ערטילאית — אַ נאַקעטע נשמה, אין אַ װעלט פֿון מאַטעריע. איר צער איז נישט צו באַשרײַבן, װײַל אַ נשמה אָן אַ גוף איז אַ הימלישער װעזן אָן פֿאָרעם, אָן צורה, אין אַ געשאַפֿענער פֿאַרמירטער װעלט, װוּ אַלץ מוז האָבן פֿאָרעם. ליבער װאָלט מיר שוין געװען װען מען פֿאַר־שיקט מיך אין גיהנום. די לײַדן זענען דאָרט פֿיזישע און באַנעמבאַר פֿון גוף. אָבער נײַן, איך בין נישט געװען זינדיק גענוג אין די אויגן פֿון בית־דין של מעלה, אַז מען זאָל מיר צופּסקענען גיהנום. מײַן מלאך סניגור האָט געמײנט, אַז ער האָט מיר געטאָן אַ טובה. ער האָט געטענהט, אַז איך בין געװען אײנער פֿון די געצײלטע פֿון די חסידי אומות העולם, אײנער פֿון די חכמי אתונא, װאָס האָט דערקענט גאָט מיטן שׂכל. דאָס איז אַ העכערע מדרגה װי אײנער װאָס דערקענט און דערפֿילט גאָט דורך התלהבות, עמאָציע, װאָס פֿירט צו עקזאַלטאַציע, װאָס איז אַ לײַדנשאַפֿט װי אַלע לײַדנשאַפֿטן. װײַניק מענטשן קענען דערגרײכן צו דער מדרגה פֿון אַקטיװן שׂכל, דערפֿאַר קומט מיר גן־עדן, אַפֿילו װען איך האָב נישט דערקענט תורת משה, װי דער רמב״ם האָט מיר באַװיזן.

דער קטיגור האָט געטענהט:

— אַריסטו איז אָן עקשן און זײַן שׂכל איז גאָרנישט געװען אַזױ פּועלדיק, אַקטיװ, װי דער סניגור האָט געזאָגט. אָט האָט אים דער רמב״ם סײַ על־פּי שׂכל און סײַ על־פּי תורת־משה באַװיזן, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די װעלט אַ יש מאין — עפּעס פֿון גאָרנישט. דער רמב״ם האָט געבראַכט אײַזערנע ראיות און בפּירושע פּסוקים, אָבער אַריסטו האָט זיך אַלץ געהאַלטן בײַ זײַן טעות אַז די װעלט האָט גאָט באַשאַפֿן פֿון אַ חומר קדמון, פֿון אַן אור־מאַטעריע, װאָס איז אַזױ אײביק װי גאָט אַלײן. דאָס איז דאָך כפֿירה — אמתע אפּיקורסישקײט. עס קומט דאָך אויס חלילה, אַז עס זענען דאָ אויף דער װעלט שתי רשויות — צװײ באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע כּוחות, איך װיל נישט אַרויסלאָזן פֿון מויל פֿאַרן כּסא הכּבוד דעם אמתן טײַטש פֿון די װערטער, אָבער איך מוז! צוליב קלאָרקײט — שתי רשויות, צװײ געטער אין דעם באַשאַף פֿון דער װעלט.

— דער בית־דין של מעלה האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט נישט צום סניגור און נישט צום קטיגור. מען האָט מיך נישט פֿאַרמשפּט אין גיהנום און מען האָט מיך נישט צוגעטײלט קײן חלק פֿון גן־עדן. דער פּסק־דין איז געװען — עולם־התוהו. איך זאָל װערן אַ נשמה ערטילאית — אַ נאַקעטע נשמה און אײביק אײביק אַרומשװעבן איבער דער װעלט און קײנמאָל נישט קריגן קײן רו.

— איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן — איך האָב חרטה. מיין חרטה איז נישט צוליב מיינע ליידן, נאָר ווייל ווי נאָר איך בין געקומען אויפן עולם האמת האָב איך איינגעזען מיין טעות. אָבער פילאָסאָפן זענען אויך מענטשן און ווילן נישט צוגעבן גלייך אויפן אָרט זייער טעות. בין איך געווען פאַרעקשנט אַ פּופצן הונדערט יאָר. נאָר איידער דער רמב״ם איז נפטר געוואָרן האָב איך אים געשיקט אַ בריוו און זיך מודה געווען בפרהסיה, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות און דער רמב״ם איז גערעכט: דער כביכול האָט געשאַפן די וועלט אַ יש־מאין. ס׳איז נישט געווען קיין אור־מאַטעריע — קיין חומר הקדמון, ווי דער פּסוק זאָגט: „איידער גאָט האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד איז די ערד געווען וויסט און ליידיק". „און גאָט האָט געזאָגט זאָל זיין ליכט!" די וועלט איז געשאַפן געוואָרן דורך גאָטס וואָרט.

איצט בעט איך דיך, לאָז מיך אַריין אין בית־מדרש, נעם מיך אַריין אין כלל־ישראל אַניט בין איך אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק אין כף־הקלע.

דאָס אַנדערע פּנים, וואָס איז צוגעקלעפּט צו דער שויב פון לינקן פענצטער איז געווען בלעמס. שמעון האָט אים גרינג דערקענט — ער איז בלינד אויף אַן אויג, הינקט אונטער אויף דעם לינקן פוס. ווען ער רעדט שפּאַרט אים פּיענע (שוים) פון מויל. בלעם רעדט נישט רויִק און גלאַסן ווי אַריסטו. ער שרייט און פילדערט און טאַנצט אונטער און ווען ער צעשרייט זיך אויף אַן אמת הייבט ער אָן זיך צו קלאַפּן מיט די פויסטן אין קאָפּ.

— הער דו, שמעון בן־ירוחם, און פאַרנעם דעם גרויסן אומרעכט וואָס איז קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן. די אנשי כנסת הגדולה האָבן מיך פאַרמידן פון עולם־הבא. פרעג איך דיר: פאַרוואָס קומט עס מיר? זעקס גוטע נבואות האָב איך געהאַלטן אויף יידן. מיט איינער פון מיינע ברכות הייבן יידן אָן דעם דאַווענען אַלע טאָג: מה טובו אהליך יעקב!

— הער נאָר די עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אַנטקעגן מיר. איך בין געהרגעט געוואָרן אין מלחמה. איך בין געווען בלויז אַ צופעליקער צוקוקער אין מדין. איך בין געקומען צו בלקן אויפמאָנען אַ חוב וואָס ער האָט מיר געקומט. האָט ער מיך אָפּגענאַרט און געשיקט קיין מדין, ווו די יידן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די מדינים. ווען איך בין אַהין אָנגעקומען און דערזען פּנחס דעם זון פון אלעזר, ווי ער פירט די זעלנער פון די בני־ישראל, האָב איך חרטה געהאַט, וואָס איך האָב געוואָלט, אַז אַ גוי זאָל מיר באַצאָלן פאַרן בענטשן יידן; האָב איך געמאַכט פון מיינע הענט צוויי פליגל, אויסגערעדט דעם שם המפורש און אַוועקגעפלויגן צום כסא הכבוד, זיך אויסגעצויגן פאַרן כביכול און געבעטן רחמים. איך האָב געוואָלט תשובה טאָן. אין דער זעלביקער רגע איז אָנגעקומען פּנחס צום כסא הכבוד און מיך געטייט מיט דעם שטערנבלעך — ציץ — וואָס

ער האָט געטראָגן אויף זיך. בין איך שולדיק? נעם מיך אַריין אין כלל ישראל, שמעון בן־ירוחם, זאָג נאָך מיר קדיש דריי מאָל אַ טאָג און זאָל מיין נשמה קריגן אַ תיקון.

בתיה, די טאָכטער פון פרעה, וואָס האָט אַרויסגעצויגן משהן פון די וואַסערן פון נילוס, באַווייזט זיך מיט איר פנים צוגעקלעפּט צו דער שויב פון מיטלסטן פענצטער און לאַכט פוןביידע גויים. זי לאַכט הייך:

— הערט און שטוינט ווי די צוויי גרויסע חכמים ריידן. איינער, דער גרעס־טער פילאָזאָף פון די גריכן און דער אַנדערער אַ כישוף־מאַכער, אַ שטערנזעער, אַ נביא, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט, און ביידע ריידן נאַרישקייטן. הערט אַ חכמה, איצט אַז זיי זענען אויפן עולם־האמת און געזען דעם כביכול אין זיין גרויסקייט און ווי באַליבט יידן זענען ביים רבונו של עולם טוען זיי תשובה. אָבער תשובה וואָס מען טוט טויט צוליב שרעק איז קיין תשובה נישט. און תשובה וואָס מען טוט נאָכן טויט איז אוודאי קיין תשובה נישט, ווייל דער וואָס גרייט נישט אָן ערב שבת האָט נישט וואָס צו עסן שבת. ווען מען זאָל קענען תשובה טאָן נאָכן טויט וואָלטן אַלע כישוף־מאַכערס, שטערנזעערס און חרטומים פון מיין טאַטנס פּאַלאַץ געוואָרן איצט כשרע יידן. איך האָב תשובה געטאָן ווען איך בין געווען יונג און איך בין געווען די הויפּט־פּריסטערין פון דער געטין מוט — די מוטער פון גאַנץ מצרים. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין גדולה נישט ווען יידן זענען געווען אין דער מעלה. ניין, איך האָב זיך מגייר געווען ווען יידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר. איך האָב פאַרוואָרפן מיין רייכקייט, מיין קעניגלעכן רום און מיין נאָמען טאַרמוטוס, די טאָכטער פון דער געטין מוט, געוואָרן אַ ייִדישע טאָכטער און זיך אַ נאָמען געגעבן בתיה — די טאָכטער פון גאָט. איך האָב חתונה געהאַט מיט כלב דעם זון פון יפונה. איך בין דורכגעגאַנגען אַלע ליידן פון מדבר און כיבוש הארץ — דאָס באַזיגן פון כנען. איך האָב אויפגע־שטעלט אַ ייִדישן דור און ביז היינטיקן טאָג גיבן יידן אַ נאָמען זייערע טעכטער נאָך מיר — בתיה.

— און נאָך אַ גרויסע זכיה האָב איך. אין גן־עדן האָט מען פאַר מיר אָפּ־געטיילט אַ היכל — אַ פּאַלאַץ, ווו טויזנטער, צען־טויזנטער ייִדישע ווייבער זענען דאָרטן מיט מיר און דאָרטן איז פאַראַן געוגוג ליכט און פאַרגעניגנס פאַר אַלעמען. און דריי מאָל אַ טאָג רופט מען אויס: אָט קומט אָן די אָפּשפּיגלונג פון דער געשטאַלט פון משה, דעם באַגליבטן פּאַסטוך. איך גיי אַרויס און פאַרבייג זיך פאַר דער געשטאַלט און איך זאָג: ווויל איז מיר און גוט איז מיר וואָס איך האָב זוכה געווען אויסצוהאָדעווען דאָס דאָזיקע ליכט. און וואָס דאָס איז מיין גרעסטער תענוג, מיין העכסטער פאַרגעניגן.

— דו אַריסטו, האָסט זיך אַליין פאַרפירט מיט דיין דינאַמישן שכל. מילא

דיין געדאַנק פון יצירה בין איך דיר מוחל, אָבער דו פאַרגעסט אַז דינען גאָט קענען מיר דינען נאָר מיט מצוות און דו האָסט נישט אָפּגעהיט נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טוב און קיינמאָל נישט געדאַוונט, ביסטו טאַקע נאַקעט הייל, ביסט אַ נשמה ערטילאית — אַ נאַקעטע נשמה! און אַזוי וועסטו בלייבן.

— און דו בלעם! קוקט אים נאָר אָן. איך קען דיך נאָך ווען דו ביסט געווען איינער פון די חרטומים אין מיין טאַטנס פּאַלאַץ. דו האָסט דאָך געוואָלט אומ־ברענגען משהן, אַ גליק וואָס יתרו האָט פאַרשטערט דיין עצה. הערט נאָר ווי ער שרייט „זעקס גוטע נבואות האָב איך געהאַלטן אויף יידן און מיט איינער פון מיינע ברכות הייבן יידן אָן דעם דאַווענען״. האָסט דען זיי געוואָלט בענטשן? פון דיינע ברכות איז דאָך געדרונגען מיט וואָס פאַרא קללות דו האָסט געוואָלט שעלטן די יידן. ווילסט איך זאָל איבערחזרן, וואָס ר׳ יוחנן האָט געדרשנט וועגן דיר? און צדיק מיינער, האָסטו שוין פאַרגעסן די עצה וואָס דו האָסט געגעבן אונקלוסן, ווען ער האָט דיך אַרויפגעבראַכט פון קבר און דיך געפרעגט צי ער זאָל זיך מגייר זיין?

בתיה צעלאַכט זיך. בלעם צעשרייט זיך. אַריסטו בלייבט רויק. ער נעמט אַרויס אַ טאָוול פון אונטער דער טאָגע, פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און הייבט אָן צו שרייבן מיט אַ גריפעל אויפן טאָוול.

שמעון כאַפּט זיך אויף. ער זעצט זיך אויף אין בעט און קוקט אַרויס אין דרויסן. די דריי פענצטער זענען העל בלוי. עס איז שוין טאָג. די צווייגן פון דעם געדיכטן בוים רוישן אין דער פרימאָרגן־קילקייט. איבערן שפּיץ בוים און אַ שטיקל בלויען הימל בלייכט זיך אַ שטערן אין דער פאַרטאָגיקער ווייסקייט.

שמעון צעשמייכלט זיך.

— או וואַ! ס׳אַרא געמיש פון פּאַלקלאָר און מדרש האָט זיך מיר „אָנגע־פּליעציעט״. אָבער דער באַשייד איז קלאָר. קרעמענטשוג איז אינעם ערשטן יאָר געווען דער המשך פון קאַלינקאָוויטש, וואָס איז געווען נישט נאָר אַן אָפּגעשלאָ־סענע וועלט, נאָר דער הייוון אין דעם טייג, דער צענטער פון דער וועלט. די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט האָט געהאַט אַ באַטייט נאָר אויף וויפל זי איז אָנ־גענומען געוואָרן פון דער יידישער.

דער באַשטאַנד פון דער וועלט, איז ביי אים דעמאָלט געווען קלאָר. אַלע לענדער און פעלקער זענען אַ טפל צום יידישן פאָלק. און צווישן יידן איז דאָ אויך אַ חילוק. אַלע יידן זענען טאַקע קינדער פון גאָט, אָבער דאָך זענען נישט אַלע גלייך אין זיינע אויגן. עס זענען דאָ יידן, וואָס מסחרן און אַרבעטן, פּטרן צייט אויף עולם־הזה — די דאָזיקע יידן זענען דאָס שאָלעכץ פון דער אומה. דער עיקר, די יאָדרע אָבער זענען די לערנער, די דאַוונער, די וואָס זענען פאַר־בומען מיט גאָטס תורה. אויף זיי און צוליב זיי האַלט זיך די גאַנצע וועלט.

פאַרשטייט איצט שמעון פאַרוואָס ער געדענקט פון ערשטן יאָר נאָר די ווענט פון בית־מדרש. ער איז טאַקע געגאַנגען איבער די גאַסן, געזען הייזער, מענטשן און קראָמען. אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען קיין טייל פון אים. זיין וועלט איז געווען דער בית־מדרש און זיינע פיר ווענט.

***

דריי תקופות זענען געווען אין שמעונס לעבן ווען ער האָט פאַר אַ לענגערער צייט זיך געפונען אין אַ מצב פון התלהבות און דערהייבונג — ביז עקזאַלטאַציע. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען אין קרעמענטשוג — אין ערשטן יאָר פון זיין אין דער ישיבה. דאָס צווייטע מאָל — ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן קינדער־דערציילונגען און מען האָט זיי אָנגעהויבן איבערצודרוקן אין דער פּרעסע פון כל תפוצות ישראל. און דאָס דריטע מאָל, ווען ער איז געווען אין די פופציקער יאָרן און אָנגעהויבן שרייבן זיינע חיבורים וועגן דער באַנייונג פון ייִדישקייט. אין די אַלע דריי מאָל האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען פון געפיל: „דו, שמעון, דער זון פון מערע ירוחם דעם שוסטערס, ביסט אַריין אין היכל, פּאַלאַץ, וווּ עס געפינען זיך נאָר די יחידי סגולה — די געציילטע, די אויסדערוויילטע און די אויסגעקליבענע און באַליבטע פון פאָלק און גאָט. דו ביסט איינער פון זיי. טאָרסט עס נישט גרינגשעצן. דערפאַר דאַרפסטו טאָן דיין אַרבעט גרינטלעך און ערלעך. ס׳איז נישט קיין שפּיל. ס׳איז אַ יאָך און אַ זכות״.

שמעון טראַכט איצטער אַז דאָס איז געווען די ווירקונג און אָפּקלאַנג פון דעם ערלעכן שוסטערס הויז און דער מאַמעס אָפענע רייד וועגן אירע האָפענונגען, וואָס זי האָט געלייגט אויף אים. ווי אירע רייד איידער שמעון איז אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה:

„אָבער, זון מיינער, איין זאַך וואָלט איך געוואָלט דו זאָלסט געדענקען: ווען דו וועסט ווערן אַ רב צי אַ דאָקטער, צי דו וועסט שרייבן ספרים, עס קען דאָך מקוים ווערן, וואָס איך האָב געזונגען, ווען איך האָב אייך ייִנגלעך פאַרוויגט — „תורה וועסטו לערנען און ספרים וועסטו שרייבן״. ווען דו וועסט זיך צי עפּעס דערשלאָגן, געדענק איין זאַך — עס זענען דאָ אַ סך שוסטערס אויף דער וועלט. זיי קומט אויך עפּעס״.

דאָס, מיינט שמעון, האָט אים דערהייבן אין זיינע אייגענע אויגן און אים אויך טיילווייז אויסגעהיט פון גאווה.

„אויף דעם דאָזיקן טאָג האָב איך געוואַרט״ — האָט שמעון פאַראַפראַזירט אַ פסוק פאַר זיך, אין דעם ערשטן טאָג אין דער ישיבה, ווען ער האָט זיך געזעצט ביים שטענדער מיט דער אָפענער גמרא. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער גמרא: גרינלעכע בלעטער, קלאָרער שריפט — מפרשים און מפרשים אויף די ראַנדן פון

די בלעטער, אָבער דער עיקר זענען רש״י און תוספות אַרום דעם עמוד פון גמרא און מהרש״א צום סוף פון דער מסכתא. און שמעון צעשאָקלט זיך און פאַרציט דעם גמרא־ניגון און עס זינגט אין אים: „אויף דעם טאָג האָב איך געהאָפט און געוואַרט, דערלעבט און געזען. לערנסט אינגאַנצן פאַר זיך. טראָגסט איצט די קרוין פון תורה. פון יחוס ביסטו נישט, שמעון בן־ירוחם, קיין עשירות פאַרמאָגט נישט דיין טאַטע. אַ תלמיד חכם ביסטו אָבער געוואָרן. דו ביסט אַ בן־בית אין דעם היכל פון תורה״.

דער רבי געצל האָט געזאָגט וועגן דעם מענטשן אויף דער וועלט אַז ער איז די חלה פון דער יצירה און גאָט האָט דעם מענטשן געמאַכט בעל־הבית ביי זיך אין שטוב. איצט איז ער, שמעון, אַ בן־בית אין דעם היכל פון תורה, דאַרף ער וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער ממשלה פון תורה. אין שטאָט לויבט מען אים און מען דערציילט ווונדער פון זיין התמדה און בקיאות, אָבער די לויבגעזאַנגען מאַכן אים גאָר הכנעהדיק ווייל ער ווייס ווי אָרעם ער איז אין וויסן, ווי קליין זיין השגה איז.

אדרבא, אָט איז אַ פשוטע משנה. ער לערנט זי אָפּ. „זי איז קלאָר און פאַרשטענדלעך״ זאָגט ער צו זיך: „נו, דו גרויסער חריף, דו גרויסער לערנער וואָס דו ביסט, דערטראַכט זיך צו די קשיות פון דער גמרא״. ער טראַכט און טראַכט — נישטאָ קיין קשיות. אָבער אָט קוקט ער אַריין אין דער גמרא און די ווערטער פון דער משנה, וואָס זענען געווען אַזוי קלאָר ווערן כולו מוקשה — אינגאַנצן אָפּגעפרעגט. פול מיט סתירות. און די גמרא איז גערעכט. ער, שמעון, האָט נישט געזען די טיפקייט און די אַנגעלאָדנקייט פון די ווערטער אין דער משנה. די זעלביקע איז מיטן תוספות און מיט די קשיות פון מהרש״א, „פני יהושע״ און „שיטה מקובצת״.

אויב מען וויל זיך נישט נאַרן מוז מען לערנען און לערנען אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור — אַז ברייטער פון דער ערד איז די תורה און טיפער פונעם ים. נו, לויבט מען אים, מען דערציילט ווונדער פון אים. אָבער ער ווייס דאָך דעם ליגן פון די שבחים. איז וואָס מער מען לויבט אים אַלץ מער דאַרף ער לערנען — מען שטעלט אויס פאַר אים וועקסלען.

דער זומערדיקער טאָג איז צו קורץ, און די ווינטערדיקע נעכט זענען ווי אַ מאָך מיטן אויג. און עסן מוז מען. פטרט ער צייט. נאָך מער צייט פטרט ער אין גיין אויף די טעג. פאַרגינט זיך נישט שמעון צו פטרן אַזוי פיל צייט. עסט ער שנעל, ווייס נישט וואָס ער קייט — שטענדיק אַ ספר לעבן זיך.

דאָס שלאָפן איז נאָך אַן ערגערע אָנשיקעניש — אָט לייגט ער זיך צו עלף אַזייגער ביינאַכט. ער רעכנט אויס צו שלאָפן אַ פּאָר שעה — קלאָרער מאַכן דעם מוח. ער כאַפּט זיך אויף אַ פּאָר רגעס שפּעטער. שוין, ס'איז ווייסער טאָג.

בלייבט אים ווייניק צייט אויף זיינע אייגענע לימודים: משניות, תנ״ך און די ספרים, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן ציִען ווי אַ מאַגנעט: „חובות הלבבות״, „כוזרי״, „ספר העיקרים״ און נאָך. אין בית־מדרש איז דאָ אַפילו אַ שלל מיט חסידישע ספרים. פאַרגינט זיך נישט שמעון אַפילו צו אָטעמען צו אָפט. ער וואָלט אַלץ געלערנט און געלערנט.

די ישיבה־בחורים זענען נישט צופיל שטאָלץ מיט זייער לערנען און אוודאי נישט מיט זייער עסן טעג. אָבער שמעון פאַרשטייט נישט פאַרוואָס זיי שעמען זיך מיט לערנען תורה. און עסן טעג? ווי האָט ר׳ געצל געזאָגט:

„עסן טעג איז נישט קיין קצבה. ס׳איז אַ דרך פון יידישן לעבן, אָט האָב איך געהערט זענען פאַראַן אין אויסלאַנד רייכע מענטשן, וואָס שרייבן אָפּ פאַר־מעגנס אויף אוניווערסיטעטן, כדי צו געבן סטודענטן אַ געוויסע תמיכה. ביי אונדז פירט זיך, אַז אַלע יידן העלפן אַרויס יונגעלייט וואָס ווילן לערנען. ס׳איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט עסן טעג. ס׳איז אַזאַ מנהג ביי יידן. אַלע גדולי ישראל האָבן געגעסן טעג״.

שמעון שעמט זיך נישט מיטן עסן טעג און האַלט דאָס לערנען תורה פאַר אַ גאַר גרויסער מדרגה און זכיה. דערפאַר ווערט ער נישט נתפעל פון די אפּי־קורסים. ווען ער האָט זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט אַ רעוואָלוציאָנערן פירער, אַ געוועזענעם ישיבה־בחור אַ למדן, וואָס האָט צוערשט אָנגעהויבן אָפּ־לאַכן און דערנאָך געוואָלט אים, שמעונען, אַראָפּפירן פון דרך הישר, האָט דאָס יינגל זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט געפירט שאַרפע וויכוחים מיטן בחור. דאָס יינגל האָט אַפילו נישט געוואָלט נעמען פון אים די נייע אפיקורסישע ביכער, וואָס דער בחור זאַנוויל האָט גאַרנישט געקענט פאַרשטיין.

שבתים פלעגט שמעון עסן ביי מאָטלען דעם שוסטער, וואָס האָט געוווינט אויף דער כאַרטשאָווסקאַיאַ אוליצאַ (כאַרטשאָווער גאַס), אַ מהלך פון דער ישיבה. שמעון פלעגט דערפאַר דאַרפן גיין דריי מאָל הין און צוריק פון בית־מדרש צו מאָטלען, דורך דעם טאָג, ווייל ער האָט נישט געוואָלט בלייבן ביי מאָטלען דעם גאַנצן שבת און צעפּטרן אַ טאָג. איינמאָל אַ שבת נאָכמיטיק האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען און שמעון האָט נישט געקענט גיין צוריק אין דער ישיבה אַריין. אָבער יאָ רעגן נישט רעגן, די שטוב איז געוואָרן פול מיט יונגוואַרג. מאָטל האָט געהאַט צוויי טעכטער און אַ זון און זיי האָבן געהאַט חברים און חברטעס און די אַנדערע מיידלעך האָבן געהאַט אויך באַקאַנטע בחורים און די בחורים מיידלעך. מאָטלס שטוב, דער חדר פון וואַרשטאַט, וואָס איז געווען גאָר אַ גרוי־סער צימער, איז אַלע שבת נאָכמיטיק געוואָרן פול מיט יונגוואַרג, וואָס האָט געטרונקען טיי, געקנאַקט שעמעטשקעס און יאַדרעס פון אַרבוזן, געגעסן קאָווענע, געזונגען, געשטיפט און געשפּילט אין פאַנטן. שמעונען איז געווען גוט באַקאַנט

די דאָזיקע פאַרווייִלונג פון פועלים אין די רעגנדיקע שבת נאָכמיטיקן, נאָך פון דער היים, פון דעם שוואָגער שמואל־חיימס מאַיסטערסקאַיע. ער האָט זיך איצט, ווי אַמאָל ביי זיך אין שטוב, פאַרקליבן אין קיך, וווהין דער טומל פון דער סאַליע האָט זיך נישט דערטראָגן און ער האָט אַריינגעקוקט אין תרגום שני.

פאַרוואָס אין מיטן דרינען תרגום שני? פראָסט און פשוט, ביי מאָטלען אין שטוב זענען קיין לומדישע ספרים נישט געווען. עס האָבן זיך געפונען אויף די צוויי פאָליצעס אַ גאַנג חומשים, סידורים, בענטשערלעך, סליחות, קינות, הגדות, אַ פּאָר ספרים פון תנ״ך, אַ קב הישר, אַ יוסיפון און תחינות אויף עברי־טייטש. אין חומש שמות איז געווען געדרוקט דער תרגום שני, פאַר שמעונען איז דאָס אויך געווען אַן ענין אין דעם דאָזיקן רעגנדיקן נאָכמיטיק.

ער איז געזעסן צוגעזאָטן מיט די אויגן צו די בלעטלעך מיט דעם רש״י־כתב און מיטאַמאָל האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ הויכער בחור אין ראַם פון דער טיר. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך צוגעקוקט ווי שמעון נעמט נישט אַרויס די אויגן פון חומש. ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט באַדויער, ווי איינער דערמאָנט זיך אָן עפּעס פריקרע און געזאָגט:

—מ׳האָט מיר דערציילט, אַז אין קיך זיצט אַ ישיבהניק, וואָס ציטערט פאַר מיידלעך, זינדיקע נקבות, טעכטער פון דער סיטרא אחרא, וואָס שפּריצן מיט זינד.

שמעון האָט אויפגעהייבן די אויגן און באַטראַכט דעם בחור — אַ שיינער יונג נישט אַזוי הויך ווי דער ברודער זיינער שמחה, אָבער אַ בחור מיט געפּאַקטע פּלייצעס, אַ שיינער קאָפּ האָר, קלוגע לאַכנדיקע אויגן, גייט אָן אַ היטל, אָנגעטאָן איז ער אין אַ שוואַרצער רובאַשקע און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברוינעם גאַרטל מיט פיינע צוויי קוטאַסן. אַ פּאָר בלויע הויזן, אָפּגעפּוצטע שיך און אַ פּנים ריין ראַזירט מיט אַ מויל פול מיט געלעכטער.

שמעונען איז דער יונג געפעלן געוואָרן. — אַן ערלעכער פּנים און רעדט ווי אַ בר־אורין. קענטיק פון די דעמאָקראַטן, רעדט שפּאַטיש ווי ניסל קאָנספּי־ראַציע דער הויפּט־פּועל ביים שוואָגער שמואל־חיים. די בעסטע זאַך איז ענט־פערן מיט אַ שטאָך אויף אַ שטאָך. שמעון האָט געענטפערט, נישט פאַרמאַכנדיק דעם חומש:

— די מטרוניתאָס האָבן שוין אייך פאַרפירט און איר ווילט אַז נאָך עמעצער זאָל זינדיקן?

— מיינט איר טאַקע, אַז זינדיקן איז אַזוי שלעכט?

— עס רופן אייך די עבירות און איר ווילט מזכה זיין דעם רבים?

דער בחור האָט אַריינגעשטעקט די צונג אין דער לינקער באַק, זי אַ דריי געטאָן אַרום באַק אַזוי אַז די באַק האָט זיך געבערגלט און אַ זאָג געטאָן צו זיך:

„אור־וואַ, אַ שאַרף צינגל. נוצט אַ גמרא־לשון. מסתמא בכיוון. ווייל ער פּאַרפירן אַ דיסקוסיע?" ער האָט געזאָגט צו שמעונען:

— איז זאָגט־זשע מיר וואָס איז דער שכל צו שאָקלען זיך איבער דער גמרא און וועלן דערגיין דעם גרויסן וויכטיקן סוד צי „ביצה שנולדה ביום־טוב" — אַן איי וואָס די הון האָט געלייגט אום יום־טוב מעג מען יאָ עסן צי נישט? עס איז דאָך וויכטיק פאַר דער וועלט און איבערהויפּט פאַרן אַרבעטער, וואָס דערלעבט קוים צו זען אַן איי פאַר די אויגן — צי מען טאָר זי עסן, צי נישט? מחמת וואָס?

שמעון האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, גרוי־בלויע אַלטע אויגן און געענטפערט מיושבדיק ווי אַן עלטערער מענטש ענטפערט אויף אַן ערנסטער פראַגע:

— איך וואָלט אייך געקענט ענטפערן אויף אייער פראַגע פון פּאַרוואָס, אויב איר ווילט. אָבער מיר שאָקלען זיך איצט אין דער ישיבה איבער דער מסכתא פסחים.

— זאָל זיין פּסחים, — האָט דער בחור געענטפערט מיט היץ — נאָך אַ וויכטיקער ענין צו וויסן פאַר מיינע קאַמאַשן־שטעפער דעם גאַנצן פּלאַנטער וועגן דעם וואָרט „אור". עס שטייט דאָך קלאָר „אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר" אין דער נאַכט פון פערצנטן טאָג אין ניסן איז מען בודק חמץ ביי דער ליכטיקייט פון אַ ליכט. נו, אַ גרויסער וויכטיקער ענין. ביי אַ „נאַש בראַט" (אונדזערן אַ מענטשן) אַבי ס'איז נאָר דאָ חמץ איז גוט. אָבער זאָל זיין ס'איז וויכטיק. איז צו וואָס דאָס דרייען מיטן גראָבן פינגער וואָס מיינט „אור"? ס'איז קלאָר אַז דאָס מיינט נאַכט. אָבער די גמרא איז נישט צופרידן. זי דאַרף ברענגען פּסוקים און האַלבע פּסוקים כדי צו באַווייזן אַז נאַכט מיינט נאַכט.

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך איצט דערפילט אויף אַן איי־זערנעם בריק. דער בחור שפּעט טאַקע, אָבער ער איז דאָך אַ למדן. מען קען צו אים ריידן מיט שכל. האָט שמעון אָנגעהויבן ריידן גיך און הויך אויפן קול, ווי זיין שטייגער איז. און אַ קול האָט ער געהאַט אַ קלינגענדיקן, אַ קלאָרן, אַן אימ־פּעטיקן און אַז ער האָט אים אויפגעהייבן האָט מען זיך געמוזט צוהערן צו אים:

— איך וועל אייך ענטפערן אויף ראשון ראשון און על אחרון אחרון. אויב אַ קאַמאַשן־שטעפער ווייל אָפּהיטן פּסח ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועט אים צוקומען אַ שטיק געזונט אויב ער וועט בודק חמץ זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיין טאַטע איז אַ שוסטער און ווען ער וואָלט נישט בודק חמץ געווען על־פּי דין וואָלט ער געווען אַן אומגליקלעכער מענטש. און ביי אייך איז טאַקע קלאָר וואָס „אור" מיינט. פרעג איך אייך פּאַרוואָס זאָגט נישט די משנה פּראָסט בלילה לארבעה עשר — אָדער בערב לארבעה עשר — אין דער נאַכט פון פערצנטן טאָג אין ניסן

אָדער אין אָװנט פון פערצנטן טאָג — ס׳איז דערפאַר װי דער רמב״ם האָט געזאָגט...

דער בחור האָט אים אױסגעהערט ביזן סוף. דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— לױט אײַער שײנעם פּילפּול איז עס שױן איצט אױך נישט קלאָר נאָך עפּעס װען איז פּרימאָרגן פרימאָרגן און נאַכט איז נאַכט? װען איז װײס װײס און שװאַרץ שװאַרץ? — אַ נײַער דרײדל. נישטאָ װער עס זאָל לאַכן.

— װאָס איז דאָ פון װאָס צו לאַכן? — האָט זיך שמעון צעכעסט. — אװדאי איז װײס װײס און שװאַרץ שװאַרץ. אָבער עס זענען דאָך דאָ מדרגות פון שװאַרץ און װײס. װען מען גיט צו צו װײס שװאַרץ, װען װערט װײס שװאַרץ? און פאַר־קערט? איבערהױפּט טאָקע װעגן טאָג און נאַכט. צוערשט דאַרף מען דאָך װיסן װאָס איז צײַט, װײַל צײַט לױט...

דער בחור האָט אים אָנגעקוקט שאַרף און איבערגעשלאָגן אין מיטן:

— דאָס װײסט איר אױך? אָט װעט איר אָנהײבן צעקײַען װאָס ר׳ סעדיה גאון זאָגט װעגן צײַט — איר װעט מיר דערצײלן װעגן תנועה — באַװעגלעכ־קײט פון צײַט און...

שמעון האָט אױך אים נישט געלאָזט ענדיקן:

— װיבאַלד אַז אײַך איז עס באַקאַנט, איז װאָס לאַכט איר פון דער גמרא װאָס זי װיל באַשטימען פּונקט די ריכטיקע צײַט פון לײענען קריאת שמע, בודק חמץ זײַן און װען אַן אײ װערט פאַרטיק? פאַר אַ ייִדן װאָס היט אָפּ אַלע מצװת איז עס װיכטיק צו װיסן, די אַלע פּילפּולים זענען נישט קײן נאַרישקײטן. ס׳איז אַ װיכטיקער שקלא וטריא.

שמעון האָט אַלײן נישט דערפילט װי ער איז אַרױס פון דער קיך אין דער סאַליע און איז אַרומגערינגלט געװאָרן פון די בחורים און מײדלעך. דבורה מאַטלס עלטערע טאָכטער האָט זיך אָנגערופן:

— זאַנװיל, שמעון איז נישט גלאַט אַ כניאָק, װאָס מ׳קען פון אים אָפּלאַכן. ער קען אָנפירן דעם אמתן דיספּוט. מ׳קען מיט אים אײַנשטעלן נאָך אַ גרעסערע דעבאַטע װי מיט די ציוניסטן.

זאַנװיל האָט זיך נישט פאַרלאָרן:

— יאָ, ער איז אַ יאָט פון די יאָטן. ס׳איז אַ בחור מיט בײנער. אַ קלײ־נינקער אָבער אַ קנאַכיקער. אַ דאַרינקער אָבער מיט ברײטע פּלײצעס. געװײנט־לעך זענען די ישיבה־בחורים כניאָקעס. אָבער עס זענען דאָ צװישן זײ מענטשן מיט קעפּ װי דער אברהם װאָלט פון מינסק. אָט דער דאָזיקער שמעון װאָלט געװען אַ װינטשפינגערל פאַר אונדז. אָבער אַפילו װען ער װעט זיך ראַזװיטען (אױסגעקלערט װערן) װעט ער נישט צושטײן צום בונד. ער איז צופיל אינדיװי־דואַליסט. ער װעט װערן אַן אַנאַרכיסט.

דאָ האָט זיך דערהערט מאָטלס קול:
— בייסט זיך אָפּ די צונג, זאַנוועלע.
— ווי אַלט זענט איר? — האָט זאַנוויל געפרעגט שמעונען.
— פערצן יאָר מיט עטלעכע חדשים.
זאַנוויל האָט געזאָגט פאַרבענקט, טרויעריק:
— איי, ווען די וועלט ווערט פריי פאַרן אַרבעטער־קלאַס. ווען מיר וועלן פּטור ווערן פונעם לעקיש אויפן טראָן און אַלע גימנאַזיעס און אוניווער־סיטעטן וועלן זיך עפענען פאַרן פאָלק. מיר יִדן וועלן ערשט באַווייזן דער וועלט וואָס מיר קענען. עס וואַלגערן זיך ביי אונדז עילויים, גאונישע קעפּ, אָבער ווי זאָגט ביאַליק אין המתמיד: „און עס שרייט מיין הארץ: רבונו של עולם, אָט די דאָזיקע כוחות אויף וואָס ווערן זיי פאַרשווענדט?״ איך בין אים מוחל דעם „רבונו של עולם״. אָבער די טענה איז אַ טענה. נאַ, קאַלינקאָוויטשער צאַצקע, וועסט אויסגעפינען אַז דיין וועלט שטייט אויף שפינוועבס. דיין סעדיה גאון און אַפילו דער רמב״ם האָבן גענומען זייער פילאָזאָפיע פון די גריכן. די וועלט איז שיין און גרויס און אַ יונג ווי דו דאַרף העלפן אָפּרייניקן די ערדע. דו דאַרפסט העלפן ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דו ביסט דאָך אַן אַרבעטערס אַ זון.
— ער האָט אַ זיפץ געטאָן. — אָבער אַפילו ווען דו וועסט אַוועק פון בית־מדרש וועסטו נישט זיין קיין אונדזעריקער — וועסט ווערן אַן אַנאַרכיסט. שטירנער איז פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן.
מאָטל האָט זיך ווידער אַריינגעמישט:
— לאָז אים צורו. אַנאַרכיסט שמאַנאַרכיסט, צי אים נישט אַריין אין דיין חברה בונדיסטן וואָס דו פירסט.
— האָט קיין פאַרכט נישט, ר׳ מאָטל, אַזוינע ווי שמעון פאַרפירט מען נישט. אָבער איך וואָלט אים געוואָלט האָבן פאַר איינעם פון מיינע יאָטן.
זאַנוויל האָט שמעונען נישט אָפּגעלאָזן. אָבער ס׳איז אים אַפילו נישט גע־לונגען איבערצורייִדן דאָס ייִנגל צו נעמען אַ בוך פון אים. זאַנוויל האָט אים ערשט אָפּגעלאָזן נאָכן געשלעג אין דער ישיבה.

***

אין שטאָט האָט זיך די ישיבה נישט אָנגעזען. קיין ספּעציעלן ייִדישן קוואַר־טאַל געדענקט נישט שמעון. ער געדענקט אויך נישט אַז עס זאָלן קומען באַלע־באַטים אָנקוקן די ישיבה אָדער ווער אין שטאָט זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט די ישיבהניקעס. אָבער גאָר אָפּט פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין דער ישיבה אַ חברה ייִנגלעך — אין עלטער פון צוועלף ביז זעכצן־זיבעצן יאָר. די דאָזיקע ייִנגלעך פלעגן דערגיין די יאָרן די ישיבה־בחורים. אַלעמאָל איז די חברה באַשטאַנען פון

אַ צען אירע. אַמאָל גאַנצע פּופּצן. זײ פלעגן געװײנטלעך אַרײנשטורעמען שפּעט נאָך מעריב. די ישיבהניקעס פלעגן דעמאָלט זיצן אַרום דעם לאַנגן שולחן און טרינקען טײ און עפּעס צובײסן — הערינג מיט ברױט, אָדער כאַלװאַ מיט ברױט — און שמועסן. די חברה יינגלעך פלעגט אָפּהיטן די צײט און אַרײנרײסן זיך אין בית־מדרש און זיך אָנהײבן רײצן מיט די ישיבה־בחורים.

אָנגעטאָן איז די חברה געװען אַלע װי אײנע אין שװאַרצע העמדלעך אַרומ־געגאַרטלט מיט געהאָפּטענע גאַרטלעך מיט טראָלדן. אויף די קעפּ גויִשע היטלען — בלויע מיט אויסגעשטעלטע דענעקעס און בלישטשאַשנע (גלאַנציקע) דאַשי־קעס. חברה פלעגט בלײבן שטײן אין אַ גרופּע און אָנהײבן זיך רײבן און זידלען. זײ האָבן גערופן די ישיבהניקעס: דאַרמאָיעדניקעס, מערידניקעס, װײצענע הינטנס, כניאָקעס און פּאַטראָנעס. חוץ די אַלערלײ צונעמענישן פלעגן זײ זינגען אַ שפּאָטיש לידל — אַ לידל, װאָס די ישיבה־בחורים פלעגן עס אַלײן אָפּט זינ־גען, אָבער די לאָבוסעס האָבן עס איבערגעמאַכט אויף זײער אײגן לשון און צו־געפּאַסט צו דעם אַ פאַרשײטן ניגון. די ישיבה־בחורים פלעגן זינגען מיט אַ טרויע־ריקן ניגון אַ לידל האַלב אויף לשון־קודש און האַלב אויף ייִדיש:

למה לי חיים
למה לי זאת
פּאַטראָנסקער לעבן
איז חשוב כמת.

די שײקע אָבער האָט געזונגען דאָס לידל אויף איר נוסח:

װאָס טויג דיר, פּאַטראָן דאָס לעבן,
װינטש זיך בעסער דעם טויט,
אַז נאָר אַ באַנק טוסטו קװעטשן,
און פרעסט פרעמד, אומזיסט ברױט.

דאָס זינגען איז נאָך געװען אַ האַלבע צרה. באַלד פלעגן זײ אָנהײבן װאַרפן נאַסע האַנטעכער און איבערקערן בענק. די ישיבהניקעס האָבן אויך נישט גע־שװיגן. פלעגט אָפּט קומען צו אַ געשלעג. ס'איז נאָך ערגערס געװען װי אַ גע־שלעג. זײ פלעגן אַ כאַפּ טאָן אַ ישיבהניק, אים אויסציִען, אים אָנכאַפּן בײם בויך און אים אַ שלעפּ טאָן מיט אַלע כוחות. װען דער ישיבה־בחור פלעגט אויס־שרײען פון װײטיק האָבן זײ געהאַט אײן שפּאָטישן פּזמון:

— װאָס שרײסטו, פּאַטראָן? ס'איז דאָך נישט דײן בויך. דו פרעסט דאָך בעטל־ברױט.

שמועגען איז געװען מאָדנע, װאָס זײ האָבן אים קײנמאָל נישט פאַרטשע־

פּעט. ער האָט עס צוערשט אָנגענומען אַז זיי קוקן זיך נישט אום אויף אים, ווייל ער איז דער קלענסטער פון די בחורים און האַלט זיך אַלעמאָל פון דער ווייטנס. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַוועקגעזעצט מיושבדיק מיט אַלעמען און געבטלט צייט. ער איז אַלעמאָל געווען מיט דער נאָז אין אַ ספר אָדער אַ קונטרסל. און אַפילו אַז ער האָט גענומען אַ גלאָז טיי איז ער געזעסן אַן אַ זייט און מיטן מויל געטרונקען און מיט די אויגן געזופּט די שורות פון ספר. אָבער ער האָט אויסגעפונען אַז די סיבה איז געווען גאָר אַן אַנדערע.

איינמאָל, אין אַ דינסטיק, האָט זיך די גאַנצע חברה אָפּגעשטעלט ביי שמעונס שטענדער און פון דאָרטן זיך געררייצט מיט די בחורים, וואָס זענען געזעסן אַרום שולחן. דער אָנפירער פון דער חברה איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר זעכצן מיט אַ קלוגן פּנים און אַ טשופּרינע האָר, וואָס האָט זיך ווילינגעריש אַרויסגעשפּאַרט פון היטל, וואָס איז געזעסן אַן אַ זייט אויפן קאָפּ. חברה האָט אים גערופן וואָלאָדיע.

שמעון האָט אַרויסגענומען די אויגן פון ספר, אויפגעהערט זופן די הייסע טיי און זיך אַ קער געטאָן צום יינגל אָנפירער:

— מען רופט דיך, הער איך, וואָלאָדיע. אַ יינגל מיט אַ גוייִשן נאָמען קומט אין בית־מדרש און וויל דווקא פּאַרפּירן מיט אונדז אַ געשלעג. און זאָג מיר, וואָלאָדיע, וואָס גייט דיר אין לעבן צי מיר עסן טעג צי נישט?

— מיש זיך נישט! — האָט וואָלאָדיע געענטפערט. — דיך טשעפּען מיר נישט.

— מיט וואָס בין איך אַ מיוחס?

— ס'איז קאָנספּיראַציע.

שמעון האָט שפּאָטיש אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי, קאָנספּיראַציע? בונד, עסעסאָווצעס, סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָדער נאַראָדאָוואָלצעס?

— דאָס ווילסטו אויך וויסן? נעם אַן אָניטשע (שמאַטע) און וויס (וויש).

— כ'האָב שוין די חכמה געהערט מיט אַ צוויי יאָר פריִער, — האָט שמעון געענטפערט סאַרקאַסטיש, — נאָך פון ניסלען, ביי מיין שוואָגער אין מאַיסטערסקאַיע. הערט אויף ריידן אויפן וווּנק, קענטיק אַז איר זענט אַ לייטיש „ראַזווי־טעוועט” (באַוווסטזיניקער) בחורל, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אונדז? וואָס זענען מיר עקספּלואַטאַטאָרן?

די חברה איז געוואָרן שטיל און די ישיבהניקעס האָבן זיך צוגעהערט מיט בייגיר. וואָלאָדיע האָט געענטפערט ערנסט, מעשה אַגיטאַטאָר:

— איר זענט נאָך ערגער פון עקספּלואַטאַטאָרן, איר וועט ווערן די קלערי־

קאַלן, וואָס וועלן העלפן אויפהאַלטן די רעאַקציע. אירט אָנהאַלטן די פינצטער־ניש ביים פּאַלק.

— מיר דוכט, אַז זאַנוויל האָט עס אייך געלערנט.

חברה האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— ער ווייסט פון זאַנווילן. לערנט דאָ און ווייס פון זאַנווילן. מע דאַרף אים אָנלערנען. דו, וואָלאַדיע, רעדסט צופיל. ער האָט אַ לאַנגע צונג. לאָמיר אים אַ פּאַק טאָן און אַרויסרייסן ביי אים דעם טרעמבעך, וואָס איז פול מיט פרעמד אומזיסט ברויט. וועט ער האַלטן צונג.

וואָלאַדיע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יינגל, אַ דאַרס, מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט און אַ כאַפּ געטאָן שמעונען ביי די לאַצן און אויסגעשריען: „נעמט אים!"

איידער וואָלאַדיע אָדער די ישיבה־בחורים האָבן זיך אַ קער געטאָן, האָט שמעון אַ כאַפּ געטאָן די הייסע גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם שטענדער און עס אַ גאָס געטאָן דעם דאַרן יינגל אין פּנים אַריין. דאָס יינגל האָט אַרויסגעלאָזן אַ נישט־מענטשלעכן רעווע, אָפּגעלאָזן שמעונען און זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביים פּנים און אַרויסגעיאָמערט:

— דער פּאַטראָן האָט מיך בלינד געמאַכט! איך בין געבליבן אָן אויגן.

ס'האָט אויסגעבראָכן דער אמתער געשלעג. שמעון איז געבליבן מיט אַ פּנים ווי אַ צעקלאַפּטער עפּל.

***

שבת נאָכמיטיק איז שמעון געזעסן אויף אַ באַנק אין דרויסן ביי מאָטלס שטוב, ווו ער האָט געגעסן שבתים. דער טאָג איז דווקא געווען אַ שיינער, אַ וואַרעמער, אָבער שמעון איז געווען אַזוי צעשלאָגן, אַז ער האָט קיין כוח נישט געהאַט צו שלעפּן זיך דעם מהלך צוריק צו דער ישיבה. חוץ דעם האָט אין אים געקאָכט און געזאָטן. ער האָט געוואָלט זען זאַנווילן.

שוין גאָר שפּעט נאָכמיטיק, ווען די זון איז געווען גאַנץ נידעריק איז זאַנוויל אָנגעקומען. ער איז געווען אַליין און שמעון האָט געזען, אַז ער איז איצט געווען אָנגעטאָן ווי אַ באַלעבאַטישער בחור אין אַ שוואַרצן גאַרניטור און אַ מאַנישקע מיט אַ שניפּס. זאַנוויל האָט רויִק באַטראַכט דעם יינגלס צעשלאָגענעם פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— אַ פּנים בלוי ווי אַ מילץ. נאַט, איך האָב אייך געבראַכט אַ בוך, וועט אייך עפענען די אויגן.

שמעון האָט פאַרשטיקט מיט כעס געענטפערט:

— איר האָט מיר געבראַכט אַ בוך, וואָס וועט מיך אויך מאַכן פאַר אַ שלע־גער, ווי אייער וואָלאַדיע איז?

זאַנוויל האָט געענטפערט איראָניש, שאַרף:

— וואָלאָדיע האָט אייך נישט געשלאָגן און בכלל קוקט נאָר אָן דעם נונ־קעלע — אַן אמתער מיראָוניק (אַ פּאַציפיסט) — אָפּגעבריט אַ מענטשן מיט הייסע טיי. אַ גליק נאָך וואָס די טיי איז נישט געווען קאָכעדיק. איר האָט דאָך געקענט אים בלינד מאַכן.

— איך האָב זיך נאָר באַשיצט, נישט אָנגעפאַלן — האָט שמעון געענט־פערט אָנגעבלאָזן.

— יעדער איינער פּסקנט ווי עס לוינט זיך אים.

— אייך לוינט זיך צו שיקן די לאָבוסעס זיך רייצן מיט אונדז און פאַר־פירן געשלעגן.

—קיינער האָט זיי נישט געשיקט, — האָט זאַנוויל געענטפערט. — מיר זענען קעגן אינדיווידועלן טעראָר. נאָר חברה טוט זיך אַמאָל אַ שפּיל. איר ווייסט וואָס עס מיינט אינדיווידועלער טעראָר?

— איך ווייס, קיינער טאָר נישט, לויט אייער דין, נעמען נקמה פון אַ קעגנער — שיסן, שלאָגן, סיידן די פּאַרטיי הייסט. אָבער בדיעבד, אַז איינער טוט עס, ווי למשל הירש לעקערט, איז מהיכא תיתא. דאָ איז אויך דאָס זעלביקע.

— ניין, ס'איז נישט דאָס זעלביקע.

שמעון האָט גערעדט פאַרביסן:

— איר זענט מחנך שלעגער. נו, פאָלגן זיי נישט אַלע מאָל אויס, ווייל כיוון שנתנה רשות למשחית — ווי נאָר מען גיט רשות דעם שלעגער, ווערט ער בעל־הבית.

— וואָס שרעקט איר זיך אַזוי פאַר שלאָגן? דער תנ"ך איז פול מיט מלחמות. משה האָט אויך געגוג געקוילעט. אָבער איר ציטערט צו הייבן אַ האַנט. לאָזט איר דעם רשע הערשעווען. אַלץ נעמט איר הכנעהדיק, ליב און טייער, אַן האָפע־נונג אויף אַ בעסערער וועלט.

שמעון איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער:

— מיר וואַרטן אויף משיחן. רשעות איז אונדז נישט ליב און נישט טייער. מיר דאַווענען און בעטן אַלע טאָג אין עלינו, אַז די רשעים זאָלן ווערן אויס רשעים און אַ קער טאָן זיך צו גאָט און ראש השנה זאָגן מיר...

זאַנוויל האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ געלעכטער:

— די בלוטזויגערס, די קאַפּיטאַליסטן און די הערשער אין פּעטערבורג וועלן זיך דערשרעקן פאַר אייערע תפילות. איר דאַוונט און זיי טוען וואָס זיי ווילן. וואָס זאָלן מיר טאָן דערווייל?

— דערווייל דאַרף יעדער איינער מפשפש במעשיו זיין — דורכטראַכטן און דורכזיפּן וואָס ער טוט, און זיין פרום און ערלעך. וואָס מער מענטשן עס וועלן

ווערן גוט און פרום אַלץ אַ שענערע וועלט וועט ווערן. — האָט שמעון געענטפערט.

זאַנוויל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קוקט נאָר אָן אַ וועלטעלע. דור נאָך דור זענען די פרומע געווען שטילער פון שטייענדיק וואַסער און נידעריקער פון אָפּגעקאָשעטן (אָפּגעשניטענעם) היי. הכנעה און הכנעה — פאַרן שיינעם ייִדן, פאַרן רבֿ, פאַרן פּריץ, פאַרן גאַראַדאָוואָי און פאַר וועמען נישט? דער קוכער רעדט און וואַסקאַ טוט זיך זיינס. אָבער מיר וועלן זיך שלאָגן און קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט. און אַזאַ ווי איר דאַרפט העלפן. נישט פּרובירן איינשלעפערן דעם עולם מיט פּסוקים און מאמרים. מיר דאַרפן זיך שלאָגן פאַר אַ בעסערער וועלט.

— שלאָגן זיך מיט ישיבהניקעס?

— נו, איז געשען אַ נאַרישקייט. אירט לעבן בלייבן. ס׳וועט מער נישט געשען.

— ס׳וועט געשען, און נאָך ווי אַזוי! ווען איר וועט קריגן די ממשלה וועלן דאָך די קאָזאַקן ווערן אייערע.

— ס׳וועלן זיין אַנדערע קאָזאַקן.

— אָן נאַגייקעס און אָן ביקסן?

— מיט נאַגייקעס און מיט ביקסן, אָבער נישט קעגן אַרבעטער־קלאַס.

— רשעות וועט בלייבן. ווי יודע דער צדיק האָט געזאָגט מיין שוואָגער, — האָט שמעון אָנגעהויבן דערציילן זאַנווילן:

— ווען כייקע די אַגיטאַטאָרן איז אַרעסטירט געוואָרן, איז איר שוואָגער, יודע דער צדיק, געקומען צו מיין שוואָגער שמואל־חיים, אַ ייִד אַ שניידער, וואָס איז געווען זיינער אַ חסיד, און געטרונקען לחיים און געווונטשן איר, אַז דער השם יתברך זאָל זען, אַז אירע יסורים, וואָס זי וועט ליידן דורך די הענט פון די זשאַנדאַרן, זאָלן מכפּר זיין אויף אירע עבֿירות. און אַז מיין שוואָגער האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי אַזאַ צדיק ווי יודע בענטשט אַזאַ רשעטע, האָט יודע אים דערקלערט: „זי האָט אַ גוט האַרץ נאָר דער שטן האָט זי פאַרפירט. איך האָב געהערט, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּיסטאָלעט גרייט צו הרגענען. זי ווייסט נישט, אַז על דאטפת אטפוך — ווייל דו האָסט דערטרונקען אַ מענטשן, האָט מען דיך דערטרונקען, וסוף מטפיך יטופון — און דער סוף פון די וואָס וועלן דיך דערטרינקען וועט זיין, אַז זיי וועלן אויך דערטרונקען ווערן. ס׳איז אַ רשעות־דיקער עיגול, פּונקט דער היפּוך פון דעם עיִגול, וואָס דער צדיק מאַכט קעגן רשעות״.

זאַנוויל האָט געענטפערט:

— איך כאַפּ דעם געדאַנק, ס׳מיינט, ווען אַ צדיק וויל מנצח זיין שדים,

רוחות און די סיטראָ אחראָ מאַכט ער אַז עיגול אַרום זיך, אַז די טומאה זאָל צו אים נישט דערגרייכן. מיר אָבער גייען אַריין אין עיגול פון די נישט־גוטע. מיר ווילן מנצח זיין רשעות מיט רשעות. נו, אַ ייִד אַ כניאָק, אַ בעל־מקובל, וועט טאַקע געבן אַזאַ משל. אָבער די וועלט לאַכט פון אַזוינע משלים... מען קען נישט באַקעמפן די סאָמאָדערזשאַוויע (זעלבסטהערשאַפט) מיט פסוקים און משלים. איר זענט איינגעטונקען אין אייערע הייליקע ספרים. באַקענט זיך מיט דער וועלט. אָט האָב איך אייך ווידער געבראַכט אַ בוך וועגן סאָציאַליזם. לייענט עס. עס וועט אייך עפענען די אויגן. קוקט כאָטש איין מאָל אַריין.

— איך וועל עס נישט לייענען.

— פאַרוואָס? איר האָט מורא אַז איר וועט נתפקר ווערן? אפשר איז גאָר נישט כדאַי צו בלייבן אַזוי פאַרפירט ווי איר זענט?

— ס׳קען זיין. כ׳האָב שוין אייך עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז איך טאָר נישט פטרן קיין צייט. איך בין געקומען אַהער לערנען. מען גיט מיר עסן און טרינקען און אַ געלעגער ווייל איך לערן תורה. וועל איך זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע לימודים, וועל איך פעלשעווען, אָפּנאַרן ייִדן.

— וועט איר דאָך זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פון אייער שרעק פאַר גאָט און תורה. איר דאַרפט דאָך אויסגעפינען ווער ס׳איז גערעכט?

— דערווייל מיין איך אַז די תורה איז גערעכט. און דער עיקר איז, איך וויל נישט פעלשעווען. ס׳איז נישט שיין און נישט רעכט.

זאַנוויל האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק און מיטגענומען דאָס בוך. ער האָט ווי אַ קרעכץ געטאָן:

— איר זענט אַ האַרטער נוס צו צעקנאַקן. אָבער איר וועט נישט בלייבן קיין צוריקגעשטאַנענער. איר שטאַמט נישט פון ווייצענע ייִדן. איר זענט אַ שוס־טערס אַ זון און די אינטערעסן פון אייער קלאַס וועלן אייך נישט צורו לאָזן.

שמעון האָט אַ שמייכל געטאָן, וואָס זאַנוויל האָט אים נאָכן געשלעג אָנגעהויבן אירצן. ער האָט אַ וויש געטאָן דאָס געשוואָלענע אויג און געזאָגט:

— דערווייל לאָזן מיך נישט צורו דאָס געשוואָלענע אויג און די צעהרגעטע באַק. דער עיקר איצט איז, אַז אייער חברה זאָלן אונדז לאָזן צורו און נישט וועלן אַריינקלאַפּן אייער תורה אונדז אין די קעפּ אַריין. איר האָקט האַרטע שאַרבנס.

זאַנוויל האָט זיך צעשמייכלט:

— איר זענט אַ ביטערע ציבעלע. אַ גוטן שבת. מען וועט זיך מער נישט שלאָגן. אָבער איך זאָג אייך: ס׳איז אַזוי מעגלעך, אַז איר מיט אייער קאָפּ, זאָלט בלייבן פּאַנאַטיש פונקט ווי איך זאָל איצט אָנהייבן לייגן צוויי פּאָר תפילין. אָבער איר זענט אַ מאָדנער יונג. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך באַגעגן אַ

ישיבהניק, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו נעמען אַ בוך. און נישט צוליב אפּיקורסות. אָבער עס זענען דאָ אַלערליי פיש אין ים און אַלערליי מענטשן אויף דער יבשה. איך וועל וואַרטן. איר וועט קומען צו מיר אָדער צו עמעצן אַן אַנדערן פון אונדז. איר דאַרפט נאָר אַריינשמעקן אין „דאָס קאַפּיטאַל״.

שמעון איז טאַקע שפּעטער געקומען צו זאַנווילן, אָבער נישט צו נעמען „דאָס קאַפּיטאַל״, ערשט יאָרן שפּעטער, אין אַמעריקע, האָט ער געלייענט „דאָס קאַפּיטאַל״. און אויך דעמאָלט איז ער נישט אַוועקגעלאָפן צו די מאַרקסיסטן.

קאַפּיטל 5

די קאַרטנוואַרפּערקע

שמעון האָט געהאַט אַלע טעג גוטע טעג אַחוץ דעם דאָנערשטיק, וואָס איז געווען ביי אים אַן אָפּקומעניש. דעם טאָג האָט ער געגעסן ביי בעניע דעם טרעגער — אַ שלעכטער טאָג. שמעון איז נישט אריינגעפאַלן מיטן „טאָג", ווי עס האָט אָפט געטראָפן אין דער ישיבה. ער האָט אים אַליין אויסגעקליבן.

זונטיק, נאָך דעם דאָנערשטיק, ווען די ישיבהניקעס זענען אָנגעקומען, האָט לייבע דער שמש אָנגעהייבן איינצושטעלן טעג פאַר די בחורים. ער איז געגאַנגען נאָך אַ רשימה נאָך.

ס'איז געווען באַלד נאָכן ערשטן מנין און בעניע דער טרעגער איז געבליבן אין שול נאָכן דאַוונען, גאַרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען. ער פלעגט באַלד נאָך עלינו אַנטלויפן. איצט איז ער געשטאַנען ביים שולחן נישט ווייט פון שמש, וואָס האָט אויסגערופן די נעמען פון די בחורים. ווען דער שמש האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איז בעניע צו אים צוגעגאַנגען און אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט: „איך וויל אויך געבן אַ ישיבהניק אַ טאָג".

ער האָט אָפּגעזאָגט זיין פּזמון און איז געבליבן שטיין צעטומלט, דערשראָקן פון זיין אייגענער חוצפּה. ער איז געשטאַנען מיט אַ הילפלאָזער מינע — איי האָב איך עפּעס אָפּגעטאָן — אין זיינע הייכע שטיוול, און די גראָבע אויסגעריבענע קאַפּאָטע, וואָס די פּאָלעס אירע זענען געווען פאַרשטעקט אין גאַרטל, ווי דער שטייגער פון טרעגער.

דער שמש האָט פאַרוואונדערט אים באַקוקט פון די פיס ביזן קאָפּ, ער האָט פאַרריסן דעם פּנים אַזוי אַז זיין מויל האָט דערלאַנגט דעם הויכן טרעגערס שפּיץ לאַנגע באָרד און אַ זאָג געטאָן אָפּלאַכעריש מיטן ניגון, וואָס מען רופט אויס צו פאַרקויפן עליות:

— בעניע וויל געבן אַ טאָג אַ ישיבהניק! קיין ווייב האָט נישט בעניע, קיין

באַלעבאַטישקייט פירט נישט בעניע, אין אַן אַלקער אין דער פרעמד וווינט בעניע, אין דער „דעשאָווער" (קהלשער) קיך עסט בעניע אַלע טאָג און ער וויל דאָס געבן אַ ישיבהניק אַ טאָג! — ער האָט פאַרענדיקט בייז און גראָב: — בעניע, רייד נישט קיין שטותים, ווו וועסטו אים זעצן, אין מיטן מאַרק? וואָס וועסטו אים געבן עסן? די כשרע פאָדעם וואָס מען וויקלט אַרום קדחת, ווען מען קאָכט עס אין אַ כשרן טעפּל?

— פאָרכט נישט ר' לייב — האָט בעניע געענטפערט מיט היץ. — איכל אים אָנקאָרמענען, אַז עס וועט אים פון האַלדז קריכן. איך אַליין וועל קאָכן פאַר אים. איכל באַשטעלן ביי נחמה, דער באַלעבאָסטע, זי זאָל פאַר אים קאָכן; זי מאַכט דאָך פאַר מיר שבת, וועט זי קאָכן אויך פאַר אַ ישיבהניק דאָנערשטיק. אירט זען, ער וועט האָבן ביי מיר אַ טאָג ווי ביי דעם גרעסטן גביר. און ביי מיר וועט ער נישט דאַרפן זיצן אין קיך. איך וועל זאָגן נחמהן זי זאָל אים זעצן אין סאַליע. איכל צאָלן.

דער שמש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שטער נישט, לאָז צעטיילן די טעג. איך האָב צופיל טעג פאַר זיי, און ביי חשובע באַלעבאַטים. שפּעטער אין דער וואָך, אַז עס וועלן אָנקומען נאָך ישיבהניקעס און עס וועלן מיר פעלן טעג, וועל איך דיר אויך איינטיילן אַ בחור.

— פאַרוואָס זאָל איך וואַרטן אויף די אָפּדריבלעך? — האָט בעניע געזאָגט מיט פאַרדרוס.

דער שמש איז געוואָרן אַ צעקאָכטער:

— וואָס זענען דאָס פאַר פאַראַ רייד, כאַמולע! קוק אָן אַ הילוך! די פּאָלעס פאַרשטעקט אין גאַרטל, ווי ער וואָלט געווען אין מאַרק נישט אין אַ מקום קדוש. און וועמען ער רופט עס דרויב? בחורים, וואָס קומען לערנען תורה. איך ווייס גאָרנישט צי איך וועל דיר בכלל געבן אַ בחור. נאָך אַזעלכע דיבורים ביסטו עס נישט ווערט.

שמעון האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם צעווייטיקטן פּנים פון דעם הויכן מגושמדיקן ייִדן. בעניע האָט פאַרצויגן דעם רימען פון די הויזן, אים פאַרשטייפט ווי ער וואָלט זיך אָנגעגורט אויף מלחמה. ער האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט ענטפערן ר' לייבן און געשוויגן. דער ברייטפּלייציקער ייִד מיט דער רויטלעכער באָרד און באַוואַקסענעם קאָפּ, וואָס דאָס היטל האָט ווי מיט אַ רייף אַרומגענומען די לאַנג נישט געשוירענע האָר — האָט נישט געקענט איינ־שטיין רויִק. ער האָט געביטן די פיס: אָט איז ער געשטאַנען אויף דער רעכטער פוס, אָט אויף דער לינקער. זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און זיך אַ וויג געטאָן און אַלץ נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. שמעון האָט רחמנות

געקראָגן אויף דעם הויכן גרויסן ייִדן, וואָס קוקט אויס הילפלאָז און אומעטיק ווי אַ קינד, וואָס דער טאַטע האָט אים אָפּגעזאָגט צו נעמען אין שול.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום שמש:

— ר׳ אריה לייב, איך וויל דעם טאָג ביי ר׳ בעניען.

דער שמש האָט זיך שאַרף אַ דריי געטאָן צו שמעונען און אַ פרעג געטאָן שפּאָטיש:

— ביי ר׳ וועמען ווילסטו דעם טאָג?

— ביי ר׳ בעניען, — האָט שמעון געענטפערט רויִק און ערנסט, ווי ער וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען דאָס אָפּשפּאָטעניש פון דעם שמש.

ר׳ לייב האָט זיך צעלאַכט:

— אַ נייער מורנו אין קרעמענטשוג — בעניע. אַט דער דאָזיקער ר׳ בעניע דיינער זעצט עברי ווי אַ באַנדער קלאָפּקעס. ער האָט אַ גוטן קאָפּ. ער האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרגעסן, אַז ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געלערנט צו פאַרגעסן. דו. קאַלינקאָוויטשער לערנער, זאָג מיר צו וואָס דאַרפסטו וועלן עסן אַ טאָג ביי אַן אלמן, אַ דלפן, אַ קבצן, ווען דו קענסט האָבן דיין טאָג ביי ראַפּאָפּאָרטן דעם געהילץ־סקלאַדניק? זוכסט זיך צרות?

די רייד פון שמש האָבן שמעונען געשניטן ביים האַרצן: אַט דער שמש וואָס רייבט זיך צווישן למדנים פאַרשעמט אַ פראָסטן ערלעכן ייִדן פאַר אַלעמען אין די אויגן — מלבין פני חברו ברבים! ס׳איז דאָך אמתע שפיכת דמים. שמעון האָט געענטפערט פאַרעקשנט, קוקנדיק דעם שמש גלייך אין פנים און אַרויסגעזאָגט עס הויך אויפן קול:

— איך וויל האָבן דעם דאָנערשטיק דווקא ביי ר׳ בעניען.

דער שמש האָט אָנגעהויבן פּאַכן מיט דער רשימה שמעונען גלייך אין פנים:

— מיש זיך נישט, קריך נישט אין קיין בלאָטע. קוק זיך אָן, ביסט דאָך דאַר ווי אַ שפּאָן, אויסגעסאַכניעט ווי אַ פאַראַיאָריק לולב, ביסט אַזוי גרויס, אַז דו קענסט אַרומשפּאַצירן אונטערן טיש גייענדיק אויף די שפּיץ־פינגער. דו דאַרפסט האָבן גוטע „כאַרטש״ און אַ לייטישע שטוב, דו זאָלסט האָבן כוח צו לערנען תורה. איך באַשטיי דו זאָלסט עסן דעם טאָג ביי ראַפּאָפּאָרטן, נישט ביי אַט דעם מורנו דיינעם.

פלוצים האָט בעניע געקראָגן לשון:

— איר האָט נישט קיין פּראַווע (רעכט) אים נישט צו לאָזן עסן דעם טאָג ביי מיר. איך זאָג אייך, אַז ער וועט ביי מיר זיך אָפּפּאַשען, איכל אים געבן עסן ווי ער וואָלט געהאַט צוויי מיילער. איכל אים קויפן אַ פרישע בולקע אַלע טאָג. איכל הייסן נחמהען זי זאָל אים קאָכן אַ יאַיכל, ער וועט קענען אַריינעסן וויפל ער וויל.

— אַ קליעשטש, — האָט דער שמש געזאָגט אַ באַזאָרגטער, — הערסט אַ לשון? „איכל אים געבן עסן ווי ער וואָלט געהאַט צוויי מיילער, איכל אים אָפּ־פּאַשען" ווי ער וואָלט געריעדט פון אַ פערד. נו, מילא זאָל שוין זיין ווי איר ביידע ווילט, אָבער ס'איז דאָך אַ פּאַרדרוס דווקא דעם ר' בעניע דאַרף אָנקומען די קאַלינקאָוויטשער צאַצקע. אַ מזל פון אַ טרעגער! אָבער געדענק! זע אים צו!

***

בעני דער טרעגער האָט געהאַלטן וואָרט. געגעבן עסן שמעונען ווי ער וואָלט טאַקע געהאַט צוויי מיילער און דער טרעגער האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז דאָס יינגל זאָל זיך אָפּפּאַשן און ביים יינגל איז געוואָרן דער דאַנערשטיק אַן אָפּקור־מעניש, צוליב די וואַרעמעסן. ווען שמעון איז געקומען בייטאָג צום עסן איז בעניע געזעסן ביים טיש און געוואַרט אויף אים. דער טיש אין סאַליע איז געווען גע־גרייט: אַ ריינער האַנטעך האָט צוגעדעקט אַ היפשן ברעג פון טיש, אויף דעם ריינעם אויסגעוואַלגערטן האַנטעך זענען געלעגן גאָפּל־מעסער און אַ פרישע בולקע. שמעון האָט זיך געוואַשן, געזאָגט שאו ידכם, אָפּגעשניטן אַ פענעץ ברויט, עס איינגעטונקט אין זאַלץ און געמאַכט המוציא. בעניע האָט פרום געענטפערט אמן און טאַקע באַלד זיך אַ קרים געטאָן:

— איר עסט דאָך נישט, קאַלינקאָוויטשער, איר פּיקט דאָך ווי אַ לאַסטאָטש־קע (שוועלבעלע). אָט ליגט פאַר אייך אַ גאַנצע בולקע און איר פּיקט ווי אַ פייגעלע אָדער גריזשעט עס מיט די שפּיץ ציינער ווי אַ בעלקעלע (וועווערקע). איר זענט דאָך עפּעס אַ נאַש בראַט, און אַן אונדזעריקער קען אַריינפּאַקן, אַ גרויסע ווערדע צו צעפּלעכטן אַ פרישע בולקע. נעמט זיך צו דער אַרבעט. אַניט וואָס וועט ר' לייב זאָגן? ער וועט זאָגן, אַז איך פאַרהונגער אייך.

איידער בעניע האָט געענדיקט זיינע שטראָף־רייד האָט נחמה אַריינגעטראָגן אַ מאַלצייט ווי פאַר אַ מלך. אַלע דאַנערשטיק אַ פליישיקן וואַרעמס און טאַקע חוץ דאָס פלייש אַ זופּ מיט אַן איינגעקאָכטן מאַרכביין. שמעון וואָלט הנאה געהאַט פון די געריכטן, ווען מען לאָזט אים אַריינקוקן אין אַ ספר און עסן בנעי־מות. אָבער בעניע דער טרעגער איז אַלעמאָל געזעסן אַנטקעגן, געטשאַטעוועט און געבורטשעט: „וואָס פאַר אַ עסן איז עס? ער רירט נישט אָן דעם מאַרכביין, טוט אַ פּיק דאָס פלייש און לאָזט איבער, און לאָזן לאָזט ער איבער דאָס פעטס־טע שטיקל פלייש אויפן טעלער! ווען איך לייג אַוועק פאַר אים אַ געפילטע העלדזל, עסט ער אויף דעם פּאַדעם און לאָזט איבער דאָס געפילעכטס" — האָט בעניע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול. באַלד איז ער געוואָרן ערנסט: „איר קוילעט דאָך מיך אָן אַ מעסער, קאַלינקאָוויטשער עילוי, ר' לייב וועט אייך צו־נעמען פון מיר. רייבט כאָטש אויף איין באַק. עסט צו־זאַט און קומט צו עפּעס

וואָג, וועט איר כוח האָבן צו לערנען תורה, און דערוויַיל וועל איך האָבן אַ רעכטע מצווה אויף יענער וועלט. איצט גיט איר מיר אַן אויסגעדאַרטע אויסגעקוואַרטע מצווהלע, דין ווי אַ שטרוי און טרוקן ווי אַ שפּאָן, אַט ווי איר אַליין זעט אויס. משטיינס געזאָגט וויפל מצוות איך פאַרמאָג; איצט וועל איך ברענגען צום רבונו של עולם אַ מצווהלע, וואָס מ׳קען עס אַוועקבלאָזן ווי אַ פעדערל פוך״.

שמעון האָט אויסגעהערט דעם טרעגערס גוטע רייד און געשוויגן. ער האָט געפּרובירט צופרידנשטעלן דעם מצווה־גיריקן ייִדן און גענומען נאָך אַ ביסן פליייש, נאָך אַ שטיקל בולקע, אָבער ס׳איז אים געווען שווער אַראָפּצושלינגען דאָס ביסן, דאָס גאַנצע עסן, אונטער די היטנדיקע אויגן פון טרעגער, איז ביים ייִנגל געוואָרן אַן אָפּקומעניש. ער האָט גרינג געקענט פאַרבייטן דעם טאָג, אָבער דאָס האַרץ האָט אים נישט דערלאָזן צו בעטן ביי ר׳ לייבן אַן אַנדער טאָג. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער דעם אָרעמען טרעגער. און דער טרע־גער וואָלט געהאַט צער און בזיון ווען שמעון זאָגט זיך אָפּ פון טאָג. ר׳ לייב וואָלט אויסגעזידלט דעם טרעגער פאַר אַלעמען אין די אויגן הלמאַי ער איז זיך שלעכט באַגאַנגען מיטן ישיבהניק. חוצן בזיון וואָלט בעניע געהאַט צער, וואָס דער ישיבהניק וויל נישט דעם טאָג. וואָס פאַר אַן אַנדער נחת און פרייד, חוץ אַ מצווה טאָן, האָט אַזאַ אָרעמער פאַרהאָרעוועטער ייִד ווי בעניע? דערצו האָט שמעון געטראַכט: דער טאָג איז דאָך אַ גוטער, אָדער ווי די ישיבהניקעס רופן עס „אַ פעטער טאָג״, און אין מתפללין על רוב מטובה — מען טאָר נישט תפילה טאָן, באַקלאָגן זיך, אויף צופיל גוטס. דאָס ייִנגל האָט געליטן און געשוויגן.

אָבער ר׳ לייב האָט אים אויסגעלייזט פון דער צרה. אַ וואָך נאָך תשעה באב איז צו אים צוגעקומען דער שמש און אַ זאָג געטאָן שאַרף, עפּעס ווי אַ פאַר־פאַלענע אָפּגעמאַכטע זאַך:

— דאָנערשטיק, אם ירצה השם, גייסטו מער נישט צו דיין בעניען אויפן טאָג. איך שיק אַהין דעם פּעריאַסלאָוון און באַלעמוטשע מיר נישט. שטעל זיך ניטש אַנטקעגן. דיין בעניע האָט מסכים געווען — ער וויל אַ בעסערן עסער פון דיר. און דיך שיק איך צו שרה פרידמאַן, דער קאַרטנוואַרפערקע. עפּעס האָט זי געוואָרפן אַן אומחן אויפן מאָזירן און איצט אויפן פּעריאַסלאָוון. איך האָב איר צוגעזאָגט שיקן אַ ישיבהניק אָן אַ פּגם. ס׳איז אַ גוטער פעטער טאָג און איך וויל ביי איר אויסנעמען. זי ברענגט אַלע שבת ליכט אין שול. זי האָט דריי פּושקעס אין שטוב און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב זי קריגט דעם ריכטיקן ישיבהניק טראָגט זי אַריין אַ ש״ס אין בית־מדרש, דעם אמתן ווילנער ש״ס. זי וווינט אויף כאַרטשאַוואַיאַ אוליצאַ (גאַס). ס׳איז דאָ אַ גלעקל אויפן טיר, טו אַ ציִ דאָס הענטל נאָר איין מאָל. געדענק, ציִ דאָס גלעקל נישט מער ווי איין מאָל, וועט זי וויסן, אַז ס׳איז דער ישיבהניק. אַזוי האָב איך מיט איר אָפּגערעדט.

דער שמש האָט זיך געוווּנדערט, וואָס שמעון האָט תיכף מסכים געווען אי־בערצובייטן דעם טאָג. ער האָט זיך נישט אײַנגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— עפּעס דוכט זיך מיר, אַז דיר איז נישט געפעלן דײַן ר׳ בעניע ווי דו אים. איך האָב דיר לכתחילה געזאָגט, אַז ס׳איז נישט קיין שידוך.

***

דאָנערשטיק גאַנץ פרי איז שמעון אַוועק צום נײַעם טאָג. ער האָט גרינג געטראָפן צו דער שרהן. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אין דרויסן און אָנגע־קוקט דאָס שײַנע מויערל און אַביסל געשראָקן זיך אַרײַנצוגיין מיטן „פּאַראַדנעם באַד״ (הויפּט־אַרײַנגאַנג). עפּעס גאָר אַ פּריציש מויערל. אָבער דער שמש האָט אים אָנגעזאָגט אַ צי צו טאָן דאָס הענטל פון גלעקל איין מאָל, מסתמא האָט ער אַזוי אָפּגערעדט מיט איר. שמעון איז פּאַמעלעך אַרויף די צוועלף טרעפּ (עד היום האָט ער אַ טבע צו ציילן די טרעפּ, וואָס ער קלעטערט אויף זיי) און אַ צי געטאָן איין מאָל דאָס גלעקל און געוואַרט.

ס׳האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע ביז די טיר האָט זיך געעפנט. אַ שיקסע אָנגעטאָן אין אַן אוקראַיִנישן טראַכט האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין שטוב און אים אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסער סטאָלאָווע (עסצימער) וווּ ס׳איז געשטאַנען אַ טיש צוגעגרייט מיט אַ בלויען טישטוך, מיט די איבערבלײַבעכץ פון אָנבײַסן. ער איז געשטאַנען און געוואַרט. דער צימער איז געווען שיין און רײַך אויסמעבלירט. צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט שמעון געזען אַ קרעדענץ אָנגעלאָדן מיט אַלערליי פײַנע פּאָרצעלײַענע געשיר און זילבערוואַרג. ער איז געשטאַנען בײַם טיש און די שיקסע אַנטקעגן אים. פון ערגעץ אין די אינעווייניקסטע צימערן האָט זיך געהערט אַ טומל און גערעדעריי אויף רוסיש. די שיקסע האָט באַקוקט שמעונען און אַרויסגעזאָגט אויף אַ געמישטן לשון פון אוקראַיִניש און ייִדיש: „אַזאַ קליינינקער רעבטשיק, שוואַרץ ווי אַ ציגײַנער און אויסגעדאַרט ווי אַ טכויר. מען דאַרף אים אָפּקאָרמענען, אים צוזען. פאַרלאָז זיך אויף מיר, רעב־טשיק״.

שמעון האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס זי מיינט און ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר זײַנע גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן אַלעמאָל געקענט ריידן אָן ווערטער, וואָס ער וויל נאָר. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען זײַן קוק און זיך צעשמייכלט צופרידן: „איך ווייס וואָס דו זאָגסט, דו האַלטסט מיך פאַר אַ שיינער און קלו־גער, און דו, רעבטשיקל, האָסט אויגן פול מיט כישוף. וועסט אַמאָל פאַנגען הערצער״.

זי האָט מיטן פאַרטעך אָפּגעשטויבט אַ ריינעם שטול, אים אָנגעוויזן מיט

אַ פינגער צו זײַן זיכער אַז ער פאַרשטײט װאָס זי מײנט, אַז ער זאָל זיך זעצן. װען שמעון האָט זיך אַנידערגעזעצט האָט די שיקסע אױסגעשריען הױך:

— כאַזיאַיקאַ, כאָזיאַיקאַ (באַלעבאָסטע, באַלעבאָסטע), אײער רעבטשיק איז דאָ.

די טיר האָט זיך באַלד געעפנט מיט אַ ראַש און אַ קלײנע דאַרע ציגײנערטע איז אַרײַנגעלאָפן אין צימער און הױך מיט אַ טומל אָנגעהױבן רײדן אױף גיך אוקראַיִניש צו דער שיקסע. זי האָט גערעדט נישט נאָר מיטן מױל, נאָר אױך מיט די הענט, זשעסטיקולירט מיטן גאַנצן קערפּער. שמעון האָט זיך אָנגעשטרענגט און געפּרובירט כאַפּן װאָס זי מײנט, אָבער דער שטראָם רײד איז געפלאָסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט נישט געכאַפּט קײן װאָרט. די שיקסע איז אַרױס פון עסצימער און אײדער שמעון איז געקומען צו זיך האָט זיך אַרײַנגערוקט אַ גימנאַזיסט פון אַ יאָר פערצן, אױסגעפּוצט אין זײַן פאָרמע און מיט אַ רענצל אױף די פּלײצעס און ער האָט עפּעס געזאָגט צו איר אױף רוסיש: די ציגײנערטע האָט געענטפערט בײז מיט אַ מאָדנעם דערװידער און כעס און אַזױ כעסנדיק זיך האָט זי אַרײַנגערוקט די האַנט אין אַ טיפער קעשענע, צװישן די פאַלדן פון איר קלײד, אַרױסגענומען אַ פיר זילבערנע מטבעות, זײ אים אַרײַנגעשטופּט מיט בײזער אין דער אָפענער האַנט פון גימנאַזיסט און אַ זאָג־געטאָן: „סטופּאַי!“ דאָס ייִנגל האָט קענטיק זיך נישט גענומען צום האַרצן דער אַלטערס בײזערן זיך. ער האָט אַרײַנגעלײגט דאָס זילבער־געלט אין קעשענע און איז אַרױס אָן אַ „גוטן טאָג“. און אײדער דאָס ייִנגל האָט פאַרמאַכט די דרױסנדיקע טיר האָט זיך אַרײַנגעשלײכט מיט שטילע טריט אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרײסיק, אױסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק: ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ פײַנעם סורדוט מיט אַ ברױנעם סאַמעטענעם קאָלנער, לאַקירטע שיך, אַן אָנגעקראָכמאַלעטע העמד מיט אַ שטײַענדיקן שנײ־װײַסן קאָלנער צוגעקנעפּלט צום העמד מיט פײַנע גילדענע זאַפּינקעס. אַ ברײטער געבלימלטער קראַװאַט איז געװען פּאָרזיכטיק אױסגעבונדן אױף דער שנײ־װײַסער מאַנישקע־ברוסט. אױף דער לינקער לאַץ איז געװען צוגעשטאָכן מיט אַ שפּילקע אַ װײַס בלימל. דער מאַן האָט זיך אַװעקגעשטעלט אין טיר און געװאַרט לאַכנדיק; געשטאַנען מיט די הענט אין די הױזן־קעשענעס, נישט אַרױסגערעדט קײן װאָרט, נאָר געקוקט לאַכנדיק אױף דער ציגײנערטע מיט אױגן, װאָס האָבן געמאָנט.

זי איז אױף אים אָנגעפאַלן מיט אַ שטראָם רײד, אײַנגעטענהט מיט די הענט און זשעסטיקולירט מיטן גאַנצן קערפּער, גערעדט רוסיש און דער יונגערמאַן האָט נישט געענטפערט קײן װאָרט. ער האָט נאָר אָפּט אַ הײב געטאָן מיט אַן אַקסל, אָדער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. צום סוף האָט שמעון געכאַפּט דעם מײן פון אײן רוסישן װאָרט — סקאָלקאָ? (װיפל). דער יונגערמאַן האָט געענט־

פערט רױק: צװאַנציק. זי האָט זיך נאָך מער געקאָכט, געשריען, געליאַרעמט. זיך געבײזערט און דער יונגערמאַן האָט אַלץ געשװיגן און װי פֿריער נאָר אַ הײב געטאָן מיט אַן אַקסל אָדער אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט. צום סוף האָט זי אַ הײב געטאָן די צעפֿאַלדעװעטע קלײדל. שמעון איז געװאָרן רויט פֿון בושה. אונטער דעם געפֿאַלדעװעטן קלײדל איז געװען נאָך אַ געפֿאַלדעװעט קלײדל פֿון אַן אַנדער קאָליר. די ציגײנערטע האָט אַרײנגערוקט די האַנט אין אַ טיפֿער קעשענע, צװישן די פֿאַלדן, אַרױסגענומען עטלעכע רויטע געלט־בילעטן און אַרײנגעװאָרפֿן אין דער אױסגעשטרעקטער צעעפֿנטער האַנט פֿון דעם יונגנמאַן און אַ זאָג געטאָן בײז אויף ייִדיש: „האָסט געדאַרפֿט אויסגערונען װערן נאָך ביי מיר אין בויך". דער יונגערמאַן האָט רויק אַרײנגעלײגט די געלט־בילעטן אין דעם קלײנעם הויזן־קעשענקע, װאָס מען האָט גערופֿן די זײגער־קעשענע. דערנאָך האָט ער רויק אַרויסגענומען פֿון דער הינטערשטער קעשענע אַ פּאָר װײסע הענטשקעס, פֿאַמעלעך זיי אַרויפֿגעצויגן אויף די הענט, זיך פֿאַרנײגט מיט אַ מאָדנער העפֿלעכקייט און געזאָגט: „מערסי", דערנאָך אַ זאָג געטאָן „אַ גוטן טאָג" און איז אַרויס פֿון שטוב.

װען די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטער דעם מאַן, האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו שמעונען:

— זעסט, דאָס איז אַ טייל פֿון דער מישפּאָכטע, איין אויסװורף ערגער פֿון אַנדערן. רק זיי רייסן שטיקער פֿון מיר, פֿאַרשטייסטו פֿאַרװאָס איך װיל עס זאָל כאָטש זיין איין לייטישער מענטש ביים טיש לכל הפּחות איין מאָל אַ װאָך? איך װיל האָבן אַ ייִדיש קינד ביים טיש, אַ בחורל װאָס זאָל זיך װאַשן צום עסן, זאָגן שאו ידיכם, מאַכן המוציא און בענטשן. ס'איז אַ טריפֿה שטוב, נאָר די קיך איז כשר. די שיקסע װעט דיר געבן אָנבייסן און עסן װעסטו אין סטאָלאָװע, אַריינגיין אין שטוב װעסטו דורכן פֿאַראַדנעם כאָד (הויפּט־אַריינגאַנג). אפשר װעט זיין מיט װעמען אויסצורעדן אַ ייִדיש װאָרט.

ס'איז געװען באמת אַ גוטער „פּעטער" טאָג. דאָס עסן איז נישט שייך — פֿון פֿויגלמילך. אָבער װאָס שמעונען איז אַממערסטן געפֿעלן געװען, װאָס מען האָט אים געלאָזן צורו. קיינער איז קיינמאָל נישט אַריינגעקומען צו אים װען ער האָט געגעסן. קיינמאָל האָט אים קיינער נישט געשטערט אַפֿילו מיט אַ „גוט מאָרגן" אָדער „אַ גוט יאָר". עס האָבן זיך געהערט קולות פֿון די אַנדערע צימערן, טומל, גערעדעריי, אָבער קיין מוטער מענטש האָט זיך נישט געװיזן. ער פֿלעגט זיך װאַשן, זאָגן שאו ידיכם, מאַכן המוציא און באַלד אַרויסנעמען אַ ספֿרל פֿון קעשענע, אַריינרוקן די אויגן אין ספֿרל און עסן רויק, בנעימותדיק, נישט געאײלט. ער פֿלעגט אַ גאַנצע װאָך אַרויסקוקן אויף דעם דאָנערשטיק. די שיקסע פֿלעגט זעלטן צו אים אַרויסריידן אַ װאָרט, פֿלעגט ער אָפּעסן, אָפּבענטשן, אַריינ־

לייגן דאָס ספרל אין קעשענע און אַרויס פֿון שטוב מיט אַ קוש טאָן די מזוזה. ס׳איז נישט געווען אַפילו ווען צו זאָגן אַ גוטן טאָג, אָדער אַ דאַנק. אַ רויִקער און זאַטער טאָג.

צום גדליה איז דעמאָלט אויסגעפאַלן אין אַ דאָנערשטיק. שמעון איז געקומען אין אָוונט אויף זיין טאָג זיך אָפּפּאַסטן. דער טיש איז געווען פאַר אים גרייט. אָבער איצט איז געשטאַנען אויפן טיש אַ הייסע גלאָז טיי, וואָס, ווי באַוווסט, איז גוט צו טרינקען פאַרן מאָלצייט נאָכן תענית. ער האָט רויִק געטרונקען די טיי און ווי זיין שטייגער איז אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן איבערגיין משניות. תחילת אלול האָט ער אָנגעהויבן מיט דעם סדר זרעים אָבער פאַר ראש־השנה האָט ער אָנגעהויבן דעם סדר מועד און איצט האָט ער אַריינגעקוקט אין מסכת יומא. איידער ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע גלאָז טיי האָט זיך די טיר געעפנט און די אַלטע איז אַריין. זי איז נישט אַריין מיט אַ טומל און ראַש, אין בונטע קליידער ווי דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט זי געזען. עס האָט זיך אַריינגעשלייכט אַן עלטערע יידישע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער לאַנגער קלייד, פאַרשפּיליעט הויך אַרום האַלדז און די אַרבל לאַנגע אַן פאַלדן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ קאָסינקע גוט אַרומגעבונדן. שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אַ גוטן אָוונט. זי האָט צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: זיצט און טרינקט אייער טיי. וואַשט זיך צום עסן. איך וועל מיט אייךביים טיש זיך אָפּפּאַסטן.

די שיקסע האָט אַריינגעטראָגן נאָך אַ גלאָז טיי.ביידע, די אַלטע און שמעון, זענען געזעסן ביים טיש און געטרונקען שווייגנדיק. שמעון האָט צוליב דרך־ארץ אַוועקגעלייגט דעם משניות. ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר, אַן אַלטע יידענע, דער אויסגעטריקנטער האַלדז קוקט אויס ווי פאַרצויגן מיט שטריקלעך אין דער לענג, די הענט אָדערדיקע. אַ פאַרזאָרגט, פאַרהאָרעוועט פנים מיט אויגן פול מיט דאגה פון אַ מאַמען, וואָס טראָגט דעם שווערן עול פון פרנסה פאַר דער גאַנצער משפחה, אָט ווי די מאַמע זיינע.

נאָכן טיי האָט זיך שמעון געוואַשן, געזאָגט שאו ידיכם אויפן קול און אויך געמאַכט המוציא הויך. זי האָט געענטפערט צופרידן: אמן.

ביים עסן האָט זי מיט אים פאַרפירט אַ שמועס:

— האָסט אַ מיאוסע מידה, זון, עסט מיט אַ ביכל ביי דער נאָז.

— ס׳איז נישט קיין ביכל, נאָר אַ ספר. — האָט שמעון געענטפערט.

— נו, זאָל זיין אַ ספר. ביכער, ספרים, ס׳איז אַלץ אַ מיאוסע מידה. אַז מען עסט דאַרף מען זען וואָס מען עסט און מען דאַרף הנאה האָבן פונעם עסן. קענסט נאָך אַמאָל צוטראָגן דעם לעפל צו דער נאָז.

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— די מאַמע פּלעגט מיך אויך אַזוי מוסרן פאַר דעם. אָבער עס עסט זיך מיר געשמאַקער ווען איך קוק אַריין אין אַ ספר ביים עסן.

— נעכטן האָסטו געהאַלטן עפּעס אַ קליינעם ספרל, מיט אַ מאָדנעם ראָם. ס'איז נישט קיין ביכל!

— ניין, ס'איז געווען דער ספר המעשיות — וווּנדערבאַרע און פּראַכטיקע מעשיות צונויפגעקליבן פון אַ רב אין באַגדאַד. אָבער פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך קוק אַריין אין אַ ספר? איר ווייזט זיך דאָך קיינמאָל נישט.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— איך בין דאָך אַ כישופמאַכערן, פאַרדין מיין חיונה פון פאַרויסזאָגן דאָס וואָס האַלט אין קומען. איך דאַרף דאָך וויסן וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין שטוב.

שמעון האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול:

— ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ כישוף, ס'איז אחיזת עינים.

— וואָס איז דאָס?

— אחיזת עינים — אַ פאַרבלענדעניש, אַ מין אָפּנאַרעריי. אַזוי זאָגט דער רמב״ם.

— דיין ראַמבאַם איז מסתמא אַ גרויסער רב, אָבער ער איז נישט גערעכט. איך ווייס בעסער פון אים, איך פּראַווע דאָך כישוף. אָבער היינטיקס מאָל האָסטו געטראָפן. איך ווייס, אַז דו עסט אַלעמאָל מיט אַ ספר ביי דער נאָז, ווייל איך האָב געטשאַטעוועט אויף דיר דורך אַ לאָך, וואָס איך האָב אין וואַנט. איך האָב געמאַכט דעם לאָך אין מיין צימער ברייט און דאָ אין דער סטאָלאָווע ווערט ער שמאָל. נאָ זע.

זי איז צוגעגאַנגען און האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ קיילעכדיק לעכל אויסגעהילט אין וואַנט און פאַרשטעלט מיט אַ גלעזל. פון דער ווייטנס איז דאָס לעכל נישט געווען קענטיק, ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַ טייל פון דעם אוזאָר פון דער אַביטשקע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויפן שטול און געזאָגט:

— פון לעכל טשאַטעווע איך אויף פאַרשוינען, וואָס קומען צו מיר איך זאָל זיי וואַרפן קאָרטן, אָדער אויסגיסן וואַקס, אָדער באַצויבערן עמעצן; אָפּשפּרעכן, לעשן קוילן, לייענען די בלעטלעך פון די סענע אין אַ טיי־קופּליק אָדער גלאָט טרייבן כישוף. ווען איך באַקוק די פאַרשוינען איידער זיי קומען צו מיר, איז מיר גרינגער צו ספּראַווען זיך מיט זיי. איך האָב דיך גוט באַטראַכט און דו ביסט מיר געפעלן געוואָרן. ביסט אַ וווּיל און פרום ייִנגל, נישט ווי די פּריִערדיקע ישיבהניקעס. האָסט זיך אויפגעפירט לייטיש אַפילו ווען דו האָסט געמיינט, אַז קיינער זעט דיך נישט.

שמעון האָט געגעסן און זי האָט גערעדט און כמעט זיך נישט צוגערירט צום פולן טעלער. שמעון האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד. ער האָט געזען אַז זי

וויל זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, אַז ווי די מאַמע זיינע פלעגט פאַר אים אָפּט אויסגיסן איר ביטער האַרץ.

— איך אַרבעט שווער און ביטער. איך דאַרף זיך פאַרשטעלן פאַר אַ שדיכע. איך גיי אָנגעטאָן אין אַ ציגיינערשן טראַכט, אַלץ כדי מפרנס זיין די משפחה. אויף דער עלטער בין איך געבליבן מיט אַ זון אַ שאַרלאַטאַן. די ווייב איז פון אים אַנטלאָפן, אַנטלאָפן מיט אַ קאָזאַצקן אָפיצער. ווער ווייסט ווו זי וואַלגערט זיך איצט. מסתמא אין אַ בית־זונות. מיין זון ליגט טאָג און נאַכט אין די קלובן. ער חברט זיך מיט אַלערליי הולטייעס, אויסוואורפן; אָפיצירן און אַפילו מיט דעם פּאָליצמייסטער. מיט אַלע שלעק און פּורעניותן. ער טענהט אַז ער טוט דאָס ווייל ער וויל מיר ברענגען רייכע פאַרשוינען. ווער דאַרף זיי. אָבער איין גוטע זאַך האָט ער יאָ אָפּגעטאָן — אַבראַשע איז אַנגעקומען אין גימנאַזיע. חוץ אַבראַשען האָב איך צוויי מיידלעך, וואָס ווילן אַלע טאָג נייע פּעלערינעס, קליידלעך, שמאַכטעס, היטעלעך, בראַשקעלעך, צאַצקעלעך און אַנדערע שאַלעמויזן. אַלץ פאַלט אויף מיר. פּראָווע איך כישוף. פאַרשפּיל די וועלט און יענע וועלט. איך בין דאָך אַ כישופמאַכערן און אַ וועדמע. איך טו טאָקע צדקה, דאַוון אַלע טאָג. פון ראש־השנה ביז יום־כיפּור נעם איך נישט קיין קאָרט אין האַנט. זיי פּלאַצן ביי מיר, אָבער איך וואַרף נישט קיין קאָרטן אין די עשרת ימי תשובה. פונדעסט־וועגן ווייס איך, אַז איך בין אַ פאַרזינדיקטע נשמה. מען וועט ברענען, בראָטן, קאָכן אין סמאָלע אויף יענער וועלט. עפּעס אַ קליינינקייט, אַ כישופמאַכערן! מען האָט מיר געזאָגט, אַז עס שטייט בפירוש אין אַ פּסוק אין דער תורה, אַז אַ מכשפה טאָר מען נישט לאָזן לעבן.

שמעון האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי כישוף. דער רמב״ם זאָגט אין מסכת עבודה זרה, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש, אַן אָפּנאַרעריי.

— מעג מען וואַרפן קאָרטן?

— דאָס דאַרפט איר פרעגן ביי אַ רב. איך בין נישט מער ווי פערצן יאָר אַלט, ווער בין איך צו פּסקענען שאלות? אָבער ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי כישוף.

זי האָט געזאָגט מיט אַ שוידער:

— איך ציטער צו גיין צום רב. ווי אַז ער וועט מיר טאָקע זאָגן, אַז עס קומט מיר מיתה? און וואָס דו זאָגסט אַז ס׳איז נישטאָ קיין כישוף, זאָג איך דיר, אַז דיין ראַמבאַם ווייס נישט. ווען איך גיס אויס וואַקס, לעש קוילן, קוק נאָך די בלעטלעך פון סעגץ, אָדער ווען איך לייג אויס קאָרטן קען איך דאָך זען מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָס עס וועט קומען.

— עס איז נאָר ביי אייך אין דמיון, אַן איינרעדעניש. — האָט שמעון איבערגעחזרט.

— אַן איינריידעניש? — האָט זי געזאָגט מיט היץ — עס רעדט זיך אַזוי. צוויפל מאָל האָב איך געטראַכט? אַלע ווייסן אַז ווען דער שוואַרצער אייבער קומט גלייך נאָך דער קאָרער מלכה וועט זיין אַ שידוך. און אַז די טויז פיק פוקעט זיך אַרויס ווען מען דאַרף זי נישט — איז שלעכט און ביטער. ווען איך וואַרף קאָרטן פּאַר אַ קראַנקן צי ער וועט געזונט ווערן צי נישט און איך קען נישט פּטור ווערן פון דער טויז פיק — טאַש און טאַש, הייב אָן וויפל מאָל דו ווילסט און נאָ, די טויז פיק איז פון אויבן — ווייס איך אַז ס'איז דער מלאך־המות. און ער קומט טאַקע. און דו זאָגסט מיר, אַז ס'איז אַן אויסדוכטעניש, אַן איינריידעניש. אַוודאי ווייסטו וואָס עס טוט זיך אין די הייליקע ספרים מיט די פּינאַניטשקע אותיות־לעך — רש״י־כתב. אָבער וואָס וואָרזאָגן איז — דאָס ווייס איך. איך זינדיק קעגן גאָט און מען טאָר מיך נישט לאָזן לעבן.

— מען טאָר אַזוי נישט ריידן. איר ווינטשט זיך דאָך דעם טויט, — האָט שמעון געזאָגט מיט האַרץ.

— ס'איז אַן אמת. הערסט אַ טשיקאַוועסטקייט. מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געבעטן אַ ייִדן אַ וויוועסקע־מאַכער (שילדן־מאַכער) ער זאָל מיר אויסמאָלן אויף די קאָרטן ייִדישע אותיות. איך האָב צוגעטראַכט אותיות: אַ ריש פאַר רשע — אומגליק. אַ מעם פאַר מזל. אַלערליי אותיות. אַפילו אַ גימל פאַר גאָט און צוויי מעמען פאַר מאַלכאַמאָוועס (מלאך מות). האָב איך געטראַכט, אַז מען וואַרפט מיט קאָרטן, וואָס האָבן ייִדישע אותיות איז עס נישט קיין כישוף. נו, האָב איך געוואָרפן די קאָרטן און עס האָט זיך נישט געוואָרפן — גאָרנישט אַרויסגעקומען. ייִדישע אותיות פאָרן זיך נישט מיט כישוף. נו, האָב איך זיך ווידער גענומען צו די אַלטע קאָרטן מיינע, צוריק צו דער טומאה, ווי אין ווינד איז מיר, וואָס טוט מען?

שמעון האָט זי געוואָלט טרייסטן און נישט געוווסט מיט וואָס — ער האָט אַרויסגערעדט שטאַמלענדיק: „פאַרוואָס גייט איר נישט צו ר׳ לייזערן, דעם ראש־ישיבה? ער וועט אייך געבן אַן עצה״.

— וואָסי, ר׳ לייזער וועט מיר געבן אַן אַנדער עצה ווי דער רבֿ? ביים רבֿ און ביי ר׳ לייזערן איז די זעלביקע תורה. אַ שיינעם פּנים וועל איך ביי אים האָבן ווען איך וועל זאָגן אַז איך דאַרף אויסהאַלטן צוויי מוידן פּוסט־און־פּאַסני־צעס. ווער ווייס צי זיי זענען בתולות. זיי שלעפּן זיך דאָך אַרום דער טייוול ווייס מיט וועמען. אַן אייניקל האָב איך אַ גימנאַזיסט, וואָס שרייבט שבת און אַ זון אַ קאָרטאָזשניק. גיב איך אַביסל צדקה. גיב אַ ישיבהניק אַ טאָג. אַ גרויסע מציאה. פיינע חפצים מיט וואָס צו קומען פאַרן רבונו של עולם! איך ווייס פאָרויס, וואָס ר׳ לייזער וועט זאָגן: „הער אויף צו פּראַווען דיין כישוף״. איז ווער וועט פאַר־זאָרגן די שטוב מיט פינף נפשות? דערצו דינען ביי מיר צוויי דינסטן. מ׳דאַרף

געבן כּאַבּאַר דעם אָקאָלאָדאָטשניק, דעם סטראַזשניק. אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן.
איך וואָלט זיי אָפּגעטאָן אַ כּישוף. איז ווער ווייס וואָסערע שוואַרציאָרן עס וועלן
קומען אויף זייער אָרט? איך בין שוין אַ פאַרפאַלענע. איך וועל שוין פאַרפאַלן
ווערן אין כּף הקלע אויף אייביק און אייביק.

שמעון איז געבליבן זיצן אַן אָפּהענטיקער. ער האָט אָנגעהויבן בענטשן אויפן
קול אומעטיק און זיך איינגעהאַלטן זיך נישט צו צעוויינען. איר יאוש און אומ־
גליק האָט אויף אים געדריקט ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענער שווערער מזל.
ביים בענטשן האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף איר. זי איז געזעסן אַ הילפלאָזע,
אַן אומעטיקע און אים נאָכגעזאָגט דאָס בענטשן. זי האָט איצט אויסגעזען ווי
די מאַמע זיינע — אַן אויסגעהאָרעוועטע, אַ פאַרביטערטע. נאָר די מאַמע איז
געשטאַנען ביים אויוון און זיך אויסגעטענהט מיט גאָט. זי האָט זיך געפילט
תּקיף קעגן אים. ער געדענקט ווי זי פלעגט טראַציק טענהן:

— נו, רבונו־של־עולם, ווּעסט מסתמא קאַטעווען אויף יענער וועלט פאַר די
אַלע געשרייען און קולות וואָס איך מאַך. אָבער וואָס מיינסטו איך וועל שווייגן?
איך וועל דיך שלעפּן צו אַ דין־תּורה. דיר איז גרינג צו זיצן אויפן כּסא הכּבוד
אַרומגערינגלט מיט מלאכים און שׂרפים און פירן אַ וועלט. אָבער פאַרנעם מיין
אָרט אויף דער זינדיקער וועלט נאָר איין וואָך און האָב אַ מאַן אַ שלימזלניק און
האָב אַ גלוסטעניש אַז די קינדער זאָלן לערנען תּורה, שבתים זאָלן זיין שבתים,
יום־טובים זאָלן נישט פאַרשטערט ווערן און אַלץ אויסבאַקן מיט די צען פינגער.
מיר וואָלטן געזען צי דו וואָלסט ביים פלאַקער פון אויוון געבליבן אַ צדיק און
נישט אין כּעס געוואָרן, נישט פאַרביטערט געוואָרן און נישט אַריינגעוואָרפן
קיין קללה.

די מאַמע האָט געהאַט אַ טרייסט. אָבער אָט די וואָס זי זיצט אַנטקעגן אים?
ער האָט אָפּגעבענטשט און זיך אויפגעשטעלט. זי איז געבליבן זיצן, אויפ־
געהויבן די אויגן צו אים און געזאָגט:

— אַ דאַנק פאַרן אויסהערן מיין ביטער האַרץ. ס'איז מיר שלעכט, ס'איז
דאָך איצט ימים־נוראים, צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור. אַפילו אַ פיש אין
וואַסער ציטערט און אַ פויגל אין הימל פלאַטערט. דערצו, זון מיינער, האָב איך
דיר נישט דערציילט, אַז עפּעס לעצטנס, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, ברענט
מיר אין בויך, עפּעס ווי אַ מכּה וואָלט דאָרטן געווען.

שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן:

— איך וואָלט אייך וועלן טרייסטן ווייס איך נישט ווי אַזוי. אָבער איך וועל
אייך זאָגן ווי איך האָב אַמאָל געזאָגט מיין מאַמען: די גמרא זאָגט — אַפילו
חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל ימנע את עצמו מן הרחמים — אַפילו

אַ שאַרפֿע שװערד ליגט דיר אױפֿן האַלדז זאָלסטו זיך נישט פֿאַרמיידן, נישט מיאש זיין, פֿון גאָטס רחמנות און גאָט װעט העלפֿן.

— נישט אַזאַ זינדיקע נשמה װי איך בין. — האָט זי געטענהט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. — איך בין עס נישט װערט.

שמעון האָט גענומען זיין משניות און איז אַרױס פֿון שטוב.

דאָנערשטיק מוצאי יום־כּיפּור איז ער געקומען זיך אָפּפּאַסטן. זי האָט זיך װידער געזעצט מיט אים ביים טיש. נאָכן אָפּכאַפּן דאָס האַרץ האָט זי אָנגעהױבן מיט אים אַ שמועס:

— האָסט געפֿרעגט ביי ר׳ לייזערן װעגן מיין קאָרטנװאַרפֿעריי?

— חלילה! — האָט שמעון געענטפֿערט. — װאָס הייסט איך װעל אים פֿרעגן אָן אייער רשות?

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

—איך האָב געמיינט אַז דו ביסט אַ פּלאַפּלער. שטעקסט די נאָז װוּ מען דאַרף נישט. מיר האָבן דאָך דאָס גערעדט צװישן זיך. דאַרף קיינער נישט װיסן. װען ס׳איז ביטער אױפֿן האַרצן רעדט מען אָמאָל נאַרישקייטן. ביסט טאַקע אַ װױל יינגל.

אַ װיילע האָבן זיי געזעסן שװייגנדיק. זי האָט פֿון אים נישט אַראָפּגענומען די אױגן. ביים קאָמפּאָט האָט זי אַ זאָג געטאָן שאַרף אָפּגעהאַקט, װי עס איז שױן באַשטימט פֿון פֿאָרױס און מען קען עס נישט אָפּפֿרעגן:

— דאַרפֿסט האָבן אַ נייעם גאַרניטור. נאָך שבת װעלן מיר גיין צום שניי־דער און באַשטעלן אַ גאַרניטור.

שמעון האָט זיך פֿאַררױטלט:

— מיין גאַרניטור איז נאָך גאַנץ. איך דאַרף נישט קיין גאַרניטור.

— מעגסט האָבן נאָך איינעם אױף שבת.

— דאָס איז מיין שבתדיקער גאַרניטור.

— אַזױ, אַ גאַנצער מאַנאַרכע, האָסט צװיי גאַרניטורס. אָבער קוק אָן סאַראַ בגד דאָס איז, און דאָס איז דער שבתדיקער!

שמעון האָט באַקוקט זיין אָנטאָן און געזאָגט:

— אַ גוטער גאַרניטור, גאַנץ װי אַ נוס. קיין איין ריס נישטאָ אין אים.

— נו, גאַנץ, זאָל זיין אַזױ. אָבער נישט ניי. עס איז שױן גוט אױסגעריבן. עס װעט דיך נישט שאַטן צו האָבן פֿאַר שבת אַ געװאָנטענעם גאַרניטור, נישט קיין קאָרטענעם. װעסטו האָבן צװיי אַלטע גאַרניטורס און איינעם אַ נייעם. מיין אייניקל האָט זעקס קאָסטיומען חוץ זיינע גימנאַזיסטישע קליידער. פֿאַסטן האָט ער מסתמא היינט נישט געפֿאַסט. אין שטוב האָב איך נישט אים, נישט דעם טאַטן זיינעם און נישט די מוידן, געגעבן קיין ביסן. אָבער זיי זענען דאָך אַװעק

אויף אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי זיך מסתמא אָנגעגעסן מיט גוייִשע פּיראָזשניעס. נו, דו האָסט געפּאַסט און געדאַוונט, אַ גאַנצן טאָג געווען אין שול אָבער קיין קאָס־טיום מיינסטו, קומט דיר נישט. אָבער מיין אייניקל? רק ער בעט, רק ער מאָנט, רק ער רייסט די הויט.

— ביי אַן אייגענער באָבע וואָלט איך מסתמא אויך געמאָנט, — האָט שמעון געענטפערט לאַכנדיק. — אָבער — האָט ער געזאָגט ערנסט — נעמען ביי אַ פרעמדן מענטשן, מיינט נעמען קיצבה, מיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך אויסגע־היט פון צדקה און איך וויל אויך נישט נעמען קיין פרעמדס.

די אַלטע האָט אים אָנגעקוקט שאַרף:

— מען האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט אַ ייִנגל מיט אַ שאַרף קעפּל. ערלעך און פרום ווייס איז אַז דו ביסט. זאָג־זשע מיר: איז עסן טעג נישט קיין צדקה? וואָס איז דער חילוק?

— עסן טעג — האָט שמעון געענטפערט — האָט מיין רבי געצל געזאָגט, איז נישט קיין קיצבה. ס'איז אַ ייִדישער מנהג, אַ דרך צו העלפן אָרעמע בחורים צו לערנען תורה. אָבער אַ גאַרניטור איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז נישט קיין מוז פאַר אַ ישיבה־בחור; און אוודאי איז עס קיין מוז נישט, ווען דער גאַרניטור איז נאָך ביי אים גאַנץ, נישט צעריסן.

די אַלטע האָט אים געפרעגט טרויעריק:

— זאָג דעם אמת, ווילסט נישט הנאה האָבן פון מיין געלט, ווייל ס'איז נישט קיין כשר געלט? ווען איך וואָלט נישט געווען קיין כישופמאַכערן וואָלסטו גענומען ביי מיר געלט אויף אַ גאַרניטור?

— חלילה! — האָט שמעון געענטפערט מיט האַרץ — ווער האָט מיך גע־מאַכט פאַר אַ שופט אייך צו משפטן?

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער צוגעגעבן:

— איר זענט פאַרהאָרעוועט, אַלעמאָל מיד, פול מיט זאָרג, ווי מיין מאַמע און אַזאַ גוטע ווי מיין מאַמע.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— איך ווייס נישט צי דו ביסט אַ גוטהאַרציקער אָדער אַ חונף.

שמעון האָט אויך אַ שמייכל געטאָן:

— אַמאָל האָט עס מיר אויך מיין מאַמע געזאָגט.

— קענטיק אַז די מאַמע דיינע איז אויך אַ קלוגע.

— נישט קליגער פון אייך.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט:

— עס געפעלן מיר דיינע זיסע ריידעלעך. ווען איך האָב אַן אייניקל ווי

דו, וואָלט כדאַי געווען צו פֿאַרפֿאַלן ווערן אין כף הקלע. אָבער האָסט מיך אַראָפּ־געפֿירט פֿון גלייכן וועג. וואָס וועט אָבער פֿאָרט זיין מיט דיין קאָסטיום?

שמעון איז געוואָרן רויט פֿון איר צושטיין צו אים, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— איך קען נישט נעמען קיין קיצבה.

— ווייסטו וואָס, — האָט זי געענטפֿערט — איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל מיט דיר מאַכן אַן אָפּמאַך. ווען איך וועל קומען אויף יענער וועלט וועל איך נישט דערמאָנען, אַז איך האָב דיר געגעבן אויף אַן אָנצוג, וועט זיך עס נישט רעכענען פֿאַר קיין מצווה. און אַ מצווה איז דאָך אויס צדקה. אויס צדקה איז שוין נישט קיין קיצבה.

שמעון האָט געענטפֿערט ערנסט, ווי אַ דערוואַקסענער:

— איך פֿאַרשטיי. איר ווילט טאָן אַ מצווה שלא על מנת לקבל פּרס — אַ מצווה אָן שכר, אָן אַ באַלוינונג. ס'איז אַ גרויסע מדרגה. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איר זענט אַ גוטע. אָבער איך ווייס נישט צי עס איז קיצבה אָדער נישט. איך וועל פֿרעגן ר' לייזערן.

***

זי האָט אים קיין גאַרניטור נישט אויפֿגענייט. צוויי טעג שפּעטער איז זי געשטאָרבן. פּלוצים געשטאָרבן. שמעון האָט אויף זיך גענומען צו לערנען נאָך איר משניות אַ גאַנצן יאָר.

קאַפּיטל 6

דאָס ליכט פון תורה

שרה דער קאַרטנוואַרפערקעס טויט האָט שטאַרק צערודערט שמעונען. ער האָט זי געזען איידער מען האָט זי אַריינגעלייגט אין אָרון: אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, דער קייל־עכדיקער פּנים איינגעשרומפּן און צעבאַבעט און האָט אויסגעזען ווי אַ צעוויקעטער אַרבעס. אין די ווייסע תכריכים און אין דער הייבל וואָס האָט אַרומגענומען איר אָפּגעגאָלטן קאָפּ האָט זי געמאַכט דעם אָנבליק פון אַן עופהלע אין וויקעלעך. און זי, האָט שמעון געטראַכט, וועט זיך דאַרפן שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה צום משפט; און גלאַט וועט עס איר נישט אָפּגיין, ווייל זי איז דאָך אַ זינדיקע. זי האָט געטריבן כישוף. אָבער זי האָט עס דאָך נישט געטאָן צוליב פאַרגעניגן וועגן, האָט שמעון מיט זיך איינגעטענהט; זי, די אַלטע אויסגעדאַרטע ייִדענע, האָט געדאַרפט מפרנס זיין אַ גאַנצע משפחה. איז ווו איז יושר, אַז זי זאָל געמשפּט ווערן פון אַ בית־דין, וואָס עסט נישט, טרינקט נישט, דאַרף נישט מפרנס זיין קיין משפחה און איז אויסגעטאָן פון אַלע דאגות, זאָרגן און גלוסטעניש פון אַ ילוד אשה? און זי? קליין, דאַר און קוואַר, די הויט אָנגעצויגן איבער דיביינער ווי די פעל איבער דעם רייף פון אַ באַראַבאַן, אַ דערשראָקענע פון דעם וויסן אַז זי איז אַ זינדיקע, וועט דאָך פון אימה נישט קענען עפענען דאָס מויל. דער מלאך קטיגור וועט גרינג פאַרטיק ווערן מיט איר משפט און זי וועט פאַרפאַלן ווערן אין קאַפיקאַל (קף הקלע).

איז דאָס אַ יושרדיקער סדר העולם?

ער האָט געהאַט אומרויִקע טעג און נאָך ערגערע נעכט. אָבער ווי אַלעמאָל איז אים געקומען צו הילף אַ פּסוק. איינמאָל אין אַ פאַרטאָג, ווען ער איז געלעגן האַלב שלעפעריק אויף דער האַרטער באַנק פון ווייבערשן בית־מדרש, איז די זאָרג וועגן שרהן מגולגל געוואָרן אין אַ חלום. די וואַנט פון דער ווייבערשער שול איז נישט געוואָרן און ער, שמעון, קוקט אַראָפּ אונטן אין בית־מדרש. ווו

דער אָרון־קודש איז געווען איז איצט געשטאַנען אַ טראָן. אויפן טראָן — אַ געשטאַלט וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן בית־מדרש, און אַרום דער געשטאַלט איז געווען אויסגעשטעלט דער בית־דין של מעלה. פאַר זיי שטייט שרה די קאָרטנוואַרפערקע אַרומגערינגלט מיט מלאכים, וואָס היטן זי. שרה שטייט אָן איינגעשרומפּענע, אַ דערשראָקענע און דער קטיגור שטורעמט, לייגט אויס אַלע אירע זינד. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ בת־קול:

— געוואַלד! אם יש עליו מלאך אחד מאלף — פון אַלע טויזנט מלאכים וואָס זענען מקטרג אויף איר, ווו איז דער מליץ, דער מלאך וואָס וועט מלמד זכות זיין אויף איר?

עס ווערט אַ טומל, אַ רויש און עס ווייזט זיך אַ קליין ווייס מלאכל — אויך אַ דערשראָקענער — און שמעון כאַפּט זיך אויף. ער שמייכלט צו זיך — פאַרגעסן דעם פּסוק פון איוב. אַ וווּנדער. עס געפינט זיך דאָך אין כפרות. ער, שמעון, האָט פאַרגעסן אין זיין צער, אויך אַ צווייטן פּסוק: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?״ דער וואָס משפט די גאַנצע וועלט וועט אַליין נישט טאָן קיין גערעכטיקייט? ווי איז עס אים גאָר איינגעפאַלן, אַז דער כביכול וועט דערלאָזן מען זאָל פאַרמשפּטן שרהן אָן אַ גערעכטן משפט און קיינער וועט זיך דאָרט פאַר איר נישט איינשטעלן.

ער האָט זיך באַרויקט אויף אַ צייט. אָבער שפּעטער האָט ער זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט קיין פּסוק און שרהס גורל האָט אים נישט אָפּגעלאָזן.

***

אין יענער צייט איז נאָך שמעון אָנגעגאַנגען מיט זיין לערנען ווי אין די ערשטע חדשים — מיט התלהבות, ברען און התמדה. ער האָט געלערנט משמורים — פון באַלד נאָך מעריב ביז פאַרטאָג. ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט ער זיך צוגעלייגט אויף אַ פּאָר שעה און באַלד נאָכן דאַווענען — ווידער צו דער גמרא. אין די זומערדיקע נעכט, ווען די אויגן האָבן נישט געוואָלט בלייבן אָפן, האָבן די בחורים געהאַט אַ גוטע סגולה צו דעם — זיי האָבן אַריינגעשטעלט די פיס אין אַ קאַלטן עמער וואַסער. אין די ווינטערדיקע נעכט האָט מען אָנגעריבן דאָס פּנים מיט שניי. ביידע סגולות האָבן צוגענומען ווי מיט די הענט דעם שלאָף פון קאָפּ.

ער איז נישט געווען דער איינציקער מתמיד אין דער ישיבה. אַזוי איז געווען דער איינגעשטעלטער דרך אין די ישיבות. קיינער האָט נישט געניייט די בחורים צו זיין אויף משמורות. בכלל איז אין דער ישיבה נישט געווען קיין שטרענגע השגחה. ער געדענקט נישט אַפילו צי מען האָט אים ווען עס איז פאַרהערט.

יאָ, עס איז געווען אַ משגיח. זיין נאָמען געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאָר אַז ער האָט געהאַט אַ רויטע, געקרייזלטע באָרד, אַ ברייטע, אַ שיין צע־קעמטע. אַ גאַנצן טאָג איז ער אויך געזעסן ביי דער גמרא און געלערנט ווי איינער פון די בחורים. דער ראש־ישיבה ר׳ לייזער פלעגט נאָר קומען דריי מאָל אַ וואָך זאָגן אַ שיעור.

אָבער איינמאָל האָט דער משגיח יאָ געהאַט אַן איבערייד מיטן כערסאָנער.

דאָס איז געווען אויפן צווייטן זמן. דער כערסאָנער האָט געוואָלט אָנהייבן צו לערנען מסכתא חולין. די גאַנצע העכערע כיתה האָט נאָך אַלץ געלערנט פסחים. דער כערסאָנער האָט איינגעטענהט מיטן משגיח:

— די קאָלאָניע האָט מיך אַהער געשיקט צו ווערן אַ שוחט. אַ קהילה פון דרייסיק משפחות לעבט אָן אַ שוחט. מיר מוזן זיך שטאָפּן מיט מילכיקס אַ גאַנצע וואָך און אַמאָל האָבן מיר אויך מילכיקע שבתים. און עופות שפּאַצירן אַרום פריי ווי פליגן. און אַלעמאָל אַ היפּשע צאָל „קוואָקעס". קיין גאַנצן שוחט קענען מיר נישט מפרנס זיין, האָבן מיר פּרובירט נעמען אַ שוחט, וואָס זאָל אויך זיין אַ מלמד. אָבער עס טויג נישט. אַ גוטער שוחט איז אַ שלעכטער מלמד און אַ גוטער מלמד איז אַ שלעכטער שוחט. האָט די קאָלאָניע מיך געשיקט צו ווערן אַ שוחט. איך בין אַ קאָלאָניסטס אַ זון, פאַרמאָג אייגענע צען מאָרג ערד און איך וועל נישט דאַרפן צי׳ען מיין גאַנצע חיונה פון שחיטה. דאַרף איך דאָך לערנען הלכות שחיטה וטריפה און די גמרא חולין און איך שטאָפּ זיך מיט דער מסכתא פסחים. שוין צייט איך זאָל זיך נעמען צו דעם יורה דעה און אָנהייבן גיין אין בוינע (שלאַכט־הויז) און זיך אויסלערנען אָנצושטעלן אַ חלף. ווי לאַנג מיינט איר וועט די קאָלאָניע מיך אויסהאַלטן?

ר׳ לייזער האָט באַדאַ׳פּט קומען צוהילף דעם משגיח. דער ראש־ישיבה האָט בנעימות דערקלערט דעם כערסאָנער:

— וואָס מיינסטו? שחיטה איז אַ מלאכה ווי אַלע מלאכות? ווייסטו אין וועלכן סדר משניות עס געפינט זיך מסכתא חולין? אין קדשים. שחיטה איז ווי מקריב זיין אַ קרבן, אַ מלאכת הקודש. אויף שוחט, ווי אויף ווערן אַ רב, לערנט מען נישט. אַ ייד, אַ למדן, וואָס וויל ווערן אַ שוחט אָדער אַ רב, לערנט צו די נייטיקע ספרים און קריגט קבלה אָדער סמיכה. דו דאַרפסט אָבער פאַרשטיין, אַז איידער מען ווערט אַ שוחט דאַרף מען זיין ראוי צו דעם. מען דאַרף פרי׳ער זיין אַ למדן און אַ ירא שמים.

דער כערסאָנער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן. ערשט אויפן פערטן זמן האָט ער אָנגעהויבן לערנען הלכות שחיטה און טריפה. ווען שמעון האָט פאַרלאָזן די ישיבה האָט זיך דער כערסאָנער אָנגע־הויבן קלייבן גיין אין שלאַכט־הויז זיך צו לערנען אָנשטעלן אַ חלף.

שמעון וואָלט איצט אָוועקגעגעבן אַ יאָר פון זיין אַלטן לעבן צו דערמאָנען זיך ר' לייזערס אַ שיעור. אָט זיצט ער איצטביים שרייבטיש און מאַטערט זיך צו דערמאָנען ר' לייזערס אַ שאַרפן שטיקל פּילפּול, אַ חילוק. אָבער ער קען נישט. ער נעמט אַראָפּ די מסכתא פּסחים פון פּאָליצע, בלעטערט די גמרא, ברומט אונטער דעם אַלטן גמרא־ניגון און ער ווערט זיכער, אַז ר' לייזער האָט אַוודאי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער סוגיא, אויף דער דאָזיקער מימרא. אָבער ניין, עס איז נאָר אַן אויסדוכטעניש. דער ניגון פאַרפירט אים. ער פּרובירט אַפילו אַ קוק טאָן אין דער „שיטה מקובצת" אין „פני יהושע" — עט, ער וויל זיך נאָר איינשמועסן. ער געדענקט נישט. אָבער אין זכרון איז ביי אים פריש דער התרוממות הנפש, די גרויסע פריידיקייט, דער נחת רוח, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין שנעלן אויפכאַפּן דעם שאַרפן פּילפּול און די דינע חידושים פון דעם ראש־ישיבה. ער געדענקט דאָס קלאַפּן פון האַרצן, ווען ער האָט פאַרויס פאַר־שטאַנען די ענטפערס, וואָס ר' לייזער וועט שפּעטער געבן אויף די געשטעלטע קשיות. ס'איז געווען אַן עקזאַלטאַציע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פיזישן פאַרגעניגן.

ער געדענקט אַפילו דאָס באַליבטע ווערטל פון דעם ראש־ישיבה. די עלטערע בחורים פלעגן זיך גוט צוגרייטן צום שיעור און זיי האָבן אַזוי גרינג נישט אָפּגעלאָזן דעם ראש־ישיבה. זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט קשיות, וואָס זיי האָבן גענומען פון מהרש"א און פּילפּול ספרים. שמעון האָט חושד געווען אַז ר' לייזער ווייס נישט נאָר די ענטפערס, נאָר ער ווייס אויך אַפילו ווו די קשיות געפינען זיך. אָבער ער האָט עס קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט. פאַרקערט, זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן, ווי ער וואָלט געהערט די קשיות צום ערשטן מאָל, און אַלעמאָל איבערגעחזרט מיט התלהבות דאָס אייגענע: „אייזערנע קשיות, גוט אָפּגעפרעגט. לאָמיר זען ווי אַזוי מיר קענען עס מסביר זיין און מיישב זיין".

ר' לייזער האָט אַפילו נישט אַריינגעקוקט אין דער גמרא ווען ער האָט זיך מפּלפּל געווען מיט זיינע תלמידים. ער האָט גערעדט אימפּעטיק, מיט היץ, שנעל, ווי די ווערטער וואָלטן אים געטריבן. שמעונען האָט זיך געדוכט, אַז ר' לייזער ווען ער רעדט, עפּנט ער אויף אַ קעסטעלע אָנגעפּילט מיט פיר־קאַנטיקע קאָלירטע שטיינדלעך און ער לייגט זיי אויס איינס לעבן אַנדערן און פאַר די אויגן ווערט אַ גלאַטער גלייכער דיל, וואָס מיניעט מיט זיינע אוזאָרן, וואָס זענען איידל ווי די פיינסטע קרוזשעווע. אויפן ערשטן בליק דוכט זיך אויס אַז אַלץ איז אַן אַ סדר אויסגעמאָלט, אויסגעלייגט צופעליק. אָבער אַז מען קוקט זיך גוט צו זעט מען ווי אַלץ איז אויסגעהאַפּט מיט אַ חשבון און אַ פּלאַן. און שמעון זאַפּט איין זיך ר' לייזערס יעדעס וואָרט און יעדע תנועה און פילט אַ משונהדיקע הנאה, אַ פאַרגעניגן, וואָס רייצט דעם גאַנצן גוף; די שפּיץ־

פינגער הייבן אָן צו שטעכן און די וואָרצלען פון די האָר אויפן קאָפּ הייבן אָן צו בייסן.

דעם זעלביקן גייסטיקן תענוג, וואָס האָט זיך געגרענעצט אָדער פאַרוואַנדלט, אין סענסואַליטעט, געדענקט שמעון, האָט ער געהאַט, ווען ער האָט געלערנט ביי ר׳ לייזערן אין שטוב אין די פאַרטאָגן. ער געדענקט איצט נישט די סוגיות אָדער אַפילו וועלכע גמרא ר׳ לייזער האָט דאַן געלערנט מיט די פינף אָפּגעקליבענע תלמידים. אים דוכט זיך איצט, אַז ער האָט געלערנט גאָר דעם „חובות הלבבות״. ער זעט אָבער פאַר זיך דעם טיש מיט דעם בליצלאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע גלייך אויף דעם מיטן פון טיש. ר׳ לייזער זיצט זיך אויבנאָן. אין אַ סאַמעטענער יאַרמולקע. זומער און ווינטער איז ער געזעסן אין זיין קאַפּאָטע, אַפילו אין די גרעסטע היצן, ווען די תלמידים האָט ער געצוווּנגען אויסצוטאָן די רעקלעך. די לאָדנס פון צימער זענען געווען פאַרמאַכט און דער צימער איז געווען אָנגעפילט מיט ניגון פון לערנען און אַ מאָדנע ליכטיקייט.

אַ מאָדנע ליכטיקייט. שמעון טוט איצט אַ שמייכל. ער געדענקט אַ מעשה, אַן אַכט יאָר שפּעטער, נאָך זיין אַוועקפאָרן פון דער קרעמענטשוגער ישיבה. ער איז דעמאָלט געווען אין אַמעריקע און געוווינט אין בראָנזוויל און גאָר אַן אָפּטער באַזוכער אין אַן אַנאַרכיסטישן קלוב. ס׳איז געווען אין 1917, די צייט פון ראַציאָנעלער אַפּיקורסישקייט ביי די פריש־געקומענע אימיגראַנטן. אַ לעקטאָר האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם אומזין פון רעליגיע. דער רעפערענט איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ מוסמך. ער האָט געוואָרפן מיט פסוקים און מאמרי חז״ל. שמעון איז געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן און אָפענעם מויל און געשלונגען יעדעס וואָרט. דער לעקטאָר האָט ציטירט די פסוקים און מאמרי חז״ל אין אָריגינאַל — העברעיש און אַראַמעיש און אויפן אָרט זיי פאַרטייטשט אויף אַ פראַכטפולן יידיש. שמעון האָט פאַרגעסן דעם לעקטאָרס כפירה און זיינע אייגענע אפיקורסישקייט און הנאה געהאַט מער פון דער שיינקייט פון די פסוקים און פון די אגדות ווי פון דעם לעקטאָרס אויסטייטש.

און אָט האָט דער רעפערענט אָנגעהויבן איבערזאָגן אַ שטיקל אגדתא פון שיר השירים רבה. די מעשה האָט געזאָלט אילוסטרירן דעם אָבערגלויבן און די פינצטערניש וואָס די רבנים האָבן פאַרשפּרייט צווישן פאָלק. דער רעדנער האָט זיך צעזונגען:

„בן עזאי איז געזעסן און געדרשנט און אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט אַרום אים. איז מען געגאַנגען און מען האָט דערציילט רבי עקיבאן: רבי, עזאי זיצט און דרשנט און אַ פייער פלאַקערט אַרום אים. איז רבי עקיבא אַוועק צו אים און געזאָגט: איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געדרשנט און אַ פייער האָט געפלאַקערט אַרום דיר. האָט ער געענטפערט: יאָ. האָט ער געזאָגט: אפשר

האסטו געדרשנט וועגן מעשה מרכבה? (דאָ האָט זיך דער רעדנער אָפּגעשטעלט און פאַרטײַטשט מיט אַ סך אָפּלאַכערײַ און שאַרפן וויץ די וויזיע פון יחזקאל הנביא, וואָס ער האָט געזען אויף די ברעגעס פונעם טײַך כבר. איבערהויפּט האָט ער באַטאָנט, אַז איינע פון די צורות פון די פיר חיות, וואָס זענען געווען איינגעשפּאַנט צום רײַטוואָגן איז געווען אַן אָקס) און ר׳ עזאי האָט געענטפערט: איך בין געזעסן און נאָר געשנירלט די רייד פון דער תורה; און פון דער תורה בין איך איבערגעגאַנגען צו די נביאים; און פון די נביאים צו די כתובים. און די רייד זענען געווען פול מיט פרייד ווי זיי זענען נאָר וואָס געקומען פון באַרג סיני און זיס, ווי זיי וואָלטן גאָר איצט געגעבן געוואָרן. און ווען מען האָט זיי אין אָנהייב געגעבן אויפן סיני זענען זיי נישט געגעבן געוואָרן מיט פייער?״

און דער רעדנער האָט פאַרענדיקט:

— איר פאַרשטייט, וואָס דאָ איז אָנגעפּלעטשעט געוואָרן? איין ליגן אויפן אַנדערן און אויף די צווײ ליגנס נאָך אַ גרעסערער ליגן. דער ערשטער ליגן איז געווען וואָס דאָס פייער האָט געברענט אַרום בן עזאי ווען ער האָט געדרשנט. דער צווייטער ליגן איז, וואָס אַלע האָבן עס געזען און דער קלוגער רבי עקיבא האָט עס געגלייבט. אָבער דער גרעסטער ליגן איז בן עזאיס דערקלערונג אַז ער האָט געדרשנט די זעלביקע תורה וואָס מען האָט געגעבן אויפן באַרג סיני און די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני מיט פייער און פלאַם. דאָס איז אַ ליגן, וואָס מען רופט אַ ליגן מיט אַ וואָרצל. די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני. ס׳איז נישט מער ווי אַ לעגענדע, אַ באַיקע, אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס אַ סך פעלקער האָבן. ווײַבאַלד אַז די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני האָט ערגעץ נישט געברענט און ערגעץ נישט געדונערט. אַט אַזוי בויט מען אַ ליגן אויף אַ ליגן און אויפן שפּיץ דער העכסטער ליגן — און דאָס אָרעמע נאַרישע פאָלק איז פאַרפירט.

דער עולם האָט געפּליעסקעט, געטופּעט, געפּאַטשט און געשריען בראַוואָ און דער לעקטאָר האָט זיך פאַרנייגט ווידער און ווידער און געשיינט פון נחת.

נאָכן רעפעראַט איז געווען דער מנהג, אַז מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טישן און געטרונקען טיי און געשמועסט. אַלע האָבן געלויבט דעם לעקטאָר, וואָס איז געווען שמעונס אַן עלטערער חבר און וועגווייזער. דער מאָדערנער רבי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין תלמיד און געזאָגט:

— עפּעס שווייגסטו מיר צופּיל. עפּעס פּיקט דיר אין קאָפּ און מיר דוכט זיך אַז ס׳איז דאָרטן אין אַ פינצטערן ווינקל באַהאַלטן אמונה אין די דאָזיקע נאַרישקייטן.

— חלילה, — האָט שמעון געענטפערט, — איך גלייב נישט אין די אַלע אגדות. אָבער איך מיין אַז ס׳איז נישטאָ וואָס אָפּצולאַכן. אגדה איז פּאָעזיע,

מען דאַרף פאַרשטיין און אויסטייטשן די אגדות ווי מען טייטשט אויס די לידער פון אונדזערע פּאָעטן. אָט זינגט אונדזער דיכטער דוד עדעלשטאַט:

— גוט מאָרגן, מיין מוזע, מיין הימלישע שיינהייט,
דו קומסט עפּעס היינט ווי אין כעס.

נו, האָט איר, אָדער ער, געזען די מוזע? איז דאָ אויף דער וועלט אַ מוזע? עס איז דאָך נישט מער ווי אַ משל. אָדער ווען דער זעלביקער דוד עדעלשטאַט זינגט:

— איך האָב אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט
און נישט געפונען קיין אָרט
ווו עס זאָל נישט הערשן שווינדל און געלט
צוזאַמען מיט רויב און מאָרד.

האָט ער טאַקע אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט? ס׳איז נאָר אַ משל. פאַרוואָס זאָלט איר נישט אויסטייטשן די אגדה ווי אַ משל? ביאַליק אין זיין הקדמה צום ספר האגדה האָט געשריבן באריכות וועגן דעם.

— אַ נייעס, סעם, האָסטו פאַר מיר אַנטדעקט! איך אַליין האָב דאָך געלערנט די סימבאָלישקייט און היפּערבאָליזם (גוזמאדיקייט) פון פּאָעזיע. אָבער „אין הנידון דומה לראיה״ — פאַרגלייכסט נישט גלייכס מיט גלייכס. אַלע ווייסן, אַז די פּאָעטישע רייד פון אַ דיכטער זענען נישט מער ווי גוזמאדיקע בילדלעכקייט. דער פּאָעט טוט עס כדי אַרויסצוברענגען קלאָרער דעם געדאַנק וואָס ער ברענגט צום לייענער. ווען דוד עדעלשטאַט זאָגט „גוט מאָרגן, מוזע״, ווייסן אַלע, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ געטין. מוזע סימבאָליזירט די עכטקייט פון קונסט און פּאָעזיע. דאָס וואָרט מאַכט גרינגער פאַר עדעלשטאַטן קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק, אַז דער דיכטער טאָר נישט פאַרקויפן זיין פעדער. אויף דעם זעלביקן אופן דאַרף מען פאַרשטיין און אויסטייטשן דאָס אַנדערע ליד פון עדעלשטאַטן. ער וויל באַווייזן אַז געלט און שווינדל און רויב גייען צוזאַמען. נוצט ער דעם היפּערבאָליזם „איך האָב אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט״. אַלע ווייסן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ משל. אָבער די מעשה פון בן עזאי נעמט מען אָן פאַר מזומן געלט. די נאַרישע פינצטערע מוחות גלויבן טאַקע, אַז ווען בן עזאי האָט געלערנט האָט אַ פייער געפלאַקערט אַרום אים. און אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני וועט שווערן יעדער באַפיאותטער ייִד. ער איז דאָך ממש דאָרט געשטאַנען און מיט די אייגענע אויגן געזען דאָס פייער און מיט די אייגענע אויערן געהערט די דונערן און בליצן און מיטן אייגענעם ניעניק געשמעקט דעם רויך.

שמעון האָט זיך צעלאַכט:

— אַ צינגל האָט איר ר׳ אברהם. שאַרף ווי אַן אָנגעשטעלטער חלף נאָך דעם ווי מען האָט אים בודק געווען און נישט געפונען קיין פּגימה. אָבער — —

— איידער איך הער דעם אָבער, זיי אַזוי גוט און צי צוריק דיין „ר׳ אברהם", וואָס פאַרוואָס ר׳ בין איך? איך בין נישט קיין כניאָק, — האָט אברהם געזאָגט טויט ערנסט.

— נו, זאָל זיין מיסטער אייבי, אָדער הער אייבי. אָבער בדידי הוא עובדא. אויך מיט מיר האָט געטראָפן, ווען איך האָב געלערנט אין ישיבה, עפּעס אַזוינס וואָס איז געשען מיט בן עזאי. איך האָב — — —

— וואָס, — האָבן אַלע אויסגעשריען מיט איין פראַגע, — האָסט געזען ווי אַ פייער האָט געברענט אַרום דיר און דו האָסט געלערנט?

— כמעט. הערט:

— מיין ערשטער ראש־ישיבה איז געווען ר׳ לייזער. ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין קרעמענטשוג. אַ שטאָט וואָס האָט גענדאַרפט האָבן אַ ישיבה ווי די אַרבעטער דאַרפן אַ באַלעבאָס. עס איז טאַקע געווען אַ פאַנאַטיש פרומער ייד, אָבער ער האָט פיינט געהאַט דאָס רשעות פון דער וועלט פונקט ווי מיר. איינמאָל, געדענק איך, בין איך מיט אים געגאַנגען פאַרטאָג אין בית־מדרש דאַווענען. ס׳איז נאָך געווען האַלב פינצטערלעך און מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן פלאַשטשאַד (סקווער) פון שטאָט. איך טו אַ קוק, ערשט דער סקווער איז פול מיט קאָזאַקן. זיי מאַכן דאָרטן מיליטערישע איבונגען. זיי שטייען אין פיר שערענגעס, אויסגעשטעלט איינער נאָך דער אַנדערער. אויף דעם אַנדערן עק פון סקווער שטייען צוויי הויכע סלופּעס פאַרצויגן מיט אַ דיקן דראָט. אויפן דראָט הענגען אָנגעשטאָפּטע זעק שטרוי אין דעם געשטאַלט פון מענטשן: דער מיטן פאַרשטייפט מיט אַ שטריקל און אויף דעם אייבערשטן טייל אויסגעמאָלט אַ צורה. די קאָזאַקן שטייען און מיטאַמאָל גיט דער אָפיציר אַ קאָמאַנדע און אַ צען קאָזאַקן טוען זיך אַ יאָג צו די טשוטשילעס און מיט אַ ווילדן געשריי שטעקן זיי אַריין די פּיקעס אין די סטראַשידלעס. עס האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם פון שרעק און איך האָב אויסגערופן מיט אַנגסט צו ר׳ לייזער ברוכן:

— רבי, וואָס טוען זיי?

מיין ראש־ישיבה ענטפערט מיר מיט אַ מאָדנעם ביטול:

— זיי לערנען זיך הרגענען מענטשן.

איך פרעג איבערראַשט:

— וואָס פאַר אַ חכמה שטעקט אין הרגענען אַ מענטשן, רבי?

ענטפערט ער מיט אַ קלוגן שמייכל:

— פאַרשטייסט, קאַלינקאָוויטשער, הרגענען איין מענטשן איז קיין חכמה

בישט. מען דאַרף נאָר האָבן רשעות. אָבער אויף הרגענען טויזנט אויף אַמאָל דאַרף מען שוין זיין חוץ אַ רשע אויך אַ חכם, אַ גאַנצער יענעראַל. זיי רופן עס תכסיסי מלחמה.

— נו, נו, — האָט אברהם געענטפערט, — קיינער לייקנט נישט אַז צווישן די פרומע זענען געווען ערלעכע מענטשן, שטיקלעך שוטים אָבער תמימים. איך פרעג דיך אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער מעשה פון בן עזאי?

שמעון האָט געענטפערט:

— האָט געדולד. עס האָט וואָס צו טאָן מיט דער מעשה פון בן עזאי, ווייל דאָס איז געווען נאָר אַ הקדמה קלאָר צו מאַכן דעם ענין מיטן ברענענדיקן פייער.

— גלייבט יאָ, גלייבט נישט. מ'האָט אַמאָל געהאַלטן אַז איך קען לערנען און אַ מתמיד בין איך געווען אַ גוואַלד. ווען איך בין אָנגעקומען אין מיין ערש־טער ישיבה אין קרעמענטשוג האָט ר' לייזער אויסגעקליבן פיר תלמידים און מיך אַ פינפטן צו לערנען מיט אונדז פאַרטאָג ביי אים אין שטוב אַ ספּעציעלע מסכתא. איך געדענק נישט וואָס מיר האָבן געלערנט, אָבער איך געדענק דעם צימער מיט דער געשפּרענקלטער אביטשע (וואָנט־פּאַפּיר). זומער אָדער ווינטער, די לאָדן זענען געווען פאַרמאַכט. מיר פלעגן קומען אַ זייגער פיר פאַרטאָג צוויי מאָל אַ וואָך און לערנען ביז ס'איז געקומען די צייט צו גיין דאַוונען. מיר זענען געזעסן אַרום אַ פּראָסטן נישט געפאַרבטן טיש און אַ בליך־לאָמפּ איז אַראָפּגע־האָנגען אויף דער סטעליע גלייך אין מיטן פון טיש. מיר האָבן געלערנט גמרא ווי אַלע ייִדן, הויך אויפן קול מיט אַ ניגון. דער צימער איז ביי מיר שטענדיק פאַרבונדן מיט ניגון און ליכט. אַ מאָדנע ליכט, אַ ליכט וואָס איז אַריינגעוועבט אין דעם תורה ניגון. — שאַ, שלאָגט נישט איבער. — אָט זע איך ווי מיר, די פינף תלמידים, גייען מיט ר' לייזערן פון זיין שטוב אין בית־מדרש. ס'איז אין דער פרי־שעה פון פרימאָרגן. די שטאָט איז נאָך האַלב געשלאָפן, אָבער דאָ און דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ מענטש לעבן זיין הויז און אַרויסגענומען די פּרענטן פון די לאָדנס. די פרענטן זענען פאַרזשאַווערט און עס הערט זיך אַ קריצעריי פון שטאָל וואָס רייבט זיך אָן אייזן. אַ פליייסיקער קרעמער האָט שוין געעפנט די מעטאַלענע שטאָרן און עס האָט אָפּגעקלונגען אין דער פוסטער גאַס אַ בראַזגעריי און גרילצעריי. מיר פינפן גייען און הערן נישט און זעען נישט וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז. ר' לייזער גייט מיט צעשפּרייטע פּאָלעס און די הענט רוען נישט קיין רגע. ער רעדט ווי אַלעמאָל מיט אימפּעט און דער מאַזירער ענטפערט אים מיט אַ גרעסערן אימפּעט און ביידע האָבן שטאַרקע פּיס פון דערוואַקסענע מענטשן און איך, שוואַרץ ווי אַ פעפערל און קליין ווי אַן אַרבעסל, מוז גיין גיך, אונטער־לויפן, כדי אָנצוהאַלטן מיט זיי. איך לויף נאָך זיי און תורה גיסט זיך פון זייער מויל. און מיר דוכט זיך, אַז די שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט אַן אילוזאָרישן

מויער און איז איינגעהילט אין אַ שיטערער גרויער װאַכעדיקער לופט, און מיר פינפן זענען אַרויס פון אַ חדר אָנגעפילט מיט ניגון און ליכט און דאָס ליכט רינגלט אונדז נאָך אַרום אין גאַס. מיר שניידן אַריין מיט דעם ליכט, װאָס רינגלט אונדז אַרום, אין דער גרויער װאָכעדיקייט פון דעם קרעמערישן פרימאָרגן און לאָזן הינטער זיך אַ פּאַס ליכט, װאָס װערט שנעל פאַרשלונגען פון דעם קרעמערישן הו־האַ, אַט װי אַ פּאַראַכאָד שניידט אין זיין גאַנג די ברודנע װאַסערן פון טייך און לאָזט הינטער זיך אַ װייסן שוימיקן פּאַס װאַסער, װאָס װערט פאַרשלונגען ביסלעכװייז פון דעם בלאָטיקן טייך. דער טייך איז טאַקע ברייט און טיף, אָבער דער העלער שוימיקער פּאַס איז אַלעמאָל הינטערן פּאַראַכאָד. אַזוי ציט זיך אויך דער פּאַס ליכט הינטער אונדז ביז מיר גייען אַריין אין בית־מדרש.

אברהם צעלאַכט זיך.

— ס׳איז אַ פיין בילדל. דאַרפסט עס אָנשרייבן און אַװעקשיקן אין „די פרייע אַרבעטער שטימע״. גענאָסע ש. יאַנאָװסקי װעט עס אָפּדרוקן.

שמעון טוט איצט אַ זיפץ:

— אין די לעצטע אַכט חדשים אין קרעמענטשוג איז ער שוין נישט געװען פון די גרויסע מתמידים. די װענט פון דער ישיבה האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן און דורך די שפּאַלטן, װאָס זענען געװאָרן גרעסער און גרעסער, האָט ער דערזען אַ ברייטע גרויסע װעלט. אים דוכט זיך, אַז ס׳איז געקומען איבער נאַכט. ס׳איז אָבער מסתּמא נישט געװען אַזוי. דאָך למען הסדר — כדי עס צו מאַכן מיט אַן אָנהייב, דאַרף ער עס אָנהייבן פון יענעם פרימאָרגן, װאָס ער דערפילט, אַז ער איז געװאָרן אַ בוגר — אַ דערװאַקסענער בחור.

קאַפּיטל 7

אומרו

שמעון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף ווי עס וואָלט אַרום אים אויסגעבראָכן אַ געוויטער מיט קראַכנדיקע דונערן, שניידנדיקע בליצן און ווינטן, וואָס רייסן אַראָפּ דעכער און וואָרצלען אויסביימער. ער האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער.

ס׳איז געווען אַ מילדער זומערדיקער פרימאָרגן. ס׳איז נאָך געווען גאָר פרי, די פענצטער האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן בלאָען. ער איז געזעסן אויף דעם האַרטן געלעגער און געגלעט מיט פאַרגעניגן די הויט פון זיינע היפטן — סאַמעט גלאַט. די פלאַכן פון די הענט האָבן אויפגעציטערט פון באַריר. ער האָט באַטאַפּט די בויך־מוסקולן — זיי זענען שטייף און די שענקלען פון די פיס זענען פאַרלאָפן מיט קראַפט. ער איז אינגאַנצן אָנגעפילט מיט אַ משונהדיקער גלוסטעניש און ער שפירט אַ מאָדנע געפילבאַרקייט אין זיך — אַ מין הונגער. אַ הונגער נאָך וואָס?

עס פלאָנטערן זיך אין מוח רעשטלעך פון אַ חלום, פון אַ זיסן חלום. וואָס? ער קען זיך נישט דערמאָנען, נאָר עפּעס געדענקט ער אַ נעפּלדיקע געשטאַלט, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַרום אים אַ וואַרעמקייט און אַ מאָדנע בשמימדיקייט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן גלעטן מיט די פלאַכן פון די הענט דאָס ווייכע פלייש פון די זייטן און די איקרעס פון די פיס.

ער האָט זיך פאַמעלעך און פויל אָנגעטאָן און איז אַרויס פון בית־מדרש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון הויכן גאַניק. דער קאַיאָר איז נאָר וואָס אויסגעבראָכן און די גאַסן זענען געווען ליידיק און שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דער נאָכאַנאַנדיקער גערויש פון די געדיכט באַבלעטערטע צווייגן פון די אַקאַציע־ביימער, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ זיסלעכן פאַרשיכורנדיקן שאַרפן געווירץ־ריח.

עס האָט זיך צו שמועגען דערטראָגן דאָס מעטרישע קלאַפּן פון די קאָפּי־טעס פון פערד. אַ קאַזאַקישער פּאַטרול. דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרשטעקט טיפער אין ווינקל פון גאַניק. פון דעם ראָג האָבן זיך באַוויזן דריי רייטערס. די פערד זענען געגאַנגען טראָט אין טראָט. די קאָזאַקן זענען געזעסן אויף די פערד רויִקע, געלאַנגווייליקטע, אַביסל פאַרשלאָפן. די לאַנגע פּעלערינעס פון דיקן בלויען געוואַנט, וואָס זענען געווען ביי זיי פאַרבונדן אַרום האַלדז מיט דיקע שנורן זענען געהאַנגען לויז אויף די פּלייצעס און געפאַלן אין ברייטע פאַלדן אויף די רוקנס פון די פערד, ביז די עקן.

מיטאַמאָל זענען אָנגעקומען אַנטקעגן די קאָזאַקן דריי מיידלעך אָנגעפּו־דערטע און אָנגעשמינקטע, אָנגעטאָן לייכט זומערדיק. די קאָזאַקן האָבן אַ שטילן פייף געטאָן און אָפּגעשטעלט די פערד. די מיידלעך זענען געבליבן שטיין לעבן זיי אויפן טראָטואַר. שטיל, אָן אויסריידן אַ וואָרט, האָט יעדער קאָזאַק זיך אַראָפּ־געבויגן פון פערד און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אַ מיידל. דאָס מיידל האָט אָנגענומען די אויסגעצוגענע האַנט און דער קאָזאַק האָט פלינק, וווילערנגעריש, אַרויפגעכאַפּט דאָס מיידל צו זיך אויפן זאָטל. דאָס מיידל האָט זיך אָוועקגעזעצט זייטיק מיט דער פּלייצע צוגעטוליעט צום קאָזאַק. און דער רייטער האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט דער פּעלערינע און פאַרשטייפט זיינע הענט אַרום דעם מיידלס טאַליע. דאָס ייִנגל האָט דערהערט אַ שטיקנדיקן געלעכטער און אַ פאַר־שייטן כיכיקען — און די קאָזאַקן האָבן ווי פון פריִער אָפּגערעדט, איינגעגראָבן זייערע פּנימער אין די נאַקנס פון די מיידלעך.

דאָס אַלץ האָט געדויערט אַן אויגנבליק. און ווידער ווי פון פריִער אָפּגעג־רעדט, האָבן אַלע דריי קאָזאַקן ווי איינס צעעפנט די פּעלערינעס און פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזן די צעשויבערטע מיידלעך צוריק אויפן טראָטואַר. די רייטערס האָבן אַ דריק געטאָן מיט די קני די פערד און די פערד האָבן זיך גערירט און זענען אַוועק מיט אַ שנעלן האָפּס. די מיידלעך האָבן שטום צורעכט געמאַכט זייערע קליידער, פאַרגלעט די האָר און אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג פון די קאָזאַקן. נישט די מיידלעך און נישט די קאָזאַקן האָבן זיך צוריקגעקוקט. דאָס משונהדיקסטע איז געווען ביי שמועגען אין די אויגן, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

ער האָט אַ שפּיי געטאָן און מיט עקל אַ בורטשע געטאָן צו זיך: „עשיר־בואף“. אָבער באַלד איז אים באַפאַלן אַ היץ און ס׳איז אים טרוקן געוואָרן אין מויל. קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט ער נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם וויגנדיקן גאַנג פון די מיידלעך. נאָך ערגער, מיטאַמאָל האָט ער מער נישט געשפּירט דעם זיסלעכן ריח פון די אַקאַציעס, נאָר דעם רייצנדיקן ריח פון שמינ־קע און פּודער. עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח — דאָס איז דאָך דער ריח

וואָס ער האָט געשפּירט אין חלום. ער האָט זיך איצט דערמאָנט וואָס פאַראַ געשטאַלט ער האָט געזען אין חלום — מאָטלס ייִנגסטע טאָכטער, די מיטן קליינעם אויפן פנים, וואָס איז אַלעמאָל פאַרשמינקט און פאַרפודערט צו פאַרשטעלן די זומער־שפּרענקעלעך.

די מיידלעך האָבן זיך פאַרקערט אין דער נאָענטסטער זייטיקער גאַס און פאַרשוווּנדן. שמעון האָט פאַרמאַכט די אויגן פון כעס און פאַרדרוס אויף זיך אַליין. אָבער די געשטאַלטן זענען נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער האָט אַלץ געזען דאָס וויגנדיקע גאַנג פון די מיידלעך און זייער זומערדיקע הלבשה, וואָס האָט בולט געמאַכט די רונדיקע טיילן פון זייערע גופים.

ער האָט זיך צעבייזערט אויף זיך: „איך בין פול מיט רוגזה און זילזול אויף די קאָזאַקן און איך בין נישט בעסער פון זיי. זעסט וואָס עס קריכט מיר אין קאָפּ?" ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין בית־מדרש. דאָס נאָך־נישט־פּופּצניאַריק ייִנגל האָט געוווּסט וואָס צו טאָן. אין גמרא איז דאָ אַ בפירושער מאמר: „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא נמוח, אם ברזל מתפוצץ" — אויב דער מנוול, דער יצר הרע האָט דיך אָנגעטראָפן, שלעפּ אים אַריין אין בית־מדרש, אויב ער איז אַ שטיין וועט ער צעריבן ווערן, אויב ער איז אייזן וועט ער צעקלאַפּט ווערן.

שמעון האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שטענדער. געעפנט די גמרא, זיך שטאַרק צעשאָקלט און שטיל זיך צעזונגען, נישט אויפצוועקן די שלאָפנדיקע ישיבהניקעס. אָבער ער האָט נישט געקענט רעכט אַריינטראַכטן זיך אין דער סוגיא. די אומרויִקייט האָט אין אים געווירט און אים נישט דערלאָזן אַפילו אויפצונעמען דעם טייטש פון די ווערטער. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך צעשאָקלט מיט מער אימפּעט און אָנגעהויבן ווי ציילן די ווערטער פון דער גמרא, אַרויסגערעדט קלאָר און שאַרף יעדע זילבע. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. נאָך אַ היפשער ווײַלע מאַטערן זיך האָט ער אויסגעשפּרייט די הענט אויף דער גמרא און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיי. ער איז תיכף איינגעשלאָפן. ער איז געשלאָפן טיף, אָן אַ ברעקל פון אַ חלום.

ער האָט דערפילט אַ האַנט וועקט אים. ער האָט אויפגעהויבן צעטומלט דעם קאָפּ. ר' לייזער איז געשטאַנען איבער אים און זיך געבייזערט מיט אַ פאָטערלעכן כעס:

— וואָס צו, איז איבעריק, קאַלינקאָוויטשער. נעכטן האָט איר געהאַלטן אַ משמור און היינט ווידער אַ גאַנצע נאַכט? עס איז נישט רעכט צו טאָן אַזוי. איר קענט נאָך חלילה קראַנק ווערן. עס שטייט געשריבן: השמר לך ושמור נפשך — היט זיך און היט דיין נפש. אַ מענטש דאַרף היטן זיין געזונט, אַניט איז יצא שכרו בהפסדו — דער שאָדן וועט זיין גרעסער פון פאַרדינסט.

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעשטאַמלט אַ פאַרלאָרענער, אַ פאַרשעמטער:

— רבי, איך האָב נישט געהאַלטן קיין משמור. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פרי, געוואָלט פאַרטרייבן מיינע מחשבות מיט לערנען, בין איך איינגעשלאָפן אויף דער גמרא.

ר׳ לייזער האָט אפנים קלאָר נישט געהערט וואָס שמעון האָט געזאָגט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ווידער איבערגעחזרט זיינס:

— וואָס איז די רבותא, וואָס איר זענט איינגעשלאָפן ביי דער גמרא? צוויי נעכט נישט געשלאָפן. דאָ אין בית־מדרש קען מען זיך אַפילו נישט צולייגן ביי־טאָג. און היינט פאַרטאָג דאַרפט איר נאָך קומען צו אונדזער חברותא ביי מיר אין שטוב. שאַט, איך מיין, דאַוונט אָפּ, עסט אָפּ אָנבייסן און גייט צו צו מיר אין שטוב און שפּאַרט זיך צו אויף אַ פּאָר שעה אין אַלקיר.

שמעון איז רויט געוואָרן פון בושה פאַר זיך אַליין און נישט געענטפערט. ר׳ לייזער איז אַוועק צו זיין שטענדער לעבן ארון־קודש און אָנגעהויבן לייגן טלית און תפילין. שמעון האָט מיט אַ זיפץ פאַרמאַכט די גמרא, אַוועק אָפּגיסן נעגל־וואַסער און זיך שטעלן דאַוונען.

**
*

שבת אינדערפרי פון יענער וואָך האָט שמעון ווידער עפּעס געזען, וואָס האָט אים באַאומרויִקט און צערודערט. ער איז געזעסן אויף דער באַנק פון היכל גאַניק פון דער ישיבה און האָט הנאה געהאַט פון דער רויִקייט פון דעם שבת פרימאָרגן. ווי ער קוקט אויף דער רויִקער גאַס איז אָנגעקומען פון טאָפּאָלסקאַיאַ אוליצאַ (פון טאָפּאָלסקער גאַס) דאָס רייכע יונגע פּאָרל שניאור־זלמן און לאהשע ליעוו, דער זון און די שנור פון גרעסטן גביר פון קרעמענטשוג, אַ הייסער ליובאַ־וויטשער חסיד, איינגעטונקט אין יחוס און אָן עושר, וואָס האָט פאַרמאָגט סקלאַדן פון געהילץ, אַ טאַבאַק־פאַבריק און צוקער־זאַוואָדן. דאָס פּאָרל איז געגאַנגען דאַוונען אין דעם ליובאַוויטשן שטיבל אויף דער טשערקאָווער גאַס, אַ היפּשן מהלך.

דער רייכער חסידישער יונגערמאַן שניאור־זלמן, אַ נאָמען נאָכן ערשטן רבין פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע, איז געווען יידישלעך אויסגעפּוצט — אויפן קאָפּ אַ שטריימל געמאַכט גאַר פון פיינעם פוטער, וואָס האָט געגלאַנצט און געפינקלט אין דער זומערדיקער זון. די אַטלאַסענע קאַפּאָטע האָט אַרומגענו־מען שטייף דעם יונגן שלאַנקן גוף און איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן, גלאַט אָן אַ קנייטש. דער זיידענער גאַרטל האָט פאַרשטייפט זיינע לענדן און נאָך מער בולט געמאַכט די יונגע דינע געשטאַלט. די שטיוועלעטן זענען געווען

פון פיינסטן שעווערוי, וואָס איז געווען ווייך ווי סאַמעט און דער נאַטירלעכער גלאַנץ האָט געשפּיגלט. שמעון האָט געקוקט אויף אים, דעם פרומען יונגנמאַן, און הנאה געהאַט. ער איז דאָך שענער אָנגעטאָן ווי די יונגע עלעגאַנטע קאָזאַקישע אָפיצירן, וואָס אויך זיי טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס און פוטערנע היטלען. לאהשע איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ זיידן קלייד מיט אַ שלעפּ און לאַקירטע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן. אויפן קאָפּ איז ביי איר געווען אַ פּאַרוק, געבראַכט פון זאַגראַניצע (אויסלאַנד). דער פּאַרוק איז קינסטלעך געמאַכט, פאַרקעמט אין אַ שרונט און געקרויזט. קיינער וואָס ווייס נישט אַז זי גייט נישט אין אייגענע האָר, וואָלט ניט חושד געווען אַז זי טראָגט אַ פּאַרוק. די פּריזור איז געווען באַפּוצט מיט קעמעלעך און לעבן קובליק אַ גרויסער קאַם אויסגעזוצט מיט דימענטן. אין די אויערן האָבן זיך געבאַמבלט גילדענע אוירינגלעך. צו יעדן אוירינגל איז געווען צוגעלייטעט אַ דינע קייטעלע מיט אַ שווערן פּערל. לאהשע האָט געטראָגן אַ הוט מיט קאָלירטע הויכע פעדערן, וואָס האָבן געמיניעט אין דעם ליכטיקן פּרימאָרגן. איר זיידענע קלייד איז פון פאָרנט, אויפן בוזעם, געווען באַפּוצט מיט אַלערליי שלאַרקעלעך, געמאַכט פון פּוכיקער קרוזשעווע און ארומגעזוימט מיט אַ גילדערנער געהעפט. שמעון האָט דערשפּירט פונדערווייטנס דעם ריח און רייץ פון די בשמים מיט וואָס זי איז געווען באַשפּריצט. ער האָט געקוקט אויפן פּאָרל און הנאה געהאַט פון זייער נגידישן גלאַנץ און פּוץ.

זיי זענען אים פאַרבייגעגאַנגען. מיטאַמאָל האָט שמעון באַמערקט, אַז לאהשע, די כשרע יידישע טאָכטער, וויגט אויך אירע היפטן. איר גאַנג איז ווי דער גאַנג פון די צעלאָזענע מיידלעך, וואָס ער האָט געזען אין פאַרטאָג מיט די קאָזאַקן. עס איז אים געוואָרן הייס און דער פּנים רויט. אים האָט פאַרדראָסן וואָס אויך לאהשע איז ווי יענע... אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער זינדיק הנאה געהאַט פון קוקן אויף דעם ווייבערשן רייץ.

באַלד האָט ער נאָך עפּעס באַמערקט. ר' שניאור־זלמן גייט פאָרויס און לאהשע גייט אַ דריי־פיר שפּאַן הינטער אים. שמעון ווייס, אַז אַט אַזוי דאַרף זיך אויפפירן אַ פרום יידיש פּאָר־פאָלק. אָבער איצט פאַרדריסט אים, פאַרוואָס דאָס שיין אויסגעפּוצטע עלעגאַנטע פּאָרל גייט נישט געאָרעמט. אים דוכט זיך, אַז דאָס יונגע פּאָר־פאָלק פאַרלירט עפּעס גרויס און וויכטיקס. דאָס גאַנצע רייץ פון איר ווייבלעכקייט גייט לאיבוד. און אַ קלאָר געפיל גייט אויף אין אים. וועט ער בלייבן צווישן די לערנערס, וועט ער אויך פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון לעבן. ער וועט קיינמאָל נישט קענען גיין געאָרעמט מיט זיין ווייב און וועט קיינמאָל נישט קענען אויפנעמען דאָס געלעכטער און גינציקייט פון זיין זיווג.

מאָדנע, שוין קרוב פופציק יאָר איז אַוועק פון יענער צייט, און איצט ביים שרייבטיש פילט נאָך שמעון דעם צער פון יענעם איבער פערצן־יאָריקן יינגל,

וואָס האָט געקוקט אויפֿן פּאָרל און רחמנות געהאַט אויף זייביידן — „צוליב זייער פֿרומקייט פּטרן זיי אַ לעבן״.

די אומרויִקייט האָט אַלץ מער אַרומגענומען דאָס יונגע ייִנגל, אים צוגעטוליעט צו זיך און אים מער נישט אָפּגעלאָזן. ער איז געוואָרן אומצופֿרידן מיט זיך און אָנגעהויבן זוכן חסרונות אין אַלץ אַרום זיך און ער האָט זיי טאַקע געפֿונען. ער האָט פּלוצים באַמערקט אַז דער גאַנצער בית־מדרש איז פֿאַרוואָרלאָזט און גרוי, ערטערווייז איז די פֿאַרב אָדער קאַלך אָפּגעשיילט און דער טינק ברעקלט זיך. דער ארון־קודש איז אָפּגעבליאַקעוועט און אַ גרויער שטויב שטייט אַלעמאָל אין חלל פֿון בית־מדרש.

ביי שמעונען האָט יעדער טאָג געהאַט זיין פֿאַרב און די לופֿט פֿון דעם חלל האָט זיך ביי אים געביטן נישט נאָר אַלע שבת, נאָר אַפֿילו אין אַ וואָכעדיקן טאָג איז די לופֿט פֿאַר אים געווען אַנדערש אין גאַס ווי אין בית־מדרש. עס איז אויך ביי אים געווען אַ חילוק פֿון דער ליכטיקייט פֿון אַ זומער־טאָג אין אַ פֿאַרשמייעטער קראָם און אַ ייִדיש הויז אָדער אין בית־מדרש. ווען ער איז געזעסן מיט ר׳ לייזערן און זיינע תלמידים אַרום טיש און געלערנט אין דער האַלבער טונקלקייט איז די לופֿט געווען העלער ווי אין בית־מדרש. אָבער איצט?

אָבער איצט? ער פֿלעגט זיצן ביים שטענדער און קוקן שטאַר אינעם חלל פֿון בית־מדרש און אויף דעם דרויסן און געפֿילט ווי די לופֿט אין גאַס וויברירט, ציטערט, איז פֿול מיט פּליִס, אַרבעט, עסק, פֿאַרגעניגנס און דערוואַרטונג. די גאַנצע לופֿט אין די גאַסן וויגט זיך און פֿליסט ווי די וואַסערן פֿון דניעפּער, וואָס שטראָמען שטענדיק און זענען דערפֿאַר פֿריש און דערקוויקנדיק. און דאָ אין בית־מדרש שטייט די לופֿט פֿאַרגליווערט ווי די וואַסערן אין ים המלח. דער גמרא־ניגון, וואָס ווערט אַרויסגעזונגען, בלייבט ליגן צוגעקלעפּט צו דער סטעליע, ליגט אַ שיכט אויף אַ שיכט, צעבאַבעטע שאָלעכטס. און די אַרויסגערעדטע ווערטער פֿון דער גמרא בלייבן הענגען צעוואָרפֿענע אין באַזונדערע אותיות אָן קיין שום פֿאַרבינדונג. זיי ליגן פֿאַרשטויבטע פֿאַרשטעקט צווישן דעם ארון־קודש און דער וואַנט, צווישן ארון־קודש און דער סטעליע, אונטערן בימה וווּ די שיימעס ליגן אָנגעהויפֿט אין קופּעס, צווישן דעם האַנט־פֿאַס און דער גרויער אַלעמאָל נאַסער וואַנט. די פֿענצטער זענען אָפֿן, אָבער נישט דער ניגון און נישט די ווערטער האָבן פֿליגל אויפֿצוהייבן זיך צום בלויען הימל. דער בית־מדרש, די ישיבה זענען אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט פֿון דער גרויסער וועלט, אַפֿילו פֿון הימל.

עס איז אַוועק פֿון אים די פֿרייד, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער ענגשאַפֿט פֿון דער בעל־מלאכישער סביבה און איז אַריין אין דער וועלט פֿון די תלמידי־חכמים. דער גמרא־מלמד זיינער, ר׳ מענדל, האָט אים אַריינגעהאַקט אין קאָפּ די חשיבות פֿון תלמיד־חכם. שמעון האָט זיך געגרייסט וואָס ער איז גע־

וואָרן אַ תושב אין היכל פון תורה. פון יחוס איז ער נישט, קיין עשירות פאַרמאָגט נישט זיין טאַטע, אָבער אַ תלמיד־חכם קען ווערן יעדער ייִד. אַט איז ער געוואָרן אַ בן־בית אין היכל פון דער תורה. אָבער איצט האָט דער היכל פאַרלוירן זיין גלאַנץ. ניין, דער היכל איז שוין מער קיין היכל נישט. ס׳איז אַן אָרעם שטוב.

ער האָט זיך גרינג נישט אונטערגעגעבן. פאַר אַ שטיק צייט איז ער געוואָרן נאָך אַ גרעסערער מתמיד. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער דערפילט אַז ער פאַרטומלט זיך נאָר מיט זיין התמדה. ער פילט נישט קיין טעם אין לערנען. ער איז געוואָרן מער און מער אומרויִק, צערודערט. ער האָט זיך נעכט געוואַלגערט אַ וואַכער אויפן האַרטן געלעגער, אַן אויפגעברויזטער, אַ צעררייצטער און דאָס כראָפּען אָדער דאָס שטילע שלאָפן פון די ישיבהניקעס, האָבן אים אויפגערעגט און געברענט.

נאַכט נאָך נאַכט איז ער אַראָפּ פון געלעגער, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, זיך אָנגעטאָן און אַראָפּגענידערט פון דער ווייבערשער שול, וווּ ער איז געשלאָפן, אין בית־מדרש אַריין. אַמאָל האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט, געעפנט די גמרא און געמאַכט אַ פּרווו צו לערנען. לעצטנס האָט ער זיך שוין מיאש געווען אַז ער זאָל קריגן צוריק דעם חשק זיך אַריינטאָן בלב ונפש אין דער גמרא. ער פלעגט זיך זעצן ביים שטענדער אין דער פינצטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף דער צוגעמאַכטער גמרא. אָפט האָט אים געעקלט פון זיך אַליין — תאווה־געדאַנקען, כפירה, ווילדע לופט־פאַרלאַנגען און פלענער און איבער אַלץ האָט געפּיקט אַן עקבערדיקע מחשבה: וואָס וועט זיין דער תכלית מיט מיר?

איינמאָל אַ פאַרטאָג איז שמעון געזעסן ביי זיין שטענדער אין דער פינצטער, ווי זיין שטייגער איז געווען לעצטנס, און ער האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם צוקענדיקן נר־תמיד. דאָס פלעמל האָט זיך געטוקט און אַפילו ווען ער האָט אַ שטייג געטאָן האָט ער נישט פאַרשפּרייט קיין ליכטיקייט, נאָר בלויז פאַרמערט די טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט און דער סטעליע. דעם ייִנגל איז אַריינגעפאַלן אין מויל אַ פּסוק פון שמואל א׳: ונר אלהים טרם יכבה, ושמואל שוכב בהיכל ה׳, אשר שם ארון אלהים — און דער לאָמפּ פון גאָט האָט זיך נאָך נישט פאַרלאָשן און שמואל איז געלעגן אין דעם טעמפּל פון גאָט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער ארון פון גאָט. מסתמא איז שמואל געלעגן וואַך, נישט געקענט איינשלאָפן. אויך שמואל האָט זיך געפילט אַ פאַרלוירענער, אַ פאַרלאָזטער און אַ פאַרוואָרלאָזטער. אָבער דאָרט, און דעמאָלט, האָט פּאַסירט, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים און אים געגעבן אַ נבואה, איידער דאָס ליכט פון נר־תמיד האָט זיך פאַרלאָשן. אָבער איצט? נבואה איז שוין לאַנג בטול געוואָרן. היינטיקע צייטן אַנט־

פלעקט זיך נישט גאָט צו קיין מענטשן. און ווען ער וואָלט זיך אַנטפּלעקט צו עמעצן, וואָלט ער זיך זיכער נישט אַנטפּלעקט צו אים, שמעון בן־ירוחם. ווער איז ער? עס לאָזן אים נישט צורו די בחורשע גלוסטעניש. עס לאָזט אים נישט אָפּ דער גאַנג פון די מיידלעך וואָס זענען געווען אָנגעטאָן זומערדיק. ערגער נאָך, לאהשעס גאַנג. אויך זי האָט געוויגט מיט די היפטן, ווען זי איז געגאַנגען שבת אין שול. ברענט עס אַלץ פאַר די אויגן. ועל כולם — די ישיבה איז איצט מער קיין היכל נישט. די פרעמדע וועלט לאָקט אים און רייצט אים. ער וויל גאָר אַנטרינען אַהין.

ער איז צוגעגאַנגען צום האַנט־פאַס און אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט קאַלטע וואַסער. ער האָט זיך נישט אָפּגעווישט. ער האָט געלאָזן די קאַלטע טראָפּנס אַראָפּרינען אונטערן קאַלנער אויפן האַלדז, אויף דער ברוסט, אויף די אַקסלען. ער האָט זיך אַביסל באַרויקט:

— נו, יעדער מענטש ראַנגלט זיך מיטן יצר־הרע. אויף דעם האָט דאָך גאָט געגעבן דעם מענטשן בחירה חפשית, פרייען ווילן, דאַרף מען בייקומען די הרהורים רעים, די שלעכטע געדאַנקען.

אָבער, דאָס האַרץ האָט געוויינט אין אים: וואָס טוט מען מיט דער מרה־שחורה, וואָס איז אים באַפאַלן? אַלץ איז פּוסט, נודנע. ער האָט מער נישט קיין דערוואַרטעניש.

אין יענעם טאָג האָט ער זיך דערמאָנט אָן צלאל דעם אונטער־שמש, צלאל פּערפּעטום מאָבילע. ער וועט אַראָפּגיין צו אים אין קעלער. נאָך דעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט אים אין די ערשטע פּאָר נעכט, ווען ער איז געקומען קיין קרעמענטשוג, איז ער נישט גלאַט קיין פּראָסטער אונטער־שמש. אַ שמועס מיט אים וועט אפשר פּאַרטרייבן אַביסל דעם נאָגנדיקן אומעט און וויסטן יאוש. ס'איז אַפילו פּאַר אים אַ היפּש ביסל פריקרע קומען צו אים נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה. אָבער ער מוז.

קאַפּיטל 8

פּערפעטום מאָבילע

ווי פּרי שמעון פּלעגט זיך נישט אויפכאַפּן, איז צלאל דער אונטער־שמש שוין געווען וואַך. פאַרטאָג, ווען שמעון איז געזעסן ביים שטענדער, האָט ער קלאָר געקענט הערן דאָס זשומען און קלאַפּן פון צלאלס שנייד־מאַשין. דאָס יינגל איז געזעסן אין דער פינצטער, געראַנגלט מיט זיך, אויסגעטענהט מיט זיך און געקוקט אויף דער טיר וואָס האָט געפירט צום קעלער. פון אונטער דער טיר האָט אַרויסגעשלאָגן אַ שוואַכער פּאַס ליכט, וואָס האָט געלאָקט שמעונען. ער האָט געחלשט אַראָפּגיין צו צלאלן, אָבער ער האָט נישט געוואַגט. שוין מער ווי אַ יאָר האָט ער זיך צו אים נישט באַוויזן. וואָס פאַראַ תירוץ קען אים איצט געבן? ווי וועט ער אָנהייבן מיט אים דעם ערשטן שמועס?

צלאל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אויפגענומען האַרציק און וואַרעם די ערשטע פיר ישיבה־בחורים, ווען זיי זענען אָנגעקומען אומדערוואַרט אין אַ דאָנערשטיק אין בית־המדרש. שמעון פאַרשטייט איצט, אַז דער עלנטער און פאַרשטויסענער אונטער־שמש האָט שטאַרק געהונגערט נאָך חברשאַפט. ער האָט זיך צוגעלאָזט צו די בחורים. זיי געהאָלפן איינשטעלן זיך און זיי באַדינט ווי אַ געדונגענער און אַכטונג געגעבן אויף זיי ווי אַ טאַטע און זיי אָפּגעהיט ווי אַ מאַמע. אָבער יינגלעך, ווי אַלעמאָל און אומעטום, זענען אכזרים צו אַ בעל־מום. די ישיבהניקעס זענען נישט געווען קיין יוצא מן הכלל. חברה האָט נישט געקוקט און נישט באַמערקט צלאלס גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט. פאַר זיי איז ער נישט געווען קיין דערוואַקסענער מענטש מיט חשיבות, נאָר עפּעס אַ שטיקל פאַרזעניש. ער איז געווען אַ קורץ מענטשעלע, ברייטער ווי לענגער, מיט מאָדנע קורצע אָרעמס און די רעכטע האַנט איז געווען קירצער פון דער לינקער. זיינע „טויבן־פיס" און זיין קאַטשענדיקער גאַנג האָבן אים נישט צוגעגעבן קיין חן. זיינע שפּילקע־אויגן, זיין געדיכט־באַוואַקסענער קאָפּ, וואָס די האָר האָבן זיך

אַנגעהויבן פון שטערן, און זיין גלאַטער פּנים מיט אַ פּאָר הערעלעך ביי דער גאָמבע האָבן אים געגעבן אַן אויסערגעוויינטלעך משונהדיקן אָנבליק. זיין קול, וואָס איז געווען הילכיק ווי אַ גלאָק, האָט נאָך מער בולט געמאַכט זיין נעבעכ־דיקע געשטאַלט. חברה האָט פון ערשטן טאָג אים געגעבן זעקס צונעמעניש: יאָזשיקל — צוליב זיינע געדיכטע דראָטענע האָר; קאַטשקע — צוליב זיין קאַ־טשעדיקן גאַנג; אַבעזיאַנע (מאַלפּע) — צוליב זיין אומגעלומפּערטן אויסזען; טומטום און אדריגונוס — צוליב זיין גלאַטן, אָן אַ באָרד, פּנים; מאַזעפּאַ, מאַ־זעפּעלע — ווי מ׳רופט אַלע מיאוסקייטן.

צלאל האָט נישט געמאַכט קיין ווערן פון די צונעמענישן, וואָס מען האָט אים געגעבן און פון דעם רייצן זיך, וואָס די בחורים האָבן זיך געריצט מיט אים. ער האָט זיך אָנגעזעצט צו בלייבן חבר מיט זיי. אָבער וואָס מער ער האָט זיך צוגעלאָזן צו זיי אַלץ מער האָבן זיי זיך געהלומעט איבער אים און ער האָט אַלץ פאַרטראָגן ביז...

איינמאָל, באַלד נאָך מעריב, האָט ער צוגעגרייט טיי פאַר די בחורים. די טיי איז געווען ברוין־רויט ווי אָפּגעקלערטער ווייַן. דער פּעריאַסלעווער בחור האָט אַ נעם געטאָן די גלאָז טיי, זי אָנגעשטעלט אַקעגן לאָמפּ, זי באַקוקט און אַ קרים געטאָן זיך און אַ זאָג געטאָן: „דיין טיי, מאַלפּע, האָט דעם אָנבליק פון וואַסער פאַרקאַכט מיט שאָלעכץ פון ציבעלע״. צלאל האָט אַ שמייכל געטאָן גוטמוטיק און אים נישט געענטפערט. דער מאַזירער האָט אויפגעכאַפּט דעם פּעריאַסלעוונס פּינטל מיטן אויג און אויסגערופן: „טאַקע, די טיי האָט דעם טעם פון געקאָכטן רומיאַנעק. וואָס האָסטו אַריינגעטאָן אין טשייניק, דו טומ־טום?״ צלאל איז געוואָרן רויט און נישט געענטפערט. די בחורים ווי צונויפגע־רעדטע פון פריער, האָבן אַ זופּ געטאָן פון די גלעזער און אָנגעהויבן שפּייען און שפּריצן און זיך צעשריען: „ער האָט פאַרברינט פּאָמויניצע־וואַסער, טפו זאָל ער ווערן״. צלאל האָט פאַרביסן די ליפּן און האָט שווייגנדיק פאַרעקשנט זיך אויס־געדרייט מיט דער פּלייצע צו די בחורים און זיך געלאָזן גיין צו דער טיר וואָס פירט צו זיין קעלער־שטוב. אַ ישיבה־בחור האָט אַ נעם געטאָן דעם נאַסן האַנטעך, וואָס איז געהאנגען לעבן האַנט־פאַס, אים צונויפגעדרייט און געוואָרפן צלאלן אין נאַקן.

צלאל איז ווילד געוואָרן. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיטן פּנים צו די בחו־רים, זיין אויג האָט באַלד דערקענט דעם בחור, וואָס האָט געוואָרפן דעם האַנטעך. דאָס קורץ־געפּאַקט מענטשעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בחור, אים אויפגעהויבן הויך, אַזוי אַז זיינע פיס זענען געווען גלייך מיט צלאלס קאָפּ. ער האָט אים אַ טרייסל געטאָן און אויסגעשריען מיט זיין גלאָקנדיקן קול: „איך וועל דיך צע־קוועטשן ווי מען צעקוועטשט אַ וואַנץ, דו באַנק־קוועטשער, קרומער רוקן און

פּאַסקודנער מערידניק. רייץ זיך וויפל דו ווילסט אָבער הייבן אַ האַנט? וואָרפן האַנטעכער?״

איידער די בחורים זענען געקומען צו זיך האָט צלאל פּאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזן דעם בחור, אים אַראָפּגעזעצט אויף אַ באַנק. אַ פּאַטש געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט, ווי איינער שטויבט אָפּ עפּעס אומריינס, אַ שפּיי געטאָן מיט עקל און האַסטיק אַראָפּ צו זיך אין קעלער. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט זיך געוויזן פאַר די בחורים אין דער ישיבה.

שמעונען האָט פאַרדראָסן די גאַנצע מחלוקת. פון דעם ערשטן פאַרטאָג אָן האָט ער געפילט אַ צוגעלאָזנקייט און וואַרעמקייט צו צלאלן, וואָס האָט אים מקרב געווען און אים געוויזן זיין פּערפּעטום מאָבילע מאַשין. דער צלאל האָט צו אים גערעדט מיט אַ מאָדנעם לשון וועגן וויכטיקע ענינים, וואָס האָט דעם סענסיטיוון יינגל פאַראינטריגירט. ער האָט צלאלן עטלעכע מאָל אָנגעטראָפן אין הויף און אים געזאָגט אַ „גוט־מאָרגן״. צלאל האָט אָנגעברוגזט נישט געענטפערט. די ערשטע פּאָר טעג האָט שמעון אַלץ געטראַכט אַראָפּגיין צו אים פאַרטאָג אין קעלער אָבער ער איז געווען צופיל פאַרטאָן מיט זיך. ער האָט זיך באַלד אַריינגעלאָזט אין לערנען — משמורים און צוויי פאַרטאָגן אַ וואָך מיט ר׳ לייזערן אין שטוב מיט די בעסטע בחורים, — האָט ער פאַרגעסן אָן צלאלן.

איצט, אין זיין געדריקטער שטימונג, האָט שמעון זיך געענייטיקט אין חברשאַפט, אין אַ מענטשן, וואָס ער קען זיך פאַרטרויען צו אים. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קלוגן און גוטן צלאלן און ביי זיך אָפּגעמאַכט אַראָפּצוגיין צו אים אין קעלער. עס איז געווען אַ באַשלוס, וואָס האָט באַווירקט שמעונס גאַנצן לעבן.

**
*

ווען שמעון האָט געעפנט די קעלער־טיר און איז אַראָפּ די טרעפּ, איז ער געבליבן שטיין ביים שוועל. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נעכטן פאַרטאָג איז ער דאָ געווען. צלאל איז געשטאַנען לעבן זיין מאַשין און געהאַקט פרענדזן אין קאָלירטע בויגנס פּאַפּיר. ער האָט מיט ביידע הענט געשיקט אָנגענומען אַ שטויס לאַנגע בויגנס פּאַפּיר פון אַ קופּע, וואָס איז געלעגן דערביי אויף אַ באַנק און עס אַרויפגעלייגט אויף אַ פלאַכן אייזן, וואָס איז געווען לעבן די ציין פון דער מאַשין. צלאלס קורצע הענט און זיינע פאַרקריפּלטע פיס האָבן געאַרבעט פלינק און געניט. יעדער קער זיינער איז געווען צוגעפּאַסט צו די באַוועגונגען פון דער מאַשין. צלאל האָט געהערט ווי די טיר פון קעלער האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט, און ער האָט אויסגערופן אויף רוסיש:

— ווער איז דאָרטן?

— דער קאַלינקאָוויטשער — האָט שמעון געענטפערט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט צלאל געפרעגט מיט נישט קיין איבעריק פריינטלעכן קול.

גלייך אויפן אָרט האָט שמעון אימפּראָוויזירט. יאָרן שפּעטער האָט שמעון אויסגעפונען אַז ער האָט די מערקווירדיקע אייגנשאַפט זיך אַרויסצודרייען פון אַן אומאָנגענעמער לאַגע מיט דערציילן אַ גלייכוואָרטל, אַן אַנעקדאָט, אָדער גלאַט אָפּקלאַפּן אַ קיילעכדיקן צוגעטראַכטן תּירוץ. איצט האָט שמעון געענט־פערט צלאלן:

— איך בין געקומען אייך דערציילן אַ מעשה, אַ קורצע אָבער אַ שיינע.

צלאל האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און געפרעגט פאַרוווּנדערט:

— אַ שעה פאַרטאָג זייט איר אַראָפּ צו דערציילן מיר אַ מעשה?

— אַ קורצע שיינע מעשה מאַכט נישט אויס ווען מען דערציילט זי, — האָט שמעון געענטפערט האָפערדיק.

— מילא, לאָמיר הערן, — האָט צלאל געענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, — מסתמא צילט איר צו עפּעס.

— מען דערציילט, — האָט שמעון אָנגעהויבן, — אַז ר׳ יונתן פּראַגער איז, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, שוין געווען באַרימט מיט זיין אייזערנעם זכרון און פלינקער תּפיסה. איין מאָל, ווען ער איז נאָך קיין פינף יאָר נישט אַלט געווען, איז ער געשטאַנען אויפן גאַניק, ביי זיין טאַטנס שטוב, און געגעסן ברויט מיט פלוימען־וואַרעניע. עס איז גראָד פאַרבייגעפאָרן דער פּריץ אויף זיין יאַגד־פערד. ווען ער האָט דערזען דאָס קליינע ייִדעלע מיט די לאַנגע פּיאות און יאַר־מולקע שטיין אַזוי פאַרטיפט אין דער אָנגעשמירטער המוציא־ברויט, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס פערד און געפרעגט יונתלען:

— וואָס עסטו ייִנגעלע?

— ברויט מיט...

איידער יונתל האָט פאַרענדיקט „מיט פלוימען־וואַרעניע״, האָט דער פּריץ אַ טרייב געטאָן דאָס פערד און שוין נישטאָ. אַ יאָר שפּעטער איז דער פּריץ ווי־דער פאַרבייגעפאָרן דעם גאַניק. ערשט יונתל שטייט פאַרטראַכט — פאַרקוקט זיך אויף די פליִענדיקע פייגעלעך און נעכטיקע טעג. דער פּריץ האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַ פרעג געטאָן דעם פאַרטראַכטן ייִנגל:

— מיט וואָס?

טוט דאָס ייִנגל אַ קוק אויפן פּריץ און יאַגד־פערד און ענטפערט תּיכף:

— מיט פלוימען־וואַרעניע.

— אַ שיינע מעשה, — האָט צלאל געענטפערט, — אָבער וואָס איז דער נמשל, קאַלינקאָוויטשער?

שמעון האָט איבערגעחזרט די לעצטע פראַגע, וואָס ער האָט געפרעגט

צלאלן מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק אין דעם ערשטן פֿאַרטאָג, וואָס ער איז געווען אין דער ישיבה:

— אָבער ווי האָט איר זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ מאַשיניסט?

צעלאַכט זיך צלאל און ענטפֿערט:

— איר האָט מיך נישט געכאַפּט, קאַלינקאָוויטשער, „אוי, ס'איז אַ לאַנגע מעשה. איך וועל עס אייך אַמאָל דערציילן. איך בין געגוג אויסגעשטאַנען. איך האָב...“ נו, איר זייט אַ קלוג יינגל, אַ גוטער תירוץ צו פֿאַרבינדן אַ שמועס. זעצט זיך.

שמעון האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן און געזאָגט אָפּנהאַרציק:

— איך בין צופֿרידן, וואָס עס איז מיר געלונגען אייך איבערצובעטן און איר לאָזט מיך דאָ זיצן לעבן אייך. עס איז מיר אומעטיק, דערשטיקט צו ווערן.

— שוין, אויס מתמיד געוואָרן? — האָט צלאל געפֿרעגט.

שמעון האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— ווערן אויס מתמיד וואָלט געווען אַ האַלבע צרה. אָבער אַפֿילו ווען איך לערן, איז דאָס אויך נישט קיין לערנען. עס איז געשאָקלט זיך, געקייט ווערטער. אָבער נישט געלערנט. עס איז אָן טעם. דאָס האַרץ איז נישט דערביי.

צלאל האָט צונויפֿגעלייגט די שטויסן פּאַפּיר, ער האָט אָנגעגאָסן אַ שיסל וואַסער און אָנגעהויבן זייפֿן די הענט. ער האָט זיי לאַנג געריבן, געשווענקט און אַלץ אײַנגאַנצן נישט אַראָפּגעשווענקט די איינגעגעסענע פֿאַרב פֿון די הענט. ער האָט אָוועקגעשטעלט אויף דער פּליטע אַ טשייניק וואַסער און זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן שמעונען. ער האָט געקוקט אויפֿן יינגל און מיט דער לינקער האַנט גע־ריבן די מאָרדע ווי זי וואָלט געווען פֿאַרוואַקסן מיט קורצע, מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעשוירענע האָר, און פֿאַרטראַכט איבערגעחזרט שמעונס רייד.

— „ס'איז געשאָקלט זיך, געקייט ווערטער, אָבער נישט געלערנט. עס איז אָן טעם. דאָס האַרץ איז נישט דערביי“. איך פֿאַרשטיי עס. מען קען אַמאָל ריידן מיט אַ מענטשן אַ גאַנצן טאָג — און עס איז נאָר געקלאַפּט מיט דער צונג, גע־פּלעטשעט. עס איז אַזוי ווייל דער עיקר פֿעלט. אָט רייד איך מיט ר' שייען, דעם שמש. איך רייד מיט אים וועגן אָנגרייטן האָלץ אויפֿן ווינטער, פֿאַרקיטעווען די פֿענצטער, אַריינשטעלן שויבן, צונויפֿנעמען שיימעס פֿון אונטער דער בימה — איך רייד און מיין קאָפּ ליגט גאָר ווי אַזוי בייטן אַ שריפֿט אין מיין פּערפּעטום מאָבילע מאַשין, איבערלייגן די געוויכטן, פֿאַרשטייפֿן דעם פּאַס, וואָס פֿאַרבינדט די רעדער; פּרובירן אָן אַנדער בוימל צו שמירן די וואַלצן. און אַמאָל אין מיטן ריידן האָב איך אַ כימערע...

— אַ וואָס? — האָט שמעון געפֿרעגט.

— אַ כימערע, אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ פאַנטאַזיע. איך רעד און ווייס אַז באַלד וועל איך דאַרפן נעמען אַ שמאַטע און אַרומפּולען (אַרומשטויבן) די שטענדערס, דעם אָרון־קודש, די בענק און דערנאָך — אַ בעזים אויסקערן דעם דיל. איך רעד און ערגעץ־ווו אין קאָפּ זע איך, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט נישט דאַרפן האָבן קיין שמאַטעס אָדער בעזימער. אַ מאַשין וועט רייניקן. אַ קוועטש אַ קנעפּל און אַ שטעקן מיט אַ באַרשט וועט אַליין רייניקן. און וואַרעמען די שול? אין ענגלאַנד הייצט מען מיט שטיינקוילן. אַמאָל, אַמאָל וועט מען אויסקוועטשן זאַפט פון די שטיינקוילן און עס וועט אַריינגעגאָסן ווערן אין אַ מין אויוון און פאַרע וועט וואַרעמען דאָס גאַנצע הויז.

צלאל האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און ווײַטער גערעדט ווי פאַרבענקט:

— איר מיינט איך בין משוגע? אָט מאַכט מען שוין אין אַמעריקע אַזעלכע וועגענער וואָס פאָרן אָן פערד. עס וועט קומען אַ צייט ווען מאַשינעס וועלן אַרבעטן און דער מענטש וועט זיין פריי, פריי ווי דער פויגל פון הימל. ער וועט נישט דאַרפן אַקערן, זייען, זיך אונטערדרייסן די קישקעס מיט שווערע משאות. אַלץ וועט די מאַשין טאָן. אַלץ. עס וועט זיין אַ גליקלעכע פרייע וועלט.

שמעון איז געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל. ער האָט געקוקט אויף צלאלן און אים האָט זיך געדוכט אַז צלאלס פּנים האָט אויפגעשטראַלט, זיך אינגאַנצן געענדערט. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— און קראַנקייט, אַלטקייט און טויט?

צלאל האָט געענטפערט מיט באַשטימטקייט:

— אָפּשאַפן. דער מענטש קען אַלץ דערגרייכן. דער מענטש איז דאָס העכסטע, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. ער קען און וועט שטייגן העכער און העכער. דאָס רופט מען עוואָלוציע. דער מענטש! זייט וויסן קאַלינקאָוויטשער, אַז דער מענטש האָט אַפילו געשאַפן גאָט, נישט ווי איר מיינט, אַז גאָט האָט געשאַפן דעם מענטשן. דער מענטש האָט געדאַרפט אַ גאָט, האָט ער אים אויסגעטראַכט.

שמעון האָט זיך איצט אַ הייב געטאָן פון שטול:

— איז דאָך לית דין ולית דיין — הפקר. דער מענטש קען דאָך טאָן וואָס ער וויל. נישטאָ קיין שופט איבער דער וועלט. וויבאַלד אַזוי וועט דאָך דער, וואָס האָט כּוח, נעמען אַלץ פאַר זיך. וואָס וועט אים צוריקהאַלטן?

— עט — האָט צלאל אַ מאַך געטאָן מיט ביטול. — וואָס פאַר אַ מענטש וויל עס אַלץ פאַר זיך? דער גרויסער תּענוג איז דאָך צו העלפן אַנדערע.

דער טשייניק האָט אָנגעהויבן צו זידן. צלאל האָט אים אַראָפּגענומען פון דער פּליטע, פאַרבריט סענץ און אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי. ער האָט געפרעגט שמעונען:

— איך האָב בולקע מיט פּוטער. איר װעט עסן פֿאַרן דאַװנען?

שמעון האָט געדרײט מיטן קאָפּ אױף נײן. ער האָט שטום גענומען פֿון צלאלן די גלאָז טײ, געקוקט אױף אים, אַ זופּ געטאָן, אַװעקגעשטעלט די גלאָז און געזאָגט מיט אַ פֿאַרװוּנדערטן ציטער:

— װער זײט איר, צלאל? אַן אונטער־שמש זיצט דאָ אין קעלער, האָקט פֿרענדזן אין צוקערקע־פּאַפּיר, בױט אַ פּערפּעטום מאָבילע מאַשין און רעדט װעגן הױכע ענינים װי אַ פֿילאָסאָף. װאָס טוט איר דאָ? װאָס איז דאָס פֿאַר אַן אַרבעט פֿאַר אײַך? איר, מיט גילדענע הענט און מיט אַזאַ טײַערן קאָפּ?

צלאל האָט אַ לאַך געטאָן און זיך אױפֿגעשטעלט:

— אָבער טוט אַ קוק װאָס פֿאַר אַ פֿאַרשװין איך בין. פֿון אַזאַ מאַזעפּאַ לאַכט מען און מען גיט אים צונעמעניש. גײ שרײַ פֿאַר דער װעלט: איך בין אַ גרױ־סער אױפֿטוער. אַזאַ פֿאַרשװין װי איך פּאַסט זיך אין אַ צירק. װער בין איך? עס איז אַ לאַנגע מעשה. אָבער טרינקט אײַער טײ. איך הער אַז ר׳ לײזער איז שױן געקומען אין שול. צײַט פֿאַר אײַך גײן דאַװנען. מירן נאָך רײדן.

***

שמעון האָט אױפֿגעלעבט. שױן דער ערשטער פֿאַרטאָג מיט צלאלן האָט אים אָפּגעפֿרישט. די טעג זענען געװאָרן פֿול מיט דערװאַרטונג, װײַל יעדער טאָג האָט געהאַט אַן ענדציל — אַ פֿאַרטאָג צו שמועסן מיט צלאלן. ער האָט אַפֿילו אָנגעהױבן צוריק לערנען מיט חשק. קײן משמורים האָט ער מער נישט געהאַלטן, אָבער די צװײ פֿאַרטאָגן מיט ר׳ לײזערן האָט ער אָפּגעהיט.

פֿינף פֿאַרטאָגן אַ װאָך מיט צלאלן. שמועסן און שמועסן — צלאל האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַן אַנדער װעלט. דער מאָדנער אונטער־שמש פֿאַרפֿאָלגט אים ביז הײַנט. דורך די יאָרן האָט ער בײַ שמועונען אָנגענומען פֿאַרשײדענע גע־שטאַלטן — יאָסעלע אין „גילדערנע הענט״, „שמערל נאַר״ איז אױך אַ װאַריאַציע פֿון צלאלן. אָנטײטן אױף אים זענען דאָ גאָר אַ סך אין שמועס ביכער. דאָך דוכט זיך שמועונען, אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט דערצײלט גענוג װעגן דעם אמתן צלאלן. אים האָט יאָ אָנגעלאָקט דער געדאַנק אָנצושרײַבן אַ בוך װי צלאל קומט קײן אַמעריקע װען ער איז נאָך געװען אַ קינד און װאַקסט אױס נאָך אַ גרעסע־רער דערפֿינדער און אינזשעניער װי דער באַװוּסטער האַרבאַטער פֿאַרזעעניש טשאַרלעס פּ. סטעינמעץ.

צלאל, צלאל, אױסטערלישער אונטער־שמש מיט דער גרױסער נשמה און װוּנדערבאַרן קאָפּ. טרױמער מײַנער, רעדט איצט שמעון צו זיך װען ער שרײַבט, ביסט פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען אין דער פֿאַרשימלטער, פֿאַרגליװערטער סביבה פֿון דעם אָרעמען רוסישן תחום המושב. אָבער אַ תיקון װיל איך דיר געבן. עס װעט

זיין אַן אָנטייט וואָס פּאָר אַ אוצרות עס האָבן זיך געפונען אויפן גרונט פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יענער צייט.

שמעון קען נישט איבערגעבן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר די שמועסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט צלאַלן. אָבער אַ טשיקאַווע קלייניקייט געדענקט ער. אין אַלע שמועסן איז ער געזעסן אויף אַ ווינער שטול און צלאל אויף אַ טאַבורעט, אָבער די קורצע פיס פון צלאלן האָבן נישט דערלאַנגט צום דיל, אפילו ווען ער איז געזעסן אויף דער טאַבורעטקע, האָט ער געהאַט די מידה צו הוידען זיי, ווי אַ שטיפעריש ייִנגל, ווען ער האָט גערעדט. און ריידן האָט ער געגנוג גערעדט פאַר דעם גאַנצן יאָר און אַ האַלב וואָס ער האָט געשוויגן. ער האָט גערעדט און שמעון האָט געהערט.

— איר ווייסט, קאַלינקאַוויטשער, איך האָב ליב זיך צוהערן ווי איר, ישיבה־ניקעס, לערנט. עס געפעלט מיר וואָס איר לערנט אויפן קול. ווען איר צעזינגט זיך און איר אַקצענטירט ווערטער און פראַזן... (שמעון האָט נישט געוווסט וואָס די ווערטער „אַקצענטירט" און „פראַזן" מיינען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס ערשטע וואָרט מיינט „לייגט דעם טראָפּ" און דאָס צווייטע וואָרט מיינט „מימרא") ווערן זיי צוליב דעם לעבעדיק, קריגן געשטאַלט. איך הער זיך צו צו אייער לערנען, אָבער זעלטן פאַרשטיי איך וואָס איר לערנט. איר רעדט אַזוי שנעל און אייער לשון איז אַלעמאָל געמישט מיט גמרא־ווערטלעך, אָבער אַמאָל כאַפּ איך אויף וואָס איר לערנט. גוטע לאָגיק, אָבער נאַריש.

— ווי אַזוי קען זיין אַ זאַך מיט הגיון און נאַריש? — האָט שמעון גע־פרעגט. — עס איז דאָך ווי די גמרא זאָגט תרתי דסתרי — צוויי ווערטער, וואָס איינס פרעגט־אָפּ דאָס אַנדערע.

צלאל האָט אַ שמייכל געטאָן, געהוידעט זיינע קורצע פיס און געזאָגט:

— וואָס איז לאָגיש איז לאָגיש אין דער גמרא, וואָס איז נאַריש איז נאַריש. אָט האָט איר געלערנט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פון איינעם וואָס גייט אַוועק פון שטוב ערב פסח און אויפן וועג דערמאָנט ער זיך אַז ער האָט פאַרגעסן אויס־רוימען דעם חמץ, ברענגט ער דאָרט פאַרשיידענע פאַלן, ווען ער דאַרף זיך אומ־קערן און ווען ער דאַרף זיך נישט אומקערן. די גמרא גיט־אָן אַ כלל — אויב ער איז געגאַנגען טאָן אַ מצווה, דאַרף ער זיך נישט אומקערן, ער מעג מבטל זיין אין געדאַנק דעם חמץ און גיין וווהין ער גייט. אויב אָבער ער גייט נישט טאָן קיין מצווה, דאַרף ער זיך אומקערן. נו, פאַר מיר איז עס נישט וויכטיק צי מען רוימט אויס דעם חמץ צי נישט. אָבער פאַר אַ פרומען ייִדן איז וויכטיק אויסצו־רוימען דעם חמץ און ער דאַרף וויסן וואָס צו טאָן אין אַלע פאַלן. דאָס איז יורי־דיש לאָגיש און שכלדיק. אָבער באַלד קומט אָן אַן אמתע נאַרישקייט, וואָס איז אַ שטיק אַבערגלויבן. די גמרא זאָגט, אַז אויב איינער גייט צו אַזאַ סעודה, צו

אַזאַ חתונה־מאָלצייט, וואָס אַ כהנס טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט נישט קיין כהן, איז עס נישט קיין סעודת מצווה און ער דאַרף זיך אומקערן אויסצורוי־מען דעם חמץ. פאַרוואָס איז אַזאַ חתונה־מאָלצייט נישט קיין סעודת מצווה? זאָגט די גמרא, ווייל ווען אַ כהנס טאָכטער האָט חתונה מיט נישט קיין כהן, וועט דער זיווג נישט זיין קיין געראָטענער: אָדער דאָס פּאָרל וועט נישט האָבן קיין קינדער, אַנישט וועלן זיי זיך גטן און אויב די צוויי זאַכן וועלן נישט גע־שען, וועט ער זי באַגראָבן פאַר דער צייט, אָדער זי וועט אים באַגראָבן פאַר דער צייט. אַנישט, וועט ער צוליב איר פאַראָרעמט ווערן. פרעג איך אייך: פון וואַ־נען ווייס עס די גמרא? האָט זי עס אויסגעפאָרשט און קאָנטראָלירט די פאַקטן?

שמעון האָט געענטפערט פאַרוווּנדערט:

— וויבאַלד אַז איר האָט אַזאַ אייזערנעם קאָפּ און פון צוהערן זיך פון אונטן אין קעלער האָט איר אויפגעכאַפּט די משנה און די גמרא פון סוף פרק שלישי אין פסחים, קענט איר דאָך מיר נישט זאָגן, אַז איר געדענקט נישט דעם אויסטייטש פון רש״י פון די צוויי פסוקים אין ויקרא. אין ערשטן פסוק שטייט: „אויב אַ כהנס טאָכטער האָט חתונה מיט נישט קיין כהן, טאָר זי נישט עסן פון דער הייליקער תבואה וואָס איז באַשטימט פאַר די כהנים״ און באַלד נאָך דעם שטייט אַ פסוק: „אויב אַ כהנס אַ טאָכטער וועט ווערן אַן אלמנה אָדער אַ גרושה״ — פון דעם איז געדרונגען, אַז ווען אַ כהנס אַ טאָכטער האָט חתונה מיט נישט נישט קיין כהן, וועט זי ווערן אַן אלמנה אָדער אַ גרושה. וואָס איז דאָ צו פאָרשן? עס איז דאָך אַ בפירושער פסוק.

צלאל האָט אַ לאַך געטאָן:

— וואָס פון דעם איז אַ ראיה אַז מיין באָבע האָט געהייסן חיה. אָבער אָן אַ שפּאָס קאַלינקאָוויטשער, איר האָט אַ גלייכן קאָפּ, דאַרפט איר דאָך פאַרשטיין, אַז ווין מעסט מען מיט אַ קוואָרט, ווייץ וועגט מען אויפן פוד און געוואַנט פאַר־קויפט מען אויפן אַרשין. דאָ מעסט איר ווייַן מיט אַן אַרשין און געוואַנט פאַר־קויפט איר אויפן פוד. דינים דרינגט מען אַרויס פון פסוקים. איך מיין אַז אַ פרומער ייִד האַלט פסוקים פאַר אויטאָריטעטן. אָבער ווען עס קומט צו פאַקטן, צו געשעענישן פון לעבן, דאַרף מען זיי נאָכפאָרשן און נאָכזוכן. איידער מען טוט אַ זאָג, אַז דער זיווג פון אַ בת־כהן מיט אַ נישט קיין כהן וועט קיינמאָל נישט זיין געראָטן, דאַרף מען עס אויספאָרשן. ווי אַזוי פאָרשט מען אַזאַ זאַך? מען זוכט נאָך הונדערט פאָרלעך פון כהנימס טעכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט נישט קיין כהנים און הונדערט כהנימס טעכטער וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט כהנים. מען וואַרט צען, צוואַנציק יאָר און מען געפינט אויס וואָס עס איז גע־שען מיט די צוויי הונדערט פאָרלעך. וויפל גטן אין דער ערשטע גרופּע און וויפל אין דער אַנדערער. וויפל אלמנות, אַלמנס אין דער ערשטער גרופּע און וויפל

אין דער צווייטער גרופע. מען פאַרגלייכט און מען זעט דעם סך־הכל. און ס׳איז נישט אַזוי פּראָסט נאָך. ס׳איז פאַראַן אַ קאָנטראָל: — וואָס טוט זיך ביי די אַנדערע פאַרלעך, נישט קיין כהנים? דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעכער מעטאָד. אָבער אַרויסדרינגען אַזעלכע זאַכן פון אַ פּסוק איז געבבעט.

שמעון איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפענעם מויל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין וויכוח מיט זאַנוויל דעם בונדיסט. אים האָט ער געקענט גרינג אָפּפרעגן. ס׳איז געווען אַפּלאַכעריי, אַפּיקורסישקייט. אָבער צלאל!... ס׳איז — יאָ — ער איז גערעכט. ווין מעסט מען מיט אַ קוואָרט, ווייץ וועגט מען אויפן פוד, אָבער געוואָנט פאַרקויפט מען אויפן אַרשין.

צוויי טעג שפּעטער אין אַ פאַרטאָג טוט שמעון אַ פרעג צלאלן:

— וואָס וואָלט איר געטאָן, וויסנשאַפטלעך, ווען איר ווילט אויסגעפינען צי בלוט איז רויט?

צלאל האָט געענטפערט ערנסט:

— אַן אמתער וויסנשאַפטסמאַן וואָלט געגאַנגען אין בוינע (שלאַכט־הויז) און צוגעקוקט זיך צו זען וואָס פאַר אַ קאָליר בלוט איז ווען מען קוילעט בהמות. ער וואָלט זיך איינגעשטאָכן מיט אַ נאָדל צו זען, וואָס פאַר אַ קאָליר זיין בלוט איז. ער וואָלט איבערגערעדט פריינט און באַקאַנטע זיך לאָזן איינשטעכן מיט אַ נאָדל, ער וואָלט געגאַנגען צו דאָקטוירים וואָס מאַכן אָפּעראַציעס און זיי געפרעגט.

— אָבער נישט פון אַ פּסוק — האָט שמעון געזאָגט.

— וואָסי, די גמרא ברענגט אַ ראיה פון אַ פּסוק אַז בלוט איז רויט? — האָט צלאל געפרעגט דערשטוינט.

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט. — די גמרא פרעגט: „פון וואַנען ווייסן מיר אַז בלוט איז רויט? ווייל עס שטייט אין מלכים ב׳ „און זיי האָבן זיך גע־פעדערט אין דער פרי און די זון האָט אַ שיין געטאָן אויפן וואַסער. און די מואבים האָבן געזען פון דער ווייטנס אַז די וואַסערן זענען רויט ווי בלוט.״ פון דאַנען איז געדרונגען, אַז בלוט איז רויט.

צלאל האָט אַ קלאַפּ געטאָן שמעונען אין פּלייצע:

— האָסט אַ פלינקן קאָפּ. כאַפּסט אויף אַן ענין אָן מאַטערנישן.

***

צלאל האָט אַ סך גערעדט. יאָרן פון איינזאַמקייט, פון דערנידערונג, פון איגנאָרירט ווערן, האָט ער זיך געוואָלט מיט עמעצן טיילן מיט זיינע מחשבות און טאַקע זיך אויספּיינען אַביסל, אַ נאַטירלעכע שוואַכקייט. ער האָט אַמאָל גע־זאָגט צו שמעונען:

— איך האָב ליב צו פירן אַ סעריאָזנעם (ערנסטן) ראַזגאָוואָר מיט אַ סע־ריאָזנעם מענטשן. עס ווערט גרינג און גוט אויפן האַרצן.

שמעון איז געווען פאַר צלאלן אַ גוטער צוהערער און אַ גוטער דיספּו־טאַנט. דאָס האָט סטימולירט צלאלן צו דערציילן וועגן זיך. ביסלעכווייז, ביס־לעכווייז האָט שמעון צונויפגעשטוקעוועט צלאלס לעבנס־געשיכטע. אַן אומ־גלייבלעכע מעשה, ווען עמעצער וואָלט זי אויסגעטראַכט. אָבער דער אמת איז גאָר אָפט מער פאַנטאַסטיש ווי די ווילדסטע אויסטראַכטעניש.

צלאל האָט קיינמאָל נישט געוווּסט ווער זיין טאַטע איז געווען. די מאַמען האָט ער אויך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אַ זיידן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גמרא־מלמד. ווען צלאל איז אַלט געוואָרן גענוג צו פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אַרום אים, איז דער זיידע שוין נישט געווען קיין מלמד נאָר געצויגן חיונה פון דראַטעווען טעפּ, ווייסן קעסלען, פאַרריכטן אַלטע טשעהונעס און ענלעכע מלאכות. דער אַלטער איז געווען אַן אלמן און געוווינט אין אַ שטיבל ביים עק פון שטעטל אַליין מיטן יינגל.

דערציילט צלאל:

— ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אויסגעפונען, אַז ער האָט צו־ליב מיר פאַרלוירן זיין מעמד פון מלמדות. ווי איך קען זיך משער זיין, בין איך געווען זיין טאָכטערס אַ ממזר. ווו איז די מאַמע מיינע, האָב איך קיינמאָל נישט געקענט דערגיין. נישטאָ. געשטאָרבן, אַוועק קיין אַמעריקע, אַנטלאָפן מיט אַ גוי — איך האָב נישט געקענט דערגיין קיין טאָלק. איך ווייס נאָר אַז זי האָט מיך איבערגעלאָזן ביים זיידן.

— אין חדר בין איך נישט געגאַנגען. נישט דער זיידע האָט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פאַר מיר שכר־לימוד און ווען אַפילו ער וואָלט יאָ געקענט צאָלן פאַר מיר, וואָלט קיין מלמד נישט געקענט אָנהאַלטן קיין קנעלונג מיט מיר אין חדר. אַ ממזר און אַ פאַרזעעניש, האָט דער זיידע מיט מיר געלערנט.

— ער האָט מיר קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין ליבשאַפט, אָבער ער האָט אויף מיר קיינמאָל נישט געהויבן קיין האַנט אָדער אַפילו געבייזערט זיך. נאָר איין מאָל, געדענק איך, האָט דער זיידע עפּעס אַ זאָג געטאָן, וואָס האָט גע־קלונגען ווי אַ פאַרדרוס־טענה און אַ קווינט רחמנות צו מיר.

— איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר ניין און דער זיידע האָט מיט מיר געלערנט די סדרה „ויחי״. איך האָב פאַר אים געזאָגט דאָס באַרימטע זיסע שטיקל רש״י צום פּסוק „ואני בבאי מפּדן״... צלאל האָט זיך איצט צעזונגען מיטן אַלטן ניגון און שמעון האָט געקוקט אויף זיין עקזאַלטירטן פּנים וואָס שמעונען האָט זיך געדוכט, אַז ס׳האָט זיך אינגאַנצן געביטן. דער בעל־מום האָט קענטיק שטאַרק הנאה געהאַט — ער האָט איבערגעלעבט דעם מאָמענט, וואָס דער זיידע

האָט אים אַרויסגעוויזן אַביסל ליבשאַפט. שמעון האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ אים אָפּצושטעלן און זאָגן אַז ער ווייס דאָס שטיקל רש״י. האָט ער געלאָזן צלאלן אויסזינגען דאָס שטיקל רש״י. צלאל האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געזאָגט מיט אַ ניגון: „ווען איך בין אָנגעקומען פון פדן איז געשטאָרבן ביי מיר רחל, דיין מוטער, אין לאַנד כנען אויפן וועג, אַ שטיקל לאַנד, איידער מען קומט אָן קיין אפרת, האָב איך זי דאָרטן מקבר געווען אויף דעם וועג קיין אפרת, וואָס איז בית לחם. מאַכט רש״י: יעקב האָט געזאָגט צו יוספן: דיר בין איך מטריח צו פירן מיך פון מצרים קיין כנען, אָבער איך האָב אַזוינס נישט געטאָן צו דיין מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן נאָענט צו בית לחם. און איך האָב זי אַפילו נישט געבראַכט קיין בית לחם, איך האָב זי מקבר געווען אין מיטן וועג. און דו זאָלסט נישט מיינען, אַז עס איז געווען די צייט פון רעגנס און די רעגנס האָבן מיך פאַרהאַלטן צו פירן זי קיין חברון. איך זאָג דיר, אַז עס איז געווען די טרוקענע צייט פון יאָר, ווען די ערד איז פון דער טריקעניש געלעכערט ווי אַ זיפּ און איך האָב זי מקבר געווען אין מיטן וועג. אָבער ווייסן זאָלסטו וויסן, אַז איך האָב זי דאָרטן מקבר געווען לויטן באַפעל פון גאָט, די מאַמע רחל זאָל זיין אַ הילף צו אירע קינדער. ווען נבוזרדן וועט זיי פאַרטרייבן אין גלות, וועלן זיי פאַרביי־גיין רחלס קבר, וועט זי אַרויסגיין און זיך צעוויינען און בעטן גאָט, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע קינדער, ווי עס שטייט געשריבן: „אַ קול הערט זיך אין הימל, אַ קלאָג, אַ ביטער געוויין. רחל באַקלאָגט אירע קינדער״. וואָס שטייט ווייטער? גאָט ענטפערט איר: „הער אויף צו וויינען, רחל. זאָלן דיינע אויגן נישט זיין פול מיט טרערן — איך וועל דיך באַלוינען פאַר דיין מי — דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן פון דעם לאַנד פון זייער שונא״.

— ווייסט, שמעון, איך געדענק ווי איך בין געזעסן אויף אַ הויכן שטול, ווייל איך בין דאַך געווען קליין. אין שטיבל איז געווען וואַרעם און נאָר דער זיידע און איך זענען דאָרט געווען. ווען איך האָב געענדיקט די אויסריידעניש, האָבן די ווערטער ווי צוריקגעקלונגען פון לײדיקן צימער. דער זיידע האָט גע־זאָגט מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— רבונו של עולם, הערסט אַ קול, אַ חיתוך הדיבור? איך פרעג דיך פאַר־וואָס האָסטו אים געפּלאָגט און געשטראָפט? צוליב אירע זינד? ביסט דאָך ווי די שטעטלדיקע יידן — רק על־פי־דין. און וווּ איז רחמנות? גערעכט איז דאָך דער מדרש וואָס טענהט: דער טאַטע פון די דאָזיקע האָט געזינדיקט, וואָס זע־נען שולדיק געבעך די פאַרשעמטע און באַליידיקטע? דו דאַרפסט דאָך זיי טרייסטן. נו, זע ווי דו האָסט אים געפּלאָגט. איי, איי, רבונו של עולם, גיב מיר אַריין שכל צו פאַרשטיין דיינע וועגן.

— ער האָט אָפּנים געמיינט אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

יאָ, דאָס איז דאָס איינציקע מאָל וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן אַביסל ליבשאַפט. געוויינלעך האָט ער אויף מיר אַכטונג געגעבן מיטן עסן, אָנטאָן זיך, געלערנט מיט מיר, אָבער אַלץ קאַלט און אָן האַרץ, אָן גינציקייט און אָן אַ טראָפּעלע פרייד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין זיין אויפפּיר איז דאָ אַ גרויסע מאָס עקשנות און אַ צו להכעיסדיקייט פון דער וועלט.

וואָס עלטער איך בין געוואָרן, אַלץ מער האָב איך באַנומען וואָס פאַר אַ גרויסן יאָך דער זיידע האָט גענומען צוליב מיר. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון מענטשן, זיך אָפּגעזונדערט פון שטעטל, נישט געגאַנגען אין שול אַפילו שבת אָדער יום־טוב. און איך אָן חברים, אָן שכנישע קינדער בין געווען ווי אַ געיאָגטע חיהלע.

איך האָב ליב געהאַט דאָס לערנען און נאָך מער צו מייסטרעווען. צו עלף יאָר האָב איך געקענט איינדראַטעווען אַ טאָפּ, ווייסן אַ קעסל, צונויפלייטעווען אַ טשעהון, אַריינשטעלן אַ נייעם קוימען אין אַ סאַמאָוואַר און פאַרקיטעווען אַ פענצטער. איך האָב געקענט די מלאכה אַזוי גוט ווי מיין זיידע. ער האָט מיך מיטגענומען אויף די דערפער זינט כ׳בין געווען אַ קינד. ער האָט דאָך מיך נישט געהאַט אויף וועמען צו לאָזן. צו עלף יאָר בין איך געווען זיינער אַ פולער העלפער. אָבער קיין נחת האָט ער פון מיר נישט געהאַט. די פויערים האָבן אַלץ געטענהט: ס׳איז דען אַ קינד? דאָס פּנים און אויסזען ווי פון אַ רוח עפּעס, ווי פון שדים־לאַנד. גאָט האָט אומישנע אים געגעבן אַזאַ געשטאַלט מען זאָל זיך היטן פאַר אים. ער איז אַ טייוולס אַ קינד.

דער זיידע איז געוואָרן גרויער, איינגעבויגענער און שווייגנדיקער. ער האָט אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, ער האָט נאָר געזאָגט תהילים און מיט מיר געלערנט — אַ שטיקל תנ״ך און די גמרא בבא קמא.

— ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, האָט זיך דער זיידע מיט מיר אַריבערגעקליבן אויף אַ גאַנצן זומער אין אַ דאָרף נישט וויט פון אונדזער שטעטל. אַ פריץ האָט דאָרטן געבויט אַ גאַנצן פולוואַרק: אַ צוקער־זאַוואָד, אַ פאַראַוואָיען (דאַמף) מיל, אַ גוראַלניע און הייזער פאַר די אַרבעטער און די עקאָנאָמען און פאַקאָיעס פאַר זיך. דער זיידע האָט זיך געריבן אַרום די בנינים, געטאָן די גלעזעריי, אַביסל בלעכעריי און איך האָב געאַרבעט מיט אים. דאָס צוועלף־יעריק ייִנגל האָט אויפגעטאָן אַ סך מער ווי דער אַלטער ייִד.

— חוץ די ייִדישע בעל־מלאכות — סטאָליאַרעס, שמידן, בויערס, גלעזערס און בלעכערס האָט דער פריץ אַראָפּגעבראַכט פאַנקעס פון טיף רוסלאַנד — די אמתע מעכאַניקער, שלאָסאַרעס און מאַשיניסטן. דער סטאַרשי מייסטער (דער אויפזעער) איז געווען אַ רוס פון עטלעכע און פערציק יאָר, אַ הויכער, אַ גע־

שטאַלטנער און מיט אַ גלאַט געגאָלט פּנים. זיין נאָמען איז געווען פּיאָטר־פּיאָט־ראָוויטש דאַנעוויטש.

— איך האָב זיך צוגעשאַרט צו די שלאָסאַרעס און מאַשיניסטן. צוערשט האָב איך זיי אַזוי איזוואָמפּעט (איבערראַשט) מיט מיין אויסזען, אַז זיי האָבן מיך אויסגעפּרובירט ווי מען פּרובירט אויס אַ געלערנטן הונט. עס איז ביי זיי געווען אַ וווּנדער וואָס איך קלעטער אַזוי געשווינד אויף אַ לייטער, מיט מיינע „טויבן־פיס״; ס׳איז ביי זיי געווען אַ חידוש וואָס איך קען מאַניפּולירן מיט אַ האַמער, מיט אַ דאָלאָטע, מיט אַן אָפּצוועגע (אַ צוואַנג), מיט מיינע קורצע אָרעמס און מיט מיינע קורצע פעטע פינגער. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין התפעלות, וואָס איך פאַרשטיי אַקוראַט וואָס זיי הייסן מיר ברענגען אָדער איך זאָל טאָן. פאַר יעדער זאַך וואָס איך האָב זיי צופרידנגעשטעלט, האָבן זיי מיך מכבד געווען מיט אַ שטיקל בולקע, פּיראָזשנע אָדער אַן אַנדער שטיקל מאכל, אָט ווי מען איז מכבד אַ הונט פאַר קלוגשאַפט און געשיקטקייט.

— איי־דער זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט בין איך געשטאַנען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע און געאַרבעט מיט זיי. קיין געצאָלט האָב איך נישט געקראָגן, אָבער עסן צו זאַט האָב איך געהאַט און נאָך עטלעכע וואָכן האָט מיר פּיאָטר געקויפט אַ פּאָר שטיוול, אַ פּאָר הויזן און העמדער. מיין זיידע האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. פאַר ראש השנה איז ער אַוועק אין שטעטל. איך בין געבליבן מיט די פאַנקעס.

פאַרטאָגן און פאַרטאָגן האָט צלאל גערעדט וועגן פּיאָטר פּיאָטראָוויטשן. ביי שמעונען איז געבליבן דער רושם, אַז צלאל איז געווען פאַר אַ היפּשער צייט ביי פּיאָטרן אַ פּשוטער הויז־משרת. שפּעטער אַ תּלמיד און אַ הויז־משרת און נאָך שפּעטער אַ חבר און אַ הויז־משרת.

— פּיאָטר פּיאָטראָוויטש איז געווען אַ כאָלעסטיאַק (אַ בחור). אַ מענטש אין די הויכע פערציקער, אַליין עלנט ווי אַ שטיין. נאָך דער אַרבעט האָט ער געלייענט אָדער פאַרנומען זיך מיט צוגרייטן די פּלענער פאַר אַ ניי שטיקל אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט צו גיין אין טעאַטער, און אָפּערע האָט ער ליב געהאַט חיות לעבן. נישט קיין ווייב, נישט קיין ברודער אָדער שוועסטער, נישט קיין פריינט אָדער חברים. ער האָט זיך צוגעבונדן צו מיר — ער האָט מיך אומעטום, וווּהין ער איז געגאַנגען מיטגענומען. ער האָט מיך אויך אָנגעהויבן לערנען, פריער פון טשעקאָוויסטקייט אַפּנים, זען צי איך קען עפּעס אויפכאַפּן. ווען ער האָט דערזען אַז איך פאַרנעם וואָס ער דערקלערט מיר, האָט ער מיך אָנגעהויבן לערנען אויף אַן אמתן. איך האָב גאַנץ גיך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש. ער האָט מיט מיר געלערנט געאָגראַפיע, געשיכטע, כעמיע און אַנדערע לימודים, איבערהויפּט מאַטעמאַטיק, העכערע אַלגעברע, געאָמעטריע אַפילו קאַל־

קולוס. ער האָט מיך אויסגעלערנט צו מאָלן פּלענער. איינמאָל געדענק איך, האָט ער געדאַרפט צוגרייטן אַ ריסונאָק (געמעלעכץ) פון אַ פּאַראָוואָיען מיל. איך האָב בסוד פון אים אויסגעמאָלן דעם פּלאַן און אים געוויזן. ער האָט עס באַקוקט, אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— ווייסט צאַלקע? מאַמע־נאַטור איז גאַנץ אָפט אַ גרויסע בראַק־מאַכערין. שוין מיליאָנען יאָרן איז זי פאַרנומען מיט ברענגען מענטשן אויף דער וועלט און דאָך לאָזט זי אַמאָל אַרויס אַן אומגעלומפּערט שטיקל אַרבעט. טו אַ קוק אויף זיך. מוח האָט זי דיר געגעבן גענוג פאַר דרייען — אַ האַרץ די גרויס ווי אַ קיר־בעס און אויסדויער און כוח? האָסט גבורה פון צוויי באָקסערס און דריי באַר־צעס (ראַנגלער), אָבער דאָס אַלץ האָט זי אַריינגעשטעלט אין אַ שיידל — אַ שטיקל גוף — עט, פאַרזעעניש, קיין מיידל וועט זיכער נישט גלוסטן צו דיר. האָסט דעם אָנבליק פון אַ טשוטשעלאָ — קענסט איבערשרעקן טראָגנדיקע ווייַ־בער. פאַרוואָס, צאַלקע פאַרוואָס?

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכט איר, קאַלינקאָוויטשער?

— ס'איז פאַראַן אַ מין ענלעכע מעשה אין דער גמרא. עס ווערט דערציילט אויף רבי יהושע דעם זון פון חנניה, אַז ער איז געווען זייער אַ מיאוסער. איין מאָל ווען ער איז געווען אין רוים, האָט צו אים געזאָגט דעם קיסרס טאָכטער: ווײַ, אַזויפיל שיינע חכמה אין אַזאַ מיאוסער כלי! האָט ער צו איר געזאָגט: טאָכטער מיינע, דיין טאַטע דער מלך, אין וואָס האַלט ער זיין בעסטן וויין? האָט זי געזאָגט צו אים: אין ליימענע כלים. האָט ער געזאָגט צו איר: די גאַנצע וועלט האַלט וויין אין ליימענע כלים און איר אויך אין ליימענע כלים? האָט זי צו אים געזאָגט: אין וואָס פאַר אַ כלים זאָלן מיר האַלטן אונדזער וויין? האָט ער צו איר געזאָגט: איר זייט דאָך חשובע און וויכטיקע מענטשן, דאַרפט איר האַלטן אייער וויין אין גילדענע כלים. איז זי געגאַנגען און האָט דאָס געזאָגט צו איר פאָטער. האָט ער אַריינגעגאָסן דעם וויין אין זילבערנע און גילדענע כלים. איבער נאַכט איז דער וויין געוואָרן זויער. האָט דער קיסר געזאָגט צו זיין טאָכטער: ווער האָט עס דיר געגעבן אַזאַ עצה? האָט זי געענטפערט: ר׳ יהושע דער זון פון חנניה. האָט ער אים גערופן צו זיך און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָס האָסטו מיר געהייסן אַריינגיסן דעם וויין אין גילדענע כלים? האָט ער געענטפערט: ווי זי האָט גערעדט צו מיר, אַזוי האָב איך גערעדט צו איר. האָט דער קיסר געזאָגט:

— אָבער עס זענען דאָך פאַראַן קלוגע און געלערנטע מענטשן און זענען אויך שיינע?

האָט ר׳ יהושע געענטפערט:

— ווען זיי וואָלטן געווען מיאוס, וואָלטן זיי געווען נאָך קליגער.

צלאל האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— עט, ר׳ יהושע האָט נישט געקענט זיין אַזוי מיאוס ווי איך. ער איז דאָך געגאַנגען צווישן מענטשן. מען האָט אים געשיקט צום קיסר. מסתמא איז ער געווען אַמווייניקסטן אין ווּקס אַזוי הויך ווי אַלע אַנדערע מענטשן. אָבער איך? ווען איך פלעג דעם ערשטן מאָל קומען מיט פּיאָטערן צו אַ פּריץ אָדער אַ באַ־לעבאָס פון אַ זאַוואָד, אָדער צווישן נייע אַרבעטער, האָבן זיי געמיינט, אַז ער פירט זיך אַרום מיט אַ טרענירטער מאַלפּע. אַז די הייך בין איך ווי אַ קאַרליק, גראָב ווי אַ צוקער־פּעסל, היינט מיינע פיסעלעך, הענטעלעך — אָפּגעטאָקטע! און אויגן? צוויי פינטעלעך. איך קען דאָך קיין גאַס נישט דורכגיין. מען טיקעט אויף מיר און קינדער רייצן זיך מיט מיר.

— אָבער כל־זמן איך בין געווען מיט פּיאָטערן, האָב איך זיך נאָך פאַר־רעכנט פאַר אַ שטיקל מענטשן. פערצן יאָר בין איך געווען מיט אים און שוין פופצן יאָר אַז ער איז טויט. ער איז מיט מיר געקומען קיין קרעמענטשוג אויפ־שטעלן אַ מאַכאָרקע־פאַבריק פאַר די וואַלאַדסקיס. געקראָגן טיפוס און געשטאָרבן.

— ער האָט מיר איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. איך האָב גע־האַט אַ שיינע פאָר הונדערט רובל, אַ פופציק ביכער, אַ פיינעם גאַרדעראָב. אָבער איך בין געבליבן ווי אויפן וואַסער. אַפילו אין דעם גאַסטינעץ (אכסניה) האָט מען מיך נישט גערן געהאַלטן. אין אַ מאַנישקע און אַ רעקל האָב איך אויס־געזען ווי אַ טרענירטע מאַלפּע. איך אַ בלוזע און הויזן אַריינגערוקט אין די כאָליע־וועס פון די שטיוול, האָב איך געהאַט דעם אַנבליק פון אַ פאַרשטעלטע מאַלפּע. אַזאַ פאַרשוין פאַסט אין אַ צירק און נישט אין קיין אכסניה.

קיין אַרבעט האָב איך ניט געקענט קריגן. עסן האָב איך געהאַט וואָס צו עסן. אָבער ווי קען מען אַרומגיין טאָג־איין טאָג־אויס אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק? ווען איך וואָלט געווען אַ גוי, וואָלט איך אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר. אָבער איך בין אַ ייִד. אין גאָט גלייב איך טאַקע נישט, דאַוונען האָב איך שוין פון לאַנג נישט געדאַווענט אין אַ שול אָדער פאַר זיך. אָבער גיי ווער אַ מאַנאַך און הייב זיך אָן צו בוקן און מאַליען.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר חדשים און געמיינט אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען. ביז איך האָב אַ טראַכט געטאָן: איך בין דאָך פאָרט אַ ייִד! בין איך אַוועק אין בית־מדרש און זיך געזעצט הינטער דער הרובע צו זען וואָס עס וועט געשען. מען זאָגט דאָך אַז ייִדן האָבן גוטע הערצער.

מילא, די גוטהאַרציקייט פון די פיינע קרעמענטשוגער באַלעבאַטים קענט איר אַוועקשענקען אויף אַ קאַסטיאַל (אַ קאַטוילישן קלויסטער). צום גליק האָב איך אָנגעטראָפן אויף ר׳ שייע, אונדזער שמש דאָ, וואָס איר קענט. כ׳מיין,

אַז ער איז אפשר דער גרעסטער פּוילאַק אויף דער וועלט און נאָך אַ גרעסערער קאַפּעיעטשניק. דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

— ווען איך בין אָנגעקומען אַהער, איז דער בית־מדרש געווען אָפּגעלאָזן. דער שטויב אויף די שטענדערס און די בענק איז געווען טיף ווי דער שניי אויף די אוקראַינער סטעפּעס נאָך אַ זאַווערוכע. דאָס וואַסער אין האַנטפאַס איז אַלע־מאָל געווען גרין, דאָס האַנטפאַס איז מסתמא קיינמאָל נישט אויסגעשייערט געוואָרן. ווינטער איז די הרובע קיינמאָל אין צייט נישט געהייצט געוואָרן. די פּאָדלאָגע איז נישט געוואַשן געוואָרן חדשים לאַנג. די פענצטער — פאַרוואַקסן מיט מאָך, די ספרים — אָנגעוואָרפן אויף די שטענדערס און די בענק. אויף די טירן האָבן געפעלט זאַוויסעס. אַליין האָט ער זיך געפוילט צו טאָן די אַרבעט און דינגען עמעצן, האָט אים דאָס האַרץ נישט דערלאָזט. חוץ דעם איז ער אַ צו גרויסער למדן. למדנים קענען זיך נישט פּאַטשקען מיט שוואַרצער אַרבעט. נישט זאַגנדיק צו אים קיין וואָרט האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב אַפילו געדונגען אַ שגץ מיר אַרויסהעלפן אויסצוקאַלכן די שול. איך האָב אים באַצאָלט פון מיין אייגענער קעשענע. פאַר ר׳ שייען בין איך געווען דאָס אמתע ווינטשפינגערל. ער האָט אויסגעשלאָגן פוטער פון וואַסער. איך האָב ביסלעכווייז איבערגענומען די שול אויף מיינע הענט און זי האָט אָנגעהויבן שפּיגלען. וויכטיקער נאָך פאַר ר׳ שייען איז געווען וואָס איך האָב נישט געבעטן קיין שכירות און זיך נישט געקוואַפּעט אויף רח״ש.

די קעלער־שטוב אין שול איז געווען פאַרוואָרפן מיט האַלץ, אַלטע בענק און ליידיקע פעסלעך. איך האָב קיינעם נישט געפרעגט און איבערגענומען די צימערן. ר׳ שייען איז געוואָרן גוט און מיר — נאָך בעסער. איך האָב געהאַט אַ דירה פאַר זיך ווו איך האָב געקענט איינשטעלן אַ וואַרשטאַט און נעמען זיך בויען מיין פערפעטום מאָבילע מאַשין. איך האָב געקראָגן אַרבעט פאַר זיך — צו־שניידן קאָלירטע פּאַפּירלעך פאַר וויקלען צוקערקעס. איך האָב אַליין צוזאַמענ־געשטעלט די מאַשין. אויפגעבויט פּאָליצעס פאַר מיינע ביכער — באַהאַלטן זיי הינטער די מאַשינען, אַז קיין בייז אויג זאָל עס נישט באַמערקן. איך האָב איינ־געשטעלט אַ פּליטע צו קאָכן.

ס׳איז מיר גוט, קיינער מישט זיך נישט אין מיינע עסקים. ר׳ שייע האַלט מיך פאַר אַ בולוואַן, אַ צעחושטער פאַרזעעניש, וואָס האָט נישט קיין שכל און קיין פאַרשטאַנד, וואָס ווייס נישט אַפילו צו בעטן באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. אַזאַ בריה קען נישט דאַוונען מסתמא. זיץ איך אין קעלער־שטוב און טו וואָס איך וויל.

איך בין אָן זאָרג און אָן דאגות. אויף דער עלטער בין איך פאַרזאָרגט. איך האָב אַ שיינע פאַר הונדערט רובל איינגעזאַלצן. טאַקע אין קאַזנאַטשייסטוואַ

(באַנק). איך אַרבעט װען איך װיל. איך לײען װאָס איך װיל. איך קױף ביכער. אָבער איבערהױפּט איז מיר גוט, װאָס איך אַ קרומער, אַ לאָמער, אַ פּאַרזעעניש מיט אַ פּנים פון אַ לאָקשן־ברעט, מיט קלומפּ־פּיס, הענט װי אױסגעדרײטע שטעקלעך, אַ מאַזעפּע, װעל נאָך ראַטעװען די װעלט.

— ראַטעװען די װעלט? װי אַזױ? — האָט שמעון געפרעגט.

צלאל האָט געענטפערט מיט האַרץ:

— מיט מײן פּערפּעטום מאָבילע מאַשין. פּיאָטר האָט מיר געזאָגט, אַז מען קען אַזאַ מאַשין נישט אױפבױען, אָבער אַזױ האָט מען אױך געזאָגט אױף דער דאַמף־מאַשין. איך האַלט אַז איך קען יאָ אױפבױען אַזאַ מאַשין. איצט האָב איך די צײט אױף אַרבעטן און דאָס געלט צו קױפן מאַטעריאַלן. פאַרװאָס איז אַזױ װיכטיק פאַר דער מענטשהײט אַז אַ פּערפּעטום מאָבילע מאַשין זאָל געשאַפן װערן? איר געדענקט װי איך האָב אײך דערקלערט אין דעם ערשטן פאַרטאָג דעם ענין פון ענערגיע? אָן ענערגיע קען מען נישט טרײבן קײן מאַשין. אַ מאַשין איז באמת נישט מערער װי אַ שטיק געצײג. אָן געצײג קען נישט זײן קײן מענטשלעכע קולטור. די גאַנצע מענטשלעכע קולטור האָט זיך אָנגעהױבן װען דער מענטש האָט זיך אױסגעלערנט זיך צו באַנוצן מיט געצײג. װען דעם ערשטן באַרבאַר איז אײנגעפאַלן צובינדן אַ שטײן צו אַ פלאָקן און מאַכן דערפון אַ האַמער — האָט זיך אָנגעהױבן די מענטשלעכע ציװיליזאַציע. אפשר נאָך פריִער װען ער האָט געקראָגן געװנוג שכל צו כאַפּן אַ שטײן און װאַרפן אים אױף אַ װילדער חיה אָדער שלאָגן מיט אַ שטײן אין האַנט. װאָס מער געצײג דער מענטש האָט אױסגעפונען, אַלץ גרינגער איז אים געװאָרן דאָס לעבן. װען דער מענטש האָט אױסגעפונען, אַז מען קען צעאַקערן די ערד מיט אַ שפּיציקן שטעקן, דערנאָך מיט אַן אַקער, האָט זיך אָנגעהױבן דער אמתער פּראָגרעס. דער װאַנדערנדיקער פאַסטעך האָט זיך געקענט באַזעצן אױף אײן אָרט און אָנהײבן בױען די ציװיליזאַציע.

שמעון האָט געענטפערט:

— נו, דאָס שטײט דאָך אין חומש: און יבל איז געװען דער פאָטער פון די װאָס זיצן אין געצעלטן און האָדעװען פי. מאַכט רש״י: ער איז געװען דער ערשטער פון די װאָס פאַשען פי און װױנען אין געצעלטן, אַ חודש דאָ און אַ חודש אין אַן אַנדער אָרט. װען עס לאָזט זיך אױס די פאַשע פאַר די סטאַדעס, לײגט ער צונױף זײן געצעלט און װאַנדערט װײטער. און װעגן נח שטײט געשריבן: „דער דאָזיקער װעט זײן אַ טרײסט פאַר אונדזער שװערער אַרבעט און מי״. מאַכט רש״י: ביז נח איז געקומען האָט דער מענטש נישט געװוּסט פון אַקעראײזן און נח האָט עס אױסגעפונען פאַר די מענטשן.

— איך װײס די מעשה פון חומש, — האָט צלאל געענטפערט מיט ביטול

— איך האָב אַמאָל געלערנט חומש מיט רש״י און איך געדענק דאָס שטיקל רש״י. אָבער פאַרגלייכן עס מיט די נייע אַנטדעקונגען פון דער וויסנשאַפט, איז צו פאַרגלייכן אַ קאָטשערע מיט אַ לאָפּעטע. אין חומש געפינען זיך לעגענדעס (שמעון האָט שפּעטער אין שמועס זיך געכאַפּט אַז לעגענדעס מיינט אגדות), אָבער דאָס וואָס איך דערצייל אייך, זענען פאַקטן, וויסנשאַפטלעכע פאַקטן. אין חומש געשעט אַלץ פּלוצים, אָבער די וויסנשאַפט באַווייזט אַז יעדער טראָט פון דער ציוויליזאַציע האָט גענומען יאָרן, אַמאָל טויזנטער יאָרן. ווייסט איר ווי לאַנג עס האָט גענומען דעם מענטשן ביז ער האָט איינגעוווינט צו זיך שטוב־חיות? נישט איין מענטש האָט עס געטאָן. ס׳איז אַ פּאַמעלעכע פּראָצעדורע. צענדליקער טויזנטער יאָרן זענען אַוועק איידער דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו אַקערן, נישט ווי אין חומש. דאָס רופט מען עוואָלוציע, אַ פּאַמעלעכע וואַקסונג. אָט ווי אַ קינד וואַקסט. טאָג־איין טאָג־אויס וואַקסט דאָס קינד, אָבער מען זעט עס נישט גלייך. וועגן עוואָלוציע האָט אָנגעשריבן אַ בוך אַן ענגלענדער מיטן נאָמען טשאַרלס דאַרווין און וועגן דער היסטאָריע פון דער מענטשלעכער קולטור האָט אָנגעשריבן אַ דייטש מיטן נאָמען יוליוס ליפּערט, צוויי דיקע טאָמען (בענד). איך האָב עס אין אַ רוסישער איבערזעצונג „היסטאָריאַ קולטורי טשעלאָוועקאַ״, דאָרטן איז עס באַוויזן אַלץ שוואַרץ אויף ווייס.

— מאָדנע, — האָט שמעון געזאָגט, — אין דער תורה גלייבט איר נישט, אָבער אין ליפּערטן און דאַרווינען יאָ. דאָס וואָס די תורה דערציילט — רופט איר לעגענדעס, אגדות, רבה בר־חנה מעשיות; אָבער דאָס וואָס יוליוס ליפּערט דערציילט איז כולו אמת.

— איי, — האָט צלאל געענטפערט אומגעדולדיק, — איר האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין דער תורה אייערער, אַז איר טראַכט נישט לאָגיש. ערשטנס האַלט איך פון יוליוס ליפּערטן, ווייל וואָס ער שרייבט לייגט זיך אויפן שכל. צווייטנס, די תורה זאָגט אונדז: גלייב און פרעג נישט קיין קשיות, אָבער יוליוס ליפּערט זאָגט: נאַ דיר פאַקטן און נוץ דיין „סמעקאַלקע״ (שכל). ער ברענגט פאַקטן ווי אַזוי די מענטשלעכע קולטור האָט זיך אַנטוויקלט. מען האָט אויסגעגראָבן פון אונטער דער ערד ביינער פון אַמאָליקע מענטשן, שטיקלעך געצייג, איבערבלייבעכץ פון אַ סך זאַכן, וואָס מענטשן האָבן גענוצט. די פאַקטן ווייזן אַז דאָס געצייג איז געווען די גרעסטע הילף פאַרן מענטשן.

— דער מענטש קען אַלץ אויפטאָן מיט געצייג — מיט מאַשינעס וואָס זענען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, באמת נאָר אַ העכערע שטופע פון געצייג. אָבער כדי צו טרייבן מאַשינעס דאַרף מען האָבן האָלץ אָדער קוילן צו מאַכן פּאַרע (דאַמף). האָלץ דאַרף וואַקסן, דערנאָך דאַרף מען עס אויסהאַקן פון די וועלדער, צעשניידן, ברענגען אין פאַבריק, איינהייצן די קעסלען. נוצט מען קוילן, דאַרף

מען זיך אַראָפּלאָזן טיף אין דער ערד, זיי אויסגראָבן, ברענגען אין פאַבריק און איינהייצן די קעסלען. אָבער אַז איך וועל פּאַרטיק מאַכן מיין מאַשין, וועט מען נישט דאַרפן קיין האָלץ, קיין קוילן, קיין פערד צו דרייען רעדער. מיין אויסגע־מייסטרעוועטע מאַשין וועט גיין פון זיך אַליין, אייביק. ווען עס וועלן זיין אַזעל־כע מאַשינעס, וועט די וועלט ווערן פול מיט אַ שפע פון עסן, קליידער, הייזער, מעבל, צירונג און וואָס נישט? עס וועלן נישט זיין קיין אָרעם און רייך — אַלע וועלן זיין רייך און גליקלעך. מען וועט אַפילו נישט דאַרפן דאַוונען, ס׳וועט נישט זיין וואָס צו בעטן ביי גאָט.

— און קנאה און שנאה און די תאווה צו האָבן וואָס יענער האָט? — האָט שמעון געפרעגט.

— ס׳וועט זיין פאַר אַלעמען גענוג. — איז צו וואָס קנאה? דו ווילסט זיין אַ נאַר און האָבן צוואַנציק גאַרניטורס, נאַ, נעם. און אפשר ווילסטו שלאָפן אין צוויי בעטן? נאַ דיר צוויי בעטן און צוויי פּערענעס און אַכט קישנס.

— אָבער עס שטייט דאָך אין דער תורה, — האָט שמעון געזאָגט, — לא על הלחם לבדו יחיה האדם, נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש. אַ מענטש דאַרף האָבן רוחניות אויך. ווי עס שטייט אין אַן אַנדער פּסוק: און עס וועט קו־מען אַמאָל אַ צייט און עס וועט ווערן אַ הונגער אין לאַנד, נישט קיין הונגער נאָך ברויט, נישט קיין דורשט נאָך וואַסער, נאָר אַ הונגער און דורשט נאָך גאָטס וואָרט.

— פּסוקים, פּסוקים, — האָט צלאל געענטפערט מיט גרינגשאַץ. — ווער ווייסט עס נישט און ווער לייקנט עס? וואָס מער דער מענטש ווערט אַנטוויקלט און באַפרידיקט זיינע בייטיקע זאַכן, אַלץ מער פאַרנעמט ער זיך מיט העכערע זאַכן, מוזיק, געזאַנג, טענץ, טעאַטער, אָפּערע, ליטעראַטור און מאַלעריי. אין יענער גליקלעכער צייט וועט דער מענטש אָפּגעבן אַ סך צייט אויף גייסטיקע זאַכן. די סאָציאַליסטן מיינען, אַז ווען זיי וועלן אַראָפּוואַרפן דעם צאַר, וועט שוין ווערן אַ גליקלעכע צייט. מען וועט זיך טיילן גלייך אויף גלייך מיט אַלץ וואָס איז דאָ. מיט וואָס וועלן זיי זיך טיילן די נאַראָנים, מיט דעם קבצנות פון דער וועלט? אָבער אַז איך וועל אויסטראַכטן מיין מאַשין, וועט ווערן אויס נויט אויף דער וועלט. ווען די שפע וועט זיך פאַרמערן אויף דער וועלט, וועלן מענטשן אַרבעטן אַ שעה צוויי אַ טאָג און די איבעריקע צייט וועלן זיי שטודירן, זוכן, פאָרשן און אויסגעפינען די סודות פון דער נאַטור. מען וועט אָפּשאַפן קראַנקייטן. עס וועלן נישט זיין קיין קאַליקעס, ווען אַ פרוי וועט טראָגעדיק ווערן, וועט מען איר געבן אַזאַ פּראָשעק און זי וועט געבוירן אַ געזונט שיין קינד און אַזעלכע מנוולים ווי איך וועלן קיינמאָל נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט. און איך, צלאל מאַזעפע, וואָס קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, וואָס ווערט אויס־

געלאַכט, וואָס מען טיקעט אויף אים מיט די פינגער ווען מען זעט אים גיין קאַ־טשענדיק זיך אין גאַס, וועט ברענגען די אמתע גליקלעכע צייט אויף דער וועלט.

צלאל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם און געקוקט שמעונען אין די אויגן און געוויזן מיטן צייגפינגער אויף זיך:

— אָט שטיי איך פאַר אייך, די וועלט ווייסט נישט אַז עס זיצט אַ צלאל מאַזעפּע אין אַ קעלער און האָט ביי זיך אין קאָפּ דאָס גליק פון אַלע מענטשן. איר וועט נאָך זען, קאַלינקאָוויטשער, ווי די וועלט וועט מיט מיר קלינגען.

**
*

אויפן צווייטן פאַרטאָג איז שמעון געקומען מיט טענות צו צלאלן:

— איר ווייסט? איר האָט נעכטן אַ גאַס געטאָן אויף מיר מיט אַזוי פיל נייע ווערטער, אַז אויף דער רגע האָב איך נישט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער דורכן טאָג, ווען איך האָב דורכגעטראַכט, וואָס איר האָט גערעדט צו מיר, האָב איך זיך געכאַפּט אַז צווישן אַנדערע מאָדנע זאַכן האָט איר אַ זאָג געטאָן: „עס האָט גענומען דעם מענטשן טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יאָרן", סטייטש, היתכן? די גאַנצע וועלט איז דאָך נישט אַלט קיין זעקס טויזנט יאָר. מיר שטייען אָט היינט אין יאָר ה׳תרס״ט — ס׳מיינט, אַז ס׳איז ערשט פינף טויזנט זעקס הונדערט און ניין און זעכציק יאָר לבריאת העולם, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט צלאל געפרעגט קריגעריש. — איר זייט דערביי געווען? אַז מען גיט אָן אַזאַ מין פינקטלעכן יום, דאַרף מען האָבן פינקטלעכע פאַקטן.

שמעון האָט געענטפערט רוגזהדיק:

— וואָס מיינט איר, פון וואַנען ווייס איך עס? עס ווערט אָנגעגעבן אין סדר עולם.

— פון וואַנען ווייס עס דער סדר עולם? — האָט צלאל געפרעגט טראָציק.

שמעון האָט געענטפערט אומגעדולדיק:

— לויט דעם חומש. אדם איז געשאַפן געוואָרן ערב שבת, אויפן זעקסטן טאָג פון דער ערשטער וואָך פון יצירה. מיר ווייסן ווי לאַנג אדם האָט געלעבט און...

צלאל האָט אָנגעשפּאַרט זיין מאָרדע אויף דער פלאַך פון דער רעכטער האַנט, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן מיט אַ גמרא־ניגון:

— אָבער ווי אַז איך לייקן די גאַנצע מעשה פון חומש? די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, נאָר דער באַשאַף האָט גענומען מיליאָנען יאָרן? און די ערד איז אַלט, אַזוי אַלט, אַז מיר קענען עס גאָרנישט אויסרעכענען. און

מיר זויגן עס נישט אַרויס פון פינגער. מיר ווייסן די עלטער פון דער ערד לויט די שיכטן...

— וואָס מיינט איר שיכטן?

— לושפּייקע ווייסט איר דאָך וואָס עס מיינט, — האָט צלאל געזאָגט, — אַ שיכט ערד איז אַ לושפּייקע ערד. עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס רעכענען אויס נאָך די לושפּייקעס פון די שטיינער ווי אַלט די ערד איז. און די ערד איז נישט די איינציקע וועלט וואָס דרייט זיך אַרום דער זון. און די זון איז נישט די איינציקע זון, און די אַלע זונען און פּלאַנעטן זענען נישט געשאַפן געוואָרן אויף אַמאָל, דורך עמעצן, נאָר זענען אויפגעקומען ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פון זיך אַליין.

— עט, — האָט שמעון געענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, — אַז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן אַליין איז על פּי מקרה — אַ צופאַל, איז שוין אָפּגעפרעגט געוואָרן פון ר' סעדיה גאון אין זיין ספר „האמונות והדעות" און פון רבנו בחיי און זיין „חובות הלבבות".

— לאָזט צורו אייערע „ראַביינוס", רבינות, — האָט צלאל געענטפערט מיט ביטול, — זיי ריידן רייד, וואָס זיי האָבן אויסגעזויגן פון פינגער און איך רעד צו אייך מיט וויסנשאַפט, מיט פאַקטן. די וויסנשאַפט זאָגט, אַז צוריק מיט מיליאַנען, ביליאַנען יאָרן איז די איצטיקע זון געווען איין פייערדיקע שטיק מאַטעריע, נאָך נישט אַזוי צונויפגעקוועטשט מיט היץ און ליכט ווי איצט. און די דאָזיקע שטיק מאַטעריע האָט זיך געדרייט אַ סך שנעלער ווי עס דרייט זיך די איצטיקע זון. דערפאַר זענען אַ צאָל שטיקער אָפּגעריסן געוואָרן פון איר. די שטיקלעך, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן, האָבן געשאַפן די פּלאַנעטן אַרום איר. איין שטיק, וואָס איז געוואָרן אונדזער ערד, האָט זיך צעבראָכן אויף צוויי. דאָס קלענערע שטיקל איז געוואָרן די לבנה און דער גרעסערער שטיק אין אונדזער ערד. איר פאַרשטייט?

— יאָ, ס'איז פאַר מיר קיין נייס נישט. איר רעדט וועגן חומר הקדמון (אור־מאַטעריע), וואָס איר מיינט האָט זיך אַליין געשאַפן און דערנאָך געשאַפן די גלגלים און די ערד.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט צלאל געזאָגט, — אָבער, אַז איר זאָגט עס אויף לשון קודש, מסתמא איז עס נישט די זעלביקע וואָס איך זאָג. נאָר הערט מיט קאָפּ. דאָס פייערדיקע שטיק, אונדזער ערד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער זון, האָט זיך געדרייט מיליאַנען, ביליאַנען יאָרן און זיך געהאַלטן אין איין אָפּקילן, געוואָרן האַרטער. איבער איר איז געשטאַנען אַ שטענדיקער נעפּל, רעגנס, גוס־רעגנס האָבן געגאָסן און פון דעם פאַרהאַרטעוועטן שטיין זענען געוואָרן איבער דער ערד ערטער מיט בלאָטע.

— נו, דאָס שטייט דאָך אין דער תורה — האָט שמעון איבערגעשלאָגן צלאלן. — ואד יעלה מן הארץ — און אַ נעפּל איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד.

— לאָזט צורו מיט די פּסוקים, — האָט צלאל געענטפערט אומגעדולדיק.

— הערט ווייטער: די זון האָט צעוואַרעמט די דאַזיקע בלאָטע און דעמאָלט איז לעבן אויפגעקומען. לכתחילה פּיצעלאַנציקע שטיקלעך לעבן, וואָס מען קען נאָר זען מיט אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז. ביסלעכווייז האָבן די איינציקע צעלן זיך אַנט־וויקלט, לויט עוואָלוציע און עס זענען אויפגעקומען אַלערליי ברואים, אַריינגע־רעכנט די בריאה וואָס איז שפּעטער געוואָרן מענטש.

— אַ שיינע מעשה, — האָט שמעון געענטפערט כמעט צערייצט, — אָבער צלאל, צלאל, די מעשה פון חומש לייגט זיך מער אויפן שכל ווי אייער וויסנ־שאַפט.

— לאָזט שוין צורו אייער חומש, — האָט צלאל געענטפערט. — די אַלע זאַכן וואָס איך האָב אייך דערציילט, קענען באַוויזן ווערן מיט פאַרגלייכונגען, אַנאַלאָגיעס, מיט פאַקטן. דער חומש דערציילט אייך אַ מעשה וואָס וויל פאַרענט־פערן זאַכן וואָס דער מענטש פאַרשטייט נישט. די מעשיות פון חומש פאַרענט־פערן כלומרשט אַלע מענטשלעכע קשיות. וויסנשאַפט זאָגט: נאָך די פאַקטן נאָך וויסן מיר די דאַזיקע זאַכן און אַנדערע זאַכן ווייסן מיר נישט. ס׳איז מיר שווער זיך אויסצוטענהן מיט אייך. ס׳איז ווי איר וואָלט געהאַלטן אַן אַרשין און איר ווילט מעסטן מיט אים דעם ווינט. פריִער פון אַלץ דאַרפט איר זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין די וועלט מיט אַן אַנדער מעטאָדע, מיט דער וויסנשאַפט־מעטאָדע, נישט מיט פּסוקים. לייענט צוערשט יוליוס ליפּערטן, ס׳וועט אייך עפענען די אויגן.

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— אייער יוליוס ליפּערט איז ווי דער עץ הדעת — ותפקחנה עיני שניהם, און זייערע ביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט.

— יאָ, אייערע אויגן וועלן זיך עפענען, — האָט צלאל געזאָגט שאַרף און זיכער. — אַ שאָד וואָס די צוויי טאָמען (בענד) זענען אין רוסיש. און איר קענט נישט גענוג קיין רוסיש צו לייענען אַזעלכע שווערע ביכער.

— איך וועל זיך אַן עצה געבן — האָט שמעון געענטפערט.

קאַפּיטל 9

די וועגט שפּאַלטן זיך

שמעון האָט נאָך אַלץ געגעסן שבתים בײַ מאָטלען. זינט ער האָט געהאַט דעם שאַרפן וויכוח מיט זאַנווילן, פלעגט ער באַלד נאָכן שבתדיקן וואַרעמס אַוועקגיין אין דער ישיבה. טאָמער האָבן זיי זיך באַגעגנט אויפן שוועל אָדער אין דרויסן, פלעגן זיי זאָגן איינער דעם אַנדערן אַ העפלעכן גוט־שבת — שוין אַביסל צו איידל, ווי עס וואָלט געווען אַ פּאַסיר־וואָרט צווישן זיי — אַ וואָרנונג און אַן אָנזאָג: מיר לאָזן איינער דעם אַנדערן צורו.

אין דעם שבת נאָכמיטאָג, נאָך דעם ווי שמעון האָט געהאַט דעם לעצטן שמועס מיט צלאלן, האָט ער אָפּגעוואַרט אין דרויסן ביז זאַנוויל איז אָנגעקומען, אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט געוואָר ווערן בײַ אײַך וועגן אַ בוך.

זאַנוויל האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ פון איבעראַשונג, געענטפערט פּאַמעלעך, ווי געציילט די ווערטער:

— איר מיינט צו זאָגן, אַז איר ווילט אינפאָרמאַציע וועגן אַ בוך? האָב איך זיך דאָך דערוואָרט.

— יאָ, איר האָט מנצח געווען, — האָט שמעון צוגעגעבן גלייכגילטיק. — אָבער איך פרעג זיך נישט נאָך וועגן קיין בוך וועגן סאָציאַליזם. איך וויל וויסן צי איר האָט געהערט וועגן אַ בוך מיטן נאָמען: „היסטאָריאַ קולטורי טשעלאָוועקאַ“ פון יוליוס ליפּערט?

זאַנוויל האָט געענטפערט:

— געהערט, געזען און געלייענט. אָבער ווו און ווען און פון וועמען האָט איר אויסגעפונען וועגן בוך? ווער האָט אײַך דערציילט פון בוך.

— אַלץ וואָס איך קען אײַך זאָגן, — האָט שמעון געענטפערט טויט־ערנסט, — אַז אַ קליין פייגעלע איז אַריינגעפלויגן דורך אַן אָפענעם פענצטער פון שול,

זיך געשטעלט מיטן לינקן פיסל אויף דער גמרא, געעפנט דאָס שנאָבעלע און מיר אַריינגעשעפּטשעט דעם סוד אין אויער.

זאַנוויל האָט מיטן ציינגפינגער פון דער רעכטער האַנט לויז געמאַכט דעם קראַגן פון דער מאַנישקע און געזאָגט:

— אַ קלוג פייגעלע, קליגער פאַר זאַנווילן, געוווּסט מיט וואָס אייך איינצונעמען. איר ווילט טאַקע לייענען דאָס בוך?

— יאָ. אָבער דאָס בוך איז דאָך אין רוסיש. איך בין אַ קנאַפּער ייִען אין רוסיש.

— עס איז פאַראַן אַ העברעיִשע איבערזעצונג. דוד פרישמאַן האָט איבערגעזעצט דאָס בוך, עס רופט זיך „תולדות השלמת האדם".

— ביי וועמען קען איך עס לייען, אָדער קויפן? — האָט שמעון געפרעגט בייגעריק.

זאַנוויל האָט געענטפערט מיט אַ טאָן פון שפּאַס געמישט מיט פּאַרדרוס:

— נו, מילא, איך זען שוין — איך וועל פאַרט זיין דער סנדק צו אייער אַפּיקורסישקייט. איך וועל קריגן דאָס בוך פאַר אייך. אָבער דער עניָן איז מיר חשדיק. איך האָב אייך געשטופּט ביכער, האָט איר זיי אין האַנט נישט געוואָלט בעמען. איר האָט אָנגעגעבן אַ מאָראַלישן מאָטיוו — איר ווילט נישט אָפּנאַרן קיין ייִדן. זיי גיבן אייך עסן כדי איר זאָלט לערנען תורה, ווען איר וועט פאַרשווענדן צייט אויף לייענען טריף־פּסולס, מיינט עס געפּאַלשעוועט. איך האָב עס פאַרשטאַנען. נו, און איצט? ס'וועט נישט זיין געפּאַלשעוועט?

שמעון האָט געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע רייד, ווי ער וואָלט איצט געזוכט דעם ענטפער:

— עס איז געקומען צו אַזאַ מדרגה, אַז ביז איך וועל נישט איבערלייענען ליפערטס בוך, וועל איך נישט קענען לערנען מיט קאָפּ, אָדער לערנען בכלל. האָב איך געמאַכט אַ פשרה, איך וועל ליפערטן לייענען פאַרטאָג — איבערהיפּן אַ פּאָר משמורים. עס איז נישט געפּעלשעוועט. פאַרקערט, איצט, ווען איך בין צערודערט און קען נישט לערנען ווי עס באַדאַרף צו זיין, פעלשעווע איך מער. זאָגט זשע מיר, זאַנוויל, ווען קען איך קריגן דאָס בוך?

זאַנוויל האָט געענטפערט:

— איך זע, אייך האָט עס אָנגעשפּאַרט. דאָס בוך איז אין צוויי טאָמען (בענד), וועל איך נאָך מאָרגן, זונטיק, קענען אייך ברענגען איין באַנד. אפשר נאָך היינט ביינאַכט. מיר האָבן דאָ אין קרעמענטשוג אַ ייִדן אַ משכיל, וואָס האָט גאָר אַ פיינע ביבליאָטעק, אַלץ אויף העברעיִש. ער איז אַ הייסער ציוניסט — אַ גאַנץ היפשער בורזשוי. איך וועל ביי אים נעמען דאָס בוך פאַר אייך. באַ־

געגנט מיך אויף דעם ראָג פון כאַרטשאַוואַיאַ און יעקאַטערינאָסלאַווסקאַיאַ אולי־צאַ (גאַס).

— ווי ווערט אַזאַ בורזשוי אייך, דעם פאַרברענטן סאָציאַל־דעמאָקראַט לייען אַ בוך אויף העברעיִש? — האָט שמעון געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— ער איז מײַן עלטערער ברודער — האָט זאַנוויל געענטפערט רויִק. — איך האָב זיך פאַררעדט. ברכה וואַרט אויף מיר. אַ גוטן שבת.

***

שמעון האָט אָנגעהויבן לייענען דעם „תולדות השלמת האדם" און איז אַרײַנגעפאַלן ווי אין אַ הינער־פּלעט. וואָכן איז ער געווען ווי אין אַ הויכן פיבער. שוין אין דער הקדמה פון דעם איבערזעצער האָט ער אָנגעטראָפן אויף נייע ווער־טער: אַנטראָפּאָלאָגיע, עטנאָלאָגיע, אַנאַטאָמיע און דאָס וואָרט קולטור, וואָס דער שרייבער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן. דאָס זענען נישט געווען קיין גלאַט ווערטער פאַר שמעונען, נאָר שליסלען צו פאַרשלאָסענע טירן, וואָס פירן דיך אַרויס אין דער גרויסער וועלט. עס האָט זיך פאַר אים מיטאַמאָל אַנטפּלעקט אַ גרויסע וועלט, מיט ימען, טייכן, אָזיערעס, וועלדער, מדבריות, ישובים, אינדז־לען, קאָנטינענטן מיט לענדער, פעלקער, שבטים אויף אַלערליי מדרגות פון וויסן און קענען. און דער מחבר האָט נישט אויסגעטראַכט גלאַט מעשיות, נאָר טאַקע וועגן אמתע געשעענישן דערציילט ער, ווי צלאל האָט געזאָגט — פון שטיקלעך און ברעקלעך — שטיקלעך שערבלעך, אַ צעבראָכענע פייל, אַ ביין, אַ מעסער, אַ קלינגל פון אַ מעסער, אַ הענטל פון אַ האַמער, אַן אויסשניץ, פון די אַלע אויס־געגראָבענע זאַכן, וואָס זענען געלעגן אַן אייביקייט אין דער ערד האָט דער מחבר צונויפגעשטעלט וואָס ער שרייבט.

די וועלט איז געוואָרן גרויס און ברייט, אַלט, גאָר אַלט. אַ סך עלטער ווי די תורה זאָגט. אַזאַ וועלט איז צו גרויס פאַר די חומש־מעשיות.

און אַן ערגערע צרה איז, וואָס נאָך די נייע ביכלעך נאָך איז דער מענטש טאַקע גרויס, ער האָט אַלץ אויפגעטאָן מיט זיין אייגענעם כוח. אָבער דאָך איז ער נישט אַזוי גרויס ווי אין חומש. ער איז אין די ביכלעך נישט מער ווי איינער פון די מינים חיות. אויך אויף אים איז חל דער געזעץ פון נאַטור. — אָט דאָס קענסטו דערגרייכן און נישט מער. דער מענטש איז נישט קיין מיוחס. ס'איז נישט געווען קיין אדם, איז דערפאַר דער מענטש נישט קיין טייל פון גאָט און ער איז נישט דער אויסדערוויילטער. וויבאַלד אַזוי איז אויך אברהם נישט קיין בעל מיוחס און די קינדער פון אברהם זענען נישט קיין אויסדערוויילטע און דער מעמד סיני? — עס פּאַסט זיך נישט אַריין.

די פאַרטאָגן זענען פאַרבייגעלאָפן ווי רגעס פאַר שמעונען. צלאל האָט גע־

קוקט אויף דעם פּאַרטאַנענעם שמעונען און אים נישט געשטערט. נאָך דעם ווי עס זענען פאַרביי דריי וואָכן, האָט ער אים צו דער גלאָז טיי, וואָס ער האָט אים דערלאַנגט אַלעמאָל פאַרן דאַוונען, צוגעלייגט אַ שטיקל בולקע מיט פּוטער. צלאל האָט מיט אַ שמייכל צוגעקוקט ווי שמעון האָט אויפגעגעסן דאָס שטיקל בולקע פאַרן דאַוונען, אומגעוואַשן און אָן מאַכן המוציא.

לפנים איז שמעון אַלץ געווען איינער פון די מתמידים. אָבער אַפילו אין לערנען איז דער געדאַנק זיינער געווען פאַרנומען מיט די נייע קשיות און ספקות. זיין הויפּט־צעטומלעניש איז געווען וואָס נאָך די נייע ביכלעך „תולדות השלמת האדם" און „האדם הקדמון" (דער אורמענטש) איז דער גאַנצער באַשאַף אַ מקרה — אַ צופאַל. זייערע ראיות זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט ווידער און ווידער זיי אָפּגעפרעגט מיט ר' סעדיה גאון אין זיין ספר „האמונות והדעות" און רבנו בחיי אין דעם „חובות הלבבות", וואָס האָבן אָפּגעפרעגט דעם רעיון. ס'איז דאָך קלאָר, האָט שמעון גערעדט צו זיך, אַז די דאָזיקע צוויי פילאָסאָפן זענען גערעכט. זיי באַווייזן עס מיט אייזערנעם הגיון, לאָגיש. זאָגט דער רבנו בחיי:

„יעדער עצם, זאַך, אַלץ וואָס קומט אין עקזיסטענץ, נאָך דעם ווי עס איז פריִער נישט געווען, זענען דאָ צוויי מעגלעכקייטן פאַר זיין ווערן, פאַר זיין אויפקומען: א) ער האָט זיך אַליין געשאַפן, ב) עמעצער אַנדערש, אויסער אים, האָט אים געשאַפן.

לאָמיר צוערשט אָננעמען אַז דער עצם האָט זיך אַליין געשאַפן. זענען דאָ אויך דאָ צוויי מעגלעכקייטן: א) ער האָט זיך אַליין געשאַפן איידער ער האָט עקזיסטירט, ב) ער האָט זיך אַליין געשאַפן נאָך דעם ווי ער האָט עקזיסטירט.

ביידע הנחות זענען נישט לאָגיש און אוממעגלעך. אויב מיר וועלן זאָגן, אַז ער האָט זיך געשאַפן איידער ער האָט עקזיסטירט — ווי האָט ער געקענט טאָן? ער איז דאָך נאָך געווען גאָרנישט און גאָרנישט קען גאָרנישט אויפטאָן. וועלן מיר זאָגן, אַז ער האָט זיך אַליין געשאַפן נאָך דעם ווי ער איז שוין געווען, נאָך דעם ווי ער האָט עקזיסטירט, האָט ער דאָך גאָרנישט אויפגעטאָן, — ער האָט דאָך שוין עקזיסטירט, צו וואָס האָט ער זיך געדאַרפט שאַפן? מוזן מיר קומען צו דער הנחה, אַז קיין עצם, קיין זאַך, קען זיך אַליין נישט שאַפן. עס מוז זיין עמעצער אויסער אים, אַ העכערער וועזן, וואָס זאָל אים שאַפן — אַ בורא עולם — דער רבונו של עולם".

שמעון געדענקט ווי קלאָר עס האָט זיך ביי אים אויסגעלייגט דאָס שטיקל „חובות הלבבות" פון שער היחוד. ער געדענקט זייער גוט, אַז ווען ער האָט אָנגע־הויבן צו האָבן ספקות, האָט ער אויפגעזוכט דעם „חובות הלבבות" און געפונען דעם געדאַנק אין שער היחוד פרק ה'. דער פירוש „מרפא לנפש" האָט אָנגעוויזן

אַז דער זעלביקער געדאַנק געפינט זיך אויך ביי ר׳ סעדיה גאון אין „האמונות והדעות״. שמעון האָט געדאַרפט איבערלייענען אַ היפּש עטלעכע מאָל דעם פּרק ה׳, ווייל דער שער היחוד איז דאָס איינציקע קאַפּיטל פון ספר „חובות הלבבות״, וואָס איז נישט איבערגעזעצט אויף עברי־טייטש, וואָס איז באמת נישט קיין אי־בערזעצונג נאָר אַ פּירוש. דאָס פּראָסטע פאָלק האָט זיך נישט געניטיקט אין אַ פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון מציאת הבורא — אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. דאָס קאַפּיטל האָבן געלערנט נאָר יחידי סגולה.

בייטאָג איז ביי שמעונען געווען קלאָר, אַז די אַלע אַפּיקורסישע חוקרים זענען אומגערעכט. ער קען גרינג אָפּפרעגן יעדע הנחה זייערע. אָבער ביינאַכט?

ער פלעגט ליגן אין דער פינצטער און נישט קענען און נישט וועלן איינ־שלאָפן. אין דער פינצטער — אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, טראַכט זיך גוט: אפשר זענען זיי אומגערעכט אָט די אַפּיקורסים, אָבער זיי האָבן אַנטפּלעקט פאַר אים גאָר אַן אַנדער וועלט ווי ער האָט געמיינט ס׳איז דאָ. אין חומש איז אַלץ קלאָר: ס׳איז דאָ אַן אָנהייב. אָבער נאָכן „תולדות השלמת האדם״ און אין דעם נייעם ביכל פון קלויזנערן, וואָס זאַנוויל האָט אים געבראַכט — „האדם הקדמון״, איז גאָרנישט געווען קיין אָנהייב. פאַר דעם ערשטן אָנהייב איז שוין געווען אַן אָנהייב. אַפילו פאַרן שטערן־שטויב איז עפּעס געווען. און נאָך אַ חילוק, אין חומש איז אַלץ איינגעשטעלט אין אַ סדר, ווייל די וועלט איז דאָרטן קליין. זי האָט פיר טייכן: פישון, גיחון, חדקל און פרת. מען קען אויסרעכענען די צייט און זען ווי די מענטשן האָבן זיך פאַרמערט. צען דורות פון אדם ביז נח, צען דו־רות פון נח ביז אברהם. יעדער מענטש האָט זיין נאָמען און יעדער שבט האָט זיין נאָמען, זיין לאַנד און זיין מלך. אויף אַזאַ קליינער וועלט קען מען האַלטן אַן אויג, באַשטראָפן די זינדיקע און באַלוינען די צדיקים. אָבער אין „תולדות השלמת האדם״ און אין „אדם הקדמון״? דאָרטן איז אַ גרויסע, ברויזנדיקע וועלט פול מיט אַ קאָכעניש און יאָגעניש. מען פירט מלחמות, מען קעמפט מיט ווילדע חיות, עס זענען דאָ שטורעמס און פאַרפלייצונגען — נישט קיין פאַראויס־באַ־שטימטע ווי דער מבול, נאָר נישט קיין אויסגערעכנטע, פלוצלינגדיקע קאַטאַס־טראָפעס, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועך. ווי אַזוי קען מען האַלטן אַן או־ג אויף אַזאַ גרויסער וועלט? אויף אַזוי פיל מענטשן אָן יחוס, אָן נעמען, אָן אָפּ־שטאַם? ווי אַזוי קען מען פירן אַ חשבון פון אַזוי פיל צופעליקע געשעענישן און אומגליקן? עס איז אַ תוהו ובוהו וועלט, און ביי שמעונען אין מוח איז אויך אַ תוהו ובהו. ער דרעמלט איין און אין האַלב־שלעפעריקן צושטאַנד חזרט זיך איבער ווידער און ווידער איין קאַשמאַר־חלום וועגן דעם יום־הדין פון שרה דער קאַרטנוואַרפערקע.

ער חלומט: ער ליגט אין אַן ענגן קבר. ער איז מסתמא טויט, ער ליגט

דאָך אין אַ קבר. אָבער ניין, ער איז ביי אַלע חושים. ער פילט, אַז די ווענט פון קבר זענען קאַלט, אָבער די קעלט צערעט אים נישט אַזוי ווי די נאַסקייט און קלעפּיקייט פון די ווענט, וואָס זענען פון אַ שיטערן ליים פון אַ מאָדנעם מיאוסן טונקל־געלן קאָליר. שמעון שטעלט זיך אויף מיט מאַטערניש. ער הייבט אָן אַרויס־קריכן פון דעם ענגן קבר. עס קומט אים אָן שווער. אַ פּוס — אַן אייזערנער שטאַנג, אַ האַנט — אַ קלאָץ, פינגער — קינעלעך. עס קאָכט און עס ברויזט אין אים מיט כעס אויף די גולמדיקע אברים. ער פאַרבייסט די ליפּן און מיט מאַטער־ניש טוט ער אַ שפּרונג און כאַפּט זיך אָן ביי די ברעגן פון דער גרוב און הייבט זיך אויף פּאַמעלעך און שלעפּט זיך אַרויס פון דער באַגרעבעניש. ער פילט זיך שוין מער ניט איינגעשלאָסן, איינגעהאַמעוועט, אָבער דער קלעפּיקער ליים קריכט אים אונטער דער הויט און דער גאַנצער גוף פילט זיך פאַראומרייניקט און פאַר־אומווירדיקט.

ער ציט זיך אויס אויפן פרישן גראָז צווישן די מצבות, ער סאָפּעט פון אָנ־שטרענגונג. ביסלעכווייז קומט ער צו זיך און דער שמוץ אויף זיין לייב איז פאַר־האַרטעוועט געוואָרן און שיילט זיך אַראָפּ ווי אַ שאָלעכץ. אַן אָפּגערוטער הייבט ער זיך אויף און שטעלט זיך אויף די פיס און קוקט זיך אַרום. אין דער האַלבער טונקעלקייט זעט ער ווי אַ הויכע מויער־וואַנט רינגלט אַרום דעם בית־עולם און אויף דער וואַנט שטייען גרויסע הינט מיט אויסגעשטשירעטע ציינער און היטן.

שמעון שרייט אויס מיט צאָרן:

— וואָס שרעקסטו מיך? וואָס היטסטו מיך? שופט פון דער גאַנצער וועלט, איך פאָדער גערעכטיקייט. דו, דער שופט פון דער גאַנצער וועלט, מוזסט טאָן גערעכטיקייט. איך פאָדער אַ יום־הדין, אַ משפּט!

שמעון זעט — די ווענט צעפאַלן זיך. די גאַנצע וועלט אַנטפּלעקט זיך פאַר אים. ימים, טייכן, אינדזלען, קאָנטינענטן ווייזן זיך און אומעטום שטעט, שטעט־לעך, דערפער אָן אַ צאָל און אָן אַ חשבון, ווי בלעטער אויף די ביימער, און אומעטום בית־עולמס. אויף די בית־עולמס קברים, לעבן די קברים מתים וואָס וואַרטן אויפן יום־הדין.

און ער הערט אַ בת־קול:

— דו זעסט די ברייטע וועלט? וואָס איילסטו זיך? וועסט דאַרפן וואַרטן. עס ליגן מתים, וואָס וואַרטן שוין טויזנטער יאָרן און דו כאַפּסט זיך, איילסט זיך, דו האָסט קיין צייט נישט, באַזאָרגן אַזוי פיל מענטן מיט אַ יום־הדין געדויערט טויזנטער יאָרן.

מיטאַמאָל דערזעט שמעון ווי שרה די קאָרטנוואַרפערקע זיצט אָנגעשפּאַרט אויף איר מצבה — אַ קליינינקע, אַן אויסגעדאַרטע, לגבי דער וועלט איז זי אַפילו נישט קיין פּינטעלע. און שמעון הייבט אָן צו שוימען:

— עס קלעפּט זיך דאָך נישט. צו וואָס דאַרפן געשטעלט ווערן צום יום־הדין אָט די מיליאָנען פּינטעלעך, זאַמד־שטויבעלעך? אַנטקעגן די גלגולים און אַלע שטערן און וועלטן זענען זיי גאָרנישט און גאָרנישט.

און שמעון זעט ווי ווידער הייבן זיך אויף אַרום אים דיק־געמויערטע ווענט און אויף די ווענט שטייען הינט, מלאכי חבלה און היטן. ער איז ווידער באַדעקט מיט שליימיקן ליים — אומריין איז ער, אָט ווערט ער אַ טייל פון דער ליימי־קער ערד. די ווענט ווערן העכער און העכער, עס ווערט פינצטער אין קבר, די הינט — מלאכי חבלה האָוקען און די ווענט הייבן זיך אָן בייגן און דערנענטערן זיך איינער צו דער אַנדערער. עס ווערט אים ענג און ענגער, אָט וועט ער דער־שטיקט ווערן, צוגעדעקט ווערן, פאַרשאָטן ווערן. ער זעצט זיך אויף מיט גרויס מאַטערניש. עס ליגט לעבן אים אַ האַק. ער כאַפּט די האַק און שטעלט זיך אויף און הייבט אָן ברעכן די ווענט און שרייען:

— איך וועל אייך דורכברעכן! איך וועל אייך דורכברעכן!

ער כאַפּט זיך אויף.

שמעון זיצט איצט אויף אַ ווייכן שטול ביי אַ גרויסן לאַנגן שרייבטיש. די פיס זענען אויף אַ ווייכן קאָוויאָר, די פענצטער זענען אָפן און אין דרויסן וויגט זיך אַ צעצווייגטער בוים אין פרילינג־ווינט. אין קיך פּאָרעט זיך זיין לאה און גרייט צו דעם שבועות־מאָלצייט; דער זון מיט דער שנור, די טעכטער מיט די איידעמס מיט די אייניקלעך וועלן קומען אויף יום־טוב. עס איז רויק און געמיט־לעך אין הויז. אָבער ער מוז צעבינדן דעם קראַוואַט, פונאַנדערשפּיליען דעם קאָל־נער, ווייל ער פילט די שטיקעניש פון יענעם קאָשמאַר. דער חלום־קאָשמאַר איז אַזוי קלאָר און בולט און אויך איצט רעאַל פאַר אים, ווייל דער דאָזיקער חלום איז ביי אים דורכן לעבן איבערגעחזרט געוואָרן הונדערטער מאָל. ווען ער איז פאַרזאָרגט, פאַראומערט, צעערגערט און פאַרדאגהט, זעט ער זיך אַ לעבעדיקן אין אַ קבר, אָדער אַרומגערינגלט מיט הויכע ווענט, הינט יאָגן זיך נאָך אים; ער פּרובירט זיך אַרויסקלעטערן פון אַ שליימיקער גרוב און די אברים זענען ביי אים ווי אָפּגענומענע — פאָלגן נישט. דער זעלביקער חלום אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס.

און דער אַלטער שמעון, דער זיידע, וואָס אים דוכט זיך, האָט געפונען תירוצים און דערקלערונגען אויף אַ סך ספקות פון דער יוגנט, זעט איצט ווי אויף אַן עקראַן־לייוונט דעם נישט אינגאַנצן פופצן־יאָריקן יינגל אין די זומער־און האַרבסט־פאַרטאָגן אין קרעמענטשוג. דאָס יינגל כאַפּט זיך אויף פול מיט אַנגסט, אַ דערשעפּטער, זעצט זיך אויף און נאָך אַ ווײַלע רייבן די אויגן, גייט ער אַראָפּ פון דעם האַרטן געלעגער, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און גייט אַרויס אין

דרויסן אויפן גאַניק זיך צו באַרויקן. אַט זעט ער אים אין אַ סוף תשרי פרימאָרגן ווי דאָס ייִנגל רעדט צו זיך:

— אַזאַ גרויסע וועלט מיט אַזוי פיל מענטשן — פעלקער, לענדער, תקופות און עפּאָכעס קענען נישט אַריינגעקוועטשט ווערן צווישן די טאָוולען פון חומש און אַפילו נישט צווישן די טאָוולען פון דער גמרא. דער פאַרמעט פון דער ספר־תורה איז נישט לאַנג גענוג צו פאַרשרייבן אַלץ וואָס ס'איז געשען מיט דער וועלט און מיט די מענטשן. דער היכל פון דער תורה איז גרויס און שיין לגבי דער ענגער בעל־מלאכישער וועלט, אָבער קליין לגבי דער דרויסנדיקער וועלט. מען דאַרף אויסגעפינען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

***

דער זומער און דער האַרבסט זענען אַוועק. עס איז שוין אין מיטן ווינטער. צוליב זאַנווילן האָט שמעון געקראָגן נאָך אין מיטן זומער אַ צוטריט צו זאַנווילס ברודערס ביבליאָטעק. דאָס ייִנגל האָט געהאַלטן אין איין שלינגען ביכער און אין איין איינדאָרן.

אין זיין לעצטן ווינטער אין קרעמענטשוג איז שמעון נישט געווען פון די גרויסע מתמידים. אָבער ער האָט נישט געפעלשעוועט, ער האָט ערלעך געלערנט פון אין דער פרי ביז מנחה און אַ שעה נאָך מעריב. קיין משמורים האָט ער נישט געהאַלטן. די פאַרטאָגן ביי ר' לייזערן זענען בטל געוואָרן. דער מאַזירער איז געוואָרן אַן עקסטערן, די אַנדערע צוויי בחורים זענען אַוועקגעפאָרן אין טעלז. די ישיבה איז אַ סך גרעסער געוואָרן און ר' לייזער האָט מער קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט געציילטע תלמידים. שמעון האָט געהאַט פריי פאַר זיך די אָוונטן און פאַרטאָגן.

חוץ זיין פאַרנעמען זיך מיט לייענען ביכער אין די פאַרטאָגן, און אָפּט אין די אָוונטן ביי צלאלן אין קעלער, האָט שמעון זיך געמאַכט אַ טבע אין יענעם ווינטער אַרומצוּוואַנדערן איבער דער שטאָט. ער פלעגט קענען לאַנג שפּאַצירן איבער די גאַסן אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל. ער האָט נישט געקענט אַנזעטיקן די אויגן. אַלץ האָט ער געזען און אויפגעכאַפּט: אַ קאַראַקולנע היטעלע אַנגעטאָן וווּליוּנגעריש אויף אַ זייט אויף אַ מיידלס קאָפּ; אַן אויפגעלויכטן פענצטער מיט אַ שאָטן הינטער די פאָרהאַנגען, ליכטיקע וויטרינעס אין די גרויסע געשעפטן און דער עיקר די פנימער פון די שפּאַצירער — יעדעס פנים מיט זיינע באַזונדערע מינעס און חנדלעך און יעדער מענטש מיט זיינע העויות.

אַלע חושים זענען ביי אים געווען וואַך און שפּירעוודיק. די גאַס איז געווען פאַר אים פול מיט קלאַנגען און ריחות: דאָס סקריפּען פון דעם שניי אונטער די קאַלאָשן, דער אָפּהילך פון פערדישע קאָפּיטעס, דאָס קנאַקן פון אַ בייטש, אַ

געלעכטער פון פאַרלעך. די ריחות פון װײַבערשע פּוטערלעך, פון די געבעקס פון די אָפענע קאָנדיטערייען און פון די מענטשן און די שאַרפקייט פון פראָסט און פרישקייט פון שניי. און יעדער קלאַנג, ריח און געשטאַלט האָט זיך בײַ אים אויסגעלייגט אין קאָפּ מיט אַ מעשה.

ער פלעגט קומען אין דער ישיבה אַ דורכגעפרוירענער, אַ פיזיש דערשעפּ־טער אָבער אינגאַנצן אַ גלײַענדיקער. צלאל האָט אים אַ שװײַגנדיקער דערלאַנגט אַ זיסע גלאָז טיי מיט אַ שטיקל בולקע און שמעון האָט געטרונקען די טיי, גע־קייט די בולקע און דערציילט װאָס ער האָט געזען. צלאל האָט זיך צוגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַלעמאָל איבערגעחזרט דעם זעלביקן פּזמון:

— װי אַזוי קען מען אַזוי פיל זען מיט בלויז צװיי אויגן און אַרײַנזאַפּן אין זיך אַלץ װאָס דו דערציילסט מיט איין פּאָר אויערן?

אַ פּאָר װאָכן נאָך חנוכה, װאָס איז אין יענעם יאָר אויסגעפאַלן שפּעט אין יאַנואַר, האָט זיך שמעון אין זײַן אַרומװאַנדערן איבער דער שטאָט, פאַרשלעפּט צום דניעפּר. ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן קאַטאָק (גליטש).

נישט װײַט פון אײַזערנעם בריק, װאָס איז געװען פאַרװאָרפן איבערן דניעפּר, איז אויף דעם אײַז פונעם טײַך געװען ריין אָפּגעקערט, אַ גרויסער עיגול (קרײַזפלאַך). דער אָפּגערייניקטער שטח איז געװען אַרומגעצוימט מיט קורצע יאָלקע־ביימלעך, אַרומגעקניפּט מיט גראָבע שטריק. האַרט ביים צאַם איז געװען אויפגעשטעלט אַ בימה מיט בענק פאַר מוזיקאַנטן, װוּ עס איז געשטאַנען אַ װאָיענער אָרקעסטער (אַ מיליטערישע קאַפּעלע). נישט װײַט פון דער בימה איז געשטאַנען אַ בופעט אָנגעלאָדן מיט כל־טוב.

דער קאַטאָק איז געװען געדיכט פון גליטשערס: גימנאַזיסטן און גימנאַ־זיסטקעס, קאָזאַקישע און זשאַנדאַרישע אָפיצירן מיט זייערע דאַמען. די אָפיצירן אויסגעפּוצט אין זייערע אוניפאָרמס מיט גאָלדענע עפּאָלעטן און מעדאַלן אויף די ברוסטן; די דאַמען אין קאַראַקולנע מאַנטלען און קורצע װאָלענע קליידלעך. מיטליאָריקע מענער און דאַמען אָנגעטאָן רײַך און װאַרעם.

די מיטליאָריקע און עלטערע פּאָרלעך האָבן זיך געגליטשט שטיל, סטאַ־טעטשנע און נישט געאײַלט. די יונגע חברה האָט געמאַכט אַלערליי קונצן. װען די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, האָבן די יונגע פּאָרלעך זיך אָנגעהויבן גליטשען אין אַ געדרייַ גיכער, שנעלער. װען דער אָרקעסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ לעצטן בריאַזג, האָט דער עולם אויסגעבראָכן אין אַ פּליעסקעריי און יעדער באַגלייטער האָט זיך פאַרנייגט פאַר זײַן דאַמע און די די באַגלייטערין האָט געמאַכט אַ קניקס.

די גליטשערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום בופעט. די מענער האָבן גע־

טרונקען וואָדקאַ און פאַרביסן מיט געראויכערטע פיש אָדער פלייש. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין זשעדנער עסן, צוליב הונגער, נאָר אַן איידעלער קייען צוליב לאָזן זיך וווילגיין. די דאַמען האָבן געטרונקען ליקערן אָדער פאַרזוכט די קאָנפעקטן. די אָפיצירן האָבן אַלעמאָל נאָכן אויסטרינקען, צעבראָכן די קעלישעקלעך מיט אַ וואָרף אויפן אייז, לעבן בופעט.

שמעון איז געשטאַנען אַ פאַרשטעקטער צווישן עולם צוקוקערס און די צעפנטע אויגן זיינע האָבן נישט דורכגעלאָזן דעם קלענסטן מאַך מיט דער האַנט פון אַ מאַנסביל, אָדער פלאַטער פון אַ פרויען־קליידל און תנועה פון אַ פנים.

מיטאַמאָל האָט שמעון דערפילט ווי עמעצער האָט אים אָנגערירט ביים אַקסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען זאַנווילן.

— וואָס טוט דאָ מיין ישיבה־בחור, וואָס האָט שוין באַלד איינגעשלונגען מיין ברודערס ביבליאָטעק? — האָט זאַנוויל געפרעגט.

— איך שטיי און קוק ווי מענטשן קענען זיך פאַרגינען צו מאַכן אַ הילולאָ־וחינגאָ — אַ חתונה און טאַנץ, אָט אַזוי אין מיטן דער וואָך.

— קומט, — האָט זאַנוויל אַ שלעפּ געטאָן שמעונען, — ס׳איז נישטאָ וואָס צו קוקן אויף דער אָפּגעפרעסענער בורזשואַזיע. עס איז אַ פאַרברעכן. מען האָט זיי געדאַרפט נעמען אַלעמען, אויסטאָן פון זיי די אוניפאָרמעס, די פיינע רעקאָבעס, די קאַראַקולנע פוטערלעך, אַראָפּנעמען פון זיי די שיינע באַטעס, אָנטאָן זיי אין שמאַטעס און ליאַכעס און שטעלן זיי אָפּשאַרן דעם שניי. דעמאָלט וואָלט די צעפוילטע, קאָרומפּירטע בורזשואַזיע מיט אירע לאַקייען, די אַלע אָפיצירלעך, געוווּסט אַז מען צעגליטשט זיך נישט אָט אַזוי אין מיטן וואָך.

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— ר׳ לייזער האַלט, אַז גליטשען זיך איז אַן עבירה און זאַנוויל דער סאָציאַל־דעמאָקראַט אויך.

— איר האָט אַ קרומען קאָפּ, — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט כעס, — גליטשען זיך איז נישט קיין פאַרברעכן. אָבער ווער גליטשט זיך דאָ? די בורזשואַזן, דאָס מיליטער — דער גאַנצער קאָרומפּירטער קלאַס. און דאָס אמתע פאָלק איז פאַרמאַטערט, פאַרטרויערט און אויסגעהונגערט. האָט איר געזען די סאָלדאַטן אין דער קאַפּעליע? פאַרמאַטערטע, דורכגעפרוירענע, זענען זיי געשטאַנען און געשפּילט מוזיק, כדי די אָנגעפרעסענע הינטנס זאָלן זיך קענען האָטשקען מיט די פראַנצעוואַטע זונות זייערע. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און שניי וועלן זיי ביי אונדז שאַרן. מירן זיי אויסטאָן די שיינע מונדירן און די קאַראַקולנע פוטערלעך און די וואַרעמע באַטעס מיט די טיפע קאַלאָשן און זיי וועלן שטיין האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע און אָפּשאַרן דעם שניי פון די פאַרפרוירענע

גאָסן, כדי עס זאָל זיין גרינג און באַקוועם פאַרן פּראָלעטאַריאַט גיין צו דער אַרבעט.

שמעון האָט אַ ווײַלע געשוויגן און אים געענטפערט פאַרעקשנט:

— נו, בין איך אַ קרומער קאָפּ. אָבער מיר דוכט זיך פּאַרט אַז אייך גייט נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך קענען גליטשען אין מיטן וואָך, ווי די בורזשועס זאָלן שטיין באָרוועסע אין קעלט און שאַרן שניי. איר ווילט נאָר איבערבייטן דעם סדר: די וואָס זענען איצט אין דער מעלה, זאָלן ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל און די, וואָס זענען איצט צען קלאַפטער אין דער ערד, זאָלן הערשעווען. איז „מה הועילו חכמים בתקנתן?״ וואָס וועט איר אויפטאָן מיט אייערע נייע פאַראַנדקעס? עס וועט אַלץ זיין דאָס זעלביקע ווי קהלת זאָגט: ושבתי אני און איך האָב ווידער געזען די אַלע רויבערייען, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון און אָט זענען די טרערן פון די באַרויבטע און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן, און די רויבער האָבן די מאַכט — און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן.

— איר שיט מיט פסוקים און מאמרי חז״ל ווי אַ ציג מיט באָבקעס — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט פאַראַכטונג. — דער פּועל־יוצא איז, אַז איר זייט מלמד זכות אויף די אָפּגעפרעסענע בורזשועס, יונקערס, פּאַראַזיטן און הענקערס — די שונאים פון פאָלק. איידער מען קען איינשטעלן יושר אויף דער וועלט, דאַרף מען אָט די גאַנצע חברה אָפּרוימען פון וועג.

שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אפשר זייט איר גערעכט. עס איז אַ פאַסקודנע וועלט. אָבער איך שרעק זיך פאַר אייער שנאה און גלוסט צו הערשעווען. איך האָב געלייענט פון אַ שרייבער מיטן נאָמען פּרץ אַ מאמר „האָפענונג און שרעק״. קלוגע טיפע רייד. ער שרעקט זיך אויך פאַר אייך.

— נו, ער שרעקט זיך? זאָל ער לייענען קריאת־שמע — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט ביטול. — איך האָב קיין מורא נישט. קיין ערגערע וועלט ווי איצט קען נישט זיין. אָבער איר ווייסט, איר זייט אַ טשיקאַווער מענטש. איר גריבלט זיך צופיל. וווהין צילט איר? איר וועט טאַקע בלייבן אייביק אין דער ישיבה?

— איך ווייס אַליין נישט, — האָט שמעון געענטפערט. — איך ווייס נאָר, אַז איך האָב אַ סך קשיות און ווייניק תירוצים. איך וואָלט געוואָלט זיין אַזאַ בקי און חריף אין דער תורה ווי ר׳ לייזער דער ראש־ישיבה, און אַזאַ געלערנ־טער אין חכמת חיצונית ווי יוליוס ליפערט און אפשר וואָלט זיך אַלץ מער גע־קלעפּט.

— איר דרייט אַ יאַרמולקע, — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט זיכערקייט.

— טוט אַ שפּיי אויף דער ישיבה מיט אירע כּניאָקעוואַטע לימודים און נעמט זיך צו לערנען רוסיש, ווערט אַן עקסטערן ווי דער מאַזירער און קומט צו אַ תּכלית. אין אַ יאָר־צוויי וועט איר קענען אָפּגעבן עקזאַמענס אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע און איר וועט ווערן אַ לייט.

שמעון האָט געענטפערט שפּאָטיש:

— און איך זאָל דערצו ווערן אַן „אַפּטיעקאַרסקי אוטשעניק" (אַ געהילף־אַפּטייקער). דעמאָלט וועלן קלאָר ווערן פאַר מיר אַלע רעטענישן, אַנטרונען וועלן ווערן אַלע ספיקות און פאַרענטפערט וועלן ווערן אַלע קשיות.

זאַנוויל האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם:

— איז פאַרוואָס נישט אַריינוואַרפן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? מיר בייטיקן זיך אין אינטעליגענטע כּוחות. איר וועט האָבן אַ ציל, אַ צוועק אין לעבן.

— איר ווילט איך זאָל ווערן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אייער ברודער האָט צו מיר טענות הלמאי איך בין נישט קיין ציוניסט. דער הצד השווה צווישן אייךביידן איז, וואָס איר ווילט איך זאָל פאַרלאָזן דאָס לערנען, ווייל די תּורה איז אַלט און אָפּגעלעבט. איך בין נאָך נישט גרייט מסכּים צו זיין מיט אייך.

— איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז איר גלייבט נאָך אַלץ אין די אַלע זאַבאָבאָנעס און אַז פאַר טראָגן אַ נאָז־טיכעלע אום שבת וועט מען ברענען און בראָטן אין גיהנום? אָדער אפשר וויל די וועלט נאָך אַלץ וויסן, וואָס מען זאָל טאָן ווען שור שנגח את הפרה — ווען אַן אָקס שטויסט אַ בהמה? איר האָט דאָך געלייענט יוליוס ליפּערטס „תּולדות השלמת האדם" און יוסף קלויזנערס „האדם הקדמון", איר האָט איינגעשלונגען גאַנץ מענדעלע ווי ער באַשרייבט קאַבצאַנסק, זעט איר נישט אַז דאָס האָבן אַלץ צוגעטראַכט רבנים כּדי צו האַלטן דאָס פּראָסטע פאָלק אין דער פינצטערניש? צוליב וואָס? דאָס פאָלק זאָל זיך נישט בונטעווען!

שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן:

— עס לייגט זיך נישט אויפן שכל אַז ר' עקיבא, רבי הקדוש, ר' סעדיה גאון, דער רבנו בחיי, מיין רבי געצל און ר' לייזער, אונדזער ראש־ישיבה דאָ, זענען אָפּנאַרער. בכלל זענען מיר אַ סך זאַכן קשה. אָט האָב איך געלייענט מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי". עפּעס דערציילט ער וועגן אַזעלכע מאָדנע בטלנים. איך לעב דאָך צווישן ייִדן. איך האָב נישט געזען אַזעלכע בטלנים ווי בנימין און סענדערל. ביי אונדז אין שטעטל געפינט זיך נאָר איין בטלן ווי בנימין און סענדערל, איז ער אַ יוצא מן הכּלל. ייִדן וואָס איך קען, האַנדלען, פאָרן, און זענען באַקאַנט מיט דער ברייטער וועלט — קלוגע סוחרים און זיי זענען לייטישער פון די פּריצישע הולטאַיעס. ביי מענדעלען זענען די מערסטע ייִדן שוטים, זעט איר זיין קליאַטשע געפעלט מיר.

— הייסט עס, אַז נאָר איר אַליין האָט גראָדן שכל — האָט זאַנוויל געענט־פערט, — אפשר וועט איר זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ בעסערע סאַטירע ווי מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי״?

— איר ווילט אָפּלאַכן, לאַכט אָפּ. איך בין דאָך נאָך אַ ייִנגל, — האָט שמעון געענטפערט מיט פאַרדרוס. — איך וועל ווערן פופצן יאָר ערשט שבת נחמו. אָבער טראַכטן, טראַכט איך און ספקות האָב איך: איך בין נאָך אַלץ מסופּק צי דער רבנו בחיי איז נישט גערעכט. די וועלט האָט זיך אַליין נישט געקענט שאַפן.

— עס גייט אייך אין לעבן דאָס צו וויסן — האָט זאַנוויל געשפּאָט.

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט, — עס גייט מיר אין לעבן דאָס צו וויסן. דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים. איך וואָלט געוואָלט לערנען ביז איך וועל אויסגעפינען דעם תכלית פון דער וועלט. אויף אויסצוגעפינען דאָס דאַרף מען קענען תורה און חכמה. אין ישיבה רעדט מען, אַז הרב ריינעס האָט געעפנט אַ ישיבה אין לידע, ווו מען לערנט תורה און השכלה.

— נו, פאָרט מען אַהין.

— גרינג צו זאָגן, — האָט שמעון געענטפערט, — קיין טעג עסט מען נישט דאָרטן. די תמיכה איז אַ קליינע. אָנקומען אַהין איז שווער, עס זענען פאַראַן מער בעלנים ווי שטענדערס אין דער ישיבה. מיין טאַטע־מאַמע זענען קבצנים אין זיבן פּאָלעס. איר זעט? עס איז גאָרנישט אַזוי פּשוט.

— צוערשט דאַרפט איר פאָרן אַהיים, — האָט זאַנוויל געזאָגט.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?

— אַ פּלאַן האָב איך, — האָט זאַנוויל געענטפערט. — אָבער זאָגט מיר, איר זייט שוין אַ יאָר און אַ האַלב פון דער היים, בענקט איר נישט נאָך טאַטע־מאַמע? איר האָט דאָך ברידער און שוועסטער.

שמעון האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט. עס האָט אים ווי אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ:

— איר ווייסט, זאַנוויל, איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. אָבער אַז איר האָט מיך געפרעגט, מוז איך זיך מודה זיין: איך האָב קיינמאָל נישט געבענקט אַהיים.

זאַנוויל האָט אַזש אַ פייף געטאָן:

— איר זייט שוין איין מאָל אַ פּרי, איך האָב נאָך אַזוינס נישט געהערט, נישט געזען און נישט געלייענט אין קיין ראָמאַן. עס איז חוץ מדרך הטבע. אַ דרייצן־יאָריק ייִנגל פאָרט אַוועק פון דער היים און בענקט נישט נאָך אייגענע טאַטע־מאַמע. נאָר אפשר איז נישטאָ נאָך וועמען צו בענקען — נישט קיין לייטישע מענטשן.

— חלילה, — האָט שמעון געענטפערט אַ פּאַרציטערטער. —ביידע טייע־רע ייִדן און גינציקע און איך האָב זיי ליב אהבת נפש. איך בין ביי זיי דאָס אויבערשטע פון שטייסל. עס איז מיין שולד. איך בין נישט קיין לייט. אַלעמאָל איז דער קאָפּ מיט עפּעס פאַרנומען — לערנען, ספקות, זוכעניש. עפּעס אַ מאָד־נער דורשט פון נייגעריקייט. בלייבט ווייניק צייט. נישט צייט געהאַט צו בענקען.

זאַנוויל האָט באַקוקט דאָס מאָדנע ייִנגל און געפרעגט:

— האָט איר קיינמאָל נישט געשריבן קיין בריוו אַהיים?

— חלילה, אַלע וואָך שרייב איך אַ קאַרטל, חוץ איין מאָל אין צוויי וואָכן אַ לאַנגן בריוו. ווען די מאַמע וואָלט נישט געקראָגן פון מיר קיין בריוו נאָר איין וואָך, וואָלט זי אויסגעוויינט די אויגן פון איבערטראַכטעניש און שרעק. אָבער בענקען האָב איך נישט געבענקט און בענק איצט נישט.

זאַנוויל האָט גערעדט מער צו זיך ווי צו שמעונען:

— עס איז אַ יאָט וואָס איז אַזוי פאַרפלאָנטערט ווי אַ גאַרן פאָדעם, נאָך דעם ווי אַ קאַץ האָט זיך מיט אים אָנגעשפּילט. נו, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו שמעונען: — לאָמיר אַראָפּגיין פון איירערע טיפע דרכים און ריידן תכלית. איך מיין איר זאָלט אַוועקפאָרן פון דאַנען נישט סוף זמן, נאָר נאָך פּאַר פּורים. איר וועט זיך זען מיט טאַטע־מאַמע און צייט האָבן צו קריגן אַ קאָנדי־ציע (אַ קנעלונג) אין אַ דאָרף פאַרן זומער. איר וועט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל און האָבן מיט וואָס צו פאָרן קיין לידע. איך זע דאָך שוין איר מוזט אַליין צוזאַמענ־שטעלן דעם וועליסאָפּעד, וואָס די פאַבריק מאַכט עס מיט אַ מאַשין. פאַרפאַלן, אַזאַ מענטש זייט איר.

— זעט איר, — האָט שמעון געענטפערט, — אייער עצה וועגן לידע גע־פעלט מיר.

*****

צוויי וואָכן פאַר פּורים האָט שמעון געשריבן דער מאַמען, אַז ער וועט אַרויספאָרן פון קרעמענטשוג באַלד נאָך פּורים. ער האָט דערהאַלטן אַ פריידיקן בריוו פון דער מאַמען: „דער פּסח וועט ביי אונדז זיין אַ מלכותדיקער. אין שטוב איז שוין איצט אַ שמחה. דאָס גאַנצע שטעטל וואַרט אויף דיר. מיר שיקן דיר צען רובל, קלייד זיך אויס אַביסל. עס איז גוט וואָס דו קומסט באַלד נאָך פּורים. עס וועט זיין גענוג צייט דיר אויפצונייען אַ „קאָסציום" און אַ ליעטניק (זומער־מאַנטל) אויף פּסח".

אין דעם שבת־צו־נאַכט פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער אָפּגעבראַכט די ביכער, וואָס ער האָט געליִען ביי ר' אביגדורן, זאַנווילס ברודער. שמעון האָט אים באַ־דאַנקט און אַביגדור האָט אים געבעטן זיצן:

— זיצט אַ ווײַלע, מירן טרינקען אַ גלאָז טיי און אַ שמועס טאָן.

ביים טרינקען טיי האָט אביגדור זיך אָנגערופן:

— איך האָב געהערט, אַז איר פּאַרט לערנען אין לידע. באמת אַ גלייכע זאַך. דאָרטן איז דער אמתער מיזוג (סינטעז) פון תורה און השכלה. דער מייטשישער עילוי זאָגט דאָרטן אַלע וואָך אַ שיעור, און דער לערער פון העברעיִש איז פּנחס שיפּמאַן, לערערס פּאַר רוסיש האָבן זיי אויך געהויבענע. הרב ריינעס אַליין איז דאָך דער פירער פון די ציונים חרדים (אָרטאָדאָקסישע ציוניסטן). אין לידע איז, ווי ביאַליק זאָגט, דער אמתער „בית היוצר לנשמת האמה" (דאָס שאַפונג־הויז פון דער יידישער נשמה). לידע וועט נאָך ווערן אַ גרעסערער מקום־תורה ווי וואָלאָזשין איז געווען, ווייל הרב ריינעס ווייסט, אַז תורה אָן השכלה קען אין היינטיקע צייטן נישט האָבן קיין קיום.

שמעון האָט געענטפערט:

— ר' אביגדור, דערווייל וויל איך נאָר פאָרן קיין לידע. ראשית ווייס איך נאָך נישט צי מען וועט מיך אָננעמען און שנית, ווייס איך נאָך נישט ווי אַזוי איך וועל זיך אָן עצה געבן מיט געלט.

— אַז מען וועט אייך אַריינגעמען אַהין, אין דעם בין איך בטוח. איך האָב אַ גוטן סימן: מיין ברודער זאַנוויל האַלט פון אייך אָן עולם ומלואו. און ביי מיין ברודער איז יעדערער, וואָס איז נישט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט אָדער אַ בונדאָוועץ, אַ בהמה, אַ פערד, אַן אייזל, אַ פאַרקויפטע נשמה און אַ פאַרפירטער. אויף אייך זאָגט ער, אַז איר זייט אַן אינדיווידואַליסט, אַ מענטש וואָס טראַכט זעלבסטשטענדיק. היינט זייט איר אַ למדן און זייט אַפילו אַ בקי אין „ספר האמונות והדעות" און איר קענט דעם שער היחוד פון „חובות הלבבות" אויף אויסנווייניק — און ...

— אַ דאַנק, אָבער ער איז מגזם — האָט שמעון געענטפערט פאַרשעמט.

— יאָ, מיין ברודער איז אָפט מגזם, אָבער נאָר ווען ער רעדט לגנאי. אויף מיר זאָגט ער אַז דעם טייטש פון באַזונדערע ווערטער כאַפּ איך נאָך אַמאָל אויף, אָבער פאַרטייטשן אַ גאַנצן פּסוק קען איך נישט. אַמאָל זאָגט ער, אַז איך קען נאָר זאָגן קמץ־אלף אָ, אָבער קיין טראַף נישט. אָבער לשבח? לויבן עמעצן, דאָס טרייבט ער קיינמאָל נישט איבער. יאָ, נאָך עפּעס, אירט מיר מוחל זיין, איך מיין נישט חלילה עמעצן מבייש צו זיין, אָבער איך מיין אַז איר וועט קענען פאַרנוצן אַ פינף און צוואַנציקער אויף הוצאות. נאַט, אָט האָט איר עס.

אביגדור האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און שמעון איז אויפגעשפרונגען פון בושה:

— ניטע, ר' אביגדור, חלילה... איך נעם נישט קיין קצבה.

— וואָס שייך קצבה? — האָט אביגדור געענטפערט, — ביי מיר איז עס באַצאָלן אַ חוב. איך גיב אָפּ אַ גמילת־חסד. אַ ייד אַ משכיל, אין מיין שטעטל,

האָט מיר געהאָלפן אַרויסרײַסן זיך פון דער פינצטערניש. אים קען איך נישט אומקערן דעם גמילת־חסד. עס איז שוין אַ קיימאַ־לן פון פערציק יאָר, זוך איך עמעצן אומצוקערן דעם חוב. אײַך אָפּגעבן דעם גמילת־חסד איז מיר גאָר ליב. איר פאָרט דאָך קיין לידע.

— אַ דאַנק, ר׳ אביגדור, — האָט שמעון געענטפערט, — אָבער נעמען בײַ אײַך געלט קען גאָר זײַן אַ מקח טעות. ווי אַז לידע וועט מיר נישט געפעלן ווערן?

— איך וועל אײַנשטעלן.

— אויף נאמנות, ר׳ אביגדור, איך נייטיק זיך נישט אין קיין געלט. אָבער איר ווייסט, עס באַפאַלט מיך אַ פחד פון דעם גרויסן בטחון, וואָס מענטשן האָבן אין מיר. אין שטעטל האָט אַ פראָסטער ייִד, אַ בעל־עגלה, זלמן הומאַן, מיך געבראַכט צום פּאַראַכאַד און מיר אַרײַנגעשטעקט אַ דרײַערל אין האַנט און איז אַנטלאָפן. ער האָט געהאַט בטחון אַז איך וועל ווערן אַ רב. איצט האָט איר בטחון אַז איך וועל ווערן אַ גרויסער משכיל און וועל מאַכן דעם מיזוג (סינטעז) פון ייִדישקייט מיט השכלה. ווי אַז איך וועל אײַך אָפּנאַרן, ווי איך האָב אָפּגענאַרט זלמן הומאַן? איך וועל גאָר ווערן פרום אָדער אַ מתבולל (אַסימילאַטאָר) אָדער אַ קאַריעריסט און וועל רײַך ווערן און זיך אָפּגעבן נאָר מיט גשמיות?

אביגדור האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פאַר פרום ווערן, וועל איך ערב זײַן. און אויב איר, ווי אײנער פון דעם נײַעם דור משכילים, וועט קומען צו דער הסכמה, אַז פרומקייט איז אויך אַן ענין פאַר משכילים, איז אדרבה ואדרבה. אַ קאַריעריסט? איך וועל שווערן אַז איר וועט ווערן אַ מלמד אָדער אַ שרײַבער, אָבער נישט קיין קאַריעריסט. אַ בחורל אין אײַער מצב, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַ פינף און צוואַנציקער האָט אַ יצר־הרע צו געלט ווי אַ טומטום צום שײנעם מין.

שמעון האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול:

— אַ גוטע וואָך, ר׳ אביגדור. אַ דאַנק פאַר די ביכער וואָס איר האָט מיר אויסגעליִען.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע וואָך און אַ גוט יאָר. מײַן ביבליאָטעק וועט נאָך אײַך בענקען. מײנע קינדער די גימנאַזיסטן דאַרפן נישט מײנע העברעיִשע ספרים. פאָרט און זײַט מצליח.

אַ סך שווערער איז אָנגעקומען שמעונען זיך צו געזעגענען מיט ר׳ לײזערן. ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו קומען צו אים און בעטן בײַ אים אַ המלצה־בריוו צו הרב רײַנעס אין לידע. רײַנעס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ משכיל. ער האָט נאָך געהאַט ווײניקער דרייסטקייט אָפּצופאָרן אָן אַ זײַ־געזונט. האָט ער אָפּגעלײגט פון טאָג צו טאָג צו געזעגענען זיך מיט ר׳ לײזערן ביז ער האָט שוין

מער נישט געקענט אָפּלייגן. דריי טעג פֿאַרן אָפּפֿאָרן איז ער געקומען זיך גע־זעגענען מיטן ראש ישיבה.

ר׳ לייזער האָט אויסגעהערט שמעונען און געזאָגט מיט נישט קיין באַהאַל־טענעם פֿאַרדרוס:

— איך האָב זיך טועה געווען, קאַלינקאָוויטשער. איך האָב געמיינט, אַז איר וועט פֿאָרן קיין טעלז, לאָמזשע אָדער אין דער־מיר.

דער ראש־ישיבה האָט זיך נישט גערירט אויף שמעונס אָפּנהאַרציקייט:

— אָבער רבי, ס׳איז אָדער פֿאָרן קיין לידע, אַנישט דאַרף איך ווערן אַן עקסטערן.

— דאָס איז מיר כולו מוקשה, — האָט ר׳ לייזער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — פֿאַרוואָס נאָר אַזאַ ברירה? מילא, די וואָס זענען אַנטלאָפֿן, זענען שוין אין דער נעץ פֿון שטן, געפֿאַנגענע און געבונדענע. אָבער די, וואָס זוכן אַ דרך, דאַרפֿן זיך בעסער מער פֿאַרטיפֿן אין דער תורה. ס׳איז גוט, וואָס איר האָט אָפּט אַריינגעקוקט אין „חובות הלבבות״. אָבער איר האָט געדאַרפֿט אויך לערנען דעם „מסילת ישרים״, אַריינקוקן אין „מנורת המאור״ און דער עיקר לערנען גמרא מיט מפרשים. דער לימוד תורה קען אַלץ איינשטעלן און פֿאַרענטפֿערן.

— רבי, — האָט שמעון געענטפֿערט, — ווען איך זאָל פֿאָרן קיין טעלז אָדער לאָמזשע וואָלט איך געדאַרפֿט פֿעלשעווען.

— היתכן?

— רבי, — האָט שמעון געזאָגט, — ס׳איז שווער צו בלייבן אָפּגעזונ־דערט. די גאַנצע וועלט קאָכט און זידט — יעדער איינער האָט זיין אמת. דער איז אַ ציוניסט, יענער איז אַ דעמאָקראַט, ס׳זענען דאָ טעריטאָריאַליסטן, סיי־מיסטן — יעדער איינער טענהט אַז זיין אמת איז דער אמתער אמת. דער צד השוה פֿון זיי אַלעמען איז כפירה. ווען איך זאָל אַפֿילו פֿאַרשטאָפֿן די אויערן, מוז עפּעס וואָס אַריינדרינגען. הייבט מען אָן פֿון ודע מה שתשיב — ווייס וואָס צו ענטפֿערן — מוז מען אָנקומען צו ספרים חיצונים. און די ספרים זייערע האָבן אַ כישוף, רבי. איז ווען מען טאָר נישט, אָדער מען לאָזט נישט לייענען בפרהסיה, פֿעלשעוועט מען. אָפּט האַלט מען אַפֿילו אַ ביכל אונטער אַ גמרא. נו, שוין בע־סער, רבי, צו לערנען די אַלע לימודים בפרהסיה. מוז איך פֿאָרן קיין לידע. לאָ־מיר טאַקע אויסגעפֿינען הכצעקתה? אָפּנאַרעריי איז מיר דערווידער.

ווען שמעון האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט זיך לכתחילה ר׳ לייזערס פּנים פֿאַרכמורעט, אָבער ביסלעכווייז איז דער פֿאַרדרוס פֿאַרשוווּנדן ביים ראש־ישיבה. ווען שמעון האָט געענדיקט, האָט דער רבי זיך אָפּגערופֿן:

— ס׳איז גוט, קאַלינקאָוויטשער, וואָס איר נעמט אויף אַלץ בכובד ראש, ערנסט. און אַוודאי איז פֿיין, וואָס איר היט זיך נישט צו זיין אחד בפּה ואחד

בלב. אָבער אייער וועג איז פּאָרט אַ קרומער. אין אייערע יאָרן טאָרט איר זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע הויכע ענינים. ס׳איז אַ סכנה. איר דאַרפט פאָרן קיין לאָמזשע אָדער טעלז און נאָך בעסער קיין סלאָבאָדקע. איר וועט דאָרט גיכער קריגן מנוחת־הנפש ווי אין לידע.

— רבי, — האָט שמעון געענטפערט באַשלאָסן, — איך מוז פאָרן קיין לידע. הרב ריינעס איז אַפילו אַ ציוניסט אָבער אַ גדול בישראל. גיט מיר אַ המלצה־בריוו צו אים, וועט מיר זיין גרינגער אָנצוקומען אַהין, ווייל עס זענען פאַראַן אַ סך קופּצים (די וואָס ווילן) אָנצוקומען אין לידע, אין הרב ריינעס ישיבה.

רבי לייזער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשטרעקט די האַנט צו שמעו־נען און געזאָגט:

— פאָרט געזונטערהייט, קאַלינקאָוויטשער. זאָל דער השם יתברך אייך העלפן צו גיין אויפן דרך הישר. זייט מצליח.

קיין המלצה־בריוו האָט ער אים נישט געגעבן.

שמעון געדענקט נישט ווי אַזוי ער האָט זיך געזעגנט מיט צלאלן. ער גע־דענקט נאָר דעם לעצטן פאַרטאָג. ער איז געזעסן פאַרן דאַוונען און געטרונקען טיי מיט צלאלן און צובייסן איז געלעגן אויף אַ טעלער (שמעון האָט שוין דע־מאָלט געגעסן פאַרן דאַוונען). צלאל האָט געקויפט פיינע פּיראָזשינעס. שמעון האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעלערנט גוט ריידן קיין רוסיש אָדער שרייבן. לייענען האָט ער געלייענט מיט שוועריקייטן. אָבער עד היום זענען ביי אים געבליבן ווערטער און פראַזן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט געשעענישן, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט אַ רושם.

פון יענעם פאַרטאָג איז ביי אים אין געדעכעניש געבליבן אַ רוסישע פראַזע. צלאל איז געשטאַנען לעבן אים אַ טרויעריקער און געזאָגט באַהאַרצט:

— מאָי סערדעטשני דרוג, וואזמיטיע יעשטשאָ פּיראָזשנאָיע (האַרציקער חבר מיינער, נעמט נאָך אַ פּיראָזשינע).

קאַפּיטל 10

צוריק אַהיים

שעהן איידער די באַן איז אָנגעקומען קיין קאַלינקאָוויטש, האָט שמעונס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און גיכער. אַ היימישקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פון די גרינע סאָסנע־װעלדער, וואָס האָבן איצט, סוף ווינטער, אויסגעקוקט נאָך גרינער און פרישער ווי זומער, צוליב דעם שניי וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער ערד אונטער די ביימער. די נאַקעטע בעריאָזע־ביימלעך, וואָס האָבן פאַרבלענדט דאָס אויג מיט דער ווייסקייט פון זייערע שטאַמען, זענען געווען אייגן און ליב. ביים שליאַך זענען געשטאַנען, די צווישן זיך פאַרפלאָנטערטע, קורצע ניס־ביימלעך און אַביסל ווייטער האָט זיך געוויגט דער גרוי־ברוינלעכער צעראַט אויף די שניי און אייז צוגעדעקטע בלאָטעס. דער שניי און אייז זענען שוין געווען שוואַרצלעך. שמעון האָט געקוקט אויף די דין־ריטלדיקע, לאַנג־צווייגנדיקע, איינגעבויגענע ווערבעס, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ברעגעס פון די אָזערעס, וואָס דער אייז אויף זיי, איז שוין געווען אויפגעהאַרבעט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט צווישן די ביימער בושלעס און ער הערט זייער געמאָסטענעם קלאַפּן מיט די שנאָבלען, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט. אַלץ האָט אויסגעקוקט אייגן און היימיש, אַפילו דאָס שלענגלען זיך פון דעם רויך, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון די קוימענס פון די נידעריקע מיט שטרוי באַדעקטע פּויערשע כאַטעס.

אַ גרויס פרייד איז אים באַפאַלן. ער פאָרט אַהיים צו משפחה און אויפן וואָקזאַל, פון פריִער אָפּגעמאַכט, וועט אים באַגעגענען זלמן הומאַן.

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען שמעון איז אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה, האָט זלמן הומאַן ביי אים גענומען אַ תקיעת־כף און געזאָגט צו אים:

— געדענק, שמעונקע, דו גיסט מיר איצט אַ תקיעת־כף, אַז ווען דו וועסט, אם ירצה השם, צוריקקומען פון קרעמענטשוג, זאָלסטו פריִער שרייבן דער מאַמען דעם ריכטיקן טאָג און די ריכטיקע שעה ווען דו וועסט נעמען דעם פּאַיעזד

(באַן) אָדער פאַראַכאַד דאָרטן, וועל איך שוין וויסן ווען דו וועסט אָנקומען צו אונדז און איך וועל דיך באַגעגענען און נעמען אַהיים מיט מיין פערד און וואָגן.

שמעון האָט צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט.

זלמן האָט אויך געהאַלטן וואָרט. שמעון איז אָנגעקומען מיט דער פּאַרטאַ־גיקער באַן און זלמן האָט אויף אים געוואַרט. דער בעל־עגלה האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און אַרויסגעשאָסן מיט פּאַרדרוס:

— אַ בראַנד אין די קישקעס דער חזירשער מלוכה אונדזערער. זי פּירט באַנען! מען קען קיינמאָל נישט אויסחשבונען ווען אַ מענטש קומט אָן. דריי באַ־נען קומען אָן אַ טאָג און אַלעמאָל אין צייט, צו דער מינוט. אָבער אַז מען פאָרט פון ערגעץ אַרויס, איז ווען דו פאָרסט אַרויס ווייסטו צו דער סעקונדע, אָבער ווען וועסטו אָנקומען? „דודקי בראַט״ (אַ פייג, ברודערל) ווייסטו. „פּערעסאַד־קעס״ און „פּערעסאַדקעס״ (איבערזעצן זיך פון איין באַן אויף דער אַנדערער). וויפל עס נעמט אַ פּערעסאַדקע איז אַ גאָט־זאַך. דריי באַנען האָב איך אָפּגע־וואַרט. נאָכן רעכענונג נאָך, האָסטו געדאַרפט אָנקומען פאַרנאַכט. איז דער פאַר־נאַכטיקער פּאַיעזד אַוועק, דער מיטנאַכטיקער פּאַיעזד איז שוין אָנגעקומען און דו ביסט גאָר אויף דעם פּאַרטאָגיקן פּאַיעזד. איך האָב פאַרלוירן צוויי נסיעות מיט משא. אַ פאַראַנדעק! „אַך טי יבנה בית המקדש!״ (ס׳איז דער יידישער אויסדרוק נאָכצומאַכן אַ מיאוסע רוסישע קללה).

שמעון האָט אים אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט און געזאָגט:

— נישט געדאַרפט פאַרלירן קיין פּרנסה צוליב מיר, ר׳ זלמן.

— אַזוי פּסקנסטו, לערנער מיינער? — האָט זלמן געפרעגט פאַרוואונדערט.

— נישט געדאַרפט פאַרלירן קיין פּרנסה. און האַלטן אַ תקיעת־כף?

— איך האָב דאָך אייך געגעבן דעם תקיעת־כף, נישט איר מיר — האָט שמעון געענטפערט.

זלמן האָט געטייטלט מיטן פינגער:

— שמעונקע, פאַרדריי מיר נישט מיין בעל־עגלהשן קאָפּ. איך האָב גע־האַלטן דיין האַנט אין מיינער, פונקט ווי דו האָסט געהאַלטן מיין האַנט אין דיינער. אַ תקיעת־כף גילט אויף ביידן.

זלמן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קנאַק געטאָן מיטן בייטש־שטעקל אויף דער כאַלעווע:

— וואָס שטיי איך אויף דער פּלאַטפאָרמע און בעבע? קום, די מאַמע וואַרט.

זלמן האָט גענומען שמעונס קעסטל און זיך געלאָזן גיין צום דרויסן, וווּ עס זענען געשטאַנען די געשפּאַנען פון די פּאַסאַזשיר־בעלי־עגלות. ער האָט גע־דאַרפט דורכגיין דעם וואַרט־זאַל. אין דער ליכטיקייט פון גרויסן בליץ־לאָמפּ,

וואָס איז געהאָנגען אויף דער סטעליע אַראָפּגעלאָזן אויף אַ קייט, האָט ער ערשט גוט אָנגעקוקט שמעונען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זע נאָר, דו ביסט דער זעלביקער איינגעדאַרטער טכוירל, אַביסל אונ־טערגעוואַקסן, אָבער דאַר און קוואַר און אַלץ הענגט אויף דיר. מסתמא גע־שטאָפּט דעם קאָפּ מיט תורה און פאַרקוקט דעם בויך.

— עט, ר׳ זלמן, האָט אויף מיר קיין רחמנות נישט. איך בין פון הונגער נישט געשטאָרבן.

— ווער האָט אויף דיר רחמנות, יעוויונוק (אַזאַ דינע פיש)? איך בין דיך מקנא. אַלע קענען אָנפּאַקן דעם טרעמבעד. אָבער אָנפילן דעם קאָפּ מיט תורה? דאָס דאַרף מען קענען. אָבער קום, איך האָב זיך שוין ווייטער צערעדט.

זיי זענען אַרויס פון וואָקזאַל. ווען די בעל־עגלות האָבן זיי דערזען, זענען זיי אָנגעפאַלן אויף זלמנען:

— פון ווען אָן, זלמן, פירסטו „שודאַקעס״ (פּאַסאַזשירן)? ביסט דאָך אַ משא־בעל־עגלה, וואָס קריכסטו אין יענעמס גאָרטן?

— זע נאָר ווי די פערדאַקעס האָבן זיך צעקאַלויטשעט מיט די צינגער — האָט זלמן זיך צעקלונגען מיט זיין גלאָקן־קול — איר קייט דאָך די זויקע ווי בהמות. וואָס פאַראַ שודאַקעס פיר איך? „קוילע מיינע געגנדזער״ — וויפל האָסטו? „אַט איז מיין גענדזעלע״. און דאָס גענדזעלע זעט איר נישט, ווער דאָס איז? ס׳איז דאָך מערעס נחת געקומען אַהיים פון דער ישיבה. כאַמוטעס וואָס איר זייט! איך האָב נאָך פאַר צוויי יאָרן אים געגעבן אַ תקיעת־כף, אַז איך באַגעגן אים ווען ער וועט צוריקקומען. צוויי פורן פרנסה האָב איך פאַרלוירן צוליב מיין תקיעת־כף און איר האָט זיך צעיאַכמערט: „וואָס קריכסטו אין יע־נעמס גאָרטן?״.

די בעלי־עגלות האָבן באַקוקט שמעונען: טאַקע, ס׳איז מערע ירוחמס לער־נער. זיי זענען צו אים צוגעגאַנגען און אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם. זלמן האָט אַ קלונג געטאָן מיט זיין קול:

— נו, בייטש־שטעקלעך, צופרידן? שאַ, מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק... איי, הענעך, האָסטו עפּעס שודאַקעס צו פירן?

— קיין סימן פון אַ מאַן גרייפּל, — האָט הענעך געענטפערט.

— איז הער־זשע מיט קאָפּ, — האָט זלמן געזאָגט, — פאָרסטו דאָך מיט ליידיקן און איך וויל נישט פירן שמעונען אויף מיין משא־וואָגן, ער איז נישט קיין זעקל זאַלץ אָדער פעסל הערינג. איך וויל ער זאָל זיצן ווייך, אין אַ בריטש־קע אויף רעסאָרן, און איך אויף דער קעלניע, ווי מען פירט אַ געהויבענעם פּאַ־סאַזשיר. איז לאָמיר זיך בייטן מיט די געשפּאַנען. קריגסט ביי מיר דערפאַר אַ פערטעלע. איך נעם דיין בריטשקע און דו פירסט אָפּ מיינע סוסים צו מיר אַהיים.

הענעך האָט געענטפערט צופרידן: — מיטן גרעסטן כבוד זלמן, נעם מיין בריטשקע, אָבער איך זאָג דיר, ביסט משוגע ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך אָנגע־געסן מיט רומיאַנעק. דו דאַרפסט זיך לאָזן בינדן.

— וואָס באַלעמוטשעסטו, הענעך? — האָט זלמן געזאָגט. — נאַדיר דאָס פּערטעלע און נעם מיינע סוסים און איך קריך צו דיר אין בריטשקע.

ווען זלמן און שמעון זענען צוגעקומען צו הענעכס בריטשקע, האָט שמעון אַ זאָג געטאָן צום בעל־עגלה:

— ר׳ זלמן, איך זיץ מיט אייך אויף דער קעלניע. איך וויל נישט זיצן ווי אַ פּריץ און איר זאָלט מיך אַריינפירן אין שטעטל ווי מען פירט אַ שרהלע. איר האָט פאַרלוירן צוויי פורן פרנסה און נאָך צוגעצאָלט. איך בין עס נישט ווערט.

זלמן איז געבליבן שטיין אויף זיינע צעשפּרייטע פיס, מיט דעם קעסטל אין האַנט און געענטפערט פאַרוווּנדערט:

— וואָס מיינסטו, דו ביסט עס נישט ווערט? ביי מיר ביסטו עס ווערט. וויפל אַ זאַך איז ווערט, ווענדט זיך ווו און ביי וועמען. ביי אַ בעל־עגלה אונטער־וועגס, ווינטער, אין אַ פראָסט און אין אַ זאַווערוכע איז אַ טרונק בראָנפן ווערט אַ מאַיאָנטעק. ביי אַן ערשט חתונה געהאַטן איז דאָס ווייב ווערט אַ מיליאָן. ביי מיר אויסצופירן אַ תקיעת־כף איז ווערט צו פאַרלירן צוויי פורן פרנסה און דיך פירן אין אַ בריטשקע. מאַרודיע נישט, זעץ זיך אַריין אין בריטשקע און היידאַ. די מאַמע וואַרט.

שמעון איז אַריין אין בריטשקע, זיך געזעצט אויפן ווייכן זעץ און געטראַכט:

— זלמן פירט מיך ווי אַ שרהלע, ווייל ער מיינט, אַז איך בין נאָך אַלץ דער פרומער, תמימותדיקער ישיבה־בחור אַריינגעטאָן מיט קאָפּ און האַרץ אין לערנען. איי, ווען ער ווייס פון מיינע ספקות, וואָלט ער מיך אויך געפירט אַהיים ווי מען פירט אַ פריץ? און ווען ער ווייס נאָך, וואָס איך האָב נעכטן אָפּגעטאָן אין וואַ־גאָן? — אויפן קול האָט שמעון געזאָגט צו זלמנען:

— איי, ר׳ זלמן, איר צעפּעשטשעט מיך.

זלמן האָט אַ טרייב געטאָן די פערד און זיך נישט אומקערנדיק מיטן פנים צו שמעונען, האָט ער געזאָגט:

— איך צעפּעשטשע דיך? פאַרקערט גאָר. אָט רופסטו מיך ר׳ זלמן. פון ווען אָן און ביי וועמען בין איך עס אַ רעבי? ביי דיר גליטשט זיך דאָס אַראָפּ אַזוי גלאַט פון צונג, אַז איך גלייב דיר, אַז איך בין טאַקע אַ מורנו און עס מאַכט מיך גרויס אין מיינע אויגן. איז ווער צעפּעשטשעט וועמען? זיץ און קוק זיך אַרום, וואָס עס טוט זיך אַרום קאַלינקאָוויטש. אַ נייע וועלט.

זלמן איז געפאָרן מיטן פערד און וואָגן אויף אַ שאָסיי וואָס איז ערשט גע־מאַכט געוואָרן. ער האָט דעם גאַנצן וועג גערעדט:

— זעסט אַ שאָסיי? ער ציט זיך פֿון דער סטאַנציע ביזן זאַמד אַזש נאָך דער מאַנאָפּעליע. הײַנט װעסטו אָנקוקן דאָס בריקל איבער אונדזער טײַך? און אױפֿן זאַמד אַביסל אָפּגערוקט פֿון קלױסטער, װאָס מיר װעלן איצט פֿאַרבײַפֿאָרן האָט מען אױסגעבױט אַ פּאָזשאַרנע, צװײ עטאַזש. אונטן די פּאָזשאַרנע און אַ גרױסע סאַליע פֿאַר טרעאַטער און אױבן אַ צען חדרים — דאָרטן געפֿינט זיך די אופּראַװע און די אַקציע. ייִדן סוחרים קענען שױן באָרגן אַזױ גרױס װי פֿולע דרײַ הונדערט רובל.

שמעון האָט געהערט זלמנס רײד און נישט געהערט. ער איז געװען פֿאַרנורמען מיט זיך:

— איך האָב שױן אָנגעהױבן ריכטיק פֿעלשעװען. פֿאַר דער װעלט בין איך דער פֿרומער פֿײַנער לערנער. און פֿאַר זיך? װי אַזױ װעל איך קענען קוקן דער מאַמען אין די אױגן? װאָס װעל איך זאָגן ר׳ געצלען? דאָס שטעטל נעמט מיך אָן פֿאַר אַ פֿרומען לערנער און איך — נעכטן אױף דער באַן...

***

װען זלמן איז צוגעפֿאָרן מיט שמעונען אין דער בריטשקע צו דער שטוב, איז קײנער נישט אַרױסגעלאָפֿן זײ אַנטקעגן. קײנעם איז נישט אײַנגעפֿאַלן אַז דאָס האָט זלמן געבראַכט שמעונען. זלמנס לאַסט־פֿערד פֿאָרן נישט צו מיט אַזאַ טראַסק און טומל. לאַסט־פֿערד, אַפֿילו װען זײ יאָגן זיך, לױפֿן מיט אַ שװערן טראָט און דער משא־װאָגן האָט אַ דומפּן אָפּהילך. און דאָ איז צו דער שטוב צוגעפֿאָרן אַ גרינגע בריטשקעלע אױף רעסאָרן מיט גומענע שינעס אױף די רעדער און דאָס קלאַפּן פֿון די קאָפּיטעס פֿון די פֿערד איז געװען גרינג און לײַכט, װי דער שטײגער איז פֿון לױפֿער־פֿערד. די שטוביקע האָבן אָנגענומען אַז אַ דראָשקאַר מיט זײַנעם אַ פּאַסאַזשיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו קױפֿן פֿרישע בײגל אױף אָנבײַסן.

זלמן האָט אױפֿגעפּראַלט די טיר און אַרױסגעקלונגען:

— אָט, מערע, האָב איך דיר געבראַכט דײַן נחת!

מערע איז געבליבן שטײן מיטן אױפֿגעהױבענעם „ראַזאָן” אין האַנט, גרײט אַרױסנעמען די בײגל פֿון אױװן. רחל־לאה האָט אַ קװיטשע געטאָן: „װײ צו מיר, ס׳איז אַן אמת, איך חלש!”, און זי איז געבליבן זיצן מיט אױסגעגלאָצטע אױגן בײַם װאַלגער־ברעט. פֿאַר אַ װײַלע האָט זיך שמעונען געדוכט, אַז אַפֿילו דאָס פֿײַער אין אױװן האָט אױפֿגעהערט צו פֿלאַקערן. באַלד האָט זיך אַלץ אַ ריר געטאָן. די מאַמע האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, אים אָנגעהױבן קושן און זיך צעװײנט. רחל־לאה האָט זיך צעשריִען: „טאַטע, קינדער, שמעון איז געקומען, שטײט אױף! שטײט אױף!”. תיכּף נאָך דעם האָט זי גענומען קלאַפּן אין דער

טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט דער שוועסטער גיטעס שטוב פון דער בעקעריי: „גיטע, שמואל־חיים, רייזל, שמעון איז געקומען!"

אַלע קינדער, ברײַנע, שמחה, עלקע, בנימין און פון דער שוועסטער גיטעס שטוב איז אַרויסגעלאָפן רייזל און דערנאָך דער שוואָגער שמואל־חיים און גיטע — אַלע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט שמעונען. די קלענערע קינדער האָבן געשריִען און געקוויטשעט און אַלע אינאיינעם האָבן אים פאַרוואָרפן מיט פראַגעס: פאַרוואָס איז ער געקומען מיטן פאַרטאָגיקן פּאָיעזד, ווען ער האָט געדאַרפט קומען מיטן פאַרנאַכטיקן? איז ער שלעפעריק? איז ער הונגעריק? און די קליינע עלקעלע מיט אירע ברוינע אויגן איז געשטאַנען אַ האַלב־נאַקעטע און געשלעפט שמעונען ביי דער פּאָלע: האָסט מיר געבראַכט אַ „גאָסטינעץ" (אַ מתנה)? דער טאַטע ירוחם איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געווישט די אויגן.

זלמן איז געשטאַנען און אָנגעקוקט צופרידן די פרייד און טומל און דערנאָך זיך צעשריִען:

— ווי איך בין אַ ייִד, אַט באַלד הייב איך אָן צו „כוואַשטשען" מיט דער בייטש. זעט נאָר ס'אַ גערודער, טומל, הו־האַ, האַרמידער, קוויטשעניש און געוויין עס איז געוואָרן! גזלנים, לאָזט זיך אים כאַטש אָוועקזעצן. און דו, מערע, וואָס האָסטו זיך צערעוועט ווי אַ בהמה, וואָס מ'האָט ביי איר צוגענומען דאָס קעלבל? ער איז דאָך דאָ מיט דיר. ער וועט פון דיר נישט אַנטלויפן. טו אַ קוק אין אויוון. ס'איז דאָרטן אַ פּאַזשאַר (אַ שריפה), אַ לאָפּעטע בייגל שרפהט. און דו, ירוחם! שטייסט דאָך אין הוילע גאַטקעס!

זלמנס געשריי האָט געהאָלפן.

אַט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט, געדענקט שמעון יענעם פרימאָרגן. ער איז געזעסן און אויסגעטיילט די מתנות וואָס ער האָט געבראַכט: דעם טאַטן אַ פּעקל שערעשעווסקיס טאַבאַק, דער מאַמען אַ נייע תחינה. רחל־לאהן דעם כלה־מיידל אַ שנירל קאָרעדל — בלויע, רויטע און גרינע קרעלן געמישט. ברײַנען, אַ מיידל אַ יאָר דרייצן, אַ שפּילקע וואָס האָט געגלאַנצט ווי ריין גאָלד. שמחהן, אַ בחורל פון אַ יאָר עלף, אַ קעשענע־מעסערל מיט צוויי קלינגלעך. עלקעלען אַ פילקע (אַ באַל) און בנימינקען, דעם זעקס־יאָריקן יינגל, אַ בענטשערל.

עלקעלע האָט גענומען די פּילקע און זי אַ קלאַפּ געטאָן. די פּילקע איז אָפּגעשפּרונגען און זיך פאַרקייקלט אונטער דער קאַנאַפּע און עלקעלע האָט געשטעלט „הובעלעך" (ליפּעלעך): „מאַמע, דער „מיאַטש" איז אַ שלעכטער, ער איז אַנטלאָפן אונטער דער קאַנאַפּע". און איצט, ווען שמעון שרייבט, זיצט אַנטקעגן אים אויפן דיל זיין אייניקל דינה. זי שפּילט זיך מיט אַ באַל און דער באַל האָט זיך פאַרקייקלט אונטער דער ווייכער מאַסיווער סאָפע. דינה רופט אויס מיט פאַרדרוס: „זיידע, איט איז עי נאָטהי באַל, איט רען אאוט אָן מי, געט

איט" (זיידע, דער באַל איז צעלאָזן, ער איז אַנטלאָפן פון מיר. דערלאַנג אים מיר).

שמעון קוקט אויף איר; ווי צוויי טראָפּנס וואַסער — זי און עלקעלע: אַן איידל פּנימל, פאַרשפּיצט ווי אַ באַרנע. בלאָנדע האָר און טיף־ברוינע אויגן. די ליפּן דינע, פאַרעקשנטע ווי ביי דער מאַמע מערע. ס'איז עלקעלע. די זעלביקע רייד. אָבער פאַרוואָס רעדט זי אויף אַ נישט־יידישן לשון?

שמעון טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ: אַסאָציאַציעס און אויסדוכטעניש. ער הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער סאָפע, נעמט אַרויס דעם באַל, גיט אים צום קינד און זאָגט צו איר:

— דער זיידע איז פאַרנומען, שטער אים נישט און רייד צו מיר יידיש, ווי איך צו דיר, דינה־עלקע.

דאָס קינד צעלאַכט זיך און פאַרוואַרפט ווייטער דעם באַל אונטער דער סאָפע און רופט אויס טראַציק:

— זיידע, „געט איט פאַר מי" (זיידע, דערלאַנג דאָס מיר).

שמעון זיפצט אָפּ און שרייבט ווייטער:

אין יענעם פאַרטאָג איז ער געזעסן אויף דער רויטער סאָפקע, וואָס איז גע־שטאַנען ביים אויוון און האָט געפילט אַ זיסע היימישע גוטסקייט צעגיסט זיך אים איבער אַלע אברים. אַלע און אַלץ פרייען זיך מיט זיין אַהיימקומען, אַפילו די טירן, די אושאַקעס, און די שטולן און די וואַלגער־ברעט. דער רויט־געפאַרב־טער טיש מיט די קלעצלדיקע פיס שטייט און שמייכלט: ברוכים הבאים. דו וועסט ווידער זיצן ביי מיין ברעג און ווידער לערנען, מיטן קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויף די אויסגעשטעלטע הענט. אָט האָב איך אויפגעהיט אויף מיין פאַרב, די סימנים פון דיינע ביינערדיקע עלנבויגנס, וואָס זענען צעמאַזאַליעט, ווייל דו האָלטסט שטענדיק אויפגעשטעלט די הענט אַנצושפּאַרן דעם קאָפּ אויף זיי.

ער האָט זיך צוגעלייגט. אין שטוב איז געוואָרן שטיל. „שאַ, האָט מען גע־שעפּטשעט איינער צום אַנדערן, שמעון שלאָפט, זאָל זיין שטיל. ער דאַרף זיך אָפּרוען פון וועג". ער איז איינגעשלאָפן אַ פאַרשיכורטער: „איך בין אין דער היים! איך בין אין דער היים!"

**
*

דאָס געפיל און פרייד פון קומען אַהיים האָט נאָך מער באַהערשט שמעונען ווען ער איז אַרויס פון שטוב אַנצוקוקן דאָס שטעטל. יאָ, דאָס שטעטל האָט זיך טאַקע געביטן. אַ שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן פון צווייטן וואַלד ביזן וואָקזאַל, האָט דורכגעשניטן דעם מאַרק. נישט ווייט פון קלויסטער אויפן זאַמד איז געשטאַנען אַ שיינער צוויי־שטאָקיקער בנין, אין אונטערשטן שטאָק האָט זיך געפונען די פּאָזשאַרנע און אַ גרויסער זאַל, וווּ עס האָט אָפט געשפּילט

טעאַטער אַן אַרומפאָרנדיקע רוסישע טעאַטער־גרופּע. אויף דעם צווייטן שטאָק איז געווען די אופּראַווע און די אַקציע (לײַ־ און שפּאָר־קאַסע). גלײַך אין מיטן מאַרק האָט סייטשיק דער קרעמער אויפגעשטעלט אַ פּײַן מויערל — צוויי גאָרן אויף אַ טיפן קעלער. דעם אויבערשטן עטאַזש האָט ער פאַרדונגען צו רפאל דעם מעל־קרעמער, אונטן האָט זיך געפונען סייטשיקס קראָם און זײַן וווינונג. אונטער דער קראָם איז געווען דער „סקליעפּ״ פאַר זײַנע סחורות. אָבער דאָס אַלץ האָט צופיל נישט געענדערט דעם אַלטן אויסזען פון שטעטל. פון די דרײַ זײַטן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען די דיקע סאָסנע־וועלדער און אויפן פערטן זײַט האָבן זיך געצויגן די פּינסקער בלאָטעס. קיין צופלוס פון נײַע פּנימער איז נישט געווען. ווען ער איז אַרויס אין מאַרק, האָבן אַלע אים דערלאַנגט דעם ברייטן שלום־עליכם און גערשטיין דער משכיל און קענער פון תנ״ך האָט אים באַגריסט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און גלײַך אויפן אָרט אים געפרעגט:

— זאָג נאָר מיר, שמעון, ווו שטייט אין תנ״ך אַז אליהו הנביא האָט געשיקט אַ בריוו צו אַ ייִדישן קעניג?

שמעון האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— עס געפינט זיך אין דברי הימים ב׳ קאַפּיטל כא. דעם בריוו האָט אליהו הנביא געשיקט צום מלך יהורם, יהושפטס זון.

גערשטיין האָט פאַרקוועטשט אַן אויגל און אַ פרעג געטאָן מיט אַ גמרא־ניגון:

— אָבער נאָכן חשבון נאָך אין מלכים ב׳ קאַפּיטל ג׳ פּסוק יא, איז דאָך אליהו הנביא אַרויף אויפן הימל איידער יהורם איז געוואָרן מלך?

שמעון האָט געענטפערט מיטן זעלביקן ניגון:

— רש״י פאַרענטפערט עס אַביסל. אָבער אַ סך קלאָרער מאַכט עס דער רד״ק. דער רד״ק זאָגט, אַז אליהו אין הימל האָט זיך אַנטפּלעקט ברוח נבואה צו איינעם פון די בני הנביאים, און האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל די ווערטער פונעם בריוו. ער האָט אים אויך אָנגעזאָגט אָנצושרייבן דעם בריוו און אים ברענגען צום מלך און אים זאָגן, אַז דאָס האָט אים געשיקט אליהו הנביא, כדי דער מלך יהורם זאָל מיינען, אַז דער בריוו קומט צו אים גלײַך פון הימל און ער וועט תשובה טאָן.

גערשטיין האָט אַ זאָג געטאָן צופרידן און אָנגעהויבן שמעונען אירצן:

— עס איז איינע פון די ביידע, אָדער איר האָט אויך אין קרעמענטשוג, אין דער ישיבה, געלערנט תנ״ך און נישט געשטאָפּט דעם קאָפּ נאָר מיט גמרא, אָניִשט האָט איר אַזאַ גוטן קאָפּ, אַז איר געדענקט נאָך וואָס איר האָט געלערנט מיט יאָרן צוריק בין כך ובין כך (צי אַזוי צי אַזוי) אַ יישר כוח אייך, ר׳ שמעון מושלם.

שמעון האָט אַ שמייכל געטאָן:
— אַ יישר כוח אייך פאַרן פיינעם ווערטשפּיל.
גערשטיין, וואָס האָט ליב געהאַט, חיות לעבן, אויסצופּיינען זיך מיט זיין גוטן קאָפּ און שאַרפן מוח, האָט אַ זאָג געטאָן צום עולם אַרום:
— נו, קאַלינקאָוויטשער פלינקע מוחות, האָט איר אויפגעכאַפּט באַלד אויפן אָרט, ווי שמעון, מיין המצאה צו מאַכן פון „בין כך ובין כך משלם" (צי אַזוי אָדער אַזוי באַצאָלט ער, אַ ווערטל אין כתובות) אויף בין כך ובין כך שמעון מושלם (צי אַזוי אָדער אַזוי איז שמעון אַ מושלם).
ר' חיים דער מאַנופאַקטור־קרעמער האָט אַ מאַך געטאָן מיט ביטול:
— ר' גערשטיין מיט זיינע המצאות! לאָמיר אים עפּעס אַ פרעג טאָן אַן עיקר־זאַך, אַ סוגיא אין גמרא, אַ שטיקל תוספות.
אין שמעונען איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע פרייד און אַ פּסוק איז אים גע־קומען אויף דער צונג:
„בתוך עמי אנכי יושבת", איצט פאַרשטיי איך די גרויסע פרייד, וואָס די שונמית האָט געהאַט, ווען זי האָט געזאָגט: „צווישן אייגענע געפין איך זיך".
עס איז געווען נישט קיין מאַרק־טאָג און דאָס רעדל מענטשן איז לאַנג גע־שטאַנען אַרום שמעונען. ווען מען איז זיך צעגאַנגען, איז שמעון אַוועק צום וואַלד־צו און אים האָט זיך געדאַכט אַז נישט נאָר זענען די מענטשן אין שטעטל אים נאָענט און אייגן, נאָר אויך דער וואַלד, די הייזער און דער געלער זאַמד זע־נען אַ טייל פון אים, אַ טייל פון דער היים. ער איז געווען זיכער אַז ווען מען נעמט אַ שטיקל פון סאָסנאָוון וואַלד און מען זעצט עס אַריבער אין דעם פרעמדסטן ווילד־וואַלד פון סאָסנאָוועביימער, וואָלט ער דערקענט די שטעטלדיקע ביימער. ניין, אַפילו דאָס זאַמד פון שטעטל וואָלט ער דערקענט; און ווען מען נעמט אַרויס אַ גאָנט פון אַ דאַך, פון אַ קאַלינקאָוויטשער הויז, און מען קלאַפּט עס צו אויף אַ דאַך אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט ער באַלד געקענט אָנווייזן מיטן פינגער אויף דעם היימישן גאָנט.
אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכוויז האָט שמעון דערזען דעם גרויסן שינוי אין שטעטל. דאָס ערשטע וואָס עס האָט אים איבערראַשט און שאָקירט איז געווען אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם בנין פון דער לייי־ און שפּאָר־קאַסע. די צוויי בחורים וואָס האָבן געאַרבעט דאָרטן, טאַטנס קינדער, זע־נען געשטאַנען אין הויף און געשמועסט געמיטלעך מיט די צוויי שקצים, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אופּראַווע. אַלע פירן זענען געווען אָנגעטאָן אין גוייִשן טראַכט און געשטאַנען אָן היטלען.
נאָך אַ גרעסערע איבערראַשונג זענען געווען פאַר אים זיינע אייגענע חברים.

עס איז געווען אין דעם ערשטן שבת פאַרנאַכט. ער האָט מיט זיי געשפּאַצירט אין דובניק. ער האָט פאַר זיי אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ:

— עס איז מיר פריקרע, וואָס מען נעמט מיך אויף ווי אַ פרומען לערנער, „שאין בו דופי", וואָס האָט נישט קיין ברעקל חסרון. איך בין באַגאַנגען אַ מעשה רע, וואָס לאָזט מיך נישט רוען און איך שעם זיך אַ קוק טאָן אין שפּיגל.

— דהינו? — האָט אים ביינוש געפרעגט.

— אין באַראַנאָוויטש האָב איך געהאַט אַ פּערעסאַדקע (איבערזעצן זיך פון איין באַן אויפן צווייטן). עס איז מיר געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ גוט אָרט, גלייך אין ווינקל, ווו איך האָב זיך געקענט צושפּאַרן און שלאָפן רויק. לעבן מיר האָט זיך געזעצט אַ פריצטעלע מיט אַ שיין פּנימל ווי ביי אַ ליאַלקע. זי איז געזעסן שטייף, גלייך, מיט פאַרצויגענע ליפּעלעך און איר קאָפּ האָט זי געהאַלטן אויף אַ פאַרגליווערטן האַלדז, ווי זי וואָלט איינגעשלונגען אַ פּאַלאַנטע (אַ שטעקן). איך בין געווען מיד און שלעפעריק. איך האָב אַריינגעלייגט מיינע הענט אין די אַרבל פון פאַלטאָ, אַריינגעצויגן מיין קאָפּ אין קאָלנער פון פאַלטאָ און איך בין תיכף איינגעשלאָפן. שפּעט ביינאַכט פיל איך עפּעס אַ וואַרעמקייט און אַ חיות גייען מיר אויף אין אַלע אברים. איך עפן די אויגן און זע: מיין היטל ליגט מיר אויף די קני, מיין פריצטעלע זיצט צוגעטוליעט צו מיר, איר קאָפּ אויף מיין אַקסל און זי האַלט מיך אַרומגענומען מיט ביידע הענט. און פון איר שלאָגט אַרויס אַ זיסע וואַרעמקייט און אַ ריח פון בשמים, אַז עס פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם. איך האָב זיך אָבער דערשראָקן, האָב איך פּאַמעלעך גענומען פונאַנדער־נעמען אירע הענט. זי האָט געעפנט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, אַ שמייכל געטאָן און שטיל מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— ס׳איז טונקל אין וואַגאָן, קיינער זעט נישט. נעם מיך אַרום שטייף, שטייפער.

איך האָב זי געפאָלגט ווי אַ פאַרכישופטער. זי האָט זיך נאָך מער צוגעטו־ליעט צו מיר און איז באַלד איינגעשלאָפן. איך האָב נישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג פון גלוסטעניש און שרעק. ערשט פאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפן.

— נו, נו, וואָס איז געשען אין דער פרי? — האָבן אַלע געפרעגט אין איין אָטעם.

שמעון האָט געענטפערט מיט אַ טיפן פאַרדרוס:

— איך כאַפּ זיך אויף. עס איז שוין לאַנג געוואָרן ליכטיק. זי איז געזעסן לעבן מיר, ווי נעכטן, אַ שטייפע, אַ פאַרגליווערטע, מיט פאַרצויגענע ליפּעלעך און אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר — זי קען מיך נישט. יידן האָבן זיך געשטעלט דאַווענען, געזוכט אַ צענטן צו אַ מנין. איך האָב זיך געמאַכט נישט

וויסנדיק. איך האָב זיך געשעמט אָנצוטאָן די תפילין. איך האָב יענעם פרימאָרגן אַפילו נישט געדאַוונט.

חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— דאָס אַלץ? מיר האָבן געמיינט אַז דו האָסט געקלאַפּט רעדלעך מיט איר. ווייסט אַפּנים נישט ווי צו עפענען אַ קעסטעלע.

שמעון האָט זיי אָנגעקוקט:

— איך דערצייל אייך, אַז צוליב דער פּריצטעלע האָב איך זיך געשעמט לייגן תפילין און איר רעדט ניבול פה.

— נישט שייך איינצוטענהן מיט דיר, — האָט מאיר געענטפערט. — דו ביסט נאָך אַלץ דער אמתער פּאַטראָן. ווער דאַוונט היינטיקע צייטן? איי, ווען עס טרעפט זיך מיט מיר אַזאַ גליק, איך וואָלט שוין געוווסט וואָס צו טאָן...

שמעון איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער. פרעמד זענען אים געוואָרן די אייגענע חברים. קיין שמועס האָט זיך מער נישט געבונדן.

***

די רויִקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער האָט אָנגעהויבן אַרומבלאָנקען אין שטעטל און זיך צוקוקן צו אַלץ אַרום. ניין, עס איז שוין נישט דאָס זעלביקע שטעטל. אָט איז ער אַריין אין נייעם בית־מדרש — עס איז ריין און ציכטיק און פּוסט. מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען שטענדיק געפונען יונגעלייט אָדער חתן־בחורים, וואָס זענען געזעסן און געלערנט, געשמועסט אָדער גלאָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. און איצט? די אַלמערס ספרים זענען געשטאַנען מיט די גלעזערנע טירן פאַרמאַכט. שמעון האָט מורא געהאַט צו פּרובירן עפענען אַ טירל. ווי, אַז עס איז טאַקע פאַרשלאָסן? די חרפה פון געפינען אַ פאַרשלאָסענעם אַלמער ספרים אין בית־מדרש האָט ער נישט געוואָלט בייוווינען.

ער איז אַריין אין קליינעם בית־מדרש. עטלעכע יידן זענען געזעסן און זיך געוואָרעמט לעבן הרובע און דער טאָג איז געווען אַ שיינער אַ ליכטיקער, אַ ליבּדער און אַ מחיהדיקער. אין מזרח־וואַנט לעבן ארון־קודש איז געזעסן שמעיה איטשעס, אַ בן טובים, וואָס האָט געהאַט בירושה אַ שטאָט אין שול, גלייך לעבן ארון־קודש ווו ער איז איצט געזעסן. ער האָט אַריינגעקוקט אין מסכתא פּסחים, ווי דער שטייגער איז פון יידן למדנים פאַר פּסח. שמעיה איטשעס איז אַ גאַנץ יאָר נישט געווען אין דער היים. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ מדינה־גייער. ער גייט איבער די הייזער ערגעץ אין וואָלינער קאַנט, ווו קיינער קען אים נישט. אין שטעטל האָט ער זיך געפירט מעשה שיינער באַלעבאָס. שמעון האָט אים איצט גוט באַטראַכט און אים האָט זיך געדוכט, אַז די אָרעמאַנסקע הכנעה ליגט אים אויסגעגאָסן אויפן פּנים. ער איז דאָס איצט דער אויפהאַלטער

פון דער תורה! אויף שמעונען איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. אויך דאָ איז די לופט פאַר־גליווערט ווי אין דער ישיבה. די צייט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

אין אַלטן בית־מדרש איז געווען נאָך טרויעריקער. נאָר יודע דער צדיק איז געווען אין שול. ער איז געזעסן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די צוויי אָנגעלענטע הענט און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. שמעונען האָט זיך געדוכט אַז יודע שלאָפט. ער איז צוגעגאַנגען אים אָפּגעבן שלום־עליכם. יודע האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך גאָר אויפגעשטעלט און איז אַוועק צום האַנטפאַס. גע־וואַשן די הענט און זיך אומגעקערט צו זיין שטענדער. שמעון האָט איצט גוט געקענט באַטראַכטן זיין פּנים — שטאַרע אויגן און דער קוק אַ פאַרגולמטער.

ער איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט גיין צום וואַלד. אין וויטן האָרי־זאָנט איבערן וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ טשייקע ווילדע ענטלעך. זיי זענען גע־פלויגן אין דער פאַרמע פון אַ דרייעק. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט אין שטעטל, האָט זייער גאַגאַן פאַרהילכט די לופט און אָנגעפילט שמעונען מיט פרילינג־פרישקייט און אומרויִקייט.

ער האָט זיך פאַרקערט צו דער לאַנגער גאַס, ווו ר׳ געצל האָט געוווינט. „שוין לאַנג געדאַרפט גיין אים אָפּגעבן שלום־עליכם" — האָט שמעון געטראַכט — „איך בין שוין העכער אַ וואָך אין שטעטל. נישט שייך צו ריידן, איך בין אַ פיינער מענטש: אים געזען אויף אַ רגע אין שול און מער וויז איך זיך נישט".

ווען שמעון איז אַריין אין שטוב, איז רבי געצל געזעסן ביים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ גמרא. שמעון האָט דערזען אַז רבי געצל האָט זיך געעלטערט אין די צוויי יאָר. ער איז געוואָרן נאָך דאַרער, די באַקן פאַרצויגן ווי מיט פאַר־מעט, די געדיכטע ברעמען זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער אַ פּאָר אַלטע וואַסער־דיקע אויגן און ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט שמעון געזען, אַז ביי אים איז די פּלייצע קיילעכדיק ווי אַ רייף. אָבער ווען רבי געצל האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט שמעון דערזען דעם פריִערדיקן רבי געצל, וואַך, קלוג, דערפאַרן, פול מיט פאַרשטענדעניש און אַפּט איראָניש בייסיק.

ווען שמעון האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט רבי געצל גענומען אַ שמעק טאַ־באַק, באַקוקט דעם תּלמיד און אַ שמייכל געטאָן:

— שווער צו זיצן אין אַ היטל?

שמעון האָט אויפגעכאַפּט דעם חוזק אין רבינס קול און געענטפערט:

— דערווייל נישט, רבי, איך בין נאָך אַ יונגער ישיבהניק.

רבי געצל האָט אַ לאַך געטאָן:

— שאַרף געענטפערט, שמעון. וועסט מיר מוחל זיין מיין חוזק. אָבער עפּעס איז „כך היא דרכה של תורה" — אַזוי איז היינט דער דרך פון די וואָס

זענען געפּאָרן לערנען תורה. מען קומט צוריק פון דער ישיבה און אַ היטל װעגט אַ פּוד און אַ תּפֿיל איז אַ שטיק בלײַ.

— איך װײס, רבי.

— נו, האָסט עס אױסגעמיטן?

— נײן, רבי, ספקות און אומרו און גאָר אַ סך קשיות.

רבי געצל האָט גענומען נאָך אַ שטעק טאַבאַק:

— מילא אױב נאָר ספקות, איז קײן סכנה. אין דײַן עלטער איז עס בדרך הטבע. נו, װוּהין װעסטו איצט פאָרן, נאָך פּסח?

— איך רעכן צו פאָרן קײן לידע. בײַ הרב רײַנעס אין דער ישיבה לערנט מען תורה און השכלה. אפשר האָבן זײ דאָרטן דעם שליסל.

— דו גענאַרסט זיך, — האָט רבי געצל געענטפערט טרויעריק. — קײנער האָט נישט קײן כּישוף־שליסל. מען קען דיר געבן דעם חומר און די מכשירים צו מאַכן אַ שליסל צו אַ שלאָס, װאָס דו װילסט עפענען. אָבער אַ פאַרטיקן כּי־שוף־שליסל? — נישטאָ אַזױנס. דעם פּתר דבר צו ספקות, װאָס לאָזן נישט שלאָפן, מוז מען אַלײן געפינען. איבערהױפּט צום „למה זה אנכי״ — צו װאָס טױג מיר דאָס לעבן? נישטאָ קײן אַנדער װעג. סײַדן? סײַדן דו װילסט זיך פאַרטומלען מיט שלינגען עולם הזה.

רבי געצל האָט אַ װײַלע געשװיגן, אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן װי ער װאָלט זיך עפּעס געװאָלט דערמאָנען:

— דו װײסט שמעון? אַמאָל בין איך מקנא אײַך רך הנימולים (יונגע קינ־דער ערשט־געמלטע). די עלטער איז נישט קײן נחת. דו װײסט דאָך דאָס װערטל — „זקנה״ מאַכט: זיפּצן, קרעכצן, ניסן, הוסטן. קהלת האָט אָנגערופן די עלטער „ימי הרעה״ — די שלעכטע טעג. און ער איז גערעכט — בין איך אײַך מקנא. בײַ אײַך האָט ברויט דעם טעם פון לעקעך, װאַסער דערקװיקט װי װײַן און עס איז שטענדיק אַ רײַסערײַ צװישן לילית און חוה. אָבער װען איך דערמאָן זיך אָן אײַערע יסורים, די תאװות און די ראַנגלענישן, בין איך צופרידן װאָס איך האַלט אין מיטן פון גבורות (אין די מיטעלע אַכציקער). אָבער מען קען זיך פאַרטומלען מיט שלינגען עולם הזה, פּרוּבירן זעטיקן תאװות. די תאװות זעטיקט מען נישט טאַקע. דער װילנער גאון איז געװען גערעכט: דער װאָס װיל זעטיקן זײַנע אַלע תאװות, איז געגליכן צו אײנעם, װאָס טרינקט געזאַלצן װאַסער צו זעטיקן זײַן דורשט. װאָס מער ער טרינקט, אַלץ דורשטיקער װערט ער. אָבער מיט דער יאָגעניש קען מען אָפּטעמפּן די גײסטיקע ראַנגלענישן און ספקות.

שמעון איז געזעסן און געשלונגען דעם רבינס רײד. ער רעדט װי ער װאָלט בײַ אים אָראָפּגעלײענט פון האַרצן.

רבי געצל האָט װײַטער גערעדט:

— היינטיקע צייטן איז פאַראַן נאָך אַ וועג פון פאַרטומלען זיך — האָבן אַ גלוסט איבערצומאַכן די וועלט, באַקעמפן רשעות מיט רשעות. אפשר ביסטו בוטה צו די דאָזיקע?

— צו וועמען, רבי?

— צו די סאָציאַליסטן.

— ניין.

— נו, אַ דאַנק דעם השם יתברך.

— פאַרוואָס, רבי, האַלט איר זיי פאַר די ערגסטע? זיי נעמען זיך דאָך אָן פאַר דעם אָרעמאַן און די קריוודע פון דעם באַעוולטן; זיי ווילן אָפּשאַפן אָרעמ־קייט און אומוואָרפן רשעות פון טראָן. זיי דערהייבן דעם פועל, מאַכן אים חשוב אין זיינע אייגענע אויגן. און כפירה? אַלע זענען כופרים, אַריינגערעכנט די ציוּ־ניסטן, פון הערצלס חדר און פון אחד העמס חדר, וואָס זענען נישט קיין סאָ־ציאַליסטן.

— פאַר כפירה איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, — האָט רבי געצל געענט־פערט. — אין אַלע צייטן זענען געווען כופרים. די ציוניסטן זענען דוחקי הקץ — זיי ווילן אונטעראײַלן משיחן — קיין נייס נישט ביי יידן. אָבער דער סאָ־ציאַליזמוס — דאָס איז עפּעס אַנדערש. עס באַפאַלט מיך אַ פּחד.

— פאַרוואָס, רבי?

— ווייל די טומאה איז איינגעוויקלט אין יראה, — האָט רבי געצל גע־רעדט מיט אַן אויפגעהויבענעם קול. — אין פלוג שטעלן זיי זיך איין פאַרן אָרע־מאַן, נעמען זיך אָן די קריוודע פון דעם געמיינעם. זייער פּיין און גוטע טייערע כוונות. אָבער די מעשים זייערע! וואָס מער איך לייען זייערע קונטרסים, אַלץ אַ גרעסערער פּחד באַפאַלט מיך — אַזוי פיל שנאה צו מענטשן און גלוסט צו ממשלה, אַז די ווערטער זייערע זענען פאַרסמטע. ביי אונדז אין שטעטל האָבן זיי אָפּגעטאָן מיאוסע מעשים — פאַרקריפּלט חיים דעם טאַנדעטניק, אונטער־געשלאָגן די לונגען משה דעם גראַבאַרניק. ביידע, יידן אָרעמעלייט, וואָס האָבן געהאַט צו צוויי פּועלים. ביידע מטופּלים מיט אַ משפּחה פון אַכט קינדער, אָבער לויט זייער שולחן ערוך זענען זיי בורזשויען. פאַרשטייסט די סכנה? זיי האַלטן זייערע עוולות פאַר מצוות. ווען זיי וועלן ווערן די מושלים, וועלן זיי אָפּטאָן כל דבר אסור און עס האַלטן פאַר מעשים טובים. נישט נאָר וועלן זיי זיך נישט שע־מען מיט זייער רשעות, נאָר זיי וועלן זיך גרויסן מיט זיי — עס האַלטן פאַר מצוות. זיי ווילן אָפּשאַפן רשעות מיט רשעות. דאָס איז זייער טעות און דאָ איז די סכנה.

רבי געצל האָט אָנגעהויבן ריידן מיטן ניגון ווי ער וואָלט געזאָגט מדרש פאַר עולם:

— זאָגט דער מדרש: עס שטייט אין דער תורה ואהבת את ה׳ אלקיך — זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט, דו זאָלסט זען צו זיין באַליבט ביי מענטשן. דו זאָלסט אויך וויסן אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צו הייליקן גאָטס נאָמען, דערפאַר זאָלסטו זיך דערווייטערן פון גזילה, סיי פון אַ ייִדן און סיי פון אַ נישט־ייִדן — פון וועלכן עס איז מענטשן. ווייל דער וואָס גזלט פון אַ נישט־ייִדן וועט סוף־כל־סוף גזלענען פון אַ ייִדן. און דער וואָס שווערט פאַלש קעגן אַ נישט־ייִדן וועט סוף־כל־סוף שווערן פאַלש קעגן אַ ייִדן, און דער וואָס פאַרגיסט בלוט פון אַ נישט־ייִדן וועט סוף־כל־סוף פאַרגיסן ייִדיש בלוט. דאָס, שמעון, זענען רייד שיורדים ונוקבים עד התהום — וואָס נידערן און לעכערן די וועלט ביזן אָפּ־גרונט. זיי מיינען דאָך, אַז זיי וועלן אויסקוילענען די בורזשויען און אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע וועלן זיי אָפּשטעלן דעם שפיכת דמים. ניין, עס איז נישט קיין קראַן פון אַ סאַמאָוואַר. זיי וועלן פאַרגיסן בלוט פון די רייכע, פון די אָרע־מע, פון די פרעמדע און פון די אייגענע, פון די שונאים און פון די פריינט.

שמעון האָט אָנגעהויבן טענהן:

— רבי, בדרך כלל בין איך מיט אייך מסכים. איך האָב געהאַט כמעט די זעלבע טענות און תביעות צו אײנעם אַ זאַנוויל אין קרעמענטשוג. אָבער איך וויל אייך פרעגן עפּעס „עד שיתחוורו הדברים כשמלה״, ביז דער ענין וועט ווערן קלאָר אָן אָפּפרעגן. איז ילמדנו רבינו, דערלויבט מיר רבי: האָבן די נבי־אים נישט געסטראַשעט מיט שוידערלעכע שטראָפן? עס זענען דאָ מוראדיקע רייד אין תנ״ך. למשל זאָגט הושע: „דערפאַר וועל איך פאַר זיי זיין ווי אַ לייב ווי אַ לעמפּערט אויף דעם וועג פון אשור. איך וועל זיי באַגעגענען ווי אַ בער־רינטע, וואָס האָט פאַרלוירן אירע קינדער און איך וועל אויסרייסן דאָס שיידל פון זייער האַרצן, און איך וועל זיי אויפעסן ווי די לייבנטע, ווי אַ חיה פון פעלד וועל איך זיי צעררייסן״.

שמעון האָט געזאָגט די פּסוקים אויף לשון קודש און אויף אויסנווייניק. רבי געצל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ראשית, ווען דו ברענגסט אַ פּסוק, זאָלסטו עס קיינמאָל נישט זאָגן אויף אויסווייניק. האָסט געמאַכט מער גרייזן אין די פּסוקים וויפל נקודות זיי האָבן. אָבער דאָס איז כלאחר יד. לאָמיר ריידן וועגן דעם עיקר ענין. די נביאים דראָען טאַקע מיט שוידערלעכע שטראָפן. אָבער זיי זאָגן נישט, אַז מיר, די נביאים, וועלן עס טאָן, אָדער דער גערעכטער קעניג זאָל באַפעלן זיין יענעראַל צו טאָן די אַלע מוראדיקע זאַכן, וואָס דו האָסט אויסגערעכנט, ווען די ייִדן וועלן גיין קיין אשור. זיי דראָען, אַז גאָט וועט ברענגען די אַלע שטראָפן. מילא. מיט גאָט קען מען אויסקומען. חוץ דעם זענען די חז״ל געוואָרן אויך אָנגעשטויסן אויף די נביאים פאַר זייערע בייזע שטראָף־רייד. דריי קנאישע נביאים, האַלט דער

מדרש, שטאַמען פון נישט־יידן: יחזקאל, ירמיה און אוריה. נו, אָבער וואָס זאָגן די סאָציאַליסטן? „ווען מיר וועלן ווערן די מושלים, דעמאָלט וועלן מיר אייך, זינדיקע בורזשויען, אויסראָטן. ווען מיר וועלן ווערן די גאַנצע באַלעבאַטים, וועלן מיר איינפירן מיט געוואַלד אַ סדר־העולם, וואָס מיר ווילן!"

רבי געצל האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— וויסט? כלאַוונע קיילע רייקעס האָט מיר געבראַכט דעם קונטרסל „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט" אויף דייטש און מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער תמצית פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער תורה, אָדער ווי ער רופט עס מאַרק־סיזם, אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס דעם מחבר. איך האָב אָנגעהויבן לייענען און דעם לשון האָב איך ווי עס איז בייגעקומען, אָבער די תורה פון דעם קונטרס האָב איך נישט געקענט איינבייסן. אפשר בין איך אַ נאַרישער אַלטמאָדישער ייִד. אָבער מיר דוכט זיך אַז שלמה המלך האָט געוווּסט, וואָס ער האָט געזאָגט אין משלי: „אונטער דרייען ציטערט די ערד און דאָס פערטע קען זי נישט פאַר־טראָגן: אונטער אַ קנעכט וואָס ווערט אַ מלך, אונטער אַ מנוול וואָס האָט ברויט צו זאַט, אונטער אַ מיאוסער פרוי ווען זי ווערט באַלעגן און ווען אַ דינסט ירשנט איר האַרינטע". זיי רײַדן כלומרשט וועגן יושר און צדק, אָבער באמת מיינען זיי נאָר איין זאַך: אַריינקריגן אין האַנט די ממשלה און אָנהייבן „אָרו־דעווען" איבער דער וועלט. עס וועט נישט זיין בעסער ווי איצט. הלוואַי נישט ערגער. איך חזר איבער — עבד כי ימלך — די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט! זיי שעמען זיך נישט צו זאָגן אָפן, אַז עס וועט זיין דיקטאַטור — ביד חזקה וועלן זיי הערשעווען.

שמעון האָט געזען אַז רבי געצל ווערט מיד. מ'דאַרף דערפירן דעם שמועס צו אַ סוף:

— רבי, איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז איר קענט לייענען דייטש.

רבי געצל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַמאָל האָב איך געקענט צוויי שירים כמעט אויף אויסנווייניק „הריסות טרויה" פון מיכה יוסף בן אדם הכהן לעבענזאָהן און שילערס „די גלאָקע". מיר דוכט זיך, אַז איך קען איצט בעסער לייענען דייטש, וואָס איך האָב שוין נישט גענומען אין מויל אַריין אַ קימאַ־לן פון אַ יאָר פינף און פערציק, ווי אייער העברעיִש. עס איז גאָר קיין לשון קודש נישט.

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט:

— עס איז דאָ אַ שיטה וואָס וויל אַז לשון קודש זאָל ווערן לשון חול.

רבי געצל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— פאַר אַ ישיבהניק, אַ מתמיד, ווייסטו צופיל וואָס עס טוט זיך אויף

דער וועלט. אָבער אַ דאַנק דיר פּאַרן קומען מיך זען. די טעג אויף דער עלטער זענען זייער לאַנגע, אַפילו מיט אַ גמרא אויפן טיש.

***

לפנים האָט זיך דאָס שטעטל גישט געביטן. מען האָט אין שול געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. די בעלי־מלאכות האָבן נישט געאַרבעט בין מנחה ומעריב. שבת איז געווען דער רו־טאָג. יידיש איז געווען דאָס לשון פון אַלע איינוווינער. מען האָט זיך גערופן מיט יידישע נעמען און פרויען זענען געגאַנגען צו טבילה.

אָבער דאָס איז געווען נאָר לפנים. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס ביים וואָכעדיקן דאַוונען זענען כמעט ווי נישט געווען קיין יוגנטלעכע. עס האָבן געדאַוונט עלטערע יידן, מיטליאַריקע און קינדער. שבת איז אַ טייל פון דער יוגנט געקומען אין שול, אָבער זיי האָבן צווישן זיך מער גערעדט ווי גע־דאַוונט. שבת איז שוין געווען אָפן אַ בודקע, וווּ מען האָט פאַרקויפט סעלצערקע און צוקערקעס. גנעסיע חיהס די בונדיסטקע האָט געהאַלטן דאָס קרעמל. אַר־בעטער, און יוגנטלעכע בכלל, האָבן געצאָלט מזומן. טאַטנס קינדער האָבן גע־נומען אויף באָרג און געצאָלט זונטיק. קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אַנט־קעגן דעם חילול שבת. נאָך אַ קאַנטיקער שינוי — קיינער האָט שוין מער נישט געאַרבעט שבת־צו־נאַכט און די אַרבעטער און זייערע פריינט, בחורים און מייד־לעך, פלעגן זיך צונויפקומען און פאַרברענגען און זינגען לידער און טאַנצן. אַנ־דערע זענען זיך צונויפגעקומען פאַר אַגיטאַציע.

היציקע דיסקוסיעס, געמיטלעכע שמועסן, פּלאַמיקע אַרגומענטן — דאָס גאַנצע שטעטל האָט געיויערט און געקאַכט — מען האָט דיסקוטירט שפּאַצירנ־דיק אויפן שאָסיי, אין די שבתים בייטאָג אין די שבת־צו־נאַכטן אין צענדליקער הייזער. אויף די גרויסע „סכאָדקעס" אין וואַלד און אומעטום ווו די יוגנט איז זיך צונויפגעקומען. דווקא דאָ אין קליינעם שטעטל האָט שמעון דערפילט דעם גרויסן איבערבראָך אין יידישן לעבן. אין דער גרויסער שטאָט קרעמענטשוג איז ער געווען אָפגעשלאָסן פון דער וועלט, פון די פּראָסטע געוויינלעכע יידישע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלייקנט דעם יידישן דרך. דאָ אָבער איז ער געווען אור־מעטום אַ בן בית און ער האָט באַלד דערזען און דערפילט, אַז די תורה האָט פאַרלוירן איר חשיבות. נישט נאָר איז דער פּועל געוואָרן אויס נכנע קעגן נאַ־טשאַלסטוואָ, נאָר ער האָט זיך דערפילט אַ תקיף קעגן דעם לערנער. די ראַזווי־טעוועטע (אויפגעקלערטע) אַרבעטער האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די גאונים, אויף די למדנים און די שיינע יידן. געהאַלטן זיי פאַר צוריקגעשטאַנענע מענטשן.

שמעון געדענקט דעם ערשטן מאָל ווען ער איז געקומען פנים אל פנים מיט אַזאַ פאַל.

ס'איז געווען שבת הגדול. יענער יאָר איז געווען אַן איבעריאָר און דער טאָג איז געווען זייער אַ שיינער און אַ וואַרעמער. שמעון איז געזעסן אויף די טרעפּ פון דעם לאַנגן דרויסנדיקן קאָרידאָר און אַריינגעקוקט אין אַ חומש מיט ל״ב פירושים. ער האָט געוואָלט דערגיין פון וואַנען עס האָט גענומען אהרן גערשטיין, דער משכיל און תנ״ך־קענער, דעם שיינעם אויסטייטש צום פסוק ג׳ פון דער סדרה וארא. גערשטיין האָט אַזוי אויסגעטייטשט: „עס שטייט אין פסוק „און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהמען, צו יצחק און צו יעקבן מיטן נאָמען אל־שדי, אָבער מיט מיין נאָמען י׳ה׳ו׳ה האָב איך זיך נישט געלאָזן דערקענען צו זיי״. וואָס מיינט עס? עס מיינט אַז די העכסטע מדרגה פון גאָט־דערקענונג האָט דערגרייכט משה רבנו; ער האָט דערגרייכט אַ גרעסערע מדרגה ווי די אבות. אַזוי טייטשט רש״י, דער אורח חיים און אבן עזרא. וואָס איז געווען משה רבנוס הויכע מדרגה? ער האָט באַנומען גאָט אויף צוויי אופנים — על פי פילוסופיה — עס מיינט על פי שכל — מיטן פאַרשטאַנד. ער האָט זיך דערטראַכט אַז די גאַנצע וועלט, די גאַנצע בריאה, קען נישט געפירט ווערן, קען נישט זיין, סיידן ס'איז דאָ אַ כוח אויסער דער וועלט און אויסער דעם מענטשן, וואָס פירט דעם באַשאַף. אָבער פילוסופיה אַליין איז ווייניק פאַר דעם מענטשן ער זאָל פילן די התקרבות, די נאָענטקייט פון גאָט. מען דאַרף עס אויך דערפילן מיט די חושים — ומבשרי אחזה אלוה, פון מיין אייגן פלייש, מיט מיינע אייגענע חושים טו איך זען גאָט. משה האָט אויך דערגרייכט די דאָזיקע מדרגה. דאָס איז די העכ־סטע מדרגה וואָס אַ מענטש קען דערגרייכן. ווען ער דערגרייכט עס, קען ער ווערן אַ משה רבנו — העכער אַפילו פון די אבות. ווען איר, קאַלינקאָוויטשער למדנים, וועלן זיך נישט פוילן און אייך וועט אָנשטיין אַריינצוקוקן אין אַ חומש, וועט איר זען, אַז עס איז ווי דער אבן עזרא זאָגט: וזה הוא סוד כל התורה — דאָס איז אַ גרויסער סוד פון דער גאַנצער תורה.

שמעון האָט זיך נישט געפוילט, גענומען דעם חומש און איבערגעזוכט אַלע מפרשים רש״י, דעם רמב״ן, דעם אורח חיים און דעם אבן עזרא. אמת, טאַקע פאַראַן דאָרטן גאַנץ קלאָרע אָנטייטן אויף גערשטיינס סברה. ער האָט פאַרמאַכט דעם חומש כדי קלאָרער איבערצוטראַכטן פאַר זיך דעם גאַנצן ענין. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער כמעט ליידיקער גאַס. ער האָט דערזען איטשע אייזיק דעם לאַטוטניקס זון, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, אָנקומען פון מאַרק. ער איז גע־גאַנגען אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקן גאַרניטור: אַ טוזשורקע מיט אַ שטייענדיקן טאָפּל־אָפּגעלייגטן קאָלנער און צוגעפּוצט מיט צוויי רייען זעלנערישע קנעפּלעך. דאָס רעקל איז געווען פון טאָרנטאָן שוואַרצן געוואַנט. די הויזן זענען געווען

פון בלויען געוואַנט, שמאָלע, שטייף צוגעפּאַסטע צו די ליטקעס, זיי זענען געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן. כדי די הויזן זאָלן זיך האַלטן אָנגעצויגן און זיך נישט קנייטשן, איז אונטן, אונטער די קאַלאָשעס, געווען צוגענייט אַ בענדל, וואָס האָט זיך פאַרנומען אונטער די פּאַדעשוועס פון די שיך. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ היטל מיט אַ בלישטשענדיקן קאָזיראָק (גלאַנציקן דאַשעק). אונטער דער טוזשורקע האָט ער געטראָגן אַ בלויע רובאַשקע (אויבער־העמד) מיט אַ הויכן קאָלנער. דער אויסגעהאַפּטער זוים האָט זיך אַרויסגעזען פון דעם ברעג פון דעם קאָלנער פון רעקל. די רובאַשקע איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל מיט קוטאַסן. איטשע האָט קענטיק פּאַרזיכטיק פאַרבונדן דעם גאַרטל אַזוי, אַז די קוטאַסן זענען געהאַנגען גענוג נידעריק, כדי די שפּיצן זאָלן זיך אַרויסזען פון אונטער דעם רעקל.

שמעונען איז געפעלן געוואָרן איטשעס גאַנג. ער איז געגאַנגען מיט דעם קאָפּ פאַרריסן און מען האָט געפילט אַז ס׳איז דאָ אַ זעלבסט־חשיבות אין זיין אַנטועכץ און טראָט.

— ס׳איז גאָר פיין, וואָס אַ סטאָליאַר פּועל און דערצו אייזיק לאַטוטניקס זון, —האָט שמעון געטראַכט, — פּילט זיך נישט שפּל ביי זיך. ניין, ער איז גאָר שטייף און דערהויבן ביי זיך אין די אויגן. ער איז אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. שוין לאַנג צייט געווען.

שמעון האָט אָבער אויך אַ לאַך געטאָן אין זיך: דער טאַטע, אייזיק לאַטוטניק, האָט אָפּגעהיט אַז די ציצות פון ארבע כנפות זאָלן זיך אַרויסזען פון רעקל און דער זון איז זהיר, אַז די קוטאַסן זאָלן זיך אַרויסזען.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם גאַניק, ווו שמעון איז געזעסן, געזאָגט אַ גוט־שבת, און זיך פאַרדרייט אין קליינעם ליק ביי שמעונס שטוב. הינטער מערעס שטוב, הינטערן שטאָל איז געשטאַנען אַ כאַטקעלע, ווו עס האָט געוווינט מאָטל דער טרעגער מיט זיין משפחה: אַ ווייב מיט צוויי טעכטער און אַ בן־יחיד. אויב אייזיק לאַטוטניק איז געווען אַ נחות דרגאָ, איז מאָטל דער טרעגער געווען פון נאָך אַ געמיינערן שטאַנד. ער האָט זיך פאַררעכנט ווי איינער פון די פאַרגרעבסטע יידן אין שטעטל. ער איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן נישט געקענט דאַווענען פון אַ סידור. מאָטלס עלטערע טאָכטער חיה־איטע איז געווען אין דער זעלביקער עלטער ווי איטשע. אין שטעטל האָט מען געוווסט אַז איטשע אוכאַזשעוועט זי (פירט אַ ליבע מיט איר). חיה־איטע האָט געאַרבעט אין מאַזיר אין שוועבעלע־זאַוואָד. אויף שבת פלעגט זי קומען אַהיים.

ווען דאָס פּאָרל איז אַרויס פון שטוב און שמעון האָט זיי דערזען, האָט ער אויפגעריסן די אויגן. חיה־איטע איז געווען אויסגעפּוצט ווי אַ פּריצטע: זי האָט געטראָגן אַ פיינעם ציטענעם סאַראַפאַן איבער אַ געפאַלדעוועט געל קליידל. די

שיך גלאַנציקע, לאַקירענע, מיט הויכע אָפּצאַסן. די האָר קורץ געשוירן, אַרומגע־בונדן מיט אַ רויטער לענטע, זיי זענען געגאַנגען געאַרעמט — אַ זאַך וואָס ביז אַהער האָט שמעון נישט געזען אין שטעטל.

ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן שמעונען און חיה־איטע האָט אַ זאָג געטאָן נישט „גוט־שבת" נאָר: „זדראַסטוואָיטע, שמעון, די האַנט קען מען דיר נישט געבן, ביסט דאָך אַ ישיבה־בחור, אַ נישט ראַזוויטעווטער" (אַ צוריקגע־שטאַנענער).

— אַ גוט־שבת, — האָט שמעון געענטפערט גוטמוטיק, — איך זע, חיה־איטע, קיין עין־הרע, אַז איר זייט געוואָרן אַ גאַנצע באַרישנע, ס'פּאַסט אייך די קורץ־געשוירענע האָר און אָנגעטאָן זייט איר, אַ חיות צו קוקן.

— אַ ישיבה־בחור און ווייס ווי צו ריידן צו אַ באַרישנע, — האָט חיה־אי־טע געזאָגט צופרידן, — אַ דאַנק. אָנגעטאָן? מיר האָבן אויסגעקעמפט סלאָבאָדע (סוואָבאָדאַ, פרייהייט) אין שוועבעלע־זאַוואָד. מיר האָבן געפירט אַ סטאַטשקע (שטרייק) און געוווּנען. מיר צאָלן מער נישט פאַר בראַק און מיר דאַרפן אַליין נישט טאַסקען די קעסטלעך צו פּאַקן די שוועבעלעך, עס ווערט אונדז צוגעטראָגן צום האַנט. פאַרדינען מיר לייטיש. איך בין אַ בונדיסטקע.

איטשע איז געשטאַנען לעבן איר און געקוואָלן. ער האָט צוגעגעבן מיט שטאָלץ:

— זי קען שוין אויך לייענען רוסעש (רוסיש) און שרייבן.

— אַוודאי, דער בונד ראַזוויטעט אונדז (קלערט אונדז אויף) — האָט חיה־איטע געזאָגט מיט שטאָלץ. — און דו, שמעונקע? האָסט דאָך אַ גוטן קאָפּ, אָבער איך זע, אַז דו האַלטסט זיך נאָך אַלץ מיטן חומש. ווייסטו גאָרנישט אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט?

שמעון האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן פון גאַניק. באַלד האָט ער געענטפערט רויִק:

— ווייסט, חיה־איטע, איך ווייס עס טאַקע נישט.

— האָסט זיך גערדאַרפט לאָזן ראַזוויטעווען (אויפקלערן), — האָט זי גע־זאָגט מיט אַ זיכערקייט און שטאָלץ, — וואָלסטו געוווּסט, אַז ווען מען ווערט געבוירן, גייט אַריין דער „וואָזדוך" (לופט) אין דעם מענטשן און אַז מען שטאַרבט — גייט אַרויס דער וואָזדוך. גאָט, שמאָט! אַז מען שטאַרבט איז ווי געפּגרט. וואָלסטו עס אויסגעפונען, וואָלסטו אַוועקגעוואָרפן דיין פאַרריסענעם לאָקשן־קודש און דו וואָלסט נישט געהאָלפן פאַרשפּרייטן פינצטערניש און געווען אַ שקלאַף ביי די עקספּלאָטאַטאָרן. ביסט דאָך עפּעס אַ שוסטערס אַ זון, האָסטו גערדאַרפט העלפן דיין קלאַס.

שמעון איז געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל. איטשע איז געשטאַנען און זיך

געפרעגלט פון נחת. ווען חיה־איטע האָט געענדיקט ריידן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו שמעונען:

— הער זיך צו צו איר, וועסט ווערן אַ לייט. זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ בונדאָוועץ. אָבער מסתמא דו, מיט דיין לאָקשן־קיידעש, וואָס דער ברודער אַר־בעטער פאַרשטייט נישט, וועסטו ווערן אַ ציוניסט, אַ רעאַקציאָנער.

די גאַנצע צייט האָט שמעון געקוקט אויף זיי ווי ער וואָלט בייגעוועזן אַ נס, אַט ווי דאָס מיזיניקל פון דער משפחה, דער זעקס־יאָריקער בנימינקע, וואָלט זיך אָוועקגעזעצט און אָפּגעלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט שמעון געטראַכט: נו, מסתמא וואָלט רבי געצל געזאָגט „ויפתח ה' את פי האתון" — גאָט האָט געעפנט דאָס מויל פונעם אייזל. אָבער איך לערן עס לשבח. די שטומע האָבן אָנגעהויבן ריידן, די פאַרשעמטע זענען שטאָלץ געוואָרן. עס איז אַ מדרגה. איי וואָס חיה־איטע רעדט נאַרישקייטן? מסתמא האָט זי עמעצער אויסגעלערנט מיט אַ כוונה. פאַרוואָס?

שמעון האָט ביטער געטראַכט: „ווען מען ווערט געבוירן, גייט אַריין דער וואָזדוך; ווען מען שטאַרבט, גייט אַרויס דער וואָזדוך". פשוט און קלאָר. עמע־צער האָט זיי פאַרענטפערט אַלע פראַגעס. דער רבנו בחיי האָט זיך אומזיסט גע־גריבלט. ער איז געשטאַנען מיט אַכפּערונג און מיר ערפורכט פאַר דעם סוד פון לעבן און טויט:

„דו זאָלסט זיך נישט איינריידן, אַז ווייל דו זעסט אַזוי אָפּט (די נאַטור־דערשיינונגען)... דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן אויף זיי" . . . „טראַכט זיך אַריין אין דער לייטזעליקייט פון דעם באַשעפער ווי ער פירט זיך מיט מענטשן. אין אָנהייב פון באַשאַף טוט ער אים, דעם מענטשן, אַריין אין זיין מוטערס טראַכט דאָרט צו ליגן, כדי ער זאָל זיין אין אַן אָפּגעהיטן און באַוואָרנט אָרט, ווי אין אַ געמויערטער פעסטונג, כדי עס זאָל אים נישט שעדיקן קיין זאַך און עס זאָל נישט צוקומען צו אים קיין היץ און קיין קעלט" . . . „און מיר זענען מחוייב צו זיין גרייט צו דער צייט ווען מיר דאַרפן זיך לאָזן אין דעם ווייטן וועג — אין אַן אַנדער וועלט. פאַר קיינעם איז נישטאָ קיין אַנטרינונג".

און דאָ האָט שמעון אַ זיפץ געטאָן, האָט דער אַגיטאַטאָר אַריינגעקלאַפּט צו איטע־חיהן אין קאָפּ: „ווען מען ווערט געבוירן גייט דער וואָזדוך אַריין, ווען מען שטאַרבט גייט דער וואָזדוך אַרויס". איז דער אַגיטאַטאָר געווען באַקאַנט מיטן רבנו בחיי און נישט געוואָלט עס אַנטפּלעקן צו די חיה־איטעס און די איטשעס, אָדער דער אַגיטאַטאָר האָט אַליין געגלייבט אין דעם „וואָזדוך"?

שמעון איז אַריין אין שטוב, אַוועקגעלייגט דעם חומש אויפן קאָמאָד — צייט גיין דאַוונען מנחה.

**
*

מערע האָט געבאַקן אירע מצות אין לעצטן טאָג פון פאָדריאַד, אינעם טאָג פון פאַר ערב פסח. זי האָט געבאַקן די מצות אַזוי שפּעט, ווייל אין איר אייגענעם הויז האָט זי אָנגעפירט מיט אַ בעקעריי און די שטוב איז געווען אַ חמצדיקע ביזן לעצטן טאָג פון פאַר פסח און עס איז נישט געווען ווו אַוועקצושטעלן די קוישן מצה. זי האָט נישט געטרויט אַפילו אויסצורייניקן דאָס קעמערל פאַר די מצות. „אַז אַלע און אַלץ אין שטוב זענען איינגעטונקען אין חמץ, וועט עמעצער דורך אַ טעות עפענען דאָס קעמערל", האָט זי געזאָגט, „און אַפילו נישט אַריינ־גיין אַהין, בין איך אַ פאַרפאַלענע. מירן זיך פאַראומרייניקן מיט חמץ אַ גאַנצן פסח".

שוין יאָרן, אַז מערע האָט געהאַט די חזקה צו באַקן אירע דריי פּוד מצות אין חיה־שרהס פאָדריאַד אויף דעם ערשטן אויוון פון פאַרנאַכט, באַלד נאָך דער נאָכמיטאָגדיקער אָפּרו־צייט, אַן הפסקה פון איבער אַ שעה.

אין דער נאַכט ערב דעם טאָג פון מצה־באַקן, האָט זיך מערע כמעט ווי נישט צוגעלייגט. פאַרטאָג איז זי שוין פאַרטיק געוואָרן מיט אירע אַלע געבעקסן און זי האָט זיך גענומען אויסצורייניקן דאָס הויז, וואָס איז שוין געווען אַן אויסגע־קאַלכטס. וואַרעמעס־צייט איז דאָס הויז שוין געווען אַ פסחדיקס, נאָר אין אויוון זענען געשטאַנען אַ פאָר טעפּ מיט געקעכץ און אין ווינקל פון קיך, אויפן טאָפּ־טשאָן, זענען געלעגן עטלעכע לעבלעך ברויט, גענוג פאַר דער משפחה ביז מאָרגן פאַרן פאַרברענען דעם חמץ. אַלע מולטערס, כלים, געשיר זענען געווען אויסגע־רייניקט, אויסגעשייערט, פאַרפאַקט אין קעמערל און פאַרשלאָסן. ביז אויף מאָרגן האָט מען געגעסן אין קיך שטייענדיקערהייט.

מיטאָגצייט איז די שטוב שוין געווען אַ פסחדיקע, אַפילו דער גרויסער רויט־געפאַרבטער טיש אין סאַליע, איז שוין געשטאַנען אַ צוגעדעקטער מיט אַ פיינעם געהאַפטענעם טישטעך ווי אויף אַ געהויבענעם שבת אָדער יום־טוב. אָבער מערע האָט זיך געמוזט צולייגן — זי איז געשטאַנען אויף די פיס אַ גאַנצן מעת־לעת און אָפּגעטאָן אַן אַרבעט, וואָס ביי אַנדערע ווייבער נעמט עס אַ גאַנצע וואָך. און פאַרנאַכט דאַרף זי נאָך זיין אין פאָדריאַד. זי איז אָפּגעשלאָפן אַרום אַ שעה. זי איז אויפגעשטאַנען אַ דערפרישטע. זי האָט זיך איינגעוואַשן, איבער־געטאָן זיך אין אירע שבתדיקע בגדים און זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם שפּיגל אין סאַליע צו פאַרקעמען די האָר.

האַלב צוויי, ווען מערע איז אַריין אין שלאָפצימער זיך צושפּאַרן, איז שמעון געזעסן מיט אָנגעשפּאַרטע עלנבויגנס אויפן טיש. דעם קאָפּ אין די פלאַכן פון די הענט און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ווען מערע איז אויפגעשטאַנען, האָט זי אים דערווישט כמעט אין דער זעלביקער פּאָזע.

זי איז געשטאַנען ביים שפּיגל פאַרקאַמט די האָר און זיך צורעכט געמאַכט

די שבתדיקע ווייסע זיידענע טיכל. זי האָט אַלע ווילע געוואָרפֿן פֿאַרגנבעטע קוקן אויף שמעונען, געוואָלט עפּעס זאָגן און זיך צוריקגעהאַלטן, סוף־כּל־סוף האָט זי געזאָגט אומדרייסט:

— אפשר וועסטו, שמעון, גיין מיט מיר אין חיה־שׂרהס פֿאָדריאַד, מיר העלפֿן מיט די מצות?

שמעון האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען. זי איז געשטאַנען אַ שבת־אויסגעפּוצטע פֿול מיט דערוואַרטונג. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך: „זי דאַרף מיך אין פֿאָדריאַד ווי צוגיסן אַ גלאָז וואַסער אין ברונעם, אָבער זי וויל זיך אויספּיינען מיט איר לערנער, פֿאַרוואָס טאַקע בישט אָנטאָן איר דעם נחת?״ ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, פֿאַרמאַכט דעם ספֿר און געזאָגט:

— אַוודאי, מאַמע, קום.

מערע האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטאָן:

— אָט אַזוי, אַ וואָכעדיקער וועסטו גיין מיט מיר אין פֿאָדריאַד?

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— צוליב דיר, מאַמע, וועל איך זיך שוין איבערטאָן.

ווען זיי זענען אַריין אין פֿאָדריאַד, האָט ניסל דער טרעגער שוין געבראַכט דאָס זעקל פּסחדיקע מעל און האָט עס אַוועקגעשטעלט לעבן דער קנעטערין. ער האָט געוואַרט אויף דער מאַמען. זי האָט אים אַריינגערוקט אַ מטבע אין האַנט. ניסל האָט דער מאַמען באַדאַנקט מיט אַ סך ווינטשעוואַניעס:

— גאָט זאָל אייך העלפֿן מערע, אַ סך יאָרן פֿון גליק און נחת פֿון די קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך זאָלט איר דערלעבן. אייער ווייסן ליילעך, וואָס איך האָב אונטערגעשפּרייט אויף מיין פּלייצע אונטערן זעקל מעל, האָב איך צונויפֿגעלייגט און ער ליגט לעבן באַנק, ווו מען קנעט די מוירעס. איך וועל קומען אין אַ שעה אַרום אָנהייבן צו טראָגן די קאַרזינעס מצה צו אייך אַהיים.

ווי זי איז אַריין אין פֿאָדריאַד, האָט שבע די קנעטערין אויסגערופֿן:

— נו, ווייבער, מיר הייבן אָן, מערע איז שוין דאָ.

די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן אַ הויכן „גאָט העלף״ און אַלע האָבן געענטפֿערט אויפֿן קול:

— אַ גוט יאָר אייך, מערע. זאָלן מיר אַלע דערלעבן איבעראַיאָר און ווייטער באַקן אייער מצה אויף דעם ערשטן אויוון פֿון פֿאַרנאַכט.

— אַ דאַנק אייך אַלעמען — האָט מערע געענטפֿערט. — איך בין באַצערט וואָס איך ברענג אייך מיין געבעק מצה די לעצטע מינוט, ווען איר זייט מיד און אויסגעמאַטערט פֿון וואָכן באַקן. אָבער איר ווייסט דאָך, מיין שטוב איז אַ חמצדיקע ביז פֿאַר ליכט־בענטשן.

באַשקע, די הויפּט־ווילגערין, האָט געענטפערט מיט חניפה:

— איר דאַרפט זיך נישט פאַרענטפערן, מערע, מיר שטייען דאָס אַלצאיינס ביז האַלבע נאַכט און עס איז בעסער צו באַקן פאַר אייך ווי פאַר די שיינע, אָנ־געבלאָזענע גבירנטעס. זיי בלאָזן זיך און בלאָזן זיך, לאָזן נישט קיין זינג טאָן אפילו און צום סוף לאָזן זיי איבער צוויי גלאַטע גריווינקעס און אַן אָפּגעריבע־נעם פערטעלע. כ׳לעבן, איר שטעלט זיך שענער פון זיי. איך זע, מערע, איר האָט געבראַכט אייער לערנער, מיט ליב אייך אייער גאַסט.

— אַ דאַנק, באַשקע, — האָט מערע געענטפערט באַהאַרצט, — זאָלט איר אויך האָבן נחת פון אייערע קינדער.

שבע די קנעטערין האָט אויסגערופן:

— מערע, די ערשטע מוירע איז שוין פאַרטיק. זייט אַזוי גוט און קומט שניידט די טייגלעך.

— אַזוי זיך פאַררעדט, שבע, — האָט מערע זיך ווי אויפגעכאַפּט. — אייך רגעלע, לאָמיר צעוואַשן די הענט.

ווען מערע האָט אויסגעטיילט די ערשטע טייגלעך, האָט חיה־שרה די באַ־לעבאָסטע פון פאָדריאַד זיך אָנגערופן:

— געדענקט, ווייבער, וועלגערט דין און גלייך אָן עקן. ס׳איז מערעס מצות.

— פאָרכט נישט, חיה־שרה, — האָט זיך אָנגערופן כאַשקע, — עס וועלן זיין מצות אויף אַ וויסטאַוקע (אויסשטעלונג). און איצט, — האָט כאַשקע זיך אַ קער געטאָן צו די ווילגערינס, — לאָמיר עפּעס אַ זינג טאָן. אייך, מערע, אַרט דאָך נישט, אַז מיר וועלן זינגען ווען מיר אַרבעטן.

— זינגט געזונטערהייט, — האָט מערע געענטפערט, — אָבער נישט קיין גוייִשע לידער, מיר באַקן דאָך מצות. אויב מען זינגט נישט קיין הלל, איז כאָטש ייִדישע לידער.

דער פאָדריאַד האָט געזונגען, געזונגען לידער, וואָס אַ סך פון זיי האָט שמעון נישט געהערט. דער עולם איז נישט געווען איבערקלייבעריש. מען האָט געזונגען די „סאָכע״ פון אליקום צונזערן, „דער בעכער״ און „זאַמד און שטערן״ פון פרוגן, „העמערל, העמערל קלאַפּ״ פון אברהם רייזען און דערנאָך האָט דער רעדלער געזונגען אַ סאָלאָ לכבוד שמעונען, אברהם רייזענס „מאי קא משמע לן״.

שמעון איז געוואָרן בלייך און רויט פון בושה. די לעצטע צוויי שורות:

„טייטן דאָ די עולם הזה
און אויף עולם הבא וואַרטן״

האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ כעס. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אַרויס פון פאָדריאַד. ער איז געבליבן אָבער מיט אַ שווער האַרץ.

דער „זעצער" האָט אַ געשריי געטאָן פון לעבן אויוון:

— אפשר וועט איר אָנהייבן זינגען עפּעס פרייליכערס, וועט איר נישט „מאַרודיען" אַזוי? דער אויוון וועט דאָך באַלד בלייבן ליידיק.

כאַשקע האָט אָנגעהויבן:

— הער נאָר, דו שיין מיידעלע
הער נאָר, דו פיין מיידעלע
וואָס ווילסטו טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג?
וואָס ווילסטו טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג?

די הענט האָבן זיך ריטמיש געוואָרפן. מען האָט געוואַלגערט שנעל און דאָס קלאַפּן און קנאַקן פון די קאַטשעלקעס האָט געפּאַסט צום שנעלן ניגון און צו די גרינגע גראַמען פון דעם ליד:

איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
איך וועל שרייען: „וועש צו וואַשן"!
אַבי מיט דיר אין איינעם זיין,
אַבי מיט דיר אין איינעם זיין.

שמעונס געמיט איז נישט גרינגער געוואָרן. ער האָט אויפגעכאַפּט דער מאַמעס קוק אויף אים, זי האָט באַלד אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אויך גענומען זינגען. שמעון איז אַוועק צום זעצער און געהאָלפן אויסלייגן די מצות אין די קוישן.

ניסל דער טרעגער איז געקומען און אַוועקגעטראָגן די מצות אַהיים. יעדן קויש מצה האָט די מאַמע פאָרזיכטיק איינגעוויקלט אין דעם ריינעם, בלאַנקעדיקן פרישן ליילעך.

מען האָט געענדיקט וועלגערן די לעצטע מוירע. די מאַמע האָט אויסגעטיילט „טיי־געלט". שמעון איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און נישט געזען וויפל די מאַמע האָט געגעבן. אָבער נאָך די ברכות און די אָנווונטשן וואָס די וועלגערינס, די קנעטערינס, דער מעל־שיטער, דער רעדלער און זעצער האָבן איר אָנגעבענטשט און אָנגעווונטשן, האָט שמעון פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט זיך געשטעלט מיט אַ ברייטער האַנט.

אויפן וועג אַהיים, האָט זיך שמעון נישט איינגעהאַלטן און געפרעגט:

— מאַמע, זאָג נאָר, וויפל האָסטו אויסגעטיילט?

— צוויי קערבלעך מיט אַ גריווינקע.

— מאַמע, האָט שמעון אויסגערופן, — עס איז דאָך אַ מטמון מיט געלט.

דו דאַרפסט דאָך אויסבאַקן אַ דייזשע ברויט, אַ געבעקס בולקעס, צען וואַר בייגל און אַ שאָק קיכלעך איידער דו זעסט צוויי רובל.

— גאָט וועט העלפן, — האָט מערע געענטפערט מיט בטחון. — און ווייסטו ווי זיי האָרעווען און פּראַצעווען אין פּאָדריאַד פון פּאַרטאָג ביז האַלבע נאַכט? האָסטו כאָטש געזען ס׳אַרא פּאַראַד מען האָט מיר געמאַכט? ס׳אַרא קבלת־פּנים זיי האָבן מיר געגעבן? און די מצות זענען אַרויס פּאַרברוינטע, קרוכלעדיק, אַז מען קען זען די זון דורך זיי. וויפל איך האָב זיי איבערגעלאָזן איז ווערט געווען. חוץ דעם ווילט זיך אַמאָל אַרויסשטעלן מעשה שיינע באַלעבאָסטע. אָבער אפשר איז דאָס אַ זינד? גאווה?

— ניין, ס׳קיין עבירה נישט, — האָט שמעון זי געטרייסט, — מען מעג זיך אויספּיינען מיט טאָן אַ מצווה. די גמרא זאָגט: עס שטייט אין פּסוק זה אלי ואנוהו — דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען, עס מיינט: פּיין זיך אויס פאַר אים מיט מצוות, מאַך פאַר אים אַ שיינע סוכה, קויף אַ שיינעם אתרוג און לולב, אַ שיינעם ספר, שיינע ציצות און אַ שיינע ספר תורה. דו האָסט זיך אויסגעפּיינט מיט געבן איבער די כוחות, איז דאָס צו גאָט און צו לייטן.

— ס׳איז אַ שיינע דרשה, שמעון. און ווי ביי אַ גוטן מגיד פעלט דיר קיינמאָל נישט קיין פּסוק אָדער גלאַט אַ וואָרט. אָבער עס דוכט זיך מיר, אַז עפּעס נאָך דעם ווי מען האָט געזונגען „מאי קא משמע לן” האָסטו אַראָפּגעלאָזן די נאָז און געוואָלט אַנטלויפן. ביסטו געבליבן אין פּאָדריאַד מסתמא צוליב מיר. אָבער ביסט געשטאַנען ווי אויף „פּריסאַק” (הייסע אַש). פאַרוואָס?

— עס איז נישט אויסצובאַהאַלטן זיך פון דיר, — האָט שמעון געענטפערט. — נו, ס׳איז אַ לאַנגע מעשה — נישט איצט די צייט צו ריידן פון דעם.

— האָסט פון מיר סעקרעטן, — האָט מערע געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— ניין, מאַמע, איך האָב נישט קיין סודות און איך האָב נישט וואָס צו באַהאַלטן פון דיר. אָבער עס איז אַ פאַרפּלאָנטערטער ענין, וואָס איך קען דיר נישט אויפקלערן אָט אויף איין פוס.

— אוי, זון, האָסט יאָ סעקרעטן פון מיר. אָט האָט מען מיר דערציילט, אַז דו זוכסט אַ קנעלונג אין אַ דאָרף. דו האָסט שוין אַפילו גערעדט מיט בעניע דעם אָוטשוטשאַווער און מיר האָסטו גאָרנישט געזאָגט. אין שטוב גייסטו אַרום ווי אַ נעכטיקער. האָסט נאָך אַפילו נישט אָנגעשריבן קיין בריוו צו שלמהן אין אַמעריקע. וואָסי, ביסט אַזוי קלוג געוואָרן אָדער איך בין מיטאַמאָל פאַרנאַרישט געוואָרן, אַז דו ווילסט אַפילו נישט מישב זיין זיך מיט מיר? אויב דער זון איז אַ נאַסלעדניק (אַ פּרינץ) איז דאָס די מאַמע אַ קייסערינע.

— ווייסט וואָס מאַמע, מיר פלעגן דאָך אַמאָל שבת אין דער פרי גיין אויף אַ שפּאַציר צום דובניקל. דעם צווייטן טאָג פּסח וועסטו שוין זיין אָן אויסגערוטע,

זועלן מיר אין דער פרי פאַרן דאַוונען גיין אויף אַ שפּאַציר זיך דורכריידן. דו ביסט ביי מיר נישט נאָר אַ מלכה, נאָר נאָך קליגער ווי די חכמה פון תקועה.

— מיין נישט אַז איך וועל פאַרגעסן ביז דעמאָלט, — האָט די מאַמע געזאָגט. — און דערווייל זאָג מיר: ווער איז דאָס געווען די חכמה פון תקועה? מסתמא אַ מעשה פון תנ״ך.

— געטראָפן, — האָט שמעון געענטפערט, — ס׳איז אַ מעשה אין שמואל ב׳, ווי יואב האָט געבראַכט אַ קלוגע פרוי פון דער שטאָט תקועה, איבעררײדן דעם מלך דוד, אַז ער זאָל זיך איבערבעטן מיט זיין שלעכטן זון, אבשלום.

***

דעם צווייטן טאָג פּסח האָבן מאַמע און זון אַוועקגעשפּאַצירט צום דובניקל. עס איז געווען נאָך גאָר פרי, כמעט צוויי שעה פאַרן דאַוונען. די מאַמע איז פון אַלע מאָל, צוליב דער בעקעריי, געוווינט געווען אויפצושטיין פרי. שבת און יום־טוב איז ביי איר געווען אַן אָפּקומעניש צו ליגן אין בעט ביז עס וועט ליכטיק ווערן. און שמעון — עד היום פאַרגינט ער זיך נישט צו פּטרן צופיל צייט אויף שלאָפן.

אין שטוב זענען נאָך אַלע געשלאָפן. מאַמע און זון זענען אַוועק צום ערשטן וואַלד־צו אויפן זאַמד. זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן רעכטס צום בערגל, וווּ עס זענען געשטאַנען פיר גרויסע אַלטע צעצווייגטע דעמבעס. אין מיטן פון זיי זענען געווען צוויי פּיענעס פון אָפּגעשניטענעביימער. מאַמע און זון האָבן זיך אַוועק־געזעצט איינע אַנטקעגן אַנדערן.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן מיט פאַרדרוס:

— זינט דו ביסט געקומען פון דער ישיבה, גייסטו אַרום ווי אַ נעכטיקער. די ערשטע פּאָר טעג ביסטו געווען מונטער און פריילעך און איצט גייסטו אַרום אַן „אָנגעדועטער״. דו חברסט זיך ווייניק מיט דיינע אַמאָליקע חברים. אין שטוב רעדסטו נישט. איך האָב געהערט פון לייטן, אַז דו זוכסט אַ קנעלונג. און וואָס ביסטו אַזוי „צעדרומשקעט״ (אויפגערעגט) געוואָרן ווען מען האָט לכבוד דיר געזונגען „מאי קא משמע לן״? איך באַנעם דיך נישט. וואָס באַהאַלטסטו פון מיר?

— איך באַהאַלט פון דיר גאָרנישט, מאַמע, — האָט שמעון געענטפערט. אָבער איך קען דאָך צו דיר נישט לויפן יעדע שעה צו באַקלאָגן זיך פאַר דיר מיט מיינע פאַרדרוסן און אויסלייגן פאַר דיר מיינע ספקות, אָט ווי אַ קינד לויפט צו דער מאַמע זיינער אַלע ווייל: „מאַמע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער״.

— האָסט פון קינדווייז אַן קיילעכדיקע תירוצים אויף אַלץ, — האָט די מאַ־מע געזאָגט. — נו, גוט. עס איז דאָ רויק און שטיל, קיינער מעשאַיעט (שטערט)

אונדז נישט. לאָמיר זיך דורכשמועסן. אָבער צוערשט פּיקט מיר אַלץ אין קאָפּ — פאַרוואָס טויג נישט דער „מאי קא משמע לן״? עס איז אַן אמת שיין ליד. עס האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן ווען מען האָט עס געזונגען. עס האָט דאָך אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן.

— עס איז מיר שווער דיר קלאָר צו מאַכן דעם ענין, מאַמע, — האָט שמעון געענטפערט. — אָבער איך וועל פּרובירן. צו וואָס זאָל איך דיר פאַרגלייכן דאָס ליד? לאָמיר זאָגן צו דיין שבתדיקן זיידענעם טיכל. ווען דו טוסט עס אָן, פילסטו אַז עס איז שבת ביי דיר, היייליקער טאָג. נו, שטעל זיך פאָר אַז איינער נאָכן אַנדערן קומען מענטשן צו דיר און זאָגן: וואַרף אַראָפּ די זיידענע שמאַטע, פאַרבייט זי אויף אַ פּויערישע „כוסטקע״, וואָס זי טראָגט זונטיק. דיין זיידן טיכל טויג נישט, ווייל עס דערמאָנט דעם שבת: אַ טאָג וואָס פּענטעט דיך, פאַרמאַטערט דיין לעבן; נישט איינקויפן, נישט פאָרן, נישט קאָכן, נישט באַקן. אָבער דאָס גוייִשע טיכל! עס ברענגט דיר דעם זונטיק — אַ טאָג פון נישט אַרבעטן, פון קענען גיין מיטן מאַן אין שענק, פאָרן אין שטעטל איינקויפן — דער אמתער שבת!

— דו לאַכסט פון מיר, שמעון!

— איך לאַך נישט, מאַמע, — האָט שמעון געענטפערט באַהאַרצט. — דער משל מיט דיין זיידענעם טיכל איז ווי אַנגעמאָסטן. פון קינדווייז אָן האָט מען מיר אַריינגעדרומשקעט אין קאָפּ, אַז תורה איז די בעסטע סחורה. דער שענסטער ייִד איז דער למדן, נישט דער גביר. דער וואָס לערנט תורה איז ווויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. עסן טעג איז נישט קיין חרפה. האָט מיך געלערנט רבי געצל, געדענקסט מאַמע? ס׳איז אַן איינגעשטעלטער מנהג ביי ייִדן האָט ער געזאָגט. אָט אַזוי ווי אין אויסלאַנד זענען פאַראַן רייכע מענטשן, וואָס שרייבן אָפּ אַ פאַרמעגן אויף אוניווערסיטעטן, כדי צו געבן די סטודענטן אַ געוויסע תמיכה. מיטאַמאָל פאַלט די חשיבות פון דער תורה ביי אַלעמען אין די אויגן און אַ ישיבהניק איז נעבעך אַ בעטלער, אויף וועמען מען דאַרף רחמנות האָבן אָדער גלאַט אַן אומגליקלעכער בחור, וואָס פּטרט זיין צייט אויף נאַרישקייטן.

— ווו האָסטו עס געזען? ווער האָט עס געזאָגט? — האָט די מאַמע זיך געוווּנדערט.

— ווער האָט עס געזאָגט? — דיין „מאי קא משמע לן״, וואָס דיר איז עס אַזוי געפעלן געוואָרן. עס שטייט געשריבן אין פּרק: „כך היא דרכה של תורה: דאָס איז דער וועג פון דער תורה, ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן און אַן אָרעם לעבן זאָלסטו לעבן און האָרעווען אויף דער תורה. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועט דיר זיין גוט. ווויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט״. קומט דער משורר פון

„מאי קא משמע לן" און האָט אויף מיר רחמנות — מײן גאַנצער לערנען איז אומזיסט. איך פּטר און פֿאַרשװענד צײַט:

אַזױ צאַנק איך דאָ אין קלײזל,
װי אַ ליכטל שװאַך און טונקל
ביז איך װעל אַזױ מיר אױסגײן
אין דער שטיל, אין מזרח־װינקל.

עולם הזה? עולם הבא? װײס איך װאָס! בײסט דער משורר:

טײטן דאָ די עולם הזה
און אויף עולם הבא װאַרטן —

און דאָס איז אַ קלײניקײט לגבי װאָס ביאַליק זאָגט אויף אונדז, אויף העברעיִש אין אַ ליד, װאָס רופֿט זיך „המתמיד". ער רופֿט אונדז, די ישיבה־בחורים, פֿאַרשניטענע און פֿאַרשעמטע נשמות, װאָס לעבן אָן אַ חשבון און װערן פֿאַרעלטערט פֿאַר דער צײַט. די ישיבה איז אַ פֿאַרשימלטע שטײענדיקע בלאָטע. די תורה? טרוקענע װערטער װאָס ציִען אַרויס דעם מאַרך פֿון די בײנער. און די צװײ לידער האָט מען מיר נאָך געגעבן לײענען אין דער ישיבה, מיך אַראָפּפֿירן פֿון דרך הישר.

— מאַלע װאָס אַן אַפּיקורס זאָגט װעגן דער תורה, — האָט מערע געזאָגט מיט ביטול.

— מאַמע, אברהם רײזען איז נישט קײן אַפּיקורס און ביאַליק אַוודאי און אַוודאי נישט. עפּעס אַ קלײניקײט ביאַליק! מען האַלט אים פֿאַר דעם משורר לאומי. זינט רבי יהודה הלוי, װאָס זײַנע שירים זענען דאָ אין פּיוט, איז נאָך אַזאַ משורר װי ביאַליק נישט געװען בײַ ייִדן. און ביאַליק האַלט דװקא פֿון די ישיבה־בחורים אַן עולם ומלואו. ער רופֿט אונדז „גוטע קערנדלעך װאָס װאָלטן געבראַכט אַ סך ברכות, אויב נאָר אײן שטראַל פֿון דער דרױסנדיקער זון װאָלט אונדז אָנגעװאַרעמט". און איצט? ער האָט זיך אַרויסגעראַטעװעט. אָבער אונדזער סוף? דער סוף פֿון די װאָס זענען געבליבן אין דער ישיבה? ער שרײַט אויס מיט װײטיק און צאָרן: „װי טרוקן און פֿאַרשאַלטן איז דאָס שטיקל ערד, אויב אַזעלכע קערנער װערן פֿאַרשימלט אין איר!"

— מײנט ער טאַקע, שמעון, אַז מען זאָל אינגאַנצן אַנטלויפֿן פֿון לערנען? — האָט די מאַמע געפֿרעגט מיט שרעק. — אויב ייִדן האַלטן אַזױ פֿון אים, לײגט זיך דאָך נישט אויפֿן שׂכל, אַז ער זאָל הײסן אינגאַנצן אויפֿהערן לערנען. װאָס זענען ייִדן אָן תורה?

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— פאַראַן געגנוג ייִדן וואָס וואָלטן געוואָלט אַז מיר זאָלן זיין אַן תורה און ווערן ככל הגויים — ווי אַלע פעלקער. מיט ביאַליקן איז נישט קלאָר, ער וויל די ישיבה און נאָך עפּעס. ער זינגט אין יענעם ליד: „וויפל וואָלטן געוועזן די גאַרבן, וואָס מיר וואָלטן מיט געזאַנג געשניטן, ווען עס וואָלט נאָר איין גוט ווינטל אַ בלאָז געטאָן און אָפּגערייניקט דעם וועג צו דער תורה, צו דער ישיבה, וואָס מיר האָבן פאַרדאָרבן". ער מיינט, אַז צו דער תורה דאַרף מען השכלה, און סוף־כל־סוף די בעסטע זאַך, זאָגט ער אין אַנדערע שירים, איז זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. ביאַליק איז אַ הייסער ציוניסט.

— מילא, — האָט די מאַמע געענטפערט, — קיין ארץ־ישראל קען מען זיך נישט אויפהייבן און אַ פאָר טאָן אַט אַזוי ווי מען פאָרט צו גאַסט אין אַזאַ־ריטש. דיין ביאַליק איז דאָך מסתמא אויך נאָך דאָ־הי. אָבער וועגן השכלה וואָס טוט מען?

— עס זענען פאַראַן אַלערליי וועגן, מאַמע, דער גרינגסטער וועג איז פאַר־לאָזן אינגאַנצן די ישיבה און ווערן אַן עקסטערן — אויב מען וויל לערנען; אָדער אַ ציוניסט, אַ דעמאָקראַט אויב מען וויל נישט לערנען. אָבער איך ווייס נאָך נישט וואָס איז רעכט און וואָס איז נישט רעכט. איך וויל נאָך לערנען תנ"ך, גמרא, פּוסקים, ייִדישע חכמה־ספרים, רוסיש און אַנדערע חכמות העולם. אין אַלע ישיבות לערנט מען נאָר גמרא. די ישיבה־בחורים, אויב זיי ווילן אַפילו לייענען אַביסל אויף לשון קודש, דאַרפן זיי עס טאָן סעקרעטנע (באַהאַלטענער־הייט). איך האָב טיילווייז געפירט זיך אַזוי אין קרעמענטשוג. טויג עס נישט. ערשטנס זענען די מערסטע ביכלעך, וואָס מ'לייענט בסוד — שירים אָדער מעשיות, און די אַנדערע ביכער קען מען נישט פאַרשטיין אָן אַ לערער. אין לידע איז דאָ אַ ישיבה, וווּ מען לערנט תורה און חכמה, האָב איך געפּלאָנעוועט צו פאָרן אַהין.

— איז וואָס איז די מניעה? — האָט געפרעגט די מאַמע. — און פאַרוואָס זוכסטו אַ קנעלונג?

— דער ענין איז אַזאַ, — האָט שמעון געענטפערט, — קיין טעג עסט מען נישט אין לידע, תמיכה גיט מען ווייניק. און אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אַ מודעה אין די בלעטער אַז זיי נעמען נישט אָן קיין נייע תלמידים, קען איך זיך נישט ריכטן, אַז אַפילו ווען מען וועט מיך אַריינגעמען, וועט מען מיר געבן וואָס עס איז פאַר אַ תמיכה. דאַרף איך האָבן געגנוג געלט לכל הפחות אויף איין זמן — אַ זיבעציק רובל. נו, האָב איך אויסגערעכנט, אַז אויב איך גיי אַוועק הייַנטיקן זומער אויף אַ קנעלונג, וועל איך אויף ווינטער קענען פאָרן קיין לידע.

— עס געפעלט מיר נישט דיין פּלאַן, — האָט די מאַמע געזאָגט, — אי־בערצורייסן דיין לערנען. מאַכט מען זיך איין מאָל אַ היתר, האָט מען נישט קיינ־

מאָל קיין האַרצקלעמעניש. דו זאָלסט וויסן, אַז עס ליגן ביי מיר אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע רובל. איך האַלט, אַז מיר דאַרפן אַלע, די גאַנצע משפּחה, אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב אַוועקגעשיקט אַהין שלמהן. נו, האָט ער חתונה געהאַט און פאַרגעסן אָן אונדז. אָבער אונדזער תּכלית ליגט אין אַמעריקע. איך מיין אַז צוערשט דאַרפן פאָרן דער טאַטע מיט רחל־לאהן. אויף דעם האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר רובל. די בעקעריי גייט איצט גוט, וועל איך דיר קענען שיקן חודש־געלט און פאָר קיין לידע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שקלאַ וטריא צווישן מאַמען און זון. אסרו חג איז שמעון אַוועקגעפאָרן קיין לידע.

קאַפּיטל 11

פאַר לידע

שמעון איז מקנא אַ סך שרייבער פון אויטאָביאָגראַפיעס אָדער פון ביאָ־גראַפישע נאָוועלן. די שרייבערס לעבנס זענען געווען פול מיט אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און אויסטערלישע פּאַסירונגען. זיי זענען געווען העלדן פון זייער צייט. אַוודאי אָפּט טרייבן זיי איבער, אָבער זיי האָבן אויף וואָס זיך אָנ־צושפּאַרן כדי איבערצוטרייבן, צו מגזם זיין, ווייל זיי האָבן טאַקע באַווירקט דאָס לעבן אַרום זיך און זענען געווען די טאָנגעבער פון זייער דור.

שמעון קען אַפילו נישט איבערטרייבן, אָדער עפּעס וואָס אויפבלאָזן אַ גע־שעעניש, אַז זי זאָל אויסזען נאַציאָנאַל וויכטיק. ער קען נישט פּרעטענדירן אַז ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט באַווירקט דאָס פאָלק. ער האָט נישט געהאַט די אַמביציע אַפילו צו ווערן אַ פירער, אַ קאָכלעפל. דוכט זיך, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט די געלעגנהייט דערצו, אָדער געהאַט די געלעגנהייט און זי נישט געזען. ער האָט אָנגעשריבן צוואַנציק ביכער, אָבער ער איז נישט פון די פּאָפּולערע שרייבערס. אים האָט אַלעמאָל געפעלט די אייגנ־שאַפט צו ווערן באַליבט אָדער אַפילו אָנגענומען. ער האָט קיינמאָל נישט מסכים געווען מיט דעם קאָנפאָרמיזם פון זיין דור און זיין דור האָט זיך נישט צוגע־הערט צו אים.

אויסערלעך האָט ער געלעבט אַ שטיל רויִק לעבן. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין ליבע־אַוואַנטורעס. זיין לעבן איז געפלאָסן ווי דער שטראָם פון אַ טייך — אין איין ריכטונג. דאָס אויג, וואָס זעט אויבנאויפיק באַמערקט נישט, אַז אַפילו ווען דער טייך איז רויִק, קאָכט דאָס לויפיקע וואַסער, יאָגט זיך און גראָבט אָן אָן אויפהער און אָן אָן אָפּשטעל.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער געזוכט שלימות — פאַר זיך און פאַר דעם לעבן אַרום. אַ ציל, וואָס קיינער קען עס נישט דערגרייכן. פון דער פריסטער יוגנט

האָט ער געטראָגן אויף זיך און אין זיך דעם יאָך פון דער וועלט און געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז איר שולדיק אַ חוב, אַ גרויסן חוב, וואָס ער קען איר קיינמאָל נישט אויסצאָלן.

ער איז אָבער אויך געווען אַ בר־מזל. די אויפטרייסלענדיקע צוויי וועלט־מלחמות האָבן אים פערזענלעך אויסגעמיטן. די ייִדישע צרות, פאַרפאָלגונגען און אומגליקן אין די לעצטע פופציק יאָר האָבן אים דירעקט פיזיש נישט גע־טראָפן, נישט אים און נישט די נאָענטע אַרום אים. דערפאַר טאַקע אפשר האָט זיך זיין גאַנצע דאגה קאָנצענטרירט צו זוכן דעם זין פון זיין ייִדיש לעבן און אַ וועג צו שלימות. ער איז שטענדיק געווען פאַרשלונגען אין דער זאָרג פאַר איינשטעלן פאַר זיך אַ ייִדיש לעבן און אויך פאַר אַלע פון זיין גלייכן. ער האָט געפילט אַ פערזענלעכע התחייבות; ער מוז געפינען אַ לייזונג צו דער פאַר־פלאָנטערטער פראָבלעם פון דעם ייִדישן לעבן פון זיין דור. אויב ער קען נישט געפינען דעם פתרון, איז ער אָבער נישט פטור פון זוכן.

עס קען זיין, אַז ער האָט גענומען אַ התחייבות, וואָס איז איבער זיינע כו־חות. גאָר אָפט האָט ער געפילט, אַז ער איז נישט ראוי צו דעם. דערפאַר איז ער געבליבן אַן אומרויִקער, נישט זעלטן אַן אומגעדולדיקער מענטש. אַלעמאָל געלערנט און געזוכט. ער געדענקט אויך נישט קיין צייט, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין תביעות און קיין טענות צו זיך און צו די מענטשן אַרום אים. אין זיינע דערפאָלגרייכסטע צייטן איז ער נישט געבליבן רויִק און צופרידן מיט זיך. צוליב זיין שטענדיקער אומרויִקייט און פאָדערונגען צו זיך איז ער נישט געווען קיין צופיל נוח לבריות. דאָס האָט אים שטאַרק וויי־געטאָן, ווייל ער האָט אַלע־מאָל ליב געהאַט מענטשן אהבת נפש און ווען ער האָט עמעצן וויי־געטאָן, האָט ער דערנאָך געריסן פון זיך פאַסן.

צוליב דעם האָט ער שוין אין דער יוגנט נישט געהאַט קיין צופיל נאָענטע חברים און שפּעטער אויף די עלטערע יאָרן, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט לערך־חברות און קרייזן, האָט ער געהאַט ווייניק איבערגעגעבענע תלמידים און נאָך ווייניקער אינטימע פריינט. ער וואָלט מסתמא געווען זייער אַן אומטאָלעראַנטער מענטש, ווען ער וואָלט זיין גאַנץ דערוואַקסענעם לעבן נישט אָפּגעלעבט אין אַן אַנגלאָזאַקסיש לאַנד, וווּ ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין טאָלעראַנט. ווען נישט די איינגעזאַפּטע טאָלעראַנץ פון דער סביבה, וואָלט קיינער פון זיינע נאָענטע אים נישט געקענט פאַרטראָגן.

ווען שמעון וואַרפט אַ בליק אויף צוריק און זעט אין דמיון דעם ערנסטן, שטענדיק שפּירעוודיקן, נייגעריקן פופצן־יאָריקן ייִנגל, וואָס האָט זיך געגרייט צו פאָרן אין לידער ישיבה, שמייכלט ער צו זיך און טראַכט: קיין נחת פאַר די נאָענטע איז ער זיכער נישט געווען. וואָס פאַר אַ צונאָמעניש וואָלט געפּאַסט

פאַר אַזאַ בחורל? יאָ, עס האָט פאַר אים געפּאַסט דאָס ענגלישע וואָרט „פריג״.

„פריג״ איז אַ שאַרף וואָרט אין ענגליש. אין ייִדיש איז נישטאָ קיין עקוויוואַלענט (אַ פּינקטלעך, ענלעך וואָרט). „פריג״ מיינט אַ בעל־גאווה, אַן אָנגעצויגענער, אַן ענגהאַרציקער, אַ שמאָל־קעפּיקער, פאַנאַטישער, פאַרמאַלערמענטש, וואָס פיינט זיך אויס מיט זיין געלערנטקייט, חכמה, צניעות און באַשיידנקייט.

קינדער מיט שאַרפע קעפּלעך, חכמים, זעלבסטזיכערע און חוצפּהדיקע רופט מען אויך „פריגס״. אָבער, ווען מען ווענדט אָן דאָס וואָרט אויף קינדער, דערמאָלט האָט דאָס וואָרט אַן אַנדער ניואַנס, עס מיינט אַ קינד מיט אַ שאַרף קעפּל, אַ געשליפן צינגל, קלוג און העזהדיק — נישט אויסצוהאַלטן פון אים. דאָך איז עס אַ וואויל קינד, מען קען לייגן גרויסע האָפענונגען אויף אים.

אויף ייִדיש רופט מען אַזעלכע קינדער: אַלטע קעפּ אָדער אַלטע נשמות. דערוואַקסענע מענטשן פילן זיך אומהיימלעך לעבן זיי.

אָט אַזאַ ייִנגל איז געווען שמעון.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער באַלד ווי ער האָט פאַרלאָזן לידע — צו זעכצן יאָר. דאָס העברעיִשע ליד, וואָס ער נעמט איצט אַרויס פון דעם אַלטן שרייבהעפט איז געשריבן אין אַ קאָרעקטן לשון קודש, די פערזן שוואַכע, ייִנגלשע, אָבער דער סענטימענט איז אַ רייפער און אַן ערנסטער. דער עיקר איז אַז שוין דעמאָלט האָט ער געהאַלטן אַז ער איז שולדיק דער וועלט אַ חוב, וואָס ער מוז סילוקן.

החיים לא הבטיחו לי מאומה,
החיים לא הבטיחו לי כלל,
להפך אנכי לחיים הבטחתי
ורימיתיו בהבטחות מעל.
ולכן לא עליו אתאוננה
ומעולם לא אאבל על עברו.
להפך בלילות נדודים ואי שנה —
אשמע עלי מרי ניהו וקבלו. (תרע״א)

(איבערזעצונג: דאָס לעבן האָט מיר גאָרנישט נישט צוגעזאָגט, דאָס לעבן האָט מיר קיין שום פאַרפליכטונג נישט געגעבן, פאַרקערט גאָר, איך האָב דעם לעבן צוגעזאָגט און מיט פאַלשע הבטחות עס גענאַרט. און דערפאַר אין אומרויִקע און שלאָפלאָזע נעכט באַקלאָג איך זיך נישט אויף זיין פאַרגיין. פאַרקערט גאָר, אין די דאָזיקע פאַרוואָגלטע און שלאָפלאָזע נעכט הער איך, צו מיר, דעם לעבנס ביטערע טענות און געוויין).

אַן אַלטע נשמה מיט אַ וועלט־יאָך אויף די פּלייצעס צו זעכצן יאָר. מיר,

וואָס אונדזערע קינדער זענען נאָך אַלץ אומבאַהאָלפן צו פינף און צוואַנציק יאָר, האָבן שוין פאַרגעסן וואָס פאַראַ דור אונדזער דור איז געווען. ביאַליק זינגט וועגן דעמאָלטיקער יוגנט:

ובעת רחמים בין השמשות,
שחי ואגל לך סוד יסורי:
אומרים: יש בעולם נעורים —
היכן נעורי?

(איבערזעצונג: פאַרנאַכט אין בין השמשותדיקער טונקלקייט, וואָס איז אַ צייט פון רחמים, בייג איך זיך איין און איך וויל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד פון מיינע יסורים. מען זאָגט אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט יוגנט. ווּ איז מיין יוגנט?).

דאָס ליד איז מיט אַ פופציק יאָר צוריק געווען זייער פּאָפּולער צווישן אונדז. אַ יוגנט מיט אַלטע נשמות האָט געזונגען דאָס ליד מיט אַן אומעטיקער און בענקענדיקער מעלאָדיע און געפונען אַ טרייסט אין דעם געזאַנג און גע־האָפט אַז דער דור נאָך אים וועט שוין וויסן, וואָס יוגנט איז און וואָס פאַראַ טעם ליבע האָט. מיר האָבן דאָס דערלעבט. שוין אַביסל צופיל איז אונדזער ווונטש מקוים געוואָרן...

שמעונס ערנסטקייט, דערוואַקסנקייט און רייפקייט זענען נישט געווען קיין יוצא מן הכלל אין יענער צייט. ער איז אפשר געווען אַביסל ערנסטער און סענסיטיווער פון דעם דורכשניט. אָבער קיין אויסנאַם איז ער נישט געווען, אין די שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד מיט אַ קרוב פופציק יאָר צוריק.

***

פון די אַלע שטעטלדיקע געראָטענע בחורים איז נאָר איינער פאַר שמעונען געפאָרן קיין לידע לערנען. עס איז געווען דוד־אפרים דער זון פון ר' אברהם־יעקבן דעם רעטשקער. שפּעטער האָבן שוין אַ סך קאַלינקאָוויטשער בחורים גע־לערנט אין לידע.

דוד־אפרים איז געווען אַ טאַטנס אַ זון. ר' אברהם־יעקב איז געווען אַ באַ־ווּוסטער גמרא־מלמד, אַ ייד אַ הדרת פנים, אַ גרויסער למדן, אַ בעל־מידות, איינגעטונקט אין יחוס, אַ מקורב צו ר' מרדכילע האָרניסטאָיפּאָלער, דאָס איי־ניקל פון ר' מרדכי טשערנאָבעלער. דער רבי האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין קאַ־לינקאָוויטש און דוד־אפרימס טאַטע איז געווען ביי אים אַ בן־בית.

ר' אברהם־יעקב האָט געשטאַמט נישט נאָר פון אַ מיוחסדיקער און לומדי־שער משפחה, נאָר אויך פון גבירים אַדירים. ער איז געקומען אין שטעטל וועגן

ער איז שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן, נאָך דעם ווי די משפחה האָט פאַר־לוירן גאָר אַ סך פון איר גרויסן פאַרמעגן. עפּעס איז געווען אַ לאַנגיאָריקע לאַ־דעניש וועגן אימעניעס, מיליטערישע פּאָדריאַדן און צעבראָכענע פּליטן אויפן דניעפּער. ר׳ אברהם־יעקב האָט זיך גענומען צו מלמדעריי, נישט אינגאַנצן פון אָרעמקייט, ווייל ער האָט זיך געפירט גאַנץ ברייטלעך, גאָרנישט מעשה מלמד. אַפּנים אַז עס איז נאָך ביי אים געבליבן אַ שיין קניפּל.

זיין בן־יחיד דוד־אפרים איז געווען דער גרעסטער און שענסטער בחור אין שטעטל. באמת טאַקע אַ שיינער, אַ מענערשע שיינקייט. אַ הויכער, אַ גע־שטאַלטנער, די האָר רויטלעכע, די אויגן ברוינע, טיפע, רייצנדיקע אויגן און דאָס פּנים אַ מערקווירדיק שפּירעוודיקער, אַ באַוועגלעכער פול מיט אויפנעמעג־דיקייט. אַ מענטש אַ שוואָם, אַ שוואָם מיט אַ שאַרפן מוח, וואָס האָט געקענט איינזאַפּן דעם דינסטן געדאַנק און די שאַרפסטע סברה, וואָס ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ער האָט תופס געווען שאַרפזין בעסער ווי אַ פלאַנץ־שוואָם זאַפּט איין וואַסער. חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ חיתוך־הדיבור, אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר. אַ קול האָט ער געהאַט אַ ריינעם און אַנגעטאָן איז ער געווען ציכטיק, ריין — אַלץ האָט אויף אים געשפּיגלט. הייַנט זיין נגינה!

דוד־אפרים איז געווען קאַרגע פיר יאָר עלטער פון שמעונען. ביידע זענען געווען פון געצלס בעסטע תלמידים און עס איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אַ שטילע קאָנקורענץ. רבי געצל האָט אַמאָל געזאָגט צו דוד־אפרימען:

— ביסט אַ גרויסער חריף, אָבער דיין חסרון איז וואָס דו ביסט אָפּט צו שאַרף פאַר פּשטות. משל למה הדבר דומה, צו וואָס קען מען דיך פאַרגלייכן?

— צו אַ שנעלן לויפער, וואָס לויפט אַזוי שנעל אַז ער לויפט אַריבער זיין ציל, און ווו מען דאַרף, איז ער נישטאָ. נאָך עפּעס צוליב דיין חריפות און שאַרפקייט האָלסטו נישט צופיל פון מענטשן. ווילסט אַלעמאָל זיין דער חשובסטער, דער בכבודיקסטער. דער קליינער שמעון איז ווייט נישט אַזאַ חריף ווי דו, אָבער ער איז אַ זוכער, גרונטעוועט זיך אַלעמאָל אין שלימות. דאָס וואָס דו דערגרייכסט אין אַ שעה, דערגרייכט ער ערשט מיט זיין גריבלעניש אין וואָכן. אָבער די מעלה איז, דאָס וואָס ער געפינט אויס, ווערט אַ טייל פון אים, זיין אייגנס. און דו? געדאַנקען זענען ביי דיר אַן אַוואַנטורע. שמעון היט זיך שטענדיק נישט צו פאַר־שעמט ווערן פון זיך אַליין. דו ווילסט אָבער נושא חן זיין ביי אַנדערע. דו וועסט שטורעמען אַ וועלט. עס וועט אומעטום זיין פול מיט דיר. וועסט זיין אַ רעדנער און מען וועט קומען דיך הערן, אָבער „דו וועסט זיין ביי זיי נישט מער ווי אַ פריילעך ליד, געזונגען מיט אַ שיינעם קול, וואָס האָט אַ גוטן קלאַנג". ווי דער נביא יחזקאל זאָגט. אָבער שמעון — איך האָף אַז ער וועט שאַפן נכסי צאן ברזל (גרונט־פאַרמעגן). מען וועט אים גערן נישט הערן. די וועלט וועט פון

אים וויסן, אָבער נישט קלינגען מיט אים. אָבער קוקן אויף זיך אין אַ שפּיגל וועט ער קענען. און דו וועסט קוקן אויף זיך און טראַכטן — ס'איז נישט דאָס — איך האָב געדאַרפט שטייגן העכער.

מאָדנע, שמעון האָט געוואָלט זיין ווי דער געראָטענער עלטערער חבר און דוד־אפרים האָט געקוקט מיט קנאה אויף שמעונס וואַקסן און געציטערט ער זאָל אים נישט איבעריאָגן.

אין יענער צייט, ווען שמעון האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין לידע, האָט דוד־אפרים געפירט די גרענדע אין שטעטל. ער איז געווען דער אָנגעזעענסטער לערנער און משכיל אין שטעטל. פרום, אָבער היינטוועלטיק. ביי יוסף־חיימען אין מנין איז ער געווען דער בעסטער קענער פון העברעיִש, גערעדט לשון קודש ווי וואַסער, אַ פייערדיקער ציוניסט, אַ פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט, דער אָנפירער פון דער האַלב־פּרומער ציוניסטישער באַוועגונג.

יוסף־חיים דאַראָזשקין האָט געוווינט אין דער קלויסטער־גאַס ביי אַ שוועסטער אין שטוב. דער שוואָגער זיינער האָט געהאַלטן די קאַראַבקע. ער האָט געהאַט די חזקה אויף איר, טאַקע צוליב דעם זכות פון יוסף־חיימען. קהל האָט אָפּגעהיט, אַז מען זאָל זי ביי אים נישט אויסדינגען און דערפאַר האָט דער שוואָגער געדאַרפט אויסהאַלטן יוסף־חיימען.

דאַראָזשקין האָט געשמט נישט נאָר איבערן גאַנצן קאַנט, נאָר איז אויך געווען אַ וועלט־מפורסם. ער איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון. חיים ווייצמאַן ע"ה, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, דערציילט אין זיינע מעמואַרן ווי ער איז געפאָרן קיין קאַלינקאָוויטש צו יוסף־חיימען אים איבערגעבן די ערשטע צוויי אַקציעס פון דער נאָר־וואָס געגרינדעטער נאַציאָנאַלער באַנק. יוסף־חיים דאַראָזשקין האָט געשריבן אין „המליץ", נישט נאָר קאָרעספּאָנדענציעס, נאָר טאַקע מאמרים וועגן ציוניזם, טאָג־פּראָגעס, יידישער דערציִונג, חקירות אין תנ"ך און פילאָסאָפישע שטודיעס. עטלעכע מאָל האָט דער באַרימטער היסטאָריקער און תנ"ך־וויסנשאַפטלער, ד"ר שמעון בערנפעלד, אים געענטפערט. אָפט האָט ער נישט מסכים געווען מיט דעם קליין־שטעטלדיקן משכיל און אַפילו אַביסל חוזק געמאַכט פון אים, דאָך האָט ער אים געהאַלטן פאַר גענוג וויכטיק, אַז ער זאָל אים ענטפערן.

פון קלייניגקייט אָן איז דאַראָשקין געווען פאַראַליזירט אויף ביידע פיס און די הענט זענען ביי אים געווען דין ווי שטעקלעך און דערצו צעדרייט. ער האָט מיט גרויס שוועריקייט געקענט האַלטן אַ ספר אין האַנט און נאָך שווערער איז אים אָנגעקומען דאָס שרייבן. דערצו איז ער געווען שטאַרק קורצזיכטיק. דאָך איז אים געלונגען צו ווערן אַ למדן און אַ בקי אין דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַטור און אַ שרייבער מיט אַ שם. ער האָט געפירט אַ קאָרעס־

פאַנדענץ מיט גאָר דער וועלט, דערהאַלטן בתורת מתנה אַלע העברעיִשע צײַ־טונגען, זשורנאַלן און נײַ־דערשינענע ביכער און וויסאָצקי פון קיִעוו האָט אים געשיקט חודש־געלט.

יוסף־חיים האָט זיך אויפגעפירט גאַנץ ייִדישלעך. ער האָט געטראָגן באָרד און פּיאות, קיינמאָל נישט געגאַנגען בגילוי ראש. אין שול איז ער נישט געווען ביכולת צו גיין, האָט ער איינגעשטעלט אַ מנין ביי זיך אין שטוב. פאַרן עסן האָט ער זיך געוואַשן, קיינמאָל נישט געגעסן אָן אַ ברכה; בכלל איז ער געווען אַ זהיר, אָפּגעהיט אין דער קלענסטער אָדער גרעסטער מצווה. דאָך האָט דאָס שטעטל נישט געהאַלטן פון זיין פרומקייט. האָט אַ בחורל, אָדער אָן איידעם אויף קעסט, אָנגעהויבן אַרייַנגיין צו יוסף־חיימען און דאַוונען אין זיין מנין, האָט מען געשפּאָט:

— ווען ער וועט ווערן פרום, וועל איך ווערן גוט.

שבת חול המועד פּסח איז שמעון געקומען דאַוונען צו יוסף־חיימען אין מנין. אַלע האָבן אים געקענט און מען האָט אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. שוין באַלד צו שחרית האָט שמעון פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האַלט נישט פון דעם מנין. אמת, יוסף־חיים האָט געדאַוונט, נישט אַרויסגענומען די אויגן פון סידור. אָבער חוץ אים און דעם חזן ביים אימפּראָוויזירטן עמוד, האָט קיינער נישט גענומען קיין וואָרט עברי אין מויל. די בחורים און די יונגעלייט האָבן גע־שמועסט און דיסקוטירט צווישן זיך און אַלץ אויף העברעיִש. דער הויפּט־אַנפי־רער איז געווען טאַקע דער גראָטענער דוד־אפרים.

אָבער די אויסטערלישע זאַך איז געווען אין שמעונס אויגן זייער קריאת התורה. געוויינלעך אין אַלע שולן, איז עס די טומלדיקסטע צייט. דער בעל־קריאה לייענט און דער עולם שמועסט צווישן זיך. אָבער דאָ אין מנין איז דווקא געווען שטיל צו קריאת־התורה און אַלע האָבן אַריינגעקוקט פאַרטיפט אין די אָפענע חומשים. דער בעל־קריאה, אַ נאָר־וואָס אָנגעקומענער איידעם אין שטעטל, האָט געהאַט אַ קול נגינה און געווען געניט אין טראָפּ און שמעון האָט דערפילט צום ערשטן מאָל, אַז דער טראָפּ איז נישט נאָר זיס מוזיקאַליש, נאָר איז באמת אַ באַהאַלטענער, שטילער פּירוש.

נאָכן דאַוונען האָט מען געשטעלט ברכה. דער עולם האָט געמאַכט לחיים און שמעון האָט גוט באַמערקט אַז נאָר יוסף־חיים האָט געמאַכט שהכל. מען האָט געהאַלטן די קעלישיקלעך בראָנפן אין איין האַנט, דאָס שטיקל טאָרט אין דער אַנדערער האַנט און געשמועסט צווישן זיך אויף העברעיִש. דוד־אפרים האָט דערציילט יוסף־חיימען און דעם גאַנצן מנין וועגן זיין חברה משניות, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט — אַ חברה צו לערנען משניות אויף העברעיִש:

— מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען פאַר פינף וואָכן. די ערשטע וואָך האָבן

מיר געהאַט נישט מער ווי אַ קיילעכדיקן מנין. היינטיקע וואָך, האַלט איך, וועלן מיר האָבן איבער פינף און צוואַנציק ייִדן. דערווייל לערנען מיר איין מאָל אַ וואָך. אָבער בקרוב וועלן מיר אָנהייבן לערנען דריי מאָל אַ וואָך. די לערנער זענען פול מיט התפעלות און באַגייסטערונג פאַר דעם אופן פון אונדזער לערנען. אָבער עס איז זייער שווער צו געבן צו פאַרשטיין אונדזערע לומדים, אַז מיר זענען נישט אויסן גלאַט צו לערנען משניות, נאָר דער עיקר איז צו לערנען אויף העברעיִש. מיר טייטשן אַלץ אויף לשון קודש: די קשיות, די תשובות, די אויסטייטשונגען און דעם פּלפּול. און אַז מען ברענגט אַ ראיה פון דער גמרא, דאַרף מען אַראַמעיִש פאַרטייטשן אויף העברעיִש. אַט ווי מען האָט פריִער פאַר־טייטשט אַלץ אויף ייִדיש, אַפילו ווען מען האָט געקענט גוט דעם פירוש המילות.

נו, צרות האָב איך געהאַט באַלד ביי דעם ערשטן שיעור. איך האָב אָנ־געהויבן לערנען, איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו עפענען דאָס מויל, איז צוגעקומען ר׳ שלמה דער מנקר און געשטעלט אַ קשיה און אויף ייִדיש. ענטפער איך אים: „ר׳ שלמה בבקשה דבר עברית״. (איך בעט אייך רעדט העב־רעיִש). ענטפערט ער מיר בייז: שקץ משוקץ, העברעיִש שמעברעיִש! דו לערנסט מיט ייִדן משניות? איך פרעג דיך אַ קשיה, איז ווייסטו דעם ענטפער — ענט־פער, אַנישט וואָס בעבעסטו: דבר עברית. ענטפער איך אים מיט אַ צוגעפּאַסטן פּסוק: „דבר נא אל עבדך עברית, כי שומע אני, ואל תדבר אלי יהודית, כי אינני שומע ז׳רגון״. (אַביסל אַ געענדערטער פסוק פון ישעיה: רייד צו אונדז העברעיִש, ווייל מיר פאַרשטייען און רעד נישט צו אונדז קיין ייִדיש, ווייל מיר פאַרשטייען נישט קיין זשאַרגאָן). ווערט ער אין כעס און טוט אַ זאָג צו מיין טאַטן, וואָס איז געשטאַנען דערביי: פרעג אים דו. אפשר וועט ער צוליב כיבוד־אָב ענטפערן. פרעגט מיך דער טאַטע די זעלביקע קשיה און אויך אויף ייִדיש. ווער איך נישט נתפעל און ענטפער: „אבא, דבר עברית״!, טאַטע, רעד העברעיִש!

דער עולם אַרום דוד־אפרימען איז געשטאַנען און געהערט פאַרגאַפּט. און שמעון כאַפּט־אויף ביי דעם התלהבותדיקן דוד־אפרים אַ טאָן פון גאווה און באַ־רימעריי און ער טראַכט: מילא, אַפילו ביי שלמהן דעם מנקר און דוד־אפרימס טאַטן איז דאָס סוף־כל־סוף אַ שפּיל.ביידע זענען דאָך למדנים מופלגים און זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס דוד־אפרים האָט געלערנט אויף העברעיִש. אָבער דוד־אפרימס לערנען משניות אויף העברעיִש פאַרמאַכט דעם משניות פאַר מיין טאַטן ירוחם בן־ציון און מיין פעטער איטשע, ביידע ערלעכע ייִדן, שוסטערס וואָס קענען אָפּדראַפּען אַ שטיקל משניות מיט דער הילף פון עברי־טייטש. פון זיי און פון די איבעריקע ייִדן האָט דוד־אפרים צוגענומען דעם משניות.

דער עולם אין מנין איז אינגאַנצן מסכים מיט דוד־אפרימען און ער פילט עס און ער רעדט ווייטער האָפערדיק:

— איך וועל איינבערעכן אונדזערע למדנים. זיי וועלן קומען צו מיין שיעור משניות און זיי וועלן ביי מיר פרעגן זייערע קשיות אויף העברעיִש. און דורך דעם לימוד פון משניות אויף העברעיִש וועל איך פאַרשפּרייטן אונדזער נאַציאָנאַלן לשון און דערוועקן ביים פאָלק אַ רצון צו ווערן שטאָלץ מיט אונדזער ווונדערלעכן אַמאָל. זיי וועלן ריידן העברעיִש און מיר וועלן ווערן צוריק אַ פאָלק ווי אין די אַלטע צייטן פון תנ״ך.

און שמעון שטייט אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אויף דער וואַנט. האַלט אין דער לינקער האַנט אַ שטיקל לעקעך און אין דער רעכטער האַנט אַ קעלישעקל ווייַן און ווי נאָך אין זיין פּריסטער יוגנט, ווען ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרשטאַלטיקן, כדי צו פאַרשטיין עס קלאָרער, פאַרשטאַרט ער די אויגן און זעט אַ זעונג — כהרף־עין איז פאַרשוווּנדן דער מנין, דאַראָזשקינס הויז און דאָס שטעטל. עס איז נעלם געוואָרן דער סאָסנאָווער וואַלד, די זומפּן אַרום שטעטל. עס איז נישטאָ קיין זכר פון שניי. ער איז איצט אין אַ זוניק לאַנד. אַרום אים וועלדער פון באָקסער און טייטלען. פון דער ווייטן זעט זיך דער לבנון מיט זיינע מעכטיקע צעדער — ארזי לבנון. די ערד איז נישט גרוי־שוואַרץ ווי אַרום דעם שטעטל, נאָר זי איז רויט — ווייל עס איז דאָך אדמה — אָדם — רויט. אדמה, רויטע ערד. אָט קומט ער צו אַ שטאָט — אַ שטעטל. די הייזער זענען נישט געבויט פון האָלץ, נאָר פון אבני גזית — געהאַקטע שטיינער. אין מיטן שטאָט איז אַ פּאַלאַץ באַפּוצט מיט העלפאַנט־ביין, לעבן פּאַלאַץ איז נישטאָ קיין בית־מדרש, נאָר אַ במה, כהנים זענען מקריב קרבנות און אַרום זיי ייִדן.

די ייִדן זענען אָנגעטאָן משונהדיק — אין טערקישע כאַלאַטן און די קעפּ אַרומגעוויקלט מיט טיכער, ווייסע ווי האַנטעכער, און קאָלירטע. אָט אַזעלכע ייִדן זעט מען אויף די געמעלעכצן פון די שער־בלעטער פון ספרים, וואָס זענען געדרוקט אין אַמסטערדאַם, אָדער אין די הגדות של פסח.

די מענער און פרויען רופט מען מיט מאָדנע נעמען. נישטאָ קיין אברעמל, יאַנקל, בעניע, וועלוול, שמערל אָדער פּיניע. מ׳הערט נאָר ווי מען רופט זיך יצהר, פּגעיאל, עכרן, אחירע און עמיאל. די ווייבער הייסן נישט חייקע, ציפּע, בריינע, מערע, אָדער איטע, נאָר פּועה, כליה, צרוע און יהועדן. די דאָזיקע ייִדן, מענער און פרויען אינאיינעם מיט די כוהנים דאַווענען נישט, נאָר שפּילן אויף גיטאַרעס און ברומען געזאַנגען. עס רייכערן זיך בראַנד־אָפּפער אויפן מזבח. עס ברענען די פריד־אָפּפער און די גאַנצע מחנה שטייט אַרום דער בימה און זינגט און שפּילט אויף אינסטרומענטן. און דאָס לשון זייערס איז לשון־קודש, נאָר מיט לאַנגע פּתחן און האַרטע תיון. אַביסל אָפּגערוקט פון זיי שטייען די שטעטלדיקע ייִדן — מענער, פרויען און קינדער — אָנגעטאָן ייִדישלעך, און קוקן מיט וווּנדער אויף די אַמאָליקע ייִדן. נאָר איין דוד־אפרים רעדט. ער רעדט און שרייט:

דברו עברית והייתם כמוהם (רעדט העברעיִש און איר וועט זיין ענלעך צו זיי). אין האַנט האַלט דוד־אפרים אַ פאַרמאַכטן משניות.

מיטאַמאָל רייסט זיך אַרויס פון שטעטלדיקן עולם ר׳ שלמה דער מנקר, ציט אַרויס פון דוד־אפרימס האַנט דעם פאַרמאַכטן משניות און זאָגט צו אים אויף יידיש:

— וואָס ביסטו פון זינען אַראָפּ? מיר זאָלן ווערן ווי די דאָזיקע טערקן? לאָמיר בעסער אָנהייבן לערנען מיט זיי אַ פרק משניות און מאַכן זיי פאַר יידן. אַ ניצוץ פון יידישקייט האָבן זיי דאָך.

דער טומל פון „גוט־שבת", וואָס אַלע האָבן געזאָגט צו יוסף־חיימען, האָט אויפגעוועקט שמעונען פון זיין טראַנס.

***

דוד־אַפרים און שמעון זענען געגאַנגען אינאיינעם אַהיים. ביידע האָבן גע־וווינט אין דעם דיאַקס געסל. דער שבת איז געלעגן צעשפּרייט איבערן שטעטל. אַ היפּשע ווײַלע זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, דערנאָך האָט דוד־אפרים אַ זאָג געטאָן צו שמעונען און דווקא אויף יידיש:

— איך האָב געהערט, אַז דו קלייבסט זיך צו פאָרן קיין לידע. איז דאָס אמת?

— אַן אמת. — האָט שמעון געענטפערט.

— האָסט דערהאַלטן פון זיי אַ ידיעה, אַז מען האָט דיך אָנגענומען?

— איך האָב זיי אַפילו נישט געשריבן.

— וואָס איז דער שכל?

— איך האָב נישט געוואָלט האָבן קיין אָפּזאָג פון זיי. דעמאָלט וואָלט איך בלי ספק נישט געקענט פאָרן און איך מוז פאָרן.

— איך האָב מורא, שמעון, אַז דו שטעלסט אומזיסט איין הוצאות. שוין פאַראַיאָרן, ווען איך האָב פאַרלאָזן די ישיבה, זענען געווען פיר בעלנים אויף יעדער סקאַמייקע (בענקל). הער נאָר, נאָך די מודעות נאָך, וואָס זיי האָבן גע־דרוקט אין די בלעטער שוין באַלד נאָך חנוכה, איז דער מצב איצט מסתמא נאָך ערגער ווי פאַראַיאָרן. פאָר נישט. ס׳איז אַן עבירה די הוצאות. מען וועט דיך נישט אַריינעמען.

— מען וועט מיך נישט צוריקשיקן.

— וואָס פאַר אַ מיוחס ביסטו?

— עמעצן נעמט מען דאָך יאָ אַריין, פאַרוואָס נישט מיך? אָט ביסטו אָנגע־קומען אַהין אָן קיין שום שוועריקייטן!

— וואָס פאַרא פאַרגלייך? ראשית איז דאָס געווען מיט דריי יאָר צוריק.

דער דוחק איז ערגער אין לידע איז נישט געװען אַזוי גרויס װי הײנט. שנית, האָב איך געהאַט אַ המלצה־בריװ פון רבין. ביי הרב רײנעס איז עס דעמאָלט געװען אַ גרויסער נצחון — דער האָרגאַסטאָיפּאָלער רבי שיקט אים אַ בחור. ס׳איז אַ מין הסכמה אויף זײן ישיבה. אָבער װאָס קענסטו אים װײזן? עס קלאַפּן דאָרטן אין די טירן בחורים עילויים, חריפים, שאַרפע קעפּ, קינדער פון דער גילדענער פאַן, קעגן זײ װעסטו זײן כקליפּת השום (װי שאָלעכץ פון קנאָבל).

— איז װאָס איז דײן עצה?

— אַן עבירה די הוצאות.

שמעון האָט אַ שמײכל געטאָן:

— דאָס איז קײן עצה נישט, נאָר אַ גזר. איך פאַר. עפּעס גלײבט זיך מיר נישט אַז הרב רײנעס זאָל האָבן אַ פּראָצענט־נאָרמע װי אין אַ גױישער גימנאַזיע אויף בחורים פון געמײנעם שטאַנד. זײ װעלן מיך נישט צוריקשיקן. אָבער אפשר קענסטו קריגן פאַר מיר אַ המלצה־בריװ פון רבין ר׳ מרדכילע. ביסט עפּעס דאָרטן אַ גאַנצער מקורב. עס װעט העלפן.

דוד־אפרים האָט אָנגעהױבן שטאַמלען:

— איך װײס נישט. מיר דוכט זיך אַז ער װעט מיר אָפּזאָגן. שטײט עס מיר נישט אָן צו בעטן. װען ער האָט מיר געגעבן דעם המלצה־בריװ, האָט זיך אויפ־געהויבן אַ שטורעם צװישן די אַלטע חסידים: ס׳טײטש, דער רבי האַלט שוין מיט די ציוניסטן. פאַר מיר האָט ער געהאַט אַ תירוץ. װײבאַלד אַז מײן טאַטע ר׳ אברהם־יעקב איז נישט קעגן, װאָס איך פאָר אין לידע, מעג מען זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אַז איך װעל נישט אַרויס לתרבות רעה (קאַליע װערן). אָבער איצט אַז איך בין געװאָרן אַ ציוניסט און אַ העברעיִסט און דו ביסט נישט קײן חסידס אַ זון, דײן טאַטע איז נישט קײן מפורסם אין שטעטל, האָב איך מורא אַפילו אָנטײטן דעם רבין ער זאָל דיר געבן אַ בריװ. שוין בעסער נישט בעטן װי ער זאָל אָפּזאָגן. מײן איך טאַקע אַז דו זאָלסט פאָרט שפּאָרן הוצאות.

זײ זענען צוגעקומען צו דוד־אפרימס שטוב און זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט. שמעון האָט עקשנותדיק געענטפערט:

— איך פאָר קײן לידע. איך גלײב נישט אַז הרב רײנעס זאָל אײנפירן אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר בחורים פון מײן שטאַנד. איך װעל עס אים זאָגן. גרינג אָפּפּטרן מיך װעט ער נישט קענען. איך װעל זיך נישט לאָזן.

דוד־אפרים האָט געגעבן שמעונען די האַנט:

— אַ גוטן שבת, על־פּי שכל דאַרפסטו נישט פאָרן, אַן עבירה הוצאות. אָבער מיר דוכט זיך אַז דו װעסט דײנס אויספירן. װי אַזוי װײס איך נישט. אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז דו װעסט אײנברעכן רײנעסן.

**
*

ס׳איז זייער מאָדנע ווען שמעון ברענגט אַרויף אין זכרון יענעם בין הזמן געדענקט ער קלאָר, אַז ס׳האָט אים ווייניק געשראָקן דער געדאַנק, אַז מען וועט אים נישט אָננעמען אין לידע און ער שטעלט איין דער מאַמעס געלט און ער וועט צעבטלען אַ זמן. גאָר אַן אַנדער ענין האָט אים באַאומרויקט. וואָס וועט זיין מיטן דאַוונען אין וואַגאָן? וועט ער זיך ווידער שעמען אָנטאָן תפילין פאַר די אויגן פון די גויים?

ער האָט אָנגעהויבן נאָכפרעגן ווען דער פּאַיעזד פאָרט אָפּ פון שטעטל און ווער ער קומט אָן קיין לידע. אפשר קען מען אויסמאַרקירן אַז ער זאָל נישט דאַרפן דאַוונען אין וועג.

ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס׳איז נישט שיין וואָס ער זוכט זיך אויס־צודרייען פון דער פאַרלעגנהייט: „איך בין געוואָרן דער אמתער תכשיט, אַן אמתער הפקר־יונג. איך וויל אָנהייבן פעלשעווען מיט אַרויסדרייען זיך פון דאַוו־נען — שעמען זיך צו דאַוונען פאַר די גויים און בלייבן אַ פיינער מענטש״.

ער דערמאָנט זיך מיט פאַרדראָס יענעם פּרימאָרגן, ווען ער איז געפאָרן פון קרעמענטשוג, ווען ער איז געזעסן אין וואַגאָן לעבן דער פּריצטעלע און צוליב איר זיך נישט געמאַכט וויסנדיק ווען ייִדן האָבן געזוכט אַ צענטן צום מנין. אין קעסטל וואָס איז געשטאַנען לעבן אים זענען געלעגן אַחוץ דעם סידור און תפילין אויך אַ תנא דבי אליהו, אַ גאַנג משניות, דער „עמק הבכא״, דער „חובות הלבבות״ און אַ תנ״ך. ייִדן זוכן אַ צענטן צו אַ מנין און ער זיצט און מאַכט זיך נישט וויסנדיק. ער האָט שוין נישט קיין בושה. ער איז פריי פון אַלץ. ער מאַכט זיך אַז ער הערט זיי נישט, קוקט אין דער לופטן. און ווי אַז אַ ייִד פון די וואָס זוכן אַ מנין זאָל געוועזן צוגיין צו אים און זאָגן: „בחורל, עפן דאָס קעסטל, לאָמיר אַהין אַריינקוקן, זען וואָס דו פירסט! אַזוי? דו פירסט מיט זיך אַ תנא דבי אליהו? פרעג איך דיך: פאַרוואָס פאָלגסטו נישט אויס וואָס דער תנא דבי אליהו זאָגט? יאָ, ייִדן שטייען אין טלית און תפילין און דאַוונען און די גויים קרימען זיי נאָך און דו? עפן דיין תנא דבי אליהו! עס שטייט דאָך דאָרטן געשריבן: בזמן שישראל שרויין בצער ופירש אחד מהם — ווען ייִדן זענען אין צער און איינער טיילט זיך אָפּ פון זיי, קומען צוויי מלאכים און לייגן אַוועק זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זאָגן: דער וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון כלל וועט נישט זען די נחמה, די טרייסט, ווען עס וועט קומען אויפן כלל. און טאָמער וועט דער מענטש זאָגן: ווער וועט עדות זאָגן אויף מיר? קיינער וויס דאָך עס נישט — דער באַלקן פון זיין אייגן הויז וועט עדות זאָגן קעגן אים״.

שמעונען פאַלט איין אַ געדאַנק: ס׳איז נאָך דאָ אַ מער באַגלייבטער עדות — דער מענטש אַליין. יעדער איינער זאָגט עדות קעגן זיך אַליין — איבערהויפּט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

און דאָס יינגל מאַכט ביי זיך אָפּ: היינטיקס מאָל וועט ער לייגן תפילין אין וואַגאָן. צו מאַכן זיך זיכערער, מאַכט ער ביי זיך אָפּ אַז ווען ער וועט איינ־פּאַקן די זאַכן זיינע אין קעסטל, וועט ער דעם סידור און תפילין־זעקל אַוועק־לייגן אויבן־אויף. זאָל ער נישט האָבן קיין תירוץ אַז ער וועט דאַרפן אויפרויען אַלץ אין קעסטל.

מערקווירדיק זענען די וועגן פון זכרון. שמעון געדענקט גוט דעם פּיין און פּאַרדראָס וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע ראַנגלעניש. יאָ דאַוונען אין וואַגאָן צי נישט דאַוונען. ער געדענקט אויך, אַז ער האָט אויסגעפירט זיין באַשלוס אַוועקצולייגן דעם סידור און תפילין־זעקל אויבן־אויף. צי ער האָט יאָ געדאַוונט, צי ער האָט נישט געדאַוונט אין וואַגאָן, אויף זיין נסיעה קיין לידע, דאָס גע־דענקט ער נישט.

קאַפּיטל 12

לידע

שמעון דערמאָנט מיט דאַנקבאַרקייט דוד־אפרימס ערלעכן און שיינעם אַקט. מוצאי יום־טוב איז ער געקומען צולויפן צו שמעונען אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטער און אַרויסגעזאָגט:

— הערסט אַ מעשה! פאַרטאָג פאָרסטו אָפּ קיין לידע און ווייסט נישט וווּהין צו פאַרפאָרן.

שמעון האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— וואָס איז דאָ צו וויסן? איך וועל פאַרפאָרן אין דער ישיבה.

דוד־אפרים האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט אומגעדולד:

— אין לידע פאַרפאָרט מען נישט אין דער ישיבה. ווען אַ בחור דערהאַלט פון זיי אַ בריוו, אַז מען האָט אים אָנגענומען, גיט מען אים אַן אַדרעס פון אכסניה. די ישיבה אין לידע האָט נישט קיין ווייבערשע שול ווו צו שלאָפן. נאַ דיר אַן אַדרעס, פאַרפאָר אַהין. וועט דיר שפּעטער נישט געפעלן וועלן די קאַמער וועסטו בייטן. יאָ, גיב איבער פון מיר אַ גרוס דעם רויטן.

— ווער איז דער רויטער?

— וועסט שוין אויסגעפינען ווען דו וועסט אָנקומען אַהין. אַ גוטע נאַכט, פאָר געזונט און זיי מצליח.

שמעון איז אָפּגעפאָרן מיט דער פאַרטאָגיקער באַן.

***

שמעון איז אָנגעקומען קיין לידע, האָט איבערגעלאָזן זיין קעסטל אויף דער אכסניה און איז צוערשט אַוועק באַקוקן די ישיבה.

אַ רויטער מויער איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון אַלע הייזער אין אַ נישט אַרומגעצאַמטן הויף. דער אינעווייניק איז אים מער געפעלן געוואָרן ווי דער

דרויסן. עס איז נישט געווען קיין בית־מדרש מיט בענק, סטענדערס און אַ שולחן לעבן הרובע. איבערן גאַנצן לענג פון די חדרים זענען געווען אויסגעשטעלט „סקאַמייקעס״ (שול־בענק), וואָס שמעון האָט קיינמאָל נישט געזען, נאָר גע־לייענט וועגן זיי אין ביכלעך. ער האָט אויך געזען אין אַנדערע צוויי צימערן טאָוולען צוגעקלאַפּט צו דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט. שמעון האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס זענען שרייב־טאָוולען, ווייל אין חדר האָט מען זיך באַנוצט מיט הענט־טאָוולען און גריפלען. שמעון האָט מיט נייגעריקייט באַקוקט עטלעכע האַלב אָפּגעמעקטע שורות אויף רוסיש און לשון־קודש, וואָס זענען געבליבן פון לעצטן זמן און מען האָט זיי פאַרגעסן אינגאַנצן אָפּצומעקן.

בחורים האָבן אַרומגעבלאָנקעט אַנגעטאָן אין אַלערליי טראַכטן. עס האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ צאָל אַנגעטאָן אין רובאַשקעס און היטלען מיט בלישטשענ־דיקע קאָזירקעס. דער הויף און די צימערן זענען געווען פול מיט דעם טומל פון די בחורימס גערײַדעריי אויף דריי לשונות: ייִדיש, העברעיִש און רוסיש.

די טשיקאַווסטע זאַך איז געווען אין זײַנע אויגן, וואָס ער האָט קיינעם נישט געזען זיצן ביי אַ גמרא. אמת, עס איז געווען פאַרן אָנהייב פון זמן, אַ טאָג נאָך אסרו חג, די בחורים זענען מסתמא פאַרנומען מיט זוכן קוואַרטירן. אָבער אין קרעמענטשוג האָט אַזאַ בטלען צייט נישט געקענט געמאָלט זײַן. אין דעם גאַנצן בין־הזמנימדיקן טומל האָבן זיך געפונען עטלעכע בחורים, וואָס האָבן מבטל געווען דעם טומל און צערודערטקייט און געזעסן פאַרטיפט אין לערנען.

נאָך עפּעס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן: די שול־בענק זענען נישט געווען פאַרוואָרפן מיט גמראס און פילפּול־ספרים. עס איז אין דער ישיבה גע־ווען אַ באַזונדער חדר מיט פּאַליצעס מיט ספרים אויסגעשטעלט אין אַ סדר. שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז די ישיבה האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט ספרי־חול — ביכער אויף העברעיִש און רוסיש.

נאָך אַ צייט אַרומדרייען זיך, האָט שמעון אָפּגעשטעלט אַ בחור און אים געפרעגט:

— אווו קען איך זען ר׳ יצחק־יעקבן?

— וועמען? — האָט דער בחור געפרעגט — ר׳ יצחק־יעקבן? ווער איז...

— באַלד האָט ער זיך געכאַפּט — אָ, איר מיינט, איר ווילט זען הרב רײַנעס?

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט. אין האַרצן האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס דעם רב און דעם ראש־הישיבה פון לידע רופט מען גאָר מיטן פאַמיליע־נאָמען. אָט האָט ער אָפּגעלערנט אין קרעמענטשוג פולע צוויי יאָר און ער ווייסט נישט אַפילו ר׳ לייזערס פאַמיליע־נאָמען. אין די אויגן האָט מען אים גערופן: רבי; אונטער די אויגן — ר׳ לייזער, אָדער דער ראש־ישיבה.

דער בחור האָט אָנגעוויזן שמעונען ווו ר׳ יצחק־יעקב רײַנעס וווינונג איז.

שמעון איז אַריין אין אַ רחבותדיקן פירקאַנטיקן צימער. אַלע ווענט זענען געווען פאַרבויט פון דיל ביז דער סטעליע מיט פאָליצעס, וואָס זענען געווען אָנגעפראָפטע מיט ספרים. אויף די אייבערשטע פאָליצעס זענען די ספרים גע־שטאַנען אין אַ סדר, אָבער אויף די אונטערשטע זענען די ספרים געווען אָנגע־וואָרפן איינע אויף די אַנדערע. אַ יונגערמאַן, הויך און דאַר, מיט אַ פנים אָרומ־געזוימט מיט אַ שוואַרץ בערדל, איז געשטאַנען מיט דער פלייצע צו דער וואַנט פאַרטיפט אין אַ ספר. שמעון האָט שפעטער אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען הרב ריינעסעס זון.

אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, וואָס דאָס פאַרב האָט זיך לאַנג אָפגעריבן פון אים און דער פלאַך איז געווען ווייס־גרוילעך, ענלעך צו אַ שולחן אין בית־מדרש. אַרום טיש זענען געשטאַנען לופטיקע ווינער שטולן. דער טיש איז געווען פאַרוואָרפן מיט ספרים, קונטרסים, צייטונגען, זשורנאַלן און פאַרשריבענע פאַפירן. אויבנאָן איז געזעסן אַ ייִד אַ זקן, וואָס זיינע וואָנצעס און באָרד זענען געווען אַזוי צונויפגעוואַקסן, אַז מ׳האָט נישט געזען קיין מויל. ער איז געזעסן אויף אַ גרויסן פאָטעל־שטול. לעבן אים, אויפן ברעג טיש, איז גע־שטאַנען אַ גרויסער טינטער מיט עטלעכע הענטלעך און פענעס און אַ גרויסער בלויער סלאָי אָנגעפילט מיט פיינעם געלן לאַנג־לאַקשנדיקן טאַבאַק.

דער אַלטער איז געזעסן און געדרויכערט אַ לאַנגן ליולקע־ציביק. לעבן אים, רעכטס, איז געשטאַנען אַ רויטער ייִד, אַ רוגזדיקער און כעסיקער. ער האָט אומ־געדולדיק געצופט מיט דער לינקער האַנט דעם מיטן פון זיין באָרד. קענטיק, אַז ס׳איז ביי אים געווען אַזאַ הרגל, ווייל די באָרד זיינע איז געווען אַ געדיכטע, אַ בעזעמדיקע, נאָר אין מיטן איז זי געווען שיטערלעך, פליכוואַטע, אויסגעצופט. ער איז געשטאַנען ניט רויק, ער האָט זיך אימפעטיק געשאָקלט און געשוויגן. אָבער ס׳איז געווען אַ מאָדנער שוויגן, אַ שוויגן מיט אַ ברומען, אפנים, האָט שמעון געטראַכט, דאָס איז דער משגיח, וועמען דוד־אפרים האָט געשיקט אַ גרוס.

לינקס פון רבי ריינעסן איז געשטאַנען אַ מיטליאָריקער ייִד אין אַ רבנישן טראַכט און געדיכטע באָרד און פיאות. לעבן אים איז געשטאַנען אַ בחור אַ יאָר פערצן־פופצן, אָנגעטאָן אין אַ זיידענער קאַפאָטע, מיט אַ ווייסן זשילעט מיט אַ מאַנישקע און שניפס, די קאַלאָשעס פון די הויזן אַריינגעשטעקט אין די כאָ־לעוועס פון שטיוועלעך געמאַכט פון פיינסטן שעוראָ. דער מיטליאָריקער ייִד האָט איינגעטענהט מיט הרב ריינעס:

— ר׳ יצחק־יעקב, אַז ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו שרייבן און אָנ־פרעגן צי איר וועט אַריינבנעמען שואלן אין דער ישיבה. עס איז דאָך נישט שייך, אַז עס זאָל מיר געווען איינפאַלן אַזאַ געדאַנק. איך ווייס אַז מ׳וואָלט אים אויס־געכאַפט אין טעלז, סלאָבאָדקע, לאָמזשע, מיר אָדער ראַדין. פופצן יאָר אַלט און

איז בקי אין נזיקין, נשים און מועד. אַלץ הייסט בקי! ער איז דאָך דער עילוי, וואָס מיט אים קלינגט דער גאַנצער קאַנט! שטעכט אַריין אַ נאָדל אין אַ וואָרט אויף וועלכן ס׳איז דף פון די דריי סדרים, וועט ער אייך זאָגן דאָס וואָרט, וואָס שטייט אויף דעם זעלביקן אָרט צען דפים ווייטער, פופצן דפים ווייטער אָדער צוואַנציק. דעם אמת מוז איך אייך זאָגן, אַז מיין ברודער, רב אין סטויפּניץ, וואָלט נישט געשיקט שואלן צו אייך, נאָר ער האָט געהאַט אַ פּסק מיט זיין על־טערן זון, וואָס ער איז געווען נאָך גרעסער פון שואלן. אָבער ער האָט בשתיקה אָנגעהויבן לייענען ספרים חיצונים. מען האָט אים געכאַפּט, געשריען, פּעטש, אים פאַרשפּאַרט אַליין אין אַ חדר, עס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט אים חתונה געמאַכט און עס האָט נישט געהאָלפן. ער איז אַנטלאָפן אין זאַגראַניצע (אויסלאַנד). ער לערנט דאָרט ביי זיי אין די אוניווערסיטעטן און שרייבט לידער און מעשיות אויף זשאַרגאָן. וויל מיין ברודער נישט איינשטעלן מיט שואלן. זאָל ער לערנען חכמות חיצונות נישט בשתיקה. זאָל ביי אים נישט זיין קיין מים גנובים ימתקו (געגנבעטע וואַסער איז זיס). ער האָט אים געלאָזן לערנען רוסיש. אָבער שואל, מיט זיין פלינקן קאָפּ, האָט נישט געהאַט די סבלנות צו לערנען רוסיש פון אַ קינדער־ביכל, האָט ער אויסגעחזרט אַ גאַנצן ווערטער־בוך אויף אויסווייניק. נו, פרעג איך אייך, ר׳ יצחק־יעקב, האָט מיר געקענט איינ־פאַלן אַ רעיון, אַז איר וועט נישט אריינעמען אַזאַ כלי אין דער לידער ישיבה? דערצו איז ער דאָך אַ בן־טובים. פון טאַטנס צד שטאַמען מיר...

דער יונגערמאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו די פּאָליצעס מיט ספרים, האָט איבערגעריסן דעם מיטליאָריקן יידנס שטראָם רייד:

— הערט ר׳ ישראל, אַלץ וואָס איר דערציילט איז אמת ויציב, אייער פּלי־מעניק איז אַן עילוי, אַן אייזערנער קאָפּ און בלי שום ספק וועט ער אויסוואַקסן אַ גדול בישראל. אָבער מיר האָבן נישט קיין אָרט פאַר אים. ס׳איז נישטאָ מער קיין בענקלעך, עס פעלן סטענדערס. איר פאַרשטייט, ר׳ ישראל? בפשוט הפשטות נישטאָ ווו צו זעצן אים.

רבי ריינעס האָט אַרויסגענומען דעם ציבעק פון מויל:

— זון מיינער, דו קאָכסט זיך צופיל. צו וואָס אַזאַ רוגזה? מירן צושטעלן אַ שטול, אַ בענקל, אַ שטענדער, אַ סקאַמייקע אַז מען וועט דאַרפן. איך וויל אַ טאָפּ טאָן די סחורה. קום אַהער, בחורל, מען רופט דיר שואל. גוט, קום אַהער, שואל. לאָמיר טאַקע זען צי ס׳איז הכצעקתה. קום צו צום טיש און איך וועל זען דעם פלא מיט דער שפּילקע. איך האָב עטלעכע מאָל געהערט פון אַזאַ קונץ אָבער קיינמאָל עס נישט געזען.

דאָס בחורל איז נישט געווען פון די שעמעוודיקע. און שמעון איז געשטאַ־נען מיט אויפגעריסענע אויגן און צוגעקוקט אַז ווי נאָר שואלקע איז צוגעגאַנגען

צום טיש האָט דער פעטער זיינער, ר׳ ישראל, אַרויסגעשלעפּט אַ שפּילקע פון לאַץ פון זיין רעקל, געעפנט אַ גמרא, אָן אויפמישן אַ באַשטימטן דף, און אַריינגעשטאָכן די שפּילקע אין אַ וואָרט אויף וואָס זיין אויג איז געפאַלן. שואל האָט אַ פּיר געטאָן מיטן אויג און ווי בהיסח הדעת אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט, וואָס עס שטייט צוואַנציק דפים ווייטער.

הרב ריינעס האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, אַ צי געטאָן דעם לולקע־ציביק און אַ זאָג־געטאָן:

— פּלאי פּלאים. אַ בור שאינה מאבד טיפּה — אַן אויסגעפּלאָסטערטע גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. נו, ס׳איז אַ מדרגה. אָבער אַ העכערע מדרגה איז אַ מעין המתגבר — אַ קוואַל וואָס שטאַרקט זיך כסדר. לאָמיר הערן אַ שטיקל גמרא. אָט איז די מסכתא בבא בתרא איך האָב אויפגעמישט פּרק ג׳, חזקת הבתים. זאָג!

דאָס בחורל, נישט דערשראָקן, אָט ווי מען וואָלט אים געהייסן זאָגן „מודה אני״ פון אַ סידור. ער האָט אָנגעהויבן:

— חזקת הבתים והבארות והשיחין והמערות (די חזקה אויף הייזער, ברונעמער, וואַסער־גריבער און היילן)... שמעון האָט געזען ווי שואל קוקט אַריין, כלומרשט, אין דער אָפענער גמרא, אָבער באמת האָט ער געקוקט אויף הרב ריינעסן און געזאָגט אויף אויסווייניק. ער האָט אָפּגעזאָגט די משנה און קיין איין מאָל זיך נישט פאַרהאַקט און זיך נישט אָפּגעשטעלט צו פאַרטייטשן און איז באַלד אַריבער צו דער גמרא. ער זאָגט נישט, נאָר ער זופּט שורה נאָך שורה אָן אַן אָפּהאַלט און אָן אַן אָפּשטעל. אָט האַלט ער שוין ביים צווייטן עמוד, מישט אַריין אַ תוספות, אַ שטיקל מהרשא. הרב ריינעס שטעלט אים נישט אָפּ און דאָס יינגל ווערט נישט מיד, דאָס קול זיינס ציט זיך ווי אַ פליסיק וואַסער און שמעון שטייט ווי פאַרכישופט — וועט ער זיך נישט פאַרהאַקן? וועט ער גאָרנישט אַ פּיר טאָן מיט די אויגן איבער רש״י? אָט הייבט ער אָן אַ פּילפּול — גיך, גיך, אָן קיין שום וואַרעמקייט אָדער אינטאָנאַציע. ביסלעכווייז האָט זיך שמעונען אָנגעהויבן דוכטן, אַז עס רעדט אַן אָנגעשטעלטע כלי וואָס ווייסט נאָר דאָס וואָס ס׳איז אין אים אַריינגעזאָגט געוואָרן.

שואל האָט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעשטעלט. דער פעטער זיינער האָט אויסגערופן מיט נצחון:

— נו, ר׳ יצחק־יעקב, האָט איר אייך חלילה אָפּגענאַרט?

הרב ריינעס האָט געענטפערט קורץ:

— ער, ער איז אַ כלי.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום רויטן ייִדן מיטן פליך אין מיטן פון דער באָרד:

— נו, יואל־דוד, משגיח פון דער ישיבה, פאַרשרייב אים. צי ער וועט זיין אַ גדול בישראל ווייס איך נישט. אָבער אַ שיינדל פאַר דיין ישיבה וועט ער זיין. דאָס וואָס ער איז פון דער גילדענער פאָן וועט אויך נישט שאַטן. גענוג רבנים פאַלן אָן אויף מיר.

— ר׳יעקב־יצחק, — האָט דער משגיח פּראָטעסטירט, — אוודאי איז ער אַ כלי און אַ שיינדל פאַר דער ישיבה. איינשרייבן אין רייסטער איז גרינג. אָבער ווו זאָל איך אים זעצן? אַלע בענקלעך זענען פאַרנומען. אַלע טישן זענען אַרומגעזעצט נישטאָ קיין אָרט אַפילו אַוועקצוזעצן אַ שרעטעלע.

— שוטה, בכתב איז ביי דיר אַלץ פאַרנומען... ס׳איז ביי דיר פאַרשריבן אַז אַזוי פיל און אַזוי פיל בחורים זענען געבליבן אין דער ישיבה און אַזוי פיל און אַזוי פיל בחורים וועלן אָנקומען. דער סך־הכל איז, אַז אַלץ איז פאַרנומען. ס׳איז אָבער למעלה מן הטבע (נישט נאַטירלעך) אַז עטלעכע בחורים זאָלן נישט אַרויספאַלן, ווייל זיי וועלן נישט קענען קומען צוליב פאַרשיידענע סיבות. דו וועסט זען, אַז אין אַ וואָך־צוויי אַרום וועסטו האָבן ליידיקע ערטער. דאָס איז דער טייטש פון „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים״ — אין בית המקדש איז מען געשטאַנען צונויפגעקוועטשט און אַז מען האָט זיך געבוקט — געפאַלן כורעים — איז געווען גענוג אָרט פאַר יעדן איינעם. ווי אַזוי? נישט אַלע האָבן געקענט בלייבן שטיין אַזוי אַ לענגערע צייט, זענען אַ סך פון זיי אַרויס אין מיטן, איז די עזרה געוואָרן געראַם.

— וויבאַלד אַזוי, — האָט אַ פרעג געטאָן שואלס פעטער, — וואָס איז עס געווען פאַראַ נס? עס שטייט דאָך אין אבות עשרה ניסים נעשו לאבותינו — צען ניסים זענען געשען צו אונדזערע עלטערן אין בית המקדש.

— דער נס איז, — האָט הרב ריינעס געענטפערט מיט אַ שמייכל, — וואָס גענוג מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען אין צייט אַזוי, אַז ס׳איז אַלעמאָל געבליבן גענוג אָרט צו בוקן זיך אין רחבות. נו, אַ גוטן טאָג אייך, ר׳ ישראל. און דו, דוד־יואל, גיב שואלן אָן אַדרעס פון אַ קוואַרטיר.

ווען דער פלימעניק און פעטער זענען אַרויס, האָט דער משגיח דערזען שמעונען. דער רויטער משגיח האָט זיך אַ קער געטאָן און אַ זאָג געטאָן בייז:

— וואָס ווילסטו האָבן?

הרב ריינעס און זיין זון האָבן אָנגעקוקט שמעונען און אַ קרעכץ געטאָן. ער איז געשטאַנען הילפלאָז און אָנגעשטעלט אויף הרב ריינעסן אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן פול מיט טרערן. ער האָט זיך איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפ, כדי זיך נישט צו צעוויינען. ער האָט געשוויגן.

ר׳ יעקב־יצחקס זון האָט אַרויסגעזאָגט אומגעדולדיק:

— נו, נו, ברענג שוין אַרויס אַ וואָרט.

שמעון האָט אַ שלונג געטאָן דעם קנויל אין האַלדז און אָנגעהויבן ריידן אויף אַ הויכן נישט נאַטירלעכן קול, צו פֿאַרדעקן זיין שרעק און פֿאַרלאָרנקייט:

— איך בין געקומען איר זאָלט מיך אַריינגעמען אין דער ישיבה. איך האָב צוגעגרייט אַ גאַנצע דרשה — ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, — אָבער נאָכדעם, וואָס איך האָב געזען, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן מיט דעם סטויפּניצער עילוי... האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

הרב ר׳ יעקב־יצחק ריינעס האָט אים פֿאַרזיכטיק באַקוקט און געזאָגט:

— אויפֿן אָנבליק ביסטו אַ בעל־שכל, איז ווי אַזוי האָסטו זיך געלאָזן אין דער ישיבה, נאָך דעם ווי מיר האָבן מודיע געווען אין די בלעטער, וואָך־איין, וואָך־אויס, זינט חנוכה, אַז קיין בחור זאָל נישט פֿאָרן קיין לידע, סיידן ער וועט קריגן פֿון אונדז אַ בריוו אַז מיר האָבן פֿאַר אים אַן אָרט? אַ שאָד דיינע הוצאות און טרחה, פֿאַר געזונטערהייט אַהיים.

— רבי, איך קען נישט פֿאָרן צוריק אַהיים. איך מוז דאָ בלייבן. הערט מיך אויס.

דער משגיח האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואָס איז דאָ צו הערן? פֿאָר געזונטערהייט אַהיים, אָן טענות און אָן מענות. מיר האָבן קיין אָרט נישט.

שמעון האָט זיך אַ קער געטאָן מיט רוגזה צו הרב ריינעס:

— רבי, ס׳איז דאָ ביי אייך ערגער ווי ביי לבנען. ביי לבנען האָט אליעזר געבעטן רשות צו ריידן און לבן האָט אים געגעבן, און דאָ טרייבט איר מיך אַרויס ווי דער משגיח זאָגט, אָן טענות און אָן מענות.

הרב ריינעס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ מזל האָב איך. רק שאַרפֿע קעפּ. עילוים, קלוגע בחורים שפּאַרן אָן אין לידע. נו, יואל־דוד, געגנוג רוגזה, לאָז אים ריידן, הערסט דאָך וואָס ער זאָגט, — האָט שוין הרב ריינעס געלאַכט, — מיר זענען ערגער פֿון לבן הארמי.

דער משגיח האָט אָנגעהויבן איינטענהן מיט די הענט:

— רבי, איך ווייס: איר האָט אַ גוט האַרץ; זאָל ער נאָר עפֿענען דאָס מויל וועט איר שוין געפֿינען אויף אים אַ זכות. אָבער איך זאָג אייך בפּירוש, אין איצטיקן פֿאַל, וועל איך נישט אָננעמען אייער פּסק, זאָל ער פֿון מיינעטוועגן ריידן וואָס ער וויל.

הרב ריינעס האָט געענטפֿערט:

— איי, איי, יואל־דוד, איך האָב אַ גוט האַרץ און דו? דו האָסט אַ האַרץ פֿון אַ קיזלשטיין? איך גלייב דיר נישט. מאַלע וואָס דו רעדסט. די גמרא זאָגט: „אין אדם משים עצמו רשע — אַ מענטש מאַכט זיך נישט אַליין פֿאַר קיין רשע״. האָסט אַ יידיש האַרץ ווי אַלע יידן. און איך בין דיר מבטיח, אַז אָן דיין רשות

וועל איך אים נישט אַריינגעמען אין דער ישיבה. נו, גוט, בחורל, זאָל מיר, ווו האָסטו געלערנט?

— אין קרעמענטשוג.

— ביי ר׳ לייזערן, דעם וואָלאָזשינער עילוי? האָט ער געגעבן אַ המלצה־בריוו?

— נישט געוואָלט געבן.

— בפירוש אָפּגעזאָגט?

— נישט בפירוש, נאָר ווען איך בין געקומען ביי אים בעטן אַ בריוו, האָט ער זיך געזעגנט מיט מיר, געגעבן מיר די האַנט, געווונטשן צו פאָרן בשלום און אָנקומען בשלום און איך זאָל מצליח זיין, האָב איך פאַרשטאַנען די אָנצוהער־עניש.

— פון וועלכן שטעטל ביסטו?

— פון קאַלינקאָוויטש.

— פון איין־און־צוואַנציק שטעטל ווי דוד־אפרים. האָט איר דאָך דאָרטן דעם האָרנאָסטאָיפּאָלער רבין. פאַרוואָס האָסטו נישט געבראַכט קיין המלצה־בריוו פון אים, ווי דוד־אפרים?

— דוד־אפרים, — האָט שמעון געענטפערט, — שטאַמט פון גרויס יחוס און זיין טאַטע איז פון דעם רבינס מקורבים. נאָך דעם ווי דער רבי האָט געגעבן דוד־אפרימען אַ המלצה־בריוו, האָט זיך ביי די עלטערע חסידים געטאָן אויף טיש און אויף בענק. זיי זענען געווען ברוגז הלמאַי דער רבי האָט געגעבן זיין הסכמה, אַז אַ חסידס אַ זון זאָל פאָרן לערנען אין לידע און לערנען לימודי חול. דעם רבינס תשובה איז געווען, אַז אויף אַזאַ בן־טובים ווי דער זון פון ר׳ אברהם־יעקב קען מען זיך פאַרלאָזן, אַז ער וועט נישט אַרויס לתרבות רעה. אָבער איך בין נישט פון יחוס, מיין טאַטע איז אַ שוסטער און איז אַפילו קיין חסיד נישט. דער רבי וואָלט נישט איינגעשטעלט מיר געבן אַ המלצה־בריוו.

— האָסטו געבעטן און ער האָט אָפּגעזאָגט?

— ניין, נישט געבעטן, — האָט שמעון געענטפערט, — דוד־אפרים האָט מיך געעצהט נישט צו בעטן. איך מיין, אַז ער איז געווען גערעכט.

— ביסטו געקומען בגפך — אָט אַזוי, מיט גאָרנישט, מיט יחוס עצמך. נו, לערנען קענסטו?

— איך בין נישט קיין סטויפּניצער עילוי, אָבער איך וואָלט פאַר אייך גע־וואָלט אָפּלערנען די צוועלפיקע משנה און דעם דף גמרא, וואָס דער סטויפּניצער עילוי האָט פאַר אייך אָפּגעזאָגט, אָבער נאָר על־פי־פשט, אָן חידושים.

הרב ריינעס האָט אים דערלאַנגט די גמרא.

שמעון געדענקט נאָך איצט ווי ער איז געשטאַנען מיט ציטער און שרעק

פאַר די דרייען: הרב רייִנעס, זיין זון און דעם משגיח. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט געפעלן ווערן. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז די גאַנצע בקיאות און חריפות פון סטויפּניצער עילוי, איז ביי דעם אויסער־געוויינלעכן בחורל נישט קיין אינערלעכער דורכגעלעבטער ענין, נאָר אַ מין קונץ. און ער, שמעון, האָט נישט וואָס אָראָפּצופּאַלן פאַר אים. דאָס וואָס ער האָט גע־לערנט איז פאַר אים אַזוי קלאָר, אַז ער קען עס פאַרטייטשן אַפילו פאַר אַ פּראָסטן עולם און מען זאָל אים פאַרשטיין; ער האָט אָנגעהויבן:

— חזקת הבתים די חזקה אויף הייזער. וואָס מיינט חזקה? חזקה נעמט זיך פון דעם וואָרט „החזיק״ — האַלטן, ווי עס שטייט אין פּסוק, אין משלי, והחזיקה בו ונשקה לו — און זי האָט אים אָנגעהאַלטן און אים אַ קוש געטאָן; אָדער עס נעמט זיך פון דעם וואָרט: „חזק״, שטאַרק, ווי עס שטייט אין פּסוק אין שמות והנני מחזק לב פּרעה — און אַט וועל איך שטאַרקן פּרעהס האַרץ; חזקה קען אויך מיינען דער כוח, די שטאַרקייט פון האָבן, האַלטן די זאַך. חזקת הבתים מיינט דאָס רעכט פון דעם, וואָס האַלט דאָס הויז און דער כוח וואָס ער וווינט דאָרטן. און וועגן וועמען רעדט זיך דאָ? זאָגט דער ברטנורה: עס רעדט זיך וועגן איינעם ראובן, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין שטר קניה (זיין דאָקומענט, אַז ער האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז), קומט שמעון און טענהט, אַז דאָס הויז איז זיינע און ראובן האָט עס ביי אים געגזלט, אַ סימן, אַז ער, ראובן, האָט נישט קיין שטר קניה. דער דין איז: אויב ראובן ברענגט עדות, אַז ער האָט געוווינט אין הויז דריי יאָר, איז דאָס הויז זיינע, אַפילו ווען ער האָט נישט קיין שטר קניה. דער טעם איז, ווייל מער ווי דריי יאָר היט קיינער נישט אויף זיינע שטרות, זיינע פּאַפּירן. מיר זאָגן צו שמעונען: פאַרוואָס האָסטו פריִער נישט געמאַכט קיין „מחאה?״ (נישט פּראָטעסטירט).

אָט אַזוי פּראָסט האָט שמעון אָפּגעלערנט אויף דעם גאַנצן דף גמרא.

הרב רייִנעס האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אַ קער געטאָן זיך צום זון און צום משגיח:

— נו, נו?

דער זון האָט געענטפערט צוערשט:

— זיין לערנען געפעלט מיר בעסער ווי דעם סטויפּניצער עילויס שפּיצי־קייט. דאָס דאָזיקע בחורל לערנט גמרא פּשוט על־פּי־הגיון — נישט וויסנדיק דיין שיטה.

דער משגיח האָט געענטפערט:

— אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז אָט דער בחורל מיט דעם גלאַטן קאָפּ זאָל מיר ענטפערן איין פּראָסטע קשיה: פאַרוואָס האָט ער געשטעלט אויף זיך און זיך נישט אָנגעפרעגט איידער ער איז געקומען? ווי קומט ער צו אַזאַ שטות?

שמעון האָט געענטפערט ערלעך:

— ווען איך פרעג אָן וואָלט איר דאָך מיר אָפּגעזאָגט. קיין זכות־אבות האָב איך נישט, קיין יחיד במינו אין מיין לערנען בין איך אויך נישט. האָב איך גע־טראַכט, אַז אויב איך וועל קומען אַהער קען געמאָלט זיין, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן.

— פאַרוואָס?

— צוליב מיין נישט־יחוס. מיין טאַטע איז אַן אָרעמאַן, איך האָב אויסגע־בראַכט הוצאות. האָב איך געטראַכט, אַז ראשית איז עס פאַר מיר אַ הפסד מרובה, אַ גרויסער פאַרלוסט. ווען עס קומט צו אַ הפסד מרובה איז מען מקיל (האָט מען איינזעעניש). שנית וועט איר זיך שעמען מיר אָפּזאָגן, כדי מען זאָל אויף אייך נישט זאָגן, אַז איר האָט אַ פּראָצענט־נאָרמע אויף בני־עניים — אויף קינדער פון אָרעמעלייט און בעלי־מלאכות.

אויף דעם אָפּגעצערטן צאַרנדיקן פּנים פון משגיח האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל:

— אַזוי גאָר? איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט געקומען אָן אָנפרעגן זיך צוליב טפשות, ערשט גאָר „מידעי ידע, והוי דעבד הכי חוצפה יתירה הוא דהוה ביה" — וויסן האָט ער געוווסט, אָבער ער האָט עס געטאָן פון חוצפּה אָבער נישט פון טיפשות. ווער האָט כוח אים אָפּצוזאָגן?

הרב ריינעס האָט אַ לאַך געטאָן מיט נצחון:

— דו זעסט, יואל־דוד, די תורה איז פאַרט גערעכט. איך האָב דיר געזאָגט פריער: „אין אדם משים עצמו רשע". דו מאַכסט דעם אָנשטעל אַז דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאַטער. ביסט פונקט אַזאַ בעל־רחמים ווי אַלע ייִדן. אָבער איצט פרעג איך דיך, — האָט אים הרב ריינעס אַריינגעלאַכט אין די אויגן, — פאַר־ענטפער מיר דיין אייגענע קשיה: ווו וועסטו אים זעצן?

דער משגיח האָט געשמייכלט:

— רבי, איר אַליין האָט דאָך מיר געגעבן דעם תירוץ: עומדים צפופים ומשתחוים רוחים — מ'שטייט צונויפגעשטיקט און מ'פאַלט כורעים אין רחבות.

**
*

די דריי יאָר פון זיין לעבן, פון פופצנטן ביזן אַכצנטן יאָר זיינעם, ביז ער איז געקומען קיין אַמעריקע, זענען ביי שמעונען געווען אַזוי איינגעטיילט: איין זמן האָט ער געלערנט אין לידע אין דער ישיבה פון הרב יצחק־יעקב ריינעס, אַ יאָר אין דער ישיבה פון ראַדין, פון רבי ישראל־מאיר הכהן, באַוווּסט ווי דער חפץ־חיים. אַ האַלב יאָר איז ער געווען אַ מלמד אין אַ שטעטל און צוויי זמנים אַ מלמד אין אַ דאָרף.

די געשעענישן פון יענע דריי יאָר זענען אין זיין זכרון נישט אויסגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. די בילדער און געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט איצט זענען נישט קיין אָפּגעדרוקטע פאָטאָגראַפּיעס. ער רעקאָנסטרויִרט, ברענגט צו־ריק צום לעבן בלויז יענע געשעענישן און בילדער, וואָס האָבן געלאָזן שפּורן אין זיין זכרון. דער אמת איז, אַז די זכרונות זענען אַן אויסשטראַלונג פון זיין איצ־טיקן איך. אפשר דאַרף ער נאָך צוגעבן, — נישט פון זיין רעאַלן איך, נאָר פון זיין געשטאַלט, וואָס ער האָט געוואָלט זיין. נישט זעלטן זענען דאָס בילדער פון זיין דמיון, פון זיין פאַנטאַזיע, אָדער פון די אילוזיעס וואָס ער האָט געהאַט. אָפטער אָבער זענען די זכרונות אַן אָפּשיין פון די ווונטשן, וואָס ער האָט גע־וואָלט פאַרווירקלעכן אין זיין לעבן און נישט געקענט.

אַלץ וואָס שמעון דערציילט איצט פון זיין דעמאָלטיקן לעבן ווייס ער, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געשטאַלט, וואָס ער האָט געוואָלט זיין, געוווּנטשן זיך צו זיין. אים דוכט זיך, אַז אין אַזאַ שילדערונג געפינט זיך מער אינערלעכער אמת פון דער סביבה, פון די מענטשן און פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, ווי ער וואָלט פאַרנאָטירט די פאַקטן פּינקטלעך און פאַרשריבן פּראָטאָקאָלמעסיק אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר אַלץ וואָס איז דעמאָלט פאָרלאָפן.

שמעון שטעלט אָוועק די דאָזיקע געציילטע שורות ווי אַ באַוואָרעניש קעגן די טענות, אַז ער האָט איבערגעטריבן, אַז ער איז נישט פּינקטלעך, אַז ער דער־זאָגט נישט און אַז ער טראַכט צו זאַכן.

**
*

פון צוריק מיט קרוב פופציק יאָר דערטראָגן זיך צו אים פיר ווערטער אויף רוסיש, וואָס ער ווייס נישט איצט זייער פּינקטלעכן טייטש, ער ווייס נישט אַפילו צי ער רעדט זיי אַרויס ריכטיק. ער איז חושד, אַז אויך דעמאָלט האָט ער ביט געוווּסט דעם גענויען טייטש זייערן: אימעניטעלני, ראָדיטעלני, דאַטעלני און ויניטעלני. פיר ווערטער און נישט מער. צו די דאָזיקע געציילטע ווערטער זענען צוגעקלעפּט, איצט גוט באַקאַנטע צען טערמינען: ראָמאַן, פּאָעזיע, עפּאָס, אידיליע, באַלאַדע, ליריק, דראַמע, אָדע, סאַטירע און עלעגיע. ער ווייס פון וואַנען די דאָ־זיקע צען ווערטער נעמען זיך: דאָס זענען קעפּלעך צו אָפּטיילונגען אין „הסגנון העברי" — אַ העברעיִשע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פון מ. קרינסקי. ווען מען זאָל שמעונען אויפוועקן אין מיטן נאַכט און אַ זאָג טאָן צו אים „אימעניטעלני" — וואָלט ער אויטאָמאַטיש אָפּזאָגן די פיר רוסישע ווערטער און די צען ליטע־ראַרישע טערמינען. די פערצן ווערטער זענען פאַר אים מיט זייער קלאַנג אַליין, אָנגעלאָדענע, פול מיט באַטייט, אַ באַטייט, וואָס האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט זייער טייטש, דאָס זענען פאַר אים סימבאָלן פון ליכטיקע שיינע פאַרשי־

כורטע טעג, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אַריינגעשפּאַנט אין דער גרויסער וועלט, ווו עס זענען נישטאָ קיין צאַמען, קיין יאָכן — ער איז אַ פרייער מענטש אין אַ פרייער וועלט.

די ערשטע וואָכן אין לידע. טעג פול מיט עמאָציע — ליכטיקע און פריי־דיקע, העלע טעג, וואָס האָבן דעם גלאַנץ פון נייע, ערשט אויסגעגאָסענע מטבעות. אָט שיילט זיך אויס פאַר אים אַ נאָכמיטיק. ער גייט פון זיין סטאַנציע, קוואַרטיר, אין דער ישיבה און טראָגט מיט זיך אָפן בפני קהל ועדה אַ פעקל ביכער. ער טראָגט מיט זיך דעם „הסגנון העברי" — מ. קריינסקיס אַ כרעסטאָמאַטיע צו לער־נען העברעיִש אין פנחס שיפמאַנס כיתה; דעם „מורה הלשון" — אַ דקדוק פאַר דעם לערער קאַהאַנס לעקציע. שמעון דובנאָווס געשיכטע־ביכל אין 2 טיילן אויף העברעיִש, אַ „רוסקי רעטש", אַ רוסישע גראַמאַטיקע און אַ רוסישן געשיכטע־בוך. ער פילט זיך ביי זיך געהויבן און גרויס; ער טראָגט מיט זיך „אוטשעבני־קעס", ווי אַלע סטודענטן איבער דער וועלט און ער איז נישט גלאַט קיין ישיבה־בחור, וואָס איז איינגעשלאָסן אין די פיר ווענט פון בית־מדרש.

ביז זיין אָנקומען אין לידע האָט ער נישט געהאַט אַזאַ איבערלעבעניש. אוודאי האָט ער זיך אַלע מאָל ארומגעטראָגן מיט אַ ספר אַריינצוקוקן ביים עסן, אָדער גלאַט אין ליידיקער צייט. שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן לייענען ביכ־לעך האָט ער אָפט געטראָגן בשתיקה אונטער דער פאָלע פון רעקל אַ ביכל אויף לשון־קודש. אָבער גיין אָפן בפרהסיה מיט לערנביכער, דאָס האָט ער נישט געטאָן ביז ער איז אָנגעקומען קיין לידע. דער איינציקער „טעקסט־בוך" פון דער ישיבה אין קרעמענטשוג, ווי אין אַלע ישיבות, איז געווען די גמרא. די גמראס זענען געשטאַנען אין בית־מדרש.

פריידיקע, גדולהדיקע טעג און נאָך עפּעס מער: פול מיט דערוואַרטונג. אָט וועלן די שעהן פון לערנען גמרא פאַרבייגיין און ס'וועלן זיך אָנהייבן די לעקציעס פון העברעיִש און רוסיש און שפּעטער וועט ער קענען זיצן אויף זיין קוואַרטיר און לייענען אָפן און פריי וועלכן ס'איז בוך, וואָס ער וועט נאָר וועלן אַרויסנע־מען פון דער ישיבה־ביבליאָטעק.

אָבער אין געציילטע וואָכן האָט זיך די נייקייט אָפּגעטראָגן, די פרייד איז אויסגעוועפּט געוואָרן און ספקות האָבן אים אָנגעהויבן באַאומרויִקן.

**
*

עס ליגט איצט פאַר שמעונען אויפן שרייבטיש דער „הסגנון העברי". די בלעטער פאַרגעלטע, לויזע, אַ סך אויסגעריסענע. ער בלעטערט פאַרזיכטיק די כרעסטאָמאַטיע. איטלעכע דערציילונג, יעדעס ליד קומט אים אַנטקעגן מיט דעם אַלטן אויסגעשריי: פּינצטער איז דאָס יִידישע לעבן. די אַלע יִידישע ליידן ביז

איצט זענען געווען אַ טעות. פרישמאַן, ח. נ. ביאַליק, זלמן שניאור, טשערני־כאָווסקי, מ. צ. מאנע, יעקב כהן, י. ל. פרץ, יעקב שטיינבערג, דער צאַרנדיקער און בייזער י. ל. גאָרדאָן — אַלע האָבן געהאַט איין פּזמון: דאָס אַלטע לעבן טויג נישט, מען דאַרף צעוואַרפן די ווענט, באַפרייען זיך פון יאָך און אָנהייבן אַ ניי לעבן. אָבער רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ ניי לעבן?

אין דער שטילקייט פון נאָך חצות, ווען שמעון זיצט און שרייבט, קוקט ער אויף אַן אויסצוג פון ביאַליקס ליד „אגרת קטנה" אין „הסגנון העברי". אויפן ראַנד איז אָנגעשריבן מיט אַ כתב פון אַ נישט אויסגעשריבענער יינגלשער האַנט־שריפט: „מיסורי נפשי" — פון די ליידן פון מיין זעל. אַכט שורות זענען אונ־טערגעשטראָכן:

„אַלטע לעגענדעס האָבן מיך געמאַכט פאַרגעסן מיין אומגליק, מיט חלומות און משלים האָב איך פאַרשלעפערט דעם ווייטיק. אָבער איצט איז געקומען אַ ווינט און פאַרטראָגן מיינע משלים. ס'איז אַוועקגעפלויגן מיין חלום און פול מיט פוסטקייט איז דאָס האַרץ. „בייג איין דעם קאָפּ! טראָג אַ יאָך". צוליב וואָס? צוליב וועמען? וואָס פאַרא נוצן, אַז איך לייד? ווער וויל מיין קרבן? אוי, לאָזט מיך פריי און איך וועל גרויס מאַכן מיין נאָמען, איך וועל גרויסן מיינע אויפ־טואונגען, איך וועל אויפשטעלן מיין חורבן".

עס שווימט אַרויס פון דער ווייטקייט פון זיבן און פערציק יאָר צוריק אַ שפּעטע נאַכטיקע שעה. ס'איז אַ ווייסע נאַכט. ביידע פענצטער פון זיין צימער זענען אָפן זיי עפענען זיך אין אַ קליינעם סאָד פון פינף עפּל־ביימער און אַ פּאָר־צווייגטע ליפּע. אין סאָד אויף אַ באַנק, ווייסט שמעון, זיצט דעם באַלעבאָס טאָכ־טער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ זעלנער, באַהאַלטן אין דער טונקל־קייט פון די ביימער און פאַרהוילן אין די טיפע שאָטנס פון דער נאַכט. צוערשט הערט ער אַ שטיל געזאַנג פונעם בחור:

דיינע אויגן זענען שיין,
זיי זענען ביי מיר טייער,
מיט דיין ליבן זיסן חן
האָסטו אָנגעצונדן אין מיין האַרץ אַ פייער.
און מיין האַרץ ציט צו דיר,
אַזוי ווי מאַגנעט צו אייזן שטאָל
און די ליבע ברענט אין מיר,
זי ווערט גרעסער וואָס אַמאָל.

די מענערשע שטים איז געווען אַ טיפע אָבער אַ זיסע. ער האָט געזונגען שטיל, מיט האַרץ. און שמעונען האָט זיך געדוכט ווי ער זעט דאָס פּאָרל זיצן

צוגעטוליעט אײנער צו דער אַנדערער און דעם בחורס מויל איז לעבן דעם מײדלס אויער — ער זינגט שעפּטשענדיק צו איר. דאָס גזאַנג מישט זיך אויס מיט דעם רױשן פון בלעטער און די גאַנצע לופט ציטערט. באַלד אָבער רײסט זיך אַרײַן אין דער אָנגעלאָדענער נאַכט דער מײדלס הײזעריקער קול:

— לאָזט צורו, קריכט נישט מיט די הענט. וואָס בין איך דיר אַהאָפּאַ? אַ שיקסע פון גאַס? איך בין אַ ייִדישע טאָכטער און דו? ביסט טאַקע אין יוונישע קלײדער, אָבער ביסט דאָך נישט קײן איוואַן.

— דו ביסט אַ מרשעת, ברכה, זאָג איך איר. איך שטעל אײַן מײַן לעבן און גנבע זיך אַרױס פון קאַזאַרמע. כאַפּט מען מיך, ווער איך פאַרשיקט אין „דיסציפּ־לינאַרנעם באַטאַליאָן" און דו לאָזסט זיך נישט צורירן. וואָס בין איך געמאַכט פון שטײן? דאָס האַרץ ציט, עס נאָגט, איך גײ אױס נאָך דיר. גיב מיר כאָטש אַ קוש.

— נו, גוט, נאַ דיר אַ קוש, — האָט ברכה געענטפערט בײז, — אָבער ווער נישט ווילד.

ס'איז געוואָרן שטיל אין סאָד. שמעונס בלוטן האָבן זיך אָנגעצונדן. ס'איז טאַקע פינצטער אין סאָד, אָן אויג אַרויסצונעמען, אָבער אין דמיון זעט ער אַלץ וואָס דאָרטן טוט זיך. די ליפּן זײנע ווערן טרוקן און דער קאָפּ פאַרנעמט נישט מער וואָס ער לײענט און די אויגן ווילן מער נישט זען די געדרוקטע אותיות. ער שטעלט זיך האַסטיק אויף — אים איז דערווידער געוואָרן זײַן אָנגעצונדענע תאווה, וואָס לאָזט אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט עיקר־זאַכן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פיר־הויז און אָנגעשעפּט אַ קוואָרט וואַסער פון פעסל און אָפּגעגאָסן דעם קאָפּ. ער האָט מיט די הענט אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער פון די האָר און איז אַרײַן אַ באַרויִקטער צוריק אין צימער. ער הערט ווי ברכה גנבעט זיך אַרײַן שטיל אין שטוב. שמעון באַרויִקט זיך און ער נעמט זיך ווידער צו ביאַליקס פּאָעמע.

יאָ, ער ווײסט. ס'איז אַן אויסצוג פון אַ גרעסערן ליד, ס'איז כלומרשט אַ בריוו, וואָס אַ ייִד אין גלות שרײַבט צו אַ חלוץ אין ארץ־ישראל. דאָס גאַנצע ליד איז אַ משל אויף די צרות פון דער כנסת ישראל. אָבער ס'איז אויך אַ קלאָג־ליד אויף דעם אָרעמען, פאַרשטיקט לעבן פון דיכטער און זײַנעם, שמעונס לעבן. דאָס ליד איז דאָך אַן עלעגיע, זאָגט מ. קרינסקי און „אַן עלעגיע איז אַ ליד פון טרויער און צער, וואָס רײַסן זיך אַרויס פון דעם דיכטערס האַרץ אויף זײַן אײגענעם ביטערן גורל אָדער אויפן גורל פון זײַן פאָלק".

ס'איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט. שמעון טראַכט: די מאַמע איז שוין מסתמא אויפגעשטאַנען און בראָט זיך בײם ברענענדיקן אויוון, שוין צײַט צו גײן שלאָפן. אָבער עס וועט זיך נישט שלאָפן. עס פּיקט אים אין מוח: דאָס

אַלטע לעבן טויג נישט, אָבער וואָס פאַר אַ ניי לעבן זאָל איך פאַר זיך שאַפן? אפשר פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווי ביאַליק עצהט אין דעם זעלביקן ליד?

ער עסט זיך איין מיט די אויגן אין אָפענעם בוך און לייענט ווייטער ביאַ־ליקס פּאָעמע:

„דאָ איז נישטאָ קיין האָפענונג, ברודער, ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן גאָטס חסד, ער ברענגט נישט קיין ישועות. ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג צו דער טויב, וואָס איז אין די נעגל פון קאָרשון, און איצט זענען מיינעביידע אויגן צום מזרח געווענדט. ס׳איז נאָך צו פרי איך זאָל פאַרשטיין, וואָס עס וועט ווערן פון מיינע חלומות, אָבער מיין זעל איז ווי אַ פויגל, וואָס דערשמעקט דעם טאָג פון ווערן פריי. דאָס איז דער גאַנצער באַגער פון מיין זעל, דאָס איז די האָפענונג פון מיינע האָפענונגען — מיין לבנה און מיין זון, וואָס גיסן אַריין אין מיר ליכט".

ניין, ער קען נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע און ראַטעווען דאָס פאָלק, אַז ער אַליין ווייס נישט וואָס עס וועט ווערן פון זיינע חלומות. „וואָס זענען מיינע חלומות?" ברומט ער צו זיך אַ שלעפעריקער. ער איז געקומען קיין לידע צו זוכן אַ באַשייד צו זיינע ספקות און איצט ווייס ער שוין נישט באַלד וואָס די ספקות זענען. אויסגעביטן די גמרא אויף אימעניטעלני, ראַדיטעלני, וויניטעלני און דאַטעלני... ער איז איינגעשלאָפן מיטן קאָפּ אויף דעם „הסגנון העברי".

***

דאָס גאַנצע לערנען אין דער ישיבה איז אים געוואָרן נודנע. צוערשט איז געוואָרן איבעריק אין זיינע אויגן דער לימוד פון רוסיש. אין די בריוו, וואָס ער האָט געקראָגן פון דער היים האָט די מאַמע אַלץ מער און מער געשריבן וועגן אַמעריקע. אין לעצטן בריוו האָט זי געלאָזט וויסן: „דוד־אפרים מיט זיין שוועסטער זענען שוין אויך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט זיך דאָך גע־דאַרפט שטעלן צום פּריזיוו באַלד נאָך ראש־השנה. ס׳איז נישטאָ קיין משפחה, וואָס האָט נישט עמעצן אין אַמעריקע. דאָס גאַנצע שטעטל איז פול מיט פּאַפּי־רענע קינדער. דער בכור מיינער וואָס איך האָב אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, שרייבט ווייניק און טראַכט נישט פון עמעצן אַריבערנעמען. ער האָט זיך גע־איילט און אַריבערגענומען זיין כלה, חתונה געהאַט מיט איר און אַ ווייב איז נענטער צום לייב ווי טאַטע־מאַמע. מיר קריגן אָפטערע בריוו פון פעטער מאַקסן (מרדכי, דער מאַמעס יינגערער ברודער) ווי פון שמחהן. דער פעטער האַלט, אַז מיר זאָלן קומען קיין אַמעריקע. ער שרייבט, אַז אים לעבט זיך גאָרנישט שלעכט. איבערהויפּט האָבן די קינדער אויף וואָס צו האָפן. ער האָט צוויי מיידלעך און דריי יינגלעך. אַלע קינדער גייען אין קאַזיאָנע שקאָלעס (רעגירונג־שולן) אומ־

זיסט. די עלטערע טאָכטער גייט אין „היי־סקול" וואָס איז אַזוי ווי דאָ אַ גימ־נאַזיע, פריי אָן אַ גראָשן געלט. ייִדן האָבן דאָרטן אַלע פּראַווע (רעכט). ייִדיש־קייט? די וואָס ווילן אָפּהיטן ייִדישקייט קענען עס טאָן. עס זענען דאָרט דאָ געגוג שולן און בתי־מדרשים, נאָכמיטיקע חדרים און תלמוד־תורהס. אין נעוו־יאָרק איז פאַראַן אַ ישיבה. איך רעכן, אַז אין אַ יאָר אַרום זאָלן דער טאַטע און רחל־לאה פאָרן, דערנאָך וועלן זיי אונדז אַלעמען אַריבערנעמען. דו וועסט דאָך דאַרפן שטיין צום פּריזיוו צו אַכצן יאָר, נו, וועסטו גיין דינען פּאַניען?"

שמעון ווייסט, אַז די מאַמע נעמט זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ, פּירט זי עס אויס. ווען די משפּחה וועט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, וועט ער דאָך דאָ נישט בלייבן אַליין. איז צו וואָס דאַרף ער פּטרן צייט אויף צו לערנען רוסיש?

און די איבעריקע לימודים? ייִדישע היסטאָריע? צוויי קליינע ביכלעך פון דובנאָוו, אויב ער וויל קען ער זיי אויסחזרן אויף אויסווייניק אין עטלעכע טעג. אויך פאַר די אַלע מעשׂיות און לידער פון „הסגנון העברי", וואָס פּנחס שיפּמאַן דערקלערט און פאַרטייטשט, דאַרף ער אויך נישט קיין לערער. קיין סתרי תורה שטעקט נישט אין זיי. אָפּט קומט אים אויס, אַז דער לערער פּעלשעוועט. ווען עס קומט צו אַ פרומער מעשׂה הייסט ער דער כּיתּה צעקייען די מעשׂה. אין „הסגנון העברי" שטייט צום סוף פון אַ סך מעשׂיות, איין שורה מיט קליינע אותיות „יבררו התלמידים את האידאה", זאָלן די תלמידים דערקלערן דעם געדאַנק. שמעון האָט עס אַ נאָמען געגעבן צעקייען די מעשׂה. שמעון טוט איצט אַ שמייכל: ס'איז דאָך כּמעט ווי אומגלויבלעך, אַז ער האָט דעמאָלט אין דעם יונגן עלטער פון פופצן און אַ האַלב יאָר אויפגענומען זאַכן אַזוי קריטיש. אָבער ער געדענקט קלאָר די צרות, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין אייגענעם זון, ווען ער האָט מיט אים עפּעס אַמאָל געלערנט. דאָס ייִנגל האָט אויך נישט געוואָלט אויפ־נעמען אָנגענומענע אמתן ווי דער טאַטע זיינער.

אין יענעם טאָג האָט פּנחס שיפּמאַן פאַרגעבן איבערצולייענען אַ קורצע מעשׂה פון זלמן שניאורן: „האוצר" — דער אוצר. אַ מעשׂה פון אַ ייִדן אַ צדיק, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון דעם, וואָס ער איז אַלע טאָג געפאָרן אין וואַלד מיט זיין מאָגערן פערדל, אָנגעקליבן אַ וואָגן טרוקענע צווייגן און זיי פאַרקויפט פאַר גראָשנס. געקויפט ברויט און ציבעלע און מיט דעם האָט זיך געשפּייזט די גאַנצע משפּחה.

טרעפט איינמאָל, אַז מען גנבעט ביי אים צו דעם פערד־און־וואָגן. די קינ־דער און ווייב האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף דעם גרויסן אומגליק, אָבער דער אָרעמאַן, דער צדיק, האָט נישט געוויינט. ער האָט זיך געזעצט לערנען און ער האָט געלערנט מיט פרייד און התלהבות ווי קיין זאַך האָט נישט געטראָפן.

און דער גנב האָט גענומען דעם פערד־און־וואָגן און איז אַוועק הינטערן

שטאָט לעבן באַרג, װוּ מען גראָבט זאַמד און אָנגעהױבן גראָבן געלן זאַמד צו פאַרקױפן צו די בעלי־בתּים צו באַשפּרענקלען די ערדענע דילן. װי ער גראָבט אַזױ, ערשט עס שטײט אַ פּעסל גאָלד. האָט ער גענומען מיט ציטערדיקע הענט דאָס פּעסל גאָלד און עס אַרױפגעשלעפּט אױפן װאָגן און פאַרדעקט דאָס פּעסל מיט זאַמד. פּלוצים האָט זיך אָפּגעריסן פון באַרג אַ שטיק ערד און פאַרשאָטן דעם גנב און אים דערשטיקט.

דאָס פערד איז געשטאַנען און געשטאַנען, אַלץ געװאַרט אױפן אָנטרײַבער. ער האָט אַזױ לאַנג געװאַרט ביז ער איז הונגעריק געװאָרן און דעמאָלט איז ער פון געװױנהײט אַװעק צו זײַן אַלטן בעל־הבית, דעם צדיק. דער צדיק האָט זיך דערפרײט. ער האָט אָנגעהױבן אַראָפּנעמען דעם זאַמד פון װאָגן — ערשט עס שטײט אַ פול פּעסל מיט גאָלד.

פון דעמאָלט אָן איז ער געװאָרן אַ גרױסער גביר. ער איז געשטאָרבן זאַט אין טעג און יאָרן און איז געװען דער גרעסטער בעל־צדקה פון זײַן קאַנט.

דער לערער האָט גערעדט לאַנג װעגן דעם ענין אגדה — פאָלקס־מעשה, איר באַטײַט און איר װיכטיקײט. דערנאָך האָט ער פאַרגעבן די תּלמידים אַז זײ זאָלן שרײַבן, לױט װי עס איז אָנגעװיזן צום סוף פון דער מעשה, װעגן די הױפּט־געדאַנקען פון שניאורס דערצײלונג: א) גאָטס השגחה, השגחה פּרטית אױף אמתע צדיקים, ב) דער שׂכר פאַר בטחון.

שמעון געדענקט װי ער האָט זיך פאַרקוקט אױף זלמן שניאורס בילד. ער שטײט אַ געגאָלטער, אַן אױסגעפּוצטער, מיט שײנע װאָנצעס און פאַרקעמטע האָר. ער האָט דעם אָנבליק פון אַ רײַכן יונגן פּריץ. עס גלײבט זיך נישט אַז שניאור האַלט פון השגחה פּרטית, און פּנחס שיפּמאַן? מײנט ער טאַקע אַז ס׳איז געװען רעכט פון צדיק זיך זעצן לערנען און האָבן בטחון און בעסער נישט גײן זוכן דאָס פערד?

פאַרשטײט נישט שמעון װי אַזױ מען קען אַרײנפאַלן אין אַ התלהבות װעגן זאַכן װאָס מען גלײבט נישט.

נאָך ערגער װען מען האָט געלײענט אױסצוגן פון סמאָלענסקינס „קבורת חמור" אָדער אברהם מאַפּוס „עיט צבוע", האָט נישט דער לערער און נישט דער „הסגנון העברי" באַטאָנט דעם שרײַבערס װידערװילן צו פרומע ייִדן. די בחורים האָבן געלײענט פאַר זיך די גאַנצע ביכער און עס אָפּגעשאַצט װי עס באַדאַרף צו זײַן.

שמעון האָט געװאָרפן אַן אומחן אױפן לימוד פון העברעיִש. אים האָט זיך אָנגעהױבן דוכטן, אַז אין דעם גאַנצן לימוד פון ליטעראַטור ליגט עפּעס אַ פעל־שונג. דער אײנציקער אױסנאַם איז דקדוק. דאָס איז אַ װיכטיקער לימוד. אָבער

דער „מורה הלשון" איז נישט קײן בלאָט גמרא. ער קען די גרױסע תורה אַלײן לערנען פאַר זיך.

די אַלטע אומרויִקײט פון קרעמענטשוג האָט זיך אומגעקערט צו אים. ער האָט אָנגעהױבן װידער, װי אין קרעמענטשוג, װאַנדערן איבער די גאַסן פון דער שטאָט.

לידע איז נישט אַזױ גרױס װי קרעמענטשוג. אָבער אױך דאָ ברױזט און קאָכט און ער האָט נישט געזען קײן שום שײכות צװישן די לימודים פון דער ישיבה און דער אַרומיקער װעלט. דאָס אַלטע טױג נישט, װאָס איז דאָס נײַע?

ער איז שלעכט געשלאָפן. ער האָט װידער אָנגעהױבן האָבן קאָשמאַרן. צו די אַלטע קאָשמאַר־חלומות פון זײַן אײַנגעשלאָפן אין אַן אַלטן לײמיקן קבר, פון אַנטלױפן און װילדע הינט יאָגן זיך נאָך אים, איז צוגעקומען נאָך אַ בײזער חלום, װאָס חלומט זיך אים נאַכט־אײַן נאַכט־אױס. ער װײסט שױן אין חלום, אַז עס איז נישט מער װי אַ חלום. און דער חלום װערט איבערגעחזרט מיט אַ פּינקט־לעכער זעלביקײט און דאָך איז אַלעמאָל די אַנגסט שטאַרק און דער פּחד גרױס, װי ער װאָלט געהאַט דעם קאָשמאַר צום ערשטן מאָל:

ער זיצט אין אַ גרױסן און גערױמען צימער, מיטאַמאָל הײבן זיך אָן די װענט צו דערנענטערן אײנע צו דער אַנדערער. די סטעליע הײבט זיך אָן אַראָפּ־צולאָזן. ער זעט, אַז אָט, אָט, אױב ער בלײבט אין צימער, װעט ער דערשטיקט װערן. ער הײבט זיך אױף און גײט צו צו דער טיר אַרױסצוגײן אין דרױסן. אָבער דורך דער צײַט איז די עפענונג פון דער טיר געװאָרן שמאָל. ער הײבט זיך אָן דורכקװעטשן דורך דער שמאָלער עפענונג און מיט גרױס אָנשטרענגונג און מאַטערניש קװעטשט ער זיך דורך. גאָט צו דאַנקען, ער איז שױן אין דרױסן. ער קוקט זיך אַרום. ער איז אױף אַ בערגל, אונטן אין טאָל איז דאָס שטעטל. הונדערטער און הונדערטער יִדישע הײַזער. ער זעט דאָך די מזוזות אױף די טירן אָבער עס זענען מאָדנע שטיבער־חורבות. ער דרײט זיך אום. אַנטקעגן אים אױף אַ גרױסן שטח שטײט אַ שטאָט מיט נײַע גרױסע הײַזער, מיט ליכטיקע פענצטער און גרין־געפאַרבטע בלעכענע דעכער. לעבן יעדן הױז איז אַ סאָד מיט פּרוכט־בײמער און אַ גערטנדל מיט בלומען. עס קישעט דאָרטן מיט מענטשן, פרײלעכע, זאָרגלאָזע. ער װיל אַרײַן אין שטאָט. ערשט ער דערזעט זיך מוטער־נאַקעט. נאָך ערגער — ער איז אױסגעשמירט מיט דעם שיטערן שלײמיקן לײם פון די אָפענע קברים, װאָס זענען דערבײַ.

עס װערט אים קאַלט, ער זוכט עפּעס אַ שמאַטע זיך צוצודעקן כאָטש אַ טײל פון דער נאַקעטקײט. נישטאָ. באַלד דערהערט ער טריט און אַ געלעכטער — װוּ זאָל ער זיך אַהינטאָן? װוּהין קען ער אַנטלױפן? צוריק אין טאָל, צום שטעטל? באַהאַלטן זײַן נאַקעטקײט אין די חורבות? ער װיל לױפן, אָבער אַ פוס

איז אַן אייזערנע שטאַבע. די טריט ווערן נענטער, נענטער... ער כאַפּט זיך אויף.

עס ברעכט אויף טאָג. די לופט איז אַ וואַרעמע, אַ שטיקנדיקע — די אמתע תמוזדיקע חמימה. אים איז אָבער קאַלט. ער דעקט זיך צו. פון די אָפענע פענצ־טער הערן זיך טריט פון פאַרבייגייער, עמעצער לאַכט מיט אַ הייזעריקן גע־לעכטער.

דער פּתרון פון חלום איז ביי אים געווען קלאָר, אָבער וואָס צו טאָן האָט ער נישט געוווּסט.

***

אין מיטן חודש אב האָט ער זיך באַקענט מיט חיים שומיאַטער. דער חיים איז געווען אַ שם דבר אין דער ישיבה. ער איז געווען פון די שאַרפע קעפּ, אַן אויסגעצייכנטער צווישן די עלטערע בחורים, וואָס האָבן געלערנט אויף רבנות. און צווישן זיי זענען געווען מופלגים, וואָס זענען מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן באַרימטע גדולי־הדור. ער האָט אויך גערעדט פליסיק העברעיִש און נאָך בעסער רוסיש. אָבער ער איז געווען דער איינציקער בחור, וואָס האָט געטראָגן אַ באָרד, נישט קיין אָרומגעשאָרענע, קיין ברעקל נישט קיין צוגעפּוצטע. דאָס האָט אים אָפּגעטיילט פון אַלע ישיבה־בחורים.

אין ישיבה האָבן זיך אַרומגעטראָגן וועגן אים ווידערשפּרעכיקע קלאַנגען: ער איז אַ כופר בעיקר. ער גייט אין אַ באָרד ווייל ער האָט אַ פרומען טאַטן און נאָך מער ווי פרום איז דער טאַטע רייך. חיים איז אַ משכיל, אַ באַוווּסטער שריי־בער, ער שרייבט אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען אין די גאַזעטן. ער דאַרף נישט די השכלה פון לידע. מ׳זעט דאָך, ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט אין די העברעיִשע קלאַסן אָדער די רוסישע, ווייל באמת איז ער אַ סטודענט, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט, איר ווייסט דאָך שוין מיט וואָס היינטיקע בחורים פאַרזינדיקן זיך. זוכט אים אַרום די זשאַנדאַרמעריע, באַהאַלט ער זיך דאָ אויס. ער איז אויף אַן אמתן פרום און ער איז געקומען אַהער פון אַ פרומער ישיבה מיט דער כוונה צו מחזיר למוטב זיין די לידער בחורים. ער איז אַ גרויסער עילוי און האָט סמיכה פון טעלזער ישיבה, אָבער כדי צו קריגן אַ כסא רבנות דאַרף ער קענען רוסיש, איז ער געקומען אַהער זיך אויסלערנען רוסיש. ער האָט זיך דאָ אין לידע אויס־געלערנט רוסיש אין איין זמן און איצט האָט זיך אים פאַרוואָלט קריגן סמיכה פונעם מייטשיצער עילוי, הגאון ר׳ ש. פאָליאַטשאַק, וואָס גיט נישט קיין סמיכה. ער איז אָבער אַן איינגעשפּאַרטער און ווייל אויספירן זיינס.

שמעונען האָט ער אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען און מאָדנער האַלטונג. ער איז געווען אַ קליינינקער. געוויינטלעך קורצע, קליין־געוויקסיקע, דערוואַקסענע מענטשן האָבן אַ דיספּראָפּאָרץ אין זייערע אברים: אַ גרויסן קאָפּ, לאַנגע הענט, אָדער נישט קיין רעגלמעסיקע שטריכן אויפן פּנים; אָדער זיי זענען צו פעט, צו

דין. אַגיט האָבן אַזעלכע מענטשן אַ קינדישן אָנבליק. חיים אָבער איז געווען אַ פּראָפּאָרציאָנעל, אַ סימעטריש אַנטוויקלטער בחור, אַ פולקאָמער מאַן, נאָר געבויט אויף אַ קליינער סקאַלע. אַט ווי אַ שניצער וואָלט אויסגעשניצט פון האָלץ אַ פיגור פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן.

זיין האַלטונג איז געווען פון איינעם, וואָס ווייס זיין חשיבות. אָבער שמעון האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער בחור רעדט, שפּאַסט אָדער שמועסט מיט עמעצן פון די עלטערע בחורים, געפינט ער זיך אין אַן אַנדער וועלט. ער איז דוכט זיך פאַרטיפט אין אַ שמועס, אָבער טראַכטן טראַכט ער וועגן עפּעס אַנדערש. שמעונען האָט ער דערמאָנט צלאל דער פּער־פּעטום מאָבילע פון קרעמענטשוג. אויך יענער האָט געהאַט אַזאַ טבע. צלאל האָט עס אים אַמאָל געזאָגט אָפנהאַרציק:

— מ׳קען אַמאָל ריידן מיט אַ מענטשן אַ גאַנצן טאָג און עס זאָל נאָר זיין געקלאַפּט מיט דער צונג. דער עיקר פעלט... דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט עפּעס וואָס עס איז פאַר אים וויכטיק. דאָס ריידן איז נאָר אַ פאַרשטעלן זיך... אַמאָל אין מיטן ריידן האָב איך אַ כימערע.

שמעון טוט אַ שמייכל. ער געדענקט ווי ער האָט דעמאָלט געפרעגט:

— וואָס איז אַ כימערע? אים דוכט זיך, אַז אויך חיים האָט אָפט אַ כימערע.

ס׳איז געווען די וואָך פון נאָך שבת נחמו, אַ מאָנטיק, ווען שמעון האָט זיך באַקענט מיט חיימען. שמעונען האָט געריסן די אומרו און זאָרג. אַט איז ער שוין אַ דערוואַקסענער בחור און וואָס האָט ער אויפגעטאָן? אין תוך פּעלשעוועט ער. נישט ער לערנט דאָ געשמאַק און נישט ער שטודירט. דאָס ערגסטע איז, וואָס ער ווייס נישט וואָס ס׳וועט ווייטער זיין מיט אים. די אמונה אין אים ווערט שוואַכער, אָבער דאָס לעבן פון די בחורים, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך געפעלט אים אויך נישט.

אין די לעצטע פיר וואָכן האָט ער אָפט פאַרפעלט די לימודים פון העברעיִש און רוסיש. נישט געקומען צו די אוראָקן. אין יענעם מאָנטיק איז ער אויך אַוועק פון דער ישיבה באַלד נאָכן לערנען גמרא און אָנגעהויבן אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן. ווען ער איז הונגעריק געוואָרן איז ער אָן איבערטראַכטן אַריין אין אַ גוייִשער קאָנדיטעריי און אויפגעגעסן צוויי פּיראָזשניעס און אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי מיט מילך. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געמומען מוסרן: איי, שמעון, ביסטו שוין ווייט פאַרפאָרן, האָסט זיך אַפילו נישט איבערגעלייגט צי עס איז כשר צי נישט. אפשר האָט מען געבאַקן די פּיראָזשניעס אויף גוייִשער שמאַלץ? און דאָס מילך? — קיין ייִד האָט דאָך נישט אַכטונג געגעבן ווען מען האָט עס בעמאָלקן.

ער האָט דערשפּירט אַן איבל צו זיך. אַן איינפאַל. ער האָט גאָרנישט איבער־

געטראַכט צי יאָ כשר צי נישט כשר. דאָס איז הפקרות. ער איז ערגער פון איי־בעם וואָס עסט טרפה. יענער האַלט אַז מ׳מעג. ער איז גלאַט אַ שאַרלאַטאַן.

ער האָט אַרומגעשפּאַצירט ביז די פיס האָבן אים אָנגעהויבן ברעכן. אָבער די מידקייט האָט נישט פאַרטריבן זיין פאַרדראָס. גיין אויף דער קוואַרטיר און זעצן זיך לייענען האָט ער נישט געהאַט קיין חשק; מער אַרומשפּאַצירן האָט ער נישט געהאַט קיין כוח. וואָס זאָל ער טאָן?

מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן: פאַרוואָס נישט אַריין אין דער ישיבה און זיך זעצן לערנען? ער איז שוין דאָ קרוב פיר חדשים און ער האָט נישט געהאַלטן קיין איין משמור. נישקשה, עס וועט אים גאָרנישט נישט פאַרשאַטן.

ער איז איילנדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט חרטה האָבן, אַוועק אין דער ישיבה. עטלעכע בחורים פון די עטלעכע כיתות זענען געזעסן און געשמועסט אין לערנען. געציילטע זענען געזעסן און געלערנט געשמאַק.

שמעון האָט אַרויסגענומען די גמרא פּסחים און זיך געזעצט לערנען. עס האָט זיך געלערנט געשמאַק. שוין לאַנג אַז ער האָט נישט געפילט אַזאַ טעם אין לערנען. אפנים ער האָט זיך פאַרלערנט. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט זענען געבליבן אין דער ישיבה נאָר חיים און ער.

חיים שומיאַטער האָט געלערנט געשמאַק. אָבער מאָדנע, אַלע צען־פופצן מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס ווי איבערגעהאַקט דאָס לערנען, פאַר־מאַכט די אויגן, זיך נישט אויפגעהערט צו שאָקלען און געמורמלט צו זיך עפּעס שטיל. דאָס אָפּשטעלן זיך האָט געדויערט אַ קורצע ווייל, טאָקע נאָר סעקונדעס, אַזוי אַז עס האָט נישט געקענט קיין רייד זיין אַז ער טראַכט איבער וואָס ער לערנט. שמעונען איז איינגעפאַלן — דאָס איז דער אַנדערער חיים, דער חיים אונטער דער מאַסקע, דער וואָס האָט כימערעס.

שמעון האָט געוואָלט צו אים צוגיין, אָבער ער האָט נישט געוואָגט. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: איך קען דאָך צו אים צוגיין און פרעגן עפּעס אין לערנען. ער איז פון די עלטסטע בחורים און ער איז מחויב צו ענטפערן. אפשר וועט מיר געלינגען פאַרפירן אַ שמועס מיט אים.

עס איז שמעונען אָנגעקומען גרינגער ווי ער האָט גערעכנט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיטן עלטערן בחור. אפנים, אַז אויך חיים האָט זיך געפילט איינזאַם.

ער האָט אויפגענומען שמעונען זייער פריינטלעך. נאָך דעם ווי ער האָט אים פאַרטייטשט דאָס שטיקל גמרא האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך זע אייך צום ערשטן מאָל אויף אַ משמור. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. זאָל זיין געענוג פאַר היינט. אפשר ווילט איר זיך מיט מיר דורכגיין אַביסל. מיינע פיס זענען פאַרקראַמפּט געוואָרן פון זיצן צו לאַנג.

שמעון האָט זיך אָנגעכאַפּט בייגעריק.

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. פון געוויינהייט האָבן זיי זיך פאַרנומען צו דער פעסטונג צו. עס איז געווען אַ שיינע, וואַרעמע ליכטיקע מיטן־חודשדיקע נאַכט. סוף־כּל־סוף האָט זיך חיים אָנגערופן:

— וואָס איז אייער נאָמען?

— שמעון פון קאַלינקאָוויטש.

— איר ווייסט, שמעון, איך בין פשוט נייגעריק. איך האָב נאָך אייך קיין־מאָל נישט געזען אויף אַ משמור. וואָס זענט איר אין מיטן דערינען געקומען אין אַ הייסער זומער־נאַכט און זיך געזעצט לערנען? און איר האָט געלערנט געשמאַק און שפּעטער פאַר אַלעמען.

— עס איז אַ לאַנגע מעשה, ר׳ חיים, עס עסט מיך אַ גריזאַטע. נישט איך לערן דאָ ווי עס באַדאַרף צו זיין און נישט איך שטודיר. די אמונה אין מיר ווערט שוואַכער און דעם דרך פון די פרייע קען איך נישט פאַרטראָגן. עס איז מיר נישט גוט. איך טראַכט און טראַכט און קען זיך נישט דערטראַכטן. היינט איז מיר אַזוי שווער געוואָרן אויפן האַרצן, אַז איך האָב נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן זיך, האָב איך געהאַלטן אַ משמור.

חיים האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו שמעונען. אין דער נאַכטיקער לבנה־ליכטיקייט האָט ער אים שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט:

— טראַכטן שאַדט נישט אַמאָל. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געזאָגט, אַז צו דינען גאָט פאָדערט זיך חכמה און ליסטיקייט. מ׳דאַרף קענען איבערקליגלען דעם יצר־הרע. אָבער אַ גרינגערער וועג און אַ זיכערער איז דער וועג פון ר׳ איצעלע פּעטערבורגער. ער זאָגט: דער יסוד פון אַלע יסודות איז מורא, פּשוטע שרעק פאַרן רבונו של עולם. מ׳קען קריגן מער אמונה פון איבערחזרן פאַר זיך אַ פּסוק, למשל דעם פּסוק שויתי ה׳ לנגדי תמיד, ווי פּרובירן איבערקליגלען דעם יצר־הרע מיט חכמה. אָבער נישט דווקא דעם פּסוק. פאַראַן נאָך פּסוקים.

— וואָס מיינט איר איבערחזרן פאַר זיך אַ פּסוק? ווי אַזוי טוט מען עס?

— פּשוט, איר רעדט מיט מענטשן, שמועסט מיט זיי וועגן אַלערליי ענינים. דאָס איז אָבער נאָר לחוץ. די דרויסנדיקע רייד. אינעווייניק דאַרף מען זיך געפינען אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון יראה און תורה. מען רעדט, אָבער אַן ווערטער. אין זיך חזרט מען איבער אַ פּסוק ווי למשל: את אלקים ירא ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם — האָב מורא פאַר גאָט און היט זיינע מצוות, ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענטש. אַניט אַ מאמר חז״ל עבירה מטמטמת לבו של אדם — מאַכט רש״י: אוטמת וסותמת כל חכמה — אַן עבירה פאַרטעמפּט דאָס האַרץ פונעם מענטשן, ווי רש״י טייטשט — זי פאַרשטאָפּט און פאַרחתמעט דאָס האַרץ, אַז עס קען נישט אויפנעמען קיין שום חכמה. דאָס העלפט. אַפילו אין מיטן לערנען דאַרף מען מפסיק זיין און איינחזרן זיך אַ שטיקל מוסר. מען

דאַרף אַלעמאָל זיין אין דער וועלט פון יראת שמים — מורא האָבן פאַר גאָט.

שמעון האָט נישט וועלנדיק אַ זאָג געטאָן:

— איצט ווייס איך אַז עס האָט זיך מיר נישט אויסגעדוכט.

— וואָס מיינט איר?

— איך בין זיך פאַר אייך מודה, אַז שוין וואָכן אַז איך קוק אייך נאָך און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלעמאָל ווען איר שמועסט איז אייער האַרץ נישט דערביי — איר זענט פאַרטאָן אין עפּעס אַנדערש. איך האָב אין קרעמענ־טשוגער ישיבה געהאַט אַזאַ חבר, וואָס האָט זיך אויך געקענט אַריינטרייבן אין אַזאַ מצב.

שמעון האָט אים דערציילט וועגן צלאלן.

חיים האָט אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, וואָס שמעון האָט אים דערציילט וועגן צלאלן און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— ער האָט באַנוצט דעם מוסר דרך אויף דברים בטלים. ער האָט גערעדט דברים בטלים און געטראַכט דברים בטלים. זיין כימערע, ווי ער האָט עס גע־רופן, איז אַלץ וועגן עולם הזה. אָבער אויב איינער וויל ראַטעווען זיין נפש דאַרף ער שטענדיק טראַכטן דברי תורה אָדער מוסר־רייד אַפילו ווען ער רעדט מיט מענטשן.

זיי האָבן לאַנג אַרומשפּאַצירט און געשמועסט. שמעון איז געקומען אויף זיין קוואַרטיר שוין כמעט פאַרטאָג אַ באַרויִקטער.

***

חיים האָט שטאַרק מקרב געווען שמעונען. דאָס יונגע ייִנגל איז געווען עלנט אין דער ישיבה. ער איז געווען איינזאַם און דערשלאָגן, און נישט געהאַט קיין חברים מיט וועמען זיך דורכצושמועסן. דערפאַר האָט ער זיך דערפרייט מיט חיימס התקרבות. ער האָט אים דערציילט פון זיינע ראַנגלעניש, פון זיינע ספקות און פון זיין שרעק פאַר פעלשעווען. חיים פלעגט אים אויסהערן און אַלע מאָל געענטפערט:

— אַ מענטש טאָר זיך נישט קליגלען. ער דאַרף שטענדיק נאָר טראַכטן וועגן דעם דין וחשבון, וואָס ער וועט דאַרפן אָפּגעבן פאַר דעם מלך מלכי המלכים און די גרויסע שטראָפן וואָס וואַרטן אויף אים אויף יענער וועלט, אויב ער וועט נישט גיין אויף דעם ריכטיקן וועג. איר, שמעון, דאַרפט פאַרשטיין, אַז די שטראָפן אויף יענער וועלט פאַר די עבירות, וואָס אַ מענטש טוט אָפּ דאָ, זענען אַזעלכע מוראדיקע, אַז מ׳קען זיי נישט פאַרגלייכן צו קיינע יסורים אויף דער וועלט.

וואָס שמעון האָט אים דערציילט, האָט חיים אויסגעהערט רויִק שטיל און דערנאָך איבערגעחזרט דעם זעלביקן פּזמון. איינמאָל, ווען שמעון האָט אים דער־

ציילט, וואָס ער האָט געזען אויפן קאָטאָק אין קרעמענטשוג און די פרייד וואָס ער האָט דורכגעלעבט און די קנאה וואָס ער האָט זיי מקנא געווען און האָט געענדיקט:

— ס׳איז גוט געווען צוצוקוקן זיך ווי מענטשן פרייען זיך אַזוי. גאָט וואָלט נישט געשאַפן אַזוי שיינע און געשמאַקע און באַטעמטע וועלט, ווען ער וואָלט נישט געוואָלט מיר זאָלן פון איר נישט הנאה האָבן.

חיים האָט זיך צעשאָקלט און אָנגעהויבן חזרן אויפן קול מיט אַ ניגון:

— איך האָב אייך געזאָגט: עבירות פאַרטעמפּן דאָס האַרץ און דעם מענטשן. ווי רש״י זאָגט: זיי פאַרשטאָפּן און פאַרחתמענען דאָס האַרץ, אַז עס קען נישט אויפנעמען קיין חכמה. וויי, וויי, ווען מען גייט אויפן גליטש איז דאָך ביטול תורה. און די התקרבות צו די נקבות פאַרמערט די תאווה, דאָס לאַכן איז מושב לצים. פאַר אַזעלכע זינד איז די שטראָף אין לשער. אַ מענטש טאָר זיך נישט קליגלען...

און ער האָט אויסגעלאָזן ווי אַלע מאָל:

— די שטראָפן אויף יענער וועלט...

שמעון האָט אים געענטפערט מיט פאַרדראָס:

— דאָס וואָס איר האַלט אין איין סטראַשען מיט עינויים דערוועקט ביי אַ מענטשן אַ בר דעת כעס. הערט, ר׳ חיים, אויב דער כביכול איז אַזאַ בייזער און אכזריותדיקער מלך, דאַרף מען מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן אים און אויב ער איז נישט קיין מלך נאָר אַ טאַטע, דאַרף מען אַנטלויפן פון אַזאַ טאַטן.

חיים האָט זיך צעשאָקלט און זיך צעזונגען:

— איי, שמעון, ווי נאַריש איר זענט, ווי קענט איר זיך שטעלן קעגן כביכול, אַז ער קען די ערד מאַכן ציטערן און דער ווינט און דער שטורעם, די מגפה און די פעסט זענען זיינע שלוחים. אַנטלויפן? וווהין קענט איר לויפן פון אים? עס שטייט אין פסוק, און חיים האָט אָנגעהויבן ציטירן אויף אויסווייניק פון עמוס: עס קען נישט אַנטלויפן קיין אַנטלאָפענער און עס קען זיך נישט ראַטעווען קיין אַנטרונענער, ווייל — אַפילו ווען זיי ווילן זיך איינגראָבן טיף אונטער דער ערד, וועט פון דאָרטן מיין האַנט זיי אַרויסנעמען, און אויב זיי וועלן אַרויפשטייגן אויפן הימל, וועל איך זיי פון דאָרטן אַראָפּנידערן. און אויב זיי וועלן זיך באַהאַלטן אויפן שפּיץ פון כרמל, וועל איך זיי פון דאָרטן אויפזוכן און אַוועקנעמען. און אויב זיי וועלן זיך פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן אַפילו אויפן גרונט פון ים וועל איך דאָרטן באַפוילן די שלאַנג און זי וועט זיי בייסן.

שמעון האָט געקוקט אויף דעם צעהתלהבותטן חיימען און אים געענטפערט שאַרף:

— הערט זיך איין, ר׳ חיים, איך קען נישט אָננעמען אייער אימה און שרעק.

און אייערע בייזע רייד וועגן רבונו של עולם קען איך גרינג אָפּפרעגן. און איך האָב אויף וועמען זיך צו סומך זיין. דער רבנו בחיי זאָגט אין „חובות הלבבות" אין שער היחוד „נאָר דער דער אָפּגעריסענער נאָר נעמט אויף דעם השם יתברך נאָך די מליצות פון דעם ספר, אָבער דער פאַרשטענדיקער באַנעמט, אַז די גשמיות־דיקע רייד וועגן דעם אויבערשטן איז נאָר צו דערנענטערן די גרויסקייט פון גאָט צום מענטשלעכן פאַרשטאַנד". דאַרף איך אייך נאָך צוגעבן וואָס דער רבנו בחיי זאָגט ווייטער? גוט. נאָט: די תורה און די נביאים ריידן אַזוי פיל וועגן כביכול אין גופישן זין און ווייניק אויף אַ העכערער מדרגה, ווייל ס'איז געגליכן צו איי־נעם וואָס קומט צו גאַסט צו זיינעם אַ רייכן חבר און ער האָט מיט זיך געבראַכט בהמות, פערד, שיקט דער חבר אַ סך האָבער און היי צו די פערד אָבער צום גאַסט, צו דעם מענטשן, גיט ער ווייניק עסן אין פאַרגלייך מיט די בהמות.

— איר האַלט דאָך שוין ביי כפירה — האָט חיים געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— חלילה, — האָט שמעון געענטפערט. — אָבער איך וועל אייך זאָגן די זעלביקע רייד וואָס איך האָב געזאָגט צו ר' לייזערן אין קרעמענטשוג: איך וויל נישט אַנטלויפן פון דער וועלט. די גאַנצע וועלט קאָכט און זידט. יעדער איינער מיט זיין אמת. אַפילו די ישיבות זענען פול מיט די וויכוחים. איך קען נישט פאַר־שטאָפּן מיינע אויערן. איך האָב אין קרעמענטשוג געלייענט אַ סך ספרים חיצו־נים: יוליוס ליפּערט, אחד העם, ליליענבלום, מענדעלע מוכר ספרים און ד"ר יוסף קלויזנער. איך האָב געדאַרפט לייענען בשתיקה. לייענען בשתיקה מיינט פעלשעווען. און פעלשעווען פאַרטראָג איך נישט. דערפאַר בין איך געקומען קיין לידע. דאָ איז השכלה אָפן, אָבער די השכלה דאָ שטעלט מיך נישט צופרידן. ס'איז שפינוועבס. מען רעדט וועגן אַ ניי לעבן און וואָס דאָס ניי לעבן איז אסור מיר צו עמעצער ווייסט.

חיים האָט געענטפערט איראָניש:

— פשוט זיי ווילן דאָ אַרויסגעבן רבנים מיט געשוירענע בערד און קורצע פּיאות און מלמדים־לערערס אינגאַנצן גלוחים. אָבער פאַר אייך, וואָס זוכט אַ תכלית אין דער וועלט, איז עס נישט קיין ענין. אַ תכלית קענט איר געפינען אין כולל סלאָבאָדקע, אין דער מיר, ווו נאָר ס'איז דאָ אַ מוסר־ישיבה. איר זייט אויף דעם ריכטיקן דרך פון מוסר, ווייל איר האָט שוין אויסגעקליבן איין מידה אויף וועלכער צו אַרבעטן. איר קענט נישט פעלשעווען. דאָס איז דער אָנהייב פון מוסר. איר זוכט אַ תכלית, אַ ציל אין דער וועלט? דער „מסילת ישרים" האָט שוין עס געפונען. ער זאָגט: „דער יסוד פון פרומקייט און דער וואָרצל פון עבודה צו גאָט איז דער מענטש זאָל זיך קלאָר מאַכן וואָס איז זיין חוב, זיין ציל אין דער וועלט". לייגט זיך איבער. דאָ האָט איר נישט וואָס צו טאָן. איך האָב היפּשע עטלעכע בחורים איבערגערעדט זיי זאָלן אַוועקפאָרן קיין כולל סלאָבאָדקע און אַלע זע־

נען מיר מכיר טובה, וואָס איך האָב זיי אַרויפגעפירט אויפן דרך הישר, ווייל זיי האָבן אויסגעפונען, ווי איך, אַז אַחוץ תורה און יראה איז קיין זאַך גאָרנישט נישט ווערט. לייגט זיך איבער. און דערווייל חזרט אָפּט פאַר זיך די פּסוקים אָדער די מימראס וואָס איך חזר פאַר זיך. מען דאַרף קענען זיך אַליין איבער־ריידן און איינריידן. עס איז מיר אויך אָנגעקומען שווער. אָבער איך האָב זיך איבערגערעדט און איבערגעבראָכן.

***

יענע נאַכט איז שמעון שלעכט געשלאָפן. חיים האָט אים צערודערט. עס זענען צוריק צו אים געקומען די איבערלעבענישן פון קרעמענטשוג. ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק פון השגחה פּרטית. ניין ער קען אָבער נישט אָננעמען חיימס עצה און אַוועקפאָרן אין אַ מוסר־ישיבה און זיך אַליין איבעררריידן און איינריידן. די וועלט איז אַזאַ גרויסע און שיינע און מ'טאָר פון איר נישט אַנט־לויפן. אָבער לידע איז אויך קיין תכלית נישט, ווייל עס פירט ערגעץ נישט. דער־צו זענען די טעג פּוסטע אָן אַנרעג און אָפּגעלאָזענע. אויף דעם טאָר ער נישט פּטרן דער מאַמעס בלוטיק פאַרהאָרעוועטע געלט.

ער וואָלט געדאַרפט איצט, אין מיטן זמן, פאַרלאָזן די ישיבה. אָבער קומען אַהיים אָן אַ פּלאַן וווהין צו פאָרן מיינט זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ וואָס די מאַמע פאַרהאָפט אויף אים. און ער אַליין? ער וועט ווערן קליין ביי זיך אין די אויגן ווען דער ענדציל וועט ביי אים זיין, ווערן אַ גוטער מלמד אָדער אַ רייכער קרעמער.

ער וועט מסתמא אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. אָבער וויפל תורה וועט ער ברענגען מיט זיך, אַז ער זאָל דאָרטן ווערן, וואָס די מאַמע האָט געגאַרט און געהאָפט ער זאָל ווערן, און וואָס ער אַליין האָט גע־האַלטן ער וועט ווערן?

פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן, נישט מיט קיין טיפן שלאָף. ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ דרעמל געגוג נאָר אויף צו חלומען. אינעם דאָזיקן האַלב־וואַכיקן צושטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן דער אַלטער בית־מדרש פון שטעטל. די גאַנצע שול איז ליידיק און פּוסט אַפילו אָן אַ פליג. זונען־שטראַלן שפּילן זיך איבערן ארון־קודש און דער פּרוכת העגגט אַ צעקנייטשטער ווי אַ פאָרהאַנג, וואָס איז לאַנג נישט פאַרצויגן געוואָרן און איז געוואָרן שלאַבעריק פון הענגען אַזוי לאַנג נישט גערירט. שמעון קוקט און קוקט אויפן ארון־קודש. ער דערמאַנט זיך ווי ער האָט אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ יאָר זעקס, געזען ווי די תפילות פון דער גאַנצער עדה האָבן געשטראָמט צום ארון־קודש און איצט איז פאַרמאַכט דער ארון־קודש און פּוסט איז דער בית־מדרש. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ דין ווייי־נענדיק קול:

„אַלעמען האָט דער ווינט פֿאַרטראָגן, האָט פֿאַרשלעפּט דאָס ליכט. אַ נײַ ליד האָט זיך אין דעם פֿרימאָרגן פֿון זײַער לעבן צעזונגען. און איך, אַ יונג טײַ־בעלע, בין פֿאַרגעסן געוואָרן אונטער די פֿליגל פֿון דער שכינה... אַלעמען האָט דער ווינט פֿאַרטראָגן, אַלע זענען זיך צעפֿלויגן און איך בין געבליבן אַליין אַליין...״

שמעון חזרט איבער די ווערטער נאָכן קול, די ווערטער, וואָס ער קען אַזוי גוט פֿון ביאַליקס אַ ליד. און באַלד בייט זיך דאָס בילד. ס'איז אַ דאָנערשטיק. דער בית־מדרש איז פֿול. דער שולחן אַרום הרובע איז אָנגעלייגט מיט נײַע, פֿריש געבונדענע ספֿרים אַלע פֿון איין גרויס — איין ספֿר פֿון איין מחבר — דער חפֿץ־חיים. לעבן טיש שטייט אַ קליין ייִדעלע מיט ליכטיקע אויגן, אַן אויסגערונדעטע פֿלייצע און אַ שיינעם קאָפּ מיט אַ סאַמעטענעם היטל. די באָרד איז אַ קיילעכ־דיקע מיט פֿאַסמעס גרויע האָר. שמעון זעט זיך אַליין אין חלום, ער איז אַ קליין ייִנגעלע, אַזוי יונג אַז ער איז צו קליין אַריבערצוקוקן איבערן שולחן אויף די ספֿרים, וואָס דאָס קליין ליכטיק ייִדעלע האָט צעלייגט.

אַלע שטופּן זיך צום גאַסט אים געבן שלום־עליכם.

— שלום־עליכם ר׳ ישראל, שלום־עליכם.

שמעון זעט ווי זיין טאַטע דערנענטערט זיך צום גאַסט, גייט־צו און זאָגט:

— שלום־עליכם ר׳ חפֿץ־חיים, נו, רבי, מה יקר? ווי טייער אַ ספֿר. מען דאַרף דאָך זען ייִדן זאָלן קויפֿן אייער הייליקן ספֿר.

— נו, נו, נישט איבערטרייבן חלילה, איר ווילט קויפֿן דעם ספֿר? נו, וועגן מקח וועלן מיר דורכקומען. אָבער איידער איר קויפֿט דעם ספֿר, דאַרפֿט איר מיר צוזאָגן ווערן איינער פֿון דער חברה צו לערנען בציבור פֿון „חפֿץ חיים״. אַנישט זאָגט מיר צו, אַן אַ הן־צדק, אַז איר וועט מעיין זיין אין ספֿר אַלע טאָג, כדי איר זאָלט קענען אויך אָנזאָגן אַנדערע ווי זיך אויסצוהיטן פֿון לשון הרע.

ווען שמעון איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי האָט ער דערפֿילט אַ מאָדנע באַרויִקונג. דער חלום איז געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקער פֿאַר אים. ער האָט גע־שמייכלט צו זיך: דערמאָנט זיך אַ קינדערשע דערפֿאַרונג, אָבער פּונקט אין דער ריכטיקער צייט.

ווען שמעון האָט באַגעגנט חיימען אין דער ישיבה, האָט ער געזאָגט צו אים אַ פֿריידיקער:

— איך וועל פֿאָרן קיין ראַדין, צום חפֿץ־חיים אין דער ישיבה.

חיים האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט:

— וואָס איז אייך איינגעפֿאַלן מיטאַמאָל ראַדין?

— איך האָב געהאַט אַ חלום, האָט שמעון געענטפֿערט און אים דערציילט דעם גאַנצן חלום.

חיים האָט געענטפערט פאַרטראַכט:

— דאָס איז געווען אַ סייעתא דשמיא (אַ הילף און דערמוטיקונג פונעם אויבערשטן). מען האָט אייך געוויזן אין חלום וואָס צו טאָן.

שמעון האָט געענטפערט:

— איך גלייב נישט אין חלומות, אין כישוף און שטערנזעעריי, ווי עס שטייט אין פסוק: „וחלומות השוא ידברו״, און די חלומות ריידן פאַלש, טייטשט דער תרגום וקוסמיאָ מתנבן שקר און די כישופמאַכער ריידן פאַלש. ביידע גלייכע נאַרישקייטן.

חיים האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס — ס׳איז געווען אַ צייכן פון כביכול. שמעון האָט זיך מיט אים נישט געוואָלט שפּאַרן.

קאַפּיטל 13

פאַר ראַדין

דאָנערשטיק האָט שמעון געהאַט דעם לאַנגן שמועס מיט חיימען, אים דער־ציילט דעם חלום מיטן חפץ־חיים, וואָס ער האָט געהאַט און זיין באַשלוס צו פאָרן קיין ראַדין. שבת־צו־נאַכט האָט שמעון שפּעט אין אָוונט אָפּגעזוכט חיימען און געזאָגט צו אים איילנדיק אויף קורץ: — מאָנטיק, דינסטיק פאָר איך אַהיים.

חיים האָט אָנגעקוקט זיין יינגערן חבר און תלמיד און געשמייכלט אין זיך: אַזוי אָנגעלאָדן איז ער מיט דעם אָפּמאַך ביי זיך באַלד צו פאַרלאָזן די אַפּיקור־סישע ישיבה, אַז ער האָט געמוזט עמעצן עס דערציילן. אין דער הויך האָט ער זיך אָנגערופן אַ צופרידענער:

— עס געפעלט מיר, קאַלינקאָוויטשער, עס געפעלט מיר ביז גאָר. ס'איז וויל און גוט אַזוי.

— וואָס געפעלט אייך? — האָט שמעון געפרעגט.

חיים האָט געענטפערט מיט באַגייסטערונג:

— אייער אימפּעט און אייער אָפּמאַכן ביי זיך אָפּצופאָרן מאָרגן, איבער־מאָרגן אַהיים. אָט אַזוי איז זיך נוהג אַ מוסרניק. איך האָב אייך לעצטע וואָך געזאָגט, אַז איר האָט אין זיך אַ ניצוץ פון אַ מוסרניק. איצט קען איך עס אָנ־טאַפּן מיט די שפּיץ־פינגער. חוץ וואָס איר האָט אויסגעקליבן די מידה נישט פעלשעווען, און איר טרעט נישט אָפּ פון איר, האָט איר פיינט פשרות. ווי נאָר איר זייט געקומען צום רעיון, אַז לידע טויג נישט, מאַכט איר נישט קיין שהיות און איר פאַרלאָזט תיכף די ישיבה. איבער נאַכט האָט איר זיך געביטן. דאָס איז דער דרך פון אַ מוסרניק.

שמעון האָט אָנגעקוקט דעם עקזאַלטירטן חיימען און געענטפערט:

— באמת, איר טייטשט אַריין אין מיין הנהגה זאַכן, וואָס איך האָב נישט געמיינט און וואָס איך האָב נישט געטראַכט. איך פאַרשטיי נישט אייער התל־הבות.

זיי זענען געזעסן ביי חיימען אויפן קוואַרטיר. אַ היפּשער חדר מיט אַ לאַנגן טיש און אַן אַכט שטולן. חיים האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער פלאַך פון דער רעכטער האַנט, פאַרמאַכט די אויגן, זיך צעשאָקלט און אָנגעהויבן מיט אַ ניגון:

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך האָב אייך פריער נישט געקענט. איך וואָלט אייך געוועזן פאַרבעטן אויף מיינע מוסר־שמועסן. איך האַלט זיי דאָ אויף דער קוואַרטיר פאַר געציילטע, אויסדערוויילטע בחורים, בסוד פון אַנדערע. פאַרשטייט מיך, איך בין געשיקט געוואָרן אַהער פון ר׳ יוסף יוזל איבעררייַדן בחורים צו ווערן מוסרניקעס. ווען איר וואָלט געהערט אַ פּאָר מוסר־שמועסן, וואָלט איר פאַרשטאַנען מיין איצטיקע התלהבות. אָבער לאָמיר לכל הפּחות אַ שמועס טאָן וועגן תשובה.

שמעון האָט אָנגעהויבן ענטפערן:

— איך בין נישט —

— שלאָגט נישט איבער, קאַלינקאָוויטשער, איידער איך ענדיק אַ רעיון. איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין, אַז תשובה, אמתע תשובה, האָט געזאָגט ר׳ יוסף יוזל, קומט צום מענטשן פּלוצים און בייט אים איבער, ענדערט אים כהרף עין (ווי אַ מאַך מיט אַן אויג), אין איין רגע קען דער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אין טיפער פינצטערניש, אַרויס אין גרויס ליכטיקייט. אַ מענטש קען זיך דערהייבן צו דער העכסטער הויך איידער מען קען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט.

שמעון האָט זיך געוועדט:

— חיים, ראשית פיל איך נישט, אַז איך האָב געזינדיקט און דערפאַר איז דאָך נישט שייך קיין תשובה ביי מיר. שנית בין איך בכלל נישט מסכים מיט אייער רבין ר׳ יוסף יוזל, וואָס איך הער זיין נאָמען צום ערשטן מאָל, אַז אַ מענטש קען זיך בייטן כהרף עין. וואָס איז אַ מענטש, אַ סאַמאָוואַר?, אַז מען וויל עפּנט מען דעם קראַן, גיסט זיך וואַסער און אַז מען וויל, פאַרמאַכט מען דעם קראַן און דאָס וואַסער שטעלט זיך אָפּ? אייערע רייד דערמאָנען מיר די רייד פון דעם בונדאָווע זאַנוויל אין קרעמענטשוג. ער האָט אויך געהאַלטן אַז מענטשן קענען זיך בייטן פּלוצים, ווערן צדיקים כהרף עין. ביי אים איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן די קאַזאַקן ווערן גוט און פרום און מער נישט שמייסן מיט קיין נאַגייקעס און מער נישט נוצן קיין ביקסן מיט באַגנעטן. זיי אַלע וועלן טראָגן מיט זיך די לאָקשן פון דעם שמש מיט וואָס ער גיט מלקות ערב יום־כיפּור און פון די באַגנעטן וועלן זיי מאַכן מילכיקע מעסערס.

— איך האָף, אַז איר איילט זיך נישט ערגעץ־ווו, — האָט חיים געזאָגט, — און מיר קענען ציִען דעם שמועס. איר, קאַלינקאָוויטשער בחורים, זייט גרויסע

עקשנים און בעלי חקירה. איך האָב געהאַט אַ גרויסן סכסוך מיט אייער דוד־אפרימען. אָבער ער האָט גאָר אָפּגעשפּעט פון דעם ענין מוסר און אַפילו פון השגחה פּרטית. איר, אַ דאַנק דעם השם יתברך, האָט נאָר ספיקות. אייער התנג־דות (קעגנערשאַפט) איז פון איינעם, וואָס זוכט אַ וועג צו גאָט. איר וואָלט באמת געווען אַ גוטער תלמיד פאַר ר׳ יוסף יוזל. ער האָט ליב שאַרפע היציקע בחורים, וואָס האָבן ספיקות, אָבער זוכן דעם כביכול. דאָס וואָס איר האָט נישט געהערט פון יוזלען איז ביי מיר כולו פלא. ווער האָט עס נישט געהערט פון דעם בעל החורים — „דער מאַן פון די לעכער״? עס האָט דאָך געקלונגען מיט אים אַ וועלט. אַפילו די גאַזעטן האָבן וועגן אים געשריבן. די אַפּיקורסים האָבן אים געמסרט. און אויב איר האָט נישט געהערט פון מיין רבין ר׳ יוסף יוזל, האָט איר דאָך אוודאי געהערט פון מיין רבינס רביים, דעם גרויסן צדיק ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ יצחק בלאַזער און ר׳ איצעלע פּעטערבורגער? איך מיין אַז כבודם במקומם מונח — נישט מינערן זייער כבוד, מיין רבי ר׳ יוסף יוזל האָט זיי אַלעמען אי־בערגעשטיגן אין מעשה מוסר. אָבער איך האָב זיך דערוויייל פאַררעדט און אַראָפּ פון אונדזער דרך וועגן דעם ענין פון תשובה.

חיים האָט גערעדט מיט אימפּעט אָן אַן אָפּשטעל:

— איר זאָגט, אַז מיינע רייד דערמאָנען אייך די רייד פון אַ בונדאָוועץ אין קרעמענטשוג. לאָ ראי זה כראי זה — איין זאַך איז נישט גלייך צום אַנדערן. איך רייד צו אייך וועגן אַ יחיד, וואָס טוט תשובה, און איר ברענגט מיר די דברים בטלים פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האַלט, אַז דער כלל און דער יחיד קענען זיך בייטן אָן אַן תשובה, נאָר ווייל די מלוכה וועט זיך בייטן. מיר האַלטן נישט אַזוי. מיר מיינען אַז אויב אַ רשע זעט נישט איין זיין רשעות, וועט ער בלייבן אַ רשע סיי אונטער דער ממשלה פון אַ צאַר און סיי אונטער דער מאַכט פון אַ רעספּובליק. אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה זענען דאָ רשעים און עס וועלן זיין רשעים אין אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג, אויב מען וועט נישט לייגן דעם טראָפּ אויף דער תשובה פון יחיד.

— איך רייד דאָ צו אייך וועגן אַ גאָר הויכן ענין: וועגן תשובה. די תורה הקדושה זאָגט, אַז דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און גלייכעניש, בדמותו ובצלמו, און אים איז געגעבן געוואָרן די מדרגה פון בחירה — פרייען ווילן — וואָס נישט חיות און נישט די מלאכים האָבן עס. וויבאַלד אַז דער מענטש האָט בחירה, קען ער זיך בייטן אין איין רגע אויב ער וויל. אָט איז ער געווען אַ דערווייטערטער פון גאָט, אַן אומווירדיקער, אַ שקץ משוקץ — איינגעטונקט אין תאווה און זינד, און כהרף עין קען ער ווערן אַ באַליבטער פון גאָט, אַ ריינער — אָן אַ פלעק פון זינד, אַ חבר און פריינט פון אַלץ וואָס איז גוט. אַזוי פּסקנט טאַקע דער רמב״ם אין הלכות תשובה. אָבער אין דער רגע

פון תשובה דאַרף דער איבערבייט זיין עיקרדיק, אָן אַ פּגם. אַ שינוי גלייך אויפן אָרט. און ר׳ יוסף יוזל זאָגט: „אויב אַ מענטש בייט זיך נישט תיכף, אין איין רגע, גלייך אויפן אָרט, וועט ער זיך קיינמאָל נישט בייטן. די סיבה? ווייל אויב ער קען נישט פאַרלאָזן זיינע שלעכטע וועגן איצט, צו דער מינוט, צוליב מכשולים, שטערונגען און אָפּהאַלטונגען, וועט ער אויך אין דער צווייטער מינוט אַזוי טענהן, און אויך אַזוי אַ שעה שפּעטער, אַ טאָג שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום, אין אַ חודש אַרום און אין יאָרן אַרום. דער וואָס וואַרט מיט תשובה ביז אַלע שטערונגען און אָפּהאַלטונגען, וואָס זענען אים אין וועג, וועלן פאַרשווינדן, וועט קיינמאָל קיין תשובה נישט טאָן, ווייל ס׳איז קיינמאָל נישטאָ קיין עק און קיין סוף צו שוועריקייטן און שטערונגען״.

שמעון האָט אים נישט געקענט אָפּשטעלן.

— הערט קאַלינקאָוויטשער, אַ שיינעם משל וועגן תשובה פון ר׳ יוסף יוזל. ער זאָגט, ווען איינער קען זיך נישט איבערברעכן אין איין רגע, איז עס געגליכן צו איינעם, וואָס האָלט אַ טריפהנע קיך און וויל איינפירן אַ כשרע קיך. טראַכט ער ביי זיך: איך קען נישט אַרויסוואַרפן אַלע טעפּ און געפעס אויף איין מאָל און קויפן נייע. ס׳איז אַ צו גרויסע הוצאה פאַר מיר. נו, וועל איך עס טאָן ביסלעכווייז, ווען אַ טאָפּ אָדער אַ טעלער וועט זיך צעברעכן, וועל איך קויפן נייע, וואָס וועלן דאָך זיין כשרע. אַזוי ביסלעכווייז וועל איך פאַרבייטן די טריפה כלים אויף כשרע. אַזאַ מענטש איז אַ טיפּש. ווי נאָר ער וועט אויסמישן דעם נייעם טאָפּ, דעם נייעם טעלער מיט די אַלטע כלים, וועלן די נייע געקויפטע געשיר אויך ווערן טריף. און אַפילו ווען דער מענטש זאָל לעבן מתושלחס יאָרן און ער זאָל האַלטן אין ברעכן און קויפן, וועט די קיך בלייבן אַ טריפה. אויב ער וויל אַ כשרע קיך דאַרף ער אַרויסוואַרפן אויף איין מאָל אַלע טעפּ, טעלער און קופליקעס, אַלע טריפה כלים און קויפן נייע. דאָס איז...

— ס׳איז אַ שיינער משל, — האָט סוף־כל־סוף שמעון איבערגעשלאָגן חיימען. — אָבער דאָס איז וועגן חומרישע זאַכן, זאַכן וואָס מען קען אָנטאָפּן מיט די הענט — אָט ווי איבערבייטן טעפּ און טעלער. אָבער ווען עס קומט צו רוחניותדיקע ענינים (גייסטיקע זאַכן) איז עס גאָרנישט אַזוי פּשוט. אַ מענטש בייט זיך נישט אין איין רגע, אַפילו נישט אין איין חודש.

— אויב איינער טוט תשובה אויף אַן אמת, — האָט חיים געענטפערט מיט אימפּעט, מאַכט נישט אויס אויב דער בעל־תשובה האָט וואַקלענישן, ווייל ער איז אויף דעם ריכטיקן וועג. ר׳ יוסף־יוזל האָט וועגן דעם ענין אויך אַ שיינעם משל. אַ בעל־תשובה איז געגליכן צו איינעם, וואָס האָט זיך געזעצט אויף אַ פּאַיעזד (באַן) וואָס גייט צו מערב־צו קיין מאָסקווע. דער פּאַיעזד איז אַ לאַנגער, אפשר הונדערט וואַגאָנעס. נו, האָט דער פאַרער חרטה, ער וויל זיך אומקערן.

גייט ער אויף צוריק אין די וואַגאַנעס צו מזרח־צו. אָבער כל־זמן ער איז אויפן פאַיעזד, וועט ער אַלץ פאָרן צו מערב־צו. רגעס, טעג פון חרטה און וואַקלעניש, פון גלוסטעניש, פון איבערגעוועלטיקונג פון תאווה זענען פאַראַן ביי אַלעמען. אָבער דער אמתער בעל תשובה איז אויפן ריכטיקן פאַיעזד. ער גייט צוריק עט־לעכע וואַגאָנעס, אָבער ער וועט סוף־כל־סוף געבראַכט ווערן אויף דער ריכטי־קער סטאַנציע. אַט האָט איר אויסגעפונען דעם שקר פון השכלה, רייסט איר אי־בער מיט השכלה.

שמעון האָט געענטפערט פעסט:

— אייערע רייד זענען נישט אָנגעמאָסטן אויף מיר. איך ווייס נאָך נישט צי השכלה איז שקר. איך זוך, איך בלאָנדזשע.

חיים האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַפילו ווען איר לייקנט איז עס ביי מיר אויך קלאָר, אַז איר פאָרט איצט אַהיים, ווייל איר האָט אויסגעפונען, אַז מען קען נישט טאַנצן אויף צוויי חתו־נות. דער וואָס וויל אַריינכאַפּן ביידע וועלטן: עולם הבא און עולם הזה בלייבט אָפּגעריסן פון ביידע. מען קען נישט צוזאַמענפאָרן אין אַ ישיבה השכלה און תורה. השכלה איז עולם הזה און איז דער היפּוך פון אַ לעבן פון שלימות. מען קען נישט מאַכן קיין פּשרות צווישן זיי. איר האָט עס דערפילט און דערפאַר רייסט איר איבער מיט לידע.

— ניין, חיים, — האָט שמעון אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ — דאָס איז נישט די סיבה פאַרוואָס איך פאַרלאָז לידע. פּשוט, איך מיין, אַז איך האָב דאָ נישט געהאָט די פּעולה, וואָס איך האָב גערעכנט און דאָס גאַנצע לערנען איז מיר דאָ געוואָרן נודנע. ס׳איז אַן עבירה דער מאַמעס שווער פאַרהאָרעוועט געלט. און נאָך אַ סיבה: איך האָב זיך אָנגעלייענט ווי אַ פויק מיט ביכלעך, וואָס מאַכן צו־נישט כתר תורה. מיר איז אָבער שווער זיך אָפּצוזאָגן פון דער מלכות פון תורה. איך קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אייך, די מיוחסדיקע בחורים: זין פון רבנים, שיינע יידן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין יחוס־תורה. איך בין אַ שוסטערס און אַ בעקערינס אַ זון. נישט פון יחוס בין איך און אויך קיין עשירות פאַרמאָגט נישט מיין טאַטע. אָבער איך בין אַריין אין דעם היכל פון תורה און בין דאָרט געוואָרן אַ בן־בית. קען איך אַזוי גרינג נישט אויפגעבן דעם שווער פאַרהאָרע־וועטן יחוס. דערפאַר וויל איך פאָרן קיין ראַדין.

— פאַרוואָס קיין ראַדין און נישט אין קיין אַנדער ישיבה? — האָט חיים געפרעגט.

— איך פאָר קיין ראַדין, ווייל איך וויל זיין לעבן דעם חפץ חיים און וויל זיין לעבן דעם יידן מיטן ליכטיקן פּנים, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַזוי זיכער מיט זיך. ער האָט זיך נישט געיאָגט צו פאַרקויפן זיין ספר, ווען ער איז

געקומען צו אונדז אין שטעטל מיט זיינע ספרים. ער האָט גאָר געוואָלט אַ צוזאָג, מען זאָל לערנען זיין ספר. ער, דער גאון און גרויסער בעל־מידות ווייסט דאָך זיכער צי די מלכות פון תורה איז נאָך אַ מלוכה און דער כביכול האָט טאַקע געשאַפן די וועלט און זי האָט אַ תכלית און מיר ייִדן זענען די אויסדערוויילטע און ס'איז נישט ווי די משכילים זאָגן, אַז די וועלט האָט נישט קיין תכלית און די תורה האָבן ייִדן געשאַפן. און אויב איך וועל אויסגעפינען ביים חפץ־חיים על־פּי־שכל, אָן שרעק פאַר אייזערנע ריטער, אַז די מלכות פון דער תורה איז אמת, דעמאָלט איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך און צו ציטערן ווי איר ציטערט פאַר דער וועלט. די וועלט און אויך די לימודים חיצונים זענען אַ טייל פון גאָטס קעניגרייך. ייִדישקייט, וואָס איז די אַנטפּלעקונג פון כביכול צו די ייִדן אויפן באַרג סיני איז כולל אַלץ: די וועלט און יענע וועלט, תורה און גויִישע חכמה, לערנען תורה און הנאה האָבן פון גוף. ס'איז נישט קיין טאַנצן אויף צוויי חתו־נות, ווי איר מיינט. נאָך אייער שיטה נאָך קומט אָפּט אויס רחמנא ליצלן אַז עס זענען דאָ צוויי רשויות — איינע געהערט צום רבונו של עולם און איינע צום שטן צום יצר־הרע. דער שכל איז עס נישט מחייב. זעט דעם שער היחוד אין „חובות הלבבות".

חיים האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרציטערטער:

— איר ווילט זיך פאַרלאָזן אויפן שכל? דאָס איז די גרעסטע סכנה. דער רבי ר' יוסף יוזל האָט געזאָגט: דער איינציקער וועג צו דערגרייכן שלימות איז צו פאַרלאָזן און פאַרגעסן אַלע שכלדיקע דערקלערונגען און אָננעמען די תורה אָן קיין שום חקירה ודרישה. מיר דאַרפן נאָר פאָרשן און זוכן און אויסגעפינען ווי אַזוי היט מען אָפּ שבת כדבעי — ווי עס באַדאַרף צו זיין. ווי אַזוי אַריינ־מאַכן ציצית, אָבער נישט חלילה פאַרוואָס. איר פאָרט אויסצוגעפינען פון חפץ־חיים צי די תורה איז גערעכט? איר נעמט אויף זיך אַ נסיון, וואָס איר וועט נישט קענען ביישטיין. קיינער קען נישט נעמען אויף זיך אַזאַ נסיון און נישט געניזקט ווערן. איר וועט געשטרויכלט ווערן ווייל...

שמעון קען איצט איבערחזרן ווערטערלעך דעם גאַנצן דעמאָלטיקן וויכוח מיט חיימען, ווייל ער האָט זיך געטראָפן מיט חיימען פנים אל פנים דריי און דרייסיק יאָר שפּעטער אין אַ שטעטל אין ניו־דזשוירזי און דערנאָך היפּשע עט־לעכע מאָל. ס'איז אַ לאַנגע און אַ פאַרפּלאָנטערטע מעשה דאָס טרעפעניש מיט חיימען. שמעון האָפט עס צו דערציילן אם ירצה, שפּעטער אין באַנד „דער בוים", ווען ער וועט שרייבן וועגן אַמעריקע.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז ר' יוסף יוזלס ספר „מדרגת האדם" איז איי־בערגעדרוקט געוואָרן אין אַמעריקע זיבן און דרייסיק יאָר נאָך שמעונס שמועס מיט חיימען. אינעם ספר זענען דאָ אַלע טענות פון חיימען, וואָס ער האָט זיי

דעמאָלט געהערט בעל־פּה פון ר׳ יוסף יוזל. ס׳איז אַ מערקווירדיקער ספר. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס די תלמידים האָבן אַראָפּגעשריבן אויף לשון קודש דעם רבינס שמועסן, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף יידיש. דער ספר וואָלט אַ סך געווונען ווען ער וואָלט געשריבן געוואָרן ווי דער רבי האָט גערעדט. לכל הפחות אויף איין זייטל יידיש און אויפן צווייטן זייטל לשון קודש. באמת אַ שאָד.

***

ווען שמעון איז געקומען אַהיים, נאָך דעם ווי ער איז געווען פולע צוויי יאָר אין קרעמענטשוגער ישיבה, איז עס ביי אים געווען אַ געשעעניש און ביי די שטוביקע אַ וויכטיקע פּאַרקומעניש. ווען די באַן איז נאָך געווען צענדליקער וויאָרסטן פון שטעטל און שמעון האָט דערזען די באַקאַנטע לאַנדשאַפט פון רייסן, איז ער געוואָרן אומרויִק און אומגעדולדיק. ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע, האָט דאָס האַרץ ביים יינגל אָנגעהויבן קלאַפּן גיכער, שטאַרקער פון שפּאַנונג: וואַרט אויף אים זלמן הומאַן, ווי ער האָט מיט אים אָפּגערעדט מיט צוויי יאָר צוריק? זיין אָנקומען מיט דער פּאַרטאַגיקער באַן, פולע זעכצן שעה שפּעטער ווי ער האָט זיך גערעכנט, האָט פאַרגרעסערט די געשפּאַנטקייט פון דער דערוואַרטער באַגעגעניש. די פרייד, וואָס איז אויסגעבראָכן ווען שמעון איז אַריין אין שטוב, איז טאַקע געווען ווי עס פּאַסט ווי מען באַגעגנט און מען נעמט־אויף אַ שטאַרק באַגערטן גאַסט.

אָבער איצט איז זיין קומען פון לידע געווען וואָכעדיק, אָן אַ ברעקל געשפּאַנטקייט. קיינער האָט זיך אויף אים נישט גערעכנט און קיינער האָט אויף אים נישט געוואַרט. און ער אַליין איז אויך נישט געווען אומרויִק און אומגעדולדיק צו קומען אַהיים.

ער איז אָנגעקומען מיט דער בייטאָגיקער באַן. די סטאַנציע איז געווען פול מיט מענטשן אָבער קיינער האָט אויף אים נישט געוואַרט. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ פור, באַצאָלט דעם איינגעשטעלטן מקח, צען קאָפּיקעס, און דער בעל־עגלה האָט אים צוגעפירט צו דער מאַמעס שטוב.

די מאַמע איז געווען אַליין אין הויז. ווען שמעון, מיט דעם קעסטל אויפן אַקסל, האָט געעפנט די טיר, האָט די מאַמע זיך אַ הייב געטאָן פון דער קאַנאַפּע, אַוועקגעלייגט דעם זאָק, וואָס זי האָט געצירעוועט, און אַרויסגעזאָגט מיט פאַרזאָרגטער אומרו:

— מ׳האָט דיך אַרויסגעשיקט פון דער ישיבה?

שמעון האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל אין אַלקער און אַ קער געטאָן זיך צו דער מאַמען אַ פאַרחידושטער:

— וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן אַזאַ מאָדנע מחשבה?

— ס'איז דאָך ערשט אין מיטן אָב — האָט די מאַמע געענטפערט — אין ס'זענען נאָך דאָ פולע זיבן וואָכן צו ראש השנה.

שמעון האָט געענטפערט פעסט:

— שרעק זיך נישט, מאַמע, איך האָב דיך חלילה נישט פאַרשעמט, מען האָט מיך נישט אַרויסגעוואָרפן פון דער ישיבה. איך בין אַוועק מיט מיין איי־גענעם רצון. איך האָב פאַרלאָזן לידער ישיבה, ווייל זי געפעלט מיר נישט.

די מאַמע האָט שווייגנדיק אים אָנגעקוקט אַ היפּשע ווילע און געזאָגט:

— אָט, שמעונקע, ס'איז נישט קיין גלאַטער תירוץ. ער גליטשט זיך ביי מיר נישט אַראָפּ. אָבער מסתמא ביסטו דאָך מיד פון וועג און אַוודאי אויך הונגעריק.

— איך בין מער הונגעריק ווי מיד, — האָט שמעון געענטפערט.

די מאַמע האָט געגרייט אַ טיש מיט אַ גאַר פיינעם מילכיקן מאָלצייט: אַ גוט פאַרוויסטן שטשאַוו־באָרשטש, אוגערקעס איינגעבראַקט אין סמעטענע, צוויי קאַלטע געבאַקטע קאַרטאָפל און אויסגעקאָכטע פלוימען צו פאַרבייסן. שמעון איז געווען שטאַרק הונגעריק און ער האָט געהאַלטן די אויגן אַריינגעטאָן אין טעלער ביז ער האָט איבערגעכאַפּט דעם ערשטן הונגער. ווען ער האָט אָנגע־הויבן עסן פּאַמעלעכער, האָט ער דערפילט דער מאַמעס אויגן אויף זיך. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די מאַמע איז געזעסן אַנטקעגן אים און געקוקט אויף אים מיט אַ נישט־גלויביקן פּנים.

שמעון האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל, אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן און זיך אָנגערופן:

— מאַמע, אַז דו קוקסט אויף מיר מיט אַזאַ חשד, קען איך נישט עסן. דו גלייבסט מיר אַלץ נישט, אַז איך האָב פאַרלאָזן לידע, ווייל די ישיבה געפעלט מיר נישט.

— נו, דעם הונגער האָסטו איבערגעכאַפּט, שלעפעריק ביסטו נישט, מעג איך אַ שמועס טאָן מיט דיר. ניין, עס לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל, וואָס דו זאָגסט. וואָס מיינסטו לידער ישיבה איז דיר נישט געפעלן געוואָרן? אַ גאַנצע וועלט רייסט זיך אין דער ישיבה, מיט הרב ריינעסן קלינגט די מדינה, דו האָסט זיך געפרייט ווען מען האָט דיך אַריינגענומען אין דער ישיבה ווי דו וואָלסט געוואָרן וויסאָצקי. איצט טוסטו אַ זאָג, אַז לידע געפעלט דיר נישט. אויב ס'איז אַפילו אמת, אַז דו האָסט פאַרלאָזן די ישיבה, ווייל זי געפעלט דיר נישט, איז עס אַן עזות. ס'איז זיך שטעלן קעגן דער וועלט.

שמעון האָט געענטפערט רויק:

— די וועלט! אין דער זעלביקער וועלט איז דאָ די קבצנטע מערע ירוחמס און דער עושר לייבקע פּאָליאַק. ביי לייבקע פּאָליאַק איז אַ רובל אַ גראָשן. ווען

איך וואָלט געווען זיין זון, אַרטשע, וואָלט איך געבליבן אין לידע ביז סוף זמן. אָבער איך בין מערע ירוחמס זון. ווען מען נעמט דיין פאַרדינטן גראָשן און מען צעשפּאָלט אים, וואָלט מען דאָרטן געפונען גריזאַטע, האַרץ־עסעניש, נישט דער־שלאָפענע נעכט און שווערע האָרעוואַניע. נאָך דיין פּראַצעווען נאָך, איז דיינער אַ גראָשן ווערט לייבקע פּאָליאַקס אַ רובל און דיינער אַ רובל ווי זיינער אַ הונ־דערטער. לידע איז נישט ווערט אַזאַ מקח. איך האָב דאָרטן וויניק געלערנט פאַר דיין געלט.

— איז וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן, ווערן אַ מלמד?

— איך וויל פאָרן קיין ראַדין צום חפץ־חיים. איך האַלט, אַז מען וועט מיר דאַרט געבן תמיכה, אַזוי אַז איך וועל מער נישט זיין קיין עול אויף דיין האַלדז.

— נו, ס'איז גאַנץ שיין פון דיר וואָס דו נעמסט אַראָפּ פון מיר דעם יאָך. אָבער ס'איז מיר נישט גרינגער געוואָרן פון דיין תירוץ. דו ווילסט פאָרן אין דער פרומער ישיבה פון חפץ־חיים. פון דער פרייער ישיבה אין לידע צו דער פרומער ישיבה פון חפץ־חיים. ס'פּאַטופּיעט זיך מיר נישט אין מוח. ביי דיר איז עפּעס אַלץ קאַפּויר. אַלע בחורים פאָרן פון ראַדין קיין לידע און דו — פון לידע קיין ראַדין.

שמעון האָט געענטפערט מיט נישט קיין פאַרשטעלטער רוגזה:

— איך בין שוין אַ דערוואַקסענער בחור און דו נעמסט מיך אויפן צימבל ווי איך וואָלט געווען אַ יינגל פאַר בר־מצווה. נו, פאָרן אַלע בחורים פון ראַדין קיין לידע. איך בין נישט אַלע בחורים. איך שטיי אויף מיינע אייגענע פּיס.

— שאַ, שאַ, — האָט שוין די מאַמע געענטפערט מיט אַ רויקן טאָן. — וואָס האָב איך דיר אַזוינס געזאָגט? עס די געקאָכטע פלוימען. זיי האָבן אַלע טעמים.

שמעון האָט פון יוצא־וועגן פאַרזוכט דעם קאָמפּאָט, אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אַנגעהויבן בענטשן. אָפּגעבענטשט — איז ער אַוועק זיך צולייגן.

דער זומער איז געשטאַנען אין מיטן פון זיין גבורה. דער סאָסנאָווער וואַלד איז געווען פול מיט דאַטשניקעס. דאָס שטעטל האָט געהאַט פרנסה בשפע. פאַר־טאָג האָט שמעון געהערט ווי רחל־לאה רעדט צו דער מאַמען מיט פאַרדרוס:

— האָסט מיך ווידער איינגעשפּאַנט צו קנעטן אַ דייזשע ברויט, נאָך דעם ווי איך האָב פאַרקנאָטן דריי מולטערס בייגל. ס'איז אַן אויסכאַפּעניש אויף אייער־בייגל און דו באַקסט דיר ווי אַלעמאָל אַ דייזשע ברויט, אַ פּוד בולקעס, אַ האַלבן פּוד פּראָסטע בייגל און צען פונט אייער־קיכלעך. אמת, אַלץ ווערט אויספאַרקויפט, אָבער ס'איז דאָך אַ גרינגערער גראָשן אין די אייער־קיכלעך. פאַרוואָס טוסטו אַלץ פאַרקערט ווי די וועלט פירט זיך?

— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט, — האָט די מאַמע געענט־פערט. — אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז מיר פריקרע ווען עמעצער קומט צו מיר און פרעגט: מערע, האָסט אַ לעבל ברויט? און איך דאַרף ענטפערן: „איך באַק נישט קיין ברויט, איך באַק נאָר אייער־קיכלעך". וואָסי? די דאַטשניקעס זענען איידל געפּאַטשקעט און ווילן אויף אָנבייסן נאָר אייער־בייגל. פּע, עס קערט די גאַל, וואָס צוליב אַ גרינגן גראָשן גיט מען זיי נאָך דעם שמד. איך קען עס נישט פאַרליידן. זאָלן אַנדערע בעקער באַקן נאָר אייער־בייגל פאַר די דאַטשני־קעס. איך באַק פאַר אַלעמען.

צום אָנבייסן האָט שמעון אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— מאַמע, וואָס פאַרא טענות האָסטו צו מיר, אַז איך טו נישט נאָך אַלע בחורים, ווען דו אויך טוסט אַלץ קאַפּויר פון וואָס די וועלט טוט. איך בין גע־ראָטן אין דיר. פון באַקן אייער־בייגל קען מען אַריינקריגן אַ גרינגן גראָשן. אָבער דו ווילסט אויסגלייכן די וועלט און באַקסט דווקא ברויט און בולקעס. ביסט דאָך נישט בעסער פון מיר.

זי האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— נו, האָב איך טאַקע אויסגעפירט אַ קומען צום גאַס. האָסט געמעגט זיין קליגער פון מיר. אָבער לכל הפחות האָב איך אַ גוטן תירוץ פאַר מיין משו־געת. אָבער דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט דערקלערט דעם שכל פאַרוואָס פאַרן אַלע בחורים פון די פרומע ישיבות קיין לידע און דו פאַרסט פון לידע קיין ראַדין.

— ס'איז אַ שווערער ענין, מאַמע, עס פעלן מיר די ריכטיקע ווערטער צו דערקלערן דיר דעם ענין, — האָט שמעון געענטפערט.

— אַז עס פעלן דיר ווערטער, איז אַ סימן אַז דו אַליין ווייסט נישט אויף קלאָר פאַרוואָס דו טוסט עס, — האָט די מאַמע געענטפערט מיט זיכערקייט.

שמעון האָט געשוויגן.

— מאַדנע, — האָט שמעון ביי זיך געטראַכט, — פאַרוואָס פעלן מיר ווער־טער פאַר דער מאַמען? איך האָב דאָך דאָס אַזוי קלאָר דערקלערט חיימען.

דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאַרדרוס וואָס שמעון האָט געהאַט יענעם בין הזמנים. די גאַנצע צען וואָכן, ביז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ראַדין, זענען פאַר אים געווען שווערע און פיינלעכע. ער האָט געהאַלטן אַז ער פאַלשע־ווערט. געוואָלט האָט ער זיין פרום, ווי עס פאַסט פאַר אַ בחור, וואָס גרייט זיך צו פאָרן קיין ראַדין און נישט געווען פרום. ווייניק געלערנט, נאָך ווייניקער גע־דאַוונט. געלייענט ספרים חיצונים און אַפילו געשפּאַצירט מיט מיידלעך. ער האָט באמת שוין געפירט אַ ליבע מיט צפורה ברוך־חיימס.

**
*

נאָך די זעלביקע וואָך, וואָס שמעון איז געקומען פון לידע, האָט ער אַוועק־געשיקט אַ בריוו קיין ראַדין צום חפץ־חיים. דאָס אָנשרייבן פון דעם בריוו איז ביי שמעונען אויך געווען פאַרבונדן מיט אַ טיפן פאַרדרוס. ס׳האָט געשטעקט אין דעם אַ היפשע מאָס פון אָפּנאַרעריי, וואָס איז אים געווען דערווידער.

שמעון האָט געטראַכט ביי זיך: ווען איך זאָל שיקן אַ בריוו צום חפץ־חיים און זיך אָנפרעגן צי ער וועט מיך אַריינעמען אין דער ישיבה, וועל איך נישט קענען אויסרעכענען מיינע מעלות — ס׳וועט דאָך זיין גאווה. איך וועל אויך נישט קענען זיך נאָכפרעגן וועגן דער ריכטיקער תמיכה. דערציילן, אַז מיין טאַטע איז אַן אָרעמאַן און איז אַ בעל־מלאכה? עס וואָלט געווען אין דעם אַן „אָבק לשון הרע״ — אַ שטויב אַן אַנדייט אויף לשון הרע. האָט ער, שמעון, אָנגעשריבן דעם בריוו און געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים איבערשרייבן. דער טאַטע האָט עס געטאָן און ביי שמעונען איז דאָס געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער אָפּנאַרעריי, איבערהויפּט, וואָס שמעון האָט אָנגעשריבן דעם בריוו אויף יידיש און געמאַכט גלייבן דעם חפץ־חיים, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש, ווייל דאָס שרייבט אַ בעל־מלאכה, וואָס קען נישט קיין לשון קודש. דאָס אָנשרייבן פונעם בריוו איז געווען אַזאַ שווערע איבערלעבונג, אַז שמעון האָט יאָרן־לאַנג אים געדענקט אויף אויסנווייניק און עד היום געדענקט ער דעם אינהאַלט, וואָס ער גיט דאָ איבער אין אַ היינטיקן יידיש.

„לכבוד הרב הגאון ר׳ ישראל מאיר הכהן המכונה חפץ חיים נ״י,

איך אַ ייד אַ בעל־מלאכה, אַ שוסטער שרייב אייך דעם בריוו אויף עברי־טייטש. דער השם יתברך האָט מיך געבענטשט מיט אַכט קינדער. מיין זון שמעון גלוסט צו לערנען און האָט אַ גוטן קאָפּ. מען האַלט אים פאַר אַן עילוי. איך בין נישט קיין מבין אויף זיין למדנות, ווייל איך קען נאָר אָפּדראַפּען אַ פּרק משניות מיט דער הילף פון עברי־טייטש. ער האָט געלערנט אין קרעמענטשוג צוויי יאָר און אַ קאַרגן זמן אין לידע. ער האָט פאַרלאָזן לידע אין מיטן זמן און וויל פאָרן אין אייער ישיבה לערנען. איך האָב זיך דערפרייט וואָס ער מאַכט אַזאַ בייט. אָבער מיר איז אים שווער אויסצוהאַלטן ער איז שוין אַ בחור פון זעכצן יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. קען ער נישט פאָרן סיידן ער וועט קריגן גענוג תמיכה. אויף פאָר־הוצאות וועל איך אים געבן.״

שמעון האָט אויך אַריינגעלייגט אין קאָנווערט אַ פּאָסט־קאַרטל מיט אַ צו־ריק אָנגעשריבענעם אַדרעס.

ס׳האָט געאַרבעט. אַ תשובה איז אָנגעקומען אין איינע צען טעג. אויף דעם קאַרטל זענען געווען אָנגעשריבן געציילטע ווערטער און אויך אויף יידיש מיט רש״י כתב:

„לכבוד ר׳ ירוחם בן ציון נ״י,
זאָל אייער זון אַרויספאָרן תיכף נאָך סוכות. ער וועט קריגן תמיכה כדרך הבחורים פון זיין עלטער.״
אונטערגעשריבן
צבי הירש לעווינזאָן.

ווען שמעון איז אָנגעקומען קיין ראַדין, האָט ער אויסגעפונען אַז ר׳ הירש איז דעם חפץ־חיימס אַן איידעם און איז איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער ישיבה.

די תשובה, אַז מען האָט אים אָנגענומען אין דער ראַדינער ישיבה, האָט אים געמאַכט מער אומרויק. אַ ראַדינער ישיבה־בחור דאַרף פרום דאַוונען און נישט בטלענען קיין צייט, און ער?

ער לייגט נאָך אַלע טאָג תפילין, אַמאָל דאַוונט זיך מיט האַרץ און נשמה, מיט התלהבות און ברען, ווי מען דאַוונט צו גאָט. אָבער אָפט טוט ער אָן די תפילין און עס דאַוונט זיך נישט. און מנחה און מעריב פאַרפעלט ער אָפט און קיין צוויי מאָל שמונה עשרה זאָגט ער נישט.

און לערנען? די בתי־מדרשים זענען פּוסט. קיינער בלייבט נישט נאָכן לעצטן מנין, וואָס דאַוונט אָפּ אַרום עלף אַזייגער. שמעון בלאָנקעט אַרום איבערן ליידיקן בית־מדרש, וואַרפט איבער אַ סך ספרים און דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק לערנען. ער מאַכט אָפּ ביי זיך: איך ריר זיך נישט פון אָרט ביז איך גיי איבער צוויי בלאַט גמרא מיט תוספות. ער לערנט די מסיכתא יומא. ער צעשאָקלט זיך און צעזינגט זיך. ניין, ער קען זיך אַליין נישט פאַרטומלען. צו יוצא־זיין פאַרן נדר — זאָגט ער אָפּ מיט די אויגן די צוויי בלאַט גמרא און פאַרקוקט זיך פאַר־טראַכטערהייט.

זיין אויג פאַלט אויף דעם געמעלעכץ פון דער סטעליע און אויף דעם אוי־בערשטן קאַרניז פון ארון־קודש ווו עס איז אָפּגעדרוקט דער פסוק: זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו (דאָס איז דער טויער פון גאָט, וואָס די צדיקים גייען אין אים אַריין). אויפן עמוד איז אויסגעמאָלט דער פסוק: שויתי ה׳ לנגדי — איך שטעל אַוועק גאָט קעגן מיר שטענדיק.

ער האָט אַ זיפץ געטאָן. ער געדענקט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און נישט געקענט דעם אלף־בית, האָט ער ליב געהאַט צו שטיין אויף דער באַנק פון דעם טאַטנס שטאָט און אַרויפקוקן ווי די עדה יידן אָנגעטאָן אין טליתים שאָקלט זיך און דאַוונט. איבערהויפּט האָט אים פאַרכאַפּט דער שבתדיקער חזרת הש״ץ, ווען דער חזן זינגט די הויכע שמונה עשרה. אין מיטן אויסלאָזן די ברכה טוט אַ ברום די גאַנצע שול: „ברוך הוא וברוך שמו״, ווען דער חזן לאָזט אויס

די ברכה, טוט די עדה אַלע מיט איין מאָל אַ זאָג „אָמן". די װערטער זענען לע־בעדיקע, שװעבן אין חלל פון אונטער דער סטעליע פון בית־המדרש װי פײגעלעך, װאָס פליִען אונטערן הימל. ער זעט ממש מיט די אײגענע אױגן װי פון אַלע ברוך הוא וברוך שמוס און אָמנס װערט איין לאַנגע שערענגע פון װערטער, װאָס טראָגט זיך אַרױף און שפּאַרט זיך צום הימל, דורך דעם טירל פון ארון־קודש.

דער ארון־קודש, דאָס איז דער טױער צום הימל. דעם אלף־בית קען טאַטע שמעון נישט, אָבער דעם פּסוק „זה השער לה' צדיקים יבואו בו" קען ער איבער־לייענען און װייסט זיין טייטש. װער האָט עס אים אױסגעלערנט איבערלייענען? און װער האָט אים פאַרטײטשט די װערטער? קײנער נישט. מען האָט עס אים נישט געדאַרפט אױסלערנען און מען האָט עס פאַר אים נישט געדאַרפט פאַר־טײטשן. ער האָט געקענט איבערלייענען דעם פּסוק און געװוּסט זיין טייטש אַט װי ער האָט געװוּסט, אַז שבת טאָר מען נישט פאַרלעשן קיין ליכט, װי ער האָט געקענט מאַכן אַ ברכה אױף ציצית, װי ער האָט געקענט זאָגן „מודה אני" און געװוּסט װעלכע ברכה מען דאַרף מאַכן אױף פאַרשײדענע מאכלים און גע־טראַנקען.

אַלע װײסן, אַז דער ארון־קודש איז הייליק, װייל אין אים שטייען ספר תורות. און אַ ספר תורה איז אַזוי הייליק, װען חלילה וחס זי פאַלט אַראָפּ אױף דער ערד, דאַרף מען פאַסטן פערציק טעג. װען מען טראָגט זי פאַרביי, דאַרף מען זי אַ קוש טאָן. נישט די הוילע ספר תורה, זי איז צו הייליק, נאָר דאָס מענטעלע פון דער תורה. װוּ ספר תורות שטייען, דאָרטן רוט די שכינה. דערפאַר טאַקע שטייט נישט דער ארון קודש אַ נאַקעטער. ער איז פאַרהאָנגען מיט אַ סאַמעטע־נעם פּרוכת. יום־טוב פאַרהענגט מען דעם ארון קודש מיט אַ זײדענעם פּרוכת, װאָס אױף אים זענען אױסגעהאַפטן מיט גילדענע פעדים די לוחות מיט די עשרת הדברות. (שמעון טראַכט איצט, װאָס פאַר אַ למדן אַ ייִדיש קינד פון זעקס יאָר איז דעמאָלט געװען אין שטעטל).

און דערפאַר, װייסט דער קלײנער שמעון, שטייט איבערן קודש: „זה השער לה', צדיקים יבואו בו". ער זעט קלאָר װי דער גאַנצער דאַװנען פון עולם מיט די „ברוך הוא וברוך שמוס", מיט די „אָמנס", מיט די „ברכוס", מיט די „קדושהס" שטראָמען צום ארון קודש, צום טױער פון הימל און פון דאָרטן צום הימל גלייך צום כסא הכבוד (דער אַלטער שמעון טוט איצט אַ זיפץ: זיינע קינדער, װאָס האָבן געלערנט אין אַ ייִדישער פאָלקס־שול און מיטלשול װייסן דאָך נישט װאָס די „ברוך הוא וברוך שמו" איז און אַװדאי נישט װאָס איז אַזוינס „ברכו", „קדושה" און „כסא הכבוד". באַגריפן װאָס ער האָט געװוּסט, װען ער איז אַלט געװען זעקס יאָר. איז ער אַליין שולדיק אין דעם? אָדער דער גאַנצער דור האָט גע־זינדיקט?).

און דער יונגער שמעון, דער זעכצניעריקער יינגל, קוקט אויפן ארון קודש און אויף דעם ליידיקן בית־מדרש און טוט אַ זיפץ: דער ארון קודש איז דער טויער צום הימל כל־זמן מען גלויבט, אַז דער כביכול זיצט אויבן און גיט אַכטונג אויף יעדער בריאה — באַשעפעניש — און איבערהויפּט איז זיין השגחה אויף די מעשים פון יעדן יידן. קיין מענטש קען נישט אַ קלאַפּ טאָן מיט קיין פינגער דאָ אונטן, סיידן עס איז אויסגערופן געוואָרן אויבן.

אָבער אַז מען איז אַ שוואַכער מאמין? פיקט אין קאָפּ אַ רעיון: אפשר איז צלאל פּערפּעטום מאָבילע גערעכט? אין אַ סך ביכער זאָגט מען, אַז ס'איז נישטאָ קיין תכלית און קיין זין אין דער בריאה — אין דעם וועלט־באַשאַף. אַלע וועלטן און גלגלים, הימלשע פּלאַנעטן, זענען אויפגעקומען על־פּי צופאַל. ס'איז גאָר נישטאָ קיין בורא. און אויב על פּי שכל מוז זיין אַ בורא, איז אָבער אַ גרויסע פראַגע, צי עס איז דאָ אַ השגחה פּרטית. ווען מען איז אַזאַ שוואַכער מאמין, איז דער ארון קודש נישט דער טויער צום הימל.

ער איז צעטומלט פון די ספקות און קען נישט געפינען קיין באַשייד אָבער ער איז זיכער אַז ער וועט עס קריגן אין ראַדין ביים חפץ־חיים. אָבער דערווייל — די שול איז אויסגעליידיקט און פּוסט און דער וואַלד איז פול מיט יוגנט און הייסע דיסקוסיעס.

ער קען מער נישט איינזיצן אין דעם פאַרדושעטן, פאַרשטיקטן פון היץ, בית־מדרש. ער הייבט זיך אויף, פאַרמאַכט מיט אַ זיפץ די גמרא און גייט אַרויס פון שול און פאַרנעמט זיך צום וואַלד־צו. ס'איז ליכטיק און קיל אין דרויסן אין פאַרגלייך מיטן אינעווייניק פון בית־מדרש. די גרינקייט פון וואַלד לאָקט אים. ער פילט אַ דערהויבנקייט פון געמיט: אָט וועט ער זיין צווישן חברים, מען וועט דיסקוטירן און זינגען. דער אומעט פאַרלאָזט אים און אַ מאָדנע אויפגעהייטערטקייט פילט אים אָן. אָבער אין דער צופרידנקייט איז דאָ אַ שוואַרץ פּינטעלע פון פאַרדרוס. ער טאַדלט זיך: ביסט געוואָרן אויס מאמין און דו האָסט זיך אַריינגעטאָן אין די גלוסטענישן פון לייב. אַן אמתער מאמין וואָלט דאָך גרינג גובר געווען אַזעלכע קלייניקייטן ווי די פאַרשטיקעניש, די אומעטיקייט און די פּוסטקייט פון בית־מדרש.

די צען וואָכן פון מיטן אָב ביז סוף תשרי איז געווען אַ ביטערע צייט פאַר שמעונען. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין בוזעם־קעשענע דעם בריוו פון ראַדין. ער האָט אים געטראָגן אויף זיך ווי איינער טראָגט אַ קמיע. פאַר אים איז דער בריוו אַ שטענדיקע דערמאָנונג, אַז באַלד נאָך די יום־טובים, אסרו חג, פאָרט ער אָפּ קיין ראַדין צום חפץ־חיים. ער דאַרף געדענקען און וויסן אַז אַ ראַדינער ישיבהניק איז מחויב זיך אויפצופירן גוט און פרום און דאַרף האָבן גענוג גבורה אָפּצושיידן זיך פון זינד. אָבער דער בריוו באַהיט אים און באַשיצט אים זייער

זוייניק. נישט ער לערנט און נישט ער דאַוונט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער שפּאַצירט אַרום מיט מיידלעך און זינט ראש חודש אלול איז ער פאַרליבט אין צפּורה ברוך־חיימס. ער גלוסט צו איר און שרייבט שוין ליבעס־לידער, און דער בריוו אין בוזעם־קעשענע ברענט און מאַנט און לאָזט אים נישט פאַרגעסן, אַז ער, שמעון, טוט נישט דאָס וואָס עס איז רעכט. ער זינדיקט.

דער בריוו אין בוזעם־קעשענע פירט אויס אויך אַן אַנדער שליחות. אַ טאָפּלטע שליחות. ער לאָזט אים נישט פאַרגעסן, אַז ער זינדיקט, אָבער אין דער זעלביקער צייט לייגט אָפּ שמעון זיין חרטה און תשובה צוליבן בריוו. ער האָט פאַר זיך אַ תירוץ: איצט איז דיין אמונה שוואַך, אָבער ווען דו וועסט קומען קיין ראַדין, וועלן דיינע אויגן געעפנט ווערן. דיין אמונה וועט ווערן פעסט, אַזוי פעסט, אַז דו וועסט קענען גובר זיין אַ סך, אַ סך גרעסערע נסיונות.

ער חברט זיך מיט זיינע אַלטע חברים: ישראל־מוישקע, ביינוש, מאיר און אברהם־משה — אַלע געוועזענע תלמידים פון רבי געצלען. זיי זענען אַלע פייערדיקע ציוניסטן און העברעיִסטן. אָבער זיי קענען אויך גוט רוסיש. אין דער זעלביקער חברה זענען דאָ פיר מיידלעך. די שענסטע און גראַטנסטע פון זיי איז צפּורה ברוך־חיימס. זי רעדט העברעיִש ווי אַ וואַסער און קען רוסיש בעסער ווי די בחורים. חוץ צפּורהן איז דאָ ראָזע, ראַניע און סאָניע. צוויי זענען אייניקלעך פון רפאל דעם מעל־קרעמער און די דריטע איז אַ טאָכטער פון רייכסטן מאַנופאַקטור־קרעמער. צווישן זיך ריידן זיי רוסיש, אָבער זיי קענען גוט ייִדיש און פאַרשטייען העברעיִש. די פיר מיידלעך זענען אויך פאַרברענטע ציוניסטקעס און זיי קלייבן זיך צו פאָרן קיין וואַרשע אויף די פרעבל־קורסן. זיי ווילן ווערן ייִדישע לערערינס.

די דאָזיקע חברותא געפינט זיך שטענדיק לעבן יוסף־חיים דאַראָזשקין. די בחורים פירן אים אין וואַלד אויף אַ ספּעציעל געבויטן וועגעלע און די מיידלעך פּאָרען זיך אַרום יוסף־חיימען און גיבן גוט אַכטונג אויף אים. לעבן דאַראָזשקינס וועגעלע איז דאָ שטענדיק אַ רעדל מענטשן. ביי די דאַטשניקעס האָט דאַראָזשקין נאָך אַ גרעסערן נאָמען ווי ביי די שטעטלדיקע. יוסף־חיים פירט וויכוחים וועגן העברעיִש און ייִדיש, וועגן ליטעראַטור — ווער איז גרעסער ביאַליק צי טשערניכאָווסקי? וועלכע ביכער פון מענדעלע מוכר־ספרים זענען בעסער, די וואָס זענען געשריבן אויף ייִדיש צי אויף העברעיִש? מען רעדט אויך וועגן לערמאָנטאָוו, פּושקינען, טאָלסטאָיען און אַנדרעיעוון. אין מיטן דערינען וואַרפט איינער אַריין אַ וואָרט וועגן חסידות, וועגן קבלה. עס ווערט אַ קאָכעניש — די עלטערע משכילים, וואָס דאָס רוב פון זיי גייט נאָך אין בערד און טראָגן אַ זכר פון פּיאות, לאַכן אָפּ פון חסידות און קבלה. די ייִנגערע דווקא האַלטן פון חסידות און קבלה. אַזוי אויך ווען עס קומט צו רייד וועגן אַנדערע ייִדישע ענינים.

די עלטערע משכּילים שטעלן אַרויס אַלע אַבערגלויבנס פֿון דער ייִדישער אמונה, און די ייִנגערע — די וואָס גייען אין געגאָלטע בערד, פּנימער גלאַט ווי בײַ פּוילישע קסיאָנדזן, אָנגעטאָן אין רובאַשקעס, גייען אָן היטלען און רויכערן שבת. האַלטן דווקא פֿון ייִדישקייט און געפֿינען אַ זין אין די אָפּגעשטאָנענסטע מנהגים.

שמעון פֿילט זיך נישט באַקוועם צווישן די מענטשן פֿון דער חברותא. ער האַלט אַז ער איז נישט דערוואַקסן צו זיי. יעדערער פֿון זיי קען רוסיש, איז באַקאַנט מיט אַלע טעאָריעס פֿון סאָציאַליזם און ציוניזם. זיי וואַרפֿן זיך מיט ציטאַטן פֿון רוסישע און דײַטשע שרײַבערס און פֿילאָסאָפֿן. און ער? ער קען אַביסל לערנען, אַ קאַפּיטל תנ״ך, אַ בלעטל גמרא, אָבער רוסיש ווייניקער פֿון ווייניק. קוים מיט צרות קען ער אָפּדראַפּען אַ ראָמאַן. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם „מורה נבוכים״ און „ספר המדע״ פֿון רמב״ם, אין „כּוזרי״ פֿון ר׳ יהודה הלוי, אין „ספר העיקרים״ פֿון יוסף אלבו. אָבער ער איז ווייניק בקי אין די ספֿרים. נאָר אין דעם „חובות הלבבות״ איז ער אַ שטיקל בקי, איבערהויפּט אין שער היחוד — דעם ערשטן פּרק. אין פֿאַרגלײַך מיט די חברים איז ער אַ חדר־ייִנגל.

שמעון וויל נישט בטלענען קיין צײַט. אויב נישט לערנען איז לייענען. טראָגט ער זיך אַרום שטענדיק מיט ביכער און ספֿרים און לייענט אַפֿילו אין וואַלד. ער רײַסט זיך אָפּ פֿון דער חברה, פֿאַרקריכט ערגעץ אונטער אַ בוים און לייענט.

אים איז געבליבן אין זכּרון אַ מאָדנע געשעעניש. אין שטעטל איז אָנגעקומען אויפֿן זומער אַ גאָר געהויבענער גאַסט: ישׂראל־לייבוש ראַגאָלניק. ישׂראל־לייבוש ראַגאָלניק איז געווען ר׳ חיים דעם מלמדס אַ זון. ר׳ חיים איז געווען אַ שטיל און „פֿלאַך״ מענטשעלע, אַ גרויסער שווייגער. אַפֿילו מיט זײַנע תּלמידים האָט ער נישט אַרויסגערעדט קיין איבעריק וואָרט. אָבער מאָדנע איז געווען, וואָס דער דאָזיקער שווייגער האָט געקענט האַלטן אין דער מורא די גרעסטע שטיפֿערס. אין שטעטל האָט מען אים גערופֿן „דער שטומער״. דערפֿאַר אָבער איז זײַן ווײַב כּיענע גאַרנישט געווען קיין שווײַגערין. זי איז געווען די שטאָט־גבאיטע וואָס האָט באַזאָרגט די שטעטלשע אָרעמעלײַט, אלמנות און יתומים. זי האָט קיינמאָל נישט גערוט. מען האָט זיך געוויצלט, אַז אַפֿילו אין שלאָף פֿירט זי חשבונות וויפֿל חלה זי דאַרף פֿאַר אירע אָרעמעלײַט אויף שבת. זי האָט געהאַט דרײַ זין און איין טאָכטער.

איין זון, דער מיטלסטער, האָט חתונה געהאַט מיט אַ בילד־שיין מיידל פֿון אַן אַנדער שטעטל. ער האָט מיט איר אָפּגעלעבט צען יאָר, געהאַט מיט איר פֿיר קינדער, דרײַ ייִנגלעך און איין מיידל. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז ער אַוועק אין שול און האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט אַהיים. ער איז געוואָרן אַ פּרוש. ער איז געזעסן אין שול אַ גאַנצן טאָג אין טלית און תּפֿילין, געדאַוונט און גע־

זאָגט תהילים. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען, אָבער ער איז געזעסן טאָג און נאַכט און זיך געשאָקלט איבער דער גמרא. צי ער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער לערנט, האָט קיינער נישט געוווּסט. ער האָט מיט קיינעם נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט. די ווייבער האָבן אים געהאַלטן פאַר למד־וואָווניק, וואָס אויב ער וויל קען ער באַווייזן מופתים, אָבער ער וויל נישט. די לומדים האָבן געשמייכלט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צום שלייף — אַ שטיקל שוטה, אַן עם־הארץ און אַ היפּש ביסל צעדרייט.

דער מוזיקאַנט איז אַוועק פון דער היים יונג און האָט אויסגעשטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט עפּעס אַ חכמה, וואָס די שטעטלדיקע האָבן נישט גע־קענט באַנעמען — אַנטראָפּאָלאָגיע.

דער עלטערער זון ישראל־לייבוש איז געווען אַ באַרימטער העברעיִשער לערער, איינער פון די פּעדאַגאָגן, וואָס האָט געשאַפן דעם חדר מתוקן, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „קול המורה", און דער גרינדער פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע „הסתדרות המורים העברים".

ווען ער איז יענעם זומער געקומען אויף דאַטשע, האָט דאָס שטעטל מיט אים געקאָכט און די ציוניסטישע העברעיִשע יוגנט האָט זיך מיט אים אַרומגע־פירט. ער איז שטענדיק געווען לעבן יוסף־חיים דראָזשקין.

ס'איז געווען אַ זוניקער דאָנערשטיק. שמעון איז אַוועק אין וואַלד. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער מיט זיך מיטגענומען עטלעכע ספרים און ביכער. אין יענעם דאָנערשטיק האָט ער געטראָגן מיט זיך: שמעון פרוגס לידער איבער־געזעצט אויף העברעיִש, אַ רוסיש ביכל — לערמאָנטאָוווס נאָוועלע „דער העלד פון אונדזער צייט", אַ באַנד מענדעלע אויף יידיש, אַ משניות־סדר „זרעים" און דעם „קב הישר".

אַרום יוסף־חיים דראָזשקין איז געשטאַנען אַ היפּש רעדל מענטשן און ישראל ראַגאָלניק האָט געהאַלטן אַ „הצפירה" און גערעדט צו יוסף־חיימען, פאַרשטייט זיך אויף העברעיִש.

— נעמט זיך נישט צום האַרצן, ר' יוסף־חיים, וואָס ד"ר שמעון בערנפעלד האָט שאַרף קריטיקירט אייערע מאמרים וועגן חינוך. מאַכט נישט קיין צימעס, וואָס ער האָט אויף אייך געזאָגט, אַז איר זייט איינער פון די חכמי ליזיאַנקע. קריטיקערס זענען אַ וועלט־פּלאָג. דאָס איז די צווייטע מכה פון די צען מכות — די מכה צפרדע — אַן אָנשיקעניש פון קוואַקענדיקע זשאַבעס. אַן אמתער שרייבער דאַרף זיך אויסלערנען אַראָפּשלינגען אַ זשאַבע און נישט ברעכן. אַנישט וועט ער קריגן אַ האַרץ־פעלער.

— ווער נעמט זיך צום האַרצן? — האָט יוסף־חיים געענטפערט. — אין סך־הכל איז ער אַ דייטשער יהודי. וואָס ווייסט אַ „נעמעץ", אַ יעקע, די צרות.

וואָס מיר האָבן דאָ מיט יידישן חינוך? די „הצפירה" וואָלט קיינמאָל נישט געדרוקט זיין ענטפער ווען ער טראָגט נישט דעם טיטול דאָקטאָר. אָבער פאַר אַ דאָקטאָר, אַפילו נישט קיין מומחה, האָט מען מורא און מען האָט פאַר אים דרך־ארץ. מען מוז אַראָפּשלינגען זיינע ביטערסטע קאָפּסולקעס.

שמעון איז געשטאַנען אין רעדל און זיך צוגעהערט צום פּליסיקן העברעיִש, וואָס ראַגאָלניק און יוסף־חיים האָבן גערעדט. באַלד איז אים מיאוס געוואָרן דער הייסער שמועס. נישט ער האָט געוווּסט ווער עס איז שמעון בערנפעלד און נישט ער האָט געלייענט דאָראָזשקינס מאמרים. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון רעדל און איז אַוועק צו די בעריאָזקעס־צוי. ער האָט אויסגעזוכט אַ שאָטנדיקן בוים, זיך אַוועקגעזעצט, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן דעם דיקן שטאָם. די ביכער און ספרים האָט ער אַוועקגעלייגט לעבן זיך אויפן דיקן מאָך און געעפנט לערמאָנטאָווס ביכל.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין לייענען און נישט באַמערקט ווי ישראל ראַגאָלניק איז אָנגעקומען. ערשט ווען ראַגאָלניק האָט אַ זאָג געטאָן: — מעג איך זיך צוזעצן לעבן אייך? — האָט שמעון אַרויסגענומען די אויגן פונעם בוך.

ראַגאָלניק האָט זיך געזעצט לעבן שמעונען און מיט אַ גרינעם טיכעלע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זייטיקער קעשענע, זיך אַרומגעווישט דאָס פּנים און געזאָגט מיט פאַרדראָס:

— ס'אַראַ חמימה! און דאָרטן, לעבן יוסף־חיימען, איז די היץ אוודאי גרעסער מיט צען גראַד. מען מאָלט און מען מאָלט מיט די מיילער אַזש אַ פאַרע גייט. מען רעדט נאָך אַלץ וועגן ד״ר בערנפעלדן, ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן אויסן וועג.

שמעון האָט געענטפערט איבערראַשט:

— איר האָט דאָך אָנגעהויבן און איר האָט געטאַדלט בערנפעלדן.

ראַגאָלניק האָט געענטפערט טרויעריק:

— טאַקע געווען אַ נאַרישקייט. געוואָלט אַביסל ריידן און הערן ליטעראַרישע רכילות. איך האָב אָבער פאַרגעסן, אַז איך בין אין קאַלינקאָוויטש, נישט אין קיִעוו.

ראַגאָלניק האָט ריידנדיק איבערגעוואָרפן די ביכער און ספרים, וואָס שמעון האָט מיט זיך מיטגענומען. ער האָט אויך פאַמעלעך שטום אַרויסגענומען דאָס רוסישע ביכל פון שמעונס האַנט. ער האָט באַטראַכט דאָס זעכצן־יאָריקע ייִנגל און געזאָגט ערנסט האַרציק:

— נחמתני שמעון בר' ירוחם. נתת בלבי תקוה — ער איז אַריבער אויף יידיש: — באמת, איך קען זאָגן ערלעך, אַז נישט נאָר האָט איר מיך געטרייסט

און מיך אַנגעפּילט מיט האָפענונג, נאָר איך מעג אויסרופן: לא אלמן ישראל. איר און אַזעלכע ווי איר, וועלן אונדז ווייזן דעם וועג.

שמעון האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס האָב איך אַזוינס אויפגעטאָן, אַז איך האָב אייך געטרייסט?

— איך האָב אַ קוק געטאָן וואָסערע ביכער און ספרים איר טראָגט מיט זיך, — האָט ראַגאַלניק געענטפערט, — און איך האָב תיכף געקראָגן בטחון, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען צו אַ סינטעז צווישן ייִדישקייט און דער וועלט־קול־טור. דער יונגער דור וועט ווייזן דעם נס. און ווער ווייסט? — האָט ראַגאַלניק אויסגערופן מיט התלהבות — אפשר וועט איר זיין איינער פון די אויפטוער!

שמעון האָט געענטפערט כמעט שטאַמלענדיק:

— איר מוזט מיר מוחל זיין, אָבער אָסור מיר צי איך באַנעם וואָס איר זאָגט. וואָס איז פאַרט מיין אויפטו מיט ברענגען די ביכלעך און ספרים מיט זיך?

ראַגאַלניק האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטאַם פון בוים. שמעון האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און געקוקט אים אין די אויגן. ראַגאַלניק האָט געענטפערט פעסט:

— איר טוט עס אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן, אַז איר ווייסט נישט אייער אויפטו. אָבער, איר פאַר זיך, האָט שוין געמאַכט דעם סינטעז פון דער טעזע און דער אַנטיטעזע.

שמעון האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— תרגום־לשון פאַרשטיי איך, אָבער דאָס וואָס איר רעדט צו מיר איז ווי דאָס געשריבענע אין אַ פאַרמאַכטן בריוו.

ישראל ראַגאַלניק האָט אים דערקלערט געדולדיק:

— הערט! טעזע מיינט הנחה, אַנטיטעזע מיינט דער היפוך פון דער הנחה. סינטעז מיינט דאָס צונויפגוס פון ביידע זאַכן. איינס וואָס איז כולל ביידע זאַכן: די הנחה און דעם היפוך.

— כדומה למשל? — האָט געפרעגט שמעון.

— מבשרי אחזה — פון זיך אַליין, פון מיינע חברים און פון מיין גאַנצן דור וועל איך אייך ברענגען אַן אייזערנע ראיה, — האָט געזאָגט ראַגאַלניק. — ווען מיר זענען געווען אַפּיקורסים, האָבן מיר אָפּגעלאַכט און געוויצלט פון ייִדישקייט. אַפילו נאָך איצט, וואָס איך בין שוין ווייט פון זיין אַן אַפּיקורס, איז מיר פריקרע צו נעמען אַ „קב הישר" אין האַנט. פריער איז ביי פרומע ייִדן געווען אַ טעזע, אַ הנחה, אַז אַלץ וואָס איז ייִדיש איז ווערטפול און אַלץ וואָס איז נישט־ייִדיש איז ווערטלאָז. דער תנ"ך, דער תלמוד און דער שולחן ערוך, האָבן די פרומע באַטאָנט, ווייזן דעם ריכטיקן וועג ווי אַזוי צו לעבן. וועלכער ס'איז אָפּ־

נויג פון דעם דאָזיקן וועג פירט אַראָפּ פון דעם דרך הישר. אַלע חכמות חיצו־ניות, ס׳מיינט אַלע וויסנשאַפטן און די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור, זענען כקליפּת השום — ווי די שאָלעכץ פון אַ קנאָבל אַנטקעגן איין בלאַט גמרא. זענען געקו־מען מיר, די אַפּיקורסים, און געזאָגט דעם היפּוך: די וויסנשאַפט איז ווערטפול און יידישקייט: דער תנ״ך, תלמוד, דער מדרש, דער שולחן ערוך זענען נישט מער ווי אַבערגלויבנס, נאַרישקייטן, וואָס די מענטשהייט אין אירע קינדער־יאָרן האָט זיך געשפּילט מיט דעם. ווען מיר האָבן פאַרלאָזן די ישיבה, האָבן מיר נישט גענומען קיין יידישן ספר אין האַנט, ווייל אַ ספר איז געווען ביי אונדז אַבערגלויבן און אַ בוך — אויפקלערונג. קומט איר און טראָגט מיט זיך אַ בוך פון דער העברעאישער ליטעראַטור, פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ רוסיש ביכל און צוויי רעליגיעזע ספרים: אַ משניות און אַ „קב הישר״ — ביי אייך איז נישטאָ קיין סתירה צווישן יידישקייט און וועלט־קולטור — דאָס איז סינטעז. און איצט פאַרשטייט איר דאָך דעם געדאַנק פון טעזע, אַנטיטעזע און סינטעז. אַנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַ דייטשער פילאָסאָף מיט נאָמען געאָרג ווילהעלם פרידריך העגעל.

שמעון האָט געענטפערט:

— איך פאַרשטיי איצט די פיר אינאָסטראַנע (פרעמדע) ווערטער. אָבער די גמרא זאָגט: הנחשד בדבר שאין בו צריך להודיעו (אויב מען באַשולדיקט איינעם אין עפּעס, וואָס ער האָט נישט געטאָן, דאַרף דער, וואָס מען איז אים חושד, לאָזן וויסן, אַז ער האָט עס נישט געטאָן). איך האָב נישט געדאַכט וועגן אַ סינטעז. פּשוט, איך פיל נאָך אַלץ אַז ווען איך לערן נישט איין טאָג קיין פּרק משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ זייטל פון אַ מוסר־ספר — בטל איך צייט. דאָס וואָס איר זאָגט: „מאַכן אַ סינטעז״ — איר באַשולדיקט מיך אין עפּעס, וואָס איך האָב אַפילו נישט געדאַכט וועגן דעם, אין דער אמתן, איך האָב נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ וואָרט.

ראָגאָלניק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געענטפערט:

—ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס איר האָט נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ וואָרט ווי סינטעז און איר האָט נישט געטראַכט וועגן דעם. איר פירט עס דורך אין ממשות. למה הדבר דומה — צו וואָס קען מען עס פאַרגלייכן צו „הרכבה״. איר האָט דאָך ביי זיך דעם סדר זרעים, ווייסט איר דאָך וואָס הרכבה איז — מען פלאַנצט אַריין אין מין פּרוכט־בוים אין אַ צווייטן מין פּרוכט־בוים און עס קומט אַרויס אַ נייער בוים מיט גאָר אַן אַנדער פּרוכט, וואָס עס וואַקסט נישט אויף ביידעביימער. דער נייער בוים ווייס טאַקע נישט, אַז ער האָט געשאַפן אַ געמיש — אַ סינטעז פון ביידע פּרוכטן. אָבער דער סינטעז איז דאָ.

שמעון האָט געשוויגן. ער האָט געהאַט אַ סך וואָס אָפּצופרעגן. אים האָט

זיך אַלץ געדוכט, אַז ראָגאָלניק האָט אים אָנגעטאָן אַ לונג־און־לעבער אויפן נאָז. עס איז אים געלעגן אויף דער צונג צו פרעגן ראָגאָלניקן, וואָס קען אַפילו דייטשע פילאָסאָפן: צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אויבן יאָ, צי עס איז דאָ השגחה פרטית? ווען ער געפינט אויס איצט דעם אמת, וואָלט עס אים אפשר פאַרשפּאָרט צו פאָרן קיין ראַדין. אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו פאַרפירן אַזאַ שמועס מיט אַזאַ וויכטיקן און עלטערן מענטשן. ראָגאָלניק האָט געמוזט דעמאָלט זיין אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק.

***

דאָס לעבן איבעראַשט אָפט אַזוי ווי אַ מעשה־ביכל. אַכט און דרייסיק יאָר שפּעטער איז ראָגאָלניק אָנגעפאַלן אויף שמעונען אין אַ העברעיִשן זשורנאַל אין אַרגענטינע, אַז שמעון וויל צונויפפּאָרן יִדישקייט מיט וועלטלעכקייט און עס איז אַפּיקורסישקייט. ראָגאָלניק האָט נישט געוווּסט, אַז שמעון דער שרייבער איז דאָס יִינגל פון קאַלינקאָוויטש, וואָס ראָגאָלניק האָט מיט יאָרן צוריק באַגעגנט אין וואַלד. שמעון האָט אים געשריבן אַ לאַנגן בריוו און עס אים דערמאָנט. ראָגאָלניק האָט אים געענטפערט מיט אַ לאַנגן בריוו און פאַראַפראַזירט אַ באַוווּסטן מאמר: „נבאתי ולא ידעתי מה נבאתי — איך האָב נביאות געזאָגט און נישט געוווּסט וואָס איך האָב נביאות געזאָגט”. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ לאַנג־יאָריקער איבערשרייבן זיך צווישן די שרייבערס.

***

דאָס ערגסטע באַטריבעניש, וואָס שמעון האָט געהאַט דעמאָלט, איז דאָס געפיל, אַז ער פּטרט צייט. ער בטלט אַוועק טעג און וואָכן אין שפּאַצירן, אין רייד און פאַרברענגען מיט מיידלעך. ער איז נישט צו גאָט און נישט צו לייטן — נישט ער לערנט און נישט ער שטודירט. נישט ער שאָקלט זיך איבער דער גמרא און נישט ער זיצט איבער ביכער. אַלע באַקאַנטע און חברים זענען ידענים — ריידן העברעיִש און זענען בקיאים אין דער רוסישער און העברעיִשער ליטעראַטור. און ער? מילא דאָס וואָס ער רעדט נישט קיין פּליסיקן העברעיִש איז אַן עניין פון ריידן אָפּטער דאָס לשון. וואָס מער ער וועט ריידן העברעיִש, אַלץ געשיקטער וועט ער קענען ריידן די שפּראַך. אָבער אַ סך ערגער איז, וואָס ער קען נישט קיין דקדוק. אברהם־משה, ביינוש, ישראל־משהקע און אַפילו צפּורה קענען אַלע נטיות — אַלע בייגונגען פון ווערב — פון קל ביז התפעל און מיט די אותיות בכל״ם. און ער פּלאָנטערט זיך מיטן נפעל.

היינט זייערע בקיאות אין דער וועלט־ליטעראַטור! זיי קענען רוסיש און דייטש. ראָגאָלניק זאָגט אַז עס זענען דאָ אויף דער וועלט אַרום צוויי הונדערט

גרויסע און וויכטיקע פילאָסאָפן. יעדער איינער מיט זיין שיטה. און ער, שמעון, האָט בלויז אַריינגעקוקט אין „מורה נבוכים", ער האָט שוועריקייטן מיטן ספר. גרויסע שוועריקייטן. ער האָט אויך אַריינגעלערנט אין „כוזרי", אַביסל אין „ספר העיקרים" און „ספר האמונות והדעות". אָבער מיט די אַלע ספרים איז ער נאָר באַקאַנט. קענען גוט, קען ער נאָר דעם „ספר המדע" פון רמב"ם און דעם „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי. גאָר אַ סך האָט ער אַריינגעלערנט אין „חובות הלבבות", דעם „שער היחוד". אָבער דאָס זענען דאָך אַלץ פּכים קטנים — קליינע קריגעלעך — אין פאַרגלייך, וואָס די בחורים ווייסן און קענען. זיי ריידן וועגן טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, (איי דאָסטאָיעווסקי!), העגעל, קאַנט, פּושקין, ספּענסער און שאָפּענהויער. ער איז אַנטקעגן זיי ווי אַ מילב אַנטקעגן אַ העלפאַנט.

די ימים־נוראים האָבן זיך אָנגעהויבן אָנרוקן. שמעון איז נאָך מער אומרויִק געוואָרן: אין זיין איצטיקן געמיט־צושטאַנד פון נישט לערנען, וועט ער האָבן גענוג געדולד צו בלייבן אין שול דורך דעם גאַנצן דאַוונען? אויב ער וועט נישט קענען אויסשטיין דעם נסיון, וועט ער פאַרשאַפן גרויס צער דער מאַמען. און אויב ער איז אַזוי ווייט אַוועק, טאָר ער נישט פאַרן קיין ראַדין.

אָבער דער ראש־השנה איז אַריבער מיט חסד. דאָס דאַוונען איז אויף אים נישט געפאַלן שווער. ניין, ער האָט אַפילו געזאָגט די פּיוטים מיט האַרץ און חשק. אָבער ערב יום־כּיפּור האָט ער דורכגעלעבט אַ גרויסע פרייד, אַזוי, אַז דער יום־כּיפּור־דיקער תענית און דאָס זיין אַ גאַנצן טאָג אין שול, זענען נישט געפאַלן אויף אים ווי אַן עול, וואָס מען דאַרף איבערקומען. נאָר פאַרקערט גאָר, ער האָט צוריק דערפילט דעם טעם פון טאָן אַ מצווה.

באַלד נאָך ראש־השנה האָט די מאַמע אין אַ נאָכמיטאָג פאַרפירט אַ שמועס מיט שמעונען:

— הער נאָר, מיין לערנער, שוין יאָרן אַז עס פּיקט מיר אין קאָפּ: וואָס איז דאָס פאַר אַ מצווה דאָס שלאָגן כפרות? מען שלאָגט כפרות מיט עופות און דערנאָך בראָט מען זיי אָפּ און מען עסט זיי אויף. אַ משפחה קיין עין־הרע ווי אונדזערע קאָכט אָפּ גאַנצע אַכט עופות, גענוג זיך איבערצופרעסן. עס איז אַ מאָדנע מצווה.

שמעון האָט געענטפערט:

— דער שולחן ערוך, אין „אורח חיים" איז מסכים מיט דיר. ער זאָגט: דאָס וואָס מען איז זיך נוהג צו שלאָגן כפרות ערב יום־כּיפּור, צו קוילען אַ האָן פאַר אַ זכר און אַ הון פאַר אַ פרוי דאַרף מען אויסמיידן דעם מנהג. אָבער כאָפּ נישט, מאַמע, באַלד אויפן אָרט מיט רש"י כתב ווערט געזאָגט: „אַ סך גאונים האַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג; מען פירט זיך אויך, אַז מען לייזט אויס די כפרות און מען צעטיילט דאָס געלט צו אָרעמעלייט".

די מאַמע האָט געענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— איי, ווען איך הער זיך צו צו דיר, קריך איך אַריין אין אַ בלאָטע. מער פעלט מיר נישט איך זאָל זיך אַריינמישן צווישן רבנים, וואָס שרייבן אין שולחן ערוך. איך, מערע, זאָל פסקענען ווער פון זיי איז גערעכט. עס פּאַסט מיר צום רומל. און דער גאון, וואָס האַלט אַז מען דאַרף אויסלייזן די כפרות איז נישט פאַר מיין קעשענע: אי באַצאָלן פאַר אַן עוף און דערנאָך עס אויסלייזן — דאַרף מען האָבן דעם מלכס אוצר. שוין בעסער טאָן ווי מיין מאַמע האָט זיך געפירט אין אַזאַריטש, געשלאָגן כפרות מיט געלט און דאָס געלט צעטיילט די אָרע־מעלייט. מען שלאָגט כפרות מיט אַכצן קאָפּיקעס אָדער אַכצן גראָשן — ח״י צום לעבן. מיר זענען אַכט אין דער משפחה, דרייען פון אונדז: דער טאַטע און איך און רחל־לאה וועלן שלאָגן כפרות מיט עופות און איר פינפן וועלן שלאָגן יעדער איינער פון אייך מיט ח״י קאָפּיקעס.

די קינדער האָבן אַריינגעטראָגן פינף מאָל אַכצן קאָפּיקעס, גאַנצע זעקס גילדן פולע ניינציק קאָפּיקעס. זיי האָבן עס אויסגעביטן אויף גראָשנס. יעדער איינער האָט געקראָגן זעקס און דרייסיק גראָשן. שמעון האָט זיינע זעקס און דרייסיק גראָשן צעטיילט צווישן זיינע צוויי ברידער און צוויי שוועסטער, האָט יעדער איינער פון די קינדער געהאַט פינף און פערציק גראָשן צו צעטיילן אָרעמעלייט.

שמעון געדענקט ווי ער האָט גענומען די פיר קינדער צום שול־הויף. ער האָט זיי אויסגעשטעלט נאָכן עלטער נאָך. ברײנע, שלמה, עלקע און בנימין. ברײנע איז אַלט געווען פערצן יאָר און בנימין פינף. די אָרעמעלייט זענען זיי פאַרביי־געגאַנגען און יעדעס קינד האָט געגעבן דעם אָרעמאַן אַ גראָשן. דער אָרעמאַן האָט געקראָגן די צוויי קאָפּיקעס און אָנגעווונטשן יעדן באַזונדער: לשנה טובה תחתמו; זאָל גאָט אייך געבן געזונט און לעבן און אַ גליקלעך יאָר. די קינדער האָבן געענטפערט: גם אתם.

שמעון איז געגאַנגען אַהיים און געהאַלטן בנימינקען ביים לינקן הענטל און עלקען ביי דער רעכטער האַנט. עס איז זיי נאָכגעגאַנגען דער עלף־יאָריקער שלמה און די פערצן־יאָריקע ברײנע. די קינדער האָבן אַלע אין איינעם גערעדט פון די ערשט צעטיילטע געלט און די מצווה וואָס זיי האָבן פאַרדינט. די פערצן־יאָריקע ברײנע האָט זיך אַזש פאַרכליניעט:

— אַז מען דערלאַנגט גאָט אויף איין מאָל פון איין משפחה הונדערט און אַכציק מצוות, ערב יום־כיפור נאָך פאַרן אָנבייסן, וועט ער זיכער חתמענען אַ גוט יאָר.

שמעון האָט אינגאַנצן פאַרגעסן זיינע ספקות און ראַנגלעניש. די טאַמערס און די אפשרס. אים איז אויפגעקומען אויף דער צונג אַ פסוק: וייקץ יעקב משנתו, ויאמר: אכן יש ה׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי — און יעקב האָט זיך אויפגע־

באַפּט פון זיין שלאָף און ער האָט געזאָגט: באמת, גאָט געפינט זיך אין דעם דאָזיקן אָרט און איך האָב עס נישט געוווּסט. ער האָט דערפילט אַ נאָענטקייט און קירבות צום בית המדרש, צום דאַוונען און ממש דערשפּירט דעם זיסן טעם פון אַ מצווה. אַזוינס האָט ער שוין נישט פאַרזוכט פאַר גאָר אַ לאַנגער צייט.

עפּעס וווּנדערלעכעס איז דערנאָך געשען: אַ גאַנצן יום־כּיפּור האָט ער פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ פּירוש־המילות (אַ טייטש) צו די תּפילות. ער האָט נישט געזוכט קיין חסרונות אין די פּיוטים. ער האָט זיי נישט פאַרגליכט מיט די שירים פון אַמאָליקע און איצטיקע משוררים. דער ניגון און דער ברום פון דער עדה ייִדן, די האַרציקייט און די טרערן זייערע האָבן אים געגעבן דעם אמתן זין פון די תּפילות און די פּיוטים. און ער איז געשטאַנען גלייך מיט אַלעמען, און געזאָגט מיט דעם זעלביקן ניגון די יעלהס און די סלח־נאָס. נאָך בעסער — די ווערטער זענען געוואָרן לעבעדיקע ווי אַמאָל און געפלאָסן אין אַ שטראָם צום ארון קודש, וואָס איז איצט ביי אים ווידער קלאָר, אַז עס איז דער טויער צום הימל און פון דאָרטן טראָגן זיך די תּפילות צום כּסא הכבוד. ער געדענקט ווי עס האָבן אים געשטיקט טרערן צום „ונתנה תוקף". ער האָט גאָר פאַרגעסן די שפּאָטיקע רייד פון די משכּילים, אַז עס איז אַ מגושמדיקע תּפילה, געשריבן פון אַ פּאָעט פון מיטלאַלטער, וואָס האָט אויסגעמאָלט דעם כּביכול אויף אַ גראָבן גשמיותדיקן אופן. אויף אַזאַ באַשרייבונג פון דעם רבונו של עולם זאָגט דער רבנו בחיי: „דאָס איז גוט פאַר אַ נאַר, כּדי עס זאָל זיך אים לייגן אויפן שכל, אַז עס איז דאָ אַ בורא עולם, אַ שעפער פון דער וועלט, וואָס ער, דער מענטש איז מחויב אים צו דינען. אָבער דער וואָס האָט שכל, דער קלוג־געלערנטער דאַרף וויסן, אַז מען טאָר נישט געבן דעם בורא אַ געשטאַלט, אָדער אַ פאַרגלייכעניש צו אַ מענטשלעכן אויסזען".

שמעון האָט די אַלע חכמות און חקירות פאַרגעסן. ער האָט געזאָגט דעם „ונתנה תוקף" און עס האָט אים גאָר פאַרדראָסן, וואָס ער איז נאָך אַ ייִנגל און קען נישט איינוויקלען זיך אין אַ טלית און קען אים נישט אַריבערוקן איבער די אויגן און אויסוויינען זיך געשמאַק, צוגלייך מיט אַלע ייִדן, אַז קיינער זאָל נישט זען.

עס איז געווען פאַר אים אַ דערהויבענער יום־כּיפּור. דערפאַר האָט ער געפילט אַזוי שאַרף זיין ירידה, זיין שלעכטן אויפפיר פון באַלד נאָך יום־כּיפּור. שוין גלייך אויף מאָרגן האָט ער געשפּאַצירט מיט די חברים און די מיידלעך און דיסקוטירט דוד פרישמאַנען. צפּורה איז געגאַנגען האַרט לעבן אים און ער האָט נישט דרייסט זי אָנגענומען ביי דער האַנט. די ווייכקייט און קליינקייט פון איר האַנט האָבן אים אויפגערעגט און געררייצט. ער האָט אָנגעהויבן קוועטשן די שפּיץ־פינגער פון איר האַנט און זי האָט זיך נישט געווערט. שפּעטער אַ ווײַלע

האָט זי אים געענטפערט מיט אַ לייכטן דרוק, ווי זי וואָלט געענטפערט אַ סיגנאַל. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן אַזוי שנעל, אַז ער האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען.

ער איז פאַרשיכורט געוואָרן פון פרייד. אָבער דאָס האָט אים נאָך מער באַאומרויִקט: געוואַלד און געוואַלד. ער האָט פאַרלוירן, אינגאַנצן פאַרלוירן די שליטה איבער זיך. ער האָט זיך באַקלאָגט אין אַ ליד:

אני רוצה לקבר רגשותי
בגוילים, בספרים ואיני יכול —
בחוץ כה רחב המרחק
ושם בגבה כה כחול.
אינני יכול, אינני יכול
לקבר בספרים רגשותי,
עיני, לבי אינם שומעים לי!
אינני יכול — מחוסרי און מחשבותי.
(חול המועד סוכות תרע״ב).

(איבערזעצונג: איך וויל באַגראָבן מיינע עמאָציעס אין פּאַרמעטן, אין ספרים און קען נישט. אין דרויסן איז אַזוי גרויס די וועלט און דאָרט אין דער הויך איז אַזוי בלוי. איך קען נישט, איך קען נישט באַגראָבן מיינע עמאָציעס אין ספרים. מיינע אויגן, מיין האַרץ פאָלגן מיך נישט. איך קען נישט ווייל אָן כוחות זענען מיינע מחשבות.).

דאָס אָנשרייבן פון ליד האָט אים באַרויִקט. עס איז אַלעמאָל געווען אַזוי ווען שמעון האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, האָט דאָס אויסלייגן אויפן פּאַפּיר אים באַרויִקט אויף אַ פּאָר טעג. פון חול המועד סוכות ביז אסרו חג זענען געציילטע טעג. באַלד נאָך יום־טוב פאָרט ער אָפּ קיין ראַדין. דאָרטן וועט ער געפינען אַ תירוץ אויף אַלץ.

אסרו חג איז שמעון אָפּגעפאָרן מיט דער פאַרטאָגיקער באַן קיין ראַדין צום חפץ־חיים.

קאַפּיטל 14

ראַדין

זינט שמעון איז געווען אין ראַדין איז שוין אַ קימא לן פון קרוב פופציק יאָר און דעמאָלט איז דאָס שטעטל ראַדין געווען אַנדערש פון אַלע יידישע שטעטלעך. אַפּט, ווען ראַדין איז אַרויפגעקומען שמעונען אויפן זכרון, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַזאַ שטעטל; ער האָט אויפגעשטעלט קליינע שטיבלעך מיט שטרויענע דעכער און פענצטער פון צוויי טאָפּליעס און אויסגעשטעלט די שטיבער איינע אָפּגערוקט פון דער אַנדערער און געלאָזן צווישן זיי געגנוג פרייען באָדן פאַר גרינס־גערטנער. אין זיין אויסגעטראַכטן שטעטל האָט שמעון נישט געוואָלט האָבן קיין מאַרק מיט קראָמען און קיין קלויסטער, האָט ער דעם קלויסטער אַוועקגעשטעלט ווייט הינטערן שטאָט, לעבן די גויים, און אויפן אָרט פון אַ מאַרק אין מיטן שטעטל האָט ער דאָרטן אויסגעגראָבן אַ ברונעם, וווהין אַלע גויים און יידן קומען שעפּן וואַסער; נישט ווייט פון ברונעם האָט ער אויסגעמויערט אַ מויער פאַר דער ישיבה.

ער האָט דאָס אויסגעטראַכטע שטעטל פאַרטראָגן העט ווייט, הינטער טיפע, דיקע וועלדער און נאָך ווייטער, הינטער אַ פלאַך לאַנד פון מיילן קאָרן און האָבער־פעלדער. צו זיין שטעטל האָט מען נישט געקענט צופאָרן מיטן באַן, מען האָט אַהין געקענט דערגרייכן נאָר מיטן אָקס. אין דעם דאָזיקן אויסגעטראַכטן באַהאַלטענעם ווינקל איז שמעון אַנטרונען, זיך דערווייטערט פון דער וועלט און זיך אָפּגעשיידט פון די פרייע, פון די אַפּיקורסים. ער איז אַהין אַנטלאָפן, ווייל אין דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער רו־קייט האָט געלעבט דער פרומסטער ייד און דער גרעסטער גאון פון דעם דור און שמעון האָט געמיינט, אַז דאָרטן וועט ער געפינען די ענטפערס אויף די קשיות, וואָס האָבן ביי אים געמאָנט אַן ענטפער און מלכות תורה וועט צוריקקריגן איר חשיבות ביי אים און ער וועט ווידער דאָרטן ווערן אַ תושב.

ער איז געקומען קיין ראַדין און האָט אָוועקגעשטויסן פון זיך דאָס נישט־גלויבן. האָט געצווונגען זיך צו פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געלייענט אין די ספרים חיצונים. ער האָט פון זיך אָפּגעטריבן די אַלע רייד פון די חברים און די טעאָריעס וועגן דער וועלט, וואָס האָבן זיך אַזוי גוט געלייגט אויפן שכל. ער האָט זיך איינגעקלאָמערט אין פרומקייט, ער איז געוואָרן אַ מתמיד און נישט געפרעגט קיין פאַרוואָס: פאַרוואָס זאָל מען אָפּהיטן שבת? פאַרוואָס דאַרף מען דאַווענען? נאָר געזוכט ווי אַזוי: ווי אַזוי אָפּצוהיטן שבת און ווי אַזוי דאַרף מען דאַווענען.

אפשר וואָלט ער זיך איינגעבראָכן און געבליבן אין יענער תמימותדיקער וועלט. אָבער עס האָט זיך אַריינגעמישט משה־מרדכי. ער געדענקט גוט משה־מרדכין מיט זיינע מינעס, מיט זיין פויליש־יידישער הלבשה, מיט זיין פויליש־יידיש לשון, וואָס שמעון קען בשום אופן נישט איבערגעבן.

יאָרן האָט שמעון געמיינט, אַז משה־מרדכי האָט אים אַראָפּגעפירט פון דרך הישר (פון ריכטיקן וועג). איצט ווייסט ער, אַז ווען נישט משה־מרדכי, וואָלט געווען אַן אַנדער אַפּיקורסישער בחור. די לופט אין די יידישע שטעטלעך איז געווען אינגאַנצן איינגעזאַפּט מיט כפירה, די שטעטלדיקע אמונה האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון די נייע אידייען און געדאַנקען. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער אימפּעט פון נייעקייט. קיין פּרוּוו פון צופּאַסונג האָט קיינער נישט געמאַכט. עס איז געווען אָנגענומען אַז די פרימיטיווע אמונה פון די קליינשטעטלדיקע יידן איז די גאַנצע יידישקייט. האָט מען זיך אָפּגעקערט פון קליינעם שטעטל און געוואָלט אַריינגיין אין דער גרויסער וועלט, האָט מען זיך אויך אָפּגעקערט פון דער יידישער אמונה. דער בית־מדרש איז געוואָרן אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע. כשרות, שבת, דאַווענען זענען געוואָרן אין די אויגן פון דעם דור, וואָס האָט געגלייבט אין ציוניזם, סאָציאַליזם, טעריטאָריאַליזם אָדער אַנדערע איזמען, זינלאָזע מנהגים, וואָס האָבן אין זיך נישט קיין שום עטישן אינהאַלט. יעדער איינער, וואָס האָט אָפּגעהיט יידישקייט איז געווען פאַררעכנט אין די אויגן פון יונגן דור ווי אַ פרימיטיווער צוריקגעשטאַנענער מענטש, וואָס איז אַפילו נישט כדאי צו אַמפּערן זיך מיט אים.

שמעון איז געווען איינער פון זיין דור. זיין אָפּווייכן פון יידישן דרך האָט אָנגעהאַלטן פולע דרייסיק יאָר. ער האָט פאַרביטן אַלע עשהס און לא תעשהס אויף נאַציאָנאַליזם, יידישיזם, ליטעראַטור, קונסט און אַבסטראַקטער עטיק אָן אַ געטלעכער סאַנקציע.

איצט איז שמעון אַ טיפער מאמין. ער האָט זיך גוט אָנגעטראַכט, אַז ס׳איז דאָ השגחה פון דעם כביכול און ער האָט אויך עמאָציאָנעל דערפילט די עכטקייט פון אמונה. ער ווייסט איצט, אַז אַזוי ווי דער מענטש קען נישט

לעבן אָן ליבשאַפט אַזוי קען ער נישט לעבן אָן אמונה. האָדעוועט זיך אָן עופה־לע, אַ חודש, צוויי חדשים אַלט אין אַ בית־יתומים און עס קומט נישט צו קיין וואָג, צערט איין און שטענדיק וויינט עס. גיט מען אַוועק דאָס קינד צו אַ פרוי וואָס באַגערט אַ קינד און די פרוי האַלט עס אויף די הענט, צערטלט עס, הייבט אָן דאָס עופהלע צונעמען וואָג און אויך לאַכן און וואָרקען. אָן ליבשאַפט קען דער מענטש נישט לעבן. ליבע צווישן די געשלעכטער איז נאָר איין פאַזע פון ליבשאַפט. אַזוי אויך קען דער מענטש נישט אויסקומען אָן גלויבן אין גאָט, אין אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח — אַ קראַפט, וואָס איז אויסער דעם מענטשן און אויסער דער וועלט. דער דאָזיקער כוח האָט געשאַפן די וועלט, וואָס האָט אַ תכלית. דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און דער מענטש איז נישט איינער פון דעם מין חיות.

אָן דעם דאָזיקן גלויבן קען דער מענטש נישט אויסקומען. די אמונה אין מענטשן קומט פריִער פון וועלכער ס'איז מאָטיווירונג. יעדע מאָטיווירונג איז אַ טראָט צום עיקר. די מאָטיווירונג פון שכר און עונש איז נישט די טרייב־קראַפט פון אמונה, ווי אַ סך גלייבן. זי איז אפשר נאָר אַ פועל יוצא פון אמונה, וואָס שטעלט פאַר דעם הימלישן מלכות ווי די ערדישע.

ווייסט עס איצט שמעון. ס'האָט אים גענומען יאָרן ביז ער איז געקומען צום איצטיקן פאַרשטאַנד. ער גלייבט אויך, אַז דער ייִדישער וועג: צו דיסציפּלינירן זיך דורך הלכה — פשוט אָפּהיטן די מצוות מעשיות, אָננעמען דעם ייִדישן דין, איז דער בעסטער דרך צו דערגרייכן שלימות, צו דערהייבן דעם גוף צו זיין געטלעכן מקור. דאָך היט ער נישט אָפּ געַנוג די גרעסטע צאָל מצוות בין אדם למקום — צווישן מענטש און גאָט — אַז ער זאָל זיך פאַררעכענען אַפילו אין זיינע אייגענע אויגן פאַר אַ גאַנצן ייִדן.

שמעונען האָט עס זייער אַ לאַנגע צייט באַאומרוִקט — ער לעבט אין פאַלשקייט. נאָך יאָרן לעבן אין צער און ראַנגלענישן און מאַטערן אַרויפצוויג־גען אויף זיך מצוות האָט ער שלום געמאַכט מיט זיך. ער האָט געפונען אַ באַשייד אין אַ תקופה, וואָס איז פּונקט דער היפוך פון אונדזערער אָבער דאָך ענלעך צו איר. אַמאָל זענען די ערשטע משכילים־שרייבער געווען אָנגענומען ביי זייער דור פאַר אַפּיקורסים און לויט די עדות פון מענטשן פון יענער צייט, האָבן די משכילים־שרייבער ווייניק געהאַלטן פון דעם הלכה־טייל בין אדם למקום. מיר קענען עס זען דורך דעם פאָלקלאָר, וואָס איז געבליבן פון יענער צייט. דאָך האָבן זיך די מערסטע משכילים־שרייבער אויפגעפירט גאַנץ ייִדישלעך: אַ סך פון זיי האָבן זיך אַפילו נישט געגאָלט און האָבן געטראָגן אַ זכר פון פּיאות. זיי האָבן געדאַוונט און אַוודאי אָפּגעהיט כשרות. היינט איז פאַרקערט. איצט קען שמעון אויסרעכענען אַ לאַנג צעטל פון ייִדישע שרייבערס, ער איז אויך בתוכם,

וואָס זענען מאמינים און זיי האַלטן, אַז אַ ייִד דאַרף דאַוונען און דווקא אין טלית און תּפילין און זיי אַליין דאַוונען נישט, זענען פּסיכאָלאָגיש נישט ביכולת צו דאַוונען. זיי האַלטן, אַז אַ ייִד דאַרף אָפּהיטן שבת, נישט עסן קיין טאַרפע (טרפה) און זיי אַליין זענען נישט קיין איבעריקע זהירים (אָפּגעהיטע). אָבער די אַלע שרייבערס מאמינים, וואָס היטן אָפּ ווייניק ייִדישקייט זענען נישט קיין שקרנים, ליגנערס אָדער פאַרפירערס, אָדער צבועקעס, ווי אַ סך מיינען. אַט ווי די אַמאָליקע משכּילים אַפּיקורסים זענען נישט געווען קיין צבועקעס אָדער פאַר־פירערס מיט זייער פּרומער הנהגה.

עס האָט געדויערט עטלעכע דורות ביז עס האָט זיך אויסגעשטאַלט אַ ייִד אין דער השכּלהס אויסגעפורעמטער געשטאַלט. עס זענען אַוועק יאָרן, און עס האָט געמוזט געדויערן אַזוי לאַנג ביז זייער אַבסטראַקטע געשטאַלט פון אַ פרייען ייִדן, וואָס היט נישט אָפּ קיין מצוות מעשיות, אַ פּושע בישראל, לויט דער־מאָלטיקן באַגריף, זאָל זיך פאַררעכענען פאַר אַ גוטן און איבערגעגעבענעם ייִדן. זיי, די משכּילים, האָבן זיך נישט געקענט אויספירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי ייִדן, וואָס טראָגן נישט קיין שום עול פון מצוות. נישט זיי האָבן געקענט ברעכן זייערע געוווינהייטן און נישט זיי האָבן געקענט פיזיש פירן אַזאַ פריי לעבן אין דעמאָלטיקער פאַראַקאַלער ייִדישער סביבה. אין דעם זעלביקן פּלאַנטער איז פאַרפוטעט דער איצטיקער דור גאָט־זוכערס. עס וועלן דאַרפן פאַרגיין יאָרן און יאָרן, אַ צוויי־דריי דורות, ביז עס וועט אויפקומען אַ דור אין דעם געשטאַלט, וואָס די איצטיקע גאָט־זוכערס חלומען. יענער דור וועט ווידער איינשטעלן פאַר זיך די דיסציפּלין פון הלכה, נישט דעם אויסערלעכן מעכאַנישן אַפּאַראַט פון הלכה, נאָר ער וועט אויפנעמען הלכה ווי די קאָנקרעטיזירונג און פאַרווירקלע־כונג פון גאָטס רצון דאָ אויף דער ערד. יענער דור וועט קענען נעמען אויף זיך אַזאַ שטאַרקע דיסציפּלין, אַז ער וועט קענען בייקומען די אַלע שוועריקייטן, וואָס דער מאָדערנער לעבן שטעלט אַרויס קעגן הלכה. אָבער דערוויַיל פירן זיך אויף די פרומע אַפּיקורסים ווי די אַמאָליקע משכּילים. קענען נישט ברעכן זייערע גע־וווינהייטן און בעיקר קענען זיי נישט פירן קיין פרום לעבן אין זייער סביבה, וואָס פאַרלייקנט אינגאַנצן די נויטווענדיקייט פון מצוות מעשיות. זיי לעבן צווישן חברים און פריינט, מיט ווייב און קינדער, וואָס זענען אויסגעטאָנענע פון ייִדישן קיים־יאָך. אַוודאי איז דאָ אַ גרויסע סתירה צווישן דער אידייע און דעם לעבן. אָבער נישט יעדער דור קען האָבן די זכיה צו לעבן אָן קאָנפליקטן.

פאַרן לייענער וועט איצט זיין אַ סך קלאָרער שמעונס הנהגה אין ראַדין.

***

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינער אָפּגעלאָזענער סטאַנציע, וואָס

איצט האָט שמעון אויסגעפונען פון ביכער, אַז די סטאַנציע האָט געהייסן מיטן מאָדנעם נאָמען באַסטון. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ חשוונדיקער רעגן און די גרויע ווענט פון דער באַנסטאַנציע זענען געווען פייכט און עס האָט אַרויסגע־שלאָגן פון זיי אַ רויע קעלט. דער דיל איז געווען בלאָטיק־שוואַרץ. דער לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען פון סטעליע, איז געווען נאָר אַן אַכטער און האָט באַלויכטן אַ קליין רעדל גלייך אונטער זיך און דער גרויסער לאַנגער צימער איז געווען שוואַרץ־פינצטער. ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. די געציילטע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אַראָפּגעשטיגן פון באַן, האָבן שלעפעריק געשלעפּט די פיס און די קעפּ איינגעבוירעט אין די אויפגעשטעלטע קאָלנערס פון די ווינטערדיקע פּאַל־טאָס. דער אויסנאַם זענען געווען די ישיבהניקעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנעס מיט טומל און אויסגעשריגן איינער צום אַנדערן. אַלטע חברים האָבן זיך אַרומגעכאַפּט פריידיק און טומלדיק און היציק זיך צונויפגערעדט וועל־כע פור צו נעמען אינאיינעם.

בעל־עגלות אויף וועגענער מיט בוידן האָבן געוואַרט אויף די בחורים. שמעו־נען האָט מען אַריינגעקוועטשט אין אַ בויד מיט נאָך זעקס בחורים.

דער בעל־עגלה האָט אַ טרייב געטאָן די פערד מיט אַ הוק און אַ שטוק. דער וואָגן האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ טרייסלערײ און אַ קלאַפּערײ. ס'איז אָבער געווען נישט מער ווי אַן אָנשטעל. באַלד האָט ער אָפּגעלאָזן די לייצעס און די פערד האָבן אָנגעהויבן טאָפּטשען דעם בלאָטיקן שליאַך. דער וואָגן האָט זיך אָבער אַלץ געטרייסלט און געקלאַפּט ווי אַט צעפאַלט ער זיך אויף שפּענדלעך.

די בחורים האָבן גערעדט אין לערנען און איבערגעשריען איינער דעם אַנ־דערן. שמעון איז געזעסן אין ווינקל פון בויד. די גאַנצע פלייצע איז אים געווען קאַלט. עס האָט געבלאָזן פון אונטערן ברעזענט און דער פייכטער לייוונט איז געווען אייזיק. ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און ער האָט צערייצט געפרעגט דעם בעל־עגלה:

— ס'ווייט פון ראַדין?

— קענטיק ס'איז אַ פרישער פרוש, — האָט זיך אָפּגערופן אַ בחור. — ס'איז נאָך אַ מרחק. דער טאַראַנטאַס (וואָגן) וועט אייך גוט צעטרייסלען איי־דער איר וועט אָנקומען קיין ראַדין. איר וועט שוין אַליין וויסן ווו ראַדין הייבט זיך אָן. איידער איר וועט נאָך אָנקוקן דאָס שטעטל, וועט איר דערשפּירן דעם ריח פון תורה, וואָס טראָגט זיך פון דער ישיבה.

שמעון האָט נישט באַנומען צי דער בחור שפּעט אָפּ פון ראַדין, אָדער ער מיינט עס ערנסט, ווייל קיינער האָט נישט קיין לאַך געטאָן.

דער קאַלטער, עסיקער, נאָך־סוכותדיקער רעגן האָט נישט אויפגעהערט, אָבער אין בויד איז פון די זעקס יונגע צונויפגעטוליעטע גופים געוואָרן וואַרע־

מער. שמעון האָט איינגעדרימלט. נאָר ער איז לאַנג נישט געשלאָפֿן. די היי־ציקע קולות פֿון די בחורים האָבן אים אויפֿגעריסן פֿון דרעמל.

די בחורים האָבן זיך געקאָכט אין לערנען. אַפּנים יעדער איינער האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס אַ חידושל, אָדער אַ נייעם פּלפּול. זיי האָבן גערעדט אימ־פּעדיק און אומגעדולדיק. ווען מען האָט ציטירט אַ מאמר, האָט מען עס קיין־מאָל נישט פֿאַרענדיקט. טאָמער האָט אַ בחור אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן מאמר און דערצו נאָך אָנגעהויבן צו פֿאַרטייטשן, האָט עמעצער באַלד איבערגעשלאָגן: „נו, נו, צעקיי נישט, קום צום עיקר". שמעון האָט זיך אַ היפּשע צייט צוגעהערט צו די שאַרפֿע פּלפּולים און נישט געקענט כאַפּן דעם גאַנצן שקלא וטריא. זייער האַסטיק ריידן, די אָפּגעהאַקטע מאמרים האָבן אים צעטומלט און צערייצט. ער האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ היפּשער בייזקייט:

— שלאָפֿן לאָזט איר נישט, לאָזט כאָטש הנאה האָבן אַביסל פֿון אַ תורה־שמועס. איר כאַפּט צופּיל, איר דערזאָגט נישט, איר יאָגט זיך. עס איז שווער אויפֿצוכאַפּן אייערע חידושים.

— וואָס פֿאַראַ חידושים זענען דאָ אין יאָסלס תורה? — האָט אַ בחור אין אַן אַנדער ווינקל פֿון בויד זיך אָפּגערופֿן מיט ביטול. — וואָס איז דאָ אַזוינס שווער צו כאַפּן?

— איך האָב אייער תורה אויך נישט גוט פֿאַרשטאַנען, — האָט שמעון גע־ענטפֿערט, אײנגאַנצן צונישט געמאַכט דעם בחורס ביטול פֿאַר זיין חבר — איי־דער איר ענדיקט דעם מאמר פֿון גמרא פֿרעגט איר אים אָפּ מיט אַ שטיקל „שיטה מקובצת", ברענגט אַ ראיה פֿון „פּני יהושע", פֿאַרשטאַרקט עס מיט אַ מהרש"א און צום לעצט פֿאַרענטפֿערט אַלץ מיט אַ פּשוטן תוספות. ווו געפֿינט מען אַזעל־כע שאַרפֿע קעפּ ווי איר האָט?

יאָסל האָט אַ לאַך געטאָן:

— הערסט, ברוקע, אַ לשון? ער האָט קיינעם נישט מבטל געווען. לויטן קול איז ער נאָך גאָר אַ יונגל, אָבער לויט זיין שיינעם גלאַטן לשון איז ער אַ פֿאַרשטאַנדיקער. לאָמיר ריידן געלאַסענער און נישט כאַפּן ווי מ'זופּט הייסע לאָקשן.

זיי האָבן אָנגעהויבן ריידן געלאַסענער און געמיטלעכער. אָבער שמעון האָט אַלץ נישט געכאַפּט די טיפֿע פּלפּולים און די שאַרפֿע וויכוחים. זיינע יונגע אויגן האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן קלעפּן. אין דער האַלב־וואַכיקייט איז אין אים אויפֿגעגאַנגען אַ גרויסע פֿרייד:

— יאָ, ס'איז געווען גערעכט דער בחור, וואָס האָט פֿריער געזאָגט: „איי־דער איר וועט נאָך אָנקוקן דאָס שטעטל, וועט איר דערשפּירן דעם ריח פֿון תורה, וואָס טראָגט זיך פֿון דער ראַדינער ישיבה". עס פֿאָרן בחורים אין דער טויבקייט

פון דער נאַכט, אין דער קעלט און נאַסקייט פון אַ חשוונדיקן רעגן, מידע און מסתמא הונגעריקע און שלעפעריקע און זיי ריידן נישט וועגן עסן, וועגן רו, נאָר ריידן אין לערנען, קאָכן זיך אין חידושי־תורה. דער כתר תורה גלאַנצט און שי־מערט. דאָ איז תורה אַ יש. אים איז גוט און ווויל, וואָס ער פּאָרט צו אַזאַ מקום תורה. ער וועט פּטור ווערן פון זיינע מאַטערנישן.

***

די בויד איז אַריינגעפּאָרן אין שטעטל ווען עס האָט אָנגעהויבן ברעכן אויף־טאָג. אין דעם גרויען פּאַרטאָג האָט שמעון דערזען גאַסן מיט נידעריקע שטיב־לעך, די מערסטע מיט שטרויענע דעכער. די שטיבער זענען אַלע געווען אָפּגע־רוקטע איינער פון דער אַנדערער, מיט אַ סך פּרייען באָדן. צווישן די שטיבער זענען געווען גרינס־גערטנער. די בייטן זענען פון דעם האַרבסט־רעגן געווען האַלב־אָראָפּגעשווענקטע. די קאַנאַוועס צווישן די בייטן זענען געווען אָנגעפּילט מיט וואַסער. אויף די אָראָפּגענומענע גערטנער און וויסטע בייטן איז דאָ און דאָרט געשטאַנען אַ געלער קאָרטש פון קוקורוזע, וואָס האָט זיך געווייקט אין רעגן. עס זענען געווען צעשפּרייט אין דער ווייכער ערד פון די בייטן די ברייטע צעוויאַנעטע, שאָרשקע בלעטער פון קירבעס. עס זענען געשטאַנען האַרט לעבן די קאַנאַוועס פון די בייטן נאַקעטע, טרוקענע שטאַמען פון אָפּגעהאַקטע סאָ־ניטשניקעס. דער ווינט האָט די שטעקלדיקע שטאַמען געוויגט און געשאָקלט און אין אַ סך גערטנער זענען געלעגן צעבראָכענע שטאַמען פון סאָניטשניקעס. עס זענען געווען גערטנער, וואָס אין זיי איז נאָך געשטאַנען דער בלויער־קרויט, וואָס ווערט ערשט צייטיק מיטן ערשטן פרעסטל.

קיין קלויסטער האָט זיך נישט געזען אין שטעטל. קיין מאַרק איז אויך נישט געווען. דאָ, וווּ ס׳האָט געזאָלט זיין דער מיטן פון שטעטל איז געשטאַנען אַ ברונעם. שוין אין דעם גרויען פּאַרטאָג זענען לעבן ברונעם געשטאַנען מענער און פרויען געוואָרט אויף זייער ריי אָנצושעפּן וואַסער. נישט ווייט פון ברונעם, איין גאַס ווייטער, האָט זיך געזען דער רויטער מויער פון דער ישיבה.

אַרום מיטאָג־צייט איז שמעון אַוועק צו זען ר׳ הירשן. ער איז אַריין אין אַ לאַנגן און שמאָלן צימער מיט דריי גרויסע פענצטער. אַ לאַנגער און שמאָלער טיש איז געשטאַנען לעבן די פענצטער. אויפן טיש זענען געווען אָנגעוואָרפן ספרים. אין מיטן פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטער אַלמער, פוןביידע זייטן אַלמער איז די וואַנט געווען פאַרבויט מיט פּאָליצעס, וואָס זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט ספרים. אַרום די ווענט, און פון ביידע זייטן טיש זענען געשטאַנען לאַנגע נישט קיין געפאַרבענע בענק, וואָס זענען געווען

גלאַנציק און גלאַט פֿון לאַנגן זיצן אויף זיי. אויף די בענק זענען אויך געװען אָנגעוואָרפֿן ספֿרים פֿון אַלערליי גרויס און פֿון אַלערליי דיקקייטן.

ר׳ הירש, אין דער עלטער פֿון די שפּעטערע פֿערציקער יאָרן, איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו דעם מיטלסטן פֿענצטער. די האָר זיינע זענען געװען שוואַרץ אָן אַ סימן און שפּור פֿון גרויקייט. דאָס פּנים איז געװען אָן אַ קנייטש, אָן אַ רונצל, אַ תמימות יונגנטלעכער פּנים. אָבער די ברוינע טיפֿע אויגן זענען געװען פֿון אַ מיטליאָריקן ייִדן, וואָס האָט אַ סך זאָרג און טראָגט אויף זיך אַ שווערן יאָך.

שמעון האָט אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם און אים געזאָגט ווער ער איז. ר׳ הירש האָט אַרויסגערעדט מיט אַן אָפֿענער צופֿרידנקייט:

— אַזוי, איר זייט דאָס דער קאַלינקאָוויטשער.

ער האָט זיך אַ בייג געטאָן צום פֿענצטער־צו און אַ זוך געטאָן צווישן די אָנגעוואָרפֿענע בריוו און קאַרטלעך, וואָס זענען געלעגן אויף דעם ברעטל פֿון מיטלסטן פֿענצטער. ער האָט באַלד געפֿונען וואָס ער האָט געזוכט. שמעון האָט דערקענט זיין בריוו, וואָס ער האָט געשיקט. און ר׳ הירש האָט געקוקט אויפֿן בריוו און געזאָגט אַן אויפֿגערוימטער:

— אייער טאַטנס בריוו איז אויף עברי־טייטש. אַ בריוו מיט אַ סך שכל הישר. געוויינלעך קריגן מיר בריוו אויף לשון־קודש, לומדישע בריוו. און אייער בריוו אויף פּראָסטן עברי־טייטש איז געװען אַ מחיה.

שמעונס אויערן האָבן אָנגעהויבן ברענען פֿון אויפֿרעגונג און דאָס פּנים איז אים געוואָרן רויט פֿון בושה. — ער האָט דאָך אָפּגענאַרט ר׳ הירשן. דער טאַטע האָט נאָר איבערגעשריבן, וואָס ער שמעון האָט אָנגעשריבן. ר׳ הירש האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו צוריק אויף דעם ברעטל פֿון פֿענצטער און גע־זאָגט צו שמעונען:

— שרייבט דעם טאַטן, אַז מירן אייך געבן תמיכה זעקס רובל אַ חודש. מען קען מיט דעם דורכקומען אין ראַדין. אייער קוואַרטיר איז באַשטעלט געוואָרן פֿאַר אייך ביי ר׳ רפֿאלן, אין איין קאַמער מיט אַ חסידישן בחור.

שמעון איז געשטאַנען און געשוויגן. ר׳ הירש האָט גערעדט בנעימותדיק:

— נו, איר האָט געלערנט צוויי יאָר אין קרעמענטשוג ביי ר׳ לייזערן, דעם וואָלאָזשינער עילוי. ער איז געװען אַ תלמיד ותיק פֿון דעם חפֿץ־חיים, מיר האָבן יאָרן געלערנט בחברותא. אם ירצה השם, אַז די טרדות פֿון דער ישיבה װעלן אַביסל קלענער ווערן, וועל איך ביי אייך אָפּנעמען אַ לענגערן גרוס וועגן ר׳ לייזערן און זיין ישיבה. אָבער דעם לעצטן זמן האָט איר געלערנט אין לידע. האָט איר געבראַכט ספֿרים און ביכלעך — ספֿרי חול?

— אַחוץ אַ משניות, אַ „חובות הלבבות״ און דעם תנא דבי אליהו, האָב איך

אין מיין קעסטל דעם „הסגנון העברי" פון קרינסקי, דעם „מורה הלשון" פון לערנער און דובנאָווס „היסטוריה עברית".

ר' הירש האָט גערעדט פּאַמעלעך ווי ער וואָלט געציילט די ווערטער:

— ביי אונדז פירט זיך, אַז אַ פּרוש האַלט נישט ביי זיך קיין השכלה־ביכלעך. מיר האַלטן זיי פאַר אים.

שמעון האָט אַרויסגענומען פון קעסטל די ביכער און זיי איבערגעגעבן ר' הירשן. ר' הירש האָט זיי איינגעוויקלט אין פּאַק־פּאַפּיר, אַרומגעבונדן דאָס פּעקל מיט אַ שפּאַגאַט (אַ שטריקל) און אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אין אַלמער. דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו שמעונען:

— שבתים וועט איר עסן ביים שווער, ביים חפץ־חיים. אַזוי איז געווען זיין רצון נאָכדעם ווי ער האָט געזען אייער טאַטנס בריוו. און איצט, איר זייט דאָך מיד פון וועג, גייט אויף אייער קוואַרטיר, לייגט זיך צו. רוט זיך אויס. עסט אָפּ. אַ פּרוש וועט אייך ווייזן ווו ס'איז די קוואַרטיר, וואָס איז פאַר אייך באַשטעלט. פאַרגעסט נישט. רוט זיך אויס, איידער איר זעצט זיך לערנען.

שמעון מיט דעם קעסטל אויפן אַקסל איז נאָכגעגאַנגען דעם פּרוש און גע־טראַכט:

— אַ מאָדנער קבלת־פּנים. ער האָט מיך נישט געפרעגט, וואָס איך האָב פריִער געלערנט. ער האָט מיך בכלל נישט פאַרהערט. ער האָט מיר נישט אָנ־געזאָגט וועלכע מסכתא איך זאָל לערנען. ער האָט מיך פאַרזאָרגט מיט אַ פיי־נער תמיכה, אַ קוואַרטיר און דאָס לערנען מיר געגלייבט אויפן וואָרט. אים איז אַפילו געלעגן אין זינען מיר אָנצוזאָגן זיך אָפּרוען.

שמעון איז אַריין אין דער שטוב, וואָס דער פּרוש האָט אים אָנגעוויזן. דער באַלעבאָס האָט אים צוגעפירט צו דער קאַמער. די טיר איז געווען פאַרמאַכט. שמעון איז אַריין אין צימער נישט אָנקלאַפּנדיק אין טיר. פון אַזאַ איינפיר האָט מען אין שטעטל נישט געוווּסט. ביי אַ טישל איז געזעסן אַ חסידישער בחור און אַרייַנגעקוקט אין אַ ספר. ווי נאָר ער האָט דערזען שמעונען, האָט ער אויף גיך פאַרמאַכט דאָס ספר און עס אַרייַנגעלייגט אין אַ קאַרזינקע, וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל.

דער פּוילישער בחור האָט אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדרוס:

— מען קלאַפּט אָן, אַז מען וויל אַרייַנגיין אין אַ פאַרמאַכטן צימער.

שמעון האָט נישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און אויפגעריסענע אויגן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

דער פּוילישער בחור האָט אים אָנגעקוקט:

— וואָס קוקט איר אויף מיר מיט אַן אָפּגענומענעם לשון? וואָס בין איך, אַ בער פון וואַלד?

שמעון איז רויט געוואָרן און אַרויסגעשטאַמלט:

— אייער הילוך.

— וואָס איז אַזוי נישט רעכט מיט מיין הילוך? — האָט זיך דער חסידי־שער יונגערמאַן געוווּנדערט — איך רעכן אַז איך בין אָנגעטאָן גאַנץ יידישלעך.

שמעון האָט געזאָגט נישט דרייסט:

— איר׳ט מיר מוחל זיין, איר זייט אָנגעטאָן ווי אַ פאַרשטעלטער, ווי אַ פּורים־שפּילער — אַ לאַנגע קאַפּאָטע ביז די קנעכל, אונטן אַ מין שפּענצער און אַ היטעלע — די גרויס ווי אַ פייג און איר האָט אַ גאַנץ פיינעם קאָפּ — האָט זיך שמעון צעשמייכלט.

דער בחור האָט פאַרשטענדלעך געזאָגט:

— אַזוי? איר האָט קיינמאָל פריער נישט געזען קיין חסידישן טראַכט? קוקט מיך אָן — אָט אַזוי גייען אָנגעטאָן די חסידישע יידן אין גאַנץ קרוין־פּוילן.

שמעון האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— כ׳האָב אַזוינס קיינמאָל נישט געזען. ביי אונדז אין שטעטל וואָלטן אייך יינגלעך נאָכגעלאָפן.

— יעדע מדינה מיט אירע מנהגים — האָט דער פּוילישער בחור געענט־פערט — ביי אונדז וואָלט אַ יונגערמאַן אָנגעטאָן דייטש ווי איר, געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ פּריקאַזטשיק. קיינמאָל נישט פאַר קיין ישיבהניק.

— עס איז אָבער דאָך אַ משונהדיק אָנטאָן זיך, — האָט שמעון געענט־פערט. — דאָ גייט מען נישט אַזוי געקליידט. פאַרוואָס זאָלט איר נישט בייטן אייער הלבשה?

דער בחור האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— עס איז איינגעשטעלט אין דער ישיבה, אַז קיינער טאָר נישט בייטן די הלבשה אין וועלכער ער קומט אַהער. אַנישט וואָלטן די פּוילישע חסידים נישט געשיקט קיין בחורים קיין ראַדין צו לערנען. אָנגעטאָן קורץ מיינט ביי אונדז אָנגעטאָן דאַטש — אַ סימן פון אַפּיקורסישקייט. ווען מען שטעלט דאָ נישט איין נישט צו משנה זיין, איבערבייטן, די הלבשה, וואָלט מען געזאָגט אין פּוילן, אַז אין ראַדין, ביים חפץ־חיים, גייען אַרויס די בחורים לתרבות רעה. אָבער מילא, הלבשה איז דאָך נישט צוגעקלעפּט צום מענטשן. זעצט זיך און דערציילט מיר עפּעס וועגן זיך. מיר וועלן דאָך זיין נאָענט איינער צום אַנדערן, אין איין צי־מער. דערציילט מיר צוערשט פון וועלכער ישיבה קומט איר.

— פון לידע. — האָט שמעון געענטפערט.

איצט איז דער פּוילישער בחור געבליבן שטיין מיט אָן אָפן מויל און אויפ־געריסענע אויגן. ער האָט אַזש אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז איר זייט געקומען אַהער לערנען נאָך דעם ווי איר האָט געלערנט אין לידע?

שמעון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער בחור האָט גערעדט פּאַמעלעך מיט אַ ניגון:

— אין מיינע אויגן איז אייער קומען אַהער פון לידע אַ סך אַ גרעסערער חידוש און מער משונה ווי מיין הלבשה איז אין אייערע אויגן. איר זייט דאָך מסתמא באַקאַנט מיט דער העברעישער ליטעראַטור און דער יידישער און מיט אַלע השכלה־ענינים.

— נאָך געווען באַקאַנט מיט דעם אין קרעמענטשוג — האָט שמעון גע־ענטפערט.

— און דאָך געקומען צום חפץ־חיים קיין ראַדין.

— יאָ.

— מילא, האָט איר מיט זיך עפּעס ליטעראַטור?

— געבראַכט, נאָר עס אַוועקגעגעבן ר׳ הירשן.

— פאַרוואָס?

— וואָס מיינט איר פאַרוואָס? ער האָט דאָך מיך געפרעגט צי איך האָב השכלה־ביכער.

— נו, איז וואָס אַז ער האָט געפרעגט?

— וואָס וואָלט איר געוואָלט, איך זאָל אָנהייבן דעם ערשטן טאָג אין ראַדין מיט שקר, מיט פעלשעווען?

דער פּוילישער בחור האָט אַ ווײַלע געשוויגן און אַ מורמל געטאָן ווי צו זיך:

— מילא, אַז איינער היט זיך נישט צו זאָגן קיין ליגן און נישט פעלשעווען, וועט ער אויך נישט זיין קיין מסור.

— וואָס מיינט איר אַ מסור, חלילה?

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט דער פּוילישער בחור באַרויִקט שמעונען. — זאָגט מיר בעסער מה שמכם? פון וואַנען קומט איר? וואָס טוט אייער טאַטע? איך קום פון שעדלעץ, מיין טאַטע איז אַ גערער חסיד, אַ גרויסער חסיד און נאָך אַ גרעסערער גביר. מיין נאָמען איז משה־מרדכי. און ווי רופט מען אייך?

***

ווען שמעון טראַכט פון זיין אַנטלויפן קיין ראַדין, דערמאָנט ער זיך שטענ־דיק אָן דער פּרשה פון מדרש תנחומא, וואָס באַשרייבט אַ קינד אין דער מאַ־מעס בויך:

„איידער דאָס קינד ווערט געשאַפן אין דעם אינגעווייד פון דער מאַמען,

טוט גאָט אַ ווונק צום מלאך, וואָס איז דער ממונה אויף די נשמות און זאָגט צו אים:

— ברענג מיר יענע און יענע נשמה, וואָס איר נאָמען איז אַזאָ און אַזאָ און איר געשטאַלט איז אַזאָ און אַזאָ.

דער מלאך ברענגט באַלד די נשמה פאַרן רבונו של עולם. זאָגט דער כביכול צו דער נשמה:

— דו וועסט אַריין אין יענעם טראָפּן און פון דיר וועט געבוירן ווערן אַ מענטש.

זאָגט די נשמה צום רבונו של עולם:

— עס איז גענוג פאַר מיר די וועלט, וואָס איך בין דאָ אַצינד, זינט מיין באַשאַף, צו וואָס זאָלסטו מיך אַרונטערלאָזן אין דעם דאָזיקן טראָפּן?

זאָגט צו איר דער כביכול:

— די וועלט וווהין איך וועל דיך ברענגען איז אַ שיינע.

אָבער די נשמה וויל נישט פאַרלאָזן דעם גן־עדן און דער רבונו של עולם ברענגט זי אַריין מיט געוואַלד אין דעם טראָפּן.

און ווי דאָס קינד ליגט אין דער מאַמעס בויך, גרייט מען אָן פאַר אים צוויי מלאכים, וואָס היטן אים ער זאָל פון דאָרטן נישט אַרויסגיין אָדער אַרויס־פאַלן. און אַ ליכט ברענט אויף זיין קאָפּ און ער זעט מיטן ליכט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, און אַז עס קומט די צייט פון קינדס אַרויסגיין אויף דער לופט פון דער וועלט קומט דער מלאך, וואָס האָט געבראַכט די נשמה פון דער אויבערשטער וועלט און זאָגט צום קינד:

— עס איז געקומען דיין צייט דו זאָלסט אַרויס אויף דער לופט פון דער וועלט.

זאָגט דאָס עופהלע:

— פאַרוואָס ווילסטו מיך אַרויסנעמען פון דאַנען? וואָס פעלט מיר דאָ?

און דער מלאך ענטפערט:

— מיט געוואַלד קעגן דיין רצון ביסטו געשאַפן געוואָרן, מיט געוואַלד וועסטו געבוירן, מיט געוואַלד וועסטו לעבן, מיט געוואַלד וועסטו שטאַרבן און מיט געוואַלד וועסטו אָפּגעבן דין־וחשבון צו דיין שעפער.

אָבער דאָס קינד הערט זיך נישט צו, צו די רייד פונעם מלאך, עס וויל נישט אַרויסגיין פון דער מאַמעס בויך. אָבער דער מלאך פאַרלעשט דאָס ליכט, וואָס ברענט אויפן קינדס קאָפּ און שלעפּט עס אַרויס מיט געוואַלד. דאָס קינד גייט אַרויס מיט געשריי און געוויין פון דער מאַמעס בויך און באַלד פאַרגעסט עס אַלץ וואָס עס האָט געזען און אַלץ וואָס עס האָט געהערט".

שמעון איז אַנטלאָפן פון דער וועלט קיין ראַדין און דעם ערשטן זמן האָט

ער געקראָגן דאָרטן אַ פּולקאָמענע מנוחה. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון „דער לופט פון דער וועלט" און אַ ליכט האָט געברענט אויף זיין קאָפּ און ער האָט געזען פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן. עס איז אים געווען גוט און ווייל און ער האָט נישט געוואָלט אַרויס פון דאָרטן.

אָבער אין הינטער־באַוווסטזיין פאַרשלאָפן, פאַרריגלט און פאַרחתמעט אין אַ צעל פון מאָרך איז געלעגן די אייגגלייבעניש, אַז ער נאַרט זיך. ער פאַרשטעלט זיך און פאַררעדט זיך מיט אַליין־אָפּנאַרעריי: אים פעלט דאָך די תמימותדיקע אמונה, קען ער נישט פאַרבלייבן אין דעם דאָזיקן פאַרשלאָסענעם ווינקל — אין דער ישיבה פון חפץ־חיים אין ראַדין.

עס ווילט זיך נישט אַרויס „אויף דער לופט פון דער וועלט", דאָרטן איז בישטאָ די מנוחה, וואָס פאַרזאָרגט אַלץ. אָבער צוויי מלאכים שטייען איבער אים: משה־מרדכי דער פּוילישער בחור און דער קריניקער עילוי. זיי שלאָגן אים מיט זייער צונג. דער קריניקער עילוי שניידט מיט רייד:

— קענסט דאָ נישט בלייבן אין דער ענגער וועלט פון דער מאָמעס בויך — אין ראַדין. מיט געוואַלד, קענן דיין רצון וועסטו פאַרלאָזן דיין מנוחהדיק לעבן, דיין באַשיצט רויִק אָרט און אַרויסגיין אויף דער ברייטער וועלט. דיין רצון דאָ צו בלייבן איז קעגן דעם פרייען ווילן און דיין אַרויסגיין „אויף דער לופט פון דער וועלט" איז אַ סימן פון דיין פרייען ווילן, ווייל פאַר אונדז און פאַר דיר איז דאָס פרומע לעבן מיט זיינע גרויסע הבטחות אַ ליגן. די גאַנצע אמונה איז נישט מער ווי אַן אויסדוכטעניש. אַ נאָרמאַלער, געזונטער מענטש לעבט נישט לאַנג מיט קיין אילוזיע, מיט געוואַלד גיט אָפּ דער מענטש חשבון פאַר זיינע מעשים און געדענקט אַז אילוזיע איז נישט קיין רעאַליטעט.

דער קריניקער עילוי האָט גענוצט די ווערטער אילוזיע און רעאַליטעט. זיין לשון איז געווען פּרעציז און מאָדערן. אָבער דאָס איז געווען שפּעטער אין פרי־לינג. דערווייל האַלט שמעון ביי דעמאָלטיקן שיינעם ווינטער אין ראַדין.

***

די ראַדינער באַלעבאַטים האָבן זיך באַקלאָגט:

— אַ שווערער ווינטער. ווער געדענקט דאָס אַזוינע אָסיענדיקע גוס־רעגנס און ווינטן? אַ פּאָר טעג נאָך סוכות, אין חשון נאָך, ווען עס פרירט ערשט צו ביסלעך און עס שטעלן זיך גוטע, טרוקענע וועגן ביז כסלו, האָבן זיך אָנגעהויבן שנייבורעס און זאַווערוכעס, וואָס האָבן פאַרשאָטן די וועגן און מען האָט נישט געקענט זען נישט קיין שליאַך און נישט קיין שטעג. מען האָט אַפילו נישט גע־קענט צופאָרן צו דער באַן־סטאַנציע באָסטון. אין כסלו האָבן זיך געשטעלט ברע־נענדיקע פרעסט מיט ביטערע שניידנדיקע ווינטן, וואָס נעמען דורך אַפילו די

וואַרעמסטע בורקעס און דיקסטע פעלצן: עס איז געווען אַ סכנה זיך צו לאָזן אויף אַ נסיעה אין די אַרומיקע דערפער.

שמעון האָט פיינט עד־היום קעלטן. אַפילו אַ קאַלטער זומער־טאָג וואַרפט אויף אים אָן אַ מרה־שחורה, אָבער אין יענעם ווינטער האָט ער נישט געפילט די קעלט, ער איז אַפילו נישט געווען וויסעוודיק, נישט געשפּירט, אַז עס איז ווינ־טער אויף דער וועלט. ער איז געווען ווי דער בער, וואָס אין אָנהייב האַרבסט פאַרשטעקט זיך אין אַ הייל, ווינטערט איבער די קעלט און ווייס גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

ער איז געווען פאַרטייעט אין זיך. אין דעם אַלקער, וואָס ער און דער פּרוש משה־מרדכי האָבן געוווינט, איז אַלעמאָל געווען וואַרעם ווי אין אַ מילדן האַרבסט־טאָג אונטער דער זון. די צפון־וואַנט פון חדר איז באַשטאַנען פון דער בלינדער לאַנגער וואַנט און פון דער הרובע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב. ווי שפּעט שמעון איז נישט געקומען פון דער ישיבה, איז די וואַנט געווען נאָך אַלץ וואַרעם און עס איז געווען אַ מחיה צו זעצן זיך מיט דער פּלייצע צו דער וואַ־רעמקייט און אַריינקוקן אין אַ ספר. דאָס געלעגער איז געווען אַ ווייכס, טאַקע אויסגעבעט מיט אַ פּערענע, נישט מיט קיין סעניק. אויף צודעקן זיך האָט מען אים געגעבן אַ פיינע וואַטענע קאָלדרע און ווען ער האָט נאָך אויף דער קאָלדרע אַרויפגעוואָרפן דעם פּאַלטאָ, האָט געמעגט אין דרויסן פּייפן אַ זאַווערוכע אָדער ברענען אַ פראָסט, איז אין בעט געווען וואַרעם ווי אין דער ברענעריי פון אַ ציגלאַרניע.

אין דער פרי איז געווען אָנגעהייצט די הרובע און דער גאַנג פון דער קוואַר־טיר צו דער ישיבה איז געווען אַ קורצער. אַ דריי־פיר גאַסן. דער שניי אויף די טראָטואַרן, פון אַלע קוואַרטירן צו דער ישיבה, איז געווען אַלעמאָל אָפּגעריי־ניקט. אין שטעטל דערציילט מען אַז אַמאָל־אַמאָל, ווען דער חפץ־חיים איז גע־ווען יונג און די ישיבה־בחורים זענען געווען קנאַפּ און זיי אַלע זענען געשלאָפן אין בית־מדרש, פלעגט זיך דער חפץ־חיים פעדערן אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן און אַליין אָפּרייניקן דעם שניי, אָדער אַרומהאַקן דאָס אייז אַרום בית־מדרש, אַ ישיבהניק זאָל חלילה זיך נישט אויסגליטשען און געניזוקט ווערן אָדער פאַרנעצן זיך פונעם שניי און זיך פאַרקילן. איצט איז דער חפץ־חיים אַ זקן, איבער זיי־בעציק. אין דער ישיבה זענען דאָ אַ פּאָר הונדערט בחורים און זיי זענען איינ־געקוואַרטירט איבער גאָר דעם שטעטל. אָבער אין די גרעסטע שנייען, העט פאַר־טאָג, זענען דאָ סטעזשקעס פון די קוואַרטירן צו דער ישיבה. דאָס האָבן עס פאַרזאָרגט די שטאָט־באַלעבאַטים. זיי האָבן באַוואָרנט, די בחורים זאָלן חלילה נישט געשעדיקט ווערן. גאַנץ ראַדין האָט געצויגן חיונה פון די פּרושים.

די קוואַרטיר איז אַלעמאָל געווען וואַרעם און ציכטיק. דער וועג צו דער

ישיבה איז געווען ריין פון שניי. דער מויער איז שטענדיק געווען ליכטיק און גוט באַהייצט. שמעון פאַרמאַכט די אויגן — מיט פאַרמאַכטע אויגן קען מען זען אַ סך בעסער, וואָס איז געשען צוריק מיט קרוב פופציק יאָר — זעט ער אַ פירקאַנטיקן גרויסן צימער אָנגעשטעלט מיט בענק און סטענדערס. אַ ליכטיק און וואַרעם צימער און די לופט אין אים וויברירט, ציטערט ווייל ס׳איז קיינמאָל נישט געווען שטיל אין דער ישיבה. אין דער פרי האָט זיך געהערט דער ניגון פון דאַווענען — אַ וואָכנדיקער אָדער שבתדיקער נוסח, בייטאָג און ביינאַכט דאָס געזאַנג פון לערנען און פאַרנאַכט אַרום מנחה־צייט — דאָס ברומען פון מוסר־לימוד. קיינמאָל איז די ישיבה נישט געווען קיין שטילע אָדער ליידיקע.

ווער קען פאַרשטיין די פאַרהוילענע קעמערלעך פון זכרון? דאָס לערנען אין ראַדין געדענקט ער, נישט נאָר דעם ניגון נאָר אויך די מסכתא וואָס ער האָט געלערנט — סנהדרין. דאָס דאַווענען געדענקט ער אויך: ס׳איז געווען אַ ליטווי־שער דאַווענען אָן איבעריקן התלהבות אָדער עקסטאַז, אַ דאַווענען על פי הלכה בלויז. אָבער דעם לימוד פון מוסר געדענקט ער נישט. נאָר מאָדנע די ספרי מוסר, וואָס ער האָט דאָרטן געלערנט זענען געבליבן אין זכרון. נאָך דעם ווי ער האָט פאַר־לאָזן ראַדין האָט ער נישט גענומען אין האַנט קיין רעליגיעזן ספר איבער צוואַנ־ציק יאָר. ווען ער האָט צוריק אָנגעהויבן לערנען, האָט ער אויסגעפונען, אַז נישט נאָר האָט ער נישט פאַרגעסן דעם „מסילת ישרים״ נאָר ס׳איז אים באַלד געקו־מען צוריק דער גאַנצער „איגרת הגר״א״, וואָס איז געווען געדרוקט צום סוף פון יענעם „מסילת ישרים״. ער האָט געקענט איבערזאָגן אויף אויסנווייניק דעם גאַנצן בריוו וואָס דער ווילנער גאון האָט געשיקט פון זיין וועג קיין ארץ־ישראל צו זיין פרוי. דער „ספר שערי תשובה״, וואָס איז געווען זייער באַליבט איז ראַ־דין איז געבליבן שמעונען פריש אין זכרון, ווי ער וואָלט אים נעכטן געלערנט.

יענער ווינטער אין ראַדין! ס׳איז אויסגערונען די דרויסנדיקע וועלט פאַר שמעונען. אַוודאי האָט ער געוווּסט אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט מיט לענדער און פעלקער, מיט מדינות און טומלדיקע שטעט. ס׳איז אויך דאָ אַ דרויסן מיט שטורעמס און ווינטן — געדיכטע פאַרשנייטע וועלדער און פעלדער מיט שטחים, מיילן ווייט, באַדעקטע מיט אַ טיפן שניי און טייכן פאַרשמידט מיט דיקן אייז. ער דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן זעט ער דערפער מיט גוים, וואָס וואַרטן אויפן פרילינג, שטעט מיט מויערן אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן. ער קען אַפילו הערן דעם אָרקעסטער, וואָס שפּילט אויף דעם קרעמענטשוגער קאַטאָק (גליטש) און די פריילעכע אויסגעשרייען פון די גליטשערס. ער געדענקט צלאל פערפּעטום מאָבילע און די פּאַרטאַגיקע שאַרפע שמועסן וועגן יוליוס ליפּערטס „די געשיכ־טע פון קולטור״ און יוסף קלויזנערס „האדם הקדמון״ — „דער פּרעהיסטאָרי־שער מענטש״. ער האָט נישט פאַרגעסן די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט. אָבער

דאָס האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט איינגעוויקלט אין פּאַק־פּאַפּיר מיט די ספרים חיצונים ביי ר׳ הירשן. איצט איז די גאַנצע וועלט ראַדין. אין מיטן פון דער וועלט איז די ישיבה און די וועלט האַלט זיך אויף צוליב די בחורים, וואָס זענען זיך מתעסק אין גאָטס תורה. דער תכלית פון דער וועלט איז לערנען תורה. ווען נישט דער לימוד פון תורה, וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין קיום. די בחורים, וואָס לערנען די תורה, האַלטן אויף די וועלט און ער איז איינער פון די לערנערס.

איי, האָט זיך געלערנט געשמאַק אין יענעם ווינטער! איי, האָט זיך גע־דאַוונט אין יענעם ווינטער! נאָך בעסער — ער האָט ווידער דערפילט, אַז ס׳איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט אַלץ, אַ האַנט וואָס פאַרשרייבט און אַ בעל־חשבון וואָס פירט אַ רעכענונג...

ראַדין, גמרא, מוסר, דאַוונען, דער חפץ־חיים. דאָס איז געווען אין יענעם ווינטער שמעונס וועלט.

**
*

שמעון איז געגאַנגען געבן שלום־עליכם דעם חפץ־חיים. ר׳ ישראל־מאיר הכהן האָט געוווינט אין אַ הויז נישט גרעסער און נישט שענער פון אַלע ראַדי־נער הייזער: אַ שטיבל געבויט פון ברעוונעס. דער דאַך געדעקט מיט גאָנט און גרין־באַוואַקסן מיט מאָך. די פענצטער זענען געווען נידעריקע, האַרט ביי דער פּריזבע. אינעווייניק איז די שטוב נישט געווען גרעסער און שענער פון שמעונס טאַטנס שטוב. ניין, ירוחם דעם שוסטערס שטוב איז געווען העכער געבויט, די פענצטער זענען געווען גרעסערע און די צימערן רחבותדיקערע. די ווענט ביים חפץ־חיים אין שטוב זענען געווען געקאַלכטע, די דילן נישט קיין געפאַרבטע און דאָס מעבל פּראָסטע פון ווייסן האָלץ און האַמעטנע, קענטיק געמאַכט פון אַ שטעטלשן בעל־מלאכה.

שמעון איז געקומען פּנים אל פּנים מיטן חפץ־חיים — דאָס זעלביקע קליין ליכטיק יידעלע, וואָס ער האָט געדענקט פון נאָך יאָרן צוריק, איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין אַ געוואַנטענער קאַפּאָטע, אַ פּראָסטע טוכענע היטל ,אויפן קאָפּ און די שיך, אַלטמאָדישע מיט ריזינקעס. אַ נידעריקער, אָבער נישט קיין דאַ־רער, מיט אַ קיילעכדיקער פּלייצע און אַ מילך־ווייסע, נישט קיין איבעריק באַ־וואַקסענע באָרד. דאָס פּנים אָן אַ קנייטש, אַ פרישס, אַ יונגס, נאָר דער שטערן טיף צעקאַרבט.

שמעון איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. קענטיק דער רבי קלייבט זיך ערגעץ אַוועקגיין. ווי גייט מען צו אים צו און ווי גיט מען אים שלום־עליכם? ווען דער רבי וואָלט געזעסן מיט גבאים, שמשים און מקורבים אַרום אַ לאַנגן טיש, אָנגעוואָרפן מיט ספרים, וואָלט געווען אַ סך גרינגער צוצוגיין צו אים.

אָבער שמעון איז לאַנג נישט געבליבן שטיין אין זיין פאַרלעגנהייט. דער

חפץ־חיים האָט אים באַמערקט און איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט:

— אַ נייער פּרוש?

— יע, רבי, איך בין געקומען אייך אָפּגעבן שלום־עליכם.

— עליכם שלום. פון וואַנען איז אַ בחור?

— פון קאַלינקאָוויטש.

— אַזש פון קאַלינקאָוויטש! ס'איז אַ מהלך פון ראַדין. איך געדענק, אַמאָל געווען אין אייער שטעטל. טייערע ייִדן. געלויבט דעם השם יתברך עס קומען צו אונדז בחורים פון די מרחקים. אַפילו פּרושים געקומען היינטיקן זמן. מען וועט דאַרפן זיצן צפופים (צונויפגעקוועטשט) אין דער ישיבה. זייט איר שוין געווען ביי ר' הירשן? געווען, האַ? געגעבן געגנוג תמיכה? אויך געגעבן מסתמא אַ סטאַנציע. ווי געפעלט אייך די סטאַנציע? אַלץ איז כשורה, גוט, גוט.

מיטאַמאָל האָט דער חפץ־חיים פאַרקנייטשט דעם שטערן:

— פון קאַלינקאָוויטש? איר זייט עס פון קאַלינקאָוויטש. א, דערמאָנט זיך. דאָס האָט אייער טאַטע געשריבן צו מיר אַ בריוול אויף עברי־טייטש. אַ טייער בריוול. אַ ייִד אַ זקן ווי איך באַפאַלט אָפּט די שיכחה. פאַרגעסן אייך צו דער־מאָנען, אַז איר וועט עסן ביי מיר שבתים. צייט גיין אין דער ישיבה.

שמעון איז געגאַנגען מיטן חפץ־חיים און עס איז אים אַרויפגעקומען אויפן זכרון די שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט אָנצוקומען קיין לידע. דאָרטן איז געווען אַ דינגעניש ווי אין אַ מסחריי און דאָ, אַ פרייד מיט יעדן פּרוש. דאָ איז מען גאָר צופרידן וואָס מען וועט זיצן צפופים, וואָס עס וועט זיין ענג.

ווען ער איז אַריין מיטן חפץ־חיים אין דער ישיבה, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויפן רבין. שמעון האָט אַן איבערראַשטער זיך געזעצט ביי אַ סטענ־דער און געעפנט אַ גמרא. דער חפץ־חיים האָט זיך געזעצט לערנען. שמעון האָט אָבער נישט אַריינגעקוקט אין דער גמרא, ווייל ער האָט נישט געקענט אַראָפּ־נעמען די אויגן פון חפץ־חיים: אָט דאָס איז דער גאון מיט וועמען עס קלינגט אַ וועלט? זיין הנהגה איז אַפילו נישט קיין ענוות. פּשוט אָט דאָס דאָזיקע ליכ־טיק ייִדעלע גלייבט טאַקע, אַז עס קומט אים נישט קיין כבוד. ער מיינט טאַקע באמת, אַז ער איז נאָר אַ פּראָסטער ייִד, וואָס וויל דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן ווי אַלע ייִדן. נישט אומזיסט האָט מען אים אָפּט אָנגענומען אויף זיינע נסיעות פאַר אַ פּראָסטן ייִדן, וועמען עס קומט נישט קיין כבוד.

שמעון האָט זיך אויפגעהאַדעוועט אין אַ שטוב פון אַ בעל־מלאכה. בעל־מלאכות האָבן פיינט אָנשטעל, אויפגעבלאָזנקייט און שמאָלץ בכלל. דערפאַר האָט אים דעם חפץ־חיימס אויפפיר אַזוי אימפּאָנירט: אָט אין דעם דאָזיקן קליין שטעטל לעבט אַ וועלט־גאון, אַ מפורסם, וואָס די גאַנצע ייִדישע וועלט הערט זיך

צו אים צו, דאָך איז נישטאָ אין אים קיין סימן פון פּאַרריסנקייט, קיין שמץ פון גאווה און קיין טראָפּן פון אָנגעבלאָזנקייט. עס גייט אַרום אַ וועלט־גאון, אַ מחבר פון דרייסיק ספרים, גרויס אין הלכה, אגדה און מוסר און ער האָט נאָר איין דאגה: ער איז נישט געניג יוצא פאַר גאָט און לייט, איז פאַרוואָס קומט אים כבוד?

שמעון האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם חפץ־חיים און ווען ער איז אַריין אין דער ישיבה האָט זיך קיינער נישט אויפגעשטעלט פאַר אים. אַן אַנדערע הנהגה פון די תלמידים וואָלט אים פאַרשאַפט צער. און רצונו של אדם זהו כבודו — נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון אַ מענטש דאָס איז זיין כבוד. אָבער באַלד האָט שמעון אויסגעפונען, אַז די תלמידים האָבן געהאַט זייער אייגענעם דרך אָפּצוגעבן כבוד צום רבין. ווי נאָר דער חפץ־חיים האָט זיך געזעצט ביים סטענדער און געעפנט די גמרא, איז דער גמרא־ניגון אין דער ישיבה געוואָרן שטאַרקער און העכער, מונטערער און פריילעכער. דאָס איז געווען דער אופן פון די תלמידים צו פאַרשאַפן אַ נחת־רוח דעם רבין און אָפּגעבן אים כבוד.

שמעונען זענען נאָך מער געפעלן געוואָרן די שבתים ביים חפץ־חיים. ווען מען איז געקומען פון שול, האָט דער חפץ־חיים אָפּגעזאָגט די „שלום־עליכמס" אויף גיך — גיך ווי אָפּגעכאַפּט און באַלד זיך געזעצט ביים טיש מיט די אורחים. ער האָט אַלעמאָל מורא געהאַט טאָמער איז עמעצער פון די אורחים הונגעריק און אַז ער וועט אויסציִען די „שלום־עליכמס" וועט ער אים מצער זיין. די זמירות צווישן די געריכטן האָט מען נישט פאַרפעלט, אָבער ס'איז געווען נישט מער ווי אַ זאָגן אָבער נישט קיין לאַנג־דויערנדיק געזאַנג. די ישיבהניקעס האָבן זיך דורכגעוואָרפן צווישן זיך מיט תורה־שמועסן ביים מאָלצייט, אָבער דער חפץ־חיים האָט נישט גערעדט ביים עסן. די געריכטן האָט מען דערלאַנגט אָן הפסקות. ערשט נאָכן בענטשן האָט דער חפץ־חיים אָנגעהויבן ריידן אין לערנען.

דער חפץ־חיים פלעגט קיינמאָל נישט האַלטן קיין פּלפּול. ער האָט געהאַלטן אַ מוסר אָדער אַ תורה־שמועס. געוויינלעך האָט ער געהאַלטן זיין לענגערן תורה־שמועס נאָך שלוש־סעודות. אָבער נישט זעלטן — אַ קורצן תורה־שמועס אויך שבת בייטאָג נאָכן עסן.

שמעונען האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אַ צאָל שמועסן. איבערהויפּט די ערשטע עטלעכע שמועסן, וואָס ער האָט געהערט, ווייל זיי האָבן זיך דעמאָלט אַריינגעפּאַסט אין זיין געמיט־צושטאַנד. דעם תמצית פון די שמועסן האָט שמעון איצט געפונען אין הרב מאיר ישרס ביאָגראַפיע פון חפץ־חיים, אָדער אין חפץ־חיימס ווערק. אָפט אין אַן אַנדער לבוש ווי ער געדענקט זיי און שרייבט זיי דאָ אַראָפּ.

דער אופן ווי דער חפץ־חיים האָט געזאָגט זיין תורה־שמועס איז געווען זייער אייגנאַרטיק. ער האָט געזאָגט דעם שמועס אָן אַ ניגון, אָן וועלכער עס איז פייערלעכקייט. ער האָט געשמועסט ווי מען רעדט געוויינלעך פנים אל פנים צו אייגענע. זיין טאָן איז געווען אַזאַ ווי איינער רעדט צו זיך הויך אויפן קול, אָט ווי איינער מוסרט זיך אַליין, אָדער פרעגט זיך אָפּ, טענהט זיך אויס מיט זיך אַליין.

ער האָט גערעדט זייער בילדלעך און מיט געפיל. שמעון וואָס האָט געקענט מאַכן אַ מעשה פון אַ וואָרט, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט, איז אַנגעצונדן געוואָרן פון חפץ־חיימס אָפּשילדערן אַ געדאַנק. געוויינלעך האָט ער דעם חפץ־חיימס רייד געענדערט לויט אייגענער פאַנטאַזיע נאָך און צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און געדאַנקענגאַנג.

דער חפץ־חיים פלעגט בענטשן פּאַמעלעך, רויק, אָן געוואַלדן אָדער פרומע העוויות. באַלד נאָכן בענטשן האָט ער אָנגעהויבן דעם תורה־שמועס. אָט איז דער ערשטער שמועס וואָס שמעון געדענקט:

— די גמרא זאָגט: טובה מרדות אחת בלבו של האדם — ס'איז בעסער איין טאַדל אין דעם מענטשנס האַרצן יותר מכמה מלקיות — מער פון אַ סך שמיץ. וואָס מיינט עס? עס מיינט השפעות וואָס קומען פון דרויסנדיקע סיבות ווי יסורים, אָדער אומגליקן, רחמנא לצלן, ווירקן נישט אַזוי שטאַרק אויפן מענטשן, מאַכן אים נישט אַזוי גוט און פרום ווי אַ טאַדל וואָס קומט צו אים פון זיין אייגן האַרץ, ווען ער מאַכט אַ חשבון מיט זיין זעל — אַ חשבון־הנפש.

— אָבער מען טאָר זיך נישט צופרידנשטעלן מיט אַן איינמאָליקן טאַדל, מיט אַ צופעליקן חשבון הנפש. מען דאַרף איינשטעלן אַ פעסטע צייט פאַר אַ חשבון הנפש. אַנדערש קען מען נישט דערגרייכן דעם ציל. דערפאַר דאַרף אַ מענטש באַשטימען פאַר זיך יעדן טאָג, אָדער לכל הפחות יעדע וואָך, אַן איינגעשטעלטע שעה צו בלייבן ביחידות אין זיין חדר. אָפּזאָגן זיך אין יענער שעה פון אַלע זיינע דאגות און מאַכן אַ חשבון וועגן זיין סוף און זיין גרייט פאַר יענעם טאָג.

אין יענעם שבת־פאַרנאַכט איז שמעון אַרויס פון חפץ־חיימס שטוב מיט אַ גרויסער פרייד אין האַרצן: ס'איז כדאַי געווען צו קומען קיין ראַדין. ביים חפץ־חיים איז נישטאָ ר' לייזערס שרעק פאַר יענער וועלט און די מורא פאַר שטראָף איז ביי אים נישט אַזוי גרויס ווי די פאַדערונגען פון האַרצן.

ווען ער איז געקומען נאָך הבדלה צו זיך אויפן קוואַרטיר, האָט ער אויסגעגאָסן זיין עקזאַלטאַציע פאַר משה־מרדכין, דעם פּרוש פון פוילן:

— איר פאַרשטייט? דער חפץ־חיים שטעלט אַוועק יראת שמים אויף דעם יסוד פון טענות און תרעומות צו זיך אַליין. ער האַלט אַז זעלבסט־טאַדל קען

ברענגען צו אַ רעכטפאַרכטיקן לעבן מער ווי שרעק פאַר יסורים אויף דער וועלט, אָדער די שמיץ אויף יענער וועלט. הערט זיינע רייד... — און שמעון האָט אי־בערגעזאָגט וואָרט אין וואָרט דעם חפץ־חיימס תורה־שמועס.

משה־מרדכי האָט אים רויק אויסגעהערט, פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס און געזאָגט:

— איר זייט זיך טועה, שמעון. דער חפץ־חיים האָט אַביסל באַהאַלטן, צו־געדעקט. אָבער די בייטש אין דער רעכטער האַנט און די שטיקער לוויתן און שור־הבור אין דער לינקער האַנט זיי זענען דאָ. ער האָט געמיינט גאָר אַנדערש פון וואָס איר טייטשט אַריין אין זיינע רייד. ער האָט טאַקע געמיינט, אַז די התעוררות, וואָס קומט פון זעלבסט־טאַדל איז גרעסער ווי זי וואָלט געקומען פון יסורים. אָבער וואָס דאַרף די התעוררות ברענגען? פרומקייט: מער דאַוונען, מער לערנען, מער זיין אָפּגעהיט בין אדם לחברו ובין אדם למקום — צווישן מענטש און מענטש, און מענטש און גאָט. פאַרוואָס דאַרף מען זיין שטאַרק פרום? ווייל דער שכר פאַר זיין פרום איז גרויס אויף יענער וועלט און די שטראָף פאַר זינד איז נישט צו באַשרייבן. געדענקט! דער יסוד איז שכר ועונש. אייערע רייד שמעקן מיט חקירה און פון חקירה האַלט נישט דער חפץ־חיים.

חדשים שפּעטער האָט שמעון מסכים געווען מיט משה־מרדכין. דערווייל איז ער אָבער באַצויבערט געוואָרן פון ראַדין און פון דעם חפץ־חיים. דאָס וואָס באַך קרוב פופציק יאָר געדענקט ער אַ סך פון די שמועסן, איז אַ סימן אַז זיי האָבן שטאַרק געווירקט אויף אים. איבערהויפּט געדענקט ער ווי ער פלעגט אַ באַגייסטערטער, די ערשטע חדשים, איבערחזרן די שמועסן פאַר משה־מרדכין און שפּעטער פאַרביידן: פאַר משה־מרדכין און דעם קרינקער עילוי ברוך־דודן, ביידע האָבן אָפּגעפרעגט דעם חפץ־חיים. ביידע זענען געווען שאַרפע משכילים און סוף־כל־סוף איז זיי געלונגען איבערצורעדן שמעונען אויף זייער צד. די וויכוחים זענען אָנגעגאַנגען אַ גאַנצן ווינטער. שמעון האָט זיך נישט גרינג אונטער־געגעבן.

איינער פון די ערשטע שמועסן, וואָס שמעון האָט געהערט פון דעם חפץ־חיים איז געווען וועגן די קאָנטאָניסטן און יידישע זעלנער בכלל. פאַר וועמענס לאַגע דער חפץ־חיים האָט אַ סך געזאָרגט. ער האָט אָנגעהויבן דרשהנען אַ פּסוק, אַ האַלבער פון אים געפינט זיך אין דער שמונה־עשרה פון דער שבתדיקער מנחה:

— עס שטייט אין דברי הימים — האָט דער חפץ־חיים אָנגעהויבן מיט זיין געוויינלעכן טאָן, — ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ — וועלכע אומה איז ווי דיין פאָלק ישראל איין אומה אויף דער וועלט? און ווייטער שטייט געשריבן: ותתן את עמך ישראל לך לעם עד עולם — און דו האָסט באַשטימט אויף אייביק פאַר זיך דיין פאָלק, ואתה ה׳ היית להם לאלהים — און דו גאָט ביסט געוואָרן

זייער גאָט. צו מנחה זאָגן מיר: אתה אחד ושמך אחד — דו ביסט איינער און דיין נאָמען איז איינער. ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ — און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל, איין פאָלק אויף דער וועלט? איין פאָלק אויף דער וועלט וואָס איז מקדש השם — הייליקט גאָטס נאָמען. נעמט דעם גורל פון דעם ייִדישן זעלנער איצט. שלעכט איז זיין מצב. ער ווערט פאַרטריבן אין ווייטע, פרעמדע רוסישע שטעט ווו מען הערט נישט קיין ייִדיש וואָרט. די עינויים, די פּייניקונ־גען זיינע זיינען טאָפּלטע: פאַר יעדער קליינקייט באַשטראָפט מען אים. מען רייסט שטיקער פון אים. און דערצו מוז ער לעבן אָן כשרות, אָן שבת, אָן תפילין, אָן דאַוונען בציבור. רק ער הערט גראָבע רייד און ניבול פה. ס'איז אַ לעבן אָן טעם און אָן פרייד. אָבער דאָס אַלץ איז נישט צו פאַרגלייכן צום גורל פון די אַמאָליקע ייִדישע סאָלדאַטן. מען האָט אַוועקגעריסן קליינע קינדער פון דער ייִדישער היים, אָפט האָט מען זיי אַוועקגעכאַפּט אַזוי יונג ווי צו זיבן אָדער אַכט יאָר. מען האָט אָט די דאָזיקע תינוקות של בית רבן — די עופהלעך פון חדר — פאַרשיקט ווייט, ווייט טיף אין ראַסיי און זיי אָפּגעגעבן דינען ווי עבדים כנענים צו פויערים. דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט פּאַשען געגנדז אָדער חזירים, ביז אַכצן יאָר, אונטער דער שטרענגער השגחה פון די גראָבע נפשות — די „דיאַדקעס״ — עלטערע סאָלדאַטן. אָט די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען אַוועקגעריסן געוואָרן אַזוי יונג פון טאַטע־מאַמע, פון חדר, האָבן דאָך נישט צייט געהאַט אָפּצולער־נען אַ פּרשה חומש מיט רש״י. אַלץ, וואָס זיי האָבן געדענקט, איז „מודה אני״ און „קריאת שמע״. און דאָך זענען די דאָזיקע עופהלעך בייגעשטאַנען די שווער־סטע נסיונות און געבליבן ייִדן.

דער חפץ־חיים איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך אָנגע־הויבן מיט התלהבות, גאַרנישט ווי זיין שטייגער:

— אין אַ פרעמד טמאדיק לאַנד האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ קליין ייִדעלע. אָנגעטאָן ווי אַ שגצל. אָן ציצית און אָן אַ סימן פון פיאות, אָן אַ היטל, מיט אַ גראָב לייוונטן העמד איבער די הייזלעך; אַ באָרוועסער האָט ער געטריבן געגנדז אויף פּאַשע און אין מיטן פעלד האָט ער געזאָגט „מודה אני״ און „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״. די פרעמדע, גויִישע לופט פון טיף ראַסיי האָט צום ערשטן מאָל, זינט ששת ימי בראשית, די ערשטע זעקס טעג פון וועלט־באַשאַף, גע־הערט די הייליקע ייִדישע ווערטער. די דאָזיקע קליינע ייִדעלעך זענען דאָך גע־ווען אין דער בחינה פון אברהם אבינו, — איין־און־איינציקער ייִד אין אַ וועלט פון גויִים. איך זע פאַר זיך אַ קליין ייִדעלע אָנגעטאָן ווי אַ שגצל, ער האַלט אַ שטעקן אין האַנט צו טרייבן די געגנדז. אַרום אים פעלד און וואַלד, און אויבן — אַ בלויער הימל. דאָס ייִדעלע הייבט־אויף דעם קאָפּ צום הימל און שרייט אויס: שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד — להכעיס דער גאַנצער גויִישער וועלט.

נאָך הבדלה האָט שמעון איבערגעחזרט פאַר משה־מרדכין דעם גאַנצן שמועס. ווי אַלעמאָל האָט ער עס איבערגעגעבן מיט זיין אייגן לשון און מיט באַפּוצונ־גען. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער אויסגערופן מיט נצחון: „נו, וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ שמועס?"

משה־מרדכי האָט רויִק געענטפערט:

— איר האָט אַ שיין לשון. ווי איר איבערדערציילט עס, האָט דער אַלטער היינט שיין גערעדט. אָבער ווּעגן די קאַנטאַניסטן האָט יהודה שטיינבערג אָנגע־שריבן אַ גאַנץ בוך. עס רופט זיך „בימים ההם". ווען איר וואָלט איבערגעלייענט דאָס בוך, וואָלט איר אַזוי נישט נתפעל געוואָרן פון דעם אַלטנס שמועס. בכלל זייט איר, שמעון, אַ צו גרויסער חסיד פון אַלטן. אַזאַ היץ האָלט נישט אָן לאַנג. איר'ט זיך אָפּקילן.

שמעון איז אָבער אַלץ מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון ראַדין. מענטשן מיט אַזעלכע מידות טובות האָט ער נאָך נישט געזען, ר' הירש. וויפל ר' הירשן זע־נען דאָ ביי ייִדן?

שמעון איז שוין מער ווי צוויי חדשים אין דער ישיבה. עס לערנט זיך גע־שמאַק. אָבער קיין צופיל משמורים האָלט ער נישט. די ישיבה האָט אָנגענומען דעם חפץ־חיימס שיטה אַז אַ משמור, זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט און לערנען, איז אָפּט יצא שכרו בהפסדו — דער פאַרדינסט איז קלענער פונעם פאַרלוסט. מען לערנט טאַקע שעהן אין דער נאַכט, אָבער דער טאָג נאָכן משמור איז אַ געפּטר־טער. מען איז מיד און שלעפעריק. איז אין ישיבה געווען איינגעפירט, אַז בלויז דאָנערשטיק האָט מען געהאַלטן אַ משמור, איבערהויפּט ווינטער, ווען די טעג זענען קורץ און איידער מען קוקט זיך אַרום, קומט אָן דער שבת.

שמעון האָט אָפּגעהיט די משמורים. איין מאָל אַ דאָנערשטיק איז ער גע־זעסן און געלערנט געשמאַק, האָט ער דערפילט אַז עמעצער שטייט לעבן זיין רעכטער זייט. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און דערזען ר' הירשן. איידער שמעון האָט צייט געהאַט זיך אויפצושטעלן, האָט ר' הירש אַ זאָג געטאָן נעוי־מותדיק:

— קאַלינקאָוויטשער, גיט מיר רשות זיך אָוועקצוזעצן לעבן אייך און אָפּ־לערנען אינאיינעם אַ בלאַט גמרא.

— אַוודאי, רבי, אַוודאי, — האָט שמעון געענטפערט שלינגענדיק די ווער־טער, — אויב איך דאַרף אייך געבן רשות צו זעצן זיך לעבן מיר, גיב איך עס אייך מיטן גאַנצן האַרצן.

אין די צוויי חדשים, וואָס שמעון איז געווען אין ראַדין, האָט ער אָפּגעלערנט פולע דרייסיק בלאַט גמרא מיט מפרשים. ווען ר' הירש האָט זיך אַוועקגעזעצט

לעבן דער אָפֿענער גמרא, האָט ער אַ מיש געטאָן אויף צוריק צום דף ה׳, פינפטן בלאַט.

אַ גאַנצע שעה האָט ר׳ הירש געלערנט מיט אים. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו שמעונען:

— אַ יישר כוח אייך, קאַלינקאָוויטשער. באמת אַ יישר כוח. אָבער עס איז שוין שפעט, צייט גיין שלאָפן.

שמעון איז געבליבן זיצן ווי אַ באַטרונקענער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אים ר׳ הירש פאַרהערט, וואָס ער קען און דערוויייל אויסגעפונען, וואָס פאַר אַ פעולה ער האָט געהאַט אין דער ישיבה.

ער האָט שוין דעמאָלט דערפילט די איידלקייט און אייגנזעעניש פון ר׳ הירשן. אָבער איצט, נאָך קרוב פופציק יאָר פון יענער צייט, קען ער עס מער אָפשאַצן. ער געדענקט גוט די עינויים, וואָס ער איז דאָ דורכגעגאַנגען פאַר יעדן עקזאַמען אין אוניווערסיטעט. ער האָט עס דורכגעלעבט אַליין און יאָרן שפעטער זיך געפייניקט מיט זיין בחור יעדן סעמעסטער אין קאָרנעל און אין האַרוואַרד. ער איז אויך געווען אַ שותף אין דעם צער פון די טעכטער פאַר די עקזאַמענס אין ברוקלין קאַלעדזש און קאַלאַמביאַ. די גרויסע אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן האָבן זיך עפּעס געמעגט אָפלערנען פון ר׳ הירשן.

***

נאָך דעם פאַרהערן פון ר׳ הירשן ווערט ביי שמעונען אין זכרון איבערגעריסן דער סדר פון די געשעענישן; די תורה־שמועסן פון חפץ־חיים, די וויכוחים מיטן קריניקער עילוי און משה־מרדכין; פאַרדראָסן, חלומות, שפאַצירן הינטערן שטאָט, די פרילינג־טעג און די הייסע זומער־פאַרנאַכטן — אַלץ איז צונויפגעוויקלט אין איין קנויל. נישטאָ קיין שפּעטערדיקע אָדער פריערדיקע געשעענישן. אַלץ איז צונויפגעפלאָנטערט. די געשעענישן געדענקט ער קלאָר, אָבער נישט דעם סדר און צייט. שמעון ווייסט, אַז ער האָט אויסגעשטעלט אין זכרון די געשעענישן אין אַ לאָגישער אָרדענונג, כדי ער זאָל זיי בעסער געדענקען און קענען זיי איבערדערציילן. אין לעבן זענען געשעענישן קיינמאָל נישט אין אַזאַ לאָגישן סדר.

ווי אַלעמאָל האָט שמעון אין די אָוונטן געלערנט פאַר זיך זיינע אַלטע לימודים: משניות, תנ״ך און זיין באַליבטן מדרש דעם תנא דבי אליהו און אַנדערע מדרשים. דער חדר איז געווען אַ רחבותדיקער — עס איז דאָרטן געווען גענוג אָרט פאַר צוויי בעטן, אַ קאָמאָד, אַ טיש, דריי שטולן און אַ שאַפע פאַר קליידער. עס איז נאָך געבליבן ווו אַוועקצושטעלן משה־מרדכיס קאַרזינקע און שמעונס קעסטל און עטלעכע פעקלעך, וואָס משה־מרדכי האָט אַלע וואָך געקראָגן פון דער היים. פון דער סטעליע איז אַראָפּגעהאַנגען אַ צוועלפער לאָמפּ, וואָס האָט

זייער העל באַלויכטן דעם צימער. שמעון האָט חושד געווען אַז משה־מרדכי האָט געצאָלט אַ סך מער פֿאַר דער קוואַרטיר ווי ער שמעון, וואָס האָט געצאָלט דעם איינגעשטעלטן מקח פֿון דער ישיבה. אויב ער מאַכט נישט קיין טעות, איז דאָס געווען דרייסיק קאָפּיקעס אַ וואָך.

עס האָט זיך אים איינגעקריצט אין זכרון משה־מרדכיס פּאָזע ווען ער איז געזעסן און געלייענט ביי זיך אין חדר. ער פֿלעגט זיצן אויף דער שטול לעבן עק טיש, וואָס איז געווען לעבן הרובע, אָנגעבויגן די שטול צו דער וואַנט. די שטול איז געשטאַנען אויף די צוויי הינטערשטע פֿיסלעך. משה־מרדכי איז קונציק געזעסן אויף איר. די פּאַטעלניצע אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט און די לאַנגע פֿיס זיינע האָרט אויפֿן דיל. דאָס פּוילישע היטעלע איז געווען ביי אים פֿאַררוקט אויף דער פּאַטעלניצע אַזוי, אַז עס האָט אויסגעקוקט ווי משה־מרדכי וואָלט געזעסן אָן אַ היטל. ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן אַ בוך, אַ צייטונג אין איין האַנט און אַ נאַשעריי אין דער אַנדערער האַנט.

שמעון האָט געוווּסט ווי אַזוי משה־מרדכי פֿלעגט קריגן זיינע ביכלעך און זשורנאַלן. קיין פּאַטשט איז אין ראַדין נישט געווען, מען האָט עס געבראַכט פֿון נאָענטן שטעטל. משה־מרדכי האָט געקראָגן אַלע וואָך פּעקלעך עסן פֿון דער היים. מיט די פּעקלעך האָט ער אויך געקראָגן זשורנאַלן, ביכער און צייטונגען אויף יידיש, העברעיש און פּויליש. זיין שוועסטער האָט עס פֿאַרזאָרגט פֿאַר אים.

אַ צוויי וואָכן פֿאַר חנוכה האָט דער קריניקער עילוי אָנגעהויבן אַריינקומען דריי מאָל אַ וואָך צו משה־מרדכין. דער קריניקער האָט אויך געגעסן שבתים ביים חפֿץ־חיים. שמעון האָט אים דאָרטן באַמערקט דעם ערשטן שבת. ער האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן: ער איז געווען זייער קורצזיכטיק און געטראָגן שפּאָקולן מיט אַזעלכע דיקע גלעזלעך, אַז די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון זיי ווי צוויי גרויסע טינט־פֿלעקן. דערצו האָט ער געהאַט אַ מאָדנע מידה: ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעהערט דעם אַנדערנס רייד. מיט זיין שאַרפֿן מוח האָט ער פֿאָראויס געוווּסט, וואָס יענער וויל זאָגן און מיט וואָס ער וויל פֿאַרענדיקן, האָט ער אַלע־מען איבערגעשלאָגן אין מיטן און איבערגעריסן זייערע רייד מיטן זעלביקן פּזמון: „מיינט איר דאָך... אַזוי און אַזוי. דאָס קען מען דאָך אָפּפֿרעגן". שמעונען איז נישט איינגעפֿאַלן חושד צו זיין אים אין השכלה. שמעון האָט שפּעטער אויס־געפֿונען, אַז ווען דער קריניקער האָט זיך דערוווּסט פֿון משה־מרדכין, אַז שמעון איז נישט פֿון די קנאישע בחורים, האָט ער אָנגעהויבן ווידער אַריינקומען צו משה־מרדכין, ווי מיט אַ יאָר פֿריִער. ווען ער, משה־מרדכי, האָט געהאַט אַ צי־מער איינגאַנצן פֿאַר זיך.

ווען דער קריניקער פֿלעגט קומען, האָט משה־מרדכי געהאַט פֿאַר אים אָנ־געגרייט זשורנאַלן, צייטונגען און נאָך אָפּטער אַ בוך. ער האָט זיך אַוועקגע־

זעצט אויף דער מיטלסטער שטול, צוגעטראָגן דאָס געלייענטע שריפט גאָר נאָענט צו די אויגן, אַזוי אַז די נאָז האָט כמעט אָנגערירט דאָס פּאַפּיר. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרנייגט אָן אַ זייט און ווען ער האָט געלייענט, איז ער געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטער, צוגעשמידט צו דער שטול. נאָר די אויגן האָט ער געפירט פון איין עק שורה צו דער אַנדערער. ווען ער האָט געענדיקט עפּעס לייענען, האָט ער געהאַט צוויי פאַרטיקע ווערטלעך: „עס איז נאָך גוט, וואָס פּאַפּיר מאַכט מען פון שמאַטעס. אַנישט וואָס פאַר אַ היזוק עס וואָלט געווען“, אָדער „אָן אייזערנער קאָפּ“.

נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט לייענען, האָבן זיך די חברים געזעצט טרינקען טיי. גוטן צובייס האָט משה־מרדכי אַלעמאָל געהאַט און צוקער גאַנצע היטלען. שמעונען האָט משה־מרדכי נישט אויסגעלאָזן. די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט דריי גלעזער און שעלכלעך. די דרייען זענען געזעסן און געטרונקען. אָבער ריידן צווישן זיך, האָבן נאָר גערעדט משה־מרדכי מיט דעם קריניקער. אויף שמעונען האָבן זיי זיך נישט אומגעקוקט.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס שמעון האָט געהאַט אַ ווערטער־געפּעכט מיט ברוך־דודן, דעם קריניקער עילוי, איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם ווי ר׳ הירש האָט אים, שמעונען, פאַרהערט. עד־היום האָט אָפּט אויף שמעונען אַ ווירקונג אַן אָפּגעריסענע פראַזע, אַ שורה פון אַ ליד, אָדער אַפילו אַ געווייגלעך און פּראָסט וואָרט. בכלל באַווירקן אים נישט זעלטן קלייניקייטן, וואָס קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי. ער טייטשט אין זיי אַריין פאַנטאַסטישע ענינים און וואָגיקע געדאַנקען, וואָס קיינעם וואָלט עס נישט אַרויף אויפן זינען. אַזוי איז געווען מיט ר׳ הירשס פאַרהערן.

ווען ר׳ הירש האָט פאַרהערט שמעונען, האָט ער דעמאָלט געהאַלטן ביים דרייסיקסטן בלאַט גמרא, דף ל׳, אין דער מסכתא סנהדרין. ר׳ הירש האָט אַ מיש געטאָן די בלעטער פון גמרא צוריק צום בלאַט פינף, דף ה׳. שמעון האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען און אַריינטראַכטן: פאַרוואָס האָט ר׳ הירש אויסגעקליבן דווקא דף ה׳? טעג גאַנצע האָט שמעון געפאָרשט און געזוכט און גענישטערט יעדעס וואָרט און אויסגעטייטשט יעדן אויסדרוק פון בלאַט גמרא ביז ער האָט „געפונען“ אַ באַשייד פאַרוואָס דווקא דף ה׳. ער איז אַזוי געוואָרן פול מיט התפּעלות פון זיין געפינס, אַז ער האָט עס נישט געקענט איינהאַלטן אין זיך. ער האָט געמוזט טיילן זיין פרייד מיט עמעצן. ווען דער קריניקער עילוי און משה־מרדכי האָבן זיך געזעצט טרינקען טיי, גרייט פאַר אַ שמועס, האָט זיך שמעון צעלאָזן:

— עס איז געווען פאַר מיר אַ פּלאַדיקע זאַך פאַרוואָס ר׳ הירש האָט מיט מיר געלערנט דף ה׳ ווען ער האָט מיך פאַרהערט. איך האָב דעמאָלט געהאַלטן ביים דף ל׳. קען מען דאָך פרעגן: ממה נפשך, האָט ער געוואָלט וויסן צי איך

פּאַרשטיי וואָס איך לערן, האָט ער מיך געקענט פאַרהערן דעם לעצטן בלאַט גמרא, וואָס איך האָב געלערנט. אלא וואָס, האָט ער געוואָלט וויסן צי איך קען בכלל מאַכן פאַר זיך אַ לייענען? האָט ער דאָך מיט מיר געקענט לערנען אינגאַנצן אַ פרישן בלאַט גמרא. פאַרוואָס אָבער דווקא דף ה׳?

שמעון האָט זיך צעשאָקלט אין זיין ריידן, ווי ער וואָלט געחזרט אַ סוגיא אויף אויסנווייניק, און סיי משה־מרדכי און סיי ברוך־דוד האָבן אויפגעהערט טרינקען דעם טיי און זיך צוגעהערט צו אים. שמעון האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב זיך געוווּנדערט און געוווּנדערט און איך האָב נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דורכגעלערנט דעם בלאַט גמרא, גרונטאָווּנע דורכגעלערנט, און איך האָב פאַרשטאַנען ר׳ הירשס מיין. ער האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז די אַלע ספרים חיצונים — לידער און מעשה־ביכלעך זענען פּאַוטינע (שפּינוועבס) כלפּי אַ בלאַט גמרא. די אַלע ביכלעך וויקלען איין אַ פּיצעלע געדאַנק אין אַ סך שיינע רייד און בילדער. די ראַם איז אַ גרויסע. אין ראַם — אַ גרויסער ווייסער קאַר־טאָן און אין מיטן קאַרטאָן אַ קאַרטינקעלע (אַ בילדל), די גרויס ווי אַ טל־מטרל אין אַ קליין סידורל. אָבער די תורה הקדושה רעדט אַלעמאָל נאָר וועגן עיקר־זאַכן. גיט אונדז געבאָטן מיט וועלכע אַ מענטש קען לעבן. תורה פירט צו אַ תכלית, צו אַ ציל. דאָס ווערט טאַקע אָנגעוויזן אין יענעם דף, וואָס רעדט וועגן סמיכה. דער וואָס איז זיך מתעסק לאַנג אין דער תורה, וועט סוף־כל־סוף זוכה זיין צו האָבן דעם רשות פון יורה, יורה. אויב מען וועט קומען צו אים צו פסקע־נען אַ דין, פרעגן אים וואָס מען מעג טאָן און וואָס מען טאָר נישט, איז יורה: מעג ער פסקענען. ידין, ידין — ער מעג אויך משפטן וועגן געלט־זאַכן. דאָס קען ער טאָן, נישט ווייל ער אַליין נעמט זיך רשות — ער נעמט זיך דאָס רעכט צו פסקענען ווייל ער איז אַ בעל גאווה, ער האַלט פון זיך, ער זאָגט: „איך קען״, ווי די שרייבערס פון מעשה־ביכלעך, אָדער זינגערס פון לידער טוען — זיי שרייבן אָן רשות. ניין, ער מעג פסקענען און משפטן אין דברי תורה און געלט־זאַכן, ווייל מען האָט אים געגעבן רשותאָ־סמיכה. און דער וואָס האָט אים געגעבן רשותאָ — דאָס רעכט צו פסקענען — האָט אויך געקראָגן דאָס רעכט פון אַ פריערדיקן בר סמכא (אויטאָריטעט). דאָס גייט אַריבער פון דור צו דור, אַט ווי עס שטייט פאַרשריבן אויף דף ה׳ אין סנהדרין: רבה בר חנה האָט געזאָגט: איך האָבן געקראָגן רשותאָ, סמיכה, פון אבא מרי, אבא מרי פון רב, רב פון רבי חייא און ר׳ חייא פון רבי הקדוש. און עס ציט זיך נאָך ווייטער אַזש ביז משה רבנו. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ר׳ הירש האָט מיך פאַרהערט אין דף ה׳. ער האָט געהאַט אַ טיפן מיין דערביי.

ווען שמעון האָט זיך צעקאָכט, איז משה־מרדכי געבליבן זיצן ווי אַ פאַר־גליווערטער אויף זיין שטול מיטן ווענטל אָנגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ער האָט

אָנגערוקט דאָס פוילישע היטעלע איבער די אויגן, צו פאַרשטעלן די שיין פון דעם לאָמפּ, אַזוי אַז ער זאָל קענען בעסער קוקן אויף שמעונען. אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל געמישט פון שפּאָט און צופרידנקייט. דער קריני־קער עילוי, ברוך־דוד, האָט אָנגעשטעלט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויף שמעונס מויל און געקוקט אויף דעם עקזאַלטירטן שמעונען מיט אַזאַ חידוש, ווי ער וואָלט דערהערט פלוצים אַ זייגער צעריידן זיך. ווען שמעון האָט אָפּגערעדט, האָט משה־מרדכי האַסטיק אַ קער געטאָן די שטול אַזוי, אַז זי איז געבליבן שטיין אויף אַלע פיסלעך, און אַ זאָג געטאָן צו ברוך־דודן:

— נו, ברוך־דוד, געהערט אַ לשון און אַ חיתוך־הדיבור? וואָס מיינט איר נאָך דעם ווי ער וועט פאַרלאָזן ראַדין און זיך נעמען צום שרייבן, וואָס וועט ער שרייבן? פּאָעזיע אָדער פּראָזע?

— אויב ער וועט שרייבן, וועט ער שרייבן נאַרישקייטן — האָט ברוך־דוד געענטפערט מיט ביטול. — אַ פול מויל מיט גלאַטע רייד און קיילעכדי־קע ווערטער, אָבער די צונג ווי די פליגלען פון אַ ווינטמיל, — געשטופּט פון ווינט, פון גאָרנישט.

משה־מרדכי האָט דערזען, אַז שמעון איז געוואָרן בלייך און דערנאָך רויט פון פאַרדרוס און פאַרשעמטקייט, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— זאָל אייך, שמעון, נישט פאַרדריסן ברוך־דודס רייד. ער רעדט אַזוי צו אַלעמען. באמת איז ביי מיר אַ פּלא, וואָס ער האַלט זיך איין און רעדט נישט אַזוי צום חפץ־חיים און צו ר׳ הירשן. ברוך־דוד האָט גאָר אַ שאַרפן קאָפּ. ער רעדט אַלעמאָל מיט שכל. אָבער נישט אַלעמאָל זענען עס דברי־טעם (גלייכע און קלו־גע רייד), ווייל דאָס האַרץ אַרבעט ביי אים נישט. ער איז כולו לאָגיק. צופיל שכל.

דער קריניקער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און נאָכגעקרימט משה־מרדכיס רייד:

— צופיל שכל, אָן האַרץ, כולו לאָגיק — דאָס זענען פאַרטיקע אָנגעגרייטע ווערטער. ס׳איז געמאָלן צעמאָלענע מעל. דער קאָלינקאָוויטשער מיינט, אַז נאָר ביי ייִדן איז דאָ סמיכה. אַלע אמונות, רעליגיעס און גלויבנס גיבן סמיכה זייערע פּריסטער און גייסטלעכע. און וואָס זענען דיפּלאָמען פאַר דאָקטוירים, אינזשע־ניערן, אַרכיטעקטאָרן, אַדוואָקאַטן — נישט קיין סמיכה? אַלע די וואָס דאַרפן אויספירן באַשטימטע עובדות אין טאָג־טעגלעכן לעבן: היילן מענטשן, בויען באַנען, פירן מלחמות, פּסקענען דינים — דאַרפן האָבן סמיכה. אָבער שרייבערס? דאָס איז עפּעס גאָר אַן אַנדער ענין. שרייבערס בכלל און פּאָעטן בפרט זענען אין דער בחינה פון נביאים אָדער מוכיחים שטראָפערס — מגידים. זייער עובדה איז נישט צו דערלאָזן אַז דער סאָוויעסט (געוויסן) פון דעם מענטשן זאָל נישט

איינשלאָפֿן. זיי האָבן נאָך אַן עובדא, זיי דאַרפֿן אַרויסברענגען מן הכוח אל הפועל דעם געשמאַק־געפֿיל ביים מענטשן — די עסטעטיק. די וואָס זענען זיך מתעסק מיט שרייבן, דאַרפֿן נישט האָבן קיין סמיכה, טאָרן נישט האָבן קיין סמיכה, ווייל זייער גאַנצע גבורה ליגט אין זייער נישט־געבונדנקייט, אין זייער פֿרייקייט פֿון טאַלאַנט.

משה־מרדכי איז געזעסן, געראַנקערט לייַדנשאַפֿטלעך און מיט אַ מאָדנער זשעדנער הנאה אַנגעקוואָלן פֿון שמועס.

— איר הערט הגיון, אייזערנע לאָגיק, קאַלינקאָוויטשער?

דער קריניקער עילוי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

— דאָס איז דער ראשית וועגן סמיכה, קאַלינקאָוויטשער, און איצט צום שנית: פֿאַרוואָס האָט ר׳ הירש אויפֿגעמישט דף ה׳? לייגט נישט אַריין קיין כוונות און קיין טיפֿע געדאַנקען אין דעם דאָזיקן צופֿאַל. איך קען ר׳ הירשן זייער גוט. ער איז אַ ייִד אַ תמים. יעדער בלאַט גמרא איז ביי אים הייליק. ער האָט אייך געוואָלט פֿאַרהערן און אויסגעפֿינען צי אַחוץ אַ כוח הבנה האָט איר אויך אַ זכרון, צי איר געדענקט וואָס איר האָט געלערנט מיט אַ חודש־צוויי צוריק. האָט ער אויפֿגעמישט אַ פֿריִערדיקן דף. עס האָט געקענט זיין דף ה׳, ג׳, ד׳ אָדער י׳.

ברוך־דוד האָט זיך צעוואַרעמט:

— דער חפֿץ־חיים זאָגט, אַז יעדער מענטש דאַרף באַשטימען פֿאַר זיך יעדן טאָג אָדער לכל־הפּחות יעדע וואָך אַ שעה צו בלייבן אַליין אין זיין חדר צו מאַכן אַ חשבון וועגן זיין סוף און זיין גרייט פֿאַר יענעם טאָג. און איך זאָג אייך, אַז יעדער מענטש דאַרף אָפּגעבן יעדן טאָג אַ שעה, אָדער לכל־הפּחות אַ שעה יעדע וואָך צו לייענען פּאָעזיע אָדער פּראָזע. זיי וועלן פֿאַר אים מאַכן קלאָרער די פֿאַרוויקלטע פּראָבלעמען פֿון זיין לעבן אַ סך מער ווי יורידישע געבאָטן...

— וואָס מיינט איר יורידישע? — האָט שמעון געפֿרעגט.

— יורידישע מיינט געזעצלעכע, על פּי דין. אָט ווי אייער תלמוד און אייער שולחן ערוך, וואָס האָבן אַ פּאַרטיקן דין פֿאַר יעדע מינוט פֿון טאָג און פֿאַר יעדן ענין, יעדער עובדה און עסק פֿון טאָג (שמעונען האָט אַ גרילץ געטאָן אין אויער „אייער תלמוד און אייער שולחן ערוך" אין מויל פֿון אַ ישיבהניק, ווי דער רשע פֿון הגדה). אַ דערציילונג, אַ ליד קען וואַרפֿן אַ ליכט אויף אונדזער לעבן, אַזוי אַז מיר זאָלן טאַקע באַלד קריגן אַ באַגער עס צו ענדערן, איבערצובייטן. אָט נעמט אונדזער התמדה אין לערנען. אונדזער לעבן אין דער ישיבה. ביאַליקס „המתמיד" האָט געמאַכט מענטשן פֿון אַ סך פּרושים, ווייל ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף דעם פֿאַרלוסט, פֿאַרשווענדעניש פֿון צייט און ענערגיע און

אומזיסטע האָרעוואַניע. נאָך קלאָרער פון ביאַליקס „המתמיד“ איז די דערציילונג פון י. בערשאַדסקי, וואָס איך האָב דאָ. געהערט פון אים?

— אַוודאי געהערט, — האָט שמעון געענטפערט. — ער האָט אָנגעשריבן צוויי ראָמאַנען: „נגד הזרם“ (קעגן שטראָם) און „באין מטרה“ (אָן אַ ציל). קיין גרויסע תורות האָב איך דאָרטן נישט געפונען.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז אין ראָמאַנען דאַרף זיין תורה? — האָט דער קריניקער געענטפערט בייז און צעררייצט, — תורה ווייזט דורך מצוות און געבאָטן ווי אַזוי צו לעבן. אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג שילדערט דאָס לעבן און פרעגט: איז רעכט אַזוי צו לעבן ווי איר לעבט? אַ גוטער ראָמאַן, אַ גוטע דערציילונג אָדער ליד עפנט אַ שפּאַלט דורך וועלכן מיר קענען אָנקוקן אַ ווינקעלע פון דער מענטשלעכער נשמה. נעמט די דערציילונג פון י. בערשאַדסקי. ער דערציילט דאָרטן פון דער צייט, וואָס ער איז געווען אין באַקו אין די נאַפט־פעלדער. ער האָט דאָרטן געזען ווי אַ נאַפט־קוואַל האָט זיך אָנגעצונדן. ער באַשרייבט די שיינקייט פון גרויסן פייער און די גבורה פון דער שריפה. צום סוף פון דער באַשרייבונג פרעגט ער: וואָס פאַר אַ נוצן האָט ווער עס איז געהאַט פונעם גאַנצן פלאַקער, וואָס רייסט זיך צום הימל? עס איז אַ נוצלאָזע אויסברענגעריי פון דער באַטור. גלייך נאָך דעם מאָלט ער אָפּ אַ מתמיד אין דער ישיבה. ער גיט צו, אַז עס איז דאָ שיינקייט אין דעם, וואָס דער פּרוש איז זיך ממש מוסר נפש פאַר דער תורה. ער זאָגט, אַז עס איז צו באַוווּנדערן די ענערגיע וואָס ווערט אַריינגעלייגט אינעם לערנען. צום סוף פרעגט ער ווידער די פריערדיקע קשיה: ווער האָט עפּעס פון דער אויסברענגעריי? עס איז נישט מער ווי איבוד־זמן און ניוועץ.

שמעון האָט קרום אַ שמייכל געטאָן:

— שוין געהערט די דאָזיקע חקירות. צום „המתמיד“ און צו בערשאַדסקיס דערציילונגען האָט איר פאַרגעסן צוגעבן אברהם רייזענס „מאי קא משמע לן“. איך האָב געלייענט יוליוס ליפּערטס „השלמת האדם“, ד״ר יוסף קלויזנערס „האדם הקדמון“, מענדעלעס ראָמאַנען, פּרצן, דוד פרישמאַנען, ביאַליקן, טשערניכאָווסקין און שניאורן און ליליענבלומען. ניין, איך בין צו שטאַרק נישט נתפעל געוואָרן פון זיי. איך זוך דעם תכלית פון דער בריאה, אַ וועג צו גאָט. איר מיינט אַלץ, אַז דער עיקר פון אמונה איז שרעק, שכר ועונש. ניין, איך קען עס נישט אָננעמען. איך בין קלאָר אין „שער היחוד“ פון רבנו בחיי און „ספר המדע“ פון רמב״ם. איך קען אַביסל דעם „ספר האמונות והדעות“ פון סעדיה גאון. איך בין געקומען אַהער קיין ראַדין צו לערנען ביים חפץ־חיים דעם דרך צום כביכול — אַ וועג פון אָן שרעק און אָן שטראַשונקעס פון יענער וועלט.

דער קריניקער עילוי האָט אַ זיפץ געטאָן: — אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. עס איז נישטאָ אַזאַ דרך. איך ווייס וואָס איר זוכט. איר זוכט באמת די באַשי־

צונג און די באַקוועמלעכקייט פון תמימותדיקער אמונה אָן תמימות און אָן אמונה. עס קען אַזאַ זאַך נישט געמאָלט זיין. תמימותדיקע אמונה איז געבויט אויף שרעק, אויף שכר ועונש. דאָס האָט שוין איינגעזען אחד העם. ער זאָגט אין זיין הקדמה צו „על פרשת דרכים״: אויף אַלע שאלות און קשיות האָט די אמונה אָנגעגרייט איין אַלגעמיינעם ענטפער „לפום צערא אגרא״ — „לויטן צער איז דער שכר״. דער חפץ־חיים האָט נישט קיין אַנדער דרך. ביי אים איז שכר ועונש דער עיקר טרייבקראַפט פאַר אַ פרומען לעבן. איר וועט עס אויסגעפינען פון זיין אייגענעם מויל. בכלל דאַרפט איר פאַרשטיין און וויסן, אַז דער חפץ־חיים איז אַ ייד אַ גאון, דער גרעסטער בעל־הלכה פון זיין דור. איינער פון די גרעסטע פוסקים און אפשר אויך אַ גרויסער בעל־אגדה. זיכער איז, אַז ער איז דער פרומסטער ייד פון אונדזער דור. פרומקייט און הלכה קענט איר, און אַלע פון אונדז קענען זיך לערנען ביי אים. אָבער ער איז נישט קיין פילאָסאָף. ער קען נישט געבן קיין ראַציאָנעלע באַגרינדונג — — —

— קיין וואָס? — האָט שמעון געפרעגט.

— ראַציאָ מיינט שכל, הגיון אויף העברעיִש. באַגרינדונג מיינט יסוד. ער קען אייך נישט געבן קיין שכלדיקן יסוד פאַרוואָס מיר דאַרפן אָפּהיטן מצוות, אָדער אַפילו פאַר אמונה. איר זוכט דעם „פאַרוואָס״ און ער קען אייך נאָר לערנען דעם „ווי אַזוי״. איך חזר איבער, איר וועט עס אויסגעפינען פון זיין מויל. איך וועל פאַר אייך מאַכן אַ שלעכטן גראַם: פאַר דעם פאַרוואָס וועט איר האָבן אַ לאַנגע נאַז.

משה־מרדכי האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— אוי, גוואַלד, ברוך־דוד, אַ גראַם איז דאָס? סקילה קומט פאַר אַזאַ „גראַם שטראַם ביי מיר אַ לעטניק״.

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט און זיך גענומען צו דער טיי. שמעון האָט געקוקט אויף ברוך־דודן און געזאָגט צו אים:

— משה־מרדכי איז גערעכט. איר, קריניקער, האָט אַן אייזערנעם קאָפּ און מיט אייער לאָגיק זייט איר אַריינגעקראָכן צו מיר אין מוח און אויסגעגלעט אַלע קנייטשן. אָבער איך בין נאָך נישט מסכים מיט אייך. מירן נאָך ריידן וועגן די ענינים. מירן זיך נאָך מתווכח זיין.

— אדרבה און אדרבה, — האָט ברוך־דוד געענטפערט.

משה־מרדכי האָט צוגעבאַמקעט.

די דריי חברים זענען צוגעזאָדן געוואָרן איינער צום אַנדערן. שמעון, וואָס האָט אויף אַלץ געפונען אַן אסמכתא אין אַ פסוק, האָט אַ נאָמען געגעבן דער חברותא „חוט המשולש״ — דער דרייענדיקער פאָדעם, און צוגעגעבן נאָך אַ פסוק פון משלי: ברזל בברזל יחד: אַזוי ווי איין שטיק אייזן שאַרפט דעם אַנדערן, ואיש יחד פני רעהו — אַזוי שאַרפט אַ מענטש דעם חבר זיינעם.

קאַפּיטל 15

יידישע אַפּיקורסים

זיי האָבן פאַרבראַכט צווישן זיך יעדע פרייע מינוט. זיי האָבן אינאיינעם געשפּאַצירט. שפּאַצירן הינטערן שטאָט איז געווען אַן אָנגענומענער דרך אין ראַדין. אין שיינע טעג האָבן די ישיבהניקעס זיך אַרויסגעשאָטן אויף די פעלדער פון אַרום דעם שטעטל און אין דעם נאָענטן וואַלד. אינדערוואָכן האָבן די תלמי־דים געשפּאַצירט אין דער שפּעטערדיקער נאָכמיטיק־שעה, פאַר מנחה. פרייטיק באַלד נאָכמיטיק און שבת נאָך וואָרעמס ביז מנחה.

יענער מיטן־ און סוף־זומער זענען ביי שמעונען פאַרבונדן מיט טיפע שמועסן, שאַרפע וויכוחים און לאַנגע שפּאַצירן. דער ערשטער שמועס, נישט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, איז פאָרגעקומען אין אַ שבת בייטאָג.

די דריי חברים זענען געלעגן אויסגעצויגן אין אַ נאָענטן וועלדל. די חמימה איז געווען אַ שטיקנדיקע און אַ קלעפּיקע. די דרייען זענען געלעגן אין אַ האַלב־וואַכיקן צושטאַנד: צו הייס איינצושלאָפן. מיטאַמאָל האָט ברוך־דוד פויל אַ גענעץ געטאָן און געזאָגט:

— עס וואָלט געווען גוט איצט צו פאַררויכערן.

שמעון האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים, נישט רירנדיק זיך פון אָרט:

— נו, ווער לאָזט אייך נישט? איר ציטערט נאָך אַלץ פאַר חילול שבת?

ברוך־דוד האָט אַ ווײַלע געשוויגן און אָנגעהויבן ריידן פּאַמעלעך, אויספּע־ציגן די ווערטער ווי איינער, וואָס טראַכט נאָך וואָס צו זאָגן ווען ער רעדט:

— לאַוו דווקא, שמעון, איך האַלט פון דעם דריטן אני־מאמין וואָס זאָגט: „אני מאמין באמונה שלימה, שהבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל״: איך גלייב מיטן פולן גלויבן, אַז דער שעפער, זאָל זיין געבענטשט זיין נאָמען, איז נישט קיין קערפּערלעך וועזן און ער קען בכלל נישט פאַרגליכן ווערן. אַזוי אין אַן ערך פאַרטייטשט אויף עברי טייטש

דער „מנחת יהודה" דעם דאָזיקן אני־מאמין. איך פּאַרטײַטש דאָס אויף פּראָסט ייִדיש, װײַל אויף ייִדיש דאַוונט מען נישט, זאָגט מען נישט די װערטער, אויף גיך, מען שלינגט זײ נישט װי מען שלינגט עברי, האָבן די װערטער אַ קלאָרן באַטײַט. נו, צוריק צום ענין: אַ מהות, װאָס האָט נישט קײן פֿאָרעם, קײן געשטאַלט, קײן גוף און איז אינגאַנצן רוח — גײַסט, קען דאָך נישט מאַכן קײן װעזן פֿאַר זיך, פֿון מצוות, װאָס מוזן זײַן צוגעבונדן צו אַ גוף. זאָגט טאַקע דער מדרש תנחומא אין פּרשה שמיני: „וכי מה איכפת לו, להקדוש ברוך הוא, בין ששוחט את הבהמה ואוכל או אם נוחר ואוכל?" װאָס אַרט דעם רבונו של עולם צי מען שעכט די בהמה און מען עסט איר פֿלײש אָדער מען שטעכט זי און מען עסט איר פֿלײש? כלום אתה מועילו או כלום אתה מזיקו? צי דען טוסטו אים מיט דעם אַ טובה אָדער אַ רעה? נאָר װאָס־זשע? „לא נתנו המצוות אלא לצרף בהם את הבריות" — די מצוות זענען נאָר געגעבן געװאָרן כדי צו לײַטערן דעם מענטשן, מאַכן אים בעסער, שענער און ער זאָל זײַן מיט עפּעס װאָס גלײַך צו זײַן שעפּער.

שמעון האָט זיך אויפֿגעזעצט און געקוקט אויף דעם קריניקער עילוי מיט אויפֿגעריסענע אויגן און אַן אָפֿענעם מויל. משה־מרדכי איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און געשמײכלט. ברוך־דוד איז אַלץ געלעגן פֿויל מיט בײדע הענט פֿאַרװאָרפֿן הינטערן קאָפּ און װײַטער געצויגן פֿאַמעלעך דעם שמועס — געצויגן די װערטער שװער, אַט װי ער זעצט איבער אויפֿן אַרט זײַנע אומקלאָרע מחשבות אויף ממשותדיקע װערטער:

— גאָר אַ סך מצוות לײַטערן טאַקע דעם מענטשן, דערהײבן אים. לאָמיר, למשל, נעמען שחיטה. שחיטה זאָגט קלאָר צום מענטשן: װיסן זאָלסטו װיסן, אַז אַ סך בעסער און שענער פֿאַר דיר װאָלט געװען, װען דו עסט נישט קײן בעל חי. שפּיכת דמים איז שפּיכת דמים, אַפֿילו פֿון אַ חיה. עס דערװעקט אכזריות אין דעם מענטשן. אָבער די תורה האָט דאָך געװוּסט, אַז מענטשן װעלן נישט פֿאָלגן, נישט קענען אויספֿאָלגן אַזאַ געבאָט, האָט גאָט מתיר געװען צו עסן פֿלײש מיט אַן אָבער. ער האָט אָנגעזאָגט: מעגסט עסן פֿלײש, אָבער קוילע נישט! נאָר דער װאָס איז געניט אין אַלע דינים פֿון שחיטה מעג שעכטן און ער איז מחויב צו מאַכן אַ ברכה אײדער ער שעכט. עס איז אַ שטיקל סיג — אַ צאַם פֿאַר דעם מענטשן. נו, טוט טאַקע אַ קוק און זעט דעם חילוק צװישן אַ שוחט און אַ גױישן קצבֿ. האָט איר אַמאָל געזען די רציחה אויפֿן פּנים פֿון אַ פּויער װען ער שעכט אַ חזיר? איך האָב עס אַמאָל געזען און זיך נישט געקענט צורירן צו קײן פֿלײש חדשים לאַנג. אַזױ קען מען אָנװײַזן אויף אַ סך מצוות — זײ לײַטערן טאַקע דעם מענטשן. לשיטתי װאָלט דעם רבונו של עולם נישט געאַרט װען איך רויכער שבת. בײַ מיר איז עס אמתער ענוי נפש — אַ פּײַניקונג. איך קען זיך נישט

משער זיין, אַז דער כביכול וואָלט ברוגז געוואָרן אויף מיר ווען איך פאַררויכער איצט אַ פּאַפּיראָס און האָב אַן עונג שבת.

משה־מרדכי האָט זיך אויפגעזעצט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ טענה־קול:

— נו, אדרבה, ברוך־דוד, איז פאַרענטפערט אונדז פאַרוואָס רויכערט איר קיינמאָל נישט אום שבת?

ברוך־דוד האָט זיך שוין אויך אויפגעזעצט און אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אָן אַ ביימל און געענטפערט שנעל, ווי איינער וואָס האָט אַ סך געטראַכט וועגן דעם און האָט גרייט אַ פאַרטיקן ריכטיקן ענטפער:

— מען קען נישט רויכערן אין ראַדין אום שבת, אַפילו נישט אין וואַלד, פאַרהוילן פון אַ מענטשלעך אויג, ווי קען מען רויכערן אַפילו בצינעה און דער־נאָך אַריין אין מויער און דאַווענען מנחה און נאָך מנחה גיין און זעצן זיך ביים חפץ חיימס טיש צו שלום סעודות? צו וואָס קען מען עס פאַרגלייכן? צו איינעם, וואָס די שטיוול זיינע זענען אינגאַנצן איינגעריכט אין בלאָטע און ער גייט אַריין אָן אַפּרייניקן די שטיוול אין אַ שיין אויסגעפּוצט הויז מיט געוועקסלטע דילן. אָדער למשל אַן אדם חשוב, אַ וויכטיקער מענטש ווער זיך אויפנייען אַ רעקל און איין אַרבל וועט זיין אַ העל־געלער און דער אַנדערער אַרבל טינט־שוואַרץ. מען קען נישט רויכערן אין ראַדין אום שבת. דאָס שטעטל איז די נחלה פון דעם גאָט פון חפץ־חיים. איצט, חברה, קומט! צייט צו דאַווענען מנחה. אין ראַדין דאַוונט מען.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. שמעון האָט אַ שאָקל געטאָן פאַרשטענדיק:

— איך ווייס, די מחשבות, די געדאַנקען, זענען על פּי חקירה, די מעשים אָבער זענען על פּי אמונה. אפּנים אַז עס נעמט אַ לאַנגע צייט ביז אַ מחשבה ווערט אַן עובדה (טאַט).

זיי זענען געגאַנגען צו דער ישיבה און משה־מרדכי האָט געענטפערט:

— אוודאי, שמעון, עס געדויערט צייט אַפילו ביז דעם כביכולס וואָרט ווערט עובדה. אָט שטייט דאָך געשריבן „ויאמר אלקים יהי אור" — און גאָט האָט געזאָגט: עס זאָל ווערן ליכטיקייט, און דערנאָך שטייט געשריבן „ויהי אור" און עס איז געוואָרן ליכטיקייט. נו, ס'איז דאָך אַריבער עפּעס אַ צייט פון גאָטס זאָגן ביזן ווערן. זאָל זיין אַ תשבורת פון אַ רגע, אויב ביים רבונו של עולם אַזוי, על אחת כמה וכמה ביים מענטשן!

ברוך־דוד האָט אַ לאַך געטאָן:

— ווען דער חפץ־חיים הערט אונדז ריידן וואָלט ער געזאָגט, אַז אונדזער אמונה הענגט אויף משקולת. מיר דוכט זיך, אַז נאָך זיין שיטה און השגה איז ער גערעכט. ער האָלט נישט פון חקירה.

אין יענער צייט האָט שמעון געהערט דעם חפץ־חיימס מיינונג וועגן חקירה.

שמעונען דוכט זיך איצט, אַז דעם שמועס האָט דער חפץ־חיים געהאַלטן אין דעם שבת פון דער וואָך פון שבעה עשר בתמוז. אין יענעם שבת האָט שמעון צום ערשטן מאָל געהערט ווי אַ תלמיד פרעגט אים עפּעס נאָכן שמועס. און פרעגן האָט אים געפרעגט ברוך־דוד. שמעון האָט שפּעטער אויסגעפונען, אַז ברוך־דוד האָט עס אים געפרעגט מיט אַ כיוון.

דער חפץ־חיים האָט זיך צעשאָקלט און שטיל, אָן התלהבות, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער אָנגעהויבן:

— אַ ייִד דאַרף נישט און טאָר נישט זוכן קיין ראיות און שכלדיקע מופתים פאַר אמונה. הייבט זיך אָן אַ מענטש צו חקירהן, איז אַ סימן, אַז די אמונה איז ביי אים נישט באַפּעסטיקט. וועט איר דאָך מיר פרעגן צוויי קשיות: ראשית, פאַרוואָס האָט אברהם אבינו זיך געחקירהט און געפאָרשט? עס זאָגט דאָך דער מדרש רבה: „אמר ר׳ שמעון: אב לא למדו ורב לא היה לו ומהיכן למד את התורה?" דער טאַטע האָט אים נישט געלערנט און קיין רבין האָט אברהם אבינו נישט געהאַט, פון וועמען האָט ער געלערנט די תורה? זאָגט ווייטער דער מדרש: „זימן לו הקב"ה שתי כליותיו כשני כדים והיו נובעות ומלמדות אותו תורה וחכמה" — גאָט האָט אים אַריינגעשטעלט צוויי נירן די גרויס ווי צוויי קרוגן און זיי האָבן געפּלייצט און אים געלערנט תורה און חכמה. טייטשט דער „מתנות כהונה": „ומעצמו איזן וחיקר ועמד על העיקר" — פון זיך אַליין האָט ער גע־זוכט און אויסגעפונען דעם עיקר. נו, איז דאָך קלאָר, אַז אברהם אבינו האָט זיך יאָ געחקירהט — איז איין קשיה.

— די צווייטע קשיה איז — דער רמב"ם! דער רמב"ם זכרונו לברכה האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן חקירה־ספר, דעם „מורה נבוכים". איז פאַרוואָס מיין איך, אַז דער וואָס חקירהט זיך איז אַ סימן, אַז די אמונה איז ביי אים שוואַך? זענען חלילה אברהם אבינו און דער רמב"ם זכרונו לברכה געווען שוואַך אין אמונה?

— זאָג איך אייך, חלילה וחלילה, נאָר לא ראי זה כראי זה — איין זאַך איז נישט קיין פאַרגלייך מיטן אַנדערן. אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער ייִד אויף דער וועלט. דער איין־און־איינציקער ייִד אין אַ וועלט פון עובדי כוכבים — געצנדינער. ער האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין מסורת אבות (קיין טראַדיציע פון אַמאָל), ווי עס שטייט קלאָר אין דער תורה: בעבר הנהר ישבו אבותיכם ועבדו אלקים אחרים — אויף יענער זייט טייך זענען געווען אייערע עלטערן און געדינט פרעמדע געטער. אָבער מיר האָבן פאַר זיך גאָטס תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן מיט דונערן און פלאַמען פאַר די אויגן פון גאַנץ פאָלק ישראל. זעקס הונדערט און דרייצן מצוות און זעקס הונדערט טויזנט דערוואַקסענע ייִדן, אַחוץ פרויען און קינדער, זענען געווען עדות. טויזנט עדות פאַר יעדער מצווה. דאַרפן מיר אָנהייבן ווייטער צו חקירהן זיך וועגן זאַכן, וואָס אַ בר ברי רב — אַ חדר־

ייִנגל ווייסט? און דער רמב״ם האָט נישט געשריבן זײַן ספר פאַר זיך און אויך נישט פאַר גוטע און פרומע ייִדן, מאמינים ווי ער איז געווען. ער האָט געשריבן זײַן ספר פאַר די ייִדן, וואָס זענען נבוכים — צעטומלטע, פאַרבלאָנדזשעטע. פאַר זיך און פאַר די פרומע ייִדן פון זײַן גלייבן האָט ער געשריבן אין זײַן הקדמה צום „יד החזקה": „כל המצוות שניתנו לו למשה בסיני בפירושן ניתנו" — אַלע מצוות, וואָס זענען געגעבן געוואָרן צו משהן אויפן באַרג סיני זענען געגעבן געוואָרן מיט אַן אויסטײַטש. ס'מיינט, עס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני די גאַנצע תורה — די תורה שבכתב און די תורה שבעל פּה. איין טייל פאַרשריבן און איין טייל אויף אויסנווייניק. קלאָר, איז צו וואָס זיך נאָך חקירהן?

— און בכלל זאָג איך אייך, צו וואָס דאַרף מען זוכן ראיות און מופתים אויף מציאות השם און דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט אונדז ייִדן געטאָן מיט געבן אונדז די תורה? יעדער ייִד קען עס פילן בחוש. למה הדבר דומה, צו וואָס קען מען דאָס פאַרגלײַכן? צו אַ קינד, וואָס זיצט ביים פאָטער אויפן שויס און דער טאַטע גיט דעם קינד גלײַך אין הענטל אַרײַן אַ שטיקל חלה מיט וואַרעניע און רעדט נאָך צו אים גוטע רייד. דאָס קינד פילט די וואַרעמקייט פונעם טאַטנס שויס, הערט זײַנע גוטע רייד און זעט דאָס ברויט מיט אײַנגעמאַכטס, וואָס דער טאַטע האָט אים דערלאַנגט. דאַרף דאָס קינד נאָך זוכן אַנדערע ראיות אַז דאָס איז זײַן טאַטע? אַ טאַטע, וואָס זײַן השגחה איז אויף אים? און חוץ דעם חסד, וואָס דער בורא ווײַזט אונדז אויף דער וועלט זענען אָנגעגרייט אויף יענער וועלט פאַר די וואָס היטן אָפּ זײַנע מצוות, אַ שכר פאַר יעדער מצווה. דער שכר איז אין לשער — נישט צו באַגרײַפן און נישט צו באַנעמען, אַזוי גרויס איז ער.

ווען דער חפץ־חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אים ברוך־דוד געפרעגט:

— רבי, וויבאַלד אַז דער שכר פאַר יעדער מצווה איז אַזוי גרויס, פאַרוואָס זאָל דער כביכול נישט געבן דעם צדיק אויף דער וועלט עפּעס פון יענעם שכר פון יענער וועלט? דעם צדיק וועט זײַן גוט אויף דער וועלט און עס וועט אים בלײַבן געגנוג אויף יענער וועלט. פאַרוואָס, ווי מיר זעען, קומען אָפּ אַ סך צדיקים אויף דער וועלט?

דער חפץ־חיים האָט געענטפערט:

— אַ גוטע קשיה. אָבער אײַער קשיה ווערט פאַרענטפערט מיט דעם מאמר פון גמרא, וואָס זאָגט: „שכר מצווה בהאי עלמא ליכא" — דער שכר פון אַ מצווה אויף דער וועלט איז נישטאָ. דער אמתער טײַטש דאָ פאַר „ליכא": „עס קען נישט געמאָלט זײַן". איך וועל אײַך געבן אַ משל: אַ ייִד קריגט אַרײַן אַ פינף־רובלדיקע אַסיגנאַציע, גייט ער אַרײַן אין אַ קראָם און בײַט אויס דאָס פּאַפּיר־געלט. נו, אַז ער קריגט אַרײַן אַ הונדערט־רובלדיקע אַסיגנאַציע? דאַרף ער שוין גיין גאָר צו אַ גרויסן סוחר זי אויסבײַטן. ווי אָבער, אַז ער זאָל אַרײַנ־

קריגן אַ צען־טויזנט־רובלדיקע אַסיגנאַציע? ער וועט שוין מוזן פֿאָרן אין דער הויפּטשטאָט אַריין, אין דער גאָסודאַרסטווענער קאַזנאַטשייסטווא (אין דער רע־גירונגס־באַנק) און דאָרטן וועט מען אים זי אויסבייטן. ביי אונדז אין שטעטל, אָדער אַפילו אין אַ גרויסער שטאָט איז נישטאָ אַזאַ גביר, וואָס זאָל זיין בכוח אויסצובייטן אַזאַ אַסיגנאַציע. אַזוי איז מיט דעם שכר פון אַ מצווה. נישטאָ אויף דער וועלט קיין געַנוג וואָזשנע זאַכן אויסצובייטן דעם שכר פון אַ מצווה. אַלע ערדישע פאַרגעניגנס זענען נישט מער ווי קינדערשע צאַצקעס.

— נו, רבי, — האָט דער קריניקער עילוי נישט אָפּגעלאָזן, — אָבער דער מענטש קען דאָך זאָגן: רבונו דעלמא כולו, איך בין דיר מוחל די גרויסע אַסיג־נאַציע. זי איז טאַקע ווערט צען טויזנט רובל, אַ מיליאָן אַ גאַנצן. אָבער גיב מיר עפּעס פון איר אויף צו מאַכן שבת. איך וועל בלייבן צופרידן איך בין דאָך אַ בעל־בחירה, אַ מענטש מיט אַ פרייען ווילן, וואָס מעג אויסקלייבן.

דער חפץ־חיים האָט געענטפערט:

— ווידער זייער אַ גוטע קשיה. אָבער איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין, אַז דאָס וואָלט געווען אונאה — אָפּנאַרעריי, רמאות פונקט ווי אָפּצונאַרן אַ קינד. בדומה למשל, שטעלט זיך פאָר, אַ יונג קינד געפינט אַ גאָלדענע פינף־רובלדיקע מטבע, לויפט ער אַריין מיט דער מטבע אין האַנט אין קראָם און זאָגט צום קרעמער: גיט מיר פאַר דער מטבע צוקערקעס. דער קרעמער דערפילט זיין בקשה. קומט דאָס קינד אַהיים און דער טאַטע דערוויסט זיך פון דער גאַנצער מעשה. לויפט ער אַוועק צום קרעמער און מאַכט אַ געוואַלד: סטייטש, און סטייטש? פאַרוואָס האָט איר אָפּגענאַרט דאָס קינד? מאַלע וואָס אַ קינד האָט פאַרלאַנגט צוקערקעס פאַר דער גילדערנער מטבע? אָט אַזוי אויך, ווען דער רבונו של עולם וואָלט דערפילט די בקשה פון דעם מענטשן און אים אויסגעביטן אַ מצווה אויף די תענוגים פון דער וועלט. די נשמה וואָלט נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר געקומען פאַרן רבונו של עולם און ביטער געוויינט פאַר אים און געשריען מיט אַ יאָמער: רבונו דעלמא כולא, גאָט פון אַלע וועלטן, פאַרוואָס האָסטו מיר אויס־געביטן די גילדענע מטבע, וואָס מיר האָט געקומט פאַר דער מצווה אויף די הבלי עולם הזה — אויף די נאַרישקייטן פון דער וועלט? איי, איך האָב זיך געבעטן מיט תחנונים און אין מיין גופישן צער האָב איך מוחל געווען אויף דעם אמתן ווערט פון דער מטבע? דו, דער יודע הכל, דער וואָס ווייסט אַלץ, האָסט נישט געטאָרט זיך צוהערן צו מיר, ווי מען הערט זיך נישט צו צו די תחנונים און געוויינען פון אַ קינד, וואָס וויל אויסבייטן אַ גילדערנע מטבע אויף אַ טאָרבע צוקערקעס.

***

אַ מיטן־חודשדיקע זומער־נאַכט, אַ „שאַבייסענאַכט“ נאָך אַ רעגן. דער הימל

איז געווען אויסגעשאָטן מיט שטערן און אַ פולע גלאַנציקע לבנה, ווי עמעצער וואָלט זי נאָרוואָס אויסגעצוואָגן, איז געשוווּמען צווישן ליכטיקע וואָלקנס. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט דער פרישקייט פון רעגנוואַסער, ריחות פון גראָז און תבואה פון די ארומיקע פעלדער און דעם טערפּקען גערוך פון נאָענטסטן וואַלד. דערצו איז די לופט געווען אָנגעפּילט מיט אויסגעשרייען פון נאַכט־פייגל, זשומען פון זשוקעס, ליאַרעם פון וואָלקנס מוקעס און דאָס פּלאַטערן פון אַלערליי פלאַטערלעך. און איבער אַלץ האָט זיך געהערט דאָס קוואַקן פון זשאַבעס.

די נאַטור פון ליטע איז אַן אָרעמע. די פרילינגס און די זומערס זענען קורצע. פסח צייט ליגט נאָך דער שניי אויף די פעלדער און וועלדער. סוכות הייבן זיך אָן די קאַלטע רעגנס און באַלד נאָך יום־טוב די פרעסט און שניי־שטורעמס און זאַווערוכעס. אָבער אין דעם קורצן זומער און נאָך קירצערן פרילינג פוצט זיך אויס די נאַטור מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, ווי אַ פויערטע, וואָס גייט אין אַ מאַרק־טאָג אין שטאָט אַריין.

די דריי חברים האָבן געשפּאַצירט הינטערן שטאָט. משה־מרדכי און ברוך־דוד האָבן גערעדט וועגן די תורה־שמועסן פון חפץ־חיים. ברוך־דוד האָט באַוויזן ווי אומלאָגיש דעם חפץ־חיימס שמועס וועגן חקירה איז געווען. דער רמב״ם האָט חקירה נישט נאָר אין „מורה נבוכים״ נאָר אויך אין „יד החזקה״, אין „ספר המדע״. דער רמב״ם האָלט בכלל נישט פון בלינדן גלויבן. און דעם חפץ־חיימס משלים? אַ קינד וואָס געפינט אַ גילדערנעם פינף־רובלדיקן מעג קריגן פאַר דריי קאָפּיקעס צוקערקעס. דער קריניקער האָט גערעדט שאַרף בייסנדיק און שמעון, באַטרונקען פון דער נאַכט, איז געווען פאַרטאָן מיט זיך. אין דער דאָזיקער לבנה־נאַכט האָט ער דערפילט, אַז זיין גוף איז געוואָרן אַ יש, אַ גרויסער יש. אַלע אברים זענען געוואָרן וואָך און שפּירעוודיק. אָט שפּירט ער אויף דער הויט דעם ציטער פון די ריחות, וואָס די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט זיי. ער לאַכט צו זיך: ס'איז אַן אומזין. אָבער ער פילט, אַז ער איז נאָענט צום הימל, אַזוי נאָענט, אַז ער קען אָנטאָפּן די קילקייט פון דעם עק הימל, וואָס איז בלוי טונקל און איז באַשאָטן מיט שטערן ווי אַ בלוי קלייד פון אַ גבירנטע מיט גילדערנע פּאַטשערקעס. ער קען אויך אָנרירן די העל בלויע ווייסקייט אַרום דער לבנה, וואָס האָט אַרום זיך אָפּגעבלייכטע, קוים קענטיקע שטערן. דאָס דאָזיקע שטיקל הימל איז ווייך און וואַרעם. מאָדנע נאַרישע געדאַנקען. אָבער דאָס זענען נישט קיין מחשבות, נאָר הרגשות — געפילן. אַז מען פילט אַזוי איז עס אמת, ווי אומזיניק דאָס איז.

אים איז גוט און ווויל. עס פעלט אים גאָרנישט. ניין. עס פעלט אים צפורה. ביז מיט אַ וואָך צוריק איז זי אַפילו אים נישט אויפגעקומען אויפן זינען און איצט הונגערט ער נאָך איר. ער פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ רגע און ער פילט ווי ער האַלט די שפּיץ־פינגער פון איר האַנט. זי טראָגט איצט די זעלביקע ווייסע

באַטיסטענע הענטשקעס ווי מיט דריי פערטל יאָר צוריק, ווען ער האָט מיט איר שפּאַצירט אויך אין אַ לבנה־נאַכט. די ווייסקייט, ווייכקייט און גלאַטקייט פון דעם באַטיסט האָט געגלעט און גערייצט די פלאַך פון זיין האַנט. ער פילט עס איצט אַזוי וואַרהאַפטיק, אַז ער האָט ממש דערשפּירט די וואַרעמקייט פון איר האַנט פון אונטער די הענטשקעס און דעם דופט פון אירע האָר. ער האָט אַ ציטער געטאָן און געעפנט די אויגן. ער איז צוריק אין ראַדין און די לבנה־נאַכט איז פול מיט רייץ אָן צפורהן.

די חברים משה־מרדכי און ברוך־דוד האָבן זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט און געקאָכט. שמעון האָט געהערט ווי די ווערטער קלאַפּן אים אין די אויערן, אָבער אָן אַ מיין. ער איז נאָך געווען פאַרחושט פון דער שיינקייט אַרום אים און פון דער שפּירעוודיקייט פון זיין גוף. ער האָט אָנגעהויבן איינטענהן מיט זיך:

— עס וועט נישט העלפן מיין נאַרן זיך, מיין פאַרטומלען זיך. די וועלט איז צו שיין, אַז זי זאָל זיין בלויז דער פּרוזדור — דער קאָרידאָר צו יענער וועלט, וואָס איז דער טרקלין — דער פּאַלאַץ. בכלל, אויב דער פּרוזדור איז אַזוי שיין און הערלעך איז צוליב וואָס אַ טרקלין? און זאָל אַפילו זיין, אַז דער טרקלין איז מיליע־מיליאָנען מיליאַסן שענער פון אונדזער וועלט, איז פאַרוואָס זאָל דער מענטש וועלן אַזוי פיל? צוליב וואָס דאַרף מען אַזוי פיל? מען זאָגט צו דעם מענטשן, אַז דאָרטן, אויף יענער וועלט, וועט מען אים געבן אַלערליי תענוגים סיי פאַרן גוף און סיי פאַרן גייסט. עס וועלן זיין אַזעלכע מינים פאַרגעניגנס, וואָס עין לא ראתה, קיין אויג האָט אַזוינס נישט געזען און קיין דמיון האָט עס קיינמאָל נישט געקענט אויסמאָלן.אמת ויציב. אָבער צו וואָס אַזאַ גיריקייט, זשעדנעקייט און גייציקייט נאָך אַזאַ עשירות, זאָל זיין נאָכן טויט, זאָל זיין אַפילו בלויז גייסטיק פאַרמעגן? ווו איז דער שיעור און ווו איז די גרענעץ?

עס האָט צו אים דערגרייכט ברוך־דודס קול:

— קאַלינקאָוויטשער, איר האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. איך וואָלט געשווירן, אַז איר זענט אַפילו נישט געווען דאָ הי.

שמעון האָט געענטפערט שטיפעריש:

— געגרעכט מיט אַ ווערך. די לבנה האָט מיך געפאַנגען און פאַרפירט, אַ ליכטיקע אויסגעשטערנטע לבנה איז אַ מכשפה. זי קען אייך פאַרטראָגן העט, העט, פון ווו איר זייט. איך, פליענדיק מיט איר, האָב זיך פאַרפלאָנטערט אין מיינע חושים און מיין גוף האָט זיך צעשפּילט. איך בין געוואָרן שפּירעוודיק און געזען חזיונות (זעונגען).

— געהערט אַ לשון? ביי אים קייקלען זיך אַרויס די ווערטער פון מויל ווי זיי וואָלטן געהאַט רעדלעך, — האָט משה־מרדכי געזאָגט מיט התפעלות.

ברוך־דוד האָט געענטפערט מיט ביטול:

— איך ווייס, פּאָעזיע איז שיין, מליצה איז וויכטיק, אָבער די עיקר־זאַכן זענען דאָך נאָך אַלץ דער תוך. שמעון זאָגט, אַז ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין זיינע חושים און זיין גוף האָט זיך צעשפּילט און ער האָט געהאַט זוונגען. די לבנה האָט אים פאַרפירט. דאָס איז אַ באַוויז, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון די פּענטעס פון בלינדן גלויבן. ווי אָבער, ווען ער האַלט מיטן חפץ־חיים, וואָס האַלט נישט פון חקירה? דעמאָלט וואָלט שמעונען נישט געקומען אַזעלכע רייד אויף דער צונג.

שמעון האָט זיך אַ קער געטאָן צו משה־מרדכין:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס איז ברוך־דוד אַזוי אַנגעשטויסן אויפן חפץ־חיים? און דער קריניקער עילוי איז דאָך איינער פון די חשובים אין דעם כולל. דער פּאָר פון די פּרושים, וואָס איז ער אַזוי בייז?

ברוך־דוד האָט געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— וואָס פרעגט איר אים? איך בין דאָך דאָ לעבן אייך. איך בין בייז, ווייל איך דאַרף דאָ זיין צוליב מיין מצב און זיך צוהערן זיך שוין יאָרן צו רייד, וואָס זענען קעגן מיין שכל הישר. דער חפץ־חיים איז אַ גרויסער גאון אין הלכה. זיין ספר „חפץ חיים" איז באמת אַ הלכה־ספר. הײַנט זיין „משנה ברורה"! אָבער אין אמונה־ענינים איז ער פּרימיטיוו. ער האָט אין ענין אמונה די השגה פון אַ קליינשטעטלדיקער ייִדענע, וואָס שעפּט אירע אַלע ידיעות פון די תחינות וואָס זי זאָגט. ער איז אַ תמים. ער שטעלט זיך פאָר, אַז יענע וועלט איז אַ געטרייער אָפּדרוק פון אונדזער ערדישער וועלט. דער כביכול איז ביי אים אַ גוטער טאַטע.

— פאַרשטייט זיך, מיט באָרד און פּיאות, וואָס גיט נאָך אַלע פאַרלאַנגען פון זיין באַליבטן זון און דערצו שרייבט ער אים אָפּ אַ גרויסע ירושה נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. אין דער זעלביקער צייט איז ביי אים דער רבונו של עולם אַ בייזער פּריץ, וואָס שמייסט און קאַטעוועט און עס איז ביי אים רעכט אַוועקצו־שיקן זיין אונטערטאַן אויף יאָרן לאַנג זוכן די בעגאַל, וואָס ער, דער אונטערטאַן, האָט אָפּגעשניטן נישט נאָך די געבאָטן פון בייזן פּריץ. דער חפץ־חיים גלייבט טאַקע, אַז מ'קען זאָגן אויפן רבונו של עולם, אַז ער שלאָפט, ער כאַפּט זיך אויף. ער איז אין כעס, ער איז פריילעך, ער זעצט זיך און ער שטעלט זיך אויף. ער גלייבט ווערטערלעך אין אַלע תיאורים (אַטריבוטן) וואָס זענען דאָ אין תנ"ך וועגן רבונו של עולם. איר ווייסט דאָך וואָס דער רמב"ם זאָגט וועגן דעם ענין. דער רבנו בחיי איז נאָך שאַרפער וועגן ענין הגשמה (אַנטראָפּאָמאָרפיזם, פאַר־שטעלן דעם רבונו של עולם אויף אַ גופישן, חומרישן אופן). ער זאָגט קלאָר: „והכסיל הפתי יחשוב הבורא יתברך על דרך הנראה ממליצת הספר" — און דער אָפּגעריסענער נאַר נעמט אויף דעם רבונו של עולם נאָך די מליצה־רייד פון תנ"ך.

משה־מרדכי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון התפעלות:

— רייד צו פֿאַרשרייבן. לאָגיק אויסגעלייגט אין אַ סדר איז אַזוי שיין און האָט אַזאַ באַטייט און קען טאַקע האָבן די זעלביקע פּעולה ווי פּאָעזיע. איי! ווען אונדזערע ישיבהניקעס, די שאַרפֿע גמרא־קעפּ וועלן זיך אַ נעם טאָן צו ליטעראַטור. מיר וועלן מאַכן פֿאַרעך (שטויב) פֿון די אַלע גאָגאָלס, פּושקינס, פּזשיבישעווסקיס און דאָסטאָיעווסקיס. טאָלסטאָיס וועלן זיך וואַלגערן ביי אונדז אויף די גאַסן. איר שפּילט זיך מיט יידישע קעפּ!

ברוך־דוד האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, לאוו דווקא. בעלעטריסטיק, ראָמאַנען און לידער, נאָוועלן און דראַמעס און אויך מוזיק שרייבט מען נישט נאָר מיטן קאָפּ. מען שרייבט עס מיט די אינגעווייד. מען דאַרף קענען לעבן מיט אַלע חושים כדי ליבע, גלוסט, חשק, שטאָלץ, כבוד, תאווה און ווענטורעס זאָלן זיין אַ יש, זאָלן זיין כדאַי צו שרייבן וועגן זיי. מען דאַרף גלוסטן צו גלוסט, מען דאַרף גאָרן איינצושלינגען די גאַנצע וועלט, מען דאַרף וועלן זינדיקן און טאַקע זינדיקן, כדי צו שרייבן מיט ליבשאַפֿט און מיט קנאה צו די העלדן, וואָס פּרעסן לעבן. ווי אָבער אַז מען האַלט עס פֿאַר עבירות? גלוסטעניש, פֿאַרגעניגן, ליבע־שפּיל זענען די אַרבעט פֿון יצר־הרע? אַ פֿרומער ייִד פּסקנט דער שולחן־ערוך, מעג זיך באַרימען, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעקוקט אין דער אייגענער ווייבס פּנים. מיט אַזאַ ירושה זיי אַ חכם און באַשרייב אַ שיין מיידל. מיר, די ישיבה־בחורים און קונסט? עס וועלן נאָך געדויערן דורות ביז מיר וועלן זיך באַפֿרייען פֿון אונדזער שרעק פֿאַר זינד. איך קען צו אייך ריידן וועגן קונסט. אָבער עפּעס אַליין שאַפֿן? ניין, זאָל איך אָנהייבן אויסמאָלן די אברים פֿון אַ מיידל, וועל איך זיך פֿאַררויטלען, פֿאַרשעמען פֿאַר דער פֿרויען־נאַקעטקייט, וואָס איז מין מיין דמיון. איך קען זי נאָר אָפּמאָלן מיט פּסוקים פֿון שיר השירים. אָבער אַ גוייִשער שרייבער?

שמעון האָט אַ לאַך געטאָן:

— איר זענט צופֿיל מקנא די גויִם.

ברוך־דוד האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו שמעונען:

— איר זענט חידה לי — אַ רעטעניש ביי מיר. לויט מיין השערה זענט איר ווייט פֿון זיין אַ בלינדער מאמין. איך האָב אַ חוש צו דערטאַפּן די דאָזיקע זאַכן. וואָלט איך געוואָלט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זענט איר אַזאַ מתמיד און אַ זהיר במצוות — אַפּגעהיט אין מצוות. איר נעמט נישט אין האַנט קיין השכלה־ביכל אַפֿילו נאָכן לערנען, אויף דער קוואַרטיר, פֿאַרהוילן פֿון אַ פֿרעמד אויג. איר האַלט אַלעמאָל די נאָז אַריינגערוקט אין אַ משניות, אין אַ מדרש אָדער אין תנ״ך. איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז איר האַלט מיטן חפץ־חיים, אַז אַ ייִד דאַרף פֿאָלגן גאָט בלינד ווי אַ קנעכט פֿאָלגט זיין האַר? האָט איר מורא, אַז מען וועט אייך ברענען און בראָטן אין גיהנום? וואָס טוט איר דאָ אין ראַדין? וואָס זענען אייערע פּלענער אויף להבא?

שמעון האָט אים געענטפערט ערנסט:

— אויב איר ווילט היינטיקע נאַכט נישט שלאָפן וועל איך אייך ענטפערן. מיך אַרט נישט צו האַלטן אַ משמור אָט דאָ אויף דער פרייער גאָטס וועלט. די נאַכט איז אַ שיינע, אַ ליכטיקע און אַ מחיהדיקע. ווער וויל עס שלאָפן אין אַזאַ נאַכט?

— מירן זיין אויף מיט אייך. — האָבן די חברים געענטפערט.

— איז גוט, — האָט שמעון געענטפערט. — איך האָב ליב אַזוינע שמועסן. אין קרעמענטשוג האָב איך געפירט אַזעלכע שמועסן חדשים לאַנג מיט אַ מאָד־נעם ייִדן — צלאל פערפעטום מאָבילע, אָפּגעבטלט געגוג צייט. אָבער דאָס איז אַן אַנדער ענין. נחזור לענינגו, איר פרעגט מיך פאַרוואָס בין איך אַזאַ מתמיד און זהיר במצוות און נעם נישט קיין השכלה־ביכל אין האַנט?

— פשוט, איך בין געקומען אין ראַדין לערנען. מען גיט מיר תמיכה פאַרן לערנען תורה, נישט פאַר קיין לייענען השכלה־ביכלעך. פון אייער חקירה און לאָגיק און אייער אָפּפרעגן מיטן שכל דעם חפץ־חיים, וועט איר מיר מוחל זיין, ווער איך נישט נתפעל. דער מוסרניק פון לידע, חיים, איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אין מיר אַריינגעטענהט: „איר ווילט זיך אָנשפּאַרן אויפן שכל? דאָס איז די גרעסטע סכנה". איך וועל אייך נאָך צוגעבן, אַז מען קען אַלץ אויספּיל־פּלען. אָט פרעגט איר אָפּ דעם חפץ־חיים וועגן אַ הגשמה, מיט אַ שטיקל רמב"ם פון „ספר המדע". דעם חפץ־חיימס טענה, אַז מען דאַרף זיך איצט נישט חקירהן ווייל „איצט האָבן די ייִדן אַ מסורה פון דער תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני פאַר די אויגן פון זעקס הונדערט טויזנט עדות און דאָס דאַרף זיין גענוג פאַר אונדז", איז גענומען געוואָרן פון „ספר העיקרים", וואָס איז זיך סומך אויף אַ רמב"ם אין „ספר המדע". זעגט איר און דער חפץ־חייםביידע זיך סומך אויפן זעלביקן מקור און איר פרעגט זיך אָפּ איינער דעם אַנדערן. אָבער איידער איך רייד וועגן זיך, וואָלט איך געוואָלט וויסן וואָס טוט איר דאָ אין ראַדין, איר ביידע, גאַנץ פיינע מתנגדים צום חפץ־חיימס שיטה? איך רייד בלשון נקיה (איידל, פאַרזיכטיק). איך האָב אייך געקענט רופן, טאָקע ביידן, מיט אַ סך אַ שאַרפערן צונאָמען.

משה־מרדכי האָט געענטפערט דער ערשטער:

— איך וועל דאָ לאַנג נישט בלייבן. איך וואַרט נאָר אַריבערפטרן דעם פּריזיוו. הייגטיקן נאָך סוכות דאַרף איך זיך שטעלן צום פּריזיוו. נו, דער טאַטע וועט שוין באַזאָרגן איך זאָל באַפרייט ווערן. באַלד ווי איך וועל פּטור ווערן פון זעלנעריי, פאַרלאָז איך דעם טאַטנס שטוב און פאָר אַוועק אין וואַרשע צו דער משפחה פון דער מאַמעס צד. מיינע צוויי פעטערס זענען אַרויסגעבער פון אַ טאָג־ציייטונג אויף פּויליש. זיי האָבן אויך עפּעס וואָס צו טאָן מיט ייִדישע טאָג־בלעט־

טער. איך וועל שרייבן אויף העברעיִש און יִדיש. אָבער מיר איז אַלץ קשה פֿאַר־וואָס איר זענט געפֿאָרן פֿון לידע קיין ראַדין. איר רעכנט טאַקע דאָ בלייבן?

— מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט איר זאָלט מיר פֿריִער דערציילן, וואָס איר ביידע טוט אין ראַדין, — האָט שמעון געענטפֿערט. — איר, משה־מרדכי, האָט מיר געענטפֿערט. איצט דאַרף ברוך־דוד ממשיך זיין.

ברוך־דוד האָט אָנגעהויבן ריידן אימפּעטיק.

— איך בין אַ פֿאַרלוירענער. איך בין באמת אַ נפֿש רצוצה (אַ דערדריקטע נשמה). אָט אַזאַ פֿאַרשוין ווי איך באַשרייבט ש. בן־ציון אין עטלעכע פֿון זיינע דערציילונגען. איבערהויפּט פּאַסט פֿאַר מיר זיין דערציילונג „משי״ (זייד). איך בין נאָך אַ גרעסערער מושלם פֿון זיידל ציפּרין (דער העלד פֿון דער דערציילונג). איך בין געווען אַ חתן, וואָס אַלע טאַטעס האָבן געוואָלט אויסכאַפּן און נאָך דער חתונה בין איך געוואָרן אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק. אָבער צו וואָס דאַרף מען אַזוי פֿיל זייד אין שטעטל? יאָ, אויף צו שרייבן אַדרעסן קיין אַמעריקע.

ברוך־דוד האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע ווי עס וואָלט אים געווען שווער צו ריידן וועגן דעם ענין:

— איך האָב חתונה געהאַט, געקראָגן אַ פֿיינעם נדן, אָנגעהויבן מסחרן און פֿאַרלוירן, אינאיינעם מיטן שווערס אַ פּאָר טויזנטער, כמעט מיין גאַנצן נדן און געוואָרן אַ קרעמער. איך בין אַ שאַרפֿער סוחר — דער אמתער „דאָץ דער סוחר״ און נאָך אַ בעסערער קרעמער. איר האָט געדאַרפֿט זען ווי איך צייל געלט מיט מיינע קורצזיכטיקע אויגן. עס פֿאַרמאָגט זיבן חנען. איך טו אַ בייג דעם קאָפּ אָן אַ זייט, פֿאַרשטייף איין אייגל, דאָס אַנדערע אויג עפֿן איך ברייט און טראָג צו די מטבע גלייך צום שוואַרצאַפּל. עמעצער וואָלט געמיינט, אַז איך טרייסל זיך איבער אַ גראָשן. איך אַ קרעמער! איך שטיי און וועג אַ פֿונט זאַלץ און אין קאָפּ באַמבלט זיך אַ סוגיה. איך דערלאַנג אַ הערינג און עס ווערט מיר קשה אַ רמב״ם. איך וועג אַ לייט צימרינג און אונטער דער סטויקע ליגט אָן אָפּענער בוך לידער. מיין ווייב האָט זיך דווקא אויסגעטויגט צו דער קראָם. ווען די שוויגער דערגייט איר נישט די יאָרן, וואָלט זי מיר געלאָזן זיצן אין שטוב און לער־נען. נו, פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז עס זענען געווען צרות. איך האָב אַפֿילו נישט געקענט ריידן קיין גוטע רייד צו מיין ווייב. איך האָב אויף איר נישט געקענט אויספּרובירן די ליבע־רייד פֿון די לידער, וואָס איך האָב זיך אָנגעלייענט. איך בעט אייך, לייענט איבער די דערציילונג „משי״. ש. בן־ציון האָט באמת אַראָפּ־גענומען אַ פּאָרטרעט פֿון מיין שטוב.

— איר וועט מיר זאָגן, אַז איך האָב געדאַרפֿט אַנטלויפֿן. וווהין? צו מיין טאַטן דעם שוחט, עסן זיין ברויט און טראָגן דעם יאָך פֿון זיין פֿרומקייט? איך וואָלט מסתמא געבליבן אין שטעטל, איז אָבער מיין פֿרוי געשטאָרבן אין קימ־

פּעט. איך האָב שוין געמוזט אַנטלויפן פון שטעטל. באַלד נאָך שלושים האָט מען מיר אָנגעהויבן ריידן שידוכים. דער פרומער טאַטע מיינער האָט ווידער פאַר מיר אויסגעקליבן אַ כלה, אַ מיוחסת מיט אַ גרויסן נדן. איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון שטעטל און פון מיין טאַטן. איך בין אַנטלאָפן קיין ראַדין. מעשה גוטער צופאַל האָב איך אָנגעטראָפן אויף משה־מרדכין. ער שטעלט מיר צו ביכער און מיר איז גוט ווי די וועלט. אמת, וואָס עס פעלט מיר צו דער אמתער אמונה זאָל עס אונדז אַלעמען צוקומען אין עשירות, אָבער דאָך דאַוונט זיך אָפט דאָ אין ראַדין גאַנץ געשמאַק און מיט כוונה. לערנען איז דאָך דאָ אוודאי גרינג. איז וואָס פעלט מיר? ווו האָב איך זיך אויסגעלערנט דייטש און רוסיש? גענומען בשתיקה עטלעכע לעקציעס ביי סטודענטן, ווען איך האָב געלערנט אין קאָוונע. דאָס איבעריקע פון זיך אַליין. וואָסי, אומזיסט רופט מען מיך „דער קריניקער עילוי?" ביין, נישטאָ קיין אַנדערע משכילים אַחוץ אונדז דרייען דאָ אין ראַדין. עס וועט זיין צרות, ווען משה־מרדכי וועט אַוועקפאָרן אַהיים.

שמעון האָט אַ קוק געטאָן אויף ביידע עלטערע חברים און זיך אַ קער געטאָן צו ברוך־דודן:

— איר ווייסט, קריניקער עילוי, עס איז מיר באַפאַלן אַ גרויסע חולשה ווען איך האָב געהערט וואָס איר האָט מיר דערציילט. פאַרוואָס זענט איר אַזוי אַפּהענטיק? איר זענט אַ גרויסער למדן, אַ חריף און אַ בקי. איר קענט גוט רוסיש און דייטש, אַחוץ לשון־קודש. איך האָב נישט געלייענט ש. בן־ציונס סיפּורים (דערציילונגען), ווייס איך נישט ווער זיידל ציפּרין איז. אָבער די יידישע שטעטלעך קאָכן און יורן. פאַרוואָס קענט איר, ברוך־דוד, נישט אַוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע? איר, מיט אייערע ברייטע ידיעות, קענט ווערן דאָרטן אַ גוטער לערער. אויב איר ווילט זיך נישט פאַרנעמען מיט לערעריי, קענט איר אַרבעטן אין אַ קאָלאָניע. געפעלט אייך נישט פּאַלעסטינע — ווער לאָזט אייך נישט אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע? געלט אויף הוצאות? זאָל זיין אַז איר האָט פיינט מלמדות תכלית שנאה, איז אָבער כדאַי אָפּצוקומען אַ פּאָר זמנים און זיך קענען לאָזן אויף דער פרייער וועלט און נישט דערשטיקט ווערן פון אייער אַפּהענטיקייט. מיר איז באַפאַלן אַ פּחד פון אייער יאוש.

ברוך־דוד האָט געפרעגט אָנגעברוגזט:

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי האַפערדיק? האָט איר פּלענער אויף להבא? קענט איר זיי רעאַליזירן? וואָס מיינט רעאַליזירן? דורכפירן. פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן אַהער, קיין ראַדין?

שמעון האָט געענטפערט פאַרחידושט:

— איך בין נישט אַנטלאָפן אַהער פון קיין פרומען טאַטן און איך בין נישט געקומען אַהער, ווייל איך האָב זיך מייאש געווען פון דער וועלט. איך בין געקור־

מען אַהער צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה, איך האָב נישט געוואָלט אַזוי גרינג זיך אָפּזאָגן פון דעם כתר תורה.

— פון וואָס? — האָבן ביידע חברים געפרעגט פאַרחידושט.

שמעון האָט געענטפערט רויִק:

— איך האָב עס שוין איין מאָל דערקלערט חיימען, דעם מוסרניק אין לידע: איך האָב זיך אַנגעלייענט ווי אַ פויק מיט השכלה־ביכלעך, וואָס מאַכן צונישט דעם כתר־תורה. מיר איז אָבער שווער אויפצוגעבן דעם כתר תורה און פאַרלאָזן די מלכות תורה. איר זענט אַלע מיוחסמדיקע בחורים, זין פון רבנים, שוחטים, אָדער פון ייִדן גבירים, לומדים. איר זענט געבוירן געוואָרן אין דעם יחוס פון מלכות תורה. ביי אייך איז תורה אַ וואָכעדיקער ענין. ניין, ביי אַ סך פון אייך איז עס אַן ענגע, נודנע, אָדער שטיקנדיקע וועלט, פון וועלכער איר ווילט אַנטלויפן.

ביידע חברים האָבן אַנגעשפּיצט די אויערן און שמעון האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אימפּעט:

— איך בין אָבער אַ שוסטערס און בעקערינס אַ זון. איך בין נישט אייַנגעטונקט אין יחוס און אוודאי זיך נישט געבאָדן אין עשירות. אַ בעל־מלאכה האָט אַ שווערן און נודנעם לעבן אין די דלד אמות פון האַרעוועןּ, עסן און שלאָפן, אַביסל פרייד האָט ער פון אַ שבתדיקן און יום־טובדיקן דאַוונען, פון אַ פאַרטאָגיקן קאַפּיטל תהילים און אַ שטיקל נחת רוח ווען ער הערט זיך צו, בין מנחה למעריב, צו אַ שטיקל עין יעקב. אַ בעל־מלאכה האָט אַן אַרומגעצאַמטע באַגרעַנעצטע וועלט. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דער ענגשאַפט און אַריין אין היכל התורה, און דאָרטן געוואָרן אַ בן־בית. עס האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ ברייטע גרויסע וועלט. „שנים אוחזין בטלית“, „דיני ממנות בשלשה“, „תגרי לוד“ און „תנא רבנן“ זענען פאַר מיר נישט גלאַט קיין סקאַרבאָווע ווערטער, נאָר שליסלען צו קאַמערן פון אַ פּאַלאַץ. ביי אייך איז דער גמרא־ניגון אַן אַלטער שטייגער, ביי מיר איז עס געווען דאָס געזאַנג פון אַ ניי אייַנגענומענער וועלט, אַ סימן (דער סימבאָל, האָט אים משה־מרדכי קאָרעגירט) פון אַ ברייטער וועלט.

— נו, איך האָב זיך נאָך נישט אָנגעוואַרעמט אין דער וווּנדערלעכער וועלט פון לומדות, האָט מען מיך אָנגעהויבן קאָרמענען מיט ביכלעך, וואָס באַווייזן מיט אותות און מופתים, אַז לערנען אין דער ישיבה לערנען נאָר אָפּגעשטאַנענע בחורים, שטיקלעך שוטים, וואָס זענען נישט באַקאַנט מיט דער וועלט. אַנדערע האָבן אָפּגעמאָלט דאָס לערנען ווי עפּעס אַ בזויהדיקע זאַך. זיי האָבן מיך איינגערעדט, און איך בין געוואָרן בטוח ביי זיך, אַז זיי זענען גערעכט. אָבער עס איז פאַר מיר נישט גרינג אויפצוגעבן די תורה־וועלט, מיין שווער פאַרהאָרעוועטן יחוס, מיט וואָס איך האָב זיך אַזוי געגרויסט! איך קען נישט אַנטלויפן מיט אַ גרינג

האַרץ. איך האָב פריִער געמוזט אויספאָרשן און איבערקוקן אַלע שיטות, אין וועלכע איך האָב געהאַט אמונה. זענען זיי טאַקע אויסגעשפּילט, ווי די משכּילים, סאָציאַליסטן, ציוניסטן זאָגן? איך האָב ביי זיך נישט געקענט אָפּמאַכן צו אַנט־לויפן ביז איך זאָל אויספאָרשן ראַדין, די ישיבה פון דעם ליכטיקן, ערלעכן, טייערן ייִדעלע, וואָס איך האָב געזען ווען איך בין נאָך אַ יונג קינד געווען. איך בין געקומען אין ראַדין און מען האָט מיך אויפגענומען מיט צעשפּרייטע אָרעמס און אָפענע הענט, מיט ליבשאַפט און גאַרונג. מען האָט מיר געגעבן תּמיכה און באַ־זאָרגט מיט אַ קוואַרטיר. פאַרוואָס האָבן זיי מיר געגעבן תּמיכה? איך זאָל לער־נען, נישט לייענען קיין השכּלה־ביכלעך! איך בין געקומען אַהער זוכן, זוכן און געפינען.

שמעון איז אַנטשוויגן געוואָרן. משה־מרדכי האָט געפרעגט:

— האָט איר געפונען וואָס איר האָט געזוכט?

שמעון האָט ביטער אַ לאַך געטאָן:

— באמת האָב איך נישט געהאַט וואָס צו זוכן, איך וויל אייך מגלה זיין אַ סוד. איידער איך בין געפאָרן אַהער, האָב איך חושד געווען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו געפינען. איך בין געפאָרן צו זוכן עפּעס וואָס איך האָב לכתּחילה גע־ווּסט אַז ס'איז נישטאָ. עס איז געווען אַן אַליין־אָפּנאַרעריי, אַן איינרעדעניש. איך האָב געקענט דעם גאון ר' ישׂראל־מאיר פון זיינע ספרים „חפץ חיים", „שמירת הלשון" און אויך זיינע אַנדערע קונטרסים. איך האָב געוווּסט פון זיין פרומער תּמימות, ער גלייבט דאָך אַפילו אין גלגולים. דאָך... זיך געוואָלט אָפּנאַרן.

שמעון האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל און פאַרבענקט:

— אָבער אומגעריכט האָב איך דאָ געקראָגן מנוחה. מיינע ספקות זענען פאַרדעקט געוואָרן מיט דיקע בלעכן, פאַרפּאַנצערט און אָפּגעטיילט געוואָרן פון מיר. איך האָב פּלוצים געקראָגן חשק צו דאַווענען, לוסט צו לערנען און אָפּהיטן מצוות. לכתּחילה האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַלץ אַן איינגערעדטער אָנשטעל. איך האָב זיך פאַרטומלט, נאָכגעמאַכט פרומקייט. אָבער מיטאַמאָל האָב איך אויפגעהערט צו האָבן שרעק־חלומות. איך האָב אויפגעהערט צו חלומען די חלו־מות, וואָס האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו.

— איר פלעגט פריִער האָבן קאָשמאַר־חלומות? — האָט ברוך־דוד געפרעגט.

שמעון האָט געענטפערט:

— שוין יאָרן, אַז זיי מאַטערן מיך. אין די לעצטע חדשים, ווען איך בין געווען אין דער ישיבה פון קרעמענטשוג, האָב איך געהאַט קאָשמאַר־חלומות כמעט יעדע נאַכט. שפּעטער אין שטעטל, און ווען איך בין געווען אין לידע, האָב איך זיי געהאַט צוויי־ דריי מאָל אַ וואָך. עס איז געווען איין־און־דער־זעלביקער קאָשמאַר־חלום, אָבער יעדעס מאָל אין אַן אַנדער נוסח.

— דער אָנגענומענער נוסח איז געווען: איך ליג אין אַ קבר. איך בין טויט, אָבער ביי אַלע חושים. די ווענט פון קבר זענען קאַלט, אָבער די קעלט צערעט מיך נישט אַזוי ווי די נאַסקייט און קלעפּיקייט פון די ווענט, וואָס זענען פון אַ שיטערן ליים און פון אַ מיאוסן טונקעלן קאָליר.

שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און אַ זיפץ געטאָן:

— עס איז פאַר מיר שווער אייך איבערצודערציילן אַפילו איין נוסח פון חלום, ווייל יעדער קאָשמאַר איז געווען אַ לאַנגער פאַרפּלאָנטערטער שוידער, וואָס עס וואָלט גענומען שעהן אייך איבערצודערציילן. דער עיקר איז, אַז דאָ בין איך פון זיי פּטור געוואָרן. ביי מיר איז עס געווען אַ פרייד און אַ סימן, אַז איך בין געקומען צו דער מנוחה. אָבער מיט אַ פיר וואָכן צוריק — אַהאָ, סקאָצל קומט! מיין אַלטער קאָשמאַר־חלום איז ווידער דאָ. אמת, אין אַ גאָר שפּאָגל־נייעם נוסח, אָבער ס׳איז די זעלביקע פּלאָג. הערט:

— עס חלומט זיך מיר, אַז איך בין אין אַ טיפן טאָל, אַרומגערינגלט מיט בערג. דער טאָל איז טיף און די בערג זענען הייך. אויף די שפּיץ בערג וואַקסן משונהדיקע דיקע הייכע נאָדל־ביימער. ס׳איז טונקל אין טאָל, די זון קען אַהער נישט דערגרייכן, און די ערד איז אַ טונקל־געלע, אַ ליימיקע און אַ קלעפּיקע. איך שטיי צופוסנס פון העכסטן באַרג און איך זע מיטאַמאָל, אַז אויבן, אויפן שפּיץ, שטייט אַ רחבותדיקע שטוב, וואָס האָט דעם אָנבליק פון דעם חפץ־חיימס וווי־נונג. די שטוב שטייט אין דער הייך און איז אַרומגערינגלט מיט ביימער, אָבער איך זע קלאָר ווי דער חפץ־חיים זיצט דאָרטן און לערנט. מיין ראיה איז שאַרף. איך זע אַפילו וואָס עס טוט זיך הינטער די ווענט פון שטוב. די ווענט ווערן דורכזיכטיק און איך זע, אַז הינטער זיי זענען אויסגעשפּרייט רחבותדיקע פעל־דער: קאָרן־פעלדער און ווייץ־פעלדער. צווישן די פעלדער געפינען זיך בייטן מיט קאַראַסקעס (בלומען), וואָס רייסן אויף די אויגן מיט זייער ווייסקייט און בלוי־קייט. אַ פרייע, שיינע, ליכטיקע, וואַרעמע וועלט איז דאָרטן באַגאָסן מיט זונשיין און באַפּוצט מיט בלומען. הײַנט, די פייגל! משונהדיק שיין! געקאָלירט ווי אָפּ־געפאַרבטע. איך מוז אַרויסקלעטערן פון דעם זומפּיקן טאָל צו דעם חפץ־חיים — צו זיין ברייטער, שיינער, ליכטיקער וועלט.

— און, וווּנדער איבער ווונדער! איך דערזע, אַז עס שטייט אַ לייטער אָנ־געשפּאַרט צום באַרג. אַ הייכער לייטער. ער דערגרייכט פון דער ערד ביזן שפּיץ באַרג. פון וואַנען איז געקומען פלוצים אַ לייטער, פרעג איך נישט... איך הייב אָן קלעטערן אויפן לייטער, ווי אַלעמאָל אין די דאָזיקע חלומות, איז אַ פוס אַ קלאָץ, אַ האַנט — אַ פּודיק געוויכט. יעדער טרעפּ פון לייטער איז אַן אַנגסטיקע מאַ־טערניש. איך גיב זיך אָבער נישט אונטער. איך ווער באַשלאָגן מיט אַ שווייס, דער אָטעם ווערט מיר קורץ און איך קלעטער העכער און העכער. איך שטעל זיך

אָפּ אויף אַ ווײַלע, רו זיך אָפּ, און ווי איך כאַפּ אָפּ דעם אָטעם, קלעטער איך העכער. איך דערגרייך דעם שפּיץ באַרג. איך גיי אַראָפּ פון לייטער, גיי צו צו דער שטוב, עפן די טיר, גיב אַ טראָט — עס איז גאָר נישטאָ קיין דיל, טו איך אַ פאַל און בלייב ליגן אין אַ טיפן, שמאָלן גרוב־קבר. איך שטרעק אויס מיינע הענט און איך ריר־אָן קאַלטע גליטשיקע ווענט. איך באַקוק מיינע הענט, זיי זענען איינגעריכט אין געלן קלעפּיקן ליים. מיין גאַנצער גוף איז איינגעריכט אין דער שליימיקייט. עס איז מיר קאַלט און נאַס און דער שמוציקער גוף וואַרפט אָן אויף מיר אַ מיגל. איך בלייב ליגן מיטן פּנים אַרויף און זע אַ קליין דין פּאַסיק פון בלויען הימל. איך שטעל זיך אויף און שריי אויס צום הימל: איך וועל דאָ נישט פאַרבלייבן. עס איז נאָך דאָ כוח אין מיינע לענדן און „עס איז נאָך דאָ שטאַרקייט אין די מוסקולן פון מיין בויך". איך וועל אַרויסקריכן. דו, דאַרטן, האָסט מיך פאַרפירט — האָסט מיר געוויזן אַ געשטאַלט פון חפץ־חיימס שטוב, מיט רחבותדיקע פעלדער. און ערשט עס איז גאָר ווידער דער ענגער קבר־גרוב! איך גיב זיך נישט אונטער!

— איך הייב־אָן אַרויסקלעטערן זיך פון קבר־גרוב. איך קלעטער און גליטש זיך אַראָפּ. איך רו זיך אָפּ, שטעל זיך אויף און קלעטער ווייטער. איך הער אַ שטים: „דו וועסט זיך אַרויסשלאָגן פון די כוחות". איך ענטפער נישט. איך פאַר־בייס די ליפּן און קלעטער העכער און ווייטער. אַ פוס, אַ קלאָץ, אַ האַנט — אַ פודיק געוויכט. אָבער איך גיב זיך נישט אונטער. — און איך האָב אויסגע־פירט. איך האָב זיך אַרויסגעקראַבקעט פון גרוב. איך בלייב ליגן אַ פאַרמאַטער־טער מיט אַ האַלבן גוף אויף דעם ראַנד פון באַרג און די פיס הענגען אונטן אין אָפּגרונט. איך רו זיך אָפּ אַ ווײַלע און איך קריך אַרויס אינגאַנצן פון דעם טיפן תהום.

— איך הייב אויף די אויגן. איי, אַ רחבות! פעלדער פון ווייץ און קאָרן, פלאַקס און האָבער, לאָנקעס מיט היי און בלומען. סעדער פון פרוכט, אַ נוס־וועלדל און איבער אַלץ — אַ טיף־בלויער הימל, אַ ברייטער ווי ווייט דאָס אויג קען כאַפּן. איך צעשפּרייט די הענט, אָטעם אַריין די פרישע לופט. איך בין אַ באַפרייטער. מיטאַמאָל פיל איך די ערד אונטער מיר ציטערט, זי טרייסלט זיך, רוקט זיך צוריק צום תהום, צו יענעם אויסגעדוכטן שטיבל. „ניין — שריי איך אויס, — איך גיי נישט צוריק צו דער ענגשאַפט, צו דער פינצטערניש פון די אָפּגעצוימטע דלד אמות". איך הייב אָן לויפן, אַנטלויפן אין דער ברייטער וועלט. איך לויף און לויף און עפּעס ווי איך שטיי אויף איין אָרט. איך כאַפּ זיך אויף אַ פאַרמאַטערטער, אָפּגעגאָסן מיט שווייס, די פיס און הענט ברעכן מיר און די צונג אין מויל איז טרוקן.

איך זעץ זיך אויף, אַנטקעגן מיר, אין דער אַנדערער בעט, שלאָפט רוזק

משה־מרדכי. ס׳איז העלער טאָג. איך בין אַראָפּ פון בעט, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אָרויפגעגאָסן אַ קאַלט קוואָרט וואַסער אויף מיין צעהיצטן קאָפּ. איך האָב דערנאָך אויסגעטרונקען אַ האַלב קוואָרט וואַסער. עס איז מיר גרינגער געוואָרן. איך האָב זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. איך האָב אין יענעם פרימאָרגן פאַרשטאַנען, אַז איך האָב זיך נישט איבערגערעדט. איך האָב זיך נאָר איינגערעדט, אַז איך בלייב אין היכל פון דער תורה, אָבער איך בין געבליבן ביי מיינע ספקות. שוין צייט זיך אויפהערן צו נאַרן.

די לבנה איז פאַרגאַנגען. ס׳איז געוואָרן קיל און טונקל — די קילקייט און טונקלקייט פון פאַרטאָג. ברוך־דוד האָט זיך אַ קער־געטאָן צו שמעונען:

— נו, חלומות, קאַשמאַרן, פאַנטאַזיעס, אָבער וואָס רעכנט איר צו טאָן?

שמעון האָט געענטפערט אָן אַ רגע וואַקלעניש:

— איך בין פאַרשריבן אין פּאַס מיט דריי יאָר עלטער ווי איך בין. אין אַ יאָר און אַ האַלב אַרום, צו אַכצן יאָר, וועל איך זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. איך וויל דאָך נישט גיין דינען פאָניען. די גאַנצע משפחה קלייבט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע. איך וועל דאָ בלייבן ביזן פאָרן. מסתמא, ביז אין מיטן ווינטער אָדער באַלד נאָך פּסח. אין אַמעריקע האָב איך צוויי פעטערס און אַן עלטערן ברודער. מיט פיר וואָכן צוריק זענען אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע מיין עלטערע שוועסטער און מיין טאַטע. אַזוי גיך ווי זיי וועלן זיך דאָרטן איינשטעלן, וועט די מאַמע פאַרקויפן די שטוב, מיר האָבן אַ גאַנץ לייטיש הויז, און מיר פאָרן אָפּ קיין אַמעריקע.

— איך פאָר קיין אַמעריקע נישט ווייל די משפחה פאָרט אַהין. איך וויל פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל ייִדן האָבן דאָרטן אַלע פּראַוועס (רעכט) און די גימנאַזיעס (מיטלשולן) און די אוניווערסיטעטן זענען פרייע, אומזיסטע. און מיין ברודער האָט מיר געשריבן, אַז די ביבליאָטעקן דאָרטן שטייען אָפן. גיי און נעם וועלכע ביכער און וויפל ביכער דו ווילסט. אָבער עס איז דאָ נאָך אַ וויכטיקערע סיבה פאַרוואָס איך וויל פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן וועל איך קענען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן יאָך פון דורות. עס איז נישטאָ דאָרטן די חרפּה פאַר דער משפּחה. דאָס שעמען זיך פאַר דעם גאַנצן שטעטל — עס איז אַ פרייע מדינה, וווּ ייִדן האָבן אַלע פּראַוועס און זיי פירן זיך אויף ווי די נישט־ייִדישע שכנים. די קראָמען זענען אָפן שבת און יום־טוב. שבת, שרייבט מיין ברודער, איז דער פאַרנומענסטער טאָג אין די קראָמען. אַלע גייען איינקויפן שבת. וויל איך לעבן אין אַ סביבה, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן יאָך פון די דורות, כדי איך זאָל ראשית זען צי קען אַ ייִד בכלל לעבן אַזאַ הפקר־לעבן, אָן שבת, אָן יום־טוב און אָן דעם יאָך און פרייד פון מצווה, און דאָך זיין אַ ייִד. שנית, וויל איך זיך אָנלערנען ווי אַ פּויק אין די אוניווערסיטעטן מיט וויסנשאַפט, פילאָסאָ־

פּיע און ליטעראַטור. איך מוז אויסגעפינען צי די וועלט האָט יאָ אַ תּכלית צי נישט. ד״ר יוסף קלויזנער זאָגט, אַז דער גרעסטער אויפטו פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע איז, וואָס זי האָט באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין תּכלית אין דער נאַטור. ווײַבאַלד אַזוי, איז דאָך נישטאָ קיין התגלות. זאָגט ער טאַקע אין דעם זעלביקן בוך „היהדות והאנושיות״ — „ישראל קודם לאורייתא והיהדות היא יצירת היהודים״ — ייִדן זענען וויכטיקער פאַר דער תּורה און ייִדישקייט איז געשאַפן פון די ייִדן. עס קען דאָך זײַן, אַז ער איז נישט גערעכט. ווען איך וועל דאָס אויסגעפינען, נאָך דעם ווי איך האָב יאָרן געלעבט הפקר, דעמאָלט וועל איך קענען אויפנעמען די תּורה פרײַ מיטן גאַנצן האַרצן, נישט צוליב מסורה: אַזוי האָבן די טאַטעס געטאָן און אַזוי האָט מען מיר עס אָנגעזאָגט, נאָר איך וועל זי אָננעמען מיט מײַן רצון. און ווײַל איך וועל דאַרשטן נאָך איר.

די חברים האָבן זיך געלאָזן גיין צו זייערע קוואַרטירן. אין דער פּאַרטאַגי־קער טונקלקייט זענען זיי געגאַנגען דערשעפּטע און געשוויגן. פאַרן שיידן זיך, האָט זיך אָפּגערופן ברוך־דוד:

— שמעון, איך בין אײַך מקנא. איר פאָרכט נישט און שרעקט זיך נישט פאַר דער וועלט און פאַר זוכן. איך בין פאָרט אַ „נפש רצוצה״ — אינגאַנצן אָן אָפּהענטיקער, אַ דערדריקטער, אַ צעקוועטשטער. איך גלייב אַפילו נישט אין אַפּיקורסישקייט. אָפט דוכט זיך מיר, אַז איך טו אַלץ בלויז פון להכעיס, פון כּעס און פאַרדרוס אויף מײַן לעבן און שׂנאה צו מײַן סביבה. איר, אָבער, זענט אויף קיינעם נישט אין כּעס. איר גלייבט טאַקע נישט, ווי דער חפץ־חיים גלייבט, אָבער איר האָט אים ליב. הלוואַי אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

ווען די חברים האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז שוין געווען ווײַסער טאָג.

***

צען טעג שפּעטער איז שמעון געשטאַנען פאַר ר׳ הירשן:

— רבי, איך פאָר אַהיים, נאָך היינטיקע וואָך. איך בין געקומען זיך געזעג־ענען מיט אײַך און אײַך אָפּגעבן אַ הכּרת תּודה (אַ דאַנק) פאַר אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געלערנט, פאַר דער תּמיכה, וואָס איר האָט מיר געגעבן און פאַר די שבתים ביים חפץ־חיימס טיש.

ר׳ הירש האָט געפרעגט בנעימות:

— עס איז דאָך ערשט קאַרגע דרײַ וואָכן אין אָב, איז וואָס אײַלט איר זיך צו פאָרן פאַר דעם סוף זמן אַהיים?

— איך אײַל זיך, רבי, ווײַל אין אונדזערע מקומות איז אין אלול די צײַט, וואָס די ישובניקעס זוכן מלמדים. דער ענין איז אַזאַ. אין אַמעריקע האָב איך מײַן עלטערן ברודער. מײַן טאַטע און מײַן עלטערע שוועסטער, רחל־לאה, זענען

מיט אַ זעקס וואָכן צוריק אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיין שוועסטער האָט מען אַריינגעלאָזן און מיין טאַטן האָט מען צוריקגעשיקט. ער האָט אַ מיחוש — אַ שלעכטן פוס. עס מיינט, אַז די משפחה קען נישט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע ווי די מאַמע האָט גערעכנט. איך בין פאַרשריבן אין פּאַס מיט דריי יאָר עלטער. אין אַ יאָר און אַ האַלב אַרום, ווען איך וועל זיין אַכצן יאָר אַלט, דאַרף איך זיך שטעלן צום פּריזיוו. איך וועל דאָך נישט גיין דינען דעם קיסר. איך וועל אַנטלויפן קיין אַמעריקע. וואָלט מען דעם טאַטן געווען אַריינגעלאָזן אין אַמעריקע, וואָלט די מאַמע פאַרקויפט די שטוב, עס וואָלט געווען פאַר אַלעמען פון אונדז גענוג אויף הוצאות, פאַר מיר בתוכם און מיר וואָלטן נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר די דריי הונדערט רובל קנס, וואָס די מלוכה לייגט אַרויף אויף די ייִדישע משפחות, ווען אַ זון אַנטלויפט פון פּריזיוו. איצט אָבער, אַז די משפחה בלייבט דאָ, דאַרף איך פאַרדינען אויף הוצאות קיין אַמעריקע און איך דאַרף פאַרזאָרגן די דריי הונדערט רובל קנס. איך וועל מוזן קנעלן דעם יאָר און אַ האַלב, וואָס עס איז מיר געבליבן ביזן פּריזיוו.

ר׳ הירש האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אוי, רבונו של עולם, וויפל נאָך צרות וועט דיין פאָלק ישראל דאַרפן אויסשטיין ביז משיח וועט קומען. נו, פאָרט געזונט און זייט מצליח. אָבער, וואַרט־צו אַ ווײַלע, איך האָב דאָך אייערן אַ פּעקל ספרים חיצונים.

ר׳ הירש האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום פאַרמאַכטן אַל־מער, געעפנט די טירלעך און פון אַ פּאָליצע אַראָפּגענומען די ביכער, וואָס ער האָט זיי איינגעוויקלט פאַראַיאָרן אין פּאַק־פּאַפּיר. ער האָט אָוועקגעגעבן שמוענען דאָס פּעקל.

שמעון האָט צוגענומען דאָס פּעקל און געפרעגט אין אַ פאַרלעגנהייט:

— רבי, איר וועט מיר מוחל זיין מיינע רייד. אָבער ילמדנו רבותי, אויב ס׳איז זינד צו האַלטן ביי זיך השכלה־ביכלעך, איז פאַרוואָס האָט איר זיי מיר צוריקגעגעבן?

ר׳ הירש האָט געענטפערט געלאַסן:

— איר האָט דאָך אויסגעגעבן אויף זיי געלט. ווער וועט אייך נישט לאָזן קויפן אַנדערע ביכער, נאָך דעם ווי איר וועט פאַרלאָזן ראַדין? און די גמרא זאָגט דאָך: הקדוש ברוך הוא חס על ממונם של ישראל — גאָט זשאַלעוועט ייִדיש געלט. מיר האָפן נאָר, אַז מיר האָבן דאָ געהאַט אויף אייך גענוג השפעה, אַז איר וועט נישט פּטרן קיין צייט אויף קיין השכלה־ביכער — עס איז דאָך ביטול תורה.

רבי הירשס האָפענונג איז נישט מקוים געוואָרן.

קאַפּיטל 16

צוריק אין שטעטל

אַ צעמישעניש אין צייט. שמעון קען בשום אופן נישט געדענקען דעם אויס־שטעל פון צייט פאַר די געשעענישן פון דעם לעצטן יאָר אָדער יאָר און אַ האַלב, איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. ס׳איז אים אַפילו נישט קלאָר צי עס איז פאַרגאַנגען אַ יאָר, אָדער אַ יאָר און אַ האַלב זינט זיין קומען פון ראַדין ביז זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. אין זיין זכרון זענען אים געבליבן פון יענער צייט טיפע איבערלעבענישן, לאַנגע שמועסן, שאַרפע וויכוחים און אָפט קליינקייטן, וואָס זענען אויסגעגראַווירט געוואָרן ביי אים אין געדעכעניש נישט אָפּצומעקן. אָבער אַלץ אָן אַ מוקדם און אַ מאוחר — אָן אַ פריער און אָן אַ שפּעטער.

דער זכרון האָט מאָדנע גאַנגען. די אַלע יענע איינדרוקן זענען ביי אים אין געדעכעניש נישט פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער סדרדיקער צייט. אָבער זיי זענען צוגעבונדן צו באַזונדערע שעהן אין טאָג און באַשטימטע טעג פון וואָך. איצט שטעלט ער זיי אויס אין אַ המשכדיקן לאָגישן סדר, כדי די געשעענישן זאָלן זיך קייטלען און האָבן פאַר דעם לייענער דעם זין פון צייט־המשך. דאָס איז איין באַוואָרעניש.

נאָך אַ באַוואָרעניש. נישט זעלטן טייטשט ער אַריין אין יענע שמועסן אַ וואָגיקייט און באַטייט, וואָס זענען צו היינטיק. נאָך אָפּטער שרייבט ער וועגן זיך, וועגן זיינע רביים און עלטערע חברים צו באַיאָרנט פאַר זיין דעמאָלטיקער עלטער. אָבער ער פעלשעוועט נישט. אין יענעם דור איז אַ זיבעצן־יאָריק יונגל מאַנלעך געווען פול דערוואַקסן גייסטיק. און די שמועסן מיט די עלטערע חברים און רביים? די גמרא זאָגט: „לא קאי איניש אדעתיה דרביה עד ארבעין שנה“. פאַרטייטשט רש״י: ערשט נאָך פערציק יאָר קען אַ מענטש באַנעמען די טיפקייט פון געדאַנק און פאַרשטאַנדיקייט פון זיין רבין. דאָס לשון פון רש״י אויף לשון קודש: לדעת סוף דעתו ותבונתו עד ארבעים שנה.

**
*

שמעון איז אַרויסגעפאָרן פון באָסטון — די נאָענטסטע סטאַנציע פון ראַדין — פאַרטאָג. ער איז געפאָרן אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ גאַנצן טאָג ביז ער איז אָנגעקומען אַהיים. דורך דער גאַנצער צייט פון דער נסיעה האָט ער נישט געדאַוונט און עס האָט אים נישט פאַרדראָסן, ווי עס איז געשען מיט קאַרגע פיר יאָר צוריק, ווען ער איז געפאָרן פון קרעמענטשוג און פאַרפעלט נאָר איין מאָל דאַוונען.

נאָך אין ראַדין, פאַר זיין אָפּפאָרן אַהיים, האָט ער געמאַכט אַ שטילן אָפּ־מאַך מיט זיך אַליין: דעם חפץ־חיימס ישיבה איז געווען זיין לעצטער פּרווו צו בלייבן ביים לערנען און פרומקייט. ער איז איצט אַ באַפרייטער. ער וועט מער נישט דאַוונען, נישט אָפּהיטן קיין שבת אָדער כשרות, סיידן ער וועט עס דאַרפן טאָן לפנים וועגן. למשל, נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש טאַטע־מאַמע, אָדער נישט ווי טאָן קיין פרומע יידן. אַ סך פרייע זענען צו־להכעיסניקעס.

קיין מומר להכעיס איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ווידערווילן אָדער אַ האַס צו פרומע יידן אָדער צו פרומקייט, ווי עס האָבן געטראָגן אין זיך אַ סך פרייע אין דער ישיבה און נאָך מער די מערסטע סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן מכל המינים. אָבער אים דוכט זיך איצט, אַז עס איז ביי אים געווען עפּעס נאָך ערגערס פון אַ ווידערווילן און אַפילו פון שנאה צו פרומער יידישקייט. ער האָט זיך געשטעלט אינגאַנצן אין דרויסן פון דער פרו־מער וועלט. ער איז געוואָרן אַ פרעמדער. ער האָט געהאַלטן ביי זיך, אַז ער איז אַריין אין דער ברייטער וועלט, אָבער ערגעץ דאָרט, אין די פאַרוואָרפענע און פינצטערע ווינקלעך, זענען נאָך געבליבן אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וואָס האַלטן זיך ביי פרומע זינלאָזיקייטן. וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט אים? ער האָט געקוקט אויף תפילין, האָט ער געזען נישט מער ווי צוויי שוואַרצע לעדערנע קעסטעלעך, וואָס פון זיי הענגען אַראָפּ לאַנגע רימענס. פרומע יידן טראָגן אויך אַ פּירקאַנטיק שטיקל טוך מיט אַ לאָך אין מיטן — אַן עפענונג פאַרן קאָפּ, פון דעם פּירקאַנטיקן שטיקל טוך הענגען אַריינגעצויגענע פעדעם פון די פיר עקן, אַ שטיקל טוך מיט הענגענדיקע פיר פעדעם און נישט מער. נו, ס'איז אַ שכל צו קעמפן קעגן תפילין און אַ טלית־קטן, אָבער וואָס פאַר אַ זין איז דאָ צו קריגן זיך מיט שוואַרצע לעדערנע קעסטעלעך אָדער מיט אַ שטיק טוך, וואָס האָט אַריינגעצויגענע פעדעם אין אַלע פיר עקן? פאַרקערט, גאָר אָפּט פירט מען זיך אויף אַביסל נאַריש, פאַרשטעלט, כדי נישט ווי צו טאָן אַ קינד, אָדער אַ נאָענטן און טייערן מענטשן.

שמעון זיצט איצט, ערב שבועות, אין יאָר תשי"ח, און לייענט איבער די צוויי זייטלעך וואָס ער האָט אָנגעשריבן און עס גייט אים אַריבער אַ סקרוך איבערן לייב. ער קוקט אויף די פּאָליצעס מיט ספרים אין זיין שרייב־צימער:

ביידע ש״סן, מקראות גדולות, מדרשים, דער זוהר, דער „יד החזקה״ פון רמב״ם אין פיר בענד, דער „כוזרי״; קרוב הונדערט בענד מיט פאַרשיידענע תנ״כן מיט מפרשים. די פיר חלקים שולחן ערוך: אבן העזר, אורח־חיים, יורה דעה און חושן משפט — ספרים און ספרים — חוץ ביכער. וויי, וויי, ווי לאַנג עס איז געווען דער וועג פון צוריקקער. וואָס איז מיט אים דעמאָלט געשען? ער טוט אַ זיפץ. דאָס האַרץ איז אים שווער. אָבער ער דערמאָנט זיך אין אַ גמרא און געפינט אַ שטיקל טרייסט. דערציילט די גמרא:

— ר׳ אשי אוקי אשלשה מלכים וכו... ר׳ אשי האָט פאַרענדיקט אַ פרק אין לערנען און איז צוגעקומען צום דרשהנען וועגן די דריי מלכים, וואָס האָבן נישט קיין חלק עולם הבא: ירבעם, אחאב און מנשה. האָט ער געזאָגט: מאָרגן וועלן מיר דרשהנען וועגן אונדזער גלייכן חבר — דעם מלך מנשה. יענע נאַכט האָט זיך דער מלך מנשה געוויזן אין חלום צו ר׳ אשין און געזאָגט צו אים: דו האַלסט מיך פאַר אַ גלייכן חבר און דו פאַרגלייכסט מיך צו זיך און דיין טאַטן? אדרבא, זאָג מיר: וועלכן זייט ברויט שניידט מען אָפּ נאָכדעם ווי מען זאָגט המוציא? האָט ר׳ אשי געענטפערט: איך ווייס נישט. האָט דער מלך מנשה געזאָגט צו אים: אַפילו אַזאַ קלייניקייט האָסטו נישט געלערנט איז ווי אַזוי האַלטסטו מיך פאַר דיין גלייכן? האָט ר׳ אשי געזאָגט צו אים: לערן מיך, זאָג מיר, וועלכן זייט ברויט שניידט מען אָפּ נאָכדעם ווי מען מאַכט המוציא און מאָרגן, אין בית־המדרש, וועל איך עס ברענגען אין דיין נאָמען. האָט מנשה געזאָגט: מען שניידט אָפּ דעם טייל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערשט צו אויסבאַקן. האָט ר׳ אשי געזאָגט צו אים: וויבאַלד דו ביסט אַזאַ תלמיד חכם, פאַרוואָס האָסטו געדינט עבודה זרה? האָט אים געענטפערט דער מלך מנשה: ווען דו וואָלסט געלעבט אין מיין דור וואָלסטו פאַרשאַרצט דיינע פּאָלעס, כדי דו זאָלסט בעסער קענען לויפן, און דו וואָלסט זיך געיאָגט נאָך דער עבודה זרה.

יאָ, שמעונען איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. ס׳איז אַ גוטער תירוץ — ס׳איז די שולד פון דעם דור. אָבער, טענהט ער מיט ביטערקייט צו זיך: ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געשטעלט אַנטקעגן קאָנפאָרמיזם. פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געשטעלט קעגן דעם קאָנפאָרמיזם פון די ווידערשפעניקע? און איצט? פאַרוואָס אַזאַ מרחק צווישן דעם צוריקקער און זיין טאָג־טעגלעכן אויפפיר? אין דריטן באַנד „דער בוים״, אויב ער וועט זוכה זיין אים אָנצושרייבן, וועט ער דערציילן באריכות וועגן דער השפעה פון חברים און רביים און זיינע ראַנגלענישן מיט אַלע דעות פון זיין דור. אָבער סוף־כל־סוף מוז ער איצט זיך מודה זיין מיט אַ פאַראַפראַזירונג פון יהודה הלוים אַ מאמר: כונותי רצויות, אבל מעשי אינם רצוים: מיינע כוונות זענען אַלעמאָל געווען גוטע, אָבער מיינע מעשים האָט מען נישט אַלעמאָל געקענט אָננעמען... ביז איצט איז אים שווער, זייער שווער

צו דאַוונען און שטאַרק פריקרע אויסצולײדיקן די קעשענעס פאַר ליכט־בענטשן.

*****

ער איז אָנגעקומען אויף דעם שטעטלשן װאָקזאַל מיט דער פאַרנאַכטיקער באַן. װען ער איז אָנגעקומען אין שטעטל, איז שוין געװען פינצטער. ער איז אַרײַן אין שטוב און ער האָט דערשפּירט עפּעס אַ שװערן דערדריקנדיקן פאַר־דראָס הענגען אין דער לופטן. ס׳איז געװען צו שטיל. די מאַמע האָט זיך אויף אים געריכט. זי האָט צוגעגרייט אַ געשמאַקע װעטשערע. זי האָט אַפילו פאַר אים געהאַלטן אָנגעװאָרעמט אין אַ טעפּעלע אַ מילכיקן האָבער־גריץ קרופּניק (זופּ), װאָס ער האָט אַזוי ליב, אָבער זי האָט צו אים געזאָגט מיט אַ האַלבן מויל: „װאָס מאַכסטו?״ און מער נישט אַרויסגערעדט קיין װאָרט. געװײנלעך איז די מאַמע געװען אַ נײַגעריקע און געװאָלט װיסן אַפילו װאָס עס טוט זיך אונטער די נעגל. מיטאַמאָל גאָר, איז זי געװאָרן אַ שװײַגנדיקע. שמעון איז געבליבן שטיין אַ זװאָמפּעטער (ער מוז נוצן דעם לאָקאַליזם, װאָס מיינט אַ צעטומלטער, אָן אײַ־בערראַשטער, כדי אויפצוכאַפּן יענע שטימונג). ער האָט אַרויסגענומען די דרײַ באַטיסטענע נאָז־טיכלעך, װאָס ער האָט פאַר דער מאַמען געקויפט אין לידע, װוּ ער איז געשטאַנען איבער צװײ שעה, װען ער האָט זיך איבערגעזעצט פון איין באַן אין דעם אַנדערן. די מאַמע האָט אַפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף זיי, זי האָט זיי צוגענומען מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, כמעט אָן אַ דאַנק, און איז געבליבן זיצן אַ שװײַגנדיקע, אַ פאַרטײַעטע. שמעון האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע איז געװען אַזוי אומעטיק און אַפּהענטיק מיט יאָרן צוריק, װען זי איז זיך פאַר־גאַנגען אין טראָגן מיט בנימינען, דעם מוזיניק פון דער משפּחה. דעמאָלט איז זי געװען קראַנק, אָבער איצט? איר מראה איז פון אַ געזונטן מענטשן, נאָר אין די אויגן ליגט עפּעס אַ פינצטערניש, אַ טיפער פאַרדרוס און אַ ביטערע טענה. „װאָס האָט עס אָנגעװאָרפן אַזאַ מרה שחורה אויף דער מאַמען?״ — האָט זיך שמעון געװונדערט.

אַ שװײַגנדיקע איז זי אַװעק שלאָפן. „ס׳איז גאָרנישט איר שטײַגער״ — האָט שמעון געטראַכט. „געװײנלעך װאָלט זי מיט אים געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און בײַ אים אויסגעפרעגט יעדע קלייניקייט״. פאַרטאָג האָט זיך שמעון אויפגעכאַפּט, באַלד װי די מאַמע איז אַראָפּ פון בעט, עס איז אים גע־בליבן נאָך פון קינדערשער געװוינהייט. די מאַמע האָט אַלץ געשװיגן. שמעונען איז געװאָרן זײער שװער אויפן האַרצן פון דער מאַמעס שטילקייט. איר שטײַגער איז געװען, אַז װי נאָר זי איז אויפגעשטאַנען צו אירע געבעקסן, איז געװאָרן אַ האַרמידער אין שטוב. זי האָט געהאַט תּביעות, טענות און פאַרדראָסן. איר שטענדיקע טענה איז געװען: „מען דאַרף אײַך אַלעמען װעקן, אָבער, זאָגט מיר:

ווער וועקט מיך אויף". איצט האָט זי שטום איינגעהייצט דעם אויוון, אָן אַ וואָרט צו קיינעם, האָט זי זיך געפּאָרעט ביי די מולטערס ווייצנס און דייזשע ברויט. שפּעטער האָט זי שטיל, ווי אַ שולדיקע, אָנגעהויבן וועקן דער פּופּצן־יאָריקער בריינע, וואָס האָט פאַרנומען רחל־לאהס אָרט ביים וואַלגער־ברעט. רחל־לאה איז איצט געווען אין אַמעריקע. דער דרייצן־יאָריקער שלמה, וואָס האָט איצט פאַרנומען בריינעס אָרט אויפן מאַרק אין צוגרייטן די מולטערס מיטן פּאַרטיקן געבעקס, האָט זי געלאָזן שלאָפן. אויך דעם טאַטן האָט זי נישט גע־וועקט.

שמעון איז אויפגעשטאַנען, ער האָט זיך אָנגעטאָן און גענומען אַ ספר אין האַנט, ווי זיין שטייגער איז געווען, און זיך געזעצט אויף זיין שטענדיקן אָרט אויף דער סאָפּקע, לעבן דער לאַנגער באַנק פון אויוון. בריינע האָט געוועלגערט די בייגל, די מאַמע האָט זיי געוואָרפן אין וואַר, דערנאָך זיי אויסגעלייגט אויפן ברעטל, זיי אַריינגעזעצט אין אויוון, אַלץ שטיל, אָן אויסריידן אַ וואָרט. צוליב דער שטילקייט האָט שמעון זיך נישט געקענט פאַרטיפן אין ספר.

די זון האָט שוין אויסגעטריקנט דעם פרימאָרגן־טוי און די מאַמע האָט נישט געוועקט נישט דעם טאַטן און נישט שלמהן דעם דרייצן־יאָריקן בחור, וואָס האָט באַלד געדאַרפט אַרויס אין מאַרק מיט אַ מולטער געבעקס. עס איז שוין געווען אַ פולע מולטער מיט בייגל און דער מאַמען האָט נישט געאַרט, וואָס מען האָט זיי נאָך נישט אַרויפגעניזשעט אויף קרענצלעך. שמעון האָט פאַרמאַכט דעם ספר, אַריין אין קיך און אָנגעהויבן ניזשען די בייגל. די מאַמע האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. געוויינלעך האָט זי זיך געבייזערט: „עס איז נישט קיין אַרבעט פאַר דיר, דו לערן". דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען און גאַר־נישט ווי זיין שטייגער, זיך אָנגעטאָן אין איילעניש, אָן אַ קרעכץ, אָן אַ פאַר־דראָסיקן בורטש און מיט אימפּעט אָנגעהאַקט „זאהניט". ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו שמעונען מיט אַ נישט זיכערן געבעט:

— אפשר, שמעון, וועסטו גיין מיט מיר דאַוונען? ביים ערשטן מנין דאַוונען די בעל־מלאכות. עס נעמט נישט לאַנג, וועסט קריגן אָן עליה. עס איז דאָך דאָ־נערשטיק.

שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל דער טאַטע זיך אויספּיינען מיט אים. עס וועט ווערן אַ שטופּעניש מיט אָפּגעבן אים שלום־עליכם און דעם טאַטנס אויספּיינען זיך מיט דעם, וואָס שמעון וועט זאָגן די ברכות הויך צום אויפרופן. דאָס איז ביי שמעונען געווען קינדערשע גאווה. אָבער ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם טאַטנס בקשה — ער וועט קענען אַנטלויפן פון דעם געדריקטן געמיט אין שטוב.

עס איז נאָך אַלץ געווען זייער פרי, ווען שמעון און דער טאַטע זענען אָנגעקומען אין שול, אָבער דער אַלטער בית־מדרש איז געווען כמעט פול מיט שוסטערס, שניידערס, בעלי־עגלות, הרוזשניקעס, סטאָליאַרעס, קליינע קרעמערס און עטלעכע דאָרף־גייערס — אַלץ מיטליאַריקע און עלטערע ייִדן, דערוויל האָט מען געדאַוונט פון פאַרנט — איילנדיק און געשמאַק. ייִדן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען צו אים און געבן אים שטום שלום־עליכם און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט אויפהערנדיק דאַוונען, און באַלד אָפּגעטראָטן. ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לייגן תפילין און זיך שטעלן דאַוונען. ערשט, ווען אַרן דער טרעגער איז צוגעגאַנגען צום עמוד און אַ קלאַפּ געטאָן: הודו לה׳ כי טוב, כי לעולם חסדו, האָט ער געלייגט תפילין און געעפנט דעם סידור. ער האָט געקוקט אין סידור און נישט געדאַוונט. ער איז געשטאַנען און געקוקט פאַרבליפט אויפן עולם און זיך צוגעהערט צו זייער זאָגן. מאָדנע, די גוט באַקאַנטע ווערטער פון דאַוונען, וואָס ער האָט געהאַט אַזוי פיל טענות צו זיי, זענען איצט געוואָרן היימיש, נאָענט און פול מיט טיפן מיין, אָן צוזאַמענהאַנג מיט זייער אמתן טייטש. מען האָט דווקא געדאַוונט נישט מיט קיין ברען און די ווערטער פון זייערע מיילער האָבן זיך אַרויסגעקייקלט מיט אַזאַ רגילות, ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן געווען אָן באַטייט. דאָך איז געווען אַ באַטאָנונג און אַ זין אין דאַוונען. דער איינציעמדיקער אויסלאָז פון אַ תפילה. דאָס אויטאָמאַטישע באַטאָנען פון באַשטימטע ווערטער און דער קאָלעקטיווער ברומען, האָט געגעבן אַ כוח דעם דאַוונען און האָט דערהייבן די דאַוונער. עס איז נישט געווען קיין הכנעהדיקער געבעט פון קנעכט צו אַ בייזן מלך, אָדער אַ שרעקעדיקער אויסטענהן זיך מיט אַ שלעכטן שופט, ריכטער, נאָר אַ דורכשמועסן זיך מיט אַ טאַטן, מיט אַ געטרייען טאַטן, וואָס האָט די גאַנצע משפחה אויפן קאָפּ. שמעון האָט געקוקט אויפן עולם און זיין התפעלות איז געוואָרן גרעסער און גרעסער ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל בייגעוווינט אַ וואָכעדיקן דאַוונען פון בעלי־מלאָכות. ערשט ווען דער שליח ציבור האָט אַ ברום געטאָן „ברכו" — האָט שמעון בליץ־שנעל אַ זאָג געטאָן צו זיך מיט כעס:

— איך קוק אויף דער עדה ייִדן ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער. דאַוון, דו, דו גרויסער חכם, דאַוון ווי אַ ייִד, וואָס שטייט אין בית־מדרש מיט אַן עדה ייִדן.

ער האָט זיך אַ בייג געטאָן מיטן עולם:

— ברוך ה׳ המברך לעולם ועד.

מען האָט אים אויפגערופן שלישי. דער טאַטע האָט מיט פרייד אים איבערגעגעבן דעם טלית. שמעון האָט זיך אַ וויקל געטאָן אין דעם טאַטנס גרויסן וואָלענעם טלית. ער האָט דערשפּירט דעם ריח פון יוכט און פּאָדעשווע, וואָס

האָט זיך געטראָגן פון טלית — ריחות, וואָס אַ שוסטער טראָגט שטענדיק אויף זיך. די וואַרעמקייט און שאַרשיקייט פון דעם וואָלענעם טלית איז געווען ווי דעם טאַטנס האַנט וואָלט אים געגלעט. ער האָט געהאַלטן די עקן פון טלית און געפּילט, אַז נישט ער אַליין גייט עס צו דער בימה, נאָר דער טאַטע גייט מיט אים אינאיינעם, איינגעוויקלט אין טלית. ניין, ער איז דער טאַטע און דער טאַטע איז ער — אַ יינגערער און מונטערער טאַטע גייט עולה לתורה זיין. דער יונגער טאַטע פריידט זיך, וואָס ער האָט געקראָגן אַן עליה אין מיטן וואָך.

ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה אַ פריידיקער, ער האָט אַ פיר געטאָן מיטן ברעג פון טלית אויף דער צעעפנטער פּרשה, צוגעהאַלטן מיטביידע הענט די עץ־חיימס פון דער תורה און געמאַכט די ברכה הייך און קלאָר, יאָ, מיט כוונה. און ווען דער עולם האָט געענטפערט אמן, האָט ער דערהערט דעם טאַטנס קול אין ציבורשן אמן. ער האָט דערנאָך צוגעהאַלטן דעם רעכטן עץ־חיים מיט דער לינקער האַנט. דער בעל־קורא האָט געלייענט שנעל אָבער קלאָר. און שמעון האָט אים שטיל פאַרגעזאָגט און מיטגעשאָקלט זיך.

קיין תחנון האָט מען נישט געזאָגט. עס איז געווען אַ חתן אין שול. דער עולם האָט אויף גיך פאַרענדיקט דאָס דאַווענען און נאָך שנעלער צונויפגעלייגט טלית און תפילין. אָבער מאָדנע, דאָס איז נישט געווען קיין איילעניש פון אַן אומגעדולדיקן עולם, וואָס וויל אָפּפּטרן אַן אומאַנגענעמען חוב, נאָר דאָס איז געווען די איילעניש פון מענטשן, וואָס אַרבעטן שווער אויפן שטיקל ברויט. דער גאַנצער עולם האָט זיך געאיילט גיין צו דער אַרבעט. דער אַרבעט־טאָג איז גע־ווען פון זיבן אין דער פרי ביז ס'איז פינצטער געוואָרן, און זומער און ווינטער ביז העט, העט נאָך מעריב, שפּעט אין דער נאַכט. פון עולם איז געבליבן נאָכן דאַווענען נאָר שלום ריוועס דער בלעכער, אַ ייִד אַ זקן אין די הייכע זיבעציקער. ער האָט זיך געזעצט ביי אַן אָפענעם משניות. אָבער איידער דער בית־מדרש האָט זיך אויסגעליידיקט פון ערשטן מנין, האָבן ייִדן אָנגעהויבן קומען צום צווייטן מנין.

שמעון איז געגאַנגען אַהיים אין גאָר אַ געהייבענער שטימונג. ער האָט אָבער זיך אַליין געפרעגט: אויב די גאַנצע אמונה איז אַן איינרעדעניש, איז פאַרוואָס האָט דער וואָכעדיקער דאַווענען געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף מיר? און בכלל, ווו ליגט דער כוח פון די דאָזיקע פּראָסטע ייִדן? זיי זענען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צום דאַווענען מיטן ערשטן מנין. פאַרהאָרעוועטע, אויסגעאַרבעטע, רייסן אָפּ צייט פאַר רוחניות. אָבער, ווי מען ווערט אויס פרום, קריגט דער גוף די שליטה איבערן מענטשן. פאַרוואָס?

ער איז אַריין אין שטוב און דער וואָכעדיקער דאַווענען האָט נאָך אַלץ גע־זונגען אין אים. אָבער זיין פריילעכער „גוט־מאָרגן" איז ביי אים צעקוועטשט

געוואָרן צווישן די ליפּן. די מאַמע, אַ שווייגנדיקע, מיט אַ פינצטערן פּנים, האָט זיך געפּאָרעט ביים געבעקס. זי האָט אַזוי שווייגנדיק, מרה־שחורהדיק, געגרייט פאַר אים דעם טיש פאַר אָנבייסן. שמעון האָט געטראַכט: ער מוז זיך מיט איר דורכריידן און טאַקע נאָך היינט.

אָבער ער האָט נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך ערנסט דורכצושמועסן מיט איר ביז שבת אינדערפרי. שטום, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך אָפּגערעדט נאָך פון פריִער, זענען זיי אַוועק צום ערשטן וואַלד, אויפן זאַמד. זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן רעכטס, צום בערגל, וווּ עס זענען געשטאַנען פיר אַלטע צעצווייגטע דעמבעס. אין מיטן פון זיי זענען געווען צוויי פּעניעס פון אָפּגעשניטענעביימער. דאָס איז געווען זייער באַליבט אָרט נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון צען־עלף יאָר. ער און די מאַמע פלעגן אָפט פאַרקריכן אַהין אַ שבת אינדערפרי, פאַרן דאַווענען, זיך דורכשמועסן.

ווי נאָר זיי האָבן זיך געזעצט אויף די פּעניעס, האָט שמעון אָנגעהויבן:

— מאַמע, איך וועל ריידן צו דיר מיט די זעלביקע רייד און האָבן צו דיר די זעלביקע טענות, וואָס דו האָסט געהאַט צו מיר, ווען איך בין געקומען פון קרעמענטשוג. זינט איך בין געקומען פון דער ישיבה פון ראַדין, גייסטו אַרום אַן אָנגעלאָדענע מיט פאַרדרוס, פול מיט ווייטיק און פּיין, אַנגעטאָן אין אַ פּאַנצער פון מרה־שחורה. גייסט אַרום איבער דער שטוב ווי אַ מת וואָלט געלעגן אויס־געצויגן מיט די פיס צו דער טיר.

מערע האָט אַ זיפץ געטאָן:

— איך האָב געוווסט, אַז פאַר דיר וועל איך קענען אויסגיסן מיין ביטער האַרץ. ווערסט מיך פאַרשטיין. נישט נאָר ביסטו געלערנט, נאָר דו האָסט אַלעמאָל אין מויל גרייט ווערטער, וואָס טרעפן אַריין אין פּינטל. דו זאָלסט וויסן, זון מיינער, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, ווייל זינט מען האָט צוריק־געשיקט דעם טאַטן פון אַמעריקע, בין איך געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט און צע־שראָקן. איך האָב דערפילט, אַז די וועלט פירט זיך אינגאַנצן אָן שכל.

שמעון האָט זיך ראַפּטום אַראָפּגעלאָזן, פון דעם אָפּגעשניטענעם שטאַם פון דעם בוים, און זיך שטיל צעלאַכט. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע פאַרחידושטע אויגן אויף דער מאַמען און דערשטוינט גערעדט צו איר:

— מיינסט מיר צו זאָגן, אַז דו גייסט אַרום אַ צעטראָגענע, אַ פאַרדאגהטע, מיט אַ שווערן געמיט, ווי דו וואָלסט געטראָגן שטיינער אויפן האַרצן, ווייל דו האָסט מיטאַמאָל אויסגעפונען, אַז די וועלט פירט זיך אָן שכל?

די מאַמע האָט געענטפערט בייז:

— וואָס לאַכסטו פון מיר? וואָס מיינסטו, ווייל איך בין אַ פּראָסטע ייִדענע

און איך קען נאָר דעם „צאינה וראינה״ און אַ פּאָר תחינות, אַרבעט שוין נישט דער קאָפּ ביי מיר?

— חלילה, מאַמע, — האָט שמעון געענטפערט ווי אַ שולדיקער פאַר זיין ווי טאָן דער מאַמען. — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן, אַז דו האָסט אַ בעסערן קאָפּ ווי גאָר אַ סך למדנים. אָבער די סיבה פאַר דיין מרה־שחורה איז פאַר מיר קשה. די גרעסטע מענטשן פון דער וועלט האָבן זיך גע־בראָכן דעם קאָפּ וועגן דער פראַגע. ס׳איז אַן אַלטע, אַלטע קשיה. אָבער, צי זיי האָבן געפונען אַ תירוץ צי נישט, האָבן די פרעגער געגעסן און געטרונקען, חתונה געהאַט און קינדער זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן. זיי האָבן זיך געניית נייע מלבושים, געגאַנגען אויף חתונות און געטאַנצט. און דו? דו גייסט אַרום ווי דער הימל וואָלט ביי דיר אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דו פאַראומערסט זיך דאָס לעבן און וואַרפסט אָן אויף אַלעמען אַ מרה־שחורה. איבער דער גאַנצער שטוב הענגט אַן אבלות.

די מאַמע האָט געענטפערט מיט אימפעט:

— אַלץ קומט ביי דיר אַרויס פון מויל קיילעכדיק און גלאַט, ווי אַן איינ־געחזרטע דרשה ביי אַ גוטן מגיד. אָבער דיינע רייד נעמען מיך נישט איצט. ביי דיינע גרויסע מענטשן קען זיין אַז דאָס אַלץ איז אַ שפּיל. טאָג און נאַכט זענען זיי פאַרטאָן אין לייענען און שרייבן ביכער. און מחשבות ווערן ביי זיי אַ מחזקה, אָדער אַ מין סחורה נישט אינגאַנצן פאַר זיך. איך עס נישט אויף אַלע בייגל וואָס איך באַק. און דער טאַטע טראָגט נישט אַלע שטיוול וואָס ער נייט אויף. אפשר שרייבן זיי אויך פאַר אַנדערע, שטעלן צו מחשבות און ביכער ווי איך בייגל און דער טאַטע שטיוול. איך בין אָבער אַ פּראָסטע ייִדענע און איך קען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען לעבן אין אַ וועלט, וואָס אַ קליינער צופאַל — אַ קלאַפּ פון אַ פוס אָן אַן אייזערנעם פאַרענטש, זאָל בייטן דעם גאַנצן גורל פון דער משפּחה.

שמעון האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויפן אָפּגעשניטענעם שטאַם פון בוים אַנטקעגן דער מאַמען און געזאָגט, אין אַ צעטומלטער פאַרלעגנהייט:

— דו רעדסט קלוג, מאַמע, אָבער אין רעטענישן. וואָס פאַר אַ צעקלאַפּטער פוס?

— וואָס פאַראַ רעטענישן? — האָט די מאַמע געענטפערט אומגעדולדיק — איך רייד, וואָס מען האָט צוריקגעשיקט דעם טאַטן פון אַמעריקע. מיינסט דאָך, אַז מען האָט אים צוריקגעשיקט גלאַט אַזוי, צוליב זיין קראַנקער פוס? הער אַ מעשה. אָבער שלאָג מיך נישט איבער. איך האָב געפלאַנעוועט און געפלאַנעוועט און פון אַלע מיינע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. באַלד נאָכן פּריזיוו, ווען שמחה איז אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט, האָט ער גענומען טראַכטן פון אַמע־

ריקע. נאָכדעם װי ער האָט זיך פאַרליבט אין שרהקען, האָט ער נישט געזען קיין תכלית דאָ. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז װיבאַלד, אַז ער קען נישט פאָרן קיין קיעװ, דאָרט זיך אויסלערנען די אמתע שניידעריי און עפענען דאָרטן אַ מייסטערסקאַיע, װייל ייִדן טאָרן דאָך נישט װױנען אין קיעװ, װיל ער נישט פאַרבלייבן אין ראָסעיע. ער איז אַװעקגעפאָרן קיין אַמעריקע און איך בין געװאָרן אַ מאַמע פון אַ פּאַפּירענעם זון. די גאַנצע שטעטל איז פול מיט פּאַפּירענע קינדער. אין יעדער שטוב הענגען אויף די װענט קאַרטעס (פאָטאָגראַפּיעס) פון קינדער פון אַמעריקע און אַרגענטינע און אין אַפריקע. אין איין שטוב איין קאַרטע און אין אַנדערער — פינף. איך האָב שוין אויך איצט צװיי קאַרטעס — שמחהס און רחל־לאהס.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— דאָס שטעטל װערט פּוסט. אַלע בחורים און מיידלעך צעלויפן זיך. אַמאָל פלעגן אַנטלויפן קיין אַמעריקע דעמאָקראַטן, װאָס די זשאַנדאַרן האָבן אַרומגעזוכט, און נאָװעבראַנצעס (רעקרוטן), װאָס האָבן נישט געװאָלט גיין דינען דעם קייסער. היינט פאָרן אַלע: שיינע באַלעבאַטים, סטודענטן, שוסטערס, שניידערס, חתנים מיט כלהס און יונגעלייט נאָך דער חתונה.

— אַלע מאַמעס און טאַטעס טראָגן זיך אַרום מיט בריװ און קאַרטעס. די בריװ זענען געשריבן אויף אַ משונהדיקן לשון און דערציילן נאָך משונהדיקערע מעשיות. אָט האָט מיר געשיקט מיין ברודער מרדכי, װאָס האָט אַראָפּגענומען קיין אַמעריקע שמחהן, אַ קאַרטע פון זיינע צװיי מיידלעך. די ייִנגערע קיידי (איר נאָמען איז זעלדע, נאָך מיין מאַמען) אין דריינע יאָרן, און די אַנדערע איז אין שלמהס יאָרן. שטייען זיי אַנגעטאָן װי פּאַניענקעס און ער שרייבט מיר, אַז זיי זענען אַזוי געלערנט, אַז זיי קענען נישט קיין װאָרט ייִדיש. אַ שמחה אויף אים, אַ גדולה אויף זיין קאָפּ. איך בין אים מוחל אַזאַ געלערנטקייט און דעם פאַרדרייטן נאָמען. אָבער דאָס, װאָס זיי גייען פריי, אָן געצאָלט, אין גימנאַזיע, איז מיר אַריין אין נאָז. שרייבט בערל קושקעס אַ בריװ צו זיין מאַמע, דער אלמנה, און ער שיקט איר אַ „פּיקטשע". האָסטו געדאַרפט אָנקוקן די קאַרטע! ער שטייט אָנגעטאָן װי אַ מאַנאַרכיע: אין אַ מאַנישקע מיט אַ שניפּס, אין דעם שניפּס אַ גילדערנע שפּילקע, אויף דעם זשילעט אַ שװערע גאָלדענע קייט און אַ גילדערנעם זייגער, אויף די הענט זאַמשענע הענטשקעס. ער שרייבט, אַז ראש־השנה איז ער געגאַנגען דאַװנען אין אַ שול און ער האָט באַצאָלט צװאַנציק דאָלער פאַר אַ בילעט. הערסט אַ מעשה? אַ בילעט צו אַריינגיין אין שול. אַ בילעט פאַר פערציק רובל. עס איז דאָך פערציק רובל אויף אונדזער געלט. װאָלט בערל קושקעס דאָ אין שטעטל געזען אין זיין גאַנץ לעבן לעבעדיקע פערציק זילבערנע רובל און אַ גילדערנעם זייגער מיט אַ גילדערנער קייט? און ער חתמעט

זיך אונטער מיט זיין אַמעריקאַנער נאָמען: באַרני גאָלד. ווי קומט ער צו באַרני גאָלד? — בערל קושקעס טראָגט אַ פּריצישן נאָמען.

— דאָס אַלץ איז מיר אַריין אין נאָז. עס איז אַ לאַנד פון וווּנדער און נס. ייִדן קענען דאָרטן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מען וועט נאָך אַהין מער לויפן פון דאַנען, ווו מ׳שטיקט ייִדן. האָב איך געטראַכט און געטראַכט און געהאַלטן, צו וואָס דאַרף מען פאָרן איינציקווייז? איך וועל אַוועקשיקן אַהין דעם טאַטן און רחל־לאהן. געלט אָפּגעשפּאָרטע אויף הוצאות האָב איך. זיי וועלן פאָרן מיט אַ גו־בערנאַטאָרסקן פּאַס (אַ פּאַס אויף אַרויספאָרן אין אויסלאַנד). זיי וועלן נישט דאַרפן גנבענען דעם גרענעץ, זיי וועלן פאָרן ווי פּריצים. ווי נאָר זיי וועלן קומען אַהין און וועלן פאַר אונדז קריגן אַ דירה, וועל איך פאַרקויפן דאָס הויז, וועט זיין פאַר אַלעמען גענוג אויף הוצאות. איך האָב געהאַט אויך דיך אין זינען. מיר דוכט זיך, אַז דיין פרומקייט הינקט שטאַרק אונטער. קיין רב וועסטו שוין נישט זיין. וואָס וועסטו דאָ טאָן? גיין דינען פּאָניעץ און דערנאָך חתונה האָבן און ווערן אַ מלמד? דאָרטן, מיט דיין קאָפּ, וועסטו ווערן אַ דאָקטער. אַ דאָקטער קריגט ניט קיין גיהנום אַפילו ווען ער איז מחלל שבת. די איבעריקע קינדער וועלן אויך קענען קומען גרינג צו אַ תכלית. קיין נדן פאַר מיידלעך דאַרף מען נישט. זענען רחל־לאה און ברײנע פאַרזאָרגט און בנימין און עלקע וועלן נאָך דאָרטן קענען פאַרכאַפּן גיין אין אַ שקאָלע (שול). עלקעלע איז דאָך נאָר אַכט יאָר אַלט און בנימין זעקס. איי, שמואל־חיים וויל נישט פאָרן קיין אַמעריקע? אים איז דאָ גוט. ער האָט אַ גרויסע מייסטערסקאַיע. אָבער דיין שוואָגער איז אַ שטענ־דיקער דרייקאָפּ. ער וועט דערהערן, אַז אין אַמעריקע קען מען עפענען אַ גרעסערע מייסטערסקאַיע, וועט ער קומען צולויפן, וועל איך האָבן אַלע קינדער און אייניק־לעך לעבן זיך. אַהאַ, גוט אויסגערעכנט? טרעפט אַ נאַרישקייט, אַ צופאַל, דער טאַטע האָט אַ קלאַפּ געטאָן די פוס אָן אַ פאָרענטש פון שיף און — אויס אַמע־ריקע.

— איך ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס עס איז געשען, — האָט שמעון געזאָגט.

— הער אויס ביזן סוף, — האָט די מאַמע געענטפערט אומגעדולדיק. — פונקט דריי טעג איידער די שיף איז אָנגעקומען אין נעוויאָרק, טוט זיך דער טאַטע אַ קלאַפּ דעם פוס אָן אַ פאָרענטש. און וועלכע פוס צעקלאַפּט ער? די קראַנקע פוס. ווען ער איז צוריק מיט זיבן און צוואַנציק יאָר געשטאַנען צום פּריזיוו, האָט ער זיך געמאַכט אַ בראַק (אַ מום). ער האָט עפּעס אַריינגעשטאָכן אין דער רעכטער פוס און זי איז געשוואָלן געוואָרן. נו, ער האָט מיט אָט דער אָנגעשוואָלענער פוס אָפּגעדינט פינף יאָר, געקומען אַהיים, געהאַט נאָך זעקס קינדער. געאַרבעט, געגאַנגען צופוס אויף די דערפער און איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען קיין טאָג. אַמאָל אין אַ שמיטה פלעגט די פוס געשוואָלן ווערן,

זיין אַזוי געשוואָלן אַ פּאָר טעג און אָפּגיין. אָבער אַלעמאָל האָט זי אויסגעקוקט רויט „אָנגעבראָקניעט" (אָנגעלאָפן). אָבער עס האָט אים נישט געשאַדט. ער איז געגאַנגען גלייך ווי אַלע און געקענט טראָגן אַ פינף־פודיקן זעקל מעל אָן שוועריקייטן. נו, ווען ער האָט אויף דער שיף צעקלאַפּט די פוס, האָט אים אַ פינגער אָנגעהויבן ווײ־טאָן און ער האָט אָנגעהויבן אונטערהינקען. ווען ער האָט געדאַרפט אַראָפּגיין קיין אַמעריקע, האָט דער אַמעריקאַנער דאָקטער דערזען אַז דער טאַטע הינקט אונטער, האָט ער אים פאַרהאַלטן, געהייסן אויסטאָן דעם שוך און פאַרקאַשען די קאַלאָשע. נו, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן טאַטנס קראַנקן פוס און אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, אַז דער טאַטע איז קראַנק און ער טויג נישט פאַר אַמעריקע. פרעג איך דיר: ווו איז דער שכל? דערקלער מיך, וואָס איז דער טאַלק פון דער וועלט? צוליב אַ צעקלאַפּטן פינגער ווערט פאַרעך (שטויב) פון דעם גאַנצן פּלאַן. צוליב אַ נאַרישן צופאַל, האָט זיך געביטן דאָס מזל פון דער גאַנצער משפּחה. דאָס מיינט דאָך, אַז די וועלט פירט זיך אָן שכל. עס קען נישט זיין! דו מוזסט האָבן אַ תּירוץ. דו האָסט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פּויק מיט ביכלעך, האָסט געלערנט אין ראַדין, געגעסן שבתים ביים חפץ־חיים. אין דער גמרא אָדער אין אַ ביכל מוז זיין אַן ענטפער.

די מאַמע איז געבליבן זיצן אַ דערשעפּטע. שמעון האָט אַ קוק געטאָן אויף איר בלייך פּנים און די צערודערטע אויגן און ער האָט געטראַכט ביי זיך: זי איז אַזוי צערודערט, אַז זי קען נאָך ווערן אויף אַן אמת קראַנק — מרה־שחורהדיק. ער מוז איר ענטפערן ערנסט און איר אויפמונטערן. אָבער, האָט אים געשניטן אַ מחשבה: וואָס פאַראַ תּירוץ קען ער איר געבן אויף אַ קשיה, וואָס קיין תּירוץ איז נישטאָ? ווען ער וואָלט געווען אַביסל מער געלערנט! ער האָט אָנגעהויבן ריידן פּאַמעלעך, שטאַמלענדיק:

— אַז דו באַשטייסט אויף אַן ענטפער, וועל איך דיר פּרובירן ענטפערן. אָבער איך רייד צו דיר מיט אַ קלאָפּנדיק האַרץ. צו געבן דיר דעם אמתן ענטפער, האָב איך געדאַרפט קענען לערנען ווי דער חפץ־חיים און זיין אַזוי פרום ווי ער, און דערצו געדאַרפט זיין אַ פילאָזאָף ווי דער דייטש עמנואל קאַנט, וואָס ישראל־לייבוש ראַגאַלניק האָט מיר פאַראַיאָרן דערציילט וועגן אים. מילא, אויב נישט אַזאַ גאון ווי דער חפץ־חיים, אָדער להבדיל ווי דער פילאָזאָף קאַנט, איז כאָטש אַ צענטל געלערנט ווי עס איז געווען יוליוס ליפּערט, אָדער ד"ר יוסף קלויזנער. איז ריכט זיך נישט אויף גאָר אַ קלוגן ענטפער. איך וויל דיר איבערגעבן נאָר וואָס איך ווייס. נאָר צוערשט, מאַמע, מוז איך זאָגן, אַז די קשיה איז ביי מיר אינגאַנצן אַ חידוש. מיינסט מיר צו זאָגן, אַז דו ביסט שוין אויך געוואָרן אַ פרייע? גלייבסטו נישט, אַז גאָט פירט די וועלט און ער ווייס וואָס ער טוט?

— ווילסט מיר פאַררײדן די ציין, — האָט די מאַמע געענטפערט, — מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. אוודאי גלייב איך, אַז דער, ווען נאָמען איך בין נישט ווערט אַנצורופן, ווייס וואָס ער טוט. אָבער דווקא ווייל גאָט פירט די וועלט, דאַרף עס האָבן אַ שכל. איך פרעג דיך: וואָס איז דער שכל צו פירן דעם טאַטן ביז דריי טעג פון נעוויאַרק און ער זאָל זיך דעמאָלט צעקלאַפּן די פוס? אויב דער אייבערשטער האָט נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער געקענט שאַפן אַ מניעה פאַרן טאַטן אָט דאָ. אָדער נאָך בעסער, נישט אַריינגעבן מיר קיין געדאַנק וועגן אַמעריקע.

— נו, איך זע שוין, מאַמע, אַז איך מוז זוכן פאַר דיר אַ תירוץ. איך וועל דאַרפן ריידן און דו קלייב אויס, וואָס עס וועט דיר געפעלן ווערן. לאָמיר אָנהייבן מיט אַ מאמר פון גמרא: הכל בידי שמים חוץ מצינים פחים. דער טייטש פון דעם מאמר איז — אַלץ איז באַשערט פון גאָט, אַחוץ פאַרקילן זיך. אַ מענטש דאַרף זיך היטן. אַנדערע טייטשן אַחוץ פאַרקילן זיך און אַ שטרויכלונג — עס מיינט אַריינפאַלן אין אַ פּאַסטקע, אָדער צעקלאַפּן זיך. אַ מענטש דאַרף זיין אָפּגעהיט, אַנטאָן זיך וואַרעם און אַכטונג געבן וווהין ער גייט. נו, איז דער אומגליקפאַל מיטן טאַטנס פוס נישט פון גאָט. עס איז דעם טאַטנס נישט אָפּגעהיטקייט.

— ס'איז אַ משונהדיקער תירוץ, שמעון, — האָט געענטפערט די מאַמע מיט חידוש. — דו זאָגסט, אַז אַזוי זאָגט די גמרא. נו, איז עס מסתמא נישט אפּיקורסיש. אָבער נאָך אָט דער גמרא נאָך קומט אויס, אַז גאָט ווייס נישט ווען אַ מענטש וועט זיך פאַרקילן, אָדער זיך צעקלאַפּן. דאָס קען דאָך נישט זיין. גאָט ווייס דאָך, וואָס עס וועט זיך טרעפן מיט אַ מענטשן פון וויגעלע ביזן קבר. ער איז דאָך גאָט! וועסטו מיר זאָגן, אַז גאָט ווייס יאָ ווען אַ מענטש וועט זיך פאַרקילן, ער ווייס דעם טאָג און די שעה. אויב אַזוי, קען דאָך דער מענטש זיך נישט אויסהיטן. עס מוז אַזוי געשען. וואָס איז שולדיק זיין נישט אָפּגעהיטקייט?

שמעון האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט ליבשאַפט, חידוש און פאַרערונג:

— מאַמע, האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זיך צופרידנשטעלן מיטן תירוץ. אָבער דו האָסט אַ צו שאַרפן קאָפּ. אויף דיין קשיה גיט דער רמב״ם אַ תירוץ. עס איז אַ שווערער ענין צו פאַרשטיין. אָבער מיר דוכט זיך, אַז איך פאַרשטיי דעם רמב״ם. איך וועל פּרובירן דיר עס איבערגעבן לויט מיין השגה. דער רמב״ם זאָגט: אַ מענטש ווערט געבוירן מיט אַ פרייען ווילן. אויב ער וויל, קען ער זיין אַ צדיק, אויב ער וויל, קען ער זיין אַ רשע. עס מוז זיין אַזוי, ווייל אויב גאָט וואָלט אין פאָרויס גוזר געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט זיין אַ צדיק, דער אַנדערער מענטש אַ רשע, קומט דעם רשע נישט קיין שטראָף פאַר זיין רשעות און דעם צדיק קומט נישט קיין

שכר פאַר זיין צידקות. זאָגט ווייטער דער רמב״ם: „ווער איר דאָך פרעגן: ווי־באַלד אַז דער מענטש קען טאָן וואָס ער וויל — ער האָט בחירה, אויסקלייבן דעם גוטן וועג אָדער דעם שלעכטן וועג, מיינט עס דאָך, אַז קיינער קען פאָרויס נישט וויסן, וואָס פון דעם מענטשן וועט ווערן — אַ צדיק אָדער אַ רשע. אָבער גאָט איז דאָך אַ יודע הכל — ער ווייס אַלץ. ער ווייס ווער עס וועט זיין אַ צדיק אָדער רשע. וויבאַלד אַז ער ווייס עס פאָרויס, האָט דאָך דער מענטש נישט קיין בחירה — ער קען נישט אויסקלייבן קיין אייגענעם וועג. פאַרשטייסט, מאַמע, די פאַרפלאָנטערטע קשיה?

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין, — האָט די מאַמע געענטפערט אומגעדול־דיק, — דאָס איז דאָך מיין טענה צו דיר. אָבער וואָס איז דער תירוץ?

— דער תירוץ? — האָט שמעון אַ זיפץ געטאָן, — איז נאָך מער אַ פאַר־פלאָנטערטער. דער רמב״ם אַליין זאָגט, אַז די גאַנצע פראַגע און ענטפער זענען ברייטער און לענגער פון דער ערד און טיפער פונעם ים. ס׳איז נישט צו פאַר־שטיין גאָטס דרכים, ווייל מיר קענען נישט מעסטן דעם רבונו של עולם מיט אונדזער מאָס. דער אייבערשטער קען אַזוי איינשטעלן די וועלט, אַז דער מענטש זאָל זיין פריי צו טאָן וואָס ער וויל, עס מיינט האָבן בחירה חפשית, און דאָך זאָל דער אייבערשטער וויסן פאָרויס וואָס פון דעם מענטשן וועט ווערן.

איי דאָס אַלץ לייגט זיך נישט אויפן שכל? דער תירוץ איז, ווייל אונ־דזער שכל איז נישט גלייך צום אייבערשטנס פאַרשטאַנד. אַזוי זאָגט דער רמב״ם. קומען אַנדערע יידישע חכמים און זאָגן: וויבאַלד אַז ס׳איז העכער פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, איז בעסער אַז דער מענטש זאָל זיך נישט גריבלען צופיל וואָס עס איז אין דער הייך און וואָס עס איז אין דער טיף און וואָס איז געווען פריער — נאָך פאַרן אָנהייב פון דער וועלט.

— מען טאָר נישט און מען ווייסט נישט די אמתע ענטפערס און מען שרייבט ביכער און ספרים, — האָט די מאַמע געשפּעט.

שמעון האָט געענטפערט ערנסט:

— מען שרייבט, מסתמא, כדי זיך אַליין אַביסל איינשטילן. אָט ביסטו אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע, אַ צעטומלטע. ביסט אַפילו אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, האָסט געמיינט, אַז ס׳איז גלאַט הפקר אַ וועלט. איצט אָבער, אַז דו ווייסט, אַז אויך אַנדערע מענטשן האָבן געטראַכט וועגן דעם ענין און ס׳איז אַ פלאָנטער פאַר אַלעמען, אויך פאַר די געלערנטע, וואָס האָבן געשריבן ביכער און ספרים, וועט דיר זיכער גרינגער ווערן.

די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָך, וועגן עפּעס וואָס מען ווייס נישט — האָט די מאַמע געזאָגט מיט

אַ שמייכל. — האָט מען געשריבן צופיל. אַזוי פיל ספרים און ביכער און דו מיינסט טאַקע, אַז קיינער ווייס נישט דעם ענטפער?

שמעון האָט געענטפערט ערנסט:

— איך האָב נישט איבערגעלייענט אַלע ביכער און נישט אויסגעלערנט אַלע ספרים, ווייס איך נישט צי ס׳איז דאָ אַ תירוץ צי נישט... איך האָב דער־קלערט נאָר וואָס איך ווייס. איך האָב נאָך צו לערנען און צו לערנען. ווי ווייניק מען ווייסט די סודות פון דער וועלט, איז דאָ אַ ים מיט וויסן, אַ ים אַ גאַנצער. אין אַמעריקע וועל איך דערלערנען.

מאַמע און זון זענען געגאַנגען פון וואַלד ביידע באַרויִקטע און צופרידענע. איידער זיי זענען אַריין אין שטוב, האָט מערע אַ זיפץ געטאָן:

— וועסט אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, שמעון, און דו וועסט מיר אויספעלן: מיט וועמען האָב איך זיך געקענט דורכריידן וועגן אַזאַ שטיקנדיקער שרעק, וואָס איז מיך באַפאַלן, אויב נישט מיט דיר? איך האָב נחת פון דיר. זאָל עס מיר נישט פאַרשטערט ווערן.

— עס וועט דיר נישט פאַרשטערט ווערן, מאַמע — האָט שמעון געענט־פערט. — ווען איך וועל קומען קיין אַמעריקע, וועל איך נאָכזוכן, נאָכפרעגן און אפשר וועל איך געפינען אַ מיטל אַריבערצוברענגען די גאַנצע משפחה.

***

ניין, שמעון האָט נישט אַריבערגעבראַכט די משפחה. טאַטע־מאַמע און דריי שוועסטער און איין ברודער זענען געבליבן אין רוסלאַנד. טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבן פאַרן היטלער־אומגליק. אַ גרויסער טייל פון דער משפחה האָט זיך געראַטעוועט קיין טיף־רוסלאַנד, אָבער פיר פון גיטעס קינדער מיט זייערע מש־פחות זענען אומגעקומען. עס איז אַ פאַרפלאָנטערטע מעשה פאַרוואָס שמעון האָט נישט אַריבערגעבראַכט די משפחה. ער וועט עס באַשרייבן אין דריטן טייל, אויב ער וועט האָבן די זכיה דאָס אָנצושרייבן. ער טראָגט אויף זיך אַ שולד.

ער פאַרמאַכט איצט די אויגן. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט מען בעסער, וואָס עס איז געשען מיט קרוב פופציק יאָר צוריק. ער זעט ווי ער גייט מיט דער מאַמען פון וואַלד. „ניין, רעדט ער איצט צו זיך, עס איז אַן איינרעדעניש: ער האָט אין פאַנטאַזיע אַרויסגעריסן אַ בלעטל מיט אַן אילוסטראַציע פון אַ מעשה־ביכל און מיינט אַז ס׳איז אַן אמת“. אָבער אָט זעט ער דאָך בולט און קלאָר די לעבעדיקע מאַמע. אַ קליינינקע, אַן אויסגעדאַרטע, מיט גרויסע בלויע אויגן, אַ לענגלעכן פנים און אויפן קאָפּ אַ טערקישע טיכל, וואָס מיניעט מיט רייכע קאָ־לירן. זי רעדט שאַרף און קלאָר, מיטן גאַנצן האַרצן, אָט ווי ער. דאָס שטעטל איז איינגעוויקלט אין שבת־רו און שמעון טראַכט איצט: „אָבער פאָרט ווי קען

עס געמאָלט זיין, אַז ער האָט גערעדט מיט איר וועגן אַזעלכע הויכע און טיפע ענינים? זי האָט דאָך נאָר געקענט לייענען, שרייבן נישט". אָבער ער הערט איר קול און זעט אירע מינעס.

די פענצטער פון זיין איין־פאַמיליע־הויז זענען אָפן. אין דרויסן אויף דער באַנק לעבן זיין הויז, ווו דער בוים פאַרשפּרייט אַ קילן שאָטן, זיצן יונגע ווייבלעך אַרום קינדער־וועגעלעך און שמועסן. זיי זענען אַמעריקאַנער געבוירענע — יידישע און נישט־יידישע יונגע פרויען, כמעט אַלע מיט אַ העכערער בילדונג. עס דערטראָגן זיך צו אים שטיקלעך פון זייערע שמועסן:

— רעוולאָנס שאַמפּו (אַזאַ זייף צו וואַשן די האָר) איז טאַקע אַ וווּנדער. וועלכן שאַמפּו נוצסטו?

— אונדזער היי־פאַי (אַזאַ ספּעציעלער פאָנאָגראַף) האָבן מיר דריי מאָל געדאַרפט פאַרריכטן.

— מיין הער־דרעסער (פריזירער) רעכנט נישט מער ווי צוויי דאָלער פאַר...

— האָסט געדאַרפט אַ קוק טאָן אויף מיין ברוילער (עלעקטרישע בראָט־אייוועלע). ווייסט ווי ביליק איך האָב עס געקויפט?

— ניילאָן קאַרפּעטס (קאָווראָרן) טאָר מען אין האַנט נישט נעמען, זיי טראָגן זיך אויס איינס און צוויי. מיין שוועסטער אין לאָנג־איילאַנד...

— פיר אַזייגער גיי איך אין מייסיס (אַזאַ גרויס געשעפט) ווינדאָו־שאַפּינג (נאָר אָנקוקן זאַכן) וועסטו גיין מיט מיר?

— דו האָסט געדאַרפט זען ווי מיין סעמי, דאָס יונגסטע בחורל מיינער, טרייבט אַ קאַר.

שמעון וויל זיך אַ שפּיל טאָן מיט די ווערטער פון אַ פּסוק: אין אַמעריקע איז דאָס לאַנד אָנגעפילט מיט מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן ווי די וואַסערן, וואָס דעקן צו דעם גרונט פון ים. די אַלע באַקוועמלעכקייטן שפּאַרן אָן אין יעדער שטוב און פילן אָן די מענטשן מיט מער און מער גלוסטעניש. אַזוי פאַרטאָן זענען זיי אין זייערע גלוסטענישן, אַז די יונגע האָבן אויפגעהערט צו זען זעונגען און די אַלטע חלומען מער נישט קיין חלומות. אָבער דאָס שטעטל איז געווען פול מיט קענטשאַפט פון גאָט ווי די וואַסערן, וואָס דעקן צו דעם גרונט פון ים. עס האָט אָנגעשפּאַרט אומעטום און דערגרייכט אויך צו אַ פּראָסטער יידישער מאַמע, וואָס האָט נאָר געלייענט דעם „צאינה וראינה", דעם יוסיפון און אירע תחינות. גאָטס גייסט האָט אָנגעפילט דאָס שטעטל. די יונגע האָבן געזען זעונגען און די אַלטע האָבן געחלומט חלומות...

אוודאי זענען אומעטום געווען יוצא מן הכלל, אויסנאַמען. אָבער וויכטיק איז וואָס עס האָט זיך פאַררעכנט פאַר דעם יוצא מן הכלל.

***

שמועגען איז באַפאַלן אַ שרעקעוודיקע אומרויִקייט: וואָס טוט מען מיט זיך? אויס יאָך. ער פילט נישט מער אויף זיך קיין עול מלכות שמים. ווען ער שטייט אויף אין דער פרי שפירט ער נישט קיין חיוב צו דאַוונען. בייטאָג — האָט ער נישט קיין התחייבות צו לערנען. אוודאי דאַוונט ער גאַנץ אָפט, אַמאָל לערנט ער, קוקט אַריין אין אַ גמרא, אין אַ מדרש און טראָגט זיך נאָך אַרום מיט אַ משניות. אָבער דאָס זענען נישט קיין מוז־זאַכן. דערפאַר, ווען ער לערנט אַפילו, האָט ער נישט די באַפרידיקייט, וואָס אַ מענטש האָט, ווען ער באַצאָלט אַ חוב אָדער פילט אויס אַ פאַרפליכטונג. עס איז נאָר אַ נאָך אַ קווינטעלע פאַר־געניגן. פילט ער, אַז די טעג זענען פוסטע. עס איז נישטאָ אַפילו וואָס צו פּטרן. וואָס טוט מען מיט זיך?

ער האָט געלייענט, אַ סך געלייענט, אַ בוך אָדער צוויי ביכער אַ טאָג. ער האָט געלייענט אין יידיש און אין העברעיִש. אַלץ וואָס ער האָט געקענט קריגן. רוסיש האָט ער געלייענט ווייניק, ווייל ער איז געווען שטומפּיק אויף דעם רו־סישן לשון — ער האָט קוים מיט צרות געקענט אָפּדראַפּען אַ ראָמאַן. אָבער דאָס לייענען האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט צופיל הנאה געהאָט פון לייענען. עס איז נישט געווען די איידעלע הנאה און דער פיינער נחת־רוח פון אָפּלערנען אַ סוגיה און נאָך אַריינהאָרעווען אין איר צו כאַפּן דעם ריכטיקן פּשט. דאָ איז געווען די גראָבע הנאה פון אויסהערן אַ מעשה; נישט די הנאה פון זעטיקן אַ הונגער, נאָר די הנאה פון קייען געשמאַקע און באַטעמטע קאָנפעקטן, וואָס מען רופט איריסן. עס איז אַ זיסע הנאה, וואָס מען פילט זיך ווי אַ שולדיקער פון עסן אַזאַ מותרות און ווען מען געניסט צופיל פון איר, ווערט פריקרע פון דער זיסקייט און געשמאַקקייט.

נאָך אַ צרה האָט זיך אָנגערוקט. עס האָבן אין אים זיך דערוועקט בחורשע תאוות. די נעכט זענען געווען פול מיט עראָטישע חלומות און אין די פרימאָרגנס איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאַפּוייטיק ביז העט שפּעט פאַרמיטיק. די עראָ־טישע חלומות זענען באַשטאַנען פון ברעקלעך שאַרפע פסוקים פון תנ״ך און עפּעס אַן אומקלאָרע פרויען־געשטאַלט, זייער תאוודיק און רייציק, אָבער אָן אַ ניכרדיקן גוף, אָן שום זעעוודיקע נאַקעטקייט. אַבסטראַקטע ליליתן. ווי ער פאַר־שטייט עס איצט, האָבן זיינע חלומות נישט געקענט פאַרשטעלן פאַר אים קיין רעאַלע פרויען־געשטאַלטן, ווייל ער האָט נאָך דעמאָלט נישט בייגעווויינט קיין פרויען־נאַקעטקייט.

איינמאָל האָט ער געהאַט אַזאַ חלום: עס האָבן זיך פאַר אים געפּלאָנטערט דריי פרויען. איינע אָן אַ נאָמען. אָבער ער האָט געוווסט איר יחוס. איר טאַטע איז געווען אַן אמורי. דער אמורי פון חומש. די מאַמע אירע האָט געשטאַמט פון די חיתים, אויך פון חומש. זי אַליין איז געווען אַן אונטערגעוואָרפן קינד. מען האָט

זי געפונען אין פעלד אַ נאַקעטע. אַט דאָס אונטערגעוואָרפענע מיידעלע איז אויס־געוואַקסן און שיין געוואָרן. שמעון הערט אַ קול: „רבבה כצמח השדה נתתיך, ותרבי ותגדלי ותבואי בעדי עדיים, שדים נכונו ושערך צמח ואת ערם ועריה״: וואַקסן ביסטו געוואַקסן ווי די גראָז אין פעלד, ביסט אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסע און געקומען מיט שיינע באַפוצונגען: צייטיקע בריסט און צעוואַקסענע האָר, אָבער דו ביסט געווען הייל און נאַקעט. „ויצא לך שם בגוים ביפיך״ — און ביי אַלע פעלקער האָסטו געקראָגן אַ שם מיט דיין שיינקייט... באַלד קומען אַריין נאָך צוויי צעלאָזענע מיידלעך שוועסטער. זיי האָבן שוין נעמען: איינע הייסט אהלה און די אַנדערע איז אהליבה. דאָס קול דערציילט ווייטער: אהלה האָט מזנה געווען מיט שיינע יונגען פון אשור און אהליבה, איר שוועסטער, איז געווען נאָך פאַרדאָרבענער. ער הערט נאָר רייד פון גלוסטעניש, אָבער קיין גע־שטאַלטן פון די דריי זונות זעט ער נישט. דאָך האָבן געווירקט די שאַרפע און עראָטישע ווערטער אויף אים און זיי האָבן צופרידנגעשטעלט זיין בחורשע גלוסטעניש.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אָנגעפילט מיט פאַרזשאַווערטן אייזן. ער איז אויפגעשטאַנען, זיך איינגעוואַשן, אָנגעטאָן זיך און איז צוגעגאַנגען און אַראָפּגענומען דעם תנ״ך פון דער פאָליצע ספרים. יאָ, ווי ער האָט פאַרדעכטיקט, עס זענען אים געקומען צו חלום צוויי קאַפּיטלעך פון יחזקאל — קאַפּיטל זעכצן און קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק. וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? ביידע קאַפּיטלעך זענען דאָך משלים. אויף דעם ערשטן קאַפּיטל זאָגט דער רד״ק „עתה החל המשל. והמשיל כנסת ישראל לנערה״ — איצט האָט ער אָנ־געהויבן דעם משל און ער האָט פאַרגליכן די כנסת ישראל צו אַ מיידל וואָס... דעם קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק טייטשט דער תרגום יהונתן: על תרתין מדינן כאינון תרתין נשין די בנת אמא חדא הואה — עס איז אַ משל אויף די צוויי מדינות, יהודה און שומרון, וואָס זענען געגליכן צו צוויי פרויען, די טעכטער פון איין מאַמען. ביי אים ווערט גאָר דער משל דער עיקר.

ער טאַדלט זיך — משלים פון תנ״ך ווערן ביי מיר איבערגעקערט אויף ניבול פה. וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?

ער כעסט זיך, טאַדלט זיך, זידלט זיך. אָבער ער קען נישט בייקומען זיין גלוסטעניש אָנצוקוקן אמתע פרויען־נאַקעטקייט און ער האָט געפונען אַן אָרט אין שטעטל, וווּ ער האָט געקענט צופרידנשטעלן זיין נייגיר און אָנזעטיקן זיינע אויגן. דאָס איז געווען אונטערן באַרנבוים פון לייבקע העניעס גאָרטן.

עס זענען געווען עטלעכע אגראַדניקעס (אָגאָראָדניק — גערטנער) אין דעם שטעטל. אָבער לייבקע העניעס איז געווען דער גרעסטער פון זיי. גלייך לעבן דעם דיאַקס געסל האָט זיך אָנגעהויבן זיין גרינס־גאָרטן און עס האָט זיך גע־

צוויגן אַזש ביזן זאַמד אין דער ברייט און אין דער לענג ביז דעם אָנהייב פון די פּאַליעסער בלאָטעס. דער גאָרטן איז אים געבליבן אַ ירושה נאָך פון עלטער־זיידן. לייבקע, זאָגט מען, פלעגט אַרויסקריגן פונעם גאָרטן דריי און פיר מאָל אַזוי פיל ווי זיין טאַטע אָדער זיידע האָבן אַרויסגעקראָגן פון דעם זעלבן גאָרטן. ער האָט געוווסט ווי אַזוי צו באַמיסטיקן יעדן בייט פאַר יעדן מין גרינס. ער האָט פאַרזייט אוגערקעס, בוריקעס, קוקורוזע, (קייאכעס פלעגט מען עס רופן אין שטעטל), מערן, קרויט, קירבעס, רעטעך, ברוקווע און אַ פּאָר בייטן מיט סאַניעטשניקעס און אַפילו קראָפּ, וואָס גיט דעם ספּעציעלן שאַרפן יידישן טעם צו אָנגעזויערטע אוגערקעס.

גלייך נאָך פּסח, אַמאָל נאָך פאַר פּסח, האָבן פאַר לייבקען געאַרבעט אַ סך פויערים, פויערטעס, שקצים, שיקסעס און יידישע מיידלעך. די פויערים האָבן געאַקערט און געבראָנעוועט און די פרויען האָבן פאַרזייט די גרינסן. שבועות־צייט האָבן די יידישע מיידלעך און די שיקסעס געיעט און איבערגעזעצט די גרינסן און געריסן ראש־חודש־רעטעכלעך. אָבער די גרעסטע צאָל מענטשן האָבן געאַרבעט פאַר לייבקע אַגראָדניק סוף חודש אב און דעם גאַנצן חודש אלול, ווען מען האָט אַראָפּגענומען פון די גערטנער. די שיקסעס און מיידלעך פלעגן צונויפקלייבן די גרינסן אין קערב און ברענגען זיי אונטערן באַרנבוים און אויסשיטן זיי דאָרטן אין קופּעס. לייבקע איז געזעסן אויף אַן איבערגעקערטן פעסל און אָנגעטונג געגעבן אויף די אַרבעטער.

דאָס גאַנצע שטעטל, און אַפילו די פויערים פון די נאָענטע דערפער פלעגן קומען איינקויפן ביי אים אוגערקעס, קרויט און בוריקעס אויף איינצוזויערן אויף ווינטער. די פויערים פלעגן זייען בלויז קאָרן, לינדזן און פלאַקס, ווייץ, האָבער און אַביסל הרעטשקע, האָבן זיי געדאַרפט איינקויפן גרינסן אויפן ווינטער ביי דעם יידישן אָגאָראָדניק.

לייבקע איז געווען אַ שטיקל למדן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט זיך נעמען צו לערנען אין די ווינטער־חדשים, ווען ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, אַנישט וואָלט ער אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך געגרויסט מיט זיין ביסל למדנות און זיך אויסגעפּיינט פאַר ווען ער האָט נאָר געקענט. שמעון איז פאַר אים געווען אַ גרויסער אוצר. שמעון פלעגט קומען צו אים פרי, ווען דער טוי איז נאָך געלעגן אויף די גרינסן און זיך געזעצט אויף אַן איבערגעקערטן פעסל לעבן לייבקען און געשמועסט מיט אים.

אונטערן באַרנבוים לעבן יעדער קופּע גרינס איז געשטאַנען אַ שגץ. ער האָט צונויפגעשאַרט די אוגערקעס, בוריקעס אָדער אַנדערע גרינסן פון דער קופּע און אָפּגעמאָסטן פאַר די קונים די גרינסן וואָס זיי האָבן געוואָלט. ווען אַ שיקסע האָט געבראַכט אַ מעסטל גרינס און עס אויסגעשאָטן אויף דער קופּע, האָט דער

שגץ זי קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט אָן פאַרטשעפּען זי מיט אַ קניפּ, אַ פּאַטש אָדער גלאַט אַ שלעפּ פאַר דעם קליידל. לייבקע פלעגט אַריינפאַלן אין אַ גרימ־צאָרן און שרייען סיי אויף דער שיקסע און סיי אויפן שגץ. אָבער ביידע האָבן זיך נישט צוגעהערט צו איר. גאָר אָפט פלעגט דער שגץ נאָכוואַרפן דער אַוועק־גייענדיקער שיקסע אַ מער, אַ קליינע ברוקווע, אַן אוגערקע און טרעפן וווהין ער האָט געצילט. די פויערטע פלעגט זיך אומדרייען און אַרויסלאָזן אַ שטראָם קללות:

— וואַרפן זאָלן דיך קדחת זעקס חדשים אין יאָר, די איבעריקע זעקס חדשים זאָלסטו ליגן מיט אָפּגענומענע הענט און פיס. נאָכן יאָר זאָלן דיך פיר שדים אָנכאַפּן ביי דעם רעכטן פוס, אַנדערע פיר ביי דער רעכטער האַנט, נאָך פיר ביי דעם לינקן פוס און די לעצטע פיר ביי דער לינקער האַנט. און די אַלע זעכצן רוחות זאָלן דיך וואַרפן אַרויף און אַראָפּ ביז דער אָטעם זאָל ביי דיר פאַרטייעט ווערן. ווען דו וועסט פאַרטייעט ווערן זאָל דיך אַ דונער אַ שלאָג טאָן גלייך צווישן די לאָפּעטקעס און דער וואָזדוך (די לופט) זאָל ביי דיר אַרויס, וועסטו בלייבן ליגן ווי אַ געשאָכטענער האָן מיט אונטערגעהאַקטע פיס.

לייבל האָט אַ שפּיי געטאָן:

— אַן עם הדומה לחמור — אַ פאָלק געגליכן צו אייזלען. פרעסן, זויפן און קוכען זיך.

שמעון האָט געענטפערט טויט־ערנסט:

— לאָוו דווקא, ר׳ אריה לייב, זינט וועלט איז אַ וועלט, פירן זיך אַזוי אויף בחורים און מיידלעך אין פעלד. עס שטייט געשריבן אין מגילת רות „ולא תכלי־מוה״ — און איר זאָלט זי נישט פאַרשעמען, „ולא תגערו בה״, און איר זאָלט אויף איר נישט שרייען. אַ סימן אַז די בחורים, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד, האָבן יאָ פאַרטשעפּעט די מיידלעך און געשריגן אויף זיי.

אריה לייב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול:

— ביסט טאַקע אַ בעל תנ״ך, שמעון, אָבער דו לערנסט דיין אייגענעם פשט. טו דאַרטן אַ קוק אין „אגרת שמואל״, וועסטו זען אַז ער טייטשט עס גאָר אַנדערש.

שמעון האָט גערעדט פון לערנען מיט לייבקען און געקוקט אויף די פויער־טעס. די ברעגעס פון זייערע קליידלעך זענען געווען פאַרשטעקט אין דעם זוים פון סטאַן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די נאַקעטקייט פון זייערע היפטן. ער האָט מקנא געווען די פרייקייט פון די שקצים. אין זייער געלעכטער און זייערע שטי־פעריייען און אין די הפקרדיקע קוויטשערייען פון די שיקסעס איז געווען פרייד. ער זיצט כלומרשט רויק מיט לייבקען און שמועסט אין תורה און די בלוטן צינדן זיך אים אָן.

מיטאַמאָל באַפאַלט אים אַ כעס און אַן עקל צו זיך, ביז איבלקייט. ער רעדט צו זיך אַן ווערטער:

— אַט ווי ווייט איך בין פאַרקראָכן. עס איז געגנוג מיאוס, וואָס די שקצים טוען. אָבער זיי גלוסטן און שטיפן פאַר אַלעמען אין די אויגן. אָבער ער? ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ צדיקל, ער דעקט־צו זיין מיאוסע תאווה מיט אַ תורה־שמועס. עס פאַסט טאַקע פאַר אַ תלמיד פון ראַדין, ווי אַ בייטש אין אַ רבס האַנט.

ראַפּטום הייבט ער זיך אויף און אַן „אַ גוטן טאָג" גייט ער אַוועק אויף גיך. ער האָט מורא לייבקע זאָל אים נישט פאַרהאַלטן, וואָס שמעון באַגערט זייער שטאַרק.

די צביעותקייט זיינע עסט אים ווי זשאַווער עסט אייזן. ביי זיך אין האַרצן איז ער פריי, אויסגעטאָן פון אַלע יאָכן און געבאָטן, ביז הפקר. אָבער פאַר אַלע־מען איז ער מערע ירוחמס נחת, וואָס האָט געלערנט השכלה אין לידע און דער־נאָך מוסר אין ראַדין און געגעסן שבתים ביים חפץ־חיימס טיש, אַ בחורל אַ שיינדל, צו גאָט און צו לייט. ווייבער בענטשן זיך מיט אים און ער אַליין ווייס, אַז ער איז נישט צו גאָט און נישט צו לייטן. ער איז אַ פורץ עול קעגן כביכול און ער וואָלט געווען אַ פורץ גדר ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט. פאַר זיך קען ער דאָך נישט לייקענען, אַז ווען עס וואָלט זיך אונטערגערוקט אַ געשמאַקע עבירהלע בחדרי חדרים, וואָלט עס פאַר אים נישט געווען קיין נסיון אַפילו. געוואַלד, וואָס טוט מען מיט זיך?

עס איז שלעכט, ביטער. ער איז געווען נישט נאָר דער נחת פון טאַטע־מאַ־מע, נאָר דער נחת פון אַלע פראָסטע יידן און זיי האָבן זיך געגרויסט מיט אים, געשטאַלצירט מיט אים און שמעון איז געווען געצוווּנגען אָנצוהאַלטן די גע־שטאַלט, וואָס ער האָט געזאָלט זיין.

***

עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי. שמעון איז געגאַנגען מיט פיר ביכער אונ־טערן אָרעם צו דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ שפייכלער אין דער לאַנגער גאַס, ביים דובניק. ווען ער איז צוגעקומען צו די לעצטע פאַר הייזער פון פאַרן דובניק, איז ער פאַרבייגעגאַנגען שייקע קאַטאַ־רינשטשיקס שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פערעאולאָק הינטער עליע פיי־סעס גרויסער שטוב.

שייקע דער קאַטאַרינשטשיק האָט חתונה געהאַט מיט אַלטען, חנה דער הקדשניצעס בת־יחידה. חנה איז געווען מערעס אַ ווייטע קרובה, וואָס האָט גע־האַט די השגחה אויפן שטעטלשן הקדש. אַ קבצנטע צווישן קבצנים. זי איז גע־ווען אַן עקרה פאַר אַ לאַנגער צייט. צוועלף יאָר נאָך דער חתונה האָט זי געבוירן

אַ מיידעלע. זי האָט איר אַ נאָמען געגעבן אַלטע, אַ סגולה צו אריכת־ימים. מער קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט.

ווי אָרעם שמעונס מאַמע מערע איז געווען, האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ גבירנטע לגבי חנהן. און זי האָט אַלעמאָל אַרויסגעהאָלפן איר אָרעמער קרובה. שמעון, אין זיינע יינגלשע יאָרן, איז אָפט געגאַנגען מיט דער מאַמען אין הקדש צו חנהן, געטראָגן אַהין געשטעלטע קריגלעך מילך, אַ קעזקוכן, חלות אויף שבת און נישט זעלטן אַ קליידל, אַ יאַקל, וואָס איז געוואָרן קליין אויף שמעונס שוועסטער.

אַלטע איז געווען אַ פיר יאָר עלטער פון שמעונען, ווען שמעון איז געקו־מען פון ראַדין איז ער געווען עטוואָס עלטער פון זעכצן יאָר. אַלטע איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַמע פון דריי מיידעלעך. זי האָט חתונה געהאַט מיט שייקע קאַטאַרינשטשיק, וואָס זי האָט באַגעגנט אין הקדש, אַ יונג מיט ביינער, אַ פינף יאָר עלטער פון איר. אַלטע איז געווען אַ שיינע און די מאַמע אירע האָט געזאָגט, אַז זי האָט געקענט טאָן אַ בעסערן שידוך. זי האָט גרינג געקענט חתונה האָבן מיט אַ גוטן בעל־מלאכה, נישט מיט קיין מדינה־גייער.

ווען שמעון איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס שטיבל, זענען די פענצטער געשטאַ־נען אָפן. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן דאָס שפּילן פון אַ קאַטערינ־קע, דאָס טופּען פון טאַנצנדיקע פיס און מאָדנע אויסגעשרייען פון אַ פויגל באַ־גלייט מיט גראָבע רוסישע קללות און חרמות (כראָמעס).

אין שטעטל האָט מען נישט געהאַלטן פון דעם מנהג אָנצוקלאַפּן אין אַ טיר איידער מען גייט אַריין אין אַ שטוב. און אַז אַ פענצטער איז געשטאַנען אָפן, האָט מען אַריינגערוקט אַהין דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן.

שמעון האָט זיך אַ קער געטאָן צום שטיבל און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אָפענעם פענצטער. ער האָט דערזען: אַ שטאַרק געבויטער יונגערמאַן, אָן אַ היטל, מיט צעפּאַטלטע קאַשטאַנענע האָר, איז געזעסן ביים טיש און געשטאָפּט גילזן. לעבן אים איז געשטאַנען אַ שטייגל מיט אַ גרינעם פּאַפּוגיי, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פליגל און שנאָבל, אַרויסגעלאָזן מאָדנע פייגלשע אויסגעשרייען און זיך געזידלט מיט די שמוציקסטע און מיאוסטע רוסישע קללות. אין עק צי־מער, אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קאַטערינשטשיק אָן אַ היטל, אין אַ צעשפּי־ליעטער גראָבער טעזשורקע און געשפּילט אויף אַ קאַטערינקע. אַ מויד אָנגעטאָן אין אַ לייב־קאָליר שפּענצער וואָס איז געווען אָנגעצויגן אויף איר גוף ווי אויס־געגאָסן, אויף די פיס שוואַרצע טופליעס מיט הויכע אָבצאַסן, האָט געטאַנצט. נאָך יעדן דריי מאָל אויסדרייען זיך און צוטופּען מיט די הויכע אָפּצאַסן, האָט זי זיך איבערגעקוליעט.

שמעון איז געבליבן שטיין אין דעם אָפענעם פענצטער מיט אויפגעריסענע

אויגן. ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריִער צו קוקן, אויף דעם גרינעם טומל־דיקן פּאָפּוגײ, אויף שײקען, וואָס איז געזעסן רויִק ווי ער וואָלט געווען אַלײן אין שטוב און געשטאָפּט די גילזן (סיגאַרעטס), אויף דעם קאַטאַרינשטשיק, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ היטל און געשפּילט מיט האַסט, מיט אימפּעט און צוגע־קלאַפּט צום טאַקט מיט דעם רעכטן פוס מיט גרויס הנאה, אָדער גאָר אויף דעם מײדל. דער לײבקאָלירטער שטײפער קאָסטיום האָט אויפן מײדל בולט געמאַכט אַלע אירע אברים, אויך די וואָס האָבן געדאַרפט זײן פאַרדעקט, און אַרויסגע־שטעלט יעדע שטיקל רונדיקײט און אויסבײג פון איר מײדלשן אויסגעפורעמטן קערפּער.

שמעון איז געשטאַנען אַ היפּשע װײלע נישט קײן באַמערקטער. ווען דער קאַטאַרינשטשיק האָט דערזען שמעונס קאָפּ אין פענצטער, האָט ער ראַפּטום אָפּ־געשטעלט דאָס שפּילן. דאָס מײדל איז געבליבן שטײן אַ פאַרווונדערטע אין איר מיטן טאַנצן און שײקע האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער קיך און אויסגערופן עפּעס ווי אַ דערשראָקענער:

— אַלטע, אַלטקע, ווו ביסטו? אַ יאָלד האָט אַרײנגעשטעקט דעם קאָפּ אין פענצטער.

אײדער שמעון האָט צײט געהאַט צו זאָגן „גוט מאָרגן", איז אַלטע אַרײנ־געלאָפן פון קיך. שמעון האָט זי באַלד דערקענט. זי האָט זיך נישט געביטן. די זעלביקע געלבלעכע האָר, גרינע אויגן, אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך, און אַ דינע, אַ דאַרע גאָרנישט ווי קײן מאַמע פון דרײ קינדער. זי האָט אַ קוק געטאָן צום פענצטער און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— זע נאָר, שײקע, סאַראַ גאַסט מיר האָבן. עס איז דאָך שמעון דער מומע מערעס נחת. ווען ביסטו געקומען פון דער ישיבה?

— נאָך פּאַראַכטאָגן, — האָט שמעון געענטפערט. — ווער איז דײן מאַן? איך קען דאָך אים נישט.

— וואָס מײנסטו ווער איז מײן מאַן? — האָט אַלטע געזאָגט מיט פאַר־דרוס. — שײקע איז מײן מאַן, דער וואָס שטאָפּט אָן די גילזן. שעם זיך שמעונ־קע. וואָס האָסטו געמײנט, יענער אַלטער קאַטאַרינשטשיק איז מײנער?

זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו שײקען מיט פאַרדרוס:

— אַז דו זיצסט ווי איוואַן אָן אַ היטל, האָסטו גאָר דעם אָנבליק ווי אַ שגץ מיט דײנע קאַשטאַנענע האָר. טו אָן דאָס היטל.

צום קאַטאַרינשטשיק האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט דער מויד זי זאָל אויף זיך אַרויפוואַרפן אַ שמאַכטע. אַ מויד האָט גאָרנישט קײן בושה. און דו שמעון, וואָס שטײסטו אין דרויסן? קום אַרײן.

דער קאַטאַרינשטשיק האָט אַ פּײף געטאָן:

— פֿאַר וועמען מיינסטו טוט זי אָן איר טריקאָ־שפּענצער? פֿאַר מיר? זי טוט עס אָן כּדי מען זאָל זי עסן מיט די אויגן. און דער ישיבֿה־בחור? דו האָסט געדאַרפֿט זען ווי ער האָט אויסגעסאָלאָפּעט אַ פֿאַר אויגאַנעס, ווען ער האָט דער־זען מיין ראָכקען. ער וואָלט געחלשט פֿאַרזוכן דעם עץ־הדעת.

דער פּאָפּוגיי האָט זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות און האָט זיך אָנגע־הויבן צו זידלען מיט די ערגסטע און שמוציקסטע רוסישע קללות. שמעון האָט אַ טראַכט געטאָן: ווער האָט עס אים אויסגעלערנט אַזאַ ניבול־פּה? אַלטע האָט האַסטיק אַראָפּגענומען איר קאָפּטיכל און צוגעדעקט דאָס שטייגל און אַ זאָג געטאָן מיט כּעס: ווער פֿאַרשטומט. דער פּאָפּוגיי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס צוגעדעקטע שטייגל און עס אַוועקגעשטעלט אויף דעם קאָמאָד. זי האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום קאַטאַרינשטשיק און איז געבליבן שטיין מיט אירע האָר צעלאָזן, ביידע הענט אויף איר דינער טאַליע און מיט אַ פֿאַרשטשעמעטן מויל האָט זי אַרויסגעזייט:

— דו, יאָסל־בער, פֿאַרמאַך דיין פֿראַנצעוואַטן מויל. איך האָב פֿיינט אַזעל־כע רייד ביי מיר אין שטוב. און הייס דער מויד צודעקן איר נאַקעטקייט. אַ טאַטע ביי לייטן. און טו וואָס איך זאָג. אַנישט פּליסטו פֿון שטוב דו מיט דיין קאַטאַ־רינקע און דיין טעכטערל. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פֿיינט מחזקות.

דער קאַטאַרינשטשיק האָט אַ ווונק געטאָן צו דער מויד און זי איז אַרויס אין אַן אַנדער צימער. אַלטע האָט זיך אַ קער געטאָן צו שמעונען מיט הכנעה און געבעטן אין איר קול:

— קום אַריין, שמעונקע, קום אַריין. אָט וועל איך גרייטן דעם טיש פֿאַר אָנבייסן. איך האָב אָן אָנבייסן ווי פֿאַר אַ מאָנאַרכיע: קעז, פּוטער, רעטעך מיט סמעטענע און איך האָב נישט פֿאַרגעסן קיין שטיקל הערינג און פֿרישע בייגל מיט ציקאָריע.

שייקע האָט אַ בורטשע געטאָן:

— וואָסי, ער וועט עסן פֿון אונדזער טיש? מסתּמא נישט גענוג כּשר פֿאַר אַ ראַדינער ישיבֿה־בחור. אַ קאַטאַרינשטשיק מיט אַ קונצנמאַכער זענען דען ייִדן?

— חלילה וחלילה, — האָט שמעון געענטפֿערט מיט אַ ציטער. — אַ ייִדי־שע שטוב איז אַ ייִדישע שטוב. אָנבייסן האָב איך טאַקע שוין אָפּגעגעסן, אָבער ציקאָריע וועל איך מיט אייך טרינקען און אויב אַלטע, דו האָסט אַ קיכל צו וואָס מען דאַרף זיך נישט וואַשן, וועל איך מאַכן מזונות מיט אייך.

— קום אַריין, קום אַריין, — האָט אַלטע אויסגערופֿן מיט פֿרייד. — איך האָב קיכלעך, טאַקע געקויפֿט ביי דיין מאַמען היינט אין דער פֿרי. קום אַריין, וועסטו אָנקוקן מיינע דריי „בורלאַנטן“, דריי מיידעלעך אַ געזונט זיי אין די קעפּעלעך. זיי שפּילן זיך אין מיילעשקעס אין גאָרטן הינטערן שטוב. איינע הייסט

זעלדע, אַ נאָמען נאָך דיין באָבע זעלדע, די צווייטע רופט מען רבקה — אַ נאָ־מען נאָך מיין באָבע פון טאַטנס צד און די דריטע הייסט חיה־שרה, געבוירן גע־וואָרן אין דער וואָך וואָס איז געגאַנגען די סדרה חיי־שרה.

שמעון איז אַריין אין שטיבל און אין דער הויך, אויף אַ היימישן אופן אַ זאָג געטאָן צו אַלטען:

— ווו קען איך אַוועקלייגן די ביכער?

— גיב זיי מיר. איך וועל זיי אַוועקלייגן אויפן קאָמאָד, אַ ריינער אָרט.

ער האָט איר איבערגעגעבן די ביכער. זי האָט זיי אָנגענומען מיטביידע הענט און זיי געטראָגן ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון געשליפענעם גלאָז. זי האָט זיי אַוועקגעלייגט לעבן פאַרשטומטן שטייגל.

שמעון איז געבליבן שטיין ביים טיש. פון אינעווייניק איז דאָס שטיבל גאָר־נישט געווען אַזוי קליין ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט פון דרויסן. דריי חדרים: אַ קיך, אַ ספּאַלניע (אַ שלאָפצימער) און אַ סאַליע. אַלץ איז געווען ציכטיק און זויבער. דער דיל אָפּגעשייערט, די שטולן, די קאַנאַפּע, דער טיש, די פּאָליצעס אָן אַ ברעקל שטויב. די פענצטער אויסגעוואַשן, די פאָרהאַנגען אָנגעקראָכמעלט. די גראַטקע מיט געפעס, וואָס האָט זיך געזען פון קיך, האָט געפינקלט. שמעון האָט אַ זאָג געטאָן פריידיק:

— אַלטע, ביסט אַ טייערע באַלעבאָסטע. מען קען ביי דיר עסן קאַשע פון דער פּאָדלאָגע.

אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זי האָט מיט אַ גליקלעכער צעטראָגנקייט גערעדט:

— זעץ זיך שמעון, זעץ זיך.

זי האָט אָפּגעשטויבט מיטן פאַרטוך אַ שטול, וואָס האָט קיין שפּרענקעלע נישט געהאַט אויף זיך.

אַלטע האָט געגרייט דעם טיש מיט אַ שניי־ווייסן טישטעך און טעלער, גאָפּל־מעסער, וואָס האָבן געגלאַנצט. עס איז געווען אַ פיין סערווירטער טיש מיט גאָר געהויבענע מאכלים. שמעונען האָט זי דערלאַנגט אַ גלאָז ציקאָריע און אַ קיכל. דער קאַטאַרינשטשיק און שייקע האָבן אָנגעטאָן די היטלען און זיך גע־וואַשן צום עסן. דאָס מיידל איז אַרויס פון שלאָפצימער אָן אָנגעטאָענע. אָנגע־טאָן איז זי געווען האַלב שטאָטיש און האַלב ציגיינעריש. זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט ביים טיש.

שמעון האָט געמאַכט מזונות און שהכל הויך אויפן קול. אַלטע האָט גע־ענטפערט אָמן און די איבעריקע האָבן אַ בורטשע געטאָן. אַלע האָבן געגעסן שווייגנדיק, נאָר אַלטע האָט גערעדט אָן אויפהער:

— דו האָסט געדאַרפט זען מיין חתונה. צוועלף קאָסטנס (קאַטאַרינקעס)

האָבן געשפּילט. דיין מאַמע האָט מיר געבראַכט אַ חתונה־געשאַנק אַ זיידן טיכל. דריי מיידעלעך האָט מיר גאָט געשענקט. נאַ, טו אַ קוק.

זי איז אַרויסגעלאָפן און אַריינגעבראַכט די דריי מיידעלעך. די עלטסטע פיר יאָר אַלט און די קלענסטע אַ יאָר נאָר. בלויז די הענטעלעך זייערע זענען געווען איינגעריכט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין ברוינע קליידעלעך. די קעפּ־לעך ריין אויסגעצוואָגן און די עלטערע האָט געהאַט צוויי צעפּעלעך.

— זיי זענען געראָטן אין זייער טאַטן, — האָט שמעון געזאָגט. — זייער טאַטנס קאַשטאַנענע האָר און קורצע נעזלעך און לענגלעכער פּנים. די אויגן זייע־רע זענען אָבער פון אונדזער משפּחה — בלוי־גרין. ווייסט, אַלטע, דיין שייקע איז אַ שיינער.

זי האָט אַרויסגעשיקט די קינדער צוריק אין גאָרטן און זיך געשטעלט הינ־טער שייקעס פּלייצע און גערעדט:

— איך ווייס, שמעון, מיין שייקע איז אַ שיינער און איך זאָג אים גלייך אין די אויגן: נישט נאָר איז ער אַ שיינער, נאָר ער איז אויך אַ גוטער. דערפאַר האָב איך זיך פאַרליבט אין אים. אָבער אַן עקשן איז ער, שמעון, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. דערצו האָט ער גרינגע פיס. ער האָט ליב זיך אַרומצושלעפּן איבער דער וועלט מיט קונצנמאַכער. דער עיקר האָט ער ליב יאַרידן ווו עס טומלט זיך. אָט האָט ער זיך צונויפגעפּאָרט מיט יאָסל־בערן און זיין מויד. יאָסל־בער שפּילט אויף דער קאַטאַרינקע, און זי מאַכט קונצן. טאַנצט, קוליעט זיך און ברעכט זיך. מיינער שפּילט אויך צו מיט זיין קאַסטן און דערצו האָט ער דעם פּאַפּוגיי, וואָס נעמט אַרויס גורל־קוויטלעך. ער פאַרדינט גוט, נישטאָ וואָס צום באַקלאָגן זיך. אָבער עס איז דאָך ווי אַרומגיין איבער די הייזער. מיינער האָט אַ פּיסק צום ריידן און קען פאַרקויפן די גורל־קוויטלעך ווי זיי וואָלטן געווען, להבדיל, דעם רבינס קמיעות. זאָג איך צו אים: קיינאָרע (קיין עין־הרע) ברייטע פּלייצעס האָסטו, יונג ביסטו, הענט ווי שטאָבעס אייזן פאַרמאָגסטו, ווער אַ הרוזניק און פיר זיך אויף באַלעבאַטיש. לאָז מיך נישט איבער אַליין אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. ווילסט נישט ווערן קיין הרוזניק, איז קויף דיר אַ פערד־און־וואָגן און ווער אַ בעל־עגלה, וועל איך ווערן צו לייטן גלייך. מיר האָבן אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע רובל געצוגן צו קויפן אַ פערד־און־וואָגן.

שמעון איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט זיין ציקאָריע און קיכל ער האָט גע־מאַכט די ברכה אחרונה „על המחיה״ און „בורא נפשות״ און זיך געוואָלט אויפ־הייבן, אַוועקגיין. אָבער אַלטע האָט אים נישט אָפּגעלאָזן:

— עס איז גוט וואָס דו ביסט אַריין אַהער. זאָלן זיי זען וועמען מיר האָבן אין דער משפּחה. הערסט שייקע ווי מערעס נחת האָט געזאָגט „על המחיה״ און „בורא נפשות״?

דער קאַטאַרינשטשיק האָט זיך צעלאַכט:

— נישקשה, איך קען די וויצענע צדיקימלעך. אַט דער־אַ אַפּילו וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקל פלאָדן.

שמעון איז געוואָרן רויט און די טענצערין האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און אויפגעהויבן די הענט צו די געדיכטע האָר, וואָס האָבן זיך צעפּאַטלט. איר קאַפּטל האָט זיך צעעפנט און שמעון האָט אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן אַ שטיק מיידלשע נאַקעטקייט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט שאַרף:

— אַלטע, איך קען שוין לענגער דאָ נישט זיין. איך מוז שוין גיין.

אַלטע האָט זיך מיט כעס אַ קער געטאָן צום מאַן:

— ס'איז מיר וויניק דער פּאָפּוגיי מיט זיינע „יויפּן" (רוסישע עראָטישע קללות), דאַרפסטו יאָסל־בער זיך אַריינמישן מיט דיין פראַנצעוואַטן מויל. און דו, מויד? אַביסל בושה! ווי טוט מען עס אַן אַ קאַפּטל אָן קנעפּלעך אָדער אָן בענדלעך. און דו שייקע, מיין מאַן, דער טאַטע פון דריי טעכטער, זיצסט און שווייגסט. וואָס פאַר אַ טעכטער וועלן זיך ביי דיר אויסהאָדעווען? אפשר ווי דיאָ? זאָל איך עס בעסער נישט דערלעבן.

שייקע האָט געענטפערט גוטמוטיק:

— שאַ, אַלטע, אַט האָסטו זיך אויסגעהאָדעוועט אין הקדש און ביסט פרימער און ערלעכער ווי אַ רביצן. אַזאַ יאָר אויף מיר סאַראַ גאַנצער עפּל דו ביסט געוועזן. אָבער דיין יחוס איז פּונקט אַזאַ ווי מיינער און יאָסל־בערס. די מויד? אַ ווילע מויד, זאָג איך דיר. גלייב יאָ צי נישט, אַן ערלעכע. אַ נישט קיין אָנגערירטע קאָווענע.

יאָסל־בער האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און זיך צעלאַכט:

— מיר זענען אַלע פון גרויס יחוס!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קאַטאַרינקע און אָנגעהויבן אויפשפּילן אַ פאַרשייטן ניגון און די מויד האָט זיך צעזונגען:

מיין טאַטע איז אַ שמאַרעוואָזניק,
די מאַמע גנבעט פיש פון מאַרק,
מיין ברודער איז אַ קאַרטאָזשניק
און מיין שוועסטער האָט ליב אַ קאָזאַק.
איז וואָס־זשע ביסטו קעצעלע ברוגז?
וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
דאָס איז דיין גרויסער יחוס,
נאָר פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ.

אַלטע האָט זיך צעוויינט:

— שייקע, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן פון בושה. אַט כאַפּ איך דעם מע־סער און אַ סוף. וועסט זיך דאַרפן זוכן אַ מאַמע פאַר דיינע דריי טעכטערלעך. וואָס שווייגסטו?

שייקע איז בלייך געוואָרן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ קולאַק אין טיש, אַז די ווענט האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום קאַטאַרינ־שטשיק:

— פאַרשטומט זאָלסטו ווערן, דו נאַכאַלניק. אַז נישט טרען איך דיר אויף דעם בויך. און דו, אַלטע, וואָס וויינסטו? וואָס רייסטו שטיקער פון מיר? האָסטו נישט געוווסט אַז איך בין אַ קאַטאַרינשטשיק ווען דו האָסט זיך פאַרלובעט אין מיר? וואָס ציטערסטו פאַר יעדער צעלאָזענער און ערלעכער מויד? איך וועל נישט אויסבייטן קיין צען מוידן אין טריקאָ אָדער אָן טריקאָ, אויף דיין מינדסטן פינ־גער אָדער פאַר דעם קלענסטן צעפּעלע פון אונדזער אַ טעכטערל. מיינסטו איך וועל זיך אייביק אַרומשלעפּן איבער שליאַכן און וועגן? אָבער לאָז אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל.

—איך ווייס, איך ווייס אַז דו וועסט מיך סוף־כל־סוף פאָלגן. אָבער פאַר־וואָס אָפּלייגן? — האָט אַלטע געפרעגט מיט טרערן.

זי האָט געווישט מיטן פאַרטעך די אויגן און אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויף שייקעס ברייטע פּלייצעס, געטוליעט זיך צו אים און גערעדט מיט אָנגע־שטעלטע ליפּן, ווי אַ קינד, וואָס פּיעסטשעט זיך:

— אַדרבא, שייקע, טו אַ קוק אויף שמעונען. ער האָט געטראָגן פיר ביכער אונטערן אָרעם. דאָס אַלץ מיינסטו? איך קאָפּ ביי אים איז אַ גאַנצער אַלמער מיט ספרים. דאָס פּערטע קינד ביי אונדז קען דאָך זיין אַ יינגל. ווילסטו ער זאָל אויך זיין אַ קאַטאַרינשטשיק? קוק אַרויף צו דער מומע מערע און פעטער ירוחם. באַלעבאַטישע מענטשן מיט אַן אייגענער שטוב. אַלע קינדער, די מיידלעך אויך, קענען דאַוונען און שרייבן. פאַרוואָס זאָלן אונדזערע בורלאַנטעלעך נישט קענען אויסוואַקסן ווי דער מומע מערעס קינדער? וואָס שלעפּסטו זיך אַרום איבער וועגן און שליאַכן, שטעט און שטעטלעך? היט די היים, וועלן די קינדער זיין לייט.

שייקע האָט געגלעט אַלטעס האָר, געווישט אירע אויגן און איר געטרייסט:
— סט'זען, איך וועל בלייבן אין דער היים, ווייַן נישט, ווייַן נישט.

דער קאַטאַרינשטשיק, וואָס איז געשטאַנען מיט הענט אָנגעשפּאַרט אויף דער קאַטאַרינקע, האָט זיך אָפּגערופן מיט שפּאָט:

— ווי נאָר דיין אַלטע טוט זיך אַ קרים ווערסטו אַ קוואַטש. פאַרגעס נישט אָבער אַז מאָרגן פאָרן מיר אויפן יאַריד אין קאַפּעטקעוויטש.

שייקע האָט געענטפערט רויִק:

— שרעק זיך נישט יאָסל, איך פאָר. אָבער, אַלטע, איך זאָג דיר צו אַז איך וועל אָנקוקן אַ פערד אויפן יאַריד.

אַלטע האָט אַ טאַנץ געטאָן:

— שמעון, איך זאָג אים אויס. איך וועל אים פריִער אַ קוש טאָן און דער־באַך אויסזאָגן.

זי האָט אַרומגענומען שייקען און אים אַ קוש געטאָן מיט אַ סמאָקץ און אויסגערופן:

— איך בין זיך ווייטער פאַרגאַנגען אין טראָגן שייקע, דאָס מאָל וועט זיין אַ יינגל. אַ שיינער, אין דיר געראָטן. אָן איין פינטעלע קלייען, נישט ווי איך. און אויגן וועט ער האָבן שוואַרצע ווי דיינע, נישט בלוי־גרין ווי מיינע קעצישע אויגן. וועסט זען, שייקע, דער ברית וועט נאָך זיין פאַר פורים.

ער האָט אַ לאַך געטאָן און אַ גלעט געטאָן אירע צעפלאַמטע באַקן און אַרומגענומען איר פנים מיט איין האַנט:

— ווער קען דיר אָפּזאָגן, מכשפהלע מיינע?

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט. אַלטע, אַ גליקלעכע, האָט אים אַרויסבאַ־גלייט ביז צום גאַס.

שמעון האָט נישט אָפּגעטראָגן די ביכער אין ביבליאָטעק. עס האָט אים פאַרטראָגן אין וואַלד. ער האָט זיך געזעצט אונטער אַ בוים, אַ פאַרטייעטער. דאָס האַרץ איז אים געווען שווער. ער האָט געהאַט אייזערנע טענות צו זיך:

— איך האָב געמאַכט מזונות, געזאָגט „על המחיה" און „בורא נפשות". איך האָב זייער שיין געשפּילט די ראָלע פון אַ סטאַטעטשנעם לערנער. אָבער ווי פּאַסט זיך דאָס מיט די „פּאַראַדאָקסן" פון מאַקס נאָרדוי, וואָס איך האָב אַזוי פאַר־זיכטיק דורכגעלייענט? נאָך ערגער, איך האָב זיך געדאַרפט איינהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו קוקן אויף דער מויד און איך האָב געקוקט. איך קען איצט באַ־שרייבן יעדע רונדיקייט און אויסבייג פון איר מיידלשן אויסגעפורעמטן גוף. צדיקל, צדיקל מיינער, ווי וועסטו קענען קוקן אין אַ שפּיגל?

פון צווישן די שפּיצן פון די הויכע נאָדל־ביימער האָבן זיך געזען שטיקלעך בלוי הימל. שמעון האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און אויסגעגאָסן זיין יינגלשן צער:

— זענען דאָ פענצטער צום הימל און דאָרטן איז פאַראַן אַן אויער וואָס דערהערט און פאַרנעמט אונדזער ווייטיק, ראַנגלעניש און אומרו? איז דאָ אַ מויל וואָס ענטפערט אָבער אויף אַ קול וואָס מיר קענען נישט באַנעמען? אַ מענטש מעג פרעגן, זאָל זיין נאָר פאַר זיך, אַפילו ווען קיין ענטפער קען מען נישט דער־וואַרטן? פרעג איך: „ווי לאַנג דאַרף איך זיך מאַטערן? פאַרוואָס דאָס מאַטערן זיך? און אַ האַרבערע פראַגע — פאַרוואָס איז אַפילו ווען מען האַלט, אַז מען

מעג אַלץ, בלייבן נאָך אַלץ זאַכן וואָס מען טאָר נישט, ווייל עס בלייבן צוליב געוווינהייט צאַמען? פאַרוואָס, פאַרוואָס און פאַרוואָס?״

***

משה לייב ליליענבלום דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „חטאת נעורים״, אַז אין דער תקופה, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעם איבערבראָך פון אמונה צו כפירה, האָט ער אָפט געוויינט. ביי יעדער עמאָציאָנעלער צערודערונג האָט ער פאַרגאָסן „באכן״ טרערן. נאָכן וויינען פלעגט אים גרינגער ווערן אויף אַ צייט. שמעון איז אַלעמאָל געוועזן שווער אויף טרערן. אָבער ער האָט זיין איינענעם וועג צו באַרויִקן זיך: שלאָפן און שרייבן. ווען ער ווערט אומרויִק, צעדודערט אָדער עס באַפאַלט אים אַ מרה־שחורה, ווערט ער שלעפעריק. עד היום ווען ער האָט וועלכן ס׳איז עגמת־נפש אָדער זאָרג, לייגט ער זיך שלאָפן. אין מיטן העלן טאָג קען ער זיך אויסטאָן, אַריינגיין אין בעט און איינשלאָפן אין רגעס. אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שעה, שטייט ער אויף אַ באַרויִקטער, אַ דערפרישטער און זעצט זיך שרייבן.

אין יענעם נאָכמיטאָג האָט אים דאָס איינדרעמלען אונטערן בוים נישט באַרויִקט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז שוין געווען העט נאָך מיטאָג. ער איז אויפגעשטאַנען, אַוועקגעטראָגן די ביכער אין ביבליאָטעק און באַרעכנט זיך, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען ער רעדט זיך דורך מיט ביינוש דעם יאַדישלעווען, מאָטלעס בן־יחיד.

ביינוש איז געווען דער איינציקער פאַרזעסענער, אַלטער בחור אין שטעטל. ער האָט זיך אין זיינע יונגע יאָרן געוואַלגערט אין אויסלאַנד: אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אין דער שווייץ. ער האָט שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון די אַלע לענדער און צוריקגעקומען אַהיים אַ קראַנקער אויף די לונגען. געקומען אַהיים שטאַרבן און לעבט שוין אַזוי אין שטעטל איבער דרייסיק יאָר. די מאַמע זיינע, מאטלע, וואָס איז געבליבן אַן אלמנה, ווען ביינוש איז אַלט געווען פינף יאָר, האָט געצויגן איר חיונה פון פאַרקויפן הינער. די זקנה ציטערט איבער איר בן־יחיד. זי קעכלט אים, קליידט אים און לאָזט אים נישט אויפהייבן קיין שטרוי פון דער ערד. ביינוש שלאָפט שפּעט, לייענט, שפּאַצירט אין סאָסנאָוון וואַלד און פאַרנעמט זיך מיט אויפקלערן דער יוגנט. די אַרבעטער „ראַזוויטעט״ ער (קלערט זיי אויף). און מיט די געלערנטע בחורים, מיט די משכילים, פירט ער פילאָזאָפישע שמועסן.

ביינושן האָט מען אין שטעטל געהאַלטן פאַר אַ דעמאָקראַט — עס מיינט אַ סאָציאַליסט. אָבער ער האָט נישט געהערט צו קיין פּאַרטיי. ער איז געווען אַרמעטום פּול. ער האָט געקענט זיך צופרידן מיט דער פּראָסטער דינסטמיידל

אויף איר לשון. מיט לומדים, לערנער אָדער הויכע אינטעליגענטן, וואָס זענען זומער געקומען פון די גרויסע שטעט אויף דאַטשעס אין קאַלינקאָוויטש, האָט ער גענוצט אַזאַ לשון אַז זיי האָבן זיך געדאַרפט אָנשטרענגען אים צו פאַרשטיין. מען האָט געזאָגט, אַז חוץ רוסיש, וואָס ער רעדט ווי אַ וואַסער, קען ער דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש.

שמעון איז אַריין אין מאַטלעס שטוב צו ביינושן, אַרום צוויי אַזייגער ביי־טאָג. ער האָט אים געטראָפן פאַרטיפט אין אַ גראָבן בוך מיט אַ צעריסענעם רוקן אויף אַ לשון, וואָס שמעון האָט נישט דערקאָנט. ביינוש איז געזעסן אָן אַ היטל, געטראָגן שפּאַקולן מיט שטאָלענע רעמלעך אַראָפּגערוקט אויף דער שפּיץ נאָז. די גרויע האָר אויפן קאָפּ, גערדיכטע און לאַנגע, זענען געווען צעפּודלט. די באָר־וועסע פיס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר צעפּאַרענע כאַדאַקעס. אי־בער די גאַטקעס האָט ער געטראָגן אַן אויסגעריבענעם כאַלאַטל, אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל פון דער זעלביקער סחורה. זיין ברוסט, פאַרוואַקסן מיט גרוי־ווייַ־סע האָר איז געווען אָפן. ביינוש האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט און אַלט. אַ זקן אָן אַ באָרד. די געגאָלטע באַקן האָבן געמאַכט מער ניכר דאָס אַלטע און צע־קנייטשטע פּנים. ער איז געזעסן מיט דעם קאָפּ איינגעבויגן איבערן ספר און דער נאַקן זיינער איז געווען טרוקן ווי פאַרמעט און פול מיט דינע קאַרבן און טיפע קנייטשן.

ביינוש האָט זיך דערפרייט מיטן גאַסט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און אויסגערופן צופרידן:

— ברוכים הבאים. שוין אַוודאי צוויי דעקאַדן (צוואַנציק יאָר), זינט ווער עס איז האָט מיך וויזיטירט (געקומען צו גאַסט). זעץ זיך, שמעון, אָט איז אַ טאַ־בורעטקע, או וואַ! נעכטן ביסטו געווען די גרויס ווי אַן אַרבעס און שוין ביסטו אַ בחורל, וואָס עס זענען זיך ביי אים וואַנצעלעך. זעץ זיך און אויב דו רויכערסט, פאַרצי אַ פּאַפּיראָס, זאָל דיך נישט אַרן מיין הוסטן. איך הוסט אַפילו אין חלום. מיט קיין טיי קען איך דיך נישט מכבד זיין. שטעלן אַ סאַמאָוואַר איז איבער מיינע כוחות און ווו קען איך אָנוואַרעמען אַ הליאַק? קאַלינקאָוויטש איז נישט לאָנדאָן, ווו מען סערווירט „פייף אָקלאָק טי״ (פינף אַזייגער טיי) און מען האָט אַלע מכשירים אָנצוואַרעמען טיי איינס און צוויי. דאָ האָבן מיר נישט אַפילו קיין פּליטע פאַר אויפקאָכן אַ טשייניק וואַסער ווי אין די גרויסע שטעט אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך אָדער פּוילן. מיר האָבן אַ רוסישן אויוון, וואָס דאַרף אויפעסן אַ ברעמנע האָלץ איידער מען וואַרעמט עס אָן. און אונדזער אויוון איז איצטער אָפּגעקילט ווי דער יידישער גיהנום שבת־צו־נאַכט. איצט זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דו האָסט אָפּגעטרונקען דעם טיי, וואָס מען האָט דיר דערלאַנגט אויף אַ פיינעם פאַרצעלייענעם שעלכל אַ טאַסע, וואָס איז דורכזיכטיק ווי אַ שאָלעכץ

פון אַ פּריש איי. די זיסע באַטעמטע ביסקוויטן, וואָס מען האָט דיר דערלאַנגט אויף אַ באַזונדערן טעצעלע, געשטרייפט מיט פּאַסן פון געליישטן גאָלד, האָסטו אויפגעגעסן נאָר געלאָזן איינס צוליב איידלקייט. נו, האָסט אָפּגעטרונקען דעם פרישן פאַרבריטן טיי, צוגעביסן און אָפּגעשאַרט די ברעקלעך מיט אַ בלויער לייַנענער סערוועטקעלע. איצט פאַררויכער אַ פּאַפּיראָס פון טערקישן טאַבאַק, זעץ זיך אויף דער טאַבורעטקע און מירן שמועסן, אינטים, געמיטלעך — טעט אַ טעט — ווי די פראַנצויזן זאָגן.

שמעון איז געבליבן שטיין אַן ערנסטער און אַ פאַרקימערטער און ער האָט זיך נישט געזעצט אויפן צוגעטראָגענעם טאַבורעט. ער האָט געזאָגט אַ האַלב־ברוגזער צו ביינושן:

— איך געדענק אייך פון דער צייט, ווען איר פלעגט קומען צו אונדז אויפן לאַנגן קאָרידאָר, ווו די פּועלים פון שטעטל פלעגן זיך צונויפקלייבן און פאַר־ברענגען אין די וואַרעמע זומער־אָוונטן, געטרונקען ביר, געזונגען און געשמועסט. איר זייט געווען אַ שטענדיקער גאַסט און דער ראש המדברים. איר האָט אַלץ געמאָלט דעם שיינעם לעתיד לבוא נאָך דער רעוואָלוציע. אָבער נאָך וואָס מען רעדט וועגן אייך אין שטעטל און נאָכן לשון נאָך, וואָס איר האָט באַנוצט, האָב איך שטענדיק געפילט, אַז דאָס וואָס איר רעדט פאַר די פּועלים, איז נישט מער ווי אַ דרשה פאַרן פּראָסטן עולם. אַ מין צוקער־לעקעכל ווי דער „חובות הלבבות" זאָגט וועגן די מליצות פון תנ"ך. פאַר יחידי סגולה, האָב איך געהערט, רעדט איר גאָר אַנדערש, טיפער און בכובד ראש. איר זייט באַקאַנט מיט — ניין, איר קענט טאַקע גוט, אַלע פילאָזאָפן. איך האָב געהערט ביי יוסף חיים דראָזשקין, אַז איר קענט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פון עמנואל קאַנט, פרידריך העגעל און ברוך שפּינאָזאַ אויף דייטש און אויף ענגליש הערבערט ספּענסער און טאָמאַס קאַרלייל. בין איך געקומען צו אייך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ און אפשר קריגן אַן ענטפער אויף פראַגעס, וואָס זענען מיר מקצר ימים. נו, בין איך אַריין צו אייך און, איר וועט מיר מוחל זיין, מיר דוכט זיך, אַז איר האָט גע־פּראָוועט חוזק. איר האָט גענוצט אַ מאָדנעם לשון: „דעקאַדן", „וויזיטירט" און נאָך פרעמדע ווערטער, וואָס איר האָט אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז זיי קלינגען אָפּלאַכעריש.

ביינוש האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט גוטמוטיק:

— ערשטנס זיי מיר מוחל, וואָס איך דוץ דיך. איך קען זיך נישט העלפן. ביי מיר אין דמיון ביסטו אַלץ אַ קליין יינגל. איצט וועגן דיינע טענות. דו רעדסט צו ערנסט און צו רוגזהדיק. אָבער איך זע, אַז אויך דיר פעלן נישט קיין ווערטער אין מויל. האָסטו קיילעכדיקע ווערטער, וואָס שפּרינגען אַרום ווי פּילקעס. ניין, איך האָב נישט געחוזקט. ווען איך האָב דיך דערזען ביי מיר אין שטוב, וואָס

קיינער חוץ דער מאַמעס הינער האָט נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל אין יאָרן, האָב איך זיך געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט לשון. דו ביסט דאָך, זאָגט מען, אַ גע־ראָטענער, האָב איך אַ לופטער געטאָן מיין צונג מיט אַ שטיפערישן לשון, וואָס מען נוצט אין קאַפע־שמועסן אין לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין און ציריך. נאָר איך זע מיין חכמהן זיך איז צוריקגעשפּרונגען מיר גלייך אין פּנים. אָבער אויב אַ מענטש איז ראוי אויפצונעמען אַן עסאָטערישן שמועס, עס מיינט אַ שמועס וועגן זאַכן, וואָס מען איז מגלה נאָר צו יחידי סגולה, דאַרף ער אויך קענען אויפנעמען די איראָניע פון אַ סאַטירישן געשפּרעך. דו ביסט צו ערנסט ווי אַ זקן. מניע, כ׳האָב שוין ווידער גענוצט אַ שלל מיט פרעמדע ווערטער. ווייסט וואָס? גיי אַרויס אויף אַ ווייל׳ע אין הויף און וואַרט אויף מיר. טאַקע רגעס. איך וועל זיך אויף גיך אָפּגאָלן, אייננוואַשן זיך, אָנטאָן זיך און מירן כאַפּן אַ שפּאַציר אין די בע־ריאָזקעס און אַ שמועס טאָן.

זיי האָבן געשפּאַצירט ביז עס איז געוואָרן פינצטער. שמעון האָט זיך אַראָפּ־גערעדט פון האַרצן. אָנגעהויבן פון קרעמענטשוג אָן און אויסגעלאָזן מיטן לעצטן פּאַרדרוס קעגן זיך אַליין:

— איך האָב איבערגעלייענט מאַקס נאָרדויס „פּאַראַדאָקסן״, וואָס לייקנט אַפילו אין כפירה און דאָך רייד איך און האָב טענות צום פּוסטן הימל. איך האַלט משה לייב ליליענבלום פאַר אַ צוריקגעשטאַנענעם שרייבער, ווייל ער וויל אָנ־האַלטן אַ פאָרמע פון יידישקייט און איך בין נישט זיכער צי מען דאַרף האָבן באַזונדערע אמונות, דאָ בין איך איינגעטונקט און אויסגעווייקט אין יידישקייט, אין יידיש לשון און אין העברעיש בין איך אַ שטומער. איך קען נישט קיין אַנדער שפּראַך. בכלל איז מיין גאַנצע אויפפירונג יידישלעך. אויך מיינע גאַנגען, העוויות און תנועות. איך ווייס דאָך אַפילו נישט ווי נישט קיין ייד פירט זיך אויף. אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס איך בין נישט ערלעך מיט זיך. אָט בין איך אַריין צו אַלטען אין הויז, אַלטע חנהס דער הקדשניצע. איך בין אַריין אַהין נאָר צוליב דער מויד אין טריקאָ. דער קאַטאַרינשטשיק איז דאָך געוועזן געדעכט. איך האָב זי געגעסן מיט די אויגן און געגלוסט צו איר, דאָך האָב איך זיך געמאַכט פאַר אַ צדיקל, געמאַכט „מזונות״, געזאָגט „על המחיה״ און „בורא נפשות״ און גע־רעדט שיינע רייד צו אַלטען, ווי די מויד וואָלט מיר נישט געלעגן אין זינען. מיין גאַנצער אומגליק איז, וואָס איך האַלט, אַז אַן השגחה פּרטית (גאָטס אַכטונג געבן אויף יעדער באַשעפעניש באַזונדער) איז אוממעגלעך צו לעבן. אָבער אַלע ביכער האָבן מיר אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַז השגחה פּרטית איז קעגן שכל הישר, קעגן קלאָרן פאַרשטאַנד. איז וואָס טוט מען? איך וועל אָנהייבן פון אָנהייב...

די גאַנצע צייט, וואָס שמעון האָט גערעדט, האָט אים ביינוש נישט איבער־געשלאָגן. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ביינוש אָנגעהויבן ריידן רויק און פאַמעלעך:

— דו קריכסט אויף די גלייכע װענט, שמעון. דו ביסט נאָך נישט אַלט קיין זיבעצן יאָר און דו װילסט ענטפערס אויף פראַגעס אויף װעלכע עס איז נישטאָ קיין ענטפער און דערצו װילסטו, אַז מען זאָל דיר דערלאַנגען אויף אַ פּאָרצעלייען טעצעלע פילאָזאָפישע שיטות, װאָס מענטשן, װאָס האָבן געשטודירט יאָרן, קענען זיי נישט איינבייסן. דו דראַפּעסט זיך אויף גלייכע װענט. יאָ השגחה פּרטית, נישט השגחה פּרטית, קיין אַנדער דאגה האָסטו נישט? די גאַנצע װעלט איז איינגעטונקט אין רשעות. אַ גרויסע אימפּעריע װערט רעגירט פון אַן אידיאָט מיט אָפּגעפרעסענע סאַטראַפּן. איבער גאָר דער װעלט — טרערן און בלוט און דו רייסט זיך שטיקער, הלמאי דו האָסט געמאַכט די ברכה „מזונות״ און געזאָגט „על המחיה״ און „בורא נפשות״, װען דו האָסט געגלוסט צו קוקן אויף אַ מויד אין טריקאָ. פאַרװאָס זאָל אַ בחורל אין דיין עלטער נישט װעלן קוקן אויף אַ מויד? און דערצו װען זי איז אָנגעטאָן אין טריקאָ? עס װאָלט געװען נישט בדרך הטבע װען דו װילסט נישט קוקן. מאַך נישט פון יעדן פּיצל גלוסטעניש קיין שװערע עבירה. הער אויף צו גראַבלען מיט דיינע פאַרשפּיצטע נעגל־רייד דיין צעיאַטרעטע נשמה. ביסט אַ זון פון אַ בעל־מלאכה. העלף בעסער צו שאַפן אַ שענערע און גליקלעכע װעלט. העלף ברענגען די סאָציאַלע רעװאָלוציע, װען די װעלט װעט זיך באַפרייען פון דעם צװאַנג פון אונטערדריקער און פון דעם יאָך פון אָרעמקייט און נויט װעט דער מענטש װערן פריי און אַרבעטן קורצע שעהן, דעמאָלט װעט ער האָבן געדולד, כוח און טאַקע גענוג ליידיקע צייט צו פאַרנעמען זיך מער מיט אַבסטראַקטע ענינים. עס װעט דעמאָלט אַפילו זיין אַן ענין צו פאַרטיפן זיך אין טעאָלאָגישע פּראָבלעמען.

שמעון האָט געענטפערט אומגעדולדיק:

— איר רעדט צו מיר אין תוך װי איר האָט אַלעמאָל גערעדט צו די פּועלים, נאָר אין אַ מער ריכטיקן לשון. איך האָב דאָך אייך דערציילט װעגן מיינע װיכוחים מיט זיינװולען אין קרעמענטשוג און אַנדערע שמועסן װעגן דעם ענין. איר װייסט דאָך, אַז איך גלייב נישט אַז מען קען באַקעמפן רשעות מיט רשעות. גערעכט איז געװען ר׳ געצל, װאָס ער האָט געזאָגט: „עס װעט נישט זיין בעסער װען די דעמאָקראַטן װעלן איבערנעמען די ממשלה, הלװאי נישט ערגער, װייל עבד כי ימלוך, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. איר שעמט זיך נישט צו זאָגן, אַז איר װעט איינפירן אַ דיקטאַטור — רעגירן ביד חזקה״.

ביינוש האָט אויף אים אַ קוק געטאָן שאַרף:

— גאָר אַזוי? איך דאַרף שוין אַחוץ פילאָסאָפיע אָנהייבן מיט דיר צו דיסקוטירן אַ רעװיזיע פון סאָציאַליזם? נו, עס געפעלט דיר נישט קיין סאָציאַליזם, װער אַ ציוניסט. דאָס ייִדישע פאָלק ליידט. רעכטלאָזיקייט, בושות, אָרעמקייט און פּאָגראָמען פאַר אַװעק קיין פּאַלעסטינע, שטיי צו צו די משוגעים, װאָס

מיינען אַז זיי קענען צוריקדרייען דעם זייגער פון געשיכטע. דערווייטער זיך פון פאָלק, הייב אָן ריידן העברעיִש, דאָס פאָלק זאָל נישט פאַרשטיין און דו ווערסט זיך פילן חשוב! העלף טריקענען זומפן, העלף צונעמען די ערד ביי די פעלאַכן און גרינד קאָלאָניעס און חלום פון אַריבערפירן דאָס יידישע פאָלק צוריק קיין אַזיע. אַוודאי האַלט איך עס פאַר אַ משוגעת, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. יידישער גורל איז פאַרבונדן מיט דעם גורל פון די פעלקער, ווו יידן וווינען, אָבער ווערן אַ ציוניסט איז אַלץ בעסער ווי גריבלען זיך אין הימלישע זאַכן און קראַצן צעיאַטערטע ווונדן.

— איך קען נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע, — האָט שמעון געענטפערט, — איך ווייס נישט צי מיין ווערן אַ יידישער פּויער וועט זיין פאַר מיר אַ דערגרייכונג. בכלל איז ביי מיר איצט די עיקר־פראַגע: איז די וועלט אַ צופאַל אָדער זי איז געשאַפן געוואָרן מיט אַ תכלית? אויב דער גוף איז דער עיקר און דאָס קורצע לעבן איז אַלץ, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט איז צו וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דער ציוניזם? ס'איז נישט מער ווי אַ חוכא וטלולא.

ביינוש האָט אויסגערופן בייז:

— קיין לייט וועט שוין פון דיר נישט ווערן.

שמעון האָט אים געענטפערט מיט אַ קול פאַרשטיקט פון טרערן:

— ווער זאָגט עס, אַז מען דאַרף געפינען חן אין די אויגן פון מענטשן און ווערן פאַררעכנט פאַר אַ לייט? אפשר דאַרף אַ מענטש צוערשט אויסגעפינען פון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט? גערעכט איז געווען דער חפץ־חיים, וואָס האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש דאַרף טאָג־איין טאָג־אויס, מאַכן פאַר זיך אַ חשבון־הנפש, נישט לעבן אין טומל אָן אַ חשבון. אָט זייט איר אין די אויגן פון דעם גאַנצן שטעטל גאָרנישט קיין לייט, אָבער מיר געפעלט איר. ביי מיר זייט איר חשובער ווי לייבקע פּאָליאַק (דער גביר פון שטעטל) און וויכטיקער פון דעם גובערנאַטאָר.

ביינוש האָט זיך אָנגעצונדן און גענומען ריידן אימפּעדיק:

— וואָס, וואָס, אָבער לערן זיך נישט אָפּ פון מיר. איך האָב זיך נישט מיט וואָס צו גרויסן. איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם נעץ פון אויסגעפּלאַכטענע שיינע רייד פון אַלע פילאָזאָפן און איך בין געבליבן אַ הילפלאָזער, אַ געבונדענער. איך בין זיכער, אַז מיין קראַנקייט איז געווען נאָר אַ תירוץ אַרויסצודרייען זיך פון דעם אחריות פון לעבן. איך בין אַנטלאָפן פון דער גרויסער וועלט צו דער מאַמען. געקומען אַהער און זיך צוגעדעקט מיט איר פאַרטעך. איך האָב פאַרלוירן דעם זין פון לעבן און איך פיר אַ פּאַראַזיטיש לעבן און גיב זיך אַליין אַ תירוץ, אַז איך בין קראַנק און דער סאָסנאָווער וואַלד האַלט־אויף מיין געזונט. בעסער וואָלט געווען ווען איך טו זיך אָן אַ מעשה (אַ מיתה). דו מיינסט דאָך,

אַז ווייל איך האָב זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט, לעב איך ווי איך וויל? ניין, איך בין גאָר אַ שיכור. איך פאַרשיכור זיך טאָג־איין טאָג־אויס מיט רייד. איך בין אַפילו נישט קיין מאַרקסיסט. באמת האָלט איך גאָר פון דעם ענגלישן ראָמאַנטישן סאָציאַליזם. איך בין אַן אָנהענגער פון די ענגלישע אויטאָפּיסטן פון בייקאָן און מור. דערצו בין איך גאָר אַ היפּשער פאַטאַליסט(ער האָט געמיינט דעטערמעניסט). ווייל איך האַלט שטאַרק פון באַקלס „די געשיכטע פון דער ענגלישער ציוויליזאַציע", וואָס באַווייזט אַז אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע ווערט רעגולירט פון געאָגראַפישע און קלימאַטישע פאַקטאָרן נישט פון עקאָנאָמישע. אונדזער עקאָנאָמיע איז אַ פּועל־יוצא פון קלימאַטישן איינשטעל. אָבער די בחורים און מיידלעך וואָס איך קלער אויף, ווערן פאַנאַטישע מאַרקסיסטן און ווי דו זאָגסט ריכטיק — זיי חלומען פון איינפירן אַ דיקטאַטור, הערשן ביד חזקה, רעגירן מיט אַן אייזערנער האַנט. אַ צעשפּאָלטענער מענטש בין איך. פאַר זיך שטודיר איך ברוך שפּינאָזאַ, דזשאָן לאָק און דייוויד יום, פלי מיט זיי אין די הימלען און אין גאַס? איך טו אָן דאָס היטל אויף אַ זייט און איך בין אַ דעמאָקראַט אויף דער זעלביקער מדרגה ווי איטשע דעם לאַטוטניקס, וואָס האַלט אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט, גייט אַרויס דער „וואָזדוך" (די לופט).

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן דאָ און דאָרט אַ שפּאַצירנדיק פּאָרל. איבער די בלאָטעס, די באַוווּסטע פּאָלעסיער זומפּן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך ביי די ברעגעס פון דעם שטעטלשן טייכל, האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעפּל. אין דער לופט האָט זיך פון דאָרטן אָנגעהויבן צו טראָגן אַ געשווישטשעריי, אַ הוזשעריי פון די אַלע ברואים, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. ביינוש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים גלחס סאָד, זיך צוגעזעצט אויף אַן אָפּגעשניטענעם שטאָם פון אַ בוים און שמעון איז געשטאַנען לעבן אים. ביינוש האָט שווער געאָטעמט און אָפּט געהוסט. אָבער ס'האָט נישט אָפּגעשטעלט זיין שטראָם רייד.

— שנייד זיך נישט אויף מיינע ווערטער. טו עס נישט. איך בין נאָמבערגס אָריגינעלער „פליגלמאַן". אומבאַהאָלפן, אַן קראַפט, אַן ווילן. איך האַלט זיך אין איין גריבלען און אין איין פילאָזאָפירן, אָבער איך בין פּאַסיוו. איך בין שטענדיק פאַרבענקט, אָבער אָן קיין שום אחיזה אין לעבן. איך גיי אַרום, אָבער איך בין שוין לאַנג אַ געשטאָרבענער. איך שוועב אין עולם התוהו. לפנים בין איך אַ מאָדערנער מענטש, קען שפּראַכן, לייען רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש, אָבער אין תוך בין איך דער זעלביקער בטלן ווי יודע דער צדיק, כייקעס שוואָגער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווייב און קינד, זיצט גאַנצע טעג אין שול אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, גייט זעקס מאָל אַ טאָג אין מקוה, וואַשט די הענט הונדערט מאָל אַ טאָג, מאַכט צירופים. בקיצור ער וויל ברענגען משיחן דורך קבלה

מעשית — דורך כישוף־רייד. איך טי אויך דאָס זעלבע. רייד און טו גאָרנישט. ניין, איך בין נאָך ערגער פון אים. לויט זיין שיטה איז ער דינאַמיש — ער טוט דאָך — ער גייט אין מקווה, דאַוונט, טוט תפילה. און איך? אַלעמאָל אָן מעשים.

ער האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט פון אויפרעגונג. אָבער ווי נאָר ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער ווייטער גערעדט:

— טו אַ קוק אויף זיך. ביסט אַ בחור מיט ברייטע פלייצעס, ליכטיקע אויגן, אַ שאַרפן קאָפּ און אַ געשליפן צינגעלע. פּטר נישט דיינע יאָרן אין גריבלען זיך. ראשית זוך אַ תכלית פאַר זיך, דו זאָלסט זיין אַ נוצלעכער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, פאַרטרייב נישט פון זיך דאָס לעבן. דאָס לעבן אָן חכמות איז אויך אַן ענין. שנית, אויב דו וועסט לעבן מיט אַלע דיינע חושים, וועלן דיינע ספקות פאַרוואַנדלט ווערן אין דינאַמישער שעפערישקייט. טאָמער נישט, וועסטו בלייבן איינזאַם, עלנט און וועסט קיינעם נישט ברענגען קיין נוצן, נישט זיך און אויך נישט דער וועלט.

אין יענעם אָוונט האָט שמעון אָנגעשריבן צוויי חוצפּהדיקע יוגנט־לידער. ער האָט איצט נישט די העזה אַראָפּצושרייבן די גאַנצע לידער. ער מוז אָבער ברענגען אַ צאָל שורות פון די צוויי לידער כדי צו ווייזן זיין דעמאָלטיקן געמיט־צושטאַנד. ס'איז געווען דער געמיט־צושטאַנד פון אַ דור, וואָס האָט געבראָכן צאָמען.

שתי רשויות

נפשי מתלבטת בתוך שתי רשויות
ואינה מוצאה תיקונה אף באחת
פה חיים בלים ורקובים טבולים
באבק גוילים ישנים וגדורים בסיגים
ושם מרחבי תכלת שמש זורחת
אביבים המגרים ומקסימים

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

נפשי מתלבטת בתוך שתי רשיות
ואינה מוצאה תיקונה אף באחת,
מפה יצאה ואינה יכולת לשוב
ולשם אינה יכולה להכנס.

(איבערזעצונג: צוויי וועלטן. מיין זעל בלאָנדזשעט צווישן צוויי וועלטן און קען נישט געפינען קיין תיקון אַפילו אין איינער. דאָ אַ צעוויאַנעט, צעפוילט לעבן, איינגעטונקט אין שטויב פון אַלטע פאַרמעטן און אַרומגעצוימט מיט פלויטן און דאָרט בלויע ווייטקייטן, אַ שיינענדיקע זון, פרילינגען וואָס רייצן און פאַר־

כישופן. מיין זעל בלאָנדזשעט צווישן צוויי וועלטן און קען נישט געפינען קיין תיקון אַפילו אין איינער. פון דאַנען איז זי אַרויס און אַהין קען זי נישט אַריין).

און אָט זענען צען שורות פון דעם צווייטן ליד:

קרעי נפשי

נכרי הנני לעמי, לעמי המתפלש
באפר חורבניו ובין אדיו העשנים
לעמי הרוצה להעזר בשטף דמעותיו
לבנות באנחות מקדשיו החרבים.
גם נכרי הנני לבני עמי — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

רוצה הדור הצעיר לבנות מקדש חדש לקונו
ואנכי לא אוכל לסבל ריח הרקב
העולה מיסוד הישן למקדש החדש
עצים זקנים ורקובים פתוחים בפרחי אביב
טומאה זאת בקודש!

(איבערזעצונג: די צעריסנקייט פון מיין זעל. אַ פרעמדער בין איך צו מיין פאָלק, צו מיין פאָלק וואָס קייקלט זיך אין די אַשן פון זיינע חורבות און צווישן זיינע רויכערדיקע האַלאָוועשקעס — צו מיין פאָלק, וואָס וויל געהאָלפן ווערן מיטן שטראָם פון זיינע טרערן, צוריקבויען מיט זיפצן זיינע חרובע הייליקטימער. איך בין אויך פרעמד צו די זין פון מיין פאָלק — — — —דער יונגער דור וויל אויפבויען אַ נייעם הייליקטום צו זיין שעפער. איך קען נישט פאַרליידן דעם ריח פון צעפוילטקייט, וואָס טראָגט זיך פון דעם אַלטן פונדאַמענט צום נייעם הייליקטום. אַלטע צעפוילטע קלעצער באַפוצט מיט פרילינג־בליטן. דאָס איז טומאה אין הייליקטום).

***

נאָך איין מאָל האָט שמעון געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט ביינושן. דאָס איז געווען באַלד נאָך ר' אליקום געצלס טויט. ר' געצל איז געשטאָרבן אין שלאָף. דאָנערשטיק אָוונט, אין דער נאַכט פון זיין טויט, האָט ער בין מנחה למעריב געזאָגט פאַרן עולם „עין יעקב"; ער האָט געדאַוונט ביים עמוד, וויל ער האָט געהאַט יאָרצייט נאָך דער מאַמען און ביינאַכט איז ער אויסגעגאַנגען. אין שטעטל האָט מען גערעדט:

— ער איז געשטאָרבן מיט אַ טויט פון אַ צדיק. ווער איז זוכה צו שטאַרבן אַזוי? טאַקע נאָר אַזאַ ייִד ווי ר׳ אליקום געצל. הערט נאָר די זכיות, וואָס ער האָט געהאַט! ער איז געשטאָרבן פּריייטיק; ער איז שוין געווען אין די גבורה־יאָרן, איבער אַכציק, אַ ייִד אין זיינע יאָרן ווען ער שטאַרבט פלוצים, נישט קראַנק זיין פריִער, איז עס אַ מיתת נשיקה — אַ טויט דורך אַ קוש. דערצו האָט מען אים געפונען ליגן טויט אין בעט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, דאָס פּנים נישט געענדערט, נישט גרין געוואָרן אָדער טויטלעך בלאַס, נאָר געבליבן מיט אַ לעבעדיקער מראה. ער איז אויך געלעגן מיטן פּנים צום דרויסן, נישט צו דער וואַנט. דאָס זענען אַלץ גוטע סימנים לויט דער גמרא — מען דאַרף זוכה זיין צו שטאַרבן מיט אַזאַ טויט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט און זיך אַ לאָז געטאָן צו געצלס הויז. חברה קדישא האָט זיך אַנגעברוגזט. נישט די שמשים און נישט די גבאים פון דער חברה קדישא האָט מען צוגעלאָזט צום מת. די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן זיך מתעסק געווען אַרום ר׳ אליקום געצלען. זיי האָבן אָפּגעהויבן דעם מת און אים אַרומגעשטעלט מיט ליכט. דערנאָך האָט מען אים מטהר געווען און אים אַריינגעלייגט אין ארון אויף דער מיטה. שמעון איז געשטאַנען אין דעם קליינעם שטיבל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און ער איז געווען ווייס ווי אַ פריש אָפּגעקאַלכטע וואַנט. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געזען אַזוי נאָענט די טהרה פון אַ מת. ער האָט נישט געקענט אַוועקרייסן די אויגן פון דעם לאַנגן אויסגעדאַרטן אומבאַלעבטן גוף, וואָס די אברים זענען פון אים געהאָנגען ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון נאַסע שטריק. שמעון האָט נישט געהערט און נישט געזען ווי איינער פון די שמשים פון דער חברה קדישא איז צו אים צוגעגאַנגען און איינגעשניטן דעם לאַץ פון זיין טעזשורקע און אַ בורטשע געטאָן בייז: דאַרפסט רייסן קריעה, ביסט אַ תלמיד זיינער. ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

נאָך דער טהרה האָט מען דעם קאָפּ פון מת אויסגעשמירט מיט אַן איי געמישט מיט וויין, אים אָנגעטאָן די תכריכים און ר׳ איטשע יוספס דער גבאי ראשון פון דער חברה קדישא האָט געקראָגן דעם כבוד אָפּצוזאָגן דעם מת פון דער וועלט. ר׳ איטשע יוספס האָט אָנגעהויבן:

— דו זאָלס וויסן אליקום געצל, אַז דו ביסט געשטאָרבן.

— דו זאָלסט וויסן, אליקום געצל, אַז דו געהערסט מער נישט צו קיינע חברות.

— דו זאָלסט וויסן אליקום געצל, אַז דו ביסט איצט פּטור פון מצוות.

— דו זאָלסט וויסן, אַז דו וועסט באַלד זיין אויפן עולם האמת. זאָלסט נישט

קומען צו דיינע קינדער און שרעקן זיי, אויך נישט צו דיינע חברים, אָדער תלמי־דים. דו ביסט טויט און מיר זאָגן דיך אָפּ פון דער וועלט.

שמעון איז געשטאַנען מיט אַן אָפֿענעם מויל און אויפגעריסענע אויגן: וואָס פאַרא מנהגים זענען דאָס? ס'איז דאָך... אָבער באַלד איז געשען עפּעס נאָך ער־גערס. ווי נאָר מען האָט אַרויפגעלייגט דעם מת אויף דער מיטה, האָט זיך אַ שטופּ געטאָן אין שטוב אַ מחנה ווייבער. יעדע פרוי האָט געפירט ביים הענטל אַ נישט דערבאַקן קינד אָדער אַ חולה. שמעון, וואָס האָט געמיינט, אַז ער קען דאָס גאַנצע שטעטל, האָט צו זיין שטוינונג אַ סך פון זיי קיינמאָל נישט געזען, עפּעס אַן אַנלויף פון ווילד פרעמדע פנימער. אַלע ווי נישט פון קיין יידישע ישובים — צעיאָכמערטע, צעקאָכטע האָבן זיי געיללהט און געשריגן:

— אַ גוטער בעטער זאָלט איר פאַר אונדז זיין!

— רייסט די הימלען פאַר אונדז!

— אייער זכות זאָל ביישטיין אונדזער זינדיקער וועלט!

— ראַטעוועט אונדזערע קינדער. גיט זיי אַ רפואה שלמה.

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מיטה, פאַרשאַרצט די שוואַרצע טוך, אַרויסגענומען ר' אליקום געצלס טויטע שלאַבערדיקע הענט און אָנגעהויבן פירן מיט זיי איבער די קרעציקע קעפּלעך פון די קינדער, איבער די האָרבן, איבער די איינגעפאַלענע ברוסטן פון די חולאים, איבער די צעקריפּלטע הענט און פיס פון די קרומע, די לאָמע און די הינקענדיקע.

אַ קליינע דאַרע יידענע מיט אַ דונערדיקן קול האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער ענגשאַפט. זי האָט געשלעפּט מיט זיך אַ קינד מיט אַ וואַסער־קאָפּ. דאָס קינד האָט געקוועטשט מיט אַ ריטש פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה. די דאַרע יידענע האָט זיך צוגעשטופּט צום אָרון, אַרויסגעריסן געצלס האַנט פון אַן אַנדער פרוי, געפירט מיט געצלס האַנט איבערן קינדס קאָפּ און געיאָמערט:

— דו צדיק, צדיק הדור, שפּרייט אויס דיינע בלעטער גמרא, וואָס דו האָסט געלערנט, עס וועט סטייען אויף דעם גאַנצן וועג פון קבר ביזן כסא הכבוד. אַלע משחיתים און מלאכי־חבלה וועלן זיך דאָך צעלויפן און ווען דו וועסט צו־קומען צום כסא הכבוד, דערצייל דעם אויבערשטן מיינע יסורים, מיין צער און מיין אומגליק. דערצייל אים ווי איך מוטשע זיך מיט מיין מאירקען.

זי האָט געיללהט און געפירט געצלס האַנט איבערן קינדס איבערגעוואַקסע־נעם קאָפּ. דאָס קינד האָט מיט אויפגעריסענע אויגן פון שרעק געריטשעט. די מאַמע האָט אים איבערגעשריגן.

די ענגשאַפט איז געוואָרן ערגער און ערגער. די חשובע באַלעבאַטים און די שמשים פון חברה קדישא האָבן אָנגעהויבן צו שרייען בייז:

— אַרויס פון דאַנען. געזנוג. ס'איז דאָך אַ חילול המת. אַרויס! אַרויס!

דער עולם האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ נייע און גרעסערע שטופּעניש. אַ פרישע מחנה מענער און פרויען און דערוואַקסענע מיידלעך האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַמער, הינטער דער סאַליע, ווו מען האָט געניייט די תכריכים פאַרן מת. אויפן טיש, אויף די לאַנגע בענק האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך לייוונט, דער יתור פון די תכריכים. אַ שמש פון דער חברה קדישא האָט זיך געפּאַרעט אַרום די טישן און בענק, צונויפגעקליבן די שטיקלעך תכריכים אין אַ לייוונטענעם זעקעלע — עס מיטגעבן דעם מת, ווייל נאָכן דין טאָר מען נישט הנאה האָבן פון די תכריכים. די מחנה האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דעם יתור. מען האָט ביים שמש אַרויסגעריסן דאָס זעקעלע מיט די שטיקלעך לייוונט, עס אויפגעריסן באַלד אויפן אָרט און אָנגעהויבן כאַפּן די שטיקלעך איינער פונעם אַנדערן. ס'איז געוואָרן אַ שטופּענש, אַ כאַפּעניש און עס האָבן זיך געהערט קללות און חרמות, מיאוסע ווערטער און באַלד האָט מען אָנגעהויבן הייבן הענט. יעדער איינער האָט געוואָלט אַ פּיצעלע לייוונט פון דעם צדיקס תכריכים, וואָס איז די בעסטע סגולה קעגן אַלע אומגליקן און פּורעניותן, בעסער פון דער הייליקסטער קמיע.

אין דער שטופּעניש האָט מען אומגעוואָרפן דעם שמש. ער האָט זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות: „ראַטעוועט, ראַטעוועט, זיי דערהרגענען מיך!" חברה קדישא האָט זיך איצט אַ נעם געטאָן מיט כוח. פיר שמשים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער דרויסנדיקער טיר און קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. די איבעריקע שמשים האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטופּן די אָנגעלאָפענע אין שטוב. די שיינע ייִדן און די גבאים פון דער חברה קדישא האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן מיט בייזערן זיך. נאָך אַ היפּש ביסל טומל און מאַטערניש איז די שטוב אויסגעליידיקט געוואָרן פון דעם געלאַף און מען האָט אַרויסגעטראָגן די מיטה מיטן אָרון.

דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָכגעגאַנגען דער מיטה. די מלמדים האָבן צעלאָזן די חדרים. די שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס האָבן פאַרמאַכט זייערע וואַרשטאַטן. דער איינציקער שמיד אין שטעטל האָט צוגעמאַכט די קוזניע. די בעלי־עגלות האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און געלאָזן זיי שטיין אין שטאַל איבערן היי. די קרעמער האָבן צוגעשלאָסן די קראָמען און די מאַרק־שטייער האָבן אַוועקגעטראָגן זייערע שטעלכלעך אַהיים און אַפילו די אָרעמעלייט פון הקדש זענען געקומען צו דער לוויה.

ווי נאָר מען האָט אַרויסגעטראָגן די מיטה, האָבן די מלמדים נישט קיין צו־נויפגערעדטע אויסגעשטעלט די קינדער נאָך די חדרים נאָך פאָרויס דער מיטה. דאָס גאַנצע שטעטל חדר־ייִנגלעך, פון די דרדקי חדרים ביז די גמרא־ייִנגלעך, וואָס מאַכן שוין אַ לייענען, האָבן אויסגעזונגען, חדר נאָך חדר, „צדק לפניו

יהלך וישם לדרך פעמיו״ — גערעכטיקייט גייט אים פאָרויס און שטעלט זיינע טריט אויפן וועג.

מען האָט אַריינגעטראָגן דעם אָרון אין אַלטן בית־מדרש און אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם לאַנגן שולחן, וווּ רבי אליקום געצל האָט איבער פופציק יאָר געלערנט מיטן פּראָסטן עולם משניות, עין־יעקב און מדרש און פאַרן עולם לומדים האָט ער געזאָגט אַ שיעור גמרא.

ס׳איז געווען ערב שבת, האָט אים נאָר דער רב מספיד געווען. ער האָט גערעדט אין סקאַרבאַזון נוסח און מיטן אַלטן ניגון, אָבער דער קול זיינער איז געווען אַנגעזאַפּט מיט טרערן און טרויער. ער האָט אָנגעהויבן:

— „אראלים ומצוקים אחזו בארון הקודש, נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש״. מלאכים און מענטשן־ריזן האָבן זיך געראַנגלט צו פאַרנעמען דעם אָרון־קודש, האָבן די מלאכים בייגעקומען די מענטשן און דער אָרון־קודש איז געפאַנגען געוואָרן. וויי, וויי, לאָמיר וויינען און קלאָגן (די ווייבער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יללה) אויף אונדזער אומגליק און אבידה. די גמרא זאָגט: אמר ר׳ אליעזר אמר ר׳ חנינא: צדיק אָבד, לדורו אָבד — ווען אַ צדיק גייט אַוועק פון דער וועלט איז די אבידה פאַר זיין דור. משל למה הדבר דומה — צו וואָס קען מען עס פאַרגלייכן? צו אַ מענטשן וואָס האָט פאַרלוירן אַ פּערל. ווו די פּערל געפינט זיך איז זי אַלץ אַ פּערל. אָבער פאַר דעם מענטש, וואָס האָט זי פאַרלאָרן איז די אבידה גרויס. אים פעלט זי. אַזוי איז אויך מיט אונדז ווען דער צדיק...

שמעון איז געשטאַנען צווישן די משכילים. משה גערשטיין האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ גליק, וואָס עס איז ערב שבת און דער רב מוז מקצר זיין, אַנישט וואָלט ער פאַמעלעך פאַר אונדז דורכגעמישט גאַנץ ש״ס, אָבער איצט האַלט ער שוין ביים סוף. איך קען זיין קורצן הספד. איצט קומט דער מאמר: אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו אזובי קיר? — אויב צווישן די צעדער איז אַריינגעפאַלן אַ פלאַם, איז וואָס זאָלן שוין טאָן די גראָזן אין וואַנט? דעם מאמר קען קיינער נישט אויסלאָזן.

און טאַקע, דער רב האָט געבראַכט דעם מאמר. משה גערשטיין האָט ווייטער געזאָגט:

— און איצט קומט: לויתן בחכה הועלה, מה יעשו דגי רקק? — דעם לויתן האָט מען אַרויסגעצויגן מיט אַ ווענדקע, וואָס קענען טאָן די פישעלעך פון טייכל? און משה גערשטיין האָט פירגעזאָגט:

— בנחל שוטף נפלה חכה — איך אַ פלייציקן טייך האָט מען פאַרוואָרפן אַ ווענדקע, איז מה יעשו מי גבים? — איז וואָס קענען טאָן די שטייענדיקע וואַ־

סערן פון אַ זומפּ? זאָג איך אייך לאָמיר נאָכזוכן אונדזערע וועגן און תשובה טאָן, ווייל בשעת שישראל מכעיסין אותו, הוא מסלק את הצדיקים שביניהן — ווען ייִדן דערצערנען דעם אויבערשטן, נעמט ער אַוועק די צדיקים פון זיי.

די ווייבער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם אָרון פון בית־מדרש. משה גערשטיין האָט זיך צוגעשטופּט מיט כוח צו דער מיטה און אָנגעכאַפּט אַ שטיקל שטאַנג און געוואָרן אַ נושא המיטה (איינער וואָס טראָגט די מיטה) פאַר אַ היפּשן שטח. שמעון האָט אים אָנגעקוקט אָן אי־בערראַשטער: אָט האָט ער אָפּגעשפּעט פון רבס הספד און האָט זיך געחכמהט ווען אַלע זענען געווען אין טרויער און איצט טראָגט ער די מיטה אַזוי ערנסט, פאַרטרויערט און מיט יראת הכבוד. פאַרוואָס? ווען משה גערשטיין איז צוריק־געקומען צו דער גרופּע משכּילים, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט ווי אַ פאַרענטפערונג:

— איך האָב אין אים אַ גרעסערן חלק ווי אונדזער פאַרפרומטער רב און די שיינע באַלעבאַטים. אַ לוויה האָט מען אים געמאַכט! מי יגלה עפר מעיניך, רבי מיינער? ווער וועט אָפּשאַרן די ערד פון דיינע אויגן? ווען איר, רבי געצל, וואָלט אַ קוק געטאָן אויף אַלע נאַרישע מנהגים וואָס מען האָט אַרום אייך געפּראַוועט און די ווילדע שטיק — אמתע מעשי האמורי, געצנדינערישע אויפפירונגען, וואָלט איר צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

שמעון האָט מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן גערשטיינען:

— אָבער קיין קריעה האָט איר נישט געריסן, איר זייט דאָך געווען זיינער אַ תלמיד.

— איך האָלט נישט אַז ס'איז כדאַי איבערפירן אַ גוטן גאַרניטער צוליב אַ נאַרישן מנהג.

שמעון האָט אַ זאָג געטאָן ביטער:

— אפשר האָט דער היזק פון גאַרניטער געמאַכט דעם מנהג נאַריש?

גערשטיין האָט אים נישט געהערט. ער האָט שוין פון דאָס ניי פון עפּעס געחוזקט.

ווען שמעון איז אַרויס פון בית־עולם, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום וואַלד צו. אויפן בערגל צווישן דעם ייִדישן בית־עולם און די מאַגילקעס (גוייִשער בית־הקברות) האָט ער אָנגעטראָפן ביינוש מאַטליעס. ער איז געזעסן אויף אַ פּיען פון אַ בוים און אַריינגעקוקט אין אַ בוך.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט שמעון געפרעגט.

— איך שעפּ פרישע לופט, — האָט ביינוש געענטפערט און פאַרמאַכט דאָס בוך, — און דערווייל האָב איך פון דער ווייטנס באַאַבאַכט (נאָכגעקוקט) ר' געצלס קבורה.

— פאַרוואָס פון דער ווייטנס? — האָט שמעון געפרעגט. — פאַרוואָס זייט איר נישט נאָכגעגאַנגען דער מיטה און אַרויף אויפן בית עולם?

ביינוש האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— איך בין אַ כהן.

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— איך האָב פיינט לוויות. איך האַס מתים. איך קען נישט פאַרטראָגן קיין קבורה. נו, בין איך געוואָרן אַ כהן, האָב איך פאַר אַלעמען אַ פאַרטיקן תירוץ: איך טאָר דאָך נישט גיין צו קיין לוויה. צוליב געצלען האָב איך פלוצים נישט געקענט ווערן אויס כהן, האָב איך זיך פאַרקליבן אויף דעם פיען פון בערגל, פון דאַנען קען מען זען פון קלויסטער ביזן טויער פון בית־עלמין. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער לוויה. ער האָט פאַרדינט דעם כבוד, אַפילו ווען זיין דרך איז נישט געווען מיינער.

ביינוש האָט זיך פאַרהוסט מיט אַ כריפּ און אַ קוויטש און דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן טונקל־רויט. ווען דער הוסט האָט אים אָפּגעלאָזן, האָט ער מיט כעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַן אַנשיקעניש. ער באַפאַלט מיך דווקא ווען איך וויל ריידן. אַפּנים אַז דער הוסט האַלט מיט מיין מאַמען, אַז איך רייד צופיל. אָבער וואָס פאַר אַ תענוג איז געבליבן פאַר אַן אַלטן ייִדן ווי איך אַחוץ ריידן? איבערהויפּט טאָקע האַלטן אַ העכערן שמועס? נו, לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ענין. פאַר די לעצטע דריי יאָר בין איך געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו ר׳ געצלען. וואָס מער איך האָב זיך מיט אים באַקענט, אַלץ מער איז ער מיר געפעלן געוואָרן. מיר האָבן פאַרבראַכט און זיך געאַמפּערט שעהן און טעג. ער איז געווען אַ ייִד מיט אַן אייגענער שיטה. ער האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן: זאָג מיר, ביינוש, ווען אַלע וועלן אויפהערן דאַווענען, זאָגן תהילים און זיך צוהערן צו אַ שטיקל עין יעקב, אָדער אַ פּרק משניות, וואָס וועט איר טאָן מיט דער ליידיקער צייט? דער־צו וועט איר נאָך אויספירן מען זאָל נישט אַרבעטן מער ווי אַכט שעה אַ טאָג. מילא די יחידי סגולה וועלן זיך קענען פאַרטיפן אין די אמתע חכמות, אָבער דער המון?

ביינוש האָט זיך פאַרהוסט. ער האָט האַסטיק אַריינגעוואָרפן אין מויל עפּעס אַ לאַנדרין (אַזאַ קאָנפעקט) דאָס האָט באַלד איינגעשטילט זיין הוסט און ער האָט ממשיך געווען דעם מאָנאָלאָג:

— נו, האָב איך זיך דערקלערט, אַז מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט קונסט: ליטעראַטור, מוזיק, מאַלעריי, טעאַטער און אָפּערע, טאַנץ און סקולפּטור און געזאַנג בציבור, וואָס וועט פאַרשפרייט ווערן צווישן פאָלק. דאָס וועט דערהייבן, איידל מאַכן דעם אַרבעטער און פאַרשענערן זיין לעבן. די אַלע רעליגיעזע צע־רעמאָניעס, מנהגים, ריטואַלן און פּראָצעסיעס, וואָס נישט געקוקט אויף זייער

רעליגיעזן לבוש זענען זיי דאָך באמת נאַציאָנאַלע זיטן, וועלן מיר אַריינגעמען אין דער קונסט.

ביינוש האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַ לאַך געטאָן שטיל איידער ער האָט ווייטער אָנגעהויבן ריידן:

— ער האָט נישט געכאַפּט באַלד וואָס איך מיין. ר׳ געצל האָט טאַקע געקענט דייטש און איז געווען אין דער יוגנט אַביסל באַהאַוונט אין די ענינים, אָבער מיין לשון איז אים געווען פרעמדלעך. האָב איך אים געמאַכט קלאָר מיין געדאַנק מיט אַ ממשותדיקן משל: אָט מאַכן ייִדן אַ פּראָצעסיע אַרום דער בימה מיט לולבים. די נענועים מיטן לולב איז אַ צערעמאָניע. פֿאַלן כורעים יום־כּיפּור איז אַ גרויסער דראַמאַטישער אַקט. שטעלט זיך פֿאָר, אַז מיר האָבן אַן אמתן ייִדישן טעאַטער מיט אַ באַלעט. מיר שטודירן איין אַ יום־טוב פֿאָרשטעלונג — דראַמע, מוזיק און טענץ. די טענצער האַלטן לולבים אין די הענט, זיי טאַנצן און הייבן די הענט ווי צו נענועים. דערנאָך לאָזן זיי זיך אַוועק מיט די לולבים אין אַ קרייז־טאַנץ. אין דער זעלביקער צייט שפּילט דער אָרקעסטער יום־טובֿדיקע ניגונים און אַפֿילו תּפֿילות. דער כאָר זינגט מאָדערנע לידער וועגן לולב, וועגן אַלע פֿיר מינים און גיסן וואַסער אויך תּפֿילות. דאָס זעלביקע וועט מען טאָן מיט דער עבֿודה פֿון יום־כּיפּור. דער אָרקעסטער וועט שפּילן ימים־נוראים ניגונים און דער כאָר וועט זינגען טראַדיציאָנעלע תּפֿילות אין דעם טאָן פֿון אַ חזן מיט משוררים און דער באַלעט וועט אויסטאַנצן די עבֿודה. דער אָרקעסטער וועט אַפֿילו האָבן אַ האָרן, וואָס וועט נאָכמאַכן די תּקיעות. דו הערסט, שמעון? איך האָב געמיינט, אַז דער אַלטער וועט ווערן אין כּעס און מיך רופֿן אַפּיקורס, עוכר ישׂראל. אָבער ניין. ער האָט גענומען אַ טיפּן שמעק טאַבאַק, אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ בליק, ווי מען קוקט אויף אַ קאַלב מיט צוויי קעפּ און איין אויג און אַ זאָג געטאָן שפּאַטיש:

— ביסט אַפֿילו נישט משוגע, ביינוש. פּשוט, עס פֿעלט דיר אַ קליעפּקע אין קאָפּ. דיין באַלעט וועט דאָך באַשטיין פֿון נקבֿות, איע? און אָנגעטאָן וועלן זיי זיין אַזוי, אַז מען זאָל זען זייער נאַקעטקייט. די לולבים וועלן זיי האַלטן אין דער הייך כּדי בולט מאַכן זייער ווייבערישקייט, נו, די צוקוקער וועלן פֿון דיין קונסט דערהייבן ווערן און קריגן הרהורי תּשובֿה, ביינוש? ס׳איז חוזק.

איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— אין אייער מויל, רבי, קלינגט עס חוכא וטלולא.

רבי געצל האָט געענטפֿערט אומגעדולדיק:

— אין מיין מויל איז עס חוזק און אין דיין מויל איז עס גאָט־לעסטערונג און שטותעריי. דו מאַכסט פֿון אַ הייליקער זאַך, פֿון אַ דבֿר של קדושה אַ ספּעקטאַקל. ס׳איז דאָ אַ מאמר: גמרא גמור זמירתא תהא? דער אמתער טייטש איז

פשוט ווי רש״י מאַכט: פון לערנען גמרא, אַ דין, אַ הלכה מאַכסטו אַ זמרל? אַ לידל? און הער מיט קאָפּ. דו מיינסט אַז דו ביסט דער ערשטער, וואָס איז געפאַלן אויף דער המצאה צו מאַכן פון גאָטס געבאָטן אַ שפּיל? עס זענען שוין געווען אַזעלכע חכמים ווי דו נאָך אין גלות־בבל, באַלד נאָכן חורבן בית ראשון. קלאָגט דער נביא יחזקאל: „זיי קומען שוין צו מיר אין מחנות ווי מען קומט אויף אַן אסיפה. זיי זעצן זיך אויס און הערן זיך צו. אָבער זע, דו ביסט ביי זיי ווי אַ ליד פון גלוסטעניש, פון ליבע, תאווה, פון איינעם וואָס זינגט עס אויס מיט אַ זיסן קול און דערצו שפּילט ער נאָך צו שיין. זיי הערן דיינע רייד, אָבער זיי טוען נישט וואָס דו הייסט״. פאַרשטייסט ביינוש? דער נביא איז אויסן, אַז זיינע רייד זאָלן האָבן אַ פּעולה. יידן זאָלן פאַרבעסערן זייערע מעשים, זיי זאָלן מקיים זיין דאָס, וואָס ער באַפעלט זיי און זיי מאַכן דערפון אַ שפּיל, אַ זאַבאַווע (אונטערהאַלט, פאַרוויילונג). ווילסט יוצא זיין יידישקייט מיט טעאַטער?

דער אַלטער האָט גערעדט ביטער מיט פאַרדרוס:

— ווען איך בין געווען אַ בחור, האָט מיך מיינער אַ חבר אַריינגעפירט צו אַ יידן אין אַ שטוב, צו אַ משפחה, וואָס איז געווען אינגאַנצן רוסיפיצירט. אין הויז איז נישט געווען קיין סימן פון כשרות. די אושאַקעס (ביישטידלעך) אַן מזוזות. אַלע האָבן גערעדט רוסיש און אַפילו יום־כיפור איז קיינער פון זיי נישט געגאַנגען צו כל־נדרי. אָבער אויפן קרעדענץ, ווו עס זענען געשטאַנען די זילבערנע און גילדערנע כלים און דאָס פיינע געשליפענע גלאָזוואַרג, איז אויך געשטאַנען אַ פּאָר אַלטמאָדישע מעשענע לייכטער. די לייכטער, וואָס די מאַמע האָט אין זיי געבענטשט ליכט. מיין חבר איז גאָר נתפּעל געוואָרן פון דעם. „דו זעסט, האָט ער מיך געטיקעט, זיי שעמען זיך נישט מיט דער מאַמעס און באַבעס ירושה״. מיר האָט עס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. פון דער מאַמעס פרומקייט האָבן זיי געמאַכט אַ פּוץ. דער זון האָט נאָך אָפּגעהיט דער מאַמעס לייכטער, ווייל ער האָט נאָך געזען ווי די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, געמאַכט אַ ברכה און פאַרגאָסן אַ טרער. אָבער די אייניקלעך? פאַר זיי וועט עס זיין אַ פּאָר פּראָסטע לייכטער, וואָס מען קען קריגן פאַר צען גילדן. פאַר דעם דור, וואָס האָט געזען אַ פולע יידישקייט האָבן די אַלע תשמישי קדושה אַ ריח פון קדושה. עס דערמאָנט זיי די יונגע יאָרן, ווען די שכינה האָט גערוט אין שטוב. אָבער ווען דער טאַטע האָט שוין געגעסן חזיר, וואָס בלייבט פאַר דעם זון? פאַר דער טאָכטער? אַ פאַרעלטערטע צאַצקע. זאָלסט וויסן, ביינוש, אַז יידישקייט איז נישט קיין שפּיל. עס איז אַ דרך צו דינען דעם כביכול און זיך דערנענטערן צו אים. עס איז אַ שיטה צו מתקן זיין די וועלט. ווען מען מאַכט דערפון אַ שפּיל, אַ זאַבאַווע, איז עס אָפּנאַרעריי און שטותעריי.

שמעון האָט זיך אָנגערופן פאַרוואונדערט:

— איר רעדט, ביינוש, וועגן רבי געצל ווי אַ חסיד פון אַ רבין. מיר דוכט זיך אויך, אַז איר לייגט אים אַריין אין מויל רייד, וואָס ער איז נישט געווען מסוגל צו ריידן.

ביינוש האָט געענטפערט:

— איך גיב איבער זיינע טענות אַביסל אויף מיין לשון. אָבער אין תוך האָט ער עס געזאָגט. אָבער שלאָג נישט איבער. איך ציל צו עפּעס. הער ווייטער.

— וואָס לענגער איך האָב מיט אים פאַרבראַכט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך מיט אים קיינמאָל נישט קענען צונויפריידן, הגם געצל האָט געהאָט זייער אַ שאַרפן קאָפּ און די וועלט־קולטור איז אים נישט געווען אינגאַנצן פרעמד. עס איז געלעגן אַ תהום צווישן אונדז. איך וועל עס דיר פּרובירן דערקלערן און אויב דו וועסט עס איצט אינגאַנצן נישט כאַפּן, וועסטו מיט יאָרן שפּעטער פאַרשטיין וואָס איך רייד. לייג צו קאָפּ.

— עס זענען דאָ צוויי שיטות אין דער אויפגעקלערטער וועלט וועגן רעליגיע. איין שיטה איז אַ האַמעטענע: רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, ווייל רעליגיע האָבן אויסגעטראַכט כיטרע שלויאיקע פּריסטער, וואָס האָבן געוואָלט פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק צום רייכן קלאַס. די שיטה אַז רעליגיע איז אָפּנאַרעריי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַלע אויפגעקלערטע מענטשן. גאָר אַ סך אין דער אויפקלערונג האָבן אַ חלק די צוויי ענגלענדער: טאָמאַס קאַרלייל און הערבערט ספּענסער. עס איז איצט אָנגענומען אַן אַנדער שיטה: רעליגיע איז אַ שטאַפּל אין דעם מענטשנס אַנטוויקלונג אין דער עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. ביז איצט זענען געווען דריי שטאַפּלען אין דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, איינע העכער פון דער אַנדערער, כישוף, רעליגיע און וויסנשאַפט. פאַרשטייסט וואָס איך רייד?

שמעון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, איצט הער ווייטער. אין כישוף האָט זיך דער מענטש פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם שכל און כוח צו באַהערשן די נאַטור. אין רעליגיע האָט ער אויפגעהערט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיין אייגענעם שכל און כוח. אין היינטיקער צייט, אין דער צייט פון וויסנשאַפט, האָט דער מענטש ווידער אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זיך אויף זיין אייגענעם שכל און כוח.

— זעט איר, ביינוש, — האָט שמעון געענטפערט, — דאָס פאַרשטיי איך נישט. לפי אייערע רייד קומט דאָס אויס, אַז כישוף איז אַ העכערע מדרגה פון רעליגיע, ווייל אין כישוף פאַרלאָזט זיך דער מענטש אויף די אייגענע כוחות, ווי היינט אין דער וויסנשאַפט־צייט. אָבער איר האָט פריִער געזאָגט, אַז רעליגיע איז דער צווייטער שטאַפּל. איז די וועלט געגאַנגען צוריק?

ביינוש האָט געענטפערט:

— הער זיך צו מיט קאָפּ. ס'איז נישטאָ קיין קאָנטראַדיקציע, סתירה, אין מיינע רייד. דער כישוף־מאַכער גלייבט אַז די נאַטור האָט אַן איינגעשטעלטע אָרדענונג, אָבער ער, דער כישוף־מאַכער קען (איך מוז נוצן אַ רוסיש און ס'איז אויך אַן ענגליש וואָרט) „מאַנופּיליצירן", ס'מיינט ארודעוועז איבעראַנדערשן דעם סדר העולם. ווי אַזוי? דורך כישוף־מאַגיק, דורך געוויסע צערעמאָניעס. דער כישוף־מאַכער נוצט השבעות — ער באַשווערט די געטער, ער נייט זיי צו טאָן וואָס ער וויל. טבילות, אייניקע מאָל זיך אָפּטוקן, שפּרוכן — ער שטעלט צונויף ווערטער אין אַ געוויסן סדר. ער פּייניקט זיך. דאָס זענען אַלץ געהיימע וועגן, מיטלען צו צווינגען די געטער צו טאָן דעם כישוף־מאַכערס ווילן. ער צווינגט די געטער צו ענדערן דעם סדר פון דער וועלט. דער כישוף־מאַכער האַלט זיך פאַר אַ שטיקל גאָט.

— דאָס איז דער ערשטער שטאַפּל, ווייל אין דער דאָזיקער תקופה איז דער מענטש אַ שוואַכער באַאָבאַכטער. ער מיינט אַז מיט די אַלע נאַרישקייטן ענדערט ער טאַקע דעם סדר העולם. ער קען זיך נישט פונאַנדערקלייבן צווישן פאַנטאַזיע און רעאַליטעט — אמת.

— די צווייטע שטופע איז רעליגיע. דער מענטש דערזעט, אַז באמת קען ער נישט אַרויסטרייבן קיין רוחות, קען נישט היילן קיין חולאתן מיט אַ שפּרוך און קען נישט ברענגען קיין רעגן מיט אַ טאַנץ און געזאַנג. ער הייבט אָן צו פאַר־שטיין, אַז ער קען נישט קאָנטראָלירן די נאַטור. די נאַטור האָט אייזערנע גע־זעצן און זי איז שטאַרקער פון דעם מענטשן. ער איז הילפלאָז קעגן איר און זיין חכמה און זיין גבורה איז קליין און נישטיק. דעמאָלט ווערט ער באַשיידן און שטעלט זיך פאָר, אַז ס'איז דאָ אַ העכערע מאַכט אויסער אים און איבער דער נאַטור, וואָס פירט די וועלט. דעם דאָזיקן פירער פון דער וועלט מאָלט אויס דער מענטש אין זיין פאַנטאַזיע אין זיין אייגענעם געשטאַלט, אַ מין טאַטע־קעניג. מען קען צו אים בעטן, תפילה טאָן, מען דאַרף טאָן זאַכן וואָס אים געפעלט. ווען מען טוט וואָס אים געפעלט, דעמאָלט מאַניפּולירט דער דאָזיקער מעכטי־קער הערשער די נאַטור לטובת דעם מענטשן. דער מענטש הערט זיך אויף צו פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות. דאָס איז בעצם אַ ירידה. אָבער דאָס איז אויך אַ גרעסערע דערגרייכונג, ווייל דער מענטש הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז די נאַטור האָט פעסטע געזעצן, וואָס ער קען נישט ענדערן מיט זיינע אייגענע כוחות. אָבער ער גלייבט, אַז דער העכערער וועזן אין הימל, וואָס איז אַ סך מעכ־טיקער און גייסטיק דערהייבענער פון דעם מענטשן, קען יאָ בייטן די נאַטור, קען דורכפירן ניסים לטובת דעם מענטשן.

דערנאָך איז געקומען די דריטע שטופע. דער מענטש ווערט אומצופרידן מיט דער דאָזיקער דערקלערונג. ער הייבט אָן צו באַאָבאַכטן, אַז דער גורל פון

דער וועלט, מענטש און פאָלק, ווערט נישט באַשטימט פון געענדערטע געזעצן, אַפילו פון דעם העכערן וועזן, גאָט, ווי ער האָט געמיינט. פאַרקערט, וואָס מער דער מענטש באַטראַכט די וועלט, אַלץ מער זעט ער, אַז ס׳איז דאָ אַ פּינקטלעכע איינגעשטעלטע אָרדענונג, אַ סדר אין דער פירונג פון דער וועלט. אַפילו אין דער אומאָרדענונג פון דער נאַטור איז אויך דאָ אַן אָרדענונג. מען דאַרף נאָר געפינען דעם שליסל צו דעם איינשטעל פון דער וועלט. ווען דער מענטש האָט אויסגעפונען דעם סוד פון דעם איינשטעל פון דער נאַטור, האָט ער דערזען, אַז הגם ער קען נישט ענדערן די געזעצן, קען ער זיי אָבער צופּאַסן צו זיין מצב און באַהערשן זיי מיט זיין חכמה. למשל, אַ מענטש ווערט קראַנק, נישט ווייל אַ שלעכטער רוח איז אַריין אין אים, אָדער ווייל גאָט האָט אַנגעשיקט אויף אים אַן אומגליק, נאָר ווייל ער איז באַשעדיקט געוואָרן פון מיקראָבן. נו, דאַרף ער זען צו פאַרטיליקן די מיקראָבן. ווייבער שטאַרבן אָפט, גאָר אָפט אין קימפּעט נישט ווייל עמעצער אין שטעטל האָט געזינדיקט מיט אַן אשת איש, נאָר ווייל די באָבע וואָס האָט אָפּגענומען דאָס קינד, האָט זיך געפּאָרעט מיט שמוציקע הענט אַרום דער קימפּעטאָרין.

— ווען דער מענטש געפינט אויס די סודות פון דער נאַטור, קען ער זי טייל־ווייז באַזיגן, ער קען אויסנוצן די נאַטור פאַר זיין טובה וועגן און קען ביז אַ באַשטימטן גראַד אויסמיידן די נישט כוונהדיקע רשעות פון דער נאַטור.

— פאַרשטייסט שמעון? אין אונדזער צייט, וואָס איז די תקופה פון וויסנ־שאַפט, האָט זיך דער מענטש אָנגעהויבן צוריק צו פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות, ווי אין דער צייט פון כישוף, אָבער מיט דעם חילוק, וואָס איצט ווייסט ער׳, אַז דאָס וואָס ער באַהערשט די נאַטור איז נישט ווייל ער צעשטערט עפּעס אַ געטלעכן קאַפּריז, אָדער צווינגט מיט כוח די געטער צו טאָן זיין ווילן, נאָר דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון שווערער מענטשלעכער אַרבעט, אָנשטרענגונג און פּאַרזיכטיקער באַטראַכטונג פון די נאַטור־געזעצן.

— אָבער — האָט שמעון אים געפּרובירט איבערשלאָגן...

— וואַרט, לאָמיך ענדיקן, — האָט ביינוש געזאָגט. — איצט, נאָך דורות טאַפּן אין דער פינצטער האָט דער מענטש דערשנאַפּט דעם שפּור צו דער מיס־טעריע פון דעם קאָסמאָס לאַבירינט און אַריינגעקראָגן דעם גאָלדענעם שליסל, וואָס קען עפענען אַ סך קאַמערן אין דעם אוצר פון נאַטור. דער גורל פון דער מענטשהייט איז פאַרבונדן מיט דעם עתיד פון וויסנשאַפט.

— איך האָב צו דיר אַזוי לאַנג גערעדט צוליב עטלעכע טעמים. ראשית, האָב איך דיר געגעבן מיין ענטפער אויף דיינע ספקות און דיין גריבלען זיך וועגן אַ טראַנסצענדענטאַלער מאַכט און השגחה פּרטית, וואָס דו האָסט מיך אַמאָל געפרעגט. שנית, דיר ווייזן אַז אָפט קענען זיך צוויי מענטשן בעלי־שכל

נישט צונויפֿריידן. רבי געצל און איך זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. ער שטייט מיט ביידע פֿיס אויף דעם צווייטן שטאַפּל — רעליגיע, און איך אויף דעם דריטן שטאַפּל — וויסנשאַפֿט. מיר ביידע ריידן דעם זעלביקן לשון — יידיש; באַנוצן די זעלביקע ווערטער און פֿאַר יעדן איינעם האָט עס אַן אַנדער באַטייט. דריטנס, לשבח פֿון רבי געצל. ער איז געווען אַ גאַנצער מענטש. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס לעבן אויף זיין אייגענעם דרך. ער, דער מענטש מיטן קלאָרן קאָפּ, דער רמב״מיסט האָט געהאַט גענוג כּוח צו לערנען מיט פּראָסטע יידן מדרש און עין יעקב. מיט געלערנטע האָט ער געפֿירט שמועסן וועגן פֿילאָסאָפֿיע. און בעיקר איז ער געוואָרן בכיוון אַ מלמד און נישט קיין רב, כּדי ער זאָל קענען זיין זעלבסטשטענדיק און האָבן צייט צו לערנען און טראַכטן. ער האָט נישט געזוכט קיין פּרסום, קיין כּבוד, קיין עשירות און קיין יחוס. ער האָט געזוכט צו זיין ערלעך מיט זיך. דו האָסט אַ גלייכן שאַרפֿן קאָפּ. ווי איך האָב געהערט פֿון דיין מאַמען, וועסטו פֿאָרן קיין אַמעריקע. פֿיר זיך נישט אויף ווי איך. צוערשט לערן זיך אויס אַזאַ אומנות, וואָס דו זאָלסט קענען זיין זעלבסטשטענדיק. אַן אומנות, וואָס וועט דיר געבן גענוג חיונה און דו זאָלסט האָבן גענוג ליידיקע צייט פֿאַר זיך, צייט צו טראַכטן און לערנען. עס קען זיין אַז דעמאָלט וועט די וועלט עפּעס האָבן פֿון דיר. איך בין חושד, אַז דו וועסט ווערן אַ שרייבער. שרייבסט דאָך איצט לידער. אָבער געדענק: היט זיך אויס פֿון פּירסום, עשירות און טאַראַראַם. זוך נישט צו געפֿעלן ווערן אַלעמען. איבערהויפּט ווער נישט נתפּעל וואָס די מערהייט זאָגט. עס שטייט אין דער תּורה אחרי רבים להטות — אָבער נאָכגיין, נאָכגעבן דער מערהייט דאַרף מען נאָר יורידיש אָבער נישט אין טראַכטן. אַ־רוואַ, האָב איך זיך פֿאַררעדט.

— ביינוש, — האָט זיך שמעון אָנגערופֿן, — וואַרט, איר זייט נישט פֿאַרטיק מיט מיר. איר זאָגט, אַז אין דער מענטשלעכער געשיכטע זענען געווען דריי תּקופֿות: כּישוף, רעליגיע און איצט וויסנשאַפֿט. פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז וויסנשאַפֿט איז די אמתע שיטה? אפֿשר איז זי אויך נישט מער ווי זעלבסטאיינריידעריי, ווי איר האַלט, אַז כּישוף און רעליגיע זענען עס געווען.

— מיר ווייסן נישט, — האָט ביינוש געענטפֿערט. — און איך בין צופֿרידן וואָס דו האָסט עס מיך געפֿרעגט. דאָס באַווייזט, אַז דו האָסט באַנומען מיינע רייד און אויך, אַז דו קענסט טראַכטן. באמת, אויך די וויסנשאַפֿט גיט נישט קיין פֿולן ענטפֿער אויף אונדזערע פֿראַגעס. מען קען זאָגן, אַז זי גיט נאָר אַן ענטפֿער אויף דעם „ווי אַזוי״? ווי אַזוי נידערט אַ רעגן? ווי אַזוי ווערט מען קראַנק? ווי אַזוי דרייט זיך די ערד? ווי אַזוי זענען אויפֿגעקומען בערג, טאָלן, ווולקאַנען און וועלדער, שטיין, גאָלד און בריליאַנטן? אויף דעם „פֿאַרוואָס״ גיט נישט די וויסנשאַפֿט קיין ענטפֿער. מיר ווייסן נישט פֿאַרוואָס און צוליב וואָס

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן? מיר ווייסן נישט פאַרוואָס די וועלט און דער קאָסמאָס האָבן אַזאַ וווּנדערבאַרע איינגעשטעלטע אָרדענונג. עס קען גרייכלעך זיין, אַז אַמאָל אין דעם וויטן לעתיד לבוא, און אפשר פריִער נאָך, זאָלן מיר געפינען אַ נייע מעטאָדע, וואָס וועט אונדז אויפקלערן דעם פאַרוואָס. דו און דיין דור נאָך דיר זענען אויך נישט חולה צו טראַכטן. אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז אַ קאָפּ אַפילו האָסטו אַ גוטן, נאָר דיר פעלט דער אלף־בית פון וויסן. דו דאַרפסט לערנען און לערנען און ווייטער לערנען. די וואָס מישן זיך אַריין אין די העכערע ענינים און עס פעלן זיי די גרונט־ידיעות זענען בטלנים. אָבער נאָך ערגער פון די דאָזיקע בטלנים זענען די, וואָס נעמען אָן וואָס אַנדערע זאָגן, אָן אַליין דורכטראַכטן די ענינים. גערעכט איז אחד העם אין זיין מאמר „שלטון השכל“ וואָס ער זאָגט אין נאָמען פון רמב״ם „די השגה, די דערגרייכונג מוז קומען צום מענטש דורך דער ווירקונג פון שכל אַליין, עס מיינט דער מענטש דאַרף זיך דערטראַכטן צו דער אמתדיקייט פון דער ווירקלעכקייט דורך די באַווייזן פון שכל און ער טאָר נישט אָננעמען וואָס אַנדערע זאָגן, ווי אַ גלויבן בלויז, ווייל ווען ער נעמט עס אָן בלויז פון קבלה (טראַדיציע) איז דאָס נישט מער ווי אַ דרויסנדיקע דערגרייכונג“. מיר דוכט, אַז אויב דו וועסט זיך וועלן מאַטערן וועסטו קענען טראַכטן זעלבסטשטענדיק.

שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן:

— מער אומרו, מער צערודערונג. כ׳וועל שוין האָבן שלאָפלאָזע נעכט ביז איך וועל צעקייען אייערע רייד.

ביינוש האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט מיט ביטול::

— נו, איז וואָס? ווער זאָגט עס אַז מען דאַרף אַלעמאָל זיין צופרידן און רויִק און קאָנטענט פון דער וועלט און איר גרינער פאַשע, ווי אַ זאַטע צופרידענע, אָפּגעפרעסענע קו?

**)
*

שמעון האָט געענדיקט שרייבן דאָס קאַפּיטל. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון פּאַפּיר און זיך אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך. ער האָט מיט חידוש דערזען זיין שרייב־צימער. פון דרויסן, דורך דעם אָפענעם פענצטער, האָבן זיך געטראָגן געשרייען פון קינדער וואָס האָבן געשפּילט באָל. אַ יינגל האָט זיך מיטאַמאָל צעקוויטשעט: פּאַול באָל, פּאַול באָל (פאַרקלאַפּט די פּילקע אויסער די גרענעצן). שמעון האָט אָנגענומען דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי איינער וואָס וויל זיך אויפוועקן פון אַ חלום, אָדער אַוועקטרייבן אַן אויגן־פאַרבלענדעניש: ער האָט זיך אַזוי פאַרטאָן אין זיין שרייבן, אַז ער האָט פאַרגעסן אין דעם איצט. ס׳איז דאָך שוין אַריבער קרוב פופציק יאָר זינט ר׳ געצל איז געשטאָרבן און אין יענעם פרימאָרגן האָט ער געפירט דעם שמועס

מיט ביינושן. איז דאָס וואָס ער געדענקט אַן אויסטראַכטעניש, אַ פֿאַנטאַזיע אָדער אַ וואָרהאַפטיקייט און אַ ווירקלעכקייט? אָבער אָט קומט צו אים אַרויף פֿון געדעכעניש יענער פרייטיק־צו־נאַכט. דאָס איז געווען דער ערשטער פרייטיק־צו־נאַכט וואָס ער האָט געשריבן, מחלל שבת געווען. ער האָט געשריבן בגניבה, כדי נישט מצער צו זיין די מאַמען. ער האָט אין דעמאָלטיקן פרייטיק־צו־נאַכט אָנגעשריבן צוויי לידער. ער מישט אויף דאָס העפט, ווו די לידער זענען פֿאַרשריבן און ער זעט, אַז דאָס ליד פֿאַר די צוויי האָט דעם ריכטיקן יום — דעם טאָג, חודש און יאָר. אָבער אונטער די צוויי לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן יענעם פרייטיק־צו־נאַכט איז אונטערגעשריבן דאָס יאָר בלויז. ער האָט נישט געוואָלט אַז עס זאָל בלייבן לדורות, אַז ער האָט מחלל שבת געווען. (אין יענער צייט האָט ער געגלייבט, אַז אַלץ וואָס ער שרייבט אַן וועט זיין וויכטיק לדור דורות). אַכט שורות פֿון ערשטן ליד און אַכט שורות פֿון צווייטן ליד זענען שריפֿטלעכע עדות אויף יענעם שמועס.

אנכי

אני מרגיש די און בנשמתי\
ליצור יופי שיפליא כל הברואים —\
ליצור יצירות ענקיות, עולמיות\
שתתקימנה כל עוד על עבים שטים\
— — — — — — — — — —\
— — — — — — — — — —\
אכיר, אדע וארגיש הכל\
אך חסר לי המפתח לפתח החיצונה.\
כל הארמון וטובו פתוח לפני\
אך הפשפש סגור. התאבד נפש באונה?

(איבערזעצונג: איך. איך פֿיל געגוג מאַכט אין מיין זעל, צו שאַפֿן שיינקייט, וואָס וועט איבעראַשן אַלע באַשעפֿענישן — צו שאַפֿן גרויסע אייביקע שאַפֿונגען, וואָס וועלן עקזיסטירן כל־זמן אויבן וועלן שוועבן וואָלקנס. איך דערקען, איך ווייס און דערפֿיל אַלץ, נאָר עס פֿעלט מיר דער שליסל צו דער דרויסנדיקער טיר. דער גאַנצער פּאַלאַץ און זיין רייכקייט איז אָפֿן פֿאַר מיר, נאָר די פֿאָרטקע איז פֿאַרשלאָסן. וועט די זעל פֿאַרלוירן ווערן אין איר מאַנלעכער גבורה?).

שיחת הכוכבים

„עבד, קוה, עשה טוב\
והזהר מלהסחף לרב

אז מאושר תהיה בחייך
ובהירים יהיו לך שמיך".
זאת הכוכבים לחשו לי בלט.
פתאם כסם ענן שט,
אבל אני נמלאתי אמונת תם
ובמנוחה הלכתי לישון.

(איבערזעצונג: דער געשפּרעך פון די שטערן: „אַרבעט, האָף, טו רעכטס און היט זיך צו פאַרשלעפּט ווערן פון דער מערהייט — דעמאָלט וועסטו זיין גליקלעך אין דיין לעבן און ליכטיק וועט זיין דיין הימל" — דאָס האָבן די שטערן דערציילט מיר אין דער שטיל. מיטאַמאָל האָט זיי פאַרדעקט אַ שוועבנ־דיקער וואָלקן. אָבער איך בין אָנגעפילט געוואָרן מיט תמימותדיקן גלויבן און אַ באַרו:קטער האָט איך זיך געלייגט שלאָפן).

יענער שמועס מיט ביינושן האָט באַווירקט זיין לעבן מער ווי דער לייענער קען עס זיך פאָרשטעלן. עס זענען געווען אַ סך פאַלן אין זיין לעבן, וואָס שמעון האָט זיך געשטעלט קעגן דער אָנגענומענער נאָרמע און קעגן דעם אויפפיר פון פיינע סטאַטעטשנע לייט. ער האָט אַ גאַנצן לעבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג און סוף־כל־סוף האָט ער איינגעשטעלט זיין אופן פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט געליטן דערפון און ליידט ביז איצט פון דעם דאָזיקן שטעלן זיך קעגן דער וועלט. אָבער אין איין פאַל האָט די דאָזיקע עקשנות דווקא אים געבראַכט עקאָנאָמישע שפע און געמאַכט אַ נאָמען פאַר אים.

דאָס איז געווען אַ דרייצן יאָר נאָכן שמועס מיט ביינושן. שמעון איז דע־מאָלט געווען פולע עלף יאָר אין אַמעריקע. ער האָט זיך גראַדוי:רט אויף ציינ־דאָקטער און געעפנט אַ קאַבינעט פאַר זיך. עס איז דעמאָלט געווען איינגעפירט (און טיילווייז אויך היינט) אַז די דענטיסטן האָבן געהאַלטן אָפן זייערע קאַבי־נעטן ביז שפּעט אין אָוונט, אַזוי שפּעט ווי ביז צען אַזייגער אין דער נאַכט. די דענטיסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אַ פּרווו איינצופירן אַז די דענ־טיסטן זאָלן שליסן די קאַבינעטן, לכל הפחות, איין אָוונט אין דער וואָך זעקס אַזייגער און ס'איז איר נישט געלונגען.

שמעון האָט אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ פולן יאָר. אויפן צווייטן יאָר האָט ער אין אַ מאָנטיק פאַרמאַכט די אָפיס זעקס אין אָוונט און געקומען אַהיים צום ווייב און געזאָגט:

— מהיום והלאה פאַרמאַך איך דעם אָפיס זעקס אין אָוונט.

דאָס ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג:

— וואָס פאַראַ פּראַקטיק וועסטו האָבן? ווייסט דאָך אַז די אָוונט־שעהן

זענען די פּאַרנומענסטע ביי די דענטיסטן. קיינער קומט נישט פון דער אַרבעט פּאַר זעקס אַזייגער און מיר זענען נאָך איינגעטונקען אין חובות.

שמעון האָט געענטפערט רויק:

— אויב איך קען נישט פאַרדינען אויף חיונה פון מיין פּראָפעסיע ווען איך וועל האַלטן דעם קאַבינעט אָפן פון צען ביז זעקס, גיב איך אויף דענטיס־טיק. ס'איז נישט קיין פּראָפעסיע פאַר מיר. איך וועל צוריק ווערן אַ העברעיִ־שער לערער, איך וועל צוריק ווערן אַ הויז־מאלער. איך מוז האָבן צייט צו לער־נען, צו שרייבן (ער האָט שוין דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען) און דער עיקר איך מוז האָבן צייט צו טראַכטן. איך וועל נישט מאַכן דעם טפל צו פאַרדינען אויף חיונה, פאַר דעם עיקר.

אין דעם דריטן באַנד, אויב ער וועט זוכה זיין אים אָנצושרייבן, האָפט שמעון צו דערציילן אַ סך פון זיינע ראַנגלענישן, גייסטיקע און עקאָנאָמישע, וואָס ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער סביבה און וויפל ער האָט געליטן און וויפל ער ליידט עד־היום פון זיין נישט קאָנפאָרמיזם. אָבער דער פאַל פון נישט אַרבעטן אין אָוונט האָט אים נישט נאָר נישט געטאָן קיין שאָדן, נאָר פאַרקערט, האָט אים גאָר אין אַ קורצער צייט פאַרשאַפט אַ גוטע פּראַקטיק. עס האָט זיך צעטראָגן צווישן עולם אַז ער, שמעון, איז נישט דער דורכשניטלעכער דענטיסט. ער איז זעלבסטשטענדיק ביי זיך, און מען מוז קומען צו אים ווען ער וויל, נישט ווי צו אַ געוויינלעכן דענטיסט. ער מוז זיין דער אמתער „פּראָפעסאָר". ער אַר־בעט נישט אין אָוונט ווי אַלע דענטיסטן.

קאַפּיטל 17

יוגנט־פרייד און געזאַנג

עמאָציעס און געדאַנקען, סיי אַרויסגערעדט און סיי אויפגעשריבן, אָדער אויסגעשפּילט און אויסגעקלאַפּט אין ריטם, פאַרנעמען אָרט און צייט. די זעל־ביקע עמאָציעס און געדאַנקען, אָן ווערטער אָדער קלאַנג, אינעווייניק אין מענטשן קומען פאָר בליץ שנעל אַזוי אַז למעשה, אין דער פּראַקטיק, פאַרנעמען זיי נישט קיין צייט און קיין אָרט.

אַ פאָלקס־רעטעניש פרעגט:

— וואָס איז די פלינקסטע זאַך אויף דער וועלט?

דער ענטפער:

— דער געדאַנק. אָט איז ער דאָ און אָט איז ער אין עק וועלט.

אין מענטשנס מוח און האַרץ (בילדלעך גערעדט) קענען פאַרקומען אין איין און דער זעלביקער צייט סתירהדיקע עמאָציעס און היפּוכדיקע געדאַנקען. אפשט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די חושים קענען זיי נישט פאַרוואַנדלען אין ממשותדיקע בילדער. צו באַשרייבן אַזאַ געמיט־צושטאַנד איז אַ טעכנישע אוממעגלעכקייט, ווייל ווערטער און קלאַנגען קען מען נישט לייגן שיכט אויף שיכט.

דער ענגלישער שרייבער דזשיימס דזשאיס האָט געמאַכט אַ פּרווו איבער־צוגעבן די צעדרייעניש, וואָס גייט אָן אין דער מענטשלעכער זעל, און מיר דוכט זיך אַז דאָס האָט בלויז פאַרפּלאָנטערט און פאַרנעפּלט זיין סטיל, אַזוי אַז דאָס דערציילטע איז אַרויסגעקומען מטושטש און פאַרשיפרירט אַפילו פאַר דעם שריי־בער אַליין. על אחת כמה וכמה פאַר דעם לייענער.

יודזשין אָניעל אין זיין דראַמע „סטרענדזש אינטערלוד" האָט געמאַכט אַ פּרווו איבערצוגעבן דעם פּלוראַליזם פון דער מענטשלעכער נשמה דורך אַ טעכ־נישן דריידל. די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָט ער געמאַכט ריידן אין צוויי שטימעס. צום עולם אין טעאַטער האָט דער אַקטיאָר גערעדט אויף זיין נאַטיר־

לעכן קול. דאָס האָט געמיינט, אַז ער גיט איבער דעם עולם, וואָס דער כאַראַק־טער, דער העלד, פון דער דראַמע האָט גערעדט. צו זיך האָט דערנאָך דער אַק־טיאָר גערעדט אויף אַ ביי־קול — אַ געקינצלטע שטים. דאָס האָט געמיינט אַז ער גיט איבער דעם עולם וואָס דער מענטש האָט געטראַכט.

אויף דער בינע איז עס אַ גוטער איינפאַל. אפשר האָט עס אַ ווירקונג אויפן עולם און גיט אים אַן אַנדייט, וואָס עס גייט אָן אין דעם מענטשנס קאָפּ. אָבער אַז וויבאַלד יודזשין אָניעל האָט עס אָנגעשריבן און די אַקטיאָרן מוזן עס אַרויס־ריידן, פאַרנעמען דאָך די רייד צייט און אָרט, וואָס איז נישט אַזוי ווען דער מענטש טראַכט.

משה נאַדיר האָט עטלעכע הומאָרעסקעס, וואָס גיבן איבער דעם מישמאַש און פּלאָנטער פון מענטשנס טראַכטן און פילן. אָבער די שוועריקייטן בלייבן — מען קען נישט איבערגעבן קיינע געדאַנקען און עמאָציעס אָן אַ צווישן־צייט און אָן אַ הפסקה צווישן זיי. דאָס אויסשטעלן אין ווערטער פאַרנעמט אָרט און דאָס אַרויסריידן נעמט צייט.

אין אַ ליד פון יענע יאָרן מאָלט שמעון זיין צעטומלטן מצב — די סתירה־דיקע געדאַנקען און עמאָציעס:

עמק בלבי ישכון העצב הנורא,
שוחק ועלז אני בחברת אנשים
ואין איש שם לב לשביב
המוזר, המבהיק בעיני.

ממעל שמים יפים אך רחוקים,
תחתי אדמה פוריה — אך נכריה,
סביבי אנשים קרובים אך זרים
ושוחק אני, ועלז אני
ובלבי העצב הנורא. (תרע״ב)

(איבערזעצונג: טיף אין מיין האַרצן רוט דער מוראדיקער אומעט. איך לאַך און איך בין פריילעך צווישן מענטשן און קיינער באַמערקט נישט דאָס מאָדנע פּיערל וואָס בליצלט אין מיינע שוואַרצאַפּלען. פון אויבן שיינע הימלען אָבער ווייטע. אונטער מיר אַ פּרוכטבאַרע ערד אָבער אַ פרעמדע. לעבן מיר אייגענע מענטשן, אָבער ווייטע און איך לאַך און איך בין פריילעך און אין האַרצן די מוראדיקע אַנגסט).

דאָס ליד האָט אין זיך יוגנטלעכע מליצהדיקע איבערגעטריבנקייט און צאָלט צינז צו דער מאָדע פון יענער צייט — מען האָט געמוזט זיין טרויעריק און פאַר־

צאָרנט. אָבער דער אמת איז געווען, אַז ווען ער האָט געלאַכט און איז געווען פריילעך, האָט ער נישט געטראָגן אין האַרצן נישט קיין מוראדיקן אומעט און אַפילו נישט קיין געוויינלעכן אומעט אָדער טרויער.

***

פריִער האָט שמעון באַשריבן, אויף צענדליקער בלעטלעך, וועגן זיינע ראַנגלענישן מיט זיך, וועגן זיינע וויכוחים מיט ביינושן, וואָס וואַרפן אַן אַ מרה שחורה, און אויך די שמועסן מיט דער מאַמען זענען נישט געווען קיין פריילעכע. דער רושם קען נאָך בלייבן סיי פון די באַשרייבונגען און סיי פון די פערזן, וואָס ער האָט געבראַכט פון יענער צייט, אַז ער איז אַלעמאָל אומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער, אַ פאַרזאָרגטער פול מיט עגמת נפש און דאגות. אָבער ס'איז נישט געווען אַזוי.

אין איין און דער זעלביקער צייט וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן „וועלט־שמערץ", „ייִדישקייט־יאָך" און „גאָט־זוכעניש", טאַקע אין דער זעלביקער צייט זענען ביי אים געווען פריידיקע טעג און וואָכן — פול מיט יוגנטלעכער מונטערקייט, ייִנגלשער פריילעכקייט, בחורשער אויפגערוימטקייט און זאָרגלאָזיקייט. און דערצו — יוגנטלעכע נאַיווע ליבע — די זיסע ייִנגלשע ליבע צו צפורהן.

דאָס קלאָרסטע וואָס ער געדענקט פון יענער צייט, איז זיין גרויסע גדולהדיקייט מיט זיין אייגענעם גוף.

ער האָט אַ וואָקס געטאָן. ער איז נישט אויסגעוואַקסן קיין הויכער, ער איז געבליבן פון מיטעלן וווּקס, אָבער די פּלייצעס זענען געוואָרן ברייטע, די טאַליע אַ שמאָלע און די אָרעמס רונדיקע און מיט שטייפע מוסקולן. דאָס פּנים און דער גאַנצער גוף — ריין אַן אַ שפּרינקעלע. ער איז געווען אַ טונקעלער — די הויט גלאַט און פריש און גוט געגערבט. די האָר געדיכטע, גלאַנציק־שוואַרץ, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשמירט מיט שוואַרצער פּאָמאַדע. דער נאַקן אַ ברוינלעכער, די אויערן קליינע מיט ראָזע לעפּלען און די אויגן בלויע — גרין־בלויע — מיט דינע ברעמען און דיקע לאַנגע וויִעס — די ברעמען און וויִעס ביידע פון זיידענע שוואַרצע האָר. ער האָט געקענט אַנשטעלן די אויגן אויף אַ מענטשן און האַלטן זיי דורכדרינגענדיק אַן אַ באַוועגונג אַזוי, אַז דער מענטש האָט דערפילט אַז ער ווערט דורכגעשטאָכן פון דעם בליק.

ער איז געווען אַ באַוואַקסענער. האָר איבערן גאַנצן גוף. דינע, סאַמעט־ווייכע, אָבער געדיכטע האָר. די מאַמע האָט אַמאָל אים געזען אַן אויסגעטאָגענעם ביז די לענדן. זי האָט מיט מאַמעשער הנאה און שטאָלץ אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע און אויסגערופן:

— „סידון" מיינער, ווער וואָלט זיך עס געריכט אויף דיר וואָס דו האָסט נישט געקענט אַנטרעטן אויף אַ פוס ביז פולע זעקס יאָר אַז דו וועסט אויסוואַקסן אַ מאַנסביל מיט זאַלץ און פעפער? דער זיווג דיינער וועט פון דיר קלייבן פודן נחת און פאַרגעניגן.

ער איז געווען אַ ברייטבייניקער. זיין שוואָגער שמואל־חיים, דער בעסטער שניידער אין שטעטל, האָט אים גענומען אַ מאָס אויף אַ גאַרניטור. ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צופרידן און אויסגערופן מיט אַנטציקונג:

— אַ פלייצקעלע! אַ פּאָר אַקסלען! דער פּידזשאַק (רעקל) וועט אויף דיר ליגן ווי אַן אויסגעגאָסענער! אַפילו ווען דער שלומיאל סאַנע (דער גרעסטער שניידער פּאַרטאַטש אין שטעטל) זאָל דיר מאַכן דעם פּידזשאַק, וועט דער קאָל־נער נישט זיין קיין שליאַמיסטער (אַ שלעכט־צוגעפּאַסטער קאָלנער וואָס פּאַל־דעוועט זיך). אַ פּאַלטאָ פון טאַראַנטאַאוון געוואַנט, מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, וואָלט אַראָפּגעגלאַנצט פון דיר. אָבער צו וואָס דאַרפסטו אַזאַ טייערן פּאַלטאָ, אַז אָט־אָט פאָרסטו אַוועק קיין אַמעריקע?

שמעון האָט ליב געהאַט (און האָט עס ליב עד־היום) צו דיסקוטירן היציק, מיט האַרץ און אויפן קול. זיין שטים איז אַ קלינגענדיקע, דער חתוך הדיבור קלאָר און שאַרף. ביים עסן האָט ער געקייט מיט הנאה און גלוסט. ער האָט אויך ליב געהאַט צו שפּרינגען, לויפן באָרען זיך. אַ קוועקזילבער. ער איז קיינמאָל נישט איינגעזעסן רויק. ביז העט אין די פערציקער יאָרן איז ער קיינמאָל לאַנג נישט געזעסן רויק אויף אַ שטול ווי אַלע מענטשן. טאָמער האָט ער געמוזט זיצן מער ווי פינף מינוט אויף אַ שטול, האָט ער איבערגעדרייט דאָס ווענטל פון דער שטול זיך צום פּנים.

דער גוף האָט אין אים געוירעט. ער האָט ליב געהאַט צו באָדן זיך אין טייך. נאָכן אויסבאָדן זיך האָט ער ליב געהאַט איינרייבן דאָס לייב מיטן האַנטעך. איינמאָל נאָכן אויסבאָדן זיך און נאָכן אָפּטריקענען זיך האָט ער מיט הנאה אַ שאַר געטאָן מיט די הענט פון אונטער די פאַכוועס ביז אַראָפּ צו די קני. די פלאַכן פון די הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון דער גלאַטער יונגקייט פון דעם פרישן לייב. ערשט דעמאָלט האָט ער דערפילט ווי אַן איבערפלוס פון כוחות טוט זיך אַ שפּאַר פון אים. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויסגעשריי: איי ס'איז גוט, איי ס'איז ווויל! און אַ וואָרף געטאָן דעם נאַסן האַנטעך אַ חבר אין נאַקן. ס'איז געוואָרן אַ ראַנגלעניש, אַ געפּעכט, און אַזוי אין דער ראַנגלעניש דורכ־געבראָכן די דינע וואַנט פון דער קופּאַלניע (באָד־שטיבל ווו מען טוט זיך אויס און מען טוט זיך אָן) און אַריינגעקייקלט זיך אין וואַסער אַריין.

אין שטעטל איז געווען אַ שפע. דער וואָקזאַל איז געווען נישט מער ווי אַ וויאָרסט און אַ האַלב פון שטעטל, אָבער צוועלף וויאָרסט פון דער גרויסער אור־

יעזדנער שטאָט. האָט די באַן פֿאַרזאָרגט סחורה פֿאַר דער גאַנצער געגנט, איז געווען פּרנסה אין שטעטל.

מען האָט געהאַנדלט מיט גאָר דער וועלט. מען האָט אַרויסגעפֿירט אין די גרויסע שטעט און אויך אין אויסלאַנד: קאָרן, פֿלאַקס, האָבער, לינדזן, שוואָמען, סעמעטשקעס, געגדז, קאַטשקעס, הירזש, הינער, אײער און האָלץ פֿון די באַרימטע פּאָליעסיער וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף הונדערטער וויאָרסטן. מען האָט אַרײַנגעבראַכט מאַנופֿאַקטור, גאַלאַנטערײ, סאָכעס, סערפּן, קאָסעס און אַקערס, העק, גראַבאײַזנס און צוועקעס און אַלע שטוב־זאַכן. דאָס שטעטל האָט אויך צוגעשטעלט צו די אַרומיקע דערפֿער, און אַפֿילו צו די נאָענטע שטעט, קליידער און שטיוול און אַלערלײ בלעכענע כּלים; אויך סטאָליאַרעס און טשעסלערס.

דער פּויער האָט געהאַט וווּ אָפּזעצן זײַן תּבֿואה און אויך געקענט ווינטער פֿאַרדינען אין די וועלדער פֿון פֿירן געהילץ. איז געווען גענוג אַרבעט פֿאַר די שטעטלשע בעל־מלאכות און גענוג לײזונג פֿאַר די קרעמער. די ייִדן דאָרפֿסגײער האָבן אויך געגאָסן פֿון דער שפֿע.

די באַלעבאַטישע בחורים זענען געוואָרן פּריקאַזטשיקעס אין די מאַנופֿאַקטור־קראָמען. דאָס איז געווען אַן אײדעלע אומנות. אַ פּריקאַזטשיק אין אַ גאַלאַנטערײ־געשעפֿט איז געווען אַ נידעריקע מדרגה און אַ פּריקאַזטשיק אין אַ שפּײַז־געוועלב איז שוין געווען דאָס זעלביקע ווי אַ בעל־מלאכה.

פּריקאַזטשיקעס זענען געוואָרן יענע בחורים וואָס האָבן געקענט בלויז ריידן רוסיש און אַביסל אויך שרײַבן רוסיש און חשבונען. די וויל־געלערנטע בחורים זענען געוואָרן בוכהאַלטערס, אויפֿזעערס אין וואַלד־געשעפֿטן, אַרויסהעלפֿערס צו די סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אויסלאַנד אָדער מיט וואַרשע, טאַבאָלסק, מינסק און ליבאַווע.

אַ צאָל מיידלעך האָבן זיך געקליבן אויף די פֿרעבל־קורסן אין וואַרשע. עטלעכע בחורים האָבן זיך געגרייט אויף די גראָדנער לערער־קורסן. שמעון האָט אויך געוואָלט אָנקומען אויף די גראָדנער לערער־קורסן, נאָר דער פּריזיוו איז אים געשטאַנען אין וועג.

גאָר אַ גרויסע צאָל בחורים האָבן געעקסטערנעוועט (געלערנט פֿאַר זיך, און זיך געגרייט אויף עקזאַמענס פֿון אַ גאַנץ גימנאַזיע). מען איז געגאַנגען אויף עקזאַמענס און מען איז דורכגעפֿאַלן. אין די אוניווערזיטעטן האָט מען כּמעט ווי נישט אַרײַנגענומען קיין ייִדישע סטודענטן. אָבער די יוגנט איז נישט געווען פֿאַרצווייפֿלט אָדער אַפֿילו דערשלאָגן. ס׳איז דאָ אַן אויסלאַנד: דײַטשלאַנד, די שווייץ, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. דאָרטן אין אייראָפּע קען מען גיין אויף קורסן

און דער עיקר האַלטן זיי דאָרטן אַן אויג אויף די אַלע רשעותן, וואָס ווערן באַ־גאַנגען אין דער דערוויילן פינצטערער רוסלאַנד.

אַפילו דער מיאוסער ביילים בלוט־בלבול האָט נישט דערשראָקן אָדער צע־טומלט דאָס שטעטל. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די פינצטערע כוחות, וואָס ווילן נישט אַרויסלאָזן די מאַכט פון זייערע לאַפּעס. אָבער די וועלט לאַכט אין די הויפּנס פון די אַלע רעאַקציאָנערן. אַ בלוט־בלבול אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! די רוסישע אינטעליגענץ, וואָס איז דאָס אמתע רוסישע פאָלק וועט נישט לאָזן דעם לעפּיש, דעם צאַר, צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון ראַסיי. דאָס רוסישע פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ טאָלסטאָי, אַ טורגע־נעוו, אַ גאָרקי און אַ קאָראָלענקאָ וועט נישט שווייגן. ווען מען האָט דער צאַר? די שוואַרצע מאה און דעם אומוויסנדיקן גלח פּראַנייטוס. זיי וועלן דאָך ווערן צו חוכא וטלולא אין אייראָפּע. איז וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן?

אמת, ס׳איז איצט ביטער און שלעכט אין רוסלאַנד. דער צאַר מיט זיינע משרתים האַלטן רוסלאַנד אין קייטן. גאַנץ רוסלאַנד איז צוריקגעשטאַנען לגבי אייראָפּע. די דערפער זענען אָרעם, מען לאָזט דעם פּויער נישט אויפהייבן דעם קאָפּ. די שטעט ווערן דערשטיקט פון די אייזערנע לאַפּעס פון דער פּאָליציי. און די יידן? זיי איז ערגער פון אַלעמען. ס׳איז ענג אין תחום המושב. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט גייט אַרום שליגג און שלאַנג. געראָטענע קינדער — און זיי האָבן נישט וואָס צו טאָן און האָבן נישט קיין האָפענונג אויף קיין תכלית. אָבער מאָדנע, דאָס יאָר אָדער יאָר און אַ האַלב איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמע־ריקע, איז ביי אים געבליבן אין זכרון ווי אַ גליקלעכע צייט, נישט נאָר ווייל אין שטעטל איז געווען אַ שפע, נאָר ווייל אַלע זענען געווען פול מיט דערוואַר־טונג אַז אָט־אָט קומט די גרויסע רעוואָלוציע, זי שטייט און קלאַפּט אין טיר. דעמאָלט וועט ווערן גוט פאַר אַלע פעלקער פון רוסלאַנד און יידן בתוכם.

ס׳איז טאַקע פינצטער איצט אין רוסלאַנד. אָבער ס׳איז די פינצטערניש פון אין דער פרי, איידער דער טאָג לייכט אויף. דער ליכטיקער פרימאָרגן מוז קומען, די זון וועט אַ שיין טאָן און עס וועט ווערן אַזוי ליכטיק אין רוסלאַנד, ווי עס איז איצט אין אייראָפּע. די יוגנט האָט געזונגען אויף איר אייגענעם אופן, דאָס יאָושדיקע ליד פון אברהם רייזען „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן". זי האָט צוגעגעבן צו דעם ליד איין וואָרט „נישט" און דאָס ליד איז געוואָרן פול מיט האָפענונג און באַלדיקער ישועה:

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט.
נ י ש ט ל אַ נ ג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נ י ש ט וו יי ט.

אין אָריגינאַל איז געשטאַנען: „לאַנג וועט דויערן דער ווינטער, זומער איז נאָך ווייט".

די יוגנט איז נישט געווען פאַרצווייפלט. זי איז געווען פול מיט אויפברויז, פול מיט פּלענער אויף אויפשטאַנד און נאַציאָנאַלע האָפענונגען. ס'איז נישט געווען קיין איין פּאַרטיי אין דער גרויסער רוסלאַנד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מיטגלידער אָדער נאָכפאָלגער אין שטעטל. די יוגנט האָט איינגעשטעלט צווישן זיך שאַרפע דיסקוסיעס לשם פּראָפּאַגאַנדע. ביי יענע דיסקוסיעס פלעגן די פּאַרטייען צונעמען מיטגלידער איינעם פון די אַנדערע. דאָס שטעטל האָט צו־געשטעלט אַגיטאַטאָרן פאַר די דערפער און אַפילו פאַר די צוויי נאָענטע גרויסע שטעט: מאָזיר און רעטשיצע. פאַר די גרויסשטאָטיקע רעוואָלוציאָנערן איז דאָס שטעטל געווען אַ גוט אָרט אויסצובאַהאַלטן זיך פון דער פּאָליציי.

קאַלינקאָוויטש האָט געהאַט אַ שם אין דעם גאַנצן קאַנט מיט דער ביבליאָ־טעק, אַן אומלעגאַלע, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע פּאָר הונדערט ביכער אויף די דריי שפּראַכן: העברעיִש, יידיש און רוסיש. אין שטעטל איז אויך געווען אַ חדר מתוקן. ס'האָט געברויזט און געקאָכט אין שטעטל מיט פּאַרטייען, פּראָגראַמען, ליטעראַרישע דיסקוסיעס און פּאָליטישע אַמפּערייען. ווינטער אין די הייזער און זומער אין וואַלד און אויפן שאָסיי.

***

דער שטעטלדיקער שאָסיי ציט זיך פון עק זאַמד, פון דעם לעצטן הויז וואָס שטייט האַרטביים צווייטן וואַלד ביז דער באַן־סטאַנציע — איבער פולע צוויי וויאָרסט. דער שאָסיי האָט געזאָלט אויסגעלייגט ווערן פון דער באַן־סטאַנציע ביז דער אויעזדנער שטאָט כדי עס זאָל זיין גרינגער צוצופירן סחורות פון דער באַן־סטאַנציע ביז מאָזיר — אַ מהלך פון צוועלף וויאָרסט. אָבער מען האָט אָפּ־געשטעלט דאָס בויען פון שאָסיי נאָך די ערשטע צוויי וויאָרסט. מען רעדט, אַז דער יידישער פּאַדריאַטשיק האָט באַנקראָטירט צוליב די גרויסע סומעס כאַבאַר וואָס ער האָט געדאַרפט אויסטיילן צו די אשר משרתים און יוצר משרתים, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויפן אויסלייגן פון דעם שאָסיי. דערוויל איז דער נישט־פאַרענדיקטער שאָסיי געווען אַ מזל־ברכה פאַר די שטעטלדיקע קרעמער — ס'איז געווען גרינג צו ברענגען סחורה פון באַן. דעם גרעסטן נוצן פון שאָסיי האָט אָבער געהאַט די יוגנט.

איידער דער שאָסיי איז אויסגעבויט געוואָרן, איז נישט געווען ווו צו שפּאַ־צירן. די וועגן זענען געווען זאַמדיקע, האָט מען געשפּאַצירט צו די בעריאָזקעס לעבן גלחס סאַד, ווו ס'איז נישט געווען ווו אַהינטאָן זיך, אָדער צום וואַלד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין וועגן צום שפּאַצירן. איצט האָט זיך דער שאָסיי געצויגן אויף צוויי וויאָרסט. אַ וועג אַ גלאַטער, טרוקן אין די גרעסטע רעגנס און פון

ביידע זייטן זענען געווען קאַנאַוועס, די נידערס גוט אָפּגעהיט, פאַרזייט מיט גראָז און בלומען, אַז די משופּעדיקע ווענט זאָלן נישט איינפאַלן און פאַרשיטן די גראָזן. פון ביידע זייטן שאָסיי, אַריבער די קאַנאַוועס זענען געווען פאַר־פלאַנצט ליפּע־ביימער, אַלשאַנעס, בעריאָזעס און דאָ און דאָרט אַ נאָדל־בוים.

באַלד נאָך זון־אונטערגאַנג האָט די יוגנט אָנגעהויבן שפּאַצירן. מען האָט שפּאַצירט שערענגעווייז. מען האָט עס גערופן „דער קאַלינקאָוויטשער פלויט". איבערהויפּט האָבן זיך אַזוי אויפגעפירט די מיידלעך. זיי פלעגן זיך נעמען אונ־טער די הענט, צען אין אַ שערענגע — פאַרנעמען דעם גאַנצןברייט פון שאָסיי און שפּאַצירן. די מאָדע האָבן איבערגענומען די פאַרטייען. בחורים און מיידלעך פון דער זעלביקער פאַרטיי פלעגן זיך צונויפנעמען אין אַ צעפּ (אַ קייט), מאַכן עטלעכע פלייטן אַלץ פון אייגענע און שפּאַצירן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע פאַרטייען.

אַ שעה נאָכן פאַרנאַכטיקן באַן איז נישט דורכגעפאָרן קיין פור ביז העט שפּעט אין דער נאַכט — צום מיטנאַכטיקן באַן. האָט קיינער נישט געשטערט די שפּאַצירנדיקע. צווישן די בחורים און מיידלעך איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז אַלע האָבן געשפּאַצירט אין איין וועג, אין איין ריכטונג. צען, פופצן אָדער צוואַנ־ציק אַזוינע „פלויטן" פלעגן צוערשט שפּאַצירן צום וואָקזאַל און דערנאָך זיך אומקערן צוריק.

אָפט האָט חברה געוואָלט אַ שטיף טאָן, איבערהויפּט ווען עס זענען געווען בלויז מיידלשע פלויטן. איין פלויט האָט זיך אומגעקערט אין מיטן וועג און זיך געלאָזן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג; באַלד האָט זיך עס אָנגעשלאָגן אָן אַ צווייטן פלויט. מען האָט געדאַרפט דורכרייסן דעם צעפּ (קייט). ס'איז געוואָרן אַ שטור־פעריי, אַ קוויטשעריי און אַ נערוועזער געלעכטער — ס'איז געווען דער אופן ווי די בחורים האָבן זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן געקענט פאַרטשעפּען מיט די מיידלעך. דאָס געראַנגל האָט קיינמאָל לאַנג נישט געדויערט, מען האָט זיך גע־שעמט. אָבער אַפילו אַזאַ אומשולדיקע שפּיל האָט זעלטן געטראָפן צווישן דער פאַרטייישער יוגנט — צווישן די אמת אויפגעקלערטע. די אויפגעקלערטע האָבן שטענדיק אָדער ערנסט דיסקוטירט צווישן זיך אָנישט געזונגען.

אַ שבת־צו־נאַכט אין דעם לעצטן חודש אלול, וואָס שמעון איז געווען אין שטעטל, אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט, אַ וואַרעמע. איבערן קאָפּ האָבן זיך געטראָגן די „צויבער־פעדים" — פון פאַלעסיער האַרבסט, און די סווישטשעריי פון די פייגל אין די נאָענטע וועלדער, דאָס קוואַקען פון זשאַבעס און ברומען פון אַלערליי חיה־לעך אין די קוסטעס אַרום דעם טייך און די בלאָטעס, האָבן פאַרטויבט די לופט. שמעון אינאיינעם מיט די אַנדערע בחורים און מיידלעך זענען אַרויס שפּאַצירן אויפן שאָסיי. זיי האָבן געמאַכט אַ פלויט און ווי זיי זענען אַריבערגעגאַנגען דאָס

בריקל, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבערן טייכל, האָבן זיי זיך צע־זונגען. זיי האָבן געזונגען אַ העברעיִש קינדער־לידל, וואָס באַראָם דער העברעיִ־שער לערער האָט געבראַכט אין שטעטל און עס אויסגעלערנט די קינדער פון דעם חדר מתוקן. ווי אַלע לידער און לידלעך פון יענער צייט האָט עס געהאַט אויך אַ „טיפן" מיין, אַ מוסר־השכל.

צען פייגעלעך, קליינע פייגעלעך,
זענען פון ארץ־ישראל געפלויגן,
האָבן קינדער איינע געפאַנגען
זענען ניין נאָר געבליבן.
אוי, ווי ווייניק ס'דאַ זון
פאַר דעם קליינעם פייגעלע,
וואָס געכאַפּט האָבן די קינדער
און פאַרשפּאַרט אין שטייגעלע.

דאָס לידל ציט זיך ווי דאָס פאָלקסליד „צען ברידער זענען מיר געווען", ביז עס בלייבט נישט קיין איין פייגעלע. אַלע פערזן האָט מען געזונגען סאָלאָ, דעם צווייטן פערז האָט דער כאָר איבערגעחזרט. די סאָלאָ האָט געזונגען צפורה ברוך־חיימס. אַ שטים האָט זי געהאַט אַ קלינגענדיקע אָבער אַ זיסע. געזונגען האָט זי מיט האַרץ און מיט טיפן ציטער. דער ניגון און די ווערטער זענען געקראָכן און דורכגעגעבערט שמעונס האַרץ. צפורה זינגט. אַלע בחורים זענען פאַרליבט אין איר, ווייל זי איז שיין, קלוג און געלערנט. אָבער ער איז איר אויסדערוויילטער. זי גייט האַרט לעבן אים און איר האַנט איז אין זיין קעשענע, זי האַלט שטייף זיינע פינגער און ער פילט ווי זי זינגט נאָר פאַר אים — די ווערטער פונעם קינדער־לידל זענען דאָך באמת ווי יִדן זענען אַוועק אין גלות. יעדע עדה ווערט געפאַנגען פון אַן אַנדער פאָלק און ווייניק ליכט איז יִדן געבליבן פון דעם לעבן פון כל־טוב, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ארץ־ישראל. און גלות־האומה גייט מיט גלות־השכינה און, אַז די אומה איז אין גלות און מיט איר אויך גאָט, איז טרויעריק אויף דער וועלט, זייער טרויעריק. דערפאַר קלינגט אַזוי טרויעריק צפורהס קול. מען קען נישט זיין גליקלעך אין אַזאַ וועלט און דערצו פאָרט ער באַלד אַוועק... און ער ענטפערט מיט האַרץ:

מעט מאיר שמש
מחיים של כל טוב
צדו ילדים את האחת
ושמו אותה בכלוב. (פריִער פאַרטייטשט).

די העברעיִשע יוגנט איז אַרויס שפּאַצירן פּרי. הינטער איר שפּאַצירן שוין אַלע פּאַרטייען. איידער צפורהס קול האָט אָפּגעהילכט איבערן וואַלד און צוריק־געבראַכט אַן עכאָ, האָט זיך דערהערט אַן אַנדער געזאַנג:

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט,
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָן איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט,
— — — — — — — — — — — — —
צו שבועה, צו שבועה אויף לעבן און טויט.

די בונדיסטן הייבן אָן אַלעמאָל זייער געזאַנג מיט דער שבועה. נו, ווען די פּועלי־ציוניסטן שווייגן? און טאַקע באַלד רייסן זיך אַריין נייע קולות:

מיר הייבן די הענט קעגן מזרח און שווערן
ביי ציון, איר פאָן, ביי איר הייליקער ערד,
ביי אַלץ, וואָס מיר ליבן, וואָס הייליק מיר ערן
ביי אונדזער העלדישער צעבראָכענער שווערד.

אין דעם דאָזיקן יידיש געזאַנג רייסט זיך אַריין די גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט אַ רוסיש ליד:

„סאָלנצע ווסכאָדיט אי זאַכאָדיט"
די זון גייט־אויף און פאַרגייט,
אָבער מיין צעל איז שטענדיק פינצטער,
טאָג און נאַכט קלאַפּן וועכטערס פיס —
היטן די גראַטעס פון די פענצטער.

ס'געוואָרן אַ געזאַנג־געפעכט. ס'געווען אַ מין גרויסע פּאָליטישע געזאַנג־פאַרזאַמלונג לשם אַגיטאַציע. יעדע פּאַרטיי האָט געוואָלט אויסנעמען מיט אירע לידער. אַלע חוץ די העברעיִשע יוגנט האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. אָבער קיינמאָל האָבן די פּאַרטייען נישט געזונגען אינאיינעם די איין און דאָס זעלביקע ליד. שמעון טראַכט איצט: ס'איז דאָך געווען אַ קלאָרער אָנזאָג אויף דער אכזריותדיקער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעהרגעט די אייגענע חברים רעוואָלוציאָנערן און דערשטיקט יעדן סימן פון פרייהייט און קעגנערישער מיינונג. די סימנים זענען שוין דעמאָלט געווען. אָבער ווער קען פאַרויסזאָגן די צוקונפט, אַפילו ווען די צייכנס (אָמענס) שרייען עס אויס הויך אויפן קול?

אין יענער ליכטיקער לבנה־נאַכט האָט שמעון באַגלייט צפּורהן אַהיים. זיי זענען געבליבן זיצן ביז העט שפּעט אין דער נאַכט אויפן גאַניק. דרייען זענען זיי געזעסן: זי, איר עלטערע שוועסטער און שמעון. ער איז געזעסן לעבן איר און געפילט אַ ציטערדיקע אומרויִקייט טראָגט זיך צווישן זיי. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ווי איר האַנט האָט זיך צוגעשאַרט הינטער זיין פּלייצע און זיך איינגעגעסן מיט די נעגל אין זיין לייב. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן פון גרויס צופרידנקייט און תענוג און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט ווי איינער וואָס ווערט פאַרחלשט. ווי אין חלום האָט ער דערהערט איר שוועסטערס קול: „ס׳איז שוין שפּעט. איך קען נישט האַלטן אָפן די אויגן. מאַך פאַר מיר אָרט. איך וויל זיך צולייגן". צפּורה האָט אַוועקגעלייגט אויף אירע קני דער שוועסטערס קאָפּ און צוגעדעקט איר פּנים מיט איר קאָפּ־טיכל און תיכף צוגעפאַלן צו שמעונס ליפּן.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס שמעון און צפּורה האָבן זיך געקושט אין די גאַנצע דריי יאָר, וואָס זיי האָבן געפירט אַ ליבע.

אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט אָנגעזאַפּט מיט געזאַנג און יוגנט־פרייד. דער לעצטער אלול אין שטעטל.

קאַפּיטל 18

איבערן גרענעץ

שמעון איז געשטאַנען צום פּריזיוו. און ווי ער האָט זיך געריכט, האָט מען אים אָפּגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. ער איז געקומען אַהיים אַ צופֿרידענער — איצט קען ער אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע.

ער וואָלט געוווען אָפּגעפֿאָרן קיין אַמעריקע גלייך אין אָנהייב אלול, ווען ער איז געקומען פֿון דער קנעלונג אין דאָרף. ער איז געוווען זיכער, אַז מען וועט אים אָפּגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. אָבער די מאַמע מערע האָט געהאַפּט אויף אַ נס. אַט איז דער עלטערער זון שמחה, אַ בחור אַ בוים, אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט. מען האָט אים אויסבראַקירט ווייל די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן אַז ער האָט אַ קראַנק האַרץ.

שמעון האָט איינגעטענהט מיט מערען:

— מאַמע, איינמאָל אין אַ יובל טרעפֿט אַ נס, אַ צופֿאַל, אַן אויסנאַם. שמחה האָט געהאַט אַ צווייטע לגאַטע און אַ הויכן נומער, אַזוי אַז עס איז געוווען גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַן ערשטע לגאַטע. נו, האָט ער זיך בכלל נישט געריכט, אַז עס וועט אָנקומען צו אים. ווען מען האָט אויסגערופֿן זיין נומער איז ער געזעסן און פֿאַרבראַכט מיט חברים, אַ וויאָרסט פֿון פּריסוטסטוואָ. ווען ער האָט עס דערהערט איז ער געלאָפֿן נישט צו פֿאַרשפּעטיקן, ווייל טאָמער פֿאַרשפּעטיקט ער, איז אַפֿילו ווען ער יאַוועט זיך (קומט אָן, ווייזט זיך) און מען נעמט אים צו פֿאַר אַ סאָלדאַט, דאַרף מען אַלץ באַצאָלן די דריי הונדערט רובל שטראָף. דערפֿאַר איז ער געלאָפֿן ווי אַ משוגענער, אַ דערשראָקענער און ווען ער איז אַריין אין פּריסוטסטוואָ, האָט דאָס האַרץ ביי אים געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן פֿון שרעק און לויפֿן. עס קען זיין אַז זיין האַרץ איז טאַקע אָנגערירט געוואָרן אויף יענעם מאָמענט, האָבן אים די דאָקטוירים באַפֿרייט מיט אַ ווייסן בילעט. אפשר האָבן זיי געמאַכט אַ טעות. אָבער די גמרא זאָגט: לא בכל שעתא ושעתא מתרחש ניסא — נישט אין יעדער שעה טרעפֿט אַ נס.

די מאַמע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אויף אַלץ האָסטו אַ פּאַרטיקן פּסוק, אָדער אַ שטיקל גמרא. אָבער איך האָב אמונה, אַז דו וועסט נישט צוגענומען ווערן און וועסט נישט דאַרפן אַנטלויפן פון אונדז. וועסט בלײַבן אין דער היים.

שמעון האָט אָנגעקוקט דער מאַמען מיט זײַן דורכדרינגענדיקן בליק און געזאָגט:

— ס'איז מיר אײַנגאַנצן קשה וואָס דו ווילסט נישט איך זאָל אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. האָסט דאָך וואָכן לאַנג געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער גליקלעכער אַמעריקע, דאָס לאַנד וואָס האָט געגעבן ייִדן אַלע רעכט און מיידלעך דאַרפן נישט קיין נדן. אָט איז שוין רחל־לאה אַ כלה געוואָרן. דאָ איז פאַר איר נישט געווען קיין תכלית און וואָס וועט ווערן פון ברײַנען, שלמהן, עלקען און בנימינען?

— גיי נאָר אַרויס מיט אַ ווײַסן בילעט, אָדער אפילו מיט אַ בלאָען, — האָט די מאַמע געענטפערט, — וועסטו נישט פאַרפאַלן ווערן. דו, מיט דײַן קאָפּ און מיט דײַן צונג, וועסט זיך גרינג דערשלאָגן צו עפּעס. וועסטו וועלן לערנען — וועסטו זיך לערנען. וועסט אויסהאַלטן עקזאַמענס אויף גימנאַזיע אויב דו וועסט נאָר וועלן. נאָכן אויסהאַלטן עקזאַמענס וועסטו פאָרן אין „זאַגראַניציע“ אויסלאַנד, אויסשטודירן און צוריקקומען. אַנישט וועסטו ווערן אַ בוכהאַלטער, אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר, אָדער אַן אויסגעשטודירטער לערער. און פאַרוואָס נישט קיין שרײַבער? אָט האָט מען שוין דאָך אָפּגעדרוקט דײַנס אַ ליד אויף העברעיִש. וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן.

שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן:

— מאַמע, דו ביסט אַ קלוגע אָבער דו ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער גוייִשער וועלט. בעסערע קעפּ ווי מײַנע זײַנען געגאַנגען צום עקזאַמען און מען האָט זיי „סרעזשעט“ (דורכגעוואָרפן). און מסחר האָב איך פײַנט. איך וויל לערנען און דאָ זענען די גימנאַזיעס און די אוניווערזיטעטן פאַרשלאָסן פאַר ייִדן. איך מוז פאָרן קיין אַמעריקע. איך ווייס דו ווילסט נישט איך זאָל אַוועקפאָרן, ווײַל מען האָט דעם טאַטן צוריקגעשיקט פון אַמעריקע און דו מיינסט, אַז מיר וועלן זיך צעשיידן אויף אייביק. אָבער מאַמע, פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך וועל געפינען אַ מיטל אײַך אַריבערברענגען. דו וועסט זען, ווי נאָר...

די מאַמע האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— עט, וועסט נישט זײַן בעסער פון שמחהן. ניין, דו וועסט זײַן ערגער. דו ביסט טאַקע אַ גוטהאַרציקער, אָבער דו ביסט צופיל פאַרנומען מיט זיך. פאַרקוקסט זיך אויף לאַסטאָטשקעס (שוואַלבן), וואָס פליִען און דו טראַכסט פון נעכטיקע טעג. קענסט פטרן צײַט אויף צו איבערטראַכטן פאַרוואָס וואַקסט אַ

בוים מיט וואָרצלען אין דער ערד און מיט די צווייגן אין דער הויך און נישט פאַרקערט? ס׳וועט אויך דיר נעמען צייט ביז דו וועסט קומען צו אַ תכלית. וועסט אונדז האָבן אין זינען, אָבער וועסט אונדז נישט קענען העלפן, דו צילע־וועסט הויך. שטעל זיך צום פריזיוו. אפשר וועט פּאַרט געשען אַ נס און מען וועט דיך אויסבראַקירן. אַנישט, וועסטו פאָרן אַ צוגענומענער.

— גוט, מאַמע, איך וועל זיך שטעלן צום פריזיוו, — האָט שמעון נאָכ־געגעבן.

אָבער אין דער צייט וואָס די מאַמע האָט געוואַרט אויף אַ נס, האָט זי גע־הייסן שמעונען ער זאָל שרייבן קיין אַמעריקע צום ברודער און צו דער שוועס־טער מען זאָל אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע. זאָל זיין אָנגעגרייט אַ שיפסקאַרטע אויב מען וועט זי דאַרפן. זיי האָבן תיכף אַרויסגעשיקט אַן אָנווייזונג אויף אַ קאַנטאָר אין ליווערפּול, אין ענגלאַנד.

אַלץ איז געווען גרייט און אויסגערעכנט אויף דעם טאָמער וועט מען אים אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון מלמדות איבער זעקס הונ־דערט רובל. ער האָט געהאַט געווען גענוג געלט אויף נסיעה־הוצאות און ווייזן די דריי הונדערט רובל אין „קעסטל גאַרדן״ ווי דער אַמעריקאַנער געזעץ פאָדערט. פאַר־שטייט זיך ווי ער וועט נאָר אַראָפּגיין פון „קעסטל גאַרדן״, וועט ער אָפּשיקן די דריי הונדערט רובל אַהיים. טאַטע־מאַמע וועלן האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן די דריי הונדערט רובל קנס, וואָס די צאַרישע רעגירונג לייגט אַרויף אויף יידישע טאַטע־מאַמע ווען זייער זון אַנטלויפט פון סאָלדאַטן.

אַלץ איז געווען אויסגעחשבונט, אויסגערעכנט און צוגעגרייט. ווען שמעון איז געקומען אַהיים אַ צוגענומענער, גלייך אויף מאָרגן, אין אָוונט, זענען טאַטע־מאַמע און שמעון אָוועק צו וועלוול אַגענט מושווה צו ווערן מיט אים אַריבערצו־שמוגלען שמעונען איבערן גרענעץ.

ר׳ זאב־וואָלף קיוועס, וואָס אונטער די אויגן האָט מען אים גערופן וועלוול אַגענט, איז אַמאָל געווען אין די פעדערן — אַ גרויסער סוחר, וואָס האָט גע־האַנדלט נאָר מיט אויסלאַנד. ער איז אָפט געפאָרן קיין דייטשלאַנד, עסטרייך און אין דער שווייץ. מיט וואָס ער האָט געהאַנדלט, האָט קיינער נישט געוווסט, אָבער ער האָט געפירט אַ גבירישן שטאַט.

ער איז געווען אַ ייִד אַ הדרת פנים און אַ למדן, געשטאַמט פון יחוס, גע־האַט אַ גרויסע שטוב אויפן זאַמד, נישט ווייט פון וואַלד. אין שול האָט ער גע־האַט אַ שטאָט אין שפּיגל־באַנק, גלייך אַנטקעגן אָרון־קודש. ער האָט געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. ווען ער איז געווען אין דער היים, איז ער געגאַנגען דאַווענען צום לעצטן מנין; געטראָגן אַ גרויסן סאַמעטענעם טלית־זעקל ווו עס איז געלעגן אַחוץ דעם גרויסן טלית מיט דער שווערער זילבערנער עטרה אויך

צוויי פּאָר תפילין און אַ סידור און אַ קליינע גמרא. ווען רבי געצל איז געווען פאַרנומען אָדער קראַנק, האָט ר׳ זאב־וואָלף געזאָגט דעם שיעור גמרא פאַרן עולם.

אַ פרומער ייד, אַ למדן, אַ גביר אָבער דאָך האָט דאָס שטעטל נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים. ער האָט געחלשט ווערן גבאי ראשון אין דער אַלטער שול און מען האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעקליבן. ער איז אַוועק דאַוונען אין נייעם בית־מדרש, אָבער אויך דאָרטן האָט ער נישט געהאַט קיין בעסערן מזל. עפּעס האָט דאָס שטעטל געהאַלטן, אַז אַ פּאָר וואָס און אַן אַ פּאָר ווען, אַז זיינע מסחרים זענען נישט קיין כשרע.

מיטאַמאָל איז ער פאַראָרעמט געוואָרן. אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט אַריבערשמוגלען איבערן גרענעץ נישט נאָר דימענטן און זייגערלעך, נאָר עפּעס אַזוינע טריפהנע רפואות, וואָס דערפאַר קומט קאַטאָרגע. אָבער ער האָט געדונגען גרויסע אַדוואָקאַטן און איז אָפּגעקומען מיט קנס, מיט אַ הויכער געלט־שטראָף, און די טריפה סחורה האָט מען קאָנפיסקירט און ער איז אַרויס נקי — ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

אַרום אַ יאָר צייט איז ער געלעגן איינגעלייגט, אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורהדיקער, אַ שווייגנדיקער און איז אַפילו געגאַנגען דאַוונען זעלטן. נאָכן יאָר האָט ער געמאַכט שותפות מיט אַן אַגענט, וואָס באַזאָרגט נסיעות קיין אַמע־ריקע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער. דער אַגענט האָט געהאַט זיין קאַנטאָר אין דער נאָענטער שטאָט מאַזיר. אַזאַ אַגענט האָט אין די קליינע שטעטלעך נישט נאָר באַזאָרגט די רייזע, נאָר אויך אַריבערגעשמוגלט, מיט דער הילף פון קאָנטראַבאַנדיסטן, אימיגראַנטן איבערן גרענעץ. אַ סך אימיגראַנטן האָבן נישט געקענט קריגן קיין אויסלענדישן פּאַס, — אַנטלאָפענע רעקרוטן, רעוואָלוציאָנערן אָדער גלאַט פאַרזינדיקטע מענטשן. ס׳האָט אויך געקאָסט ביליקער אַרי־בערשמוגלען זיך איבערן גרענעץ ווי צו באַזאָרגן זיך מיט אַן אויסלענדישן פּאַס. אַן אַגענט האָט געהאַט פּרנסה בשפע.

גאָר אינגיכן איז ביי זאב־וואָלפן געוואָרן אויס שותפות. וועלוול איז גע־וואָרן באַלעבאָס פאַר זיך און ער האָט שטאַרק מצליח געווען. דווקא זיין פאַר־דעכטיקע פאַרגאַנגענהייט האָט אים אַרויסגעהאָלפן — ער קען די גרענעץ און איז אויסגעבונדן מיט די וואָס מען באַדאַרף — האָבן מענטשן געזאָגט, — קען מען אים געטרויען.

ער האָט צוריק אָנגעהויבן פירן שטאָט. געגעבן צדקה מיט דער ברייטער האַנט, ווידער געקויפט עליות און געגעבן גרינג אַ גמילות־חסד. אָבער אין שטעטל איז ער נישט געוואָרן קיין גרעסערער חשוב. אין די אויגן האָט מען אים טאַקע גערופן ר׳ זאב־וואָלף, אָבער אונטער די אויגן האָט מען אים איצט שוין גערופן „וועלוועלע אַגענט״.

בענטשע, מערע און שמעון זענען אַריין צו וועלוולען אין שטוב שפּעט אין אָוונט, צוליב אַ „גוט אויג״. ער איז געזעסן ביים טיש און איבערגעקוקט חשבונות. ער האָט אויף גיך צונויפגעקליבן די פּאַפּירן, זיי אַריינגעלייגט אין טיש־קעסטל און געזאָגט מיט רוגזה, אַפילו נישט געבעטן די אַריינגייער זיך צו זעצן:

— אַזוי? איר זייט געקומען אַהער מיט שמעונען. פאַרוואָס זייט איר געקומען די לעצטע מינוט? וואָס מיינט איר, אַריבערפירן אַן אָפּגעגעבענעם סאָלדאַט איבערן גרענעץ איז אויפעסן אַ בייגל? גנבהנען די גרענעץ איז אַ שווערע מלאכה און מיט אַ צוגאָב פון שווערע חלומות.

די מאַמע האָט נישט געבעטענערהייט גענומען אַ שטול פאַר זיך און אַ שטול פאַרן טאַטן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך.

זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט:

— וואָס איז אַ גרינגע מלאכה? אפשר ציילן געלט. און וואָס מיינט איר — געקומען די לעצטע מינוט? מען לעשט אַ שרפה ווען עס הייבט אָן ברענען. מען האָט שמעונען אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. נו, וועט ער גיין דינען פאָניען?

— איר זייט געקומען אין אַ שלעכטער צייט, — האָט וועלוול געענטפערט געלאַסן. — זומער־צייט איז גרינג צו גנבענען די גרענעץ, אָבער איצט? אַלע אַנטלויפן אין דער דאָזיקער צייט פון יאָר. ס׳איז דאָך נאָכן פּריזיוו. חוץ דעם האָב איך אַ פאַרטיע פון פּירעץ, וואָס איך דאַרף אַריבערפעקלען די גרענעץ. מער קען איך נישט נעמען. איר׳ט דאַרפן וואַרטן פינף אָדער פיר וואָכן.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן ברעכן די הענט:

— ווי איז מיר, אין דריי וואָכן אַרום דאַרף ער זיך „יאַווען צום סבאָרני פונקט״ (אַ הויפּט־אָרט ווו די רעקרוטן פון ראַיאָן קומען זיך מעלדן). פון דאָרטן איז נישט אַזוי גרינג צו אַנטלויפן. דערצו ווערט מען שוין דעמאָלט פאַררעכנט ווי אַ זעלנער אין דער אַרמיי, אַנטלויפט מען פון דאָרטן און מען כאַפּט, שמעקט עס מיט „דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן״. דער רעקרוט איז שוין דעמאָלט אַ וואָיענער (אַ מיליטערישער מאַן) נישט קיין שטאַטסקער (ציווילער).

וועלוול האָט פאַררויכערט אַ פיינעם טערקישן פּאַפּיראָס, געבלאָזן רויק דעם רויך און געענטפערט גלייכגילטיק:

— אַוודאי נאָכן „סבאָרני פונקט״ איז מער סכנה. דאָס איז אייער קאָפּדאַרעניש.

די מאַמע איז געוואָרן אומגעדולדיק און געענטפערט אַן אויפגעבראַכטע:

— דו בענטשע, הער מיר אויף באַוויינען, וואָס מאָרגן וועט זיין. און איר, ר׳ זאב־וואָלף, זייט גערעכט: ס׳איז מיין קאָפּדאַרעניש. איז זייט מיר געזונט און שטאַרק און אַ דאַנק גאָט זייט איר נישט דער איינציקער הינקענדיקער שניי־

דער אין גאַנצן קאַנט. מאָרגן אין דער פרי פאָר איך קיין מאָזיר צו זאַנעצקין, ער איז אויך אַן אַגענט און אַ גאַנץ פיינער ייִד.

וועלוול האָט זיך אַ קער געטאָן אַן אויפגעבראַכטער:

— וואָס פאַרגלייכט איר מיך מיט זאַנעצקין? יענער איז דאָך אַ רויטער רמאי, אַן אמתער לבן! האָט מען ווען עס איז אַמאָל געכאַפּט איינעם פון מיינע, וואָס איך האָב אַריבערגעפירט איבערן גרענעץ? מיינער אַ וואָרט איז וואָרט! האָב איך ביי עמעצן געבעטן אַ דאָבאַווקע (אַן הוספה) נאָכדעם ווי איך בין מושווה געוואָרן מיטן מקח? איז וועמענס ס׳איז באַגאַזש פון מיינע פאַרפאַלן געוואָרן? אָבער זאַנעצקי? וואָס מיינט איר — פאַרוואָס פאָרט ער אַרום מיט אַ בריטשקע מיט דריי פערד נאָשפּיק?

די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך זע שוין, אַז איר זאָגט זיך נישט אָפּ פון אַ פאַרדינסט. איר ווילט נישט פאַרלירן קיין קונד. איז וואָס באַלעמוטשעט איר? זאָגט מה יקר און אַ סוף.

— איך וויל אייך נישט באַרייסן, — האָט וועלוול געענטפערט, — ס׳וועט אייך קאָסטן נישט מער ווי צוויי הונדערט רובל.

— אַזוי גאָר? — האָט די מאַמע זיך אויפגעשטעלט. וואָס נאָך ווילט איר? אפשר נאָך צולייגן מיין ראַבע בהמה? זי גיט אַכט קוואָרט מילך אַ טאָג.

זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן ריידן רויִקער:

— און ס׳קען זיין אַז איך קאָך זיך אומזיסט. איר ווייסט אפשר נישט, אַז מיין שמעון האָט אַ שיפסקאַרטע. וויפל איר זאָלט נישט רעכענען די הוצאות ביז ליווערפּול, איז צוויי הונדערט רובל אַ גוזמא. איך ווייס דאָך, אַז ווען מיין שמחה איז געפאָרן קיין אַמעריקע האָט די גאַנצע נסיעה־הוצאה ביז ליווערפּול נישט געקאָסט מער ווי פינף און זעכציק רובל, שוין אַריינגערעכנט די פינף און צוואַנציק רובל פאַרן אויסלענדישן פּאַס. איז ווו האָט איר געקראָגן אַ חשבון פון צוויי הונדערט רובל?

וועלוול האָט געענטפערט רויִק, קאַלט:

— איך ווייס, אַז שמעון האָט אַ שיפסקאַרטע, איך ווין נישט אויף דער לבנה. אַ גרויסע בעל־חשבונטע זענט איר טאַקע, אָבער רעכענען קענט איר נישט. איר האָט מיר געגעבן אַ חשבון מיט אייער שמחהן. דער חשבון שטימט נישט פאַר שמעונען. זיין בילעט אין באַן קאָסט טייערער — מען מוז אים קויפן אַ בילעט אין צווייטן קלאַס, ווי ער וואָלט געווען אַ רייכער בוכהאַלטער. אַן אכסניה אין טשענסטאָכאָוו פאַר אַן אַנטלאָפענעם נאָוועבראַניעץ (רעקרוט) קאָסט אַן אוצר. מען דאַרף דאָך קריגן אַן אכסניה ווו די פאָליציי שטעקט נישט אַריין די נאָז. אַריבערפירן אַ טרייפענעם אימיגראַנט איבערן גרענעץ קאָסט מער ווי אַן

אויסלענדישער פּאַס. דער סאָלדאַט וואָס טראָגט די ביקס, דער אָפיצער וואָס גיט אַכטונג אויף די סאָלדאַטן, אַלע ווילן אַ שטיק פלאָדן — אַ פלאָדן געבאַקט אויף פּוטער, אָנגעפילט מיט קעז און ראָזשינקעס און באַשמירט מיט האָניק. און דער פּראָדוויטעל (דער קאָנטראַבאַנדיסט, וואָס פירט אַריבער די גרענעץ) ריזיקירט מיט יאָרן טורמע, ווען מען כאַפּט אים, וויל ער נישט איינשטעלן אָן אַ פּעטן ביסן. און מיין איינשטעלעניש? ס׳וועט אייך קאָסטן הונדערט און אַכציק רובל; קיין פּיים נישט ווייניקער.

— עט, — האָט די מאַמע געענטפערט זיך נישט אונטערגעבנדיק, — עס רעדט זיך אַזוי „נישט קיין פּיים ווייניקער". מער פון הונדערט און פינף און דרייסיק רובל נתן איך נישט.

וועלוול איז געוואָרן באמת בייז.

— וואָס פּאַרא לשון איז דאָס, מערע? „מער נתן איך נישט". ס׳איז עפּעס ווי גערעדט צו אַ מוזשיק. הערט נאָר מיט קאָפּ, — האָט ער געצויגן האָסטיק דעם פּאַפּיראָס, — איר וועט מוזן נתנען מער. ווייניקער ווי הונדערט און פינף און זיבעציק רובל נעם איך נישט. איר ווילט נישט? פּאָרט צו זאַנעצקין, ביז איר וועט קומען אַהין, ביז איר וועט זיך באַדינגען, ביז ער וועט צונויפשטעלן אַ פּאַרטיע, וועט אייער שמעון זיין אין קאַזאַרמע. ביי מיר פּאָרט ער אָפּ מאָרגן מיטן פּאַרטאָגיקן פּאַיעזד.

— פון יענעמס אומגליק ווילט איר רייך ווערן, — האָט די מאַמע געענטפערט. — די גאַנצע נסיעה דאַרף קאָסטן — — —

אין דער זעלביקער צייט, וואָס ר׳ זאב־וואָלף און מערע האָבן זיך געדונגען צווישן זיך, איז שמעון געזעסן אין צווייטן עק צימער און געשמועסט מיט ראָביען, וועלוולס געלערנטע טאָכטער.

— זאָגט דעם אמת, — האָט ראָניע געזאָגט, — איר שרעקט זיך גאָרנישט אַריבערגנבענען זיך די גרענעץ? איר זייט אַ מוטיקער בחור.

— אַוודאי שרעק איך זיך, — האָט שמעון געענטפערט. — אַ מוטיקער מענטש שרעקט זיך אַלעמאָל. דער וואָס שרעקט זיך נישט, דאַרף נישט זיין מוטיק.

— האַלט איר זיך פאַר אַ העלד?

— ניין, — האָט שמעון געענטפערט, — איך בין נישט קיין העלד. עס ציטערט אויף מיר די הויט. אָבער איך מוז איינשטעלן. איך וויל נישט גיין דינען דעם צאַר, און איך וויל פאָרן קיין אַמעריקע. מוז איך ריזיקירן. אָבער עס ציטערט אויף מיר די הויט און בטבע בין איך נישט קיין איינשטעלער.

— און איך מיין, — האָט ראָניע געענטפערט, — אַז ס׳איז בכלל נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר וועלכער ס׳איז געפאַר. איך בין אַ פאַטאַליסטקע. איך גלייב אַזוי ווי לערמאָנטאָווס העלד פּעטשאָרין אין דער דערציילונג „דער העלד

פון אונדזער צייט": דער גורל פון דעם מענטשן איז אָנגעצייכנט אין די שטערן. דאָס וואָס עס איז באַשערט צו טרעפן, דאָס געשעט. איז וואָס איז פאַראַן וואָס מורא צו האָבן? איר האָט געלייענט די דערציילונג?

שמעון האָט געענטפערט מיט אַ טאָן פון ביטול:

— געלייענט. ס'איז אַ נאַרישע דערציילונג. מיר ייִדן האַלטן נישט פון די אַבערגלויבנס און נאַרישקייטן ווי אַסטראָלאָגיע, שטערן־זעעריי, אָדער באַקוקן די לעבער פון אַ געקוילעטן אָקס, אָדער וואַרפן פיילן אוןביינדלעך. שוין ירמיהו האָט געוואָרט צו ייִדן: „פון די דרכים פון די פעלקער זאָלט איר זיך נישט אָפּ־לערנען; און פאַר די צייכנס פון די הימלען זאָלט איר זיך נישט שרעקן, ווייל די פעלקער שרעקן זיך פאַר זיי". און די גמרא זאָגט שאַרף: אין מזל לישראל — ייִדן האַלטן נישט אַז זייער שיקזאַל ווענדט זיך נאָכן איינשטעל פון די שטערן.

ראָניע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— איר מיינט מיר צו זאָגן אַז די ביבל און דער תלמוד באַהאַנדלען אַזעל־כע „סעריאָזנע" זאַכן? טשיקאַווע — איך האָב געמיינט, אַז זיי זענען פול מיט לעגאַליסטישע נאַרישע אָנזאָגונגען און געבאָטן.

— ווו האָט איר עס געהערט?

— ווער ווייסט דאָס נישט?

שמעון האָט געענטפערט איראָניש:

— יאָ, אַלע ווייסן עס, אַחוץ די וואָס האָבן געלערנט און קענען תנ"ך און גמרא.

אין אַנדער עק צימער איז מען מושווה געוואָרן מיטן מקח. וועלוול האָט אַ זאָג געטאָן:

— איז אָפּגעמאַכט הונדערט מיט פינף און זעכציק רובל. פינף און זעכציק רובל איצט און הונדערט רובל ווען איר קריגט אַ בריוול פון ליווערפּול. די הונ־דערט רובל וועט איר איינלייגן ביי משה דעם שוחט. אייער שמעון פאָרט אָפּ מאָרגן מיטוואָך, מיטן פאַרטאָגיקן פאָיעזד. איך וועל באַזאָרגן דעם בילעט פאַרן צווייטן קלאַס. הייַנט נאָך צוועלף וועל איך קומען נעמען זיין באַגאַזש — נאָר איין קאַרזינקע, אָדער קעסטל. איך וועל קומען מיט ראָניען. זי ווייסט ווי אַזוי אָנצושרייבן דעם ריכטיקן אַדרעס. פאַרגעסט נישט, הייַנט ביינאַכט צוועלף אַזייגער. דער באַגאַזש גייט נישט אָפּ פון אונדזער סטאַנציע. אַ סגולה קעגן בייזע צינגער.

***

וועלוול און זיין טאָכטער זענען געקומען צו דער מינוט. אין דרויסן האָט

געוואָרט אַ פערד־און־וואָגן. וועלוול האָט אַ הייב געטאָן שמעונס קאַרזינקע און אַ זאָג געטאָן מיט רוגזה:

— וואָס ליגט דאָרט? שטיינער?

שמעון האָט געענטפערט:

— אַחוץ די גרעט און אַ גאַרניטור, האָב איך דאָרטן אַ פּאָר ספרים און ביכער.

— נאָר אַ פּאָר ספרים און ביכער? דהיינו?

— אַ גאַנג תנ"ך, דער תנא דבי אליהו, אַ גאַנג משניות, דער "מורה הלשון", אַ באַנד פּרוגס לידער אויף העברעיִש, מענדעלע מוכר ספרימס "די קליאַטשע". דאָס אַלץ.

— דאָס אַלץ, — האָט אים נאָכגעקרימט וועלוול. — נאָך גוט. וואָס איר האָט נישט אַריינגעלייגט אַהין קיין לעבעדיקע קליאַטשע. צו וואָס דאַרפט איר די שאַלאַמייזן? איר וועט די שמאַטעס אין אַמעריקע אַרויסוואַרפן. וואַרפט זיי אַרויס דאָ. איר וועט עס דאַרפן טאַסקען פון איבערן גרענעץ אויף דער פּלייצע ביז דער באַן, אין דייטשלאַנד. פון באַן אויף דער שיף, פון דער שיף אין ליווער־פּול אויף דער סטאַנציע, פון דער סטאַנציע אויף דער אַנדער שיף. אַלץ אויף דער פּלייצע. אַ בעלנות!

— ס'איז מיין פּלייצע, — האָט שמעון געענטפערט רוגזהדיק.

— איך נעם נישט, — האָט וועלוול געענטפערט מיט כעס. — איצט דאַרף איך עס טאַסקען און שלעפּן, און די באַן פּירט נישט אומזיסט.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ראָניע:

— אָ, פּאַפּעשי, לאָז אים צורו, ער נעמט דאָך מיט אַ תלמוד, און דו ביסט דאָך אויך אַ תלמודיסט.

וועלוול האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער טאָכטער:

— מיין געבילדעטע טאָכטער: קאַשע, באָרשטש, באַטשווינע, גריפּן און פּסחדיקער וויין — ער שלעפּט נישט קיין תלמוד — ער נעמט אַ משניות, אַ... און — — —

ראָניע האָט אַ הייב געטאָן די קאַרזינקע:

— עט, ס'איז גאַרנישט אַזוי שווער. די סחורה איז דאָך כשרע, אַלץ אויף לשון קודש. שפּאָר זיך נישט פּאַפּעשי! ווי אַז ער וואָלט געשלעפּט איינגעמאַכץ קיין אַמעריקע ווי אַנדערע אימיגראַנטן?

— ביסט אַזאַ פּגע רע אָט ווי ער, — האָט וועלוול געענטפערט אומגעדול־דיק. — פּאָר ביכלעך וועלן זיי אָוועקגעבן טאַטע־מאַמע. זאָל מיינס אַריבער.

**
*

די שטוב האָט זיך געלייגט שלאָפֿן שפּעט. שמעון איז באַלד איינגעשלאָפֿן און איז תיכּף אַריינגעפֿאַלן אין אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער גייט אין אַ סטעפּ. די ערד איז צוגעדעקט מיט הייסע שאַרפֿע שפּיציקע גראָזן און דיקע נידעריקע קוסטעס פֿול מיט בערעלעך. ער גייט אויף אַ שמאָלער, זאַמדיקער סטעזשקע, וואָס פֿון ביידע זייטן זענען טיפֿע קאָלעעס געמאַכט פֿון וועגענער רעדער. אינמיטן איז ווי אַ בייט פֿון האַרטן זאַמד. ס'איז נישט צו שווער צו גיין אויף דער זאַמדיקער בייט, אָבער ער איז איינגעהאַמעוועט פֿון ביידע זייטן — די קאָלעעס און לעבן זיי די הייסע שאַרפֿע שפּיציקע גראָזן און די קוסטעס פֿול מיט שטעכיקע בערעלעך. ער גייט, ער גייט אַלץ ווייטער אַוועק פֿון שטעטל, וואָס שטייט אין אַ טאָל הינטערן וואַלד. די סטעזשקע ווערט שמעלער און ציט זיך באַרג אַרויף. דאָס גיין ווערט שווערער. ער קלעטערט אַרויף־באַרג און אָט קומט ער אויפֿן שפּיץ באַרג און בלייבט שטיין אָפּצורוען זיך.

ער טוט זיך אַ קער און דערזעט פֿון דער ווייטנס דאָס שטעטל. פֿייערלעך אין די פֿענצטער, עס הערט זיך דאָס קרייען פֿון אַ האָן, אַ האַווקען פֿון אַ הונט און אַ הירזשען פֿון אַ פֿערד. מיטאַמאָל דערזעט ער, אַז דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער־וואַנט, אַ קיילעכדיקע וואַנט אַרום און אַרום. דער מויער האָט נאָר איין אַריינגאַנג דורך אַ שווערן טויער. דער טויער איז געמאַכט פֿון גראָבע דעמבענע ברעווענעס און איז פֿאַרריגלט מיט אַ דיקן ריגל. דאָס שטעטל איז פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט. קיינער קען נישט אַריין אַהין און קיינער קען נישט אַרויס — ניין. ער קוקט ווייטער און ער זעט פֿיר פֿענצטער אין מויער — די פֿענצטער פֿון דעם טאַטנס שטוב. דעם טאַטנס שטוב איז אַריינגעבויט אין מויער. ער שעפּטשעט שטיל צו זיך: „און די שטאָט איז פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן פֿאַר די בני ישראל, קיינער — נישט אַריין און קיינער — נישט אַרויס". אָט ווי די שטאָט יריחו. אָבער אין ספר יהושע זענען די בני ישראל געקומען איינגענעמען די שטאָט און ער האָט דאָס שטעטל פֿאַרלאָזן נישט צו אומקערן זיך.

ער גייט אַראָפּ פֿון שפּיץ באַרג, נידעריקער, נידעריקער, אָט קומט ער אָן אין אַ וויסטעניש. נישטאָ קיין באַקאַנטע גראָזן, קיין היימישער בוים, אַפֿילו קיין באַקאַנטער קוסט מיט בערעלעך. די ערד גופֿא איז עפּעס פֿרעמד — אַן אַנדער קאָליר פֿון דער היימישער ערד און די קייקעלעך זאַמד אַנדערש צונויפֿגעקלעפּט.

ער גייט און גייט. פֿון שטעטל איז שוין נישטאָ קיין זכר. ער איז פֿאַרשטעלט פֿון דעם באַרג. ס'איז נישט טאָג, נישט נאַכט און אַפֿילו נישט קיין בין־השמשות. אַ וועלט אָן אומבאַקאַנטע, פֿול מיט שאָטנס. עס זעען זיך סילועטן פֿון בנינים, אָבער אָן פֿענצטער און פֿייערלעך. אַ נאָגענדיקע בענקשאַפֿט באַפֿאַלט אים — ער וויל נאָך איין מאָל זען דאָס שטעטל, דעם הימל איבער די היימישע

הייזער, דעם וואַלד, דאָס זאַמד, דעם יויער אין די בלאָטעס אַרום דעם שטעטל. אָבער ער ווייסט, אַז ער קען זיך נישט אומקערן. ער מוז גיין ווייטער און געפֿינען ערגעץ וווּ מנוחה.

ער קוקט זיך אַרום — מאָדנע און מאָדנע. נישט נאָר איז אַלץ פֿרעמד אַרום אים, נאָר אַפֿילו די קליידער אויף אים זענען משונהדיק. ווו איז ער? ער מוז קומען נעענטער צו דער שאָטנדיקער שטאָט. אָבער ס'איז נישט אַזוי גרינג צוצוקומען אַהין — גראָבנס שטראָמענדיקע וואַסערן, טיפֿע גריבער און אָט ווערט אַ טיפֿע בלאָטע. ער קריכט אַריבער די בלאָטע — קופּעס שטיינער. ער פֿאַרטשעפּעט זיך אָן אַ שטיין און טוט אַ פֿאַל. ער כאַפּט זיך אויף.

ער האָט געמיינט, אַז ער איז געשלאָפֿן מי יודע לאַנג. די לבנה שיינט אַריין אין צימער. ער טוט אַ קוק אויפֿן זייגער — עס זענען פֿאַרביי נישט מער ווי צען מינוט. פֿון די אַנדערע צימערן הערט זיך אַ שעפּטשען — טאַטע־מאַמע זענען נאָך נישט איינגעשלאָפֿן און ער איז שוין אויסגעשלאָפֿן און דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק, שטאַרק, פֿון נאָגעניש. עס באַפֿאַלט אים אַ טיפֿער טרויער — ס'איז די לעצטע נאַכט, וואָס ער שלאָפֿט אין דער היים. מאָרגן אין דער צייט וועט אים טראָגן די באַן און ער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל מער נישט זען די ווענט פֿון דעם צימער; ער וועט קיינמאָל מער נישט זיצן אויף די טרעפּ פֿון דעם לאַנגן קאָרידאָר פֿון שטוב און מער נישט אָנקוקן דעם גאָרטן אַרום שטוב. ער וועט מער קיינמאָל נישט זען אַרום זיך קיין היימישע פּנימער און דער מאַמעס פּנים וועט פֿאַר אים ווערן ווילד און פֿרעמד.

מיטאַמאָל דערפֿילט ער אַ שרעק — ער דערפֿילט די גרויסע איינשטעלערישקייט פֿון זיין אַנטלויפֿן פֿון פּריזיוו. ערשט איצט באַנעמט ער די ריזיקע פֿון גנבענען די גרענעץ. אפֿשר, אפֿשר גאָר חרטה האָבן?

ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און רעדט צו זיך שטיל אין דער פֿינצטער:

— ס'איז דאָך פֿאַרפֿאַלן. דער חלום איז געווען גערעכט. דאָס שטעטל איז פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט פֿאַר אים. ער מוז ריזיקירן, ער מוז איינשטעלן.

ער טוט אַ זיפֿץ. עס איז אים געבליבן ווייניקער ווי אַ מעת־לעת דאָ צו זיין מיט די אייגענע. ער וועט נישט פֿאַרטאַכלעווען די צייט. ער וועט אויספּלאַנעווען דעם טאָג: ער וועט גיין זיך זעגענען מיט די חברים. ער וועט מיט זיי נעמען אַ לאַנגן שפּאַציר און זיך גוט דורכריידן, זאָל בלייבן ביי אים דער טעם פֿון יוגנט־חברשאַפֿט. דערנאָך וועט ער אַריינגיין צו ר' מענדעלען, זיין ערשטן גמרא־מלמד, וואָס האָט אויף אים אַזוי משפּיע געווען. ער וועט אויך אַריינגיין צו ביינושמאַטלעס און זעגענען זיך מיט אים. ער וועט צוגיין אויפֿן בית־עולם צו ר' געצלס פֿרישן קבר. מיטיק וועט ער עסן ביי צפּורהן אין שטוב. זי מעג וויסן אַז ער פֿאָרט אַפּ.

אָבער אויף מאָרגן איז ער אין ערגעץ נישט געגאַנגען. אין דרויסן האָט גע־גאָסן אַ קאַלטער האַרבסטיקער רעגן און אים איז באַפאַלן אַן אומרויִקייט, אַ צע־רודערטקייט און עפּעס אַ מאָדנע אומקלאָרע אומבאַשטימטע זאָרג. ווי אַלעמאָל ווען ער האָט געהאַט עגמת־נפש און איז געוואָרן אומרויִק, איז אים באַפאַלן אַ שלאָף. די שטוב האָט שוין געוווּסט פון זיין משוגעת און האָט אים געלאָזן צורו. ער איז אָפּגעשלאָפן, אין די קליידער, אַ גאַנצן טאָג. ער איז אַפילו נישט אויפגע־שטאַנען עסן.

פאַרנאַכט איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אַרומגעראַזירט, זיך איינגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן. ער האָט זיך געזעצט עסן און געגעסן מיט אַפּעטיט. ער האָט זיך געפילט מונטער און זאָרגלאָז און גערעדט מיט די שטוביקע וועגן קליינִי־קייטן און נישט דערמאָנט זיין אָפּפאָרן.

ס'איז שוין נאָך מעריב. די קינדער האָט די מאַמע געלייגט פרי שלאָפן און עס זענען געבליבן וואַך אין שטוב נאָר טאַטע־מאַמע און די עלטערע שוועסטער גיטע מיט איר מאַן. ווען ס'איז געקומען די צייט פון זעצן זיך אויפן וואָגן, האָט דער טאַטע זיך צעוויינט. די מאַמע איז געבליבן אַ רויִקע. ווען שמעון האָט גע־האַלטן דאָס האַנט־רענצל, גרייט צו צעקושן זיך, האָט די מאַמע ווי זיך עפּעס דערמאָנט.

— הערסט, שמעון, איך וויל פון דיר אַ טובה.

— דהיינו? — האָט שמעון געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— איך האָב פאַר דיר געקויפט אַ נייעם טלית־קטן, אַ וואָלענעם. נאַ, גיי אַריין אין קאַמער און טו אויס דיין ציצענעם טלית־קטן און טו אָן דעם וואָ־לענעם. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אים טראָגן ביז איבער דער גרענעץ. נאָך דער גרענעץ מעגסטו צוריק אָנטאָן דעם ציצענעם טלית־קטן. אין רענצל האָב איך דיר אַריינגעלייגט אַ נייע פאָר תפילין אין אַ נייעם סאַמעטענעם תפילין־זעקל, שיין אויסגעניייט, און אַ ניי סידורל.

שמעון האָט שטום צוגענומען ביי דער מאַמען דעם נייעם טלית־קטן און איז אַריין אין קאַמער. אין שאַפע איז געהאַנגען זיין אַלטער טלית־קטן, וואָס ער האָט שוין אים חדשים לאַנג נישט געטראָגן און די מאַמע האָט עס געוווּסט. שמעון האָט שנעל אָנגעטאָן דעם וואָלענעם טלית־קטן, אָנגעטאָן די בלוזע אי־בער אים, פאַרשפּילעט די טוזשורקע, אָנגעטאָן דעם פּאַלטאָ און איז אַרויס צו די שטוביקע און זיך צעקושט מיט אַלעמען. ער האָט צום לעצט אַרומגענומען די מאַמע און זי געקושט לאַנג און געזאָגט:

— איך זאָג דיר צו, מאַמע, אַז איך וועל טראָגן דיין טלית־קטן ביז איבער דער גרענעץ. אָבער קלוג ביסטו, אַ סך קליגער פאַר מיר. הלוואי שיקט מיר צו גאָט אַ מיידל געראָטן אין דיר.

— ביסט אַ חונף, שמעון. אָבער ווער האָט פיינט זיסע געבעקס? פאַר געזונטערהייט.

דער בעל־עגלה האָט אָנגעקלאַפּט מיטן בייטש־שטעקל אין שויב פון פענצטער. דער טאַטע האָט זיך ווידער צעווײנט. גיטע האָט געווישט די אויגן מיטן פאַרטעך. דער שוואָגער שמואל־חיים האָט הויך געריינִיקט די נאָז. די מאַמע איז געשטאַנען מיט טרוקענע אויגן, די הענט צונויפגעלייגט אויפן האַרצן און נאָכגעקוקט ווי שמעון פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

***

אַ חודש שפּעטער איז שמעון אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ס'איז געווען אַ ליכטיקער, לינדער טאָג אין נאָוועמבער, איינער פון די איינגעגעבנסטע און שענסטע טעג פון דעם וווּנדערבאַרן „אינדיאַנער זומער".

(סוף פון צווייטן טייל פון דער טרילאָגיע)

ניסן תשט"ז — אלול תשי"ח.

דערשינענע ביכער פון שלמה סימאָן

אין פאַרלאַג „מתנות" (ניו־יאָרק)

1) שמערל נאַר — — — — — — — 1931 (דריי אויפלאַגעס)
2) דאָס קלוגע שניידערל — — — 1933 (צוויי אויפלאַגעס)
3־4) קינדער־יאָרן פון ייִדישע שרייבער
בוך איינס — — — — — 1936
בוך צוויי — — — — — — 1945 (צוויי אויפלאַגעס)
5) ראָבערטס ווענטורעס — — — — 1938
6) חומש פאַר קינדער — — — — 1940
7) די העלדן פון כעלם — — — — 1942
8) אין די טעג פון די נביאים — — 1947
9) יהושע און שופטים — — — — 1952

אין פאַרלאַג „ייִדישע עטישע געזעלשאַפט" (ניו־יאָרק)

10) ייִדן צווישן פעלקער — — — — 1949

אין פאַרלאַג „אונדזער בוך" (בועגאָס איירעס)

11) מדינת־ישראל און ארץ־ישראל — 1950

אין פאַרלאַג „ייִדבוך" (בועגאָס איירעס)

12) אַמאָליקע ייִדן — — — — — — 1952
13) תוך־ייִדישקייט — — — — — — 1954
14) וואָרצלען — — — — — — — — 1956 (באַקומען די מרדכי סטאָלער פּרעמיע)
15) צווייגן — — — — — — — — 1960

אין פאַרלאַג „קיום" (בועגאָס איירעס)

16) אין די טעג פון די ערשטע נביאים 1959 (באַקומען די קעסל־פּרעמיע)

אין פאַרלאַג פון „אַלטער ראָזענטאַל־פאָנד" (בועגאָס איירעס)

17) חכמים, עקשנים און נאַראָנים — 1959

איבערגעזעצט אין ענגליש

18) **The Wandering Beggar,** Behrman Book House — 1942 (פיר אויפלאַגעס)
19) **The Thise Men of Helm,** Behrman Book House — 1945 (פינף אויפלאַגעס)
20) **My Jewish Roots,** Jewish Publication Society — 1956

אין פאַרלאַג „יידבוך״ זענען ביז איצט דערשינען

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאָן — אַמעריקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאָן — תוך יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
(פרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)
10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
(פרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליא (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)
17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאָן — וואַרצלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)
20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פרעמיע)

22) **משה אייזענבוד** — געלעבט הינטער קראַטן **(אויספאַרקויפט)**
23) **פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — יידישער אומקום אין פראַנקרייך
24) **דוד איגנאַטאָוו** — „אָפּגעריסענע בלעטער״
25) **חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער)** — **פּאַמפּאַדור**
26) **נח גאָלדבערג** —אויף צעוואָרפענע וועגן
27) **י. ה. פישמאַן** — פריער און שפּעטער
28) **ל. לאַסאַווין** — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון
29) **משה דלוזשנאָווסקי** — ווי אַ בוים אין פעלד **(ראָמאַן)**
30) ב. שעפּנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון
32) **אברהם זאַק** — אויף שליאַכן פון הפקר **ו־טער טייל**
33) **אברהם זאַק** — אויף שליאַכן פון הפקר **וו־טער טייל**
(פרעמירט דורך דעם לואיס לאַמעד־פאָנד)
34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן
35) **וויליאַם נאַטאַנסאָן** — קולטור קוואַלן
36) ב. ריווקין — יידישע דיכטער אין אַמעריקע
37) **יצחק פּערלאָוו** — פּלאָראַ אינגבער
38־39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל — (2 בענד)
40) שלמה סיימאָן — צווייגן

אין גיכן דערשיינט:

מרדכי וו. בערנשטיין — און דאָס איז געווען אַשכנז . . .

SOLOMON SIMON

BRANCHES

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1960

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
SOLOMON SIMON (New York)

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

Este libro se terminó de imprimir en el mes de abril de 1960, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires.

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

República Argentina

SOLOMON SIMON

RAMAS

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1960